STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00391

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible
by Joanne Prives
in honor of her children,
Jeffrey & Judith, David & Marcia, and Jonathan & Ratih

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלבי̈כער

3

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1938

Copyright by
"SAMLBICHER"
New York, 1938

490

אסטאָריאַ פּרעס, ניו יאָרק

Printed in the U. S. A.

יעקב גלאַנץ

אהרן צייטלין

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

א. וואָגלער

ש. מיללער

ש. איזבאַן

יעקב גלאַנץ

קריסטאָוואַל קאָלאָן

(פּאָעמע אין דריי טיילן)

...כי כה אמר יהוה בורא השמים
הוא האלהים יוצר הארץ ועשה הוא
כוננה לא תהו בראה לשבת יצרה...
(ישעיה, מ״ה, י״ח).



די דריי קאַראַבעלן (שיפן) פון קריסטאָוואַל קאָלאָן (לויט אַן אַלטער גראַווירור) — „סאַנטאַ מאַריאַ״, „לאַ פּינטאַ״ און „לאַ ניניאַ״.

יעקב גלאַנץ

אַנמערקונגען צו דער פּאָעמע

קריסטאָוואַל קאָלאָן: — דער שפּאַנישער נאָמען פון כריסטאָפאָר קאָלומבוס. אין דער פּאָעמע ווערט קאָלומבוסעס נאָמען באַצייכנט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן: „קאָלאָמבאָ" זיין גענועזישער נאָמען, „קריסטאָבאַל" — לויט זיין ערשטן נאָמען און אַנדערע.

אַלאָנסאָ: — דער ערשטער נאָמען פון איינעם פון די דריי ברידער פּינ־זאָן, וואָס האָבן קאָלומבוסן באַגלייט אויף זיין רייזע. די ברידער: וויסענטעיאַניעס, מאַרטין, און אַלאָנסאָ פּינזאָן. דער לעצטער איז גע־ווען דער פּילאָט (קאַפּיטאַן) פון דער שיף „לאַ פּינטאַ" — די זעלבע שיף וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרלוירן. קאָלומבוס האָט גערעכנט, אַז אַלאָנסאָ פּינזאָן האָט אים פאַרלאָזן צו געפינען נייע אינדזלען.

סנהור: — יידישער געלערנטער פון פּאָרטוגאַל — קאָלומבוסעס אַ פריינט ביי וועמען ער האָט געלערנט געאָגראַפיע.

אַבראַהאַם זאַקוטאָ: — באַרימטער שפּאַניש־יידישער אַסטראָנאָם פון פופצנטן יאָרהונדערט. געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט קאָלומ־בוסן. קאָלומבוס האָט זיך באַנוצט מיט זיינע אַסטראָנאָמישע טאַוולען בעת זיין עקספּעדיציע. איייניקע היסטאָריקער רופן אים אויך „זאַקיט".

איסאַק אַבאַרבאַנעל: — באַרימטער יידישער געלערנטער און בעל־יועץ פון שפּאַניש־קעניגלעכן הויף, אין צייט פון קאָלומבוסעס צוגרייטונגען צו דער רייזע. אַבאַרבאַנעל האָט זער אַ סך מיטגעהאָלפן קאָלומבוסן מיט ראַט און טאַט. ער האָט באַווירקט „איזאַבעל לאַ קאַטאָליקאַ", אַז זי זאָל זיך בכלל פאַראינטערעסירן מיט קאָלומבוסעס פּלאַן.

דע־טאָררעס: — אַ מאַראַן. קאָלומבוסעס איבערזעצער אויף זיין שיף. זיין פולער נאָמען איז לואיס דע טאָררעס. אין דער פּאָעמע ווערט ער באַצייכנט פאַרשידן: „טאָררעס", „לואיס דע־טאָררעס" און „דע־טאָררעס".

ראָדריגאָ דע טריאַנאַ: — אַ מאַטראָס, אַ מאַראַן, דער וואָס האָט צום ערשטן דערזען לאַנד. ער ווערט אויך דערמאָנט אין דער ערשטער עקספּעדיציע אויפן אינדזל צוזאַמען מיט טאָררעסן.

קאָנקיסטאַדאָרן: — פאַרכאַפּער, אַבצווינגער, דאָס זעלבע — „קאָנקיסטאַ" פאַרכאַפּונג.

אַלמיראַנטאַ: — די שיף פון דעם שעף פון אַן עקספּעדיציע. זי טראָגט

דעם נאָמען פון דעם אַלמיראַנט. אין דער פאָעמע ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען די שיף „סאַנטאַ מאַריאַ״ — קאָלומבוסעס קאַראַבעל.

וויכיאַ: — היטער. דער וועכטער וואָס שטייט אויף דער נאָז פון שיף און קוקט אויס.

עקיפּאַזש: — דאָס וואָס מע רופט אין שפּאַניש: „עקיפּאַכע״, די מאַנשאַפט און דאָס גאַנצענע קלאַפּער־געצייג.

סיפּאַנגאַ: — דער לעגענדאַרישער אינדזל וואָס ווערט באַשריבן ביי מאַרק פּאָלאָ. קאָלומבוס איז עס געפאָרן זוכן דאָס דאָזיקע אינדזל, וואָס איז געווען דער רייכסטער און שענסטער אויף דער וועלט און איז פול געווען מיט אַלערליי קרייטעכצער, גאָלד און זילבער. דאָס אינדזל האָט געזאָלט ליגן אין קליין־אַזיע לעבן אינדיע, וואו עס האָט געקיניגט דער אַלמעכטיקער קעניג: טשינגעס כאַן.

כאַן: — טשינגעס כאַן. דער פּריער דערמאָנטער קעניג פון סיפּאַנגאַ. צו אים האָט עס געפירט קאָלומבוס אַ „לאַטייניש בריוול״ — אַ גרוס פון פערנאַנד און איזאַבעל.

סיבאַהאַ: — דער נאָמען פון דעם אינדזל קובאַ, ווי עס האָבן גערופן די אינדיאַנער. קאָלומבוס איז דעמאָלט געווען זיכער לויטן ענליכן קלאַנג, אַז דאָס איז סיפּאַנגאַ.

קינסאַי: — די הויפּטשטאָט פון דעם אינדזל סיפּאַנגאַ, לויט מאַרק פּאָלאָ. און אַזוי האָט זיך אויכעט איינגעבילדעט קאָלומבוס. מען רופט עס אויך „קיסאַי״. —

טאָסקאַנעלי: — באַרימטער פלאָרענטינער געאָגראַף און אַסטראָנאָם. קאָלומבוס האָט ביי אים געלערנט און האָט זיך „באַנוצט״ מיט זיינע געאָגראַפישע טעות׳ן און מאַפּעס. געלעבט אין 15 יאָרהונדערט.

קובאַקאַנאַן: — אַ לעגענדאַרישער טייך, וועגן וועלכן די אינדיאַנער פון סיבאַהאַ האָבן קאָלומבוסן דערציילט.

אַלהאַמבראַ: — באַרימטער פּאַלאַץ אין גראַנאַדאַ פון די צייטן פון די מורן. היינט צעשטערט פון די רעבעלן.

גוהאַנאַני: — דאָס ערשטע אינדזל וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט. היינט הייסט דאָס אינדזל „וואַטלינג״, וועגן דעם נאָמען זענען דאָ אַ סך חקירות, אַז עס זאָל שטאַמען פון העברעאישן „הן היא״ און אַנדערע פּלופּולים. איך נוץ אויס געוויסע השערות וועגן דעם נאָמען אין

טאָרדעסעס פּותר חלום זיין קאָלומבוסן, לויטן ענלעכן קלאַנג צו „כנען״.

הייליקע אָפּיסיאָ: — איבערזעצונג פון דעם שפּאַנישן וואָרט „סאַנטאָ אָפּיסיאָ״ — הייליקע דינסט, וואָס דאָס מיינט די אינקוויזיציע.

באָהיאָ: — אַריינגאַנג אין האַפן, בוכטע. אויך דער נאָמען פון אַן אינדזל, וועדליק די אינדיאַנער האָבן געדופן.

באַבעקע: — אַזוי האָבן די אינדיאַנער פון גוהאַנאַני גערופן דאָס אינדזל „סאַנטאַ דאָמינגאָ״, אָדער „האַאיטי״, וואו קאָלומבוס האָט איבערגעלאָזט די ערשטע שפּאַנישע קאָלאָניסטן. לעבן רעס־אַ אינדזל איז צעבראָכן געוואָרן קאָלומבוסעס שיף, אַרויף אויף זאַמד.

כּואַן דע לאַ קאָסאַ: — ערשטער געאָגראַף פון נייעם קאָנטינענט. איז מיטגעפאָרן מיט קאָלומבוסן און פאַרצייכנט די מאַפּע פון מאַרשרוט.

ווירי: — וויצקעניג. דער טיטל פון אַלע שפּעטערדיקע שפּאַנישע קרוין־באַפולמעכטיקטע אין ניי־שפּאַניע, אויך דער שפּעטערדיקער טיטל פון קאָלומבוסן.

לאַ פּינטאַ: — איינע פון די דריי קאַראַבעלן, די שיף פון אַלאָנסאָ פּינזאָן. די איבעריקע צוויי האָבן געהייסן: „לאַ ניניאַ״ און „סאַנטאַ מאַריאַ״ — די „אַלמיראַנטאָ״, וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן ביים אינדזל „נאַווידאַד״.

פּאַלאָס דע מאָגער: — אין דער פּאָעמע ווערט דערמאָנט אי „פּאַלאָס״ אי „פּאַלאָס דע מאָגער״. — דער שפּאַנישער האַפן, פונוואַנען די קאָלומבוס עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרן פרייטיק, דעם 3טן אויגוסט, 1492. פון פּאַלאָס דע מאָגער האָבן געשטאַמט די באַרימטע נאַוועגאַנטן, די פּינזאָן־משפּחה.

נאַווידאַד: —דער יום־טוב פון קריסטוסעס געבורט. אַזוי האָט קאָלומבוס אַ נאָמען געגעבן דעם אינדזל וואו עס זענען פאַרבליבן די ערשטע 36 שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן.

מאָנאַך אַבעלאַרדאָ: — פראַנצויזישער טעאָלאָג, מאָנאַך און פילאָזאָף. געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט. באַרימט צוליב זיין טראַגישער ליבע מיט דער נאָנע עלואיזע. אין דעם מאָנאַסטיר „לאַ ראַבידאַ״ וואו קאָ־לומבוס איז געווען אַ שטיק צייט, האָט מען וועגן דעם פּאָרל אַ סך גערעדט און קאָמענטירט.

נאָנע עלואיזע: — פראַנצויזישע מאָנאַשקע פון 12טן יאָרהונדערט.

קאַנאָעס: — קליינע שיפלעך, אויסגעדאָלבעטע פוןביימער־שטאַמען.

קריסטאָוואַל קאָלאָן

ערשטע טייל

ש. ניגערן.

1

...שווימט אַ שיף אויף וואַסערן,
שווימט צו ווייטע ברעגן. —
שיף וויל ים דורכמעסערן
און ווינט צערייסט די זעגלען.

ס'איז דאָ אַ לאַנד פון זילבער,
גאָלד און בערג בריליאַנטן. —
שניידט די שיף זיך ווילדער
צום לאַנד צום אומבאַקאַנטן.

וואַרפט די שיף און בויגט זיך,
שווימט אַ שיף באַנאַכטיק. —
ווילד איז שטורעם, גרויזאַם,
און מענטש איז גרויזאַם, מאַכטיק.

מענטש זוכט וועלטן נייע,
די אַלטע וועלט פאַרניכטעט. — —
ערגעץ ברענט אַ פייער
און באַלויכט געשיכטע.

2

ס'איז פערצן צוויי און ניינציק.
מענטש איז בלינד און גייציק. —
ווער ס'איז נישט אונטערטעניק,
דעם גלח און דעם קעניג —
דער האָט ווידערשפעניקט. — —

ברענט אַ פייער אין מאַדריד,
אינמיטן שטאָט. —
קאַראַהאָד. —

גערייען. —
עס ברענען אויטאָדעפייען
אין מאַדריד.
מע פירט אַ ייד
צום שייטערהויפן. — —
מענטשן לויפן, לויפן,
שטראָמען.

גייט אַ שיף
און שניידט די טיף
פון תהום׳ען.
ציט צו לאַנד,
צו נאָמענלאָזע ברעגן.
און דער ווינט,
ווי מיט זעגן
זעגט די מאַסטן,
רייסט די זעגלען,
וואַרפט מיט רוגזה
שיף
און וואַרפט.

און לבנה׳ס הערנער־שאַרף
שניידט דעם ים׳ען־אויבערפלעך.

3

אַ פיראַט אין רויטער הוט —
די זון.
אַ טאָג קומט אָן
אין בלוט.
שטייט קאָלאָן
ביים שיפן־ראַנד. —
ניטאָ קיין לאַנד,
ניטאָ קיין לאַנד. — — —

צוויי לבנה׳ס זיך געביטן,
טויזנט מײַלן דורכגעשניטן,
מער ווי זעכציק וואַסער־נעכט, —
ניטאָ קיין ערד,
ניטאָ קיין ערד.
און זײַן גוף — אַ מאָנומענט —
קאָפּ אויף הענט —
קוקט אין וואַסער־טראַנספּאַרענט. -

לויטער־קלאָר איז ים׳ען־גרונט.
קוקט קאָלאָן מיט אויגן מאַט. —
בונט. —
פּאַרראַט. —
און די זון ווי אַ פּיראַט
קריכט אַלץ העכער צום זעניט, —
גליט.

בלויער האָריזאָנט.
קיינער גלויבט מער ניט
אַז ערד איז נאָנט. —
שטילקייט רוט — אַ בלויע שאָף.
קילקייט וויגט צום שלאָף,
וויגט איין. —
וואַסערבלוי און זונענשײַן.
קאָלאָן שלאָפט איין. — —

4

ים צעקרויזט אין בלויע רינגען.
נאַכט קומט אָן אויף זילבער־שיפן.
שלאָפט קאָלאָן.
לבנה פינקלט.
ווי פון דימענטן געשליפן —
שווימט אַ שיף און מאַנשאַפט דרימלט.
נאַכט און שטילקייט. ים און הימל.

אין קאַלאַן אויף מאַמעס הענט —
חלום'ט נייעם קאָנטינענט. — —
אַהינטער ים'ען, אָקעאַנען
איז אַ נייע וועלט פֿאַראַנען. —
זון איז דאָרט — דאָס ברויט טאָגטעגלעך.
דאָרטן וועלן שיפֿן זעגלען. —
שיפֿן דריי פֿון גאָט געשיקטע
שיפֿן זיך אין נאַכט פֿאַרוויגטע.
נאַכט און ים און ווינטן קלאָגן —
און ס'שאַריעט שוין אויף טאָגן.
זון אין רויטן — ים־דעק פֿאַרבט. —
מאָרגנשטערן בלייכט — און שטאַרבט.
און די זעגלען אויף די מאַסטן
ווי צעבלוטיקט־רויטע פֿאָנען. — —
אַנטוישטע מענטשן מאָנען, —
שווער צו טראָגן שווערע לאַסטן:

„ — האָסט געזאָגט אונדז דריי מעת־לעת,
טאָ באַוויז דעם גרויסן נס!..”

און קאַלאַן נישט מער ווי מענטש,
בויגט דעם קאָפּ אויף שיף־פּאַרענטש.
בויגט דעם קאָפּ און בלייבט פֿאַרשטיינט,
בויגט דעם קאָפּ און וויינט. — —

5

קאָפּ פֿון זון אויף מאַסטן ברענט.
קאַלאַמבאָ האָט זיין קאָפּ געלענט
צו דער וואַסער־טיף
אַראָפּ. —
שווימט די שיף
און ס'שווימט זיין קאָפּ.
געדאַנקען שווימען מיט: —
ערגעץ בליט,

קריסטאָוואַל קאָלאָן

גייט אויף אין זונענגלי — אַ לאַנד.
און ער — קאָלאָן — איז מיד און קראַנק.
נאָר אייביק ווי דער ים איז מענטשלעכער געדאַנק.
און אפשר איז פון טרערן פול דער ים,
און אפשר זענען טרערן — סם
פאַר ווייטן נעבלדיקן ציל? — —
און אפשר דער וואָס וויל
דערקלעטערן צום גליקלעכסטן פאַרלאַנג,
און דער וואָס בליקט אין פּנים פון דער זון,
אָט־דער מוז ווערן בלינד? — —
און אָט איז ער — אַ קינד: —
ער קלעטערט אויף אַ באַרג,
דראַפּעט זיך און פאַלט אין טאָל. — —
אַמאָל איז דאָס געווען, אַמאָל, —
אַ קינד געווען אין וויג. — —
און איצטער — קלעטערט ער צום זיג.
דער זיג איז ווייט,
ווי ווייט עס איז די וויג.

און ער אַצינד איז מיד.
זינגט דער ים אַ ליד, —
דאָס ליד פון אייביקייט:
פון אַלט און נייער צייט. — —
און צום ברעג איז ווייט!
און ווינטן זענען עסנדיק און שאַרף,
און זעגלען רייסן זיך — און שפּילן ווי אַ האַרף.
און אוי, ווי עלנט איז אַ מענטשלעך האַרץ!
דעם שטאַרקסטן בוים
דער שטורעם שפּאַלט.
און ווי אַ בלום וואָס וועלקט,
פאַלט
אַ ריז אין שלאַכט.
ווידער טאָג און ווידער נאַכט,
און ס'האָט קיין טויב אַ גרוס געבראַכט

פון ערד און בוים,
פון וואַלד און פעלד. —

און רוים, און רוים,
און טרוים
ווערט קיינמאָל וואָר. — —
נאָר אייביק איז דער צער
וואָס פרעסט דעם חכם ווי דעם נאַר,
און אייביק, ווי דער ים, איז מענטשלעכער פאַרלאַנג.

6

...ווי מיט שאַרפן ים־געטראַנק
מיט אומרו אָנגעטרונקען,
איז קאַלאַן, דעם קאָפּ געזונקען,
שטום געשטאַנען אויפן ראַנד. — —

(און ביי ראַנדן רוט אַ לאַנד...)

איין זייט הימל שוואַרצער ווערט,
ווי מיט שטיקער פלאַכטעס ערד
וואַלט דעם הימל ווער פאַרדעקן. — —
און צעצוימטע ווייסע פערד
גאַלאָפּירן נאָנט, שוין נאָנט,
ביי דעם שוואַרצן האָריזאָנט...
און פון אַלע עקן
הימל און פון ימ׳ען־אויבערפלעך
קומט אַ קאַלטע שטורעם־נאַכט. — — —
שטורעם קומט און הוראַגאַן. — —

ד ע ־ ט אָ ר ע ם :

„ — מאַטסע, ברודער,
האַר קאַלאַן, —
נאַכט און שטורעם קומען אָן.
נאָר אונדזער שיף האָט צוריק קיין וועג נישט!
אָט אַזוי וועט ווינט אונדז יאָגן,

קריסטאָוואַל קאָלאָן

דורך שוואַרצע נעכט און אָנהייב טאָגן.
אַ בליק אין עבר דו דערוועג נישט
אָנצעווענדן!
ס׳וועט שיף אין ווינט
זיך טרייבן ווייטער
איבער כוואַליעס־אינדן,
דורכן ווילדן ים־שגעון.
און אויב נאָר ביישטיין דעם נסיון —
וועט שיף צו ברעגן ברענגען.

„דאָרטן וועלן מיר אויפהענגען
אויף די פּאַלמעס אונדזער טרויער
פונעם גלות־וועג דעם לאַנגן, —
ווי ס׳האָבן מיינע ברידער אויפגעהאַנגען
די פידלען זייערע אויף די ווערבעס
ביי די אַלטע טייכן בבל׳ס, —
מיינע ברידער — אַלטע וואָגלער
אויף די וועגן פון דער וועלט. — —״

קאָלאָן:

„...ווי אַ שטראַל דורך הויט פון נעבל,
האָט דיין טרייסט־וואָרט אויפגעהעלט, —
וואָגל־ברודער טאָררעס, —
אין מיין שווערמוט
וואָרט דיינס —
ווי באַלזאַמען אויף די וואונדן,
וואָרט פון חבר אין אַן עלנט. — —
כ׳בין געגעזן פון מיין יאוש,
כ׳האָב געלעזן אין די אויגן דיינע,
ווי אין ספרים
גרויסן סוד פון לעבנס־חכמה — דויער.
וואָרט דיינס, טאָררעס,
לעשט אין מיר דעם טרויער;

יעקב גלאַנץ

כ׳האָב געדרימלט: גרויער הימל,
בית־הקברות,
בערגלעך קברים.
און איך נאָר איינער
צווישן שטיינער קאַלטע
גיי אַרומעט. — —
ס׳האָט דער אומעט
פון מעת־לעת׳ן
אויפגעפרעסן
און צעבראָכן
לעצטן גלויבן און בטחון..
ס׳האָט געזאָגט סנהור און זאַקוטאַ,
אַז געקאָנט האָט רבי משה
שפּאַלטן ימ׳ען
און זיין פאָלק דורך פינצטערע מאַרשרוטן
פירן און באַפרייען,
ווייל זיין איינציקער כּלי־זין
געווען איז גלויבן
אינעם בורא.
ווי מיט פייער אין דער מדבר
איז זיין וועג געווען באַלויכטן
מיט דער תורה. — —
ווי רבינו משה׳ס טאָוולען, —
אָט דעם פאָטער פון ישראל, —
ווי די לוחות פון באַרג סני,
האַלט איך הייליק מיינע לוחות
פון מיין רבי פון ליסבאָאַ.
אַבראַם זאַקוטאַ
האָט אָנפאַרטרויט מיר זיינע טאָוולען,
וואו געצייכנט זענען וועגן,
ווייטע ימ׳ען,
אָקעאַנען,
און אויף זיי איז אויך פאַרצייכנט
אָט־דאָס לאַנד דאָס אויסגעטרוימטע.

רוף אַלאַנסאָן, זאָל ער הערן,
איך וויל שווערן
ביי דעם חלום פון מיין יוגנט,
אַז די וואָלפיש
מיינע ביינער זאָלן פרעסן
אויב איך וועל פאַרגעסן
ווען מיין רבין פאָרטוגאַלער,
און דאָן איסאַק אַבאַרבאַנעל.
דער וואָס האָט פון קעניגס אוצרות
פאַר מיר שיפן אָנגעברייט,
און ווער מיט אוצר
פון זיין מח
האָט מיין וועג מיר אָנגעצייכנט,
דורך ווינט
און שטורעם־ווינט
אויף ימ׳ען,
דורך ווירבל פון געפאַרן
און דורך נעבל ווי אין מדבר
אָנגעצונדן מיר דעם פייער
פון מיין גלויבן
אינעם מאָרגן. — —״

7

הימל לויטערט. האַלבע נאַכט.
און דורך כמאַרעס, ווי אַ שיפל
שווימט לבנה. —
און איר פנים פון אַ נאָנע
איז מיט שלייערן פאַרוויקלט:
אויגן בלויע בליקן
אינעם דורכזיכט פונעם וואַסער,
און עס בלישטשען זילבער־פאַסן, —
ווייסע שטראַלן.
ס׳איז אַ בלייכער שטראַל געפאַלן

יעקב גלאַנץ

אויף קאָלומבוסעס געזיכט,
ווי ס׳וואָלט אַ ליכט
זיך אָנגעצונדן
אין די אויגן האַלב־פאַרמאַכטע,
און ער זעט אין בלאָען שפּיגל,
ווי עס קוקן
ווייט פאַרטראַכטע
דורך דער טיפעניש פון ים׳ען,
זיינע אָבות, — אַלפּינער אַלטע שטאַמען;
זקנים — פישער
ביי די מיטלענדישע האַפנס.
און ער זעט די גענואינער
ווי זיי ראַנגלען זיך מיט ווינטן
אויף די לעכערדיקע שיפלעך,
און זיי שווימען קעגן שטראָמען, —
זיינע אָבות — די אַלפּינער
אויף שטח אָפענעם פון ים׳ען.
וואו נעמט מען זייער ווילן,
גרויסן כח פון דערפאַרונג
ווילדן ים אַריבערשווימען,
צו דערגרייכן די יבשות
פון די אויסגעביינקטע לענדער? — —

„— קאַמעראַדן פון מיין וואַנדער! —
פינזאָן אַלאָנסאָ,
און דו פאַרפאָלגטער ברודער,
טאָררעס —
איר,
וואָס ציילט אפשר די רגע׳ס
פון דעם פירער אָן אַ קאָמפּאַס
אויף גרויסע וואַסערן צערוישטע!
כוואַליעט ים און יאָגט די וועלן,
שלאָגט ביי ברעגן־וואו די פעלדזן, —
אַלטע דורות׳דיקע עדות, —

און ער וויל נישט אונטערשיידן
צווישן אייניקל און זיידן,
צווישן טויטע סילועטן
און די לעבעדיקע וועזנס,
וואָס זיי פלאַטערן אין שטורעם
ווי דיביימער האַלב־צעבראָכן,
מיט די צווייגן ווי אבלים
צו דער ערד אַראָפּגעצויגן...״

דע־טאָרערס:

„נישט זאָג, מאַעסטראָ,
אַז די פעלדזן
זענען גלייכגילטיקע עדות
פון די דורות וואָס פאַרגייען;
זיי זענען אויכעט פעדעסטאַלן,
אויך אַן אַנלען אין געוויטער
פאַר די טרוימער און פאַר מידע,
פאַר די גייערס אַן אַ ריכטונג
און אַ נאַכטלעגער פאַר אָדלערס;
און פאַר מעוועס — בעלי בשורות —
וואָס זיי ברענגען אונדז דעפעשן
פון די נאָענטע יבשות. — —
כ׳הער די מעוועס, דוכט מיר, שרייען,
זאָגן אַן די גרויסע בשורה,
אַז די שיפן דורכן שטורעם,
דורך געפאַרן פון געוויטער
וועלן לאַנדן
אין די לענדער
פון די גאָלדענע הבטחות...״

קאָלאָן:

„ס׳איז דיר גוט דורך דורות ליידן,
טויזנטיאָריק פיין און צרות,

יעקב גלאַנץ

בלוט און פּלאָגן, —
וואָס דו קאָנסט נאָך טראָגן
בירושה,
טאָררעס, —
אינעם אויפּרויש פון די בלוטן,
דיין קשה־עורפּ׳דיקן וואַרטן
אויף די טעג פון סוף געגאַרטן!
און אויב דעם טרוים
אין פּיין פאַרזייטן
קאָנסט נישט בינדן אים אין גאַרבן
פון נצחון —
קאָנסט ווי משה שטאַרבן
פול בטחון
אַז די קינדער וועלן אַרבן
ס׳הייליק לאַנד דאָס צוגעזאָגטע.
נאָר איך אַליין —
דער שווער געפּלאָגטער,
דער געשמיסענער פון ווינטן
און פון לעבן,
וועל נישט קיינעם איבערגעבן
גאָלדן שליסל פונעם טויער טריאומפאַלן,
כ׳וויל דעם פּערל פון מיין חלום
אין די אוצרות פון מיין דאָ זיין
נאָך באַהאַלטן!
כ׳וויל אַליין פאַרזייטן זאָמען שניידן
און מיין נאָמען זאָל פאַרבלייבן
אין די פאַרמעטן מיט גאָלד־שריפט
אויף דורי־דורות יאָרן,
אין די עלטסטע אַנואַלן
פון קאָנקיסטאַדאָרן
און באַזיגער. —
צוואַנציק יאָר מיין ווילן שלייף איך,
און איך שטייף מיך

נישט צו פאַלן,
איידער שטראַלן פונעם אויפגאַנג
זאָלן קאָפּ מיינעם נישט קרוינען!..״

ד ע ־ ט אָ ר ר ע ם :

„ניין, קריסטאָבאַל,
זיי אַ מאַסטבוים אינעם שטורעם,
און דורך טרויער פון יסורים,
אינדערלייטערניש פון דויער,
ווי אַ האַרבסט־פעלד אין געוויסער,
וועט דער אויסלייז־טאָג זיין זיסער. — —
ניט איך און דו,
נאָר צייט איז אייביק;
און דער קאַמף איז הייליק;
און דער קעמפער הינטער גראַטן
ווערט פאַראייביקט דורך די טאַטן.
און אין ווילדן ים־געזאַנג
איז דורות־דראַנג
פון האַר און שקלאַף, —
סוף און אָנהייב פון באַשאַף. — —״

8

ס׳איז קאָלאָן נישט מער ווי מענטש:
זיצט ער מידביים שיף־פאַרענטש,
אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף האַנט —
און ער חלומ׳ט ווידער: לאַנד.
אין שטילן פלוס די אַלמיראַנטאַ,
און וויכיאַ וואָס פאַרדעכטיקט,
בליקט מיט אויג פאַרדעכלט
אין די ווייטן אומבאַקאַנטע. — —
העלער ווערן בלויע ווייטן,
זון ציט העכער צום זעניט —
און אין רויטן פורפור גליט.
און אַ שטיל און וואַרעם ווינטל
אין קריסטאָבאַלס גרויער באָרד

יעקב גלאַנץ

קעמט און קעמט די ווייסע האָר.
נאָענט, נאָענט
ביי אַלמיראַנטאַ,
אַ שטילע שווימט די שיף „לאַ ניניאַ",
און „לאַ פּינטאַ"
שווימט צו ראָש. — —
ווי אַ ליכטיקן מיראַזש
זעט ראָדריגאָ דע טריאַנאַ:
אין שאַרלעך־בלויען פּערלמוטער
שניידט זיך אויס אַ גרינער פלעק. —
ווי אין שרעק
וואָס גייט פאַריבער
אין הייסן פיבער
בליקט ראָדריגאָ צום פּייזאַזש,
וואָס שניידט רעליעפער זיך און שניידט. — — —
און ער שרייט
צום עקיפּאַזש
פון די דריי געבענטשטע שיפן
מיט אַ קול פון טיפן: —
„ערד!"
און זיין קול, ווי ניט דערהערט,
הילכט אָפּ ראַשיק אין די רוימען,
אַז פון טרוימען
ווערט וואָר! — — — —
און דאָס ערדיש וואַרעם ווינטל
לאַשטשעט זיך ווי אַ היימיש הינטל
און ער גלעט די גרויע האָר
פונעם וועלט־אַנטדעקערס באָרד. — — —

...און ביים ברעג פון נייער וועלט
(מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש)
שטייט קאָלאָן ביים שיף־פּאַרענטש,
קאָפּ אויף הענט,
קוקט אין וואַסער־טראַנספּאַרענט: —
שטייט קאָלומבוס־מאָנומענט. — — —

קריסטאָוואַל קאָלאָן

צווייטע טייל

1

ערשטע נאַכט אויף נייער וועלט,
ווי אַ בליץ אַדורכגעלאָפן. —
נאָר אַ פוס אויף ערד געשטעלט,
איז קאָלאָן נישט איינגעשלאָפן.

שאַרפער דופט פון נייער לאַנדשאַפט
און געשריי פון פאַפּוגייען. —
ער הערט די מאַנשאַפט
דוכט זיך שרייען,
די אַנטוישטע פון דער רייזע
אָן אַן ענדע.
שטייט ער אויף, ער וועל זיי ווייזן:
„זעט פון וואָר ווערט באַלד לעגענדע! — —

„אָט איז ערד אַן אויפגעגרינטע,
און מיין טרוים אין רעכטן בליען...״
נאָר ער הערט ווי ס׳וויינען ווינטן,
און עס נעמט אויף טאָג שאַריען.

2

קאָפּ פון זון אין רויטן טעלער,
קייקלט זיך פון ים אַרויס.
ווערט דאָס אינדזל העל און העלער,
נישט קיין אינדזל — רויטע רויז.

נאָר ער וואָס קען די הימל־וועגן,
און לייענט לויף פון האָריזאָנט,
זעט, אַז ס׳שניידט זיך אויף אַ רעגן,
און עס נענטערט אַ ציקלאָן.

3

שיפן שווער ביים ברעג פאַראַנקערט,
און ער אַליין איז ווי אין צוואַנגען.

די זון, ער זעט, אין שוואַרצן שאָטן,
ווי אַ פונק אין נעבל טליעט.
עס ליגט זיין האָפענונג צעטראָטן,
און זיין טרוים איז — אויף דער תליה...

וויל ער שרייען, נאָר ער קאָן נישט,
וואָרט איז טויט אויף קאַלטע ליפּן.
און ער הערט ווי פויגלען שרייען,
און אין גראָז די שלאַנגען שיפּען.

און אַן עקדיש פון די גראָזן
וויקלט זיך אַרום די פיס אים.
און ער ווערט זיך, וויל נישט לאָזן,
נאָר די שלאַנג האָט איינגעביסן.

און ער עפנט אויף די אויגן,
און ער וויל די וואונד פאַרבינדן.
דערנעבן טאָררעס שטייט געבויגן,
און אַ גלח שטייט פון הינטן:

„— זאָג מיין קינד די מאָרגן־תפילה,
זינג אַ לויב צו גאָט אין הימלען!"
און te deum שעפּטשעט שטיל ער,
און ער מורמלט ווי פון דרימל.

זיפּן ווערטער זיך פון לעפצן,
נישט קיין ווערטער — שטילע קרעכצן.

4

ווי אַ שיף פון לויטער ליכטער
שווימט די זון אויף אָקעאַנען.
ווי די לאַמען פאַרן שעכטער,
פאַר קאָלאָנען — די אינדיאַנער.

און ער פרעגט זיי אויף סיפּאַנגאַ,
פרעגט וואו קאָן מען גאָלד געפינען?

קריסטאָוואַל קאָלאָן

אינדיאַנער זאָגן: „אין סיבאַהאָ",
דאָרטן זענען גאָלדן־מינען.

און געווירצן, פיינסטע שטיינער;
פאַראַן אויך פערל, פערלמוטער.
„— הייבט די אַנקערס פון די שיפן,
איידער ס'קומט נאָך אַן געוויטער!

„— זעט צי וואַסער איז גענוג דאָ,
און די זעגלען זעט ווי זענען!"
און אינדיאַנער ביי די ברעגן,
אין די אויגן פונקען ברענען.

און זיי שטייען אָדם־נאַקעט,
און זיי בליקן ווי די שפּאַרבערס.
עס ווייזט קאָלאָן דעם וועג די שיפן,
דאָרט וואו זון גייט איצטער שטאַרבן.

צו דעם רויטן זונפאַרגאַנג
קוקן שטילע די אינדיאַנער.
פון ערגעץ קומט אַ ווירבל־ווינט,
נאָר זיי ווייסן נישט פונוואַנען.

„...אונדז געבראַכט די שענסטע זאַכן,
הימל־מענטשן וואָס געקומען..."
און די כוואַליעס ווילדע לאַכן:
— אויכעט עפּעס צוגענומען!

ווינטן ריידן אויף צוויי שפּראַכן,
און די כוואַליעס ווילדע ברומען:
„אונדז געבראַכט די שענסטע זאַכן,
אויכעט עפּעס צוגענומען..."

ס'האָט דער ים צעמישט דאָס לשון
פון די פעלקער אויף דער ערד.
ווען די זון האָט זיך פאַרלאָשן,
שניידט לבנה ווי אַ שווערד.

און דערווילדער אינדיאַנער,
וואָס איז געשטאַנען קאַלט־פאַרשטיינט,
האָטביים ברעג פון אָקעאַנען,
ווי אַ קינד זיך שטאַרק צעוויינט.

5

שיפן שיפן זיך אין ים,
בלויער אָוונט ווי אַ לאַם.
און דער אַלטער אַלמיראַנט
חלומ׳ט ווידער אויס אַ לאַנד.
ס׳איז אין יענעם לאַנד פאַראַן
גאָר אַ גרויסער קעניג: „כאַן״.
איז דער קעניג רייך און קלוג,
שעפּט ער גאָלד דאָרט מיט אַ קרוג.
און אין יענעם קעניגרייך
וועט מען לעבן גליקלעך, רייך.
גליקלעך איז נאָר דער וואָס טרוימט,
און אַ לאַנד זיך אויסגעטרוימט.
רוף דאָס לאַנד אָן ווי דו ווילסט:
אין חלום שיין איז יעדע שפּיל.
און טראַגיש־שיין, און קריינקלעך־גוט,
ווען שיינקייט זעט מען אויך אין בלוט.

6

דריי אינדזלען אַנטדעקט
האָט קאָלאָן און געהייליקט.
אין נאָמען פון גאָט
און אין נאָמען פון קעניג.
קרייצן פאַרזייט דאָרט
און ווייטער געוואַנדערט.
נאָך נישט געפונען קיין אָרט
וואו צו לאַנדן.
מיט ווינטן דריי נעכט און דריי טעג
זיך געראַנגלט.
אַלץ נישט געפונען דעם ברעג
פון סיפּאַנגאָ.

7

דער וויזער פון זון
איז צו מזרח געפאַלן,
ווען ס׳זענען קאָלומבוסעס
דריי קאַראַבעלן
אַריין אין דער בוכטע
פון אינדזל סיבאַהאַ.
באַטרינקענדע ריחות
פון טראָפּישע פלאַנצן:
צעוואָקסענעביימער
מיט קעפּ פון נזירים,
דמיון־געשטאַלטן
פון וויטע לעגענדן.
מאָדנע געשרייען
פון פייגל קאָלירטע,
און זוניקע שטראַלן
אין אָפּגלאַנץ פון וואַסער,
ווי פּערל צעפינקלט
אין ליכטיקע קוואַלן.

די מאַנשאַפט פאַרכלינעט
פון טראָפּישער פּלאָרע;
אין זינגענדער שטילקייט
פון ריטמישע וועלן
פאַרבינדן די שטריק
פון די דריי קאַראַבעלן.
געאַנקערט די שיפן.
מאַטראָסן ווי פייגל
אין דופטיקייט שווימען.
קאָלומבוס באַטראַכט
מאַיעסטעטיש
די ברעגן.
ער נישטערט אין וואַלד
צווישן ביימער־סימנים:

אָן אָנדייט אויף יענע
פאַרצויבערטע לענדער
וואָס האָט טאָסקאַנעלי
פאַרצייכנט אויף מאַפּעס.
ער זוכט ביי די פיס
פון די שטויביקע פּאַלמען
די ראָזעווע פּערל...
און ווייסט אַז קינסאַי,
די הויפּשטאָט פון כאַן,
איז נישט ווייט דאָ.
אין וואַלד איז שוין דעמער.
די ביימער זיי טוען זיך אָן
שווארצע טאָגעס
און שאָקלען זיך פרומע
ווי אַלטע מאָנאַכן
ביים הייליקן מאָלצייט.
קאָלאָן איז פאַרפלאָכטן
אין וואַלדישע נעצן;
דער אויסגאַנג צו ברעגן
ז׳מיט טונקל פאַרהאַנגען...
אַלמיראַנט האָט פאַרבלאָנדזשעט,
ס׳איז פרעמד אים יבשה.
אַ צייכן ער גיט:
אַ רוף אין געפּאַרן;
עס קומען צעפליען
צוויי פלינקע מאַטראָסן
און נעמען אַוועק אים
צום ברעג פון זיין אָנהייב.
קאָלאָן איז אַנטשלאָפן
ביים ראַנד פון דערגרייכונג.
לעאָפּאַרדן ער חלומ׳ט
און לייבעכעס בייזע
באַוואַכן דאָס בעט
פונעם שני־למלך.

8

ס׳איז האַרבסט איצט, אָקטאָבער
אין לענדער אין ווייטע.
און דאָ איז „אַפּריל אַנדאַלוסיער״.
די זון אַ פאַרשייטע
אויף טויאיקע צווייגן.
פרי־פריידיקער פייגל־געזאַנג
אינעם מאָרגיקן שווייגן.
עס שיפּען און קלאַפּן
אין גראָזן די שלאַנגען.
אויף ביימער האָט טראָפּיק
זיין גאָלד אויפגעהאַנגען.
רויט־גאָלדיק
דער טאָג ווערט צעגליט.
פיל־טראָלדיק
די ביימער אין צוויט.
קאָלאָן איז מיד —
איז דער שלאָף
אַ זיסער.
נאָר דער ים
איז אויפגערוישט; —
וואָס רוישטו ים
אין פריער שעה?
— קיינער ענטפערט נישט.

9

אויף נאַקעטע בלויען פון הימלען,
טאָג ווערט געבוירן — אַ העלער.
עסקאַדראָן אין טיפן דרימל
אויף די אַלטע קאַראַבעלן.
און די וואַכטע אויף די שיפן,
ווי פיראַטן אין געלויער.
טאָג זיך עפנט אויפן אינדזל —
אַ גאָלד־באַזוימטער טויער.

10

אונטער פאָכער פון די פּאַלמעס
זיצט קאָלאָן אין פריע שעה׳ן.
אויפן הימל — ווי דורך בעלמעס —
זעט ער שוועבן שוואַרצע קראָען.
און די ענטלעך שרייען ווילדע,
און קאָלירטע פייגל פליען.
ער וואָלט וועלן איצט דערציילן
פון זיין נאַכטיקער נסיעה.
נאָר ער האָט ניט וועמען טרויען,
ווער ס׳זאָל דורכרייסן דעם נעבל;
ער וואָלט אַליין זיך וועלן ראָיען
אין די טיפן פון זיין לעבן.
עפּעס רוט ער אין די נעכט נישט,
ליגט מיט אויגן האַלבע־אָפן...
און חלומות מאָדנע זעט ער,
ווען ער ווערט נאָר קוים אַנטשלאָפן.
ס׳איז דאָך מענטש נישט מער ווי מענטש,
מוז אַראָפּריידן פון האַרצן.
בלעטער וואַקסן אָן אין פרילינג,
ווען זיי פאַלן אָפּ אין האַרבסטן.
ער איז אַלט שוין, אָפּגעבלעטלט,
מוט ווערט שוואַך און שוואַכער.
עפּעס רייפט אין אים אַ צווייפל,
ער האָט מורא ס׳זאָל נישט קראַכן.

11

אין דומם־שטילער מאָרגן־רו
קאָלומבוסן באַגריסן קומען
מיט דעם אויפגאַנג פון דער זון,
ראָדריגאָ דע טריאַנאַ,
דע־טאָררעס און פינזאָן.

ראַפּאָרטירן די שלוחים פון דער וואַך:
„אָן שנוי דורך די נאַכט,

יעקב גלאַנץ

די שיפן ווערן רעפּאַרירט,
אויף באָרטן טריקענען די פּרוכט״.

פינזאָן אַלאָנסאָ דיספּאָנירט
קאָנקיסטאַ־פלענער:
ווי צו דאָמינירן קענען
און ווי אויסגעפינען די עשירות׳ן פון לאַנד.
און ס׳דערציילט דעם אַלמיראַנט
ראָדריגאָ דע טריאַנאַ:
„ס׳איז דאָ אַ טייך אַ בלאָער
אינעם צפון׳דיקן קאַנט,
קובאַקאַנאַן״.
זאָגן איינוואוינער פון אינדזל:
„דאָרטן פליסן שטראָמען גאָלד
און פּערל־אוצרות ביי די פעלדזן
קאָן מען שאַרן מיט די הענט. — — ״
און אין שאַרלעך־רויט
פון דורכזיכטיקער ווייט
די אויגן
אויף אַ פּינטל אָנגעצילעט שטאַר,
דע־טאָררעס.

ס׳איז אַ וועלדל אָנגעצונדן
ווי אַ שייטער אין דער זון.
פונעם פלעמל שטרעקן צונגען זיך
צו הימלען.
און ער שפּירט אַזאַ מין צאַרטקייט
ווי אַ ציטערדיקע ציטרע
וואָלט געכליפּעט
אין דער איינזאַמקייט פון בערג.

און קאָלאָן ווי אין דעליריום
רעדט אין ווייטקייט פון פּייזאַזש:
אין וואָלד בין איך געגאַנגען,
איין אַליין אין טיפן וואַלד
צווישןביימער אָן אָן אויסגאַנג.

קריסטאָוואַל קאַלאָו

איך אַליין מיט מיין באַגער נאָר,
און מער קיינער.
ס'האָט געגליט אין מיר
אַ בענקשאַפט
און געשטשעמעט
ווי אַ וואונד.
כ'בין מיד געווען צו גיין מער
און די אויגן
מיד צו וואַרטן
אויף אַ דורכלויכט
צווישן ביימער.

אוי די רגע'ס פון פאַרצווייפלונג,
טאַררעס!
פאַרצווייפלונג פון אַ גייער
אינעם מדבר
ווען ער טרעפט נישט
קיין אַאַזיס.

און די ביימער —
ווי אין מאַנטיעס
איינגעהילטע קאַרדענאַלן.
אַ טרויער־מעסע,
פונעראַלן.
און ארונות, קאַטאַפאַלן:
אַ לויה'קע פּראָצעסיע.
לאַרבער־קרייצן
און אַ קבר,
און אַ צווייטער.

דעמער. דער אויסגאַנג
האָט פאַרמאַכט זיך;
ביי אַ בוים —
אַ וויסטן נזיר —
האָב איך אָנגעלענט

מיין קאָפּ.
אָנגעשפּאַרט מיין גוף
און נישט געשלאָפן,
די אויגן מיינע אָפן
צו די כמאַרעס.
און געזען האָב איך
אַ זעאונג, טאַררעס,
נישט אין חלום:
אין וואָר
פון בין השמשות.

ווי פון יעזוסן
דעם אָפּבילד,
ווי איך זע איצט
דיין געזיכט: —
כ'האָב געזען אַ פּאַלאַץ.
נישט אַלהאַמבראַ
פון גראַנאַדאַ,
נאָר אַ פּאַלאַץ —
לויטער גאָלד,
עלפאַנטביין,
קרישטאָלן.
זיבן טירן
אינעם פּאַלאַץ,
באַצירט מיט פּערל
און טאַפּאַזן,
יאַשמין, פּערלמוטער.
און זיבן
גינגאָלדענע שטולן,
און זיבן האַרן
אויף די שטולן, —
גאָלד און פּורפּור
אויף די הענט.
און ביי די שטולן —

זיבן הינט...
און די קעפּ ביי זיי
פון לייבן,
ווי די לייבן פון קאַסטיליע.
און די צונגען! —
רויטע ציינגער בלעקן.
און די ציינער אָנגעשאַרפטע
ווי ביי לעמפּערטן די קליקן. —
און זיי סלינען אויף טאַפּעטן.

און איך — ביים טיר —
אַן אַלטער פּרוש,
האָב קיין שטול נישט
וואו צו זיצן,
און די אויגן מיינע בליצן
אין דער בלענדעניש
פון גאָלד.
און קרייזן לויטערקייט
דורך פענצטער,
ווי דאָס ליכט
אַרום דעם נוצרי,
פּורפּור־שטראַלן אויף מיין קאָפּ.
און די זון איז אויפגעגאַנגען
אין דעם פּאַלאַץ פון מיין זעאונג.
און דו ביסט אָנגעקומען,
דאָן־אַלאָנסאָ,
און ראַדריגאָ־דע־טריאַנאַ.
און די זון
האָט אָנגעצונדן
אַלעביימער פונעם אינדזל:
ס׳אַראַ בשמים׳דיקע פרישקייט,
ס׳אַראַ דוממ׳דיקע רו!

און איצט, ווען העלער טאָג איז,
זאָג מיר, טאָררעס,
דעם באַשייד פון די הינט,
די זיבן לייבן,
ווי די לייבן פון קאַסטיליע.

12

ד ע ־ ט אָ ר ע ס :

— דאָס וואָס איך זאָג דיר,
קאָלאָן, מיין האַר,
קאָן אפשר זאָגן איטלעכער נאַר:
איך ווייס אַז פון חלום
ווערט אַמאָל — וואָר,
און ס׳זענען פון וואָרן
חלומות געוואָרן...

די טאָפּל־געשטאַלטן: —
די שטולן,
די האַרן,
די הינט
און די לייבן, —
זענען די שטאַפּלען: —
טעג פון דיין לעבן.
די זיבן שטולן
און די האַרן זיבן, —
זענען צוויי מאָל זיבן יאָרן
וואָס זענען דיר פאַרבליבן.
און די זיבן טירן
פון עלפאַנטביין, סאַפּירן, —
דער אַריינגאַנג זענען
צו די זיבן גוטע יאָרן.
און נאָך די לייבן־יאָרן פעטע,
וועלן קומען שפּעטער
דאַרע זיבן כלבים
מיט די בייזע ציינ̇ער, —

פון אַרומרינגלער
דער גראָבנדיקער צאָרן.

און דער פּאַלאַץ איז —
דאָס שיינקייט פון דיין חלום;
און זיו־השכינה איז —
דיין לויטערער געוויסן;
און ס'וועט אויך דער פּאַלאַץ זיין:
דיין תפיסה...

און די הינט
מיט קעפּ פון לייבן, —
איז אַ צייכן פון דעם צווייפל
אין דיין גלויבן
אין קאַסטיליע. — — —
און טאָרערעס האָט נאָך געזאָגט
צו קריסטאָוואַל דעם האַר
אַזוי צו זאָגן: —
נישט מיין ווילן איז געווען דאָס דיר צו זאָגן,
נאָר דער גייסט פון פאָלק ישראל,
ווייל באַשערט איז דיר צו זיין דער גואל
פון מיין פאָלק וואָס איז אין פּלאָגן.

ווי משה
האָט מיין פאָלק געפירט פון גושן
אין ארץ כנען,
וועסטו מיין פאָלק פון פלאַמען
ברייגען אים דורך ימ'ען
אין גוהאַנאַהני. — — —

13

און גערופן האָט קאָלומבוס
דעם יונג איאַמאַנטע,
ראָדריגאָ דע טריאַנאָ, —
מאַטראָסן פון דער אַלמיראַנטאָ,

תושבים אַלטע פונעם אינדזל,
און טאַררעסן געשטעלט
בראש פון די מרגלים. — — —

און געהייסן ברייגנען האָט ער
פון זיין תיבה אַלערלייעדיקע צירונג:
פּאַטשערקעס און גלעזערנע קאַרעלן,
האַלדזבענדער און רינגען,
אוירינגלעך
און בראַנזאַלעטן.

און אָנגעגורט די עמיסאַרן
מיט שווערד און ביקסן,
און די זיידענע שטאַנדאַרטן
פון דעם קעניג פון קאַסטיליע
מיטגעגעבן די מרגלים.

און דער גלח האָט געהייליקט
אין ווייטן וועג אַריין
די גייער; און צלמים
האָט ער אָנגעהאַנגען
אויף די העלדזער פון די אויסקוקער
פון לאַנד.
און דער אַלמיראַנט,
מיט שווערד אין האַנט און צלם,
פאַרלירט אַ וואָרט
ווי ים פּערל.
ווי דורך זיידנס
דורכגעזייטע ווערטער ציילט ער: —
— און זען זאָלט איר
די עלטסטע פון די שבטים,
זיי זאָלן ווייזן וואו דאָס גאָלד איז
אויפן אינדזל:
גאָלד און גינגאָלד
און בריליאַנטן,

עלפאַנטביין און פערל,
עדלשטיין, געווירצן.
און איבערגעבן זאָלט איר אים —
דעם קעניג פון קינסאַי,
דעם האַר פון גאָלדן לאַנד,
ס׳בריוועלע פון קעניג
דאָן־פערנאַנד און דאָניאַ־איזאַבעל.
און זאָגן זאָלט איר אים, —
דעם האַר פון האַרן, —
אַז עס וואַרטן דאָ די קאַראַבעלן
מיט אַלדע־טייערסטע פרעזענטן
פונעם קעניגלעכן הויף
פון אַלט־קאַסטיליע.

רירט זיך קינדער, רירט זיך,
טאָג איז קורץ, און שיפן וואַרטן;
מע דאַרף אָנציען די זעגלען
אויף די מאַסטן, און ווידער
לאָזן זיך אויף ים׳ען,
אין די אָפענע מאַרשרוטן!
אויף באַראַט פון ווינט און ווירבל
צו די לענדער אומבאַקאַנטע, —
צו די לענדער פון מיין גלאָריע!

14

לאָזן זיך אָוועק די מרגלים
אין די טיפן פונעם אינדזל,
דורכן פלאָנטער פון געוויקסן,
דורך געדיכטקייטן פון גראָזן
און דורך דערנערדיקע שטעגן,
וואו עס וואוינען צווישן ביימער
אין די טאָלן אָט־די אויסטער־
לישע שבטים
מיט די פעדערן באַפוצטע,
און מיט גאָלד־שטיק אין די
נעזער;
חיה־פעלכלעך אויף די לענדן,
און מיט אימה אין די אויגן,
און מיט וואונדער דורכגעזאַפטע
פאַר די ווייסע גאָטס־מלאכים,
וואָס געקומען זענען ברענגען
דעם גן־עדן אויף דער ערד. —

גייען מרגלים ווייט און ווייטער,
מיט די שווערדן אָנגעגורטע,
שפיזן, ביקסן און שטאַנדאַרטן;
און מיט טאַשן פולע צירונג. —
און אויף ברוסטן געלע פאַנצערס
אָנגעצונדענע אין זון. — —

ווי אין שיידן פאַרבאַהאַלטן,
טראָגן זיי אין טיף פון הערצער
זייער גלויבן אין געקרייצטן.
דורכן צלם וואָס פאַרזייט איז —
אין דער ערד דאָ ערשט־אַנטדעקטער
קריסטוס נאָמען איז פאַראייביקט.

און נאָר איינער פון די גייערס
טראָגט נישט קריסטוסן אין האַרצן,
אין וועמענס נאָמען ס׳ברענען
שייטערס
אין זיין היימלאַנד אין דער ווייטער.

שוועבן בילדער פאַר די אויגן,
ווי פון גהינום אויסגעשיילטע,
און ס׳גייען דורך, ווי אין
פראָצעסיעס,
זיינע ברידער די קדושים פון כאַען
און באַרצעלאָנע, פון סעווילייע
און וואַלענציע. — — — —

די שיינע מרים פון מאַלאַגע,
און דער רב פון פאַנטעוועדראַ
פאַרברענט פון „הייליקער אַפּיסיאַ"
אויף דעם שייטער פון טאָלעדאָ.
אין דער פייער־פּאַנאָראַמע
אויף די הימלען פון פאַרנאַכטן,
פליט דער נביא אליהו
אויף זיין רייטוואָגן פון פורפור;
שיינע מרים פון מאַלאַגע
מיט די שטערנדיקע אויגן,
האָר צעלאָזטע אויפן שייטער,
רויטע צעפּ ווי קופּער־שלאַנגען, —
איז צו הימלען אויפגעגאַנגען.
און די זון זיך האַלט ביים זעצן;
שאָטנס לאַנגע פון די ביימער,
שמאָלע שאָטנס פון די גייער
ציען זיך אין לאַנגע רייען.
פייגל פילדערן אויף צווייגן,
שטילע טייכלעך ערגעץ רוישן,
ווי פאַרגעסענע זכרונות. — — —

„— מ'וועט אין וואַלד דאָ דאַרפן נאַכטן,
זעט אַ שוץ נאָר וואו געפינען
פון אַ רעגן וואָס קען קומען און פון ווינטן;
מ'עט מוזן איינציקווייז באַוואַכן
די וואָס שלאָפן, פון אַן אָנפאַל.
זאָג, ראַדריגאָ, צו די גייערס,
אַז מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן
ביז ס'וועט אָנהייבן צו טאָגן!"
און אַ נאַכט איז אָנגעקומען —
חושך־נאַכט פון מיטלאַלטער.
ווי מאַראַנען אין דער פינצטער
דאַרע ביימער דאַוונען מעריב. —
לואיס טאָררעס בעט בלחש
ביי די שטום־פאַרמאַכטע הימלען,
ס'זאָל אויף נייער ערד באַגליקן
זיינע ברידער די פאַריאָגטע,
כאָטש אַ מקלט וואו געפינען.

און פון ים אַ ווייטער דונער,
און אַ בליץ האָט אויפגעעפנט
אין דער פינצטערניש אַ טירל.
און אַ רעגן האָט געשמיסן
ווי מיט ריטער אין די לייבער
פון די גייערס אין דער פינצטער.

15

דריי טעג ווי עס גייען די מרגלים
און זעען קיין ברעג נישט פון גאַנג.
און מידקייט פאַרלעשט דעם פאַרלאַנג
אין ווילדערניש זוכן אַ לאַנד.
און ס'שטאַרבט ווי אַ פיש אויפן זאַמד
דער חלום פון גאָלדענעם לאַנד. —

16

עס וואַרט די פלאָטיליע
ביים זוניקן באָרטן,
און ס'קוקט אויס די אויגן
קאַלאָן אין די ווייטן,
פונוואַנען עס קומען
די גאָלד־עמיסאַרן
און ברענגען די גרוסן
פון גליקלעכן לאַנד, —
אַן ענטפער דעם הייליקן
קעניג פערנאַנד.

17

און ס׳גייען צוריק די מרגלים
דורך ברייט פונעם אינדזל
און טיפן.
און ס׳קומען צוריק די מרגלים
צום באָרטן וואו ס׳שטייען
די שיפן.
זיי וואַשן די פיס אָפּ
אין אָזיערע פרישער,
און טרייסלען אין ווינטל
דעם שטויב פון די קליידער,
און ס׳גייט זיי אַנטקעגן
קאָלאָן און זיין סוויטע.
דע־טאָררעס גיט איבער
אין האַנט פון קאָלאָנען
ס׳לאַטייניִשע בריוול
פון שפּאַנישן קעניג: —
ער האָט נישט געפונען
דעם קעניג דעם גרויסן,
דעם „האַר פון די האַרן”,
פון אינדזל סיפּאַנגאָ.
„צוועלף מייל” דורכגעגאַנגען
אין לענג פונעם אינדזל,
קיין שפּור נישט געטראָפן
פון „גרויסער אימפּעריע”.
אַ ישוב געפונען
פון „פינף צענדליק צעלטן”,
ווי סוכות אין מורסיע
סוף־זומער אויף פעלדער, —
באַטקעס געפלאָכטן
פון פאַלמישע בלעטער.
און „טויזנט נפשות”
אין ביידלעך אין יענע;
פאַרוואָקסענע מענטשן
מיט לייבער קאָלירטע,
געפּאַרבט און צעשניטן,
פון ווינטן פאַרברוינטע.
און שטאַלטענע פרויען
מיט ערוות אַנטהוילטע;
בראָנזענע גופים
און שלאַנקע ווי שוואַנען;
עלאַסטישע צעדער,
ווי פאַלמעס צעוואַקסן. — —

ס׳זענען נעכט אויפן אינדזל
לבנה׳דיק־סומנע;
און אימה׳דיק־איינזאַם,
ווי קאַלטע מצבות
אויף שטילע בית־עלמינ׳ס
פון אַלטן קאַסטיליע...
און ס׳גרילצן די גרילן,
עס זעגן אינזעקטן;
זינגען סענסאָנטעס
און קוואַלעכלעך רוישן,
און ס׳גלימערן ווערים
ווי וועלפישע אויגן.
קיין גאָלד נישט באַגעגנט
אין בערג נישט און טייכן;
די איינוואוינער זאָגן,
אַז גאָלד איז לרוב דאָ,
און אוצרות מיט פערל
אויף אינדזל באַהיאַ.
און אויף אינדזל באַבעקע
די ביימער פון צימרינג
וואַקסן די פאַלמען.
פאַראַן דאָרטן בשמים:
אינגבער און זאַפראַן,
און פעפערלעך רויטע
און שאַרפסטע געווירצן.

18

קאַלאַן האָט די אויגן
ווי אַן אָדלער צעברייטערט
אויף אומענד פון ים׳ען.
און הערט נישט די רייד מער
פון לואיס דע טאָררעס. — —
ס׳האָבן ים׳ען גערוישט
און געטראָגן קאַלאַנען

אויף פליגלען פון מעווס,
אין פלי פון פאַלקאָנען.
דער ים האָט קיין ענד נישט
אין בלויע אין־סופן.
און ווידער אַ נאַכט
איז קאַלאַן נישט געשלאָפן.

19

ער זעט ווי אין חלום דעם שפּאַנישן האַפן.
ער ברענגט צו דעם קעניג געפאַנגענע שקלאַפן.

און גאָלד ברענגט ער, זילבער, און פערל ווי טויען,
ער האָט מורא דעם סוד נאָר דעם גרויסען פאַרטרויען.

דאָס שליסל פון לאַנד וויל ער קיינעם נישט געבן,
און אַט איז דע־טאָררעס, אַלאָנסאָ דערנעבן. — —

און כוואַן דע לאַ קאָסאַ — ער האַלט נאָר דעם פּינזל!
פאַרצייכנט אויף מאַפּעס דעם וועג צו דעם אינדזל. — —

ווי קאָן מען דעם מייסטער קאַלאַנען פאַרראַטן?
עס צאַרנט דער פירער, ער רופט זיי: „פּיראַטן”. — —

קראַנק איז קאָלומבוס: ס׳פאַרפאַלגט אים אַ מאַניע;
ער חלום׳ט: ער איז דער וויר״י איצט פון שפּאַניע. — — —

20

ס׳האָבן ווינטן געוואָרפן
די שיף קעגן שטראָמען.
מיט מיילער צעעפנט —
די שוימיקע תהום׳ען: —
געצישט און געצאָרנט,
געכעס׳ט זיך אין שטורעם.
דעם וועג האָבן נאָדלען
געצייכנט צו דרום.

אַ טאָג האָט געשטורעמט
דער ים און געוואָרפן
די שיפן פון דרום
אין אָרעמס פון צפון.
און זון איז פאַרגאַנגען,
דער ים איז אַנטשוויגן. —
אין דורכזיכט פון וואַסער
די שיפן זיך וויגן.

ים זינגט אַ וויג־ליד,
די מאַנשאַפט אַנטדרימלט;
עס באָדט זיך לבנה
אין ים־בלוי פון הימל.
קאָלאָן אויפן וואַך־שטול,
מיט אויגן האַלב־אָפן.
די אויגן זיך קלעפּן,
מע טאָר איצט נישט שלאָפן!

...קראַנק און אַ מידער,
קאָפּ פאַלט אַנידער: —
אַ שאַרבן — ער פיבערט,
צוויי אויגן־אַרביטן; —
אַן אַלטע איקאָנע.
מע קאָן אין די אויגן נישט קוקן,
זיי מאָנען. — —
— וואָס ווילן די אויגן
פון אַלטן קאָלאָנען?...
עס שיילט אַ געשטאַלט
פונעם טשערעפּ זיך אויסעט:
אַן אַלטיטשקע נאָנע
אויפן טויטן־בעט גוסעט.
„— מיין קינד וואָס דו וואַגלסט
אין שטורעם פון ים'ען, —
צי קאָן מען פאַרגעסן
אַן אַלטיטשקע מאַמע?..."

...פאַרשוואונדן דער שאַרבן,
געשטאַלט ווערט צערינען,
ער עפנט די אויגן...
ים און באַגינען. — —

און ווער האָט דעם הימל
אַזוי־אַ צעצונדן? —
און וואו איז די מאַנשאַפט?
— ניטאָ זי, פאַרשוואונדן!

עס רופן: „סכנה" —
די קלינגענדע גלעקער,
די שיף איז פאַרזונקען
ביים אינדזל באַבעקע.
מאַטראָסן זיך וואַרפן
אין ים ווי אין פייער.
קאָלאָן איז אין וואַנזין,
הערט נישט אויף שרייען:
„לאָדט אויס די משא,
די שיף ווערט פאַרטרונקען!"
...ביים ברעג די אינדיאַנער,
מיט אויגן ווי פונקען.
זיי לאָזן זיך שווימען
ווי פיש מיט די וועלן.
ס'באַגעגנט קאָלאָן זיי
מיט מיצלעך און קרעלן. — — —

זיי לאָדן די לאָדונג
פון שיף — אין קאַנאָעס. — — —
— קאָלאָן האָט פאַרצייכנט
אין טאָג־בוך זיין טעות.

21

זיין שיף ליגט צעשמעטערט
אין זומפּן פון זאַמדן. — —
— פינזאָן, דער פאַררעטער,
וואו וועט ער לאַנדן?
צי וועט ער נישט ברענגען
דעם שליסל פערנאַנדן? —
פון לאַנד זיינס דערוואַרבן
דורך פּיין און אין טרויער,
מע וועט אים באַהענגען
מיט קרייצן און לאַרבן,
און זיגעריש פירן
דורך גאָלדענעם טויער.

עס נעגטערט זיך אומגליק
ביים ברעג פון נצחון;
איין שיף איז אַנטרונען,
די צווייטע — צעבראָכן.

ברעכט זיך דער מאַסטבוים
פון שיף אין רואינען.
נאָר ס׳גייט אויף דער טרוים
פון אַ נייעם באַגינען.

באַגינען — אין וואונדער
פון מושלען און גראָזן.
באַגינען — אין צונטער,
פיאָלעט און אין ראָזן.

באַגינען — אויף בלעטער
פון טראָפּישע פלאַנצן. — —
און ס׳נעמען זיך שאָטנס
מיט שטראַלן צו טאַנצן.

און ס׳שפּילן די ווינטן
ליטורגיע־געזאַנגען. — — —
ס׳איז קריסטוסעס פּנים
אין זון אויפגעגאַנגען. — — —

22

„— ווי שיף אויפן וואַסער,
וויגט זיך אויף וואַגשאַל,
קאַלאַן, דיין נסיעה...״
מיד און פאַרוואָקסן,
מיט טונקעלער ראיה:
סקעלעטיש, אַ בלאַסער,
רעדט צו קאַלאַנען
דע־טאָררעס:

„— קלאָר איז
מאַעסטראָ, דער וועג פון באַ־
צווינגער. —
און גראָד איז אַצינדער
דער ציל ביי דעם ברעג שוין;
כ׳האָב שוין
גערעכנט, געציילט אויף די פינגער,
געזען די חלומות
וואָס טוען זיך אָנעט
אין הייטלעך פון וואָרן.

„איך וואָרן,
כ׳קאָן ניט פאַרגעסן
די שווערע מעת־לעת׳ן
פון דולדיקן וואַרטן,
דו ווייסט עס!
אַ טרייסט איז,
צום לאַנד דעם געגאַרטן,
צו גאָלדענע ברעגעס, —
געבליבן נאָר רגע׳ס?
— און שפּעטער?...
וועג פון באַצווינגער —
איז וועג פון פאַררעטער!
פינזאָן האָט פאַרראָטן קאָלאָנען
און ווער וועט פאַרראָטן —
פינזאָנען?

„דו קענסט אים: —
לעבנס־געבאָט. —
פון גרעסטן ביז קלענסטן
אַ טראָט. —
פון גרויסקייט — ביז שפּאָט!
פאַרקנעכטער פון נעכטן —
קנעכט און פאַרקנעכטעטער
היינט;

זון־שיין — און שקיעה;
תליון — און תליה. —
און לאַכן — לאַכט לעצטער...״

23

ווי דורך פענצטער אַ ליכט וואָס דערוואַכט
פון אַ דעמערשן צימער, —
גייט אויף אַ שימער,
ווי שיין פון אָרעאָלן: —
צוויי ליכטיקע שטראַלן —
קאָלומבוסעס אַפּלען,
זיך צאַפּלען,
ווי טויבן אין נעסטן:

„— ווער האָט מעסטן
דיר, טאָררעס, געהייסן,
ברייטן און גרויסן,
וואָס גרויס און וואָס קליינלעך?
דער וועג פונעם גרעסטן
ביז קלענסטן — איז ענלעך;
קורץ איז דער וועג און געוויינלעך
פון לייכסטן — ביז האַרבסטן.

באַלד זעקס צענדליק האַרבסטן
ווי ס'קאַטעווען ווינטן
און שמייסן אין רוקן.
און ס'קומען פונהינטן
די יאָרן, וואָס ווילן פאַרצוקן
דאָס פּיצעלע וועזן, וואָס איז נאָך
פאַרבאָרגן
אין שאָלעכץ פון מאָרגן, —
דער טאָג פון נצחון,
וואָס האַלט זיך אין שיילן. — —
באַלד זעקס צענדליק האַרבסטן!
ווילסט מיר דערציילן
אין טאָג מיינעם שווערסטן,
אין טאָג פון נסיון,
בזיון,
ירגזון, —
ווען ס'האָבן מיך אַלע פאַרלאָזן,
ווען שיף פון מיין האָפנונג —
די איינציקע שיף פון קאָלאָנען —
גייט אונטער.
דערציילסט פון פינזאָנען? —
און ווער האָט געמונטערט,
ווען שיף איז צום אָפּגרונט
געגאַנגען?
ווער איז געגאַנגען
און ווער איז געקומען מיך רעטן?
טאָ ווער האָט געבעטן
דיך מאָלן אין רונדיקע ווערטער,
דער שולדיקער ווער איז? —
און ווער — דער גערעכטער?
„אין הויז פון געהאַנגענע
ברענגט מען קיין שטריק ניט;
פאַרגאַנגענהייט —
קומט שוין צוריק ניט;
דער וועג איז פאָראויס
נאָר געצייכנט,
דע טאָררעס!
קלאָר איז
דער וועג פון באַצווינגער און זיכער,
אומקלאָר דעם וועג פונעם זוכער
און פינדער.
„פאַרנעם מיינע ווערטער אַצינדערט,
וואָס גיסן מיט רייפקייט זיך אָן
ווי די קאַרשן:
איך גאָר שוין,
דע־טאָררעס,
צו ברענגען אַהיים מיינע ביינער;
(אָ, שוואַכער בן־אָדם!)
און דו ביסט דער איינער,

וואָס קען נאָך דעם פּאַדים
פון חלום דערשפּינען.
נעם פון דער שיף — די רואינען,

און בוי אויס אַ פעסטונג אין האַפן:
דאָ וועט אַ וועלט זיך אַ נייע
באַשאַפן!"

24

פּאַר־אַ־שטורעם־שטילקייט יערט,
און וואַקסט, און וואַקסט.
קאָלומבוס־קאָפּ גייט אום באַשווערט,
ווי אַרום אַן אַקס.
הימל דרייט זיך אום און דרייט: —
אַ פילקאָלירק שווינדל־אויג.
האָריזאָנט — פון וויטן גייט,
ווישט דעם הימל־בויג.
נאָר דער ים אינסופיק גרויס איז,
אויף זיין רוקן וואַקסן בערג אויס.
בערג אין טאָלן — פאַלן. — אותיות
ציכנט ווער פון שויס אויס.
אותיות — קרומע: אומפאַרשטענדלעך;
רגע־אותיות — און פאַרגייען.
ווידער איז דער ים אומענדלעך,
אויפן הימל כוואַליעס גייען.
גייען כוואַליעס. — בערג און היגלען:
צווישן בערג — אַ בלויער טאָל איז.
און דער ים איז לויטער שפּיגלען,
און די וועלן — ווי גאָנדאָלעס
פליאַסקען זיך אין פעלדזן־לעכער,
און אַ בוים פון אָפּגרונט־טיפן
וואַקסט אין וויטן — הויך און העכער,
ס'איז אַ מאַסטבוים, ס'קומט אַ שיף אָן.

אַ כימערע: — בלוי און בלויער. — וואָר איז?
האָסטיק שווימען אַן געדאַנקען: —
ס'קומט אַ שיף? — פונוואַנען, טאָררעס?
און ס'האָט די שיףביים ברעג געאַנקערט.

25

אין בוכטע פון אינדזל באַבעקע, —
לאַ פּינטאַ. —
חרוב פון יאמיקער שטרעקע
זעגלען צוריסן פון ווינטן.
צווישןביימער —
ביי אינדזלשע ברעגן, —
אַ שומר
פון פרעמדן פאַרמעגן:
קאָלאָן —
און אַלאָנסאָ פּינזאָן.
קאָלאָן: —
„ניט פאַרלירן
קיין רגע!
די שיפן — רעפּאַרירן!
און צוריק צו די ברעגן
פון פּאַלאָס!"
פּינזאָן: — אַלעס? —
קאָלאָן: — אַלץ! —

26

...שמעקט מיט זאַלץ
און מיט סאַליטרע.
און דער ים, ווי אויף אַ ציטרע
שפּילט און שפּילט.
הילט
אין זיידענע טולן
דעם ברעג.
און די זון —
צייכנט גאָלדענע נולן
אויף בערג.

27

ביים זוים פון הימל־בלוי,
האָט זיך רויט אַזוי
און פּיאַלעט
געוועבט אַ פּלעד
אויף דעק פון אָקעאַן.
און אויפן הימל־ראַנד,
אין מערב־זייט,
האָט פון רויטן וואונדער־זייד
געטריקנט זיך — אַ פאַן.
ס'האָט שיף אַ שנייד געטאָן
דעם גאָלדענעם געוועב
פון פּורפּורדיקן פּלעד, —
און אַ רוק געטאָן אַראָפּ
דעם זונען־קאָפּ
פון הימל־ראַנד —
אין טיף פון אָקעאַן.
די שיף פון אַלמיראַנט.

28

פאַרטאָג.
האַרץ שלאָגט
ווי ים אין די ברעגעס.
אויף טויזנטער וועגן
רעיונות — צעפּלאָסן,
און קומען צו ברעג ניט.
טויזנט פאַרוואָסן —
און פרעג ניט!
קיין ענטפער — ניטאָ מער!
און טאָמער
איז דאָ, — איז ער ליגן.
געשטיגן, —
אַ בלינדער אויף שטיגן;
געטריבן, ווי וועלן אויף וועלן;
ווי וואַסער אין אַ כלי — ז'עלנט
אַ מענטש.
...און קאָלאָן אויף שיף־פאַרענטש,
קאָפּ אויף הענט,
קוקט אין וואַסער־טראַנספּאַרענט.

29

„ביי די וועגן
טורעמס שטייען,
און פון ברעגן
שטורעמס גייען, —
שטורעמס קומען אויך אַהער. —

אָ, מיין מיידל, ברוינע מיידל,
אויגן, — רויזן פון באַגער!״
מיטן בלוט פונעם אויפגאַנג
איז ים אָנגעגאָסן —
און ס׳גיסט זיך געזאַנג
פון מאַטראָסן: —
ווער וועט מיר אַ העמדל נייען
און מיט מיר אין קלויסטער גיין?
מיין מיידל,
מיין מיידל!
קלינגען די גלעקער,
קלינגען, קלינגען.
מאַמע וועט ברענגען זילבערנע רינגען.
מיט וועמען וועל איך
צו דער חופה גיין,
צו דער חופה גיין?

אָ, מיין כלה,
ברוינע כלה!
שוואַרצע צעפּ און רויטע קרעלן,
אויגן, — רויזן פון באַגער״.

שווימען שיפן־קאַראַבעלן,
שיפן גייען צו די ברעגן
פון פּאַלאָס דע מאָגער.

30

די זון איז פאַרגאַנגען אין בלוט־רויט;
דער אָוונט פאַרוויקלט אין בלוי זיך. —

מיט פינקלענדן גינגאָלד באַצירט
שווימט די לבנה אַזוי זיך.
און ס׳מורמלען די כוואַליעס און מרוטשען,
בלויקייט זיך פליאָסקעט אויף טרעפ;
אָוונט — דער תליון — פאַרמוטשעט
פון וואָלקנס — די פורפורנע קעפ.

נישט קעפ — נאָר צעהאָנגענע גופן;
עס באָמבלען די פיס זיך אין רוימען.
און קאָלאָן האָט אין שטילקייט גערופן
דעם אָנהייב פון גאָלדענעם טרוים.
זיין טרוים איז געהאנגען אין כמאַרעס,
אויף נאָכטיקן הימלשן ים. — — —
אומענדלעך דער ים ווי זיין צער איז,
ער גיפטעט דאָס האַרץ אים און סמ׳ט.

31

ס׳רעדט איצט קאָלומבוס
מיט נאָכטיקע הימלען. —
זוכט אין די שווימנדע גראָזן
דעם סוד פון געוויטער.
הערט און באַוואונדערט
די אימה׳קע לידער,
וואָס זינגען די וועלן
אין אַלערליי שטימען. — — —

און ס׳קומען
אויף כמאַריקע שיפלעך צעשווימען
פאַנטאַסטישע גרופן:
וואָלקן־פיש מיט זילבערנע שופן,
וואָלקן־קעפ — געשטאַלטן באַקאַנטע: —
פעטראַרקאַ און דאַנטע.
קאָפ פון פעטראַרקאַ — אין קרעפ,
קאָפ פון דאַנטע — אין קרענץ.
אויף מירמלנע טרעפ —

טאָסקאַנעלי פון פלאָרענץ,
מיט מאַפּע און קאָמפּאַס אין האַנט,
ווייזט אויף הימלשן ראַנד
דעם סוף פון אַטלאַנטידאַ. — — —
די מאַנשאַפט אַ מידע
שלאָפט. — האַלבע נאַכט.
צווישן וואָלקנס גייט אַרום
אַ ליכטיקע לבנה.

אין אַ זילבערנער ריזע
קומט די נאַנע
עלואיזע, —
אויגן — בלומען צוויי רויטע.
(די ליבע שטאַרקער פון טויט איז).
דורך פינצטערע גראַטעס
פון נאַכט,
שאַרט זיך אין שמאַטעס
מאַנאַך
אַבעלאַרדאַ. ——
(די שטראָף איז אַ האַרבע !).

32

...און ווידער דער ים האָט געזונגען
מיט זילבערנע האַרפן געקלונגען,
געציט
און געקלימפּערט,
געגרימפּלט
ווי טויזנט גיטאַרעס
אין ווינט. —
און ס׳האָבן גענומען
אין וויכער זיך טראָגן
די כמאַרעס,
און גיכער
און גיכער

קריסטאָוואַל קאָלאָן

זיך יאָגן
און קלאָגן
ווי קלאָג־מוטערס אַלטע
אויף קברים:
אַ שטורעם,
אַ שטורעם!
פון צפון,
פון צפון,
פון צפון־זייט קומט.
ברומט,
ברומט
דער ווינט,
וואָיעט,
בילט,
ווי טויזנטער הינט
וואָלטן וואָיען
אַ פינצטער געבול אין דער נאַכט.
אַ פינצטער געקלאַג אין דער נאַכט.

וויינט דער ווינט
און יאָגט,
יאָגט,
יאָגט. — — —
ברילט דער ווינט
און קלאָגט,
קלאָגט,
קלאָגט.

33

עס האַלדזן זיך פערל מיט וועלן,
די וועלן זיך קושן מיט שוים.
עס טוען די וועלן זיך שלאָגן מיט שוועלן,
מיט שוועלן פון ים׳יקן תהום.

אין שטורמישן שאַלן,
אין רויש פון די וועלן,

אַליין אין דער ווייטקייט
פון ווינטיקער נאַכט, —
קאַלאַן האָט געמאָלן
זיך וואונדער־געמעלן
און האָט וועגן גורל
פון מענטשן געטראַכט:

וועלן צעדרילן,
צעשלאָגן אַ שטיין:
ווינטיקע וועלן פון ברויזיקן ים.
אַזוי איז דער טרוים פונעם גאון אַליין:
וועלן אָן ווילן, —
טויטלעכער סם.

34

זון האָט ווי אַ שפּיז
אַדורכגעשטאָכן האָריזאָנט.
קאַלאַן האָט זיך דערמאָנט
אָן העלואיז.
און די שטראַלנדיקע אויגן פון דער נאָנע,
ווי די אויגן פון דער הייליקער מאַדאָנע,
האָבן בלאָ געשפּיגלט זיך אין זון
און
אויף ים׳ען־אויבערפלאַך. — — —
ס׳האָט קאַלאַן צו זיך געלאַכט
אומגעפער אַזוי:
„וואָס איז ליבע פון אַ פרוי? —
מעג זיין די ליבע פון דער נאָנע העלואיז, —
ווען ניט דער ווילן־ריס
(מעג ליבע זיין — די ליבע פון אַ נאַר)
וואָלט אפילו העלואיז
נישט אויפגעמאַכט די טיר צו אַבעלאַר״. — — — —

35

מאַרטין פינזאָן
האָט מאָדנע־שטאַר

געקוקט צום האָריזאָנט
פונוואַנען שטורעם קומט,
און האָט געברומט:
„מאַעסטראָ, זעסט,
די כמאַרע וואָס קומט אָן
פון צפון זייט? —
ווי עמיץ רייט
אויף אַ מגושמ׳דיקער וויזל־טיר. —
און די גאַנצע מחנה וואָלקנס דאָרט,
ווי ווילדע לייבן אָן אַ שיר,
וואָלטן לויפן דאָ־אַהער
צו פאַרשלינגען אונדזער קאַראַבעל
ביי סאַמע שוועל
פון מוטער־ערד״. — — —

קאָלאָן:

„— דיין וואָרט באַשווערט
מיר מיין געמיט.
מאַרטין,
גיי מיט
וואוהין
עס ציט דער שטורעם־ווינט,
און פאַל ניט אונטער לאַסט.
ווילן איז דער מאַסט
וואָס טראָגט די פאָן: —
ער קרעכצט.
און ברעכט זיך ניט
אין ווילדעסטן ציקלאָן.
כ׳האָב אין לבנה־ליכט
געזען באַנאַכט דאָס לויטערע געזיכט
פון דער נאָנע עלואיזע:
איר פנים אין אַ ריזע, —
און אין שמאַטעס — אַבעלאַר;
ער — געלייטערט אין צער —

און זי — אין ווילנס־פּיין —
אַזאַ שטראַליקער לבנה־שיין. — — —
וואָס וועט זיין וועט זיין!
און טאָררעס איז גערעכט.
נישט איך און דו —
נאָר אייביק איז די צייט!
און דער וואָס אויף די וואָלקן־האָרבן
רייט —
וועט זיין דער ערשטער קרבן
פון דער שטורעמדיקער וואָר. — — —
זע, דער ווינט—ער רייסט די האָר
פון וואָרצלדיקן דעמב,
און ס׳בלייבט דער בוים אַ נאַקעטער,
ווי איינער אָן אַ העמד.
ווינט פאַרטראָגט ווי רויך
דעם טרוים
פון אָפּגעהוילטן בוים
אין זוניק־בלויער הויך,
אין אומבאַוואוסטער פרעמד, —
נאָר לעבן וועט דער דעמב
אין וואָרצלדיקער טיף.
אונדזער שיף
וועט אונטערגיין, —
נאָר בלייבן וועט
דאָס ניי־אַנטדעקטע לאַנד". — — —

...ים האָט צערעדט זיך
אויף ווינטיקער שפּראַך:
אין קברים צעגראָבן
די ים־אויבערפלאַך. — — —

37

אויף משופּע׳קע בערג,
איז די שיף פון קאָלאָנען געשטיגן;
אויף טורעמס פון שטורעם

געקלעטערט. — —
געוועזן איז די שיף ווי אַ חיה
מיט גליטשיקע לאַפּעס,
וואָס גליטשט זיך אַראָפּ
פון פאַרפרוירענעם באַרג־שפּיץ
אין אָפּגרונט אין טיפן
אָן שפּורן.
ס'זענען אין אָפּגרונט
די הימלען געלעגן
צעדרוזגעט,
ווי טונקעלע פלעשער
פון שוימיקע וויטען
וואָס האָבן געיוירן,
געפּינעט,
געמישט זיך מיט טינט
פונעם ים־ווין
דעם טונקעלן־ברוינעם. — — —
און לאַנג איז די שיף
אינעם אָפּגרונט געלעגן,
און מע האָט נישט געזען מער
דעם כוואַליקן יאָגן. — —
קאָלאָן האָט געהערט נאָר
דאָס אימה'קע קלאָגן
וואָס האָט זיך געריסן
פון שטורמיקער טיף —
פון אַלט און צעריסן
צעפלאַטערטן האַרץ.
ער האָט הייס און ציטערדיק,
מיט גאַנצן אינגעווייד געוויינט,
געבעטן קריסטוסן, זיין גאָט,
ער זאָל אין פרידן ברענגען אים
אַבי נאָר צון אַ ברעג.
ער האָט אים דאָך אויסדערוויילט
צו זיין אַ שליח פון אַ וועלט!

וואו ער וועט דעם נאָמען.
פון געקרייציקטן באַוואוסט מאַכן
און הייליקן אין אייביקייט. — אָמן. —

נאָר וואָס זאָל נישט פּאַסירן
מיט אַ מענטש — ער איז דאָך אין רשות
פון גאָט זיין האַר. — אויף שטורעמדיקן ים
האָט ער פאַרצייכנט — ווי עס זאָל נישט זיין —
אויף פאַרמעטן זיין וועג,
דורך אומגליקן און לייד — דעם נייעם וועג. — — —

38

קאָלאָן האָט לדורות פאַרצייכנט
אויף מאַפּעס פון פאַרמעט
זיין גרויסע נסיעה,
איר אָנהייב און ענדע.
אויב ים וועט פאַרשלינגען
דעם גוף פון קאָלאָנען,
זאָל בלייבן זיין וועגדונג,
זאָל בלייבן זיין נאָמען, —
לעגענדע.

...שווימט נאָך עד היום
זיין נאָמען אויף ים׳ען,
אין פּימסענע פעסער
פאַרזיגלט מיט סמאָלע. — —
קאָלומבוסעס נאָמען צעזאָמען
מיט בלוטיקער קללה
פון ערשטע אינדיאַנער,
וואָס האָבן פאַרשאָלטן
דעם פלוס אָקעאַנער,
וואָס האָט זיך
פאַמעלעך געפלאָסן
ביי אינדזלשע ברעגן —
דורות און יאָרן —

ביז ס׳זענען געקומען
די קאָנקיסטאַדאָרן. — — —

39

אין גליוורדיקערווילדערניש
פון האַרטן קיזלשטיין, —
צעוואַקסט זיך ווילדהאָס
אין אַ שפּיציק שאַרפן שטיין.
גלימערדיקער דעמער,
גרימענדיקער וויי.
געבונדענע לעמער, —
געשריי.

40

רשעות, גזילה און מאָרד: —
איבער זיי איז גאָטס וואָרט,
ווי אַ בייטש איבער אָרעמע רוקנס,
וואָס דורך קלעפּ וויל זי רשעות פאַרצוקן.
רשעות — אַ קייט איז וואָס בינדט
דעם חכם — דעם קלוגסטן און גרעסטן. —
און פאַר דעם שענסטן און בעסטן —
אַ שטריק איז די זודיקע זינד.
נישט ער ברוך הוא איז דער שאַפער:
פון גאָרנישט באַשאַפט ער אַ וועלט. —
אויך מענטש קאָן אין זוניקן אויר
פון גאָרנישט באַשאַפן — אַ וועלט.
און ווי איז דעם רשע־באַצווינגער,
וואָס וויל נאָר דורך רשעות אַליין
דעם ברודער אין שוואַכקייט באַזיגן,
דעם ברודער, וואָס גייט אויס אין געוויין.

41

אויפן האַפן־אינדזל נאַווידאַד,
אין שטילקייט אַ פאַרלאָשענער
אין מנחה־שעה, —
איז דע־טאָררעס

טיף אין דעמער־בלאָ געזעסן
ביים טייך
פון „פליסנדיקן גאָלד״.
ער האָט פּאָטערלעך באַטראַכט
די אויגן זיינע שאַפּענע,
וואָס האָבן מילד אַרויסגעבליקט
צו אים פון וואַסער־לויף
ווי דימענטענע שטערן צוויי
צעלויכטענע,
פון נאָך־נישט־קומענדיקער נאַכט. — —
ווי אַ שאָף אַליין אין פעלד,
איז אומגעגאַנגען נע־ונד
געדאַנק זיינער פאַרבלאָנדזשעטער
אונטער רחמים׳דיקע הימלען
פון זיין בלוטיק־ווייטער היים.
און ווען די זון האָט זיך געזעצט,
האָט צונטער־רויט
צעצונדן זיך זיין באָרד,
ווי קופּער ווען מע שמעלצט.
ס׳האָט טאָררעס אויסגעזען
אַ מדבר־מענטש
אין ברענענדיקן דורשט,
וואָס זוכט אַ קוואַל
צו אָנטרינקען זיין לעכצנדיקן גוף.
און ווי אַ שוואָם
וואָס נעמט אַריין אַ כוואַליעכל
אַרויסצוגעבן צוריק אין נויטיקער מינוט, —
האָט דע־טאָררעס איינגעזאַפּט
דאָס בילד פון אָנקומען פון נאַכט.
און ווען ער האָט דאָס פּנים אומגעקערט
אין נעבל־זיפּ פון האָריזאָנט,
האָט מיסטעריעז און געל
געבליקט צו אים דאָס אויג
פון באַרגיקער לבנה, —

רשעות׳דיק און בייז.
ער האָט אין אָוונט־ווייט באַשיינפערלעך געזען
אויף שטורעם ים קאָלומבוסן זיין האַר
ביים רודער־ראָד,
און בולט אויך געהערט
זיין טיף שלוכצנדיק געוויין.
ס׳האָט זילבער־פלוס פון גאָלדן־טייך
געפּלאָסקעט זיך אין איינגעזעסן בעט,
געפּליסטערט און געוויספּערט זיך,
און איינטאָניק גערעדט
ביז ערשטן זון־אויפשפּראָץ
פון פייערדיקן טאָג.
כאור הבוקר אין די בערג.
וויסטער ווינט איז אָנגעקומען מיט באַגינען־ליכט: —
צעבויטעט און צערוישט
די זילבער־פלאַפּלענדיקע רואיקייט
פון גאָלדן טייך.
און ס׳האָט אַ ווילדע טופּעריי
פון טראַמפּלענדיקע פיס
ביי ראַנדן פון דער נאַכט
זיך אָפּגעשלאָגן קוילערדיק
אין דע־טאָררעס
נאַכטיקן קאַשמאַרן־שלאָף.
עס זענען, ווי די בופלאָקסן
פונעם אורוואַלד יאָגנדע,
געלאָפן אינדיאַנער ווילד־צעלאָזענע;
ווי בוימל אויפגעקאָכטער האַס
האָט הייס געברענט
אין ווייסלען בלינצלענדע
פון די שפּאַרבער־אויגן
בלוטנדיק אין זון.
און דורכן צווישן־ליכט
פון ביימער תפילה׳קע אין ווינט,
האָבן שוואַרץ־געדיכטע קנוילן־רויך

געקנוילט זיך נאָך
צו הימלען גליאיקע
אין פרי־פרימאָרגן גאָלד.
און ס׳האָבן לעצטע הלאָוניעס
פון די צעלטן חרוב׳ע,
פון ערשטע זיגער און באַזיגטע
אויף נייעם קאָנטינענט —
אין מאָרגן־זון דערברענט.
...און ס׳איז דער רויך
פון ערשטער שריפה בלוטיקער
אויף נייער, הייסער ערד,
ווי דער קטורת הייליקער
פון ערשטן קין־מאָרד —
צו הימלען נישט דעגאַנגען. — — —

42

און טאָררעס האָט תפילה געטאָן
צו גאָט — דעם פעלדז פון זיינע אָבות —
וואָס ער האָט אים דורך מדבריות
און דורך ימ׳ען דורכגעפירט
צום אויסדערוויילטן לאַנד. — —
און געדאַנקט האָט ער דעם האַר
פון אַלע וועלטן — דעם גואל פון זיין לייב —
פאַרן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אים —
זיין קנעכט, — און געלאָזט אים
אין זיין וואונדיק האַרץ אַ שטראַל
פון האָפענונג געפינען
פאַרן נעבלדיקן מאָרגן פון זיין פאָלק. — — —

43

...און פון צווישן־בערג אַרויסגעקוילערט,
ווי פון דורות היילן,
שוואַרצן קנוילנדיקן עבר, —
אין ווייטער ווייט פון צוקונפטס־טאָג —
האָט דונערדיק געהילכט אַ שטים
אין שטורעם־שעה

קריסטאָוואַל קאָלאָן

פון אויסטערלישן זונאויפגאַנג,
ווי דאָס קול פון גאָט
אין מדבר פון זיין פאָלק: —
„...און זיין וועט איר אָט־דאָ
אין יעדן ווינקל
פון דער בלוטנדיקער ערד,
ווי שטערן,
און ווי זאַמד ביים ברעג פון מער
זיך מערן
און זיך אויסשפרייטן
אויף נייעם קאָנטינענט” — — — —

און גערופן האָט די שטים
צו טאָררעסן —
דעם וואָגל־זון
פון אומגליקלעכן פאָלק —
אַזוי צו זאָגן:
„די סאַנדאַלן פון די פיס
טו אויס,
און וואַש זיך זיבן מאָל אין טייך:
וואָרן הייליק איז דער שטיין
אַוואו דו זיצסט,
ווי הייליק איז דאָס אָרט
וואו מענטשלעך בלוט
האָט מוטער־ערד באַשפּריצט.

„בוי אויס אין מדבר אַ געצעלט,
און זיי דער ערשטער איינוואוינער,
ערשטער וואַנדערער
פון אַלטן וואַנדער־פאָלק
אויף נייער וועלט;
און עס דאָס ברויט פון פיין,
און לעב אין אייגן בלוט,
אין לייטערניש פון צער,
ביזן אויסלאָז פון די טעג. — — ”

מעקסיקאָ, ד, פ, 1936—1937.

אהרן צייטלין

דנאָען

(פּאַראַ־האַמלעטישע פערזן).

1

זיין אָדער נישט זיין? נישט דאָס איז די פראַגע.
זין אָדער נישט זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
געטלעכער חשבון האָט אפשר פון לאַנג שוין
מענטשלעכן חשבון צעריסן.

קיילעכדיק איז דער גערעכטער סך־הכל —
העלע לבנה אויף בלויטיקע טאָלן.
אָבער ווי קינדער, געפייניקטע קינדער,
וויינען די איינצלנע צאָלן.

זיין אָדער נישט־זיין? נישט דאָס איז די פראַגע.
זין אָדער נישט־זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
חשבון נישט־געטלעכן וויל איך פאַר טרערן,
וואָס די נישט־געטלעכע גיסן.

2

און ער איז, דאָך בפירוש דאָ, האָראַציאָ!
פאַראַן איז ער, דו נאַר, דו פילאָזאָף.
נאַר דאָ ערשט הייבט זיך אָן מיין פיין, האָראַציאָ.
ער האָט קיין סוף נישט — וואו־זשע איז דער סוף?

וואו איז אין אים דער אָפּשטעל פאַר מיין אומגליק?
אַ פערדישע נבלה אין אַ ראָוו,
אַ בראַנדיקע נשמה פאַר אַן אָפּגרונט —
צי איז עס נישט אַלץ־איינס אים, דעם אין־סוף?

אַ פיין אַזעלכע האָט זיך נישט גע'חלומ'ט
די פילאָזאָפען דיינע, פילאָזאָף:

די פּיין פון זוכן איז נאַר שפּיל פון קינדער
אַקעגן פּיין פון גלויבן אין אין־סוף.

ס'איז אַ וואולקאַן דאָס גלויבן מיינס, האַראַציאַ.
עס ליגט מיין גייסט, אַ נישט־דערקוילעט עוף,
אין בלוט אין אייגענעם — און וואַרט אויף רחמים.
בלויז רחמים איז דאָס האָפן, וואָס איך האָף.

אויף רחמים וואַרט איך. אָבער זיין רחמנות
איז גאָט, נישט מענטש — און פאַר מיין לייכטן שטאָף
איז זיין רחמנות שטראָף און אייטל פייער.
אַ, וואו איז מענטש, וואו דורכברוך — אין אין־סוף?

3

און אפשר איז ער גאָרנישט אַזאַ גרויס־האַר,
ווי ס'האָבן פילאָזאָפן אים געמאַכט?
און אפשר איז ער ליידנדיק ווי מענטשן?
און אפשר האָט ער גאָרנישט אַזאַ מאַכט?

און אפשר קלאַפּט ער, ווי אַ מידער בעטלער,
אין טויער פון די וועלטן יעדע נאַכט?

4

ווען האָט אַ נאַכט אַזאַ גענאַכט?
ווען האָט געצייטיקט אַזאַ צייט?
קען זיין: ער שטייט און פרעגט, ווי איך,
אין נאַכט, ווען שטן שוימט און שרייט.
דער מערדער שטייט פון איין זייט נאַכט,
און איך און ער — פון צווייטער זייט.

ווען האָט גענאַכט אַזאַ־מין נאַכט?
פאַר מיר מיט אים — צוזאַמען נאַכט!

ווען האָט אַ דור אַזאַ גע'דור'ט?
אונדזביידן זאָגט דער מערדער: מאַרד!

5

די אייביקע פראַגן, האָראַציאָ, די אייביקע פראַגן
זענען געווען מיינע טעגלעכע פראַגן,
מיינע מעת־לעת׳יקע פראַגן —
כ׳האָב נישט געפונען קיין ענטפער אויף זיי ביי די מאַגן.

אין זיך האָב איך ענטפערס געזוכט און געפונען,
אין זיך זיי געאָנט.
איצט אָבער, איצט, ווען עס שאָטנט אַלץ העכער,
מעשה גיגאַנט,
זיין עקסעלענץ דער פאַרברעכער, —
בלוטיקן ענטפערס, ווי אָוונט־צייט זונען,
שעמען זיך ענטפערס אַ שאַנד
צו ווערן געפונען.

6

אָפעליאַ יידישע, נישטאָ פאַר דיר קיין קלויסטער.
איך קען, אָפעליאַ יידישע, דיין וויי —
און כ׳האָב פאַר דיר אַן עצה, שוועסטער: גיי
אין דיין יידן־פרויען־וויי דעם גוואַלדיקן
און לאָז זיך פון אַ זעלנער־יונג פאַרגוואַלדיקן,
ווי פאַרצייטנס מרים, ישו׳ס מאַמע —
און זאָל אַ סוף זיין צו דער מעלאָדראַמע.

אָפעליאַ יידישע, דו גיי, געבויר
אַ בלוט־געמישטן ממזר־גאָט אַ נייעם
צום כאַם, צום מערדער־יונג, צום בן־חמור!
און זאָל דיין זון פאַר׳כישופ׳ן אויפסניי אים,
אויפסניי פאַר׳סמ׳ען אים דאָס בלוט, וואָס וויל צום וואַלד,
מיט חלום יידישן און יידישן געוואַלד
צו גאָט דעם פאָטער, צו דעם אָב־שבשמים.

איך קאָן נישט זינגען דיר קיין שיר־השירים,
איך קאָן נאָר פרעגן אין מיין לעצטער פיין —

טאָ גיי דיר און ווער שוואָגער פון אַ שוויין!
צום מערדער מיינעם גיי — און ווער אַ מרים!

7

צוריק געריעדט: וואָס גייט מיך אָן אַפּעליאַ?
וואָס זענען ווייבער? ציניש פאָלק, נישט מער.
דעם מענטש געבוירן זיי — און פרעסן־אויף אים.
אַ שאַנד־שפּיל אייביקע פון זי און ער!

נישטאָ אין זיי קיין רחמים. ס׳איז פאַלש־גלאַנציק
צו זעכציק ווי צו צוואַנציק. בלינדע ערד.
ס׳איז דאָ אין זיי אַזוינס, וואָס בינדט זיי אַלע
מיט וואָלף און בלוט, מיט היטלער און מיט שווערד.

8

ווייבער און דאָקטוירים זענען ציניש.
זיי זעען אונדז נאַקעט.
זעען אונדז נאַקעט, פיזיאָלאָגיש און קליניש.
צינישער נאָך איז דער טויט דער אַטלעט:
ער לאָזט אויף אונדזער נאַקעטקייט פאַלן
אַ פויסט ווי אַ קאַסטעט
און וואַלגערט אונדז אום אויף דער ערד —
פיניש!

דאָס ווייב, דער דאָקטאָר, דער טויט — די דריי!
די צינישע דריי!
אָן אויג איז פאַראַן,
וואָס זעט אונדז נאַקעטער נאָך,
אַזוי נאַקעט, אַז די נאַקעטקייט אַפילו
פאַלט פון אונדז אַראָפּ — און מיר ווערן אויפסניי
יש, פורעם, הילע.

צו יענעם אויג טו איך תּפילה,
דעם שטערן, וואָס ברענט
הויך איבער דיין מאַנבלאַן,
אַ רחמנות!

אויג פון רחמים,
דערזע מיך,
דערזע יענע נאַקעטקייט מיינע,
וואָס עס זעט זי די פּרוי נישט,
וואָס עס זעט זי דער דאָקטאָר נישט,
וואָס עס זעט זי דער טויט נישט.

זעסט ?
דורך יענער נאַקעטקייט מיינער
לייכט דער, וואָס האָט זיך געצונדן,
דער, וואָס ווערט אייביק
געבוירן און אייביק פאַרשוואונדן,
דער, וואָס זיינע קינדער
שטייען בלינדע
פאַר זיין תהום,
וואָס דער אינדער
רופט אים : אָם,
דער מקובל — אַין.

9

זוך איך מענטש אין גאָט,
זוך אין אומענד — ענד.
— — — — — — — — —
ווי טויטע צווייגן בלייבן פּלוצלינג
הענגען מיינע הענט.

דורכרייסן די אייביקייט
איז אפשר שוין דעם מענטש געלונגען,
נאָר נישט דעם מענטש, וואָס האָט געליטן,
און נישט דעם מענטש, וואָס האָט געזונגען,
נייערט
דעם מענטש, וואָס שיסט,
דעם מענטש, וואָס פייערט.

10

איך שטעל מיך אָפּ
אין מיטן פון דער שונדישער מלוכה

(שונד איז דאָס לעבן פון מיין פאָלק) —
און אַרום מיר, אין סאַמע מיטוואָכדיקע טעג,
ווערט אַלט־שלאָס־דעמערונג,
און כ׳שטיי און פרעג
אין בין־השמשות פון די שעה׳ן:

און ווי, און ווי, —
געאַנטער, אומבאַקאַנטער
וויזאָווי, —
ווי, אַז אין דיינע דאַרטנס,
ווי אין מיינע דאָ׳ען,
שגעונ׳ט אין שגעון? —

איך פרעג— און ס׳פאָלק מיינס,
פאָלק פון פאַטישע קרעמער,
קען נישט מיין העלסינגאָר,
זעט נישט
מיין אַלערבלויסטן,
אַלערשווערסטן דעמער.
עס שטייט אין קלייט און רופט זיין סחורה אויס
צווישן פאָגראָם און פאָגראָם.
מיר אָבער עפנט זיך
אין מיטן גאַס אַ תהום
און כ׳פרעג ביי דנאָען:
און ווי, און ווי,
אַז אין די דאָרטנס,
פונקט ווי אין די דאָען,
היטלערן זיך היטלערס,
פרעסן פרעך גאָטס לייב די פרעסער —
און אין דער אייביקייט אַליין
שפריצט בלוט, שפריצט בלוט פון מעסער?

דען איך ווייס דיין זיין, אַ אייביקייט,
נאָר צי האָבן רויבער, אייביקייט,
נישט אויפגעריסן דיינע שלעסער?..

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

לידער

נאַכט

ס׳איז גוט אַן ליבע און אַן איפּערזוכט, אַן פליכטן
צו גיין באַנאַכט אַליין, די טריט צוויי פייגל שטילע.
די וועלטן בייטן זיך ווי פלאַמענדיקע שיכטן,
דער הימל איז אַן אָפענע און לויטערע מגילה.

איך גיי און לייען אַ מעשה נאָך אַ מעשה,
און עס גייט אויף און עס פאַרגייט אַ וועלט.
אַ זיידן העמדעלע — אַט האָבן ברידער פינצטערע און בייזע
פאַרבלוטיקט און אין מאָרד פאַרשטעלט.

די וואָלקנס מישן רוישיק די בלעטער,
דער וועג איז ווייס ביים הימל לעם די פיס.
ס׳איז קין אויפגעשטאַנען און דער׳הרג׳עט הבל׳ען,
די שאָף איז מילד געבליבן, אין טייך דאָס וואַסער זיס.

איך טרעף אַ דורכגייער. אין פרעמדער גוטער־פריינדשאַפט
דערלאַנגט ער פייער מיר צום פאַפּיראָס.
איך זע זיין פּנים איז דורכגעברענט פון רעגנס,
די אויגן טיף פון אַ לאַנגאָניקן פאַרדראָס.

מיר בלייבן שטיין ווי שוועסטער און ווי ברידער,
אוןביידע שמייכלען אומבאַשטימט, פאַרטראַכט.
די וואָלקנס איבער אונדז מישן רוישיק די בלעטער,
און בלאַט מיט בלאַט פירט אַן אַ שלאַכט.

אַ שאָד מיין לעבן, אַ מאָדנער שאָד

דער רויטער בלאַט — מיין האַרץ —
ווערט גרויער אַלץ און גרויער,
אַ שאָד מיין לעבן, אַ מאָדנער שאָד.
דער טאָג קומט אַן מיט אומגעלומפּערטקייט און לויער,
כאָטש ס׳שטייט די זון איבער מיין קאָפּ —
אַ שאָד מיין טאָג, אַ מאָדנער שאָד.

לידער

און מיינע טריט, זיי צאַפּלען איבער שטיינער,
די ערד באַרירן מיט פאַרליבטן באַריר.
כ׳האָב זון געזען, געלייענט הענריך היינען,
געזען ווי ס׳פּאַרט קיין שפּאַניע אַ בלאַנדער, בראַוווער וואָלונטיר.
זאָל מעגלעך זיין, אַז דאָס איז אַלץ נישט מער ווי דולעניש פון בלעטער,
וואָס הודען אלול־צייט אויף יאָמערדיקן בוים?
זאָל מעגלעך זיין, אַז דאָס איז אַלץ נישט מער ווי פּלאַפּלעניש פון רעגן,
וואָס פאַלט מיט רוישנדיקן שוים?

נאָר סייוויסיי, וואָס ס׳זאָל נישט זיין
אַט־דאָ ביים הויכן שטיין, וואו ס׳קומט נישט קיינער,
וויל איך אַוועקפאַלן, אַ ווײלע ליגן שטיל —
דערנאָך די האָר דעם דולן ווינט אַוועקגעבן,
ווי ס׳גיט די פּליגל אָפּ אַ לויפנדיקע מיל.

און נאָך אַ גאַנג. און נאָך אַ טראָט.
אַ שאָד מיין לעבן. אַ מאָדנער שאָד.

חד גדיא

איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד
און פאַרוואָרפן דאָס צוליב אַ גראַם.
אין ליד איז געווען אַ מעשה
פון אַ הויכן, גרויעם מאַן,

וואָס שטייט פאַרטאָג ביי זיין פענצטער
און רויכערט אַ ליולקע און ברומט
ווי אַזוי עס גייט אַ לעבן —
און שלעפּט אַראָפּ צום גרונט.

ווי אַזוי עס שווימט דער הימל,
און שווימט קיינמאָל נישט אַוועק,
ווי אַזוי דאָס אייזערנע בעטל
איז מיט טונקעלע שאָטנס פאַרדעקט.

און ווי דער גרויער אומעט
האָט זיך אויף די וואָנצעס געזעצט,
און ווי דער טשאַיניק דער קרומער
זומט אַ נגון צולעצט — —

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

איז היינט מיט פּאַרדראָס און צאָרן
געקומען דער הויכער מאַן,
און אין פענצטער געפּאַכט מיט זיין ליולקע:
— האָסט פאַרוואָרפן מיך צוליב אַ גראַם.

האָב איך געקוקט אויפן טרויעריקן מענטשן
און באַטראַכט אים פון דער נאָנט,
און איך האָב דעם רויך פון זיין ליולקע
און זיין גרויעם אומעט דערקאָנט.

דאָס איז נישט קיין רויך פון קיין ליולקע,
נאָר אַ פאַרוויקלטער, אייביקער קנויל.
דאָס איז נישט קיין גרויער אומעט,
נאָר אַ וואָרט אויף פאַרשוויגענעם מויל.

און אָטאָ האָסטו אַ חד־גדיא.
איך לייען זי מיט זינגעדיקן טראָפּ,
איך אַליין, ווי מיין נאָמען איז קאַדיע,
קוק פון שפּיגל, ווי ער, פונקט אַראָפּ.

שפּאַן איין

שפּאַן איין די פּאָר כאַליאַוועס
און שפּאַן איין די פען.
אָט שטייט מיין קריגל קאַווע
מיין ברויט, מיין זאַלץ, מיין קלעם.

דער טאָג איז שוין פאַרענדיקט,
און דאָס איז דאָך אַ גליק.
דער טאָג מיינער איז שטענדיק
אַ האַרטער, שלעכטער קריג.

פאַרנאַכט. די לעצטע סטאַנציע
און דער לעצטער שטראַל.
עס כליפּעט ביי אַ פענצטער
אַ פאַרשפּילטער גענעראַל.

ל י ד ע ר

אַך מיין שיין כלי־זין
אין דעם בלוטיקן קריג.
אַ טייטל פון אַ מלמד
אַנטקעגן אַן אייזערנער פּיק.

און מיינע פּאָר כאַליאַוועס —
ווי ס'וואָלט זיי אַ כשוף געבויט,
זיי שטייען געשפּאַנטע און שטאַרקע
ווי מענדעלעס אייביקע בויד.

זיי שטייען האַרטע און סקאַראַוועס
לעם מיין צעשאָטענער בעט,
זיי שטייען פאַר'עקשנ'טע און בראַווע,
ווי אַ נאַר אין פאַרשפּילטן געוועט.

נעם איך ווידער מיין הילצערנעם טייטל
און שפּאַן איין מיין מאָדנעם געשפּאַן:
צי אַ שפּרונג, צי אַ ווינט, צי אַ רוח —
און היידאַ, דער וועג איז פאַראַן.

צווישן דעם רויך און צווישן דעם פּלאַם

צווישן דעם רויך און צווישן דעם פּלאַם —
אַזוי האָט דער פּלאַם מיטן רויך גערעדט —
פאַרשווינדט אַ פויגל אַ ווייסער אין פייניקן ים.
אַזוי האָט דער פּלאַם מיטן רויך גערעדט.

און וואו איז באַשייד פאַר אַ מאַמעס אַ קאָפּ
מיט אויגן פאַרמאַכטע אַנטקעגן אַ לאָמפּ?
און וואו איז באַשייד פאַר אַ בראַוון טראָט
פון אַ וואָלונטיר אויפן שפּאַנישן פראָנט?

דער פאַראומערטער קאָפּ ליגט פאַרשוויגן און געל,
דער גוף זינקט אַרונטער, פאַלט צו צו אַ וואַנט.
און דער וואָלונטיר מיט אַ מאָדנעם געזאַנג,
שפּאַנט אַנטקעגן דער וועלט מיט אַ ביקס אין דער האַנט.

צווישן דעם רויך און צווישן דעם פּלאַם, —
אַזוי האָט דער רויך צום פּלאַם גערעדט —

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

פליט דורך אַ בריוול געשיקט פון אַן אייליקער האַנט,
אַ בריוול אַ קורצס אין אַ ווייסן קאָנווערט.

דער בריוו איז געשריבן אויף רוקן פון ביקס.
ווערטער קנאַפּ — אָבער קלאָר, אָבער העל.
„איך גיי איצט צום פראָנט מיטן זעלביקן וועג,
וואו עס איז געגאַנגען אַברבנל.

„די ערד איז נאָך ביטער פון זיינער אַ טרער,
כאָטש זי איז שוין פאַרזונקען — איז שטעכיק דאָס גראָז.
און עס טרעפט — זיין פאַר׳חלש׳טע ליד איך דערהער,
ווען עס ציטערט מיין ביקס און מיין אַקסל פון שאָס״.

דער געזונקענער גוף פאַלט נאָך שווערער צום וואַנט.
נאָר דער לאָמפּ אויפן טיש ווערט צעפלאַמט, צינדט זיך אָן.
אין אַ שטיבל פאַרוואָרפן אין ערגעץ אין לאָדזש
פלאַטערט אַ בריוו, ווי אַ שטורמישע פאָן.

צווישן דעם רויך און צווישן דעם פלאַם —
אַזוי האָט דער פלאַם מיטן רויך גערעדט —
פאַרשווינדט אַ פויגל אַ ווייסער אין פייניקן ים.
אַזוי האָט דער פלאַם מיטן רויך גערעדט.
אַזוי האָט דורך יאָמער געהערט אַ פּאָעט.

דריי אַלטע שוואַרציאָרן

דריי אַלטע שוואַרציאָרן
אין ווייס, אין גרוי און אין מאַראַנט, —
זענען שפּאַצירן געגאַנגען
איבער אַ ליכטיקן לאַנד.

באַנאַכט, ווען די מענטשן שלאָפן,
רייטן די שוואַרציאָרן אויף פערד,
און באַטאָג, ווען די זון איז אין הימל,
גייען זיי ווי מענטשן פאַרשטעלט.

די הערנער פאַררוקט אונטערן היטל,
די ציגענע לאַפּע — אין שוך.
די הערצער די שלעכטע מיט ווערטער
פאַרדעקט, ווי מיט אַ זיידענע טוך.

לידער

דער ווייסער שוואַרציאַר האָט כּלי־זמרים
געהאַט — אַזאַ יאָר אויף זיין קאָפּ.
אַ חברה פון קליינע שוואַרציאָרן
אַזוי שוואַרץ — כאָטש אַ קוימען פאַרשטאָפּ.

דער גרויער שוואַרציאַר האָט אַ גאָרטן
געהאַט — אַזאַ יאָר אויף זיין קאָפּ.
דערנער און ריטער און נאָדלען
און שוואַרץ ווי אַ פאַררויכערטער טאָפּ.

דער דריטער שוואַרציאַר האָט אַ כּלה
געהאַט — אַזאַ יאָר אויף זיין קאָפּ.
אַ הינקעדיקע אַלטע מאַראַלע,
און לויכט ווי אַ בלעכענער קנאָפּ.

האָבן אָבער די אַלטע שוואַרציאָרן
געהאַט פון גאָלד אַ קיניגרייך,
און האָבן פאַרפירט אַהין מענטשן
אָט אַזעלכע, ווי איך מיט אייך.

פאַרפירט, אַ גלעזל וויין זיי געגעבן,
און געזונגען צוזאַמען אַ ליד.
אַ ליד פון אַ זוניקן לעבן
און פון אַ גאָרטן אַ גרינעם וואָס בליט.

האָבן מענטשן מיט אַלטע שוואַרציאָרן
צוזאַמען געזונגען, געלאַכט,
ביז ס'האָט איינמאָל זייער גאָלדענער פּאַלאַץ
מיט בליץ און מיט דונער געקראַכט.

האָבן דעמאָלט די אַלטע שוואַרציאָרן
(אוי דער סוף פון דער מעשה איז זיס)
די שיך און די היטלען פאַרלאָרן
און געבליבן מיט ציגענע פיס.

און די הערנער? אוי, אַ חרפה צו זאָגן —
ביי די דאָזיקע איידעלע לייט
די הערנער ווי ביי ציגן און באָקן. —
אַ שוואַרציאָר איז נאָר שיין ווען ער רייט.

ש. מיללער

אונטערן בייטש

אַ קלאַפּ פון אַ פויסט אין לינקן קינבאַק האָט אַ שטויס געטאָן דעם קאָפּ אויף רעכטס. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. די פענסנע איז אַרונטערגעפאַלן, דער קלאָרער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז איז פאַרשטיקט געוואָרן פון אַ גראָבער שטיוול־פּאָדעשווע, וואָס האָט אַרויפ־געטראָטן און צעקוועטשט, צעמאָלן די שטיקלעך. דער שוואַרץ העמדל־דיקער שוץ־שטאַפּלער פון דער צווייטער זייט האָט דערלאַנגט מיט אַ פויסט אין רעכטן קינבאַק. דער קאָפּ האָט דאָך נישט צוריקגעקראָגן די גלייכגעוויכט. דאָס מויל פול מיט בלוט, לויזע ציין. די אויגן, נאַקעטע, אָן די ברילן, זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט וואָס מ׳רופט געוויינליך טרערן. פינצטער. דאָס צימער האָט זיך גענומען דרייען, די ערד האָט זיך אַ וויג געטאָן. ער איז אומגעפאַלן.

— אויפשטיין!

אַ נאָז פון שטיוול האָט געשטורכעט אין זייט, געהאַמערט אין די ריפּן. די נעז פון די שיך האָבן זיך געריבן אָן דיל, די קני האָבן זיך אָנ־געשטרענגט, די הענט האָבן זיך אָנגעשפּאַרט, געהאָלפן זיך אויפשטעלן. דער קאָפּ האָט זיך אַ הייב געטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזט. קני און הענט האָבן נאָכגעלאָזט, בויך און פּנים זענען צוגעפאַלן צום דיל. בלוט. ציין אויפן דיל.

— דער איז צו שוואַך. מיט אים דאַרף מען זיך באַנעמען איידל—האָט דער אויספאַרשער אַ זאָג געטאָן צו זיינע באַהעלפער מיט אַן איידלען שמייכל, באַגלייט מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

לעאָן לעווענטאַל האָט דערפילט, ווי די האָר פון זיין קאָפּ רייסן די הויט פון זיין שאַרבן. איין שוץ־שטאַפּלער האָט אים אַזוי אַרום אויפגע־הייבן און אין צווייען האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון פאַרהער־צימער.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען אַ מענטשן לעבן זיך, האָט ער דערשראָקן און פאַר׳חידוש׳ט אַ קוק געטאָן. דאָס איז דאָך נישט זיין צעל. ער איז דאָך געזעסן אַליין. האָט מען געבראַכט אַזוי פיל נייע, אַז עס איז ענג געוואָרן, אָדער איז ער שוין איבערגעקומען זיינס, שוין „גלייכ־געשטאַלטעט" און קען שוין זיצן מיט נאָך מענטשן? איינס, צוויי, דריי.

בלויז אַ פּיר מיט די אויגן האָט געגעבן צו וויסן: איך ווייס, נאָך אַ מענטש איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן, איז שוין געקומען צו זיך נאָכן פאַר־הער. מער נישט. לעאָן לעווענטאַל האָט געפּרוּווט זיך אויפזעצן, דער־פילט אַ שאַרפן שטאָך אין זייט, זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעפּרעסט די האַנט צו דער זייט און פּאַמעלעך זיך דאָך אויפגעזעצט. די האַנט האָט זיך אָפּגעטיילט פון זייט, זיך דערנעענטערט צום פּנים, גענומען טאַפּן אַרום די אויגן, די באַקן, די אונטערשטע יאַסלע.

— וויפיל? — האָט דער מענטש דערביי אַ פרעג געטאָן.

לעאָן לעווענטאַל האָט דערשראָקן אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, דערזען אַ פאַרשוואָלן פּנים. צוויי פינגער האָבן אַ צי געטאָן די אונטערשטע ליפּ, אַנטפּלעקט רויע יאַסלעס. — מיר פעלט דריי, — איז אַרויסגעקומען האַלב צעקייט פון דעם עטוואָס געעפנטן מויל. לעאָן לעווענטאַל האָט געטאַפּט מיט אַ פינגער די יאַסלעס, אַזוי אַרום געציילט די אויסגעקלאַפּטע ציין. אַ שפּיגל האָט אַ שימער געטאָן פאַרן אינערלעכן אויג, די אויגן האָבן דערזען אַ שפּיגל — זיין שכן. אָט אַזוי מוז איך אויסזען.

אַ צווייטער מענטש — אַ שפּיגל. נישט קיין ביישפּיל — אַ שפּיגל. אָט־די נייע דערפאַרונג האָט אַזוי שאַרף אַ בלישטשע געטאָן פאַר לעאָן לעווענטאַל, אַז ער האָט מיט אויפגעריסענע אויגן גענומען קוקן אויף די דריי שכנים זיינע.

— לאַנג דאָ?

— נעכטן. איר?

— פיר און דרייסיק טעג.

די „פיר און דרייסיק טעג" האָבן נאָך מער אויפגעריסן לעאָן לע־ווענטאַלס אויגן. — פיר און דרייסיק טעג און... איר לעבט נאָך? — האָט ער שיר נישט אויסגערופן, אָבער דאָס מויל האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. די צעל שכנים האָבן אויך נישט גערעדט, מיט די אויגן באַטאַפּט בלויז דעם נייעם שכן. לעאָן לעווענטאַלס אויגן האָבן אַריינגע־נומען אַ ברייט, געזונט פּנים מיט אַ צעביילטן שטערן שלייף, אַ פאַרלאָפן אויג, אַ לענגלעך פּנים מיט אַ צעקלאַפּטער נאָז. זיין נאָענטסטן שכנ'ס פּנים מיט דער פאַרשוואָלענער באַק. פאַר אַ מאָמענט האָבן לעווענטאַלס אויגן זיך פאַר'גנב'ט אונטער די קליידער און דערזען דאָרט מילץ בלויע צייכנס פון גומענע שטעקנס און זיך גלייך פאַרמאַכט.

פויסט. אין זיין וועלט האָט ער קיין פויסט נישט געזען. אין זיין וועלט האָט מען זיך געשלאָגן מיטן צונג, זיך געשטאָכן מיט דער פּען.

ער האָט געוואוסט עס איז דאָ אַ פּויסט, אָבער בלויז געוואוסט, קיינמאָל נישט געפּילט, און האָט מורא געהאַט פאַר דער פּויסט מיט דער מורא פון אַ קינד פאַר פינצטערניש. ביים בלויזן געדאַנק פון אַ פּויסטן קלאַפּ האָט זיין קערפּער זיך איינגעשרומפּן — פּויסטאָפאָביא. ערשט דאָ איז ער געקומען פּנים לפּויסט אין בוכשטאַבלעכן, פּיזישן זין. זיין האַנט האָט אַ פּיר געטאָן איבערן פּנים, געטאַפּט דעם קינבאַק. ער קען נישט פילן גענוי דעמזעלבן וויטיק, דאָך האָט ער אַ ציטער געטאָן, געעפנט די אויגן. אויך זיי, אָט־די מענטשן דאָ, ברייטפּלייציקע, האַרט־פּנימ׳דיקע, קענטיק אַרבעטער, אויך זיי האָבן געפּילט די פּויסט. זענען זיי אומגעפאַלן ווי ער? און ווען אומגעפאַלן, זענען זיי אויפגעשטאַנען? ער איז אומגעפאַלן און האָט נישט געקענט אויפשטיין.

אָט־די דעראינערונג, נישט אַזאַ פּיזיש פּיינלעכע, ווי די פּויסט גופא, האָט דאָך זיך אַרויפגעלייגט אויף אים זער שווער, געדריקט זיין געמיט. אומגעפאַלן. שוואַך. זיי און ער. זיין קערפּער: זיצנדיק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער זיך געזען אַ נאַקעטן, אין פולן וואוקס. קליין, דאַר, אַ הינערשע ברוסט, אַן אויסגעקיילעכטע פּלייצע. די קלעוויקאַל ביינער ביים האַלדז קען ער אַרומנעמען מיט די פינגער. די פינגער — לאַנגע, דינע, „פאַרשניצטע", שרייבערישע פינגער. ער האָט געעפנט די אויגן, באַטראַכט זיינע פינגער, געזען די נעגל זענען באַזוימט שוואַרץ. אַ טראַכט געטאָן: געדאַרפט זיי אויסרייניקן און תוך כדי מחשבה אַ שמייכל געטאָן — מער פעלט דיר גאָרנישט. די ברילן אָבער... ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט אַ פינגער איבער די אויגן. אָן די ברילן איז ער אַזוי גוט ווי בלינד. קורצזיכטיק. נישט קיין פּלאַץ פאַר ברילן, נאָך פּענסנע דערצו. זיך מוזן באַגיין אַזוי. צוגעוואוינען. זיינע שכנים? ער האָט זיי גענומען באַטראַכטן.

די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן. ער האָט דערזען ווי זיינע שכנים שפּרינגען אויף. אויפשפּרינגנדיק, האָט דער נאָענטסטער שכן זיינער נאָך באַוויזן אים אַ שטורכע טאָן, און, נישט באַגרייפנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, זיך אויפגעשטעלט.

— הייל, היטלער!

— איבונגען!

די פיר מענטשן זענען געשטאַנען אויסגעצויגן, האָבן געוואַרט אויף דעם וויטערדיקן באַפעל. ער איז געקומען:

— שטיי! זיץ! שטיין! זיצן! זיץ — שטיי! אַרויף! אַרונטער! אַרויף! אַרונטער!

אַ ראשיקער שטראָם פון געשרייען, באַפעלן, און די מענטשן האָבן געמוזט נאָכפאָלגן דעם שטראָם — זיך אויסציען גלייך ווי אַ ליכט און אויגנבליקלעך זיך אַרונטערלאָזן אויף די ציפּקעס. דאָס גאַנצע געוויכט פון קערפּער באַלאַנסירט אויף די שפּיץ פינגער. — אַרויף! אַרונטער! אַרר... — דער שטורם־טרופּער האָט זיך מישב געווען: וואָס דאַרף ער שרייען? בייטש אין האַנט, האָט ער אָן ווערטער גענומען דיריגירן: אַרויף! אַרונטער! און ווי צו דעם וואָס האָט פאַרזען אַ באַוועגונג פונעם דיריגענטס „שטעקעלע״. — אַרויף! — האָב איך געוויזן! — און די בייטש האָט אַ סווישטשע געטאָן.

דעם דיריגענטס שטעקעלע וואַרפט זיך נישט מער אויף אַרויף און אַרונטער. — הוף! — האָט דער „דיריגענט״ אַ בלאָז געטאָן, מיד פון זיין שווערער אַרבעט. — אַביסל איבונגען פאַרן עסן גיין איז זער גוט. עס איז געזונט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

די זיך־טרייסלענדיקע קני פון די אויסגעמאַטערטע פיר מענטשן האָבן צוגעשאָקלט: יאָ, יאָ, זער געזונט.

און איצט, אין עסצימער!

די פיר מענטשן האָבן געמאַכט אַ טראָט.

— אויף אַלע פיר! חזרים וואָס איר זענט!

קאָסע בליקן האָבן אַ שניט געטאָן דעם שטורם־טרופּער.

— אויף אַלע פיר האָב איך געזאָגט! — די בייטש איז שוין געהאַנגען אין דער לופטן.

זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, גענומען קריכן אויף אַלע פיר.

— אָט אַזוי. שוויין, צו די שעפלען! — דער שטורם־טרופּער איז געווען צופרידן.

קינדער? חיות? פאַרווילדעוועטע מענטשן? דעם שטורם־טרופּערס אַראַפּניק — דער איינציקער ענטפער. מענטשן קריכן אויף אַלע פיר געבוי אַזוי גיך אָדער פּאַמעלעך, ווי דער שטורם־טרופּער מיט זיין אַראַפּניק פאַרלאַנגט.

לעאָן לעווענטאַל האָט נישט געפילט קיין הונגער. דער ריח פונעם עסן האָט אים געאיבלט. דער אָנזען פון אַזוי פיל מענטשן, צעקלאַפּטע, צע׳מזיק׳טע, מענטשן וואָס זענען נאַרוואָס געקראָכן אויף אַלע פיר, זיצן און עסן מיט אַזאַ זשעדנעקייט אָט־די עפּוש׳דיקע שפּייז האָט אים גע־

וואָרגן אין האַלדז. דער טיש־שכן זיינער האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף זיין עסן, אויף אים, געשעפּט מיטן לעפל די שיטערע, אַזוי גערופענע זופּ, און, ווען פאַרטיק דערמיט, ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים — פאַרוואָס עסט איר נישט?

— איך קען נישט,—האָט לעאָן לעווענטאַל פאַרשעמט געענטפערט.— מיינע ציין, — האָט ער אָנגעוויזן — איר קענט עס נעמען אויב איר...

דער שכן האָט גנב׳יש אַ וואָרף געטאָן אַ קוק צי מ׳זעט נישט, אַ רוק געטאָן דאָס פּולע שיסעלע צו זיך, דאָס ליידיקע צו לעאָנ׳ען און, עסנדיק, געפּליסטערט אָפּגעריסענע זאַצן:

— דאָס איז פּאַמאַיעס, נישט קיין זופּ. אָבער עסן דאַרף מען. ציין, נישט ציין, אַזוי לאַנג ס׳איז דאָ אַ מאָגן מוז מען עסן. אַניט קראַפּירט מען. מ׳מוז דערהאַלטן דאָס ביסל כח. וועט נאָך צונוץ קומען, — האָט ער אַ וואונק געטאָן.

די „קאַווע” אין אָוונט האָט ער געטרונקען, דאָס שטיק ברויט מיט מאַרגאַרין געגעסן. דער ערשטער ביסן האָט זיך געשטעלט אין האַלדז, דער ערשטער שלוק האָט געשלאָגן אויף צוריק, אָבער ער האָט זיך געצוואונגען צו טאָן אַ צווייטן זופּ, אַ דריטן, אַרונטערגעשווענקט דאָס ברויט. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע טעפּל קאַווע, און... ער האָט זיך דערפילט מונטערער.

— מ׳מוז דערהאַלטן דאָס ביסל כח, — האָט ער נאָכדעם איבערגע־טראַכט זיין שכנ׳ס רייד, געזען זיין וואונק „ווועט נאָך צונוץ קומען”. אָט־די רייד, אָט־דער וואונק האָבן געשאַפן אַ בונד צווישן אים און דעם שכן. די שכנים, די אַלע צעקלאַפּטע, צע׳ממית׳טע, געפּייניקטע אין דער תפיסה. אַ געדאַנק איז אויך דורכגעלאָפן וועגן דער אויסערלעכער וועלט, וואו דאָס ביסל כח דאַרף נאָך צונוץ קומען.

די אויסערלעכע וועלט. איז דאָ אַן אויסערלעכע וועלט? ערשט נעכטן אָוועק פון אָט־דער וועלט און דוכט זיך שוין יאָרן. אַ צאַם פון שטעכיקן דראָט טיילט אָפּ די תפיסה פון דער אַרומיקער וועלט, אָבער אים דוכט זיך אַז איבער דער צאַם, אַרום אים — אַן אומזיכטבאַרע צאַם וואָס טיילט אָפּ נאָך שאַרפער. די גאַנצע תפיסה אַ שטיינערנער אינדזל, די צעלן — היילן, קברים. אויסערלעכע וועלט. איין פויסטן קלאַפּ אין פּנים און די גאַנצע וועלט הייבט זיך אָן דרייען פאַר די אויגן, אַ צווייטער קלאַפּ און די וועלט פאַרשווינדט אינגאַנצן. זיין קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. מ׳הייבט זיך דאָך אויף. אַפילו אין דער צעל דרינגט אַריין

אַביסל ליכט בייטאָג, ליכט פון דער דרויסנדיקער וועלט. אַ וויזיע האָט אַ שימער געטאָן פאַר די אויגן. די אַלפּן בערג, דער גלאַנץ פון שניי אַנטקעגן דער זון. די ליכטיקע, דרויסנדיקע וועלט — בערג אַזוי דייט־לעך, אַזוי קלאָר, פון מיילן ווייט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. די זון נעמט פאַרגיין. אַלפּן גליִ. רויט, בּאָרדאָ, פיאַלעט, גרוי, שוואַרץ, ווידער גרוי. אַ נעפּל פאַרציט זיך, אַ געדיכטער טומאַן. די בערג פאַרשווינדן. זיי זענען דאָ, אָבער ער זעט זיי מער נישט, פילט זיי נישט, ער ווייסט בלויז, און דאָס איז נישט גענוג. וואו איז די אויסערלעכע וועלט? פאַר־וואָס שווייגט זי? קרובים, פריינט, חברים, מענטשן! וועלט — דער ווינקל דאָ, דאָס שטיקל דיל. ווען מ׳קריכט אויף אַלע פיר. „דערהאַלטן דאָס ביסל כח. וועט נאָך צונוץ קומען״... דערהאַלטן דאָס ביסל כח. זיי איז לייכטער. זיין כח. כח! כח! אויב נישט קיין פיזישן איז גייסטיקן, איז דאָך דאָ אַזאַ „זאַך״ ווי גייסט אויב אפילו מ׳קען דאָס נישט אַנטאַפּן, אפילו ווען מ׳זעט פאַר זיך שטורם־טרופּן. זאַמלען דאָס ביסל כח. אויס־האַלטן. אַרויס פון דאַנען. זיך אַרויסראַטעווען. דאָרט אויף דער פריי... קומען דאָך אַרויס מענטשן.

2

— רעכטס! לינקס! האַלט!

— יידן פאַראויס!

לעאָן לעוועטאַל איז אַרויסגעקומען, נאָך צוויי יידן. שטייענדיק אויסגעצויגן, היטנדיק זיך נישט אַ דריי צו טאָן דעם קאָפּ, האָט איין קורצזיכטיק אויג זיינס דאָך געזוכט די פּנים׳ער פון די אַנדערע צוויי. מענטשלעכע פיגורן האָט ער געזען, נישט מער. דער שטורם־טרופער האָט שוין געפרעגט: נאָמען?

— לעאָן לעוועטאַל.

— באַשעפטיקונג?

— שריפטשטעלער.

— אה, אַ שרייבער! וואו האָסטו געשריבן, מאַריץ?

— צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער.

— קענסטו שרייבן?

וואָס וויל ער מיט אָט־דער פראַגע? קיין צייט צו טראַכטן. אַ שטילער „יאָ״.

— אַרויס מיט דער פען!

לעאַן לעוועגטאַלס קורצזיכטיקע אויגן בלאַנדזשען איבערן פּנים פונעם שטורם־פירער, שטורם־טרופּן, חברים געפאַנגענע. זיי שטייען שטום, גרוי. בלויז דער שטורם פירער שמייכלט. די ברוינע, די שוואַרץ העמדלדיקע „גרינזען" — דער ספּעקטאַקל הייבט זיך אָן.

— אַרויס מיט דער פען! — האָט אַ געשריי געטאָן דער שטורם־פירער, און אַ שטורם־טרופּער האָט אַ זעץ געטאָן מיטן קולאַק נידעריק אונטערן בויך, אַז לעאַן לעוועגטאַל האָט זיך איינגעקאָרטשעט. אַ הייב ביים קאַרק, אַ זעץ מיט דער קני און לעאַן איז ווידער אויף די פיס, שטייט גלייך.

— די פען אַרויס, דו פאַרשניטענער יידישער שווייןְ!

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער אָפּגעקנעפּלט דעם קראַק.

— שרייב, מאַריץ!

לעאַן לעוועגטאַל איז אַ ראַדיקאַלער מענטש. קיין טייל פון קערפּער איז נישט ערגער, נישט מאוס'ער פון אַן אַנדערן, אָבער לעאַן לעוועגטאַל איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַטלעט, האָט קיינמאָל נישט געהאַט די הנאה פון שטיין נאַקעט פאַרן שפּיגל און מיט אַ נאַרציסוס פאַרגעניגן באַטראַכטן זיין אייגענעם קערפּער. פאַרקערט, אפילו אין וואַנע האָט ער געפילט, זיך געשעמט פאַר זיין נאַקעטקייט, אַ נס וואָס דאָס וואַסער איז אַ וואָואַל, פאַרדעקט טיילוויז. דעם איצט אַנטבלויזטן טייל פון זיין קערפּער האָט ער געוועגלעך באַצייכנט מיט דעם לאַטיינישן וואָרט „פּעניס". זיין זיידע אָבער האָט אָט־דעם טייל גערופן „ערוה", די שאַנד. חרפּה און בושה איז איבערגעגאַנגען בירושה, היינט די באַליידיקונג, די דערני־דערונג...

— שרייב, שמוציקער ייד!

די בייטש אין שטורם־טרופּערס האַנט איז געהאַנגען אין דער לופטן, אָט־אָט לאָזט זי זיך אַרונטער.

ער האָט אָנגעשריבן...

— איצט קענט איר זען די שמוציקע יידישע שרייבערייען, — זאָגט פייערלעך דער שטורם־פירער. — מיט זייערע שמוציקע יידישע פּענעס פאַרגיפטן זיי דאָס ריינע אַרישע פאָלק. אויסמעקן!

— אויסמעקן! האָב איך געזאָגט! —האָט אַ ריטשע געטאָן דער פירער, און תוך כדי דיבור האָט לעאַן לעוועגטאַל דערפילט אַ ביינערדיקע צוואַנג אַרום זיין נאַקן, אַ קלאַפּ פון אַ שטיוול איבער זיינע שיין ביינער. זיין גוף — אַ ווייכע שמאַטע אונטער עמיצנס אַ פוס. זיין קאָפּ, זיין פּנים

— אַ שמאַטע אין עמיצנס האַנט, און די האַנט רייבט די שמאַטע אין שטויב, אין קויט, רייבט, און ווישט. און די פאַרשאָלטענע שמאַטע האָט נאָך לעכער, אויערן וואָס הערן דאָס געלעכטער, דאָס ברייטע געלעכטער פונעם שטורם־פירער און זיין אונטערגעבן חשק: גוט, גוט אָפּמעקן! אָט־אַזוי!

— גלייך שטיין! העי, יידן! געזען? היינט וועט זיין גענוג. מאָרגן וועל איך מיט אייך רעדן. אין רייען!

— רעכטס! מאַרש!

דריי הונדערט מאַן זענען געלאָפן לענג אויס דעם פּאַרקאַן, ארום און אַרום דעם תפיסה־הויף — איבונגען פאַר דער וועטשערע — אַ שטיק ברויט מיט מאַרגאַרין און אַ טעפּל ברוינע פליסיקייט — קאַווע.

דער שכן האָט צוגערוקט דאָס טעפּל קאַווע נענטער צו לעאָנס שטרוי־זאַק, אָבער לעאָן האָט אפילו נישט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, דאָס פּנים...

די דריי שכנים האָבן געקייט זייער ברויט, געזופּט זייער קאַווע שווייגנדיק. דאָס שווייגן איז געדיכט געשטאַנען אין קאַמער. דאָס טשאַמקען פון די ציינער, דאָס קלאַפּן פון די ליפּן האָט געשיילט דינע שיכטן פון דער שווייגעניש, פון דער שטילקייט, אַ שיכט פון חרפּה, פון שאַנדע, פאַר זיך, פאַר יענעם, פאַר דעם מין מענטש; אַ שיכט פון גרינגשאַצונג, פאַראַכטונג, עקל פאַר דעם שוואַכסטן פון די שוואַכע, און אַ שיכט פון רחמנות — אַ בלודנע הינטל האָט זיך צוגעשלאָגן, אַ קליין, פאַרמארעט, קאַלטענעוואַטע הינטל, האָט אפילו קיין כח נישט אַ האַווקע צו טאָן. אַזאַ הינטל וואָלט מען נישט אַריינגענומען אין שטוב, אָבער אַז עס איז שוין דאָ — אַ רחמנות אויף דעם. אין דער האַלבער שעה פאַרן שלאָפן גיין, די האַלבע חסד שעה, האָט ברונאַ, לעאָן לעווענטאַלס שכן, גאָט ווייסט וואו געקראָגן אַ צודעק און אַריינגעבראַכט אין קאַמער. ער האָט אויך אַריינגעבראַכט זיין קאַווע־טעפּל פול מיט וואַסער.

ווען מ'האָט אויסגעלאָשן די ליכט איז ברונאַ צוגעקראָכן צו לעאָנס שטרוי־זאַק, אָנגערירט לעאָנען — דאָ, — האָט ער שטיל געפליסטערט, צוגעטראָגן דאָס טעפּל וואַסער צו לעאָנס ליפּן, האַלטנדיק עס, געלאָזט אים טרינקען, נאָכדעם גענומען אַביסל וואַסער, אָנגעגאָסן אויף אַ שפּיץ פון צודעק און פאַרזיכטיק געווישט דאָס פּנים פאַרשמירט פון שטויב, קויט און טרערן... מיט אַ צווייטן שפּיץ צודעק האָט ער אָפּגעווישט דאָס פּנים, דאַן אים צוגעדעקט און אַ שעפּטשע געטאָן: שלאָף!

— דאַנק, ברונאַ, — האָט לעאָן קוים אַרויסגעזאָגט און זיך צעוויינט, טרערן פון דאַנקבאַרקייט, גערירט פון דער מענטשלעכקייט, און אָט־די טרערן האָבן אָפּגעוואַשן די טרערן פון שאַנדע. ער איז איינגעשלאָפן אַ שווערן שלאָף.

3

דער איידעלער מאַיאָר האָט אים אויפגענומען זער איידל, אַזוי איידל אַן לעאָן לעווענטאַל האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן צי האָבן זיי ריכ־טיק געהערט ווי מ'האָט אים געאירצט, נאָך ווינציקער האָט ער געגלויבט זיינע קורצזיכטיקע אויגן. קאָן אַזאַ מויל, מיט אַ לאַנגן שווערן קין, אַ מויל וואָס ציט זיך פון אונטן אַרויף, די אונטערשטע ליפּ שלינגט איין די אויבערשטע, קאָן אויף אַזאַ מויל שפּילן אַ שמייכל? דער לאַנגער פערדישער קאָפּ, די זאַמד קאָליר קורץ געשוירענע האָר מיטן יאָזשיק — אַ שיטער קעמל מיט גראָבע ציין וואָס ווערן אַלץ קורצער אויפן וועג פון שטערן צום נאַקן, — אַזאַ קאָפּ, אַזאַ מויל, און אַ שמייכל, העפלעכקייט, איידלקייט. די איידלקייט איז אים נישט געפעלן געוואָרן, פאַרדאַכט האָט אויפגעוואַכט. פאַרדעכטיק האָט ער אויפגענומען די פראַגן, פאַר־זיכטיק געגעבן ענטפערס, אָבער דער מאַיאָר האָט אָנגעהאַלטן די איידל־קייט, זיך אפילו געקלאָגט אויף די גראָבע מאַניערן פון די געווענלעכע שטורם־טרופּערס. — האָפּענטלעך אַז ער איז נישט שלעכט באַהאַנדלעט געוואָרן די לעצטע עטלעכע טעג?

— ניין, — האָט לעאָן לעוועטאַל געענטפערט און אַ פולן קוק געטאָן אויף זיין פאַרהערער. ער האָט דערזען זיין שמייכל, און אַ פליכטיקער געדאַנק איז דורכגעפלאָגן: קאַץ און מויז. די קאַץ פרעסט נישט אויף, דערוואַרגט נישט דאָס מייזל מיט אַמאָל, זי שפּילט זיך מיט דעם, האָט הנאָה פון דער שפּיל אפשר אַזוי פיל ווי פון מייזל גופא. אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ מייזל אפילו ווען זי איז נישט הונגעריק, פאַרן פאַרגעניגן פון שפּילן זיך... היט זיך, לעאָן.

דער מאַיאָר מיט זיינע גרין־גרויע אויגן, נישט קורצזיכטיק, האָט אויפגעכאַפּט דעם וואַכן קוק פון זיין עקזאַמענירטן, אַ שמייכל האָט אַ שימער געטאָן אין די אויגן. די שפּיל האָט זיך אָנגעהייבן.

— קולטורעלע מענטשן קענען זיך פאַרשטיין אַן גוואַלד־מיטלען, נישט אַזוי?

— יאָ, — האָט לעאָן פאַרעוו געענטפערט. אַ געדאַנק האָט זיך

נאָכגעשלעפּט: שוץ שטאַפּלער — באַרבאַרן און אָט־דער מאַיאָר — קול־טור. קול־טור! ווי ער האָסט דאָס וואָרט!

— וואָס דענקט איר וועגן דער נייער ריכטונג, בעסער געזאָגט, וועגן דער נייער דייטשער קולטור?

לעאָן לעוועגטאַל האָט געהערט זיין האַרץ־קלאַפּן, געשוויגן. דער מאַיאָר האָט אָנגעשטרענגט אַ קוק געטאָן, באַלד האָט דער שמייכל נאָך שאַרפער געשניטן זיין שוואַער מויל.

— איך ווייס, נישט אַלע האַלטן פון אונדזער נייער קולטור — ער האָט אַ נעם געטאָן אַ העפט — אָט שרייבט איינער: „דאָס וואָרט קולטור, אַרויסגעבראַכט פון אַ נאַצי מויל, איז אַ פאַרשוועכונג פון וואָרט". דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געשריבן אַ ייד. איר זייט נישט דער, וואָס האָט עס געשריבן?

— ניין.

דער מאַיאָר האָט געמישט אין העפט. — און אָט שרייבט נאָך איי־נער: „פייערן געטהעס יובילייי און זינגען דאָס האַרסט וועסל ליד איז פונקט ווי גנב׳ענען פון קעשענע אין אַ קירכע". דאָס האָט, נאַטירלעך, אויך געשריבן אַ ייד. נישט איר האָט עס געשריבן?

— ניין.

— אייער נאָמען?

— לעאָן לעוועגטאַל.

— אַנדערע נעמען?

לעאָן לעוועגטאַל האָט דערפילט ער גייט אויף דינעם אייז. וואו איז דאָס אַמדינסטן? וואָס וויל ער, אָט־דער אויספאָרשער, וואוהין צילט ער?

דער מאַיאָר האָט געענטפערט אויף דעם פרעגנדיקן קוק. — נו יאָ, איר, שרייבער, האָט דאָך אַמאָל אַנדערע נעמען אויך, פען נעמען, וואָס איז אייער פען נאָמען?

האָט ער עפּעס אין העפט מיט זיין פסעוודאָנים? ווייסט ער אָדער ווייסט ער נישט? אויב ער ווייסט וועט לייקענען נאָך זיין ערגער. — לאַלאַ.

— לאַלאַ. לאַ—לאַ. קלינגט שיין. פריץ!

— צום באַפעל, הער מאַיאָר.

— האָסט מיר צוגעזאָגט אַ הינטל פאַר מיין ווייב.

— יאַוואָל, הער מאַיאָר.

— ווען עס אַ נאָמען געבן לאַלאַ.
— אַנדערע נעמען? — האָט ער זיך געווענדט צו לעאָן לעווענטאַל, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזאָגט צווישן.
— ניין.
— קענט איר מיר זאָגן די פּען נעמען פון אַנדערע שרייבער?
:— איך ווייס נישט.
דאָס רעכטע אויג פאַרזשמורעט, דאָס לינקע אויג דראַפּעט זיך איבער לעאָן לעוועטאַלס קין, נאָז, ביז צו די אויגן, דראַפּענדיק: דו וואָגסט מיר צו זאָגן אַ ליגן! דאָס אויג דראַפּעט זיך נישט מער, ביידע אויגן מעסטן, וועגן. — איר האַלט מיט אייערע קאַלעגן שריפטשטעלער. אַנו, לאָמיך נאָר זען אייערע הענט, הער שריפטשטעלער!
דער שוץ שטאַפּלער האָט אַ שטויס געטאָן לעוועטאַלן נענטער צום טיש. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. די לאַנגע, דינע פינגער האָבן געציטערט.
— איר האָט פיינע פינגער. לאַנגע, בלייפּען פאַרשניצטע פינגער, אָבער די נעגל. איר טרויערט נאָך עמיצן?
— ניין.
—אַזוי שמוציק. איר דאַרפט זיי לאָזן אויספּוצן. אומבאַדינגט אויספּוצן. מאַניקור! — האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן צו די שוץ שטאַפּלער און אַ מאַך געטאָן מיט די פינגער פון דער האַנט. — מירן נאָך רעדן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו לעאָנען מיט אַ שמייכל.

4

לעאָן לעווענטאַל זיצט ביים דאַנטיסט אויפן שטול, דאָס מויל גע־עפנט. באַלד וועט דער דאַנטיסט אַריינטאָן אַ קאָרביקע נאָדל, זי צוליגן צום צאָן, אַ דרעלעווע טאָן. דער צאָן פילט שוין דאָס שטאָל פון דער נאָדל, לעאָן פילט און הערט ווי דאָס האַרץ זיינס קלאַפּט, שטאַרקער, שטאַרקער. ניין, דער דאַנטיסט דרעלעוועט נישט. דער מענטש וואָס האַלט דאָס שאַרפע שפּיזל אונטער זיין נאָגל קראַצט בלויז אַרויס די שמוץ פון דאָרט, קראַצט אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי פאַרזיכטיק, און דער צווייטער, דער וואָס האַלט זיין געלענק, האַלט אים אַזוי לויז, אַזוי... אוי!
לעאָן לעווענטאַל האָט זיך אַ הייב געטאָן. דאָס שפּיזל האָט נישט אַריינגעשטאָכן אין פלייש אונטערן נאָגל, אין מאַרך האָט עס אַריינגע־

שטאָכן, דער מאַרך האָט זיך אַ הייב געטאָן, די פליסיקייט פון מאַרך גיסט זיך אַרויס דורך די אויגן.

אויף דעם אויפגעהייבענעם מאַרך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ שווע־רער פרעס, אויף די אַקסלען אַן אייזערנער יאָך, אַרום זיין געלענק אַ ביינערדיקע צוואַנג. — וואָס שרייסטו אַזוי? מ'רייניקט אים די נעגל, דעם שמוציקן יידן, שרייט ער. דעם צווייטן פינגער!

ער'ט ניט שרייען, ער'ט פאַרשטשעמען די ציין, איינבייסן די ליפּן ביזן בלוט אָבער ער וועט נישט...

— ה—א—ה !!!

דאָס שפּיזל האָט געשטאָכן טיפער, טיפער, פּאַמעלעך געשטאָכן, געדרייט, געעגבערט. לעאָן לעווענטאַל האָט נישט געשריען, ער האָט געריטשעט, געברומט, געקרעכצט. דער קערפּער, איינגעקרעמפּט און איינגעקלעמט אין מענטשלעכן ביינערדיקן קלעם, האָט דאָך קאַנוואול־סיוו זיך געצאַפּלט.

— אַזאַ שמוציקער ייד! פאַרשטאָפּן דעם שנויץ! מיט רימענס צובינדן. רואיק זיצן! רואיק! אָט אַזוי. די צווייטע האַנט. נאָך פינף פינגער. פינף נעמען פון יידן, שרייבער, קאָמוניסטן און מיר לאָזן די האַנט צורו. מיר וועלן ציילן ביז פינף. איינס, צוויי... דריי... פיר... פינף!

— — — — — — — — — — — — — — —

נא, ער איז שוין קאַפּוט.

אַ שעפל וואַסער האָט אים געבראַכט צוריק צום באַוואוסטזיין. געשטורכעט פון הינטן, געשטויסן פון פאָרנט, האָט מען אים אַריינגע־שטופּט צוריק אין זיין צעל.

— יאָ, דאָס טוען זיי, — האָט ברונאָ אַ זאָג געטאָן, צוקוקנדיק ווי לעאָן האָט געריסן שטיקלעך פון דעם העמד, איבערגעבונדן די צעשטאָ־כענע פינגער. — און נאָך ערגערס, — האָט ער צוגעגעבן, שוין קוקנדיק פאַר זיך.

— פאַרוואָס דערשיסן זיי שוין נישט? — האָט לעאָן ווייטאָקדיק אויסגערופן.

— זיי טוען דאָס אויך, — האָט ברונאָ פאַרטראַכט געענטפערט.

— שוין בעסער ווי מאַטערן.

— איר מיינט אַזוי?

אַ סוד האָט געווייט פון דער פראַגע, אָבער לעאָן לעווענטאַל איז געווען

צופיל צעוויטיקט צו כאַפּן אָט־דעם געהיימען אומעט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטער דער פראַגע.

— איך וואָלט זיך ליבערשט אַליין דערשאָסן איידער דורכגיין אָט־דעם גהינום.

— דאָס וואָס זיי ווילן, מענטש! — האָט שוין ברונאָ גערעדט דירעקט צו אים. — געגוי דאָס ווילן זיי, מיר זאָלן זיך אַליין אויס׳הרג׳ענען. אָבער מירן נישט שטאַרבן. מירן אויסהאַלטן, — האָט ער שוין גערעדט מער צו זיך. — לעבן, קעמפן. — פּלוצלינג האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אויף און לעאָן, דערפילנדיק דעם האַסטיקן אויפשטעל, האָט זיך אויך אויפגעהייבן. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען דער „איידעלער" מאַיאָר. לעאָנס האַנט, די פינגער נאָך נישט גוט פאַרבונדן, די שמאַטקעלעך אַרונטערהייגענדיק, האָט זיך אויסגעשטרעקט צוזאַמען מיט די אַנדערע הענט, באַגריסט: הייל היטלער!

— אַה, הער שריפטשטעלער, די פינגער פאַרבונדן? — אַ קוק צו די שוך־שטאַפּלער.

— שמאַטעס אַרונטער! — האָבן זיי אַ ריס געטאָן די באַנדאַזשן מיט די פינגער צוזאַמען.

— וואָס איז געשען מיט אייערע פינגער?

אַריינגעראָבן די פינגער אין אָט־דעם לאַנגן האַלדז און נישט אַרויסלאָזן אים ביז די צונג וועט נישט אַרויס. וואָס איז מיט זיינע פינגער!

— איך... — ער האָט שוין געוואוסט אַז מ׳טאָר נישט זאָגן וואָס איזווירקלעך געשען און זיין מח האָט פיבערהאַפט געאַרבעט צו געפינען אַ תירוץ... אַ וואָרט. — איך האָב אויסגעפוצט די נעגל, זיך פאַרשטאָכן.

דער מאַיאָר איז צופרידן. — ווייטער זייט מער פאָרזיכטיק, הער שריפטשטעלער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטערל און איז אַרויס פון צעל.

אַוועקזעצנדיק זיך, האָט לעאָן לעוונטאַל באַטראַכט זיינע פינגער, גרימיק געשמייכלט. אויסגעפוצט. די פינגער וועלן זיך אויסהיילן מסתם, אָבער דער „איך האָב אויסגעפוצט", די עובדא פון „מאַניקורן"... אָט־די וואונד! אינקוויזיציע. ער האָט אַמאָל געלייענט יידישע געשיכטע, געלייענט וועגן די מאַטערנישן. אין אַ מוזעאום אפילו געזען די אינסטרומענטן. ער האָט געזען די סטראַפּאַדאַ, ווי מ׳ציט אַרויף אַ מענטשן ביי די הענט געלענקן, אַרויפגעצויגן און אַרונטערגעלאָזט מיט אַ צי אויף צוריק; ער האָט געזען דאָס סדום בעטל מיט די צוויי וואַלן אויסצוציען

מענטשלעכע גלידער; ער האָט אויך געזען די שרויף וואו מ׳פלעגט אַריינטאָן דעם גראָבן פינגער און שרויפן אַלץ שטייפער און שטייפער. ער האָט דאָס אָבער געזען בלויז ווי מ׳קוקט אויף אַנטיקן, דאָס גאַנצע יידנטום — געשיכטע, יידישקייט — אַ מוזעאום. שטויב פון הונדערטער יאָרן האָט פאַרטונקלט דאָס אויג, ער האָט נישט געזען די געפייניקטע, נישט געהערט זייערע געשרייען. דערפאַר איצט יידנטום — אַ פאַקט, יידישקייט — אַ בלוטיקער פאַקט. דערזעלבער ייד, בלויז די אינסטרו־מענטן אויף צו מאַטערן אים — אַנדערע. פראַגרעס. אָנשטאָט איינ־שרויפן דעם פינגער, מאַניקורט מען... מאַניקור. יענע — פרום: „און מ׳זאָל נישט שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן אָדער שעדיקן אַן אבר״, אפילו טויט האָט געמוזט זיין אַן בלוט־פאַרגיסונג, און די — איידל, קולטורעל — מאַניקורן... אָבער זיי, די זיידעס, די עלטער זיידעס האָבן אויסגע־האַלטן. און וויפיל האָבן נישט אויסגעהאַלטן? אויך ברונאָ זאָגט: אויסהאַלטן! אויסהאַלטן. זיך אַרויסרייסן פון דאַנען! ווי אַזוי? ווער ווייסט דען אפילו אַז ער איז דאָ? קיין בריוו שיקן, קיין בריוו קריגן. אפשר בעסער. קאַרל זאָל זיך כאָטש נישט דערוויסן, און אויב ער האָט זיך דערוואוסט זאָל ער כאָטש באַצייטנס פאַרווישן זיינע אייגענע שפורן. אַ קייט שמידן זיי דאָך, יעדער נייער מענטש וואָס פאַלט אַריין — אַ רינג וואָס דאַרף מיטשלעפּן נאָך רינגען. נעמען פון שרייבער ווילן זיי. גוט כאָטש וואָס די מאַמע איז נישטאָ. אַזוי וועט איר קאַרל שרייבן דער ברודער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ שטיקל צייט. וועט זי גלויבן? אַרויס־שמוגלען אַ בריוו. מ׳דאַרף אַ רעד טאָן מיט ברונאָן, ער איז דאָך שוין אַן אַלטער...

5

די פינגער האָבן זיך געיאַטערט. — אַ פאַסקודנע לייב, היילט זיך נישט. אַלע מאָל אַזוי געווען, אַ שניט האָט גענומען טעג ביז עס האָט זיך פאַרהיילט, ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט געדויערן דאָ. ווען ער האָט כאָטש מיט וואָס אויסצוואַשן, עפּעס צוצולייגן.

ברונאָ האָט אָפּגעקראַצט מיטן נאָגל דעם מאַרגאַרין פון זיין ברויט — זיין וועטשערע — און היטנדיק דאָס וועלפישע אויג פון טיר צי דער וועכטער קוקט נישט באַשמירט די פינגער פון לעאָנס האַנט. — דאָס וועט העלפן. פעטס העלפט. דאָס איינציקע ביסל פעטס, — האָט ער גע׳סוד׳עט לעאָנען, פאַרבונדן די פינגער פון איין האַנט מיט נייע שמאַט־

קעלער. דאָן אָפּגעקראַצט פון לעאָנס ברויט דעם מאַרגאַרין, באַשמירט די פינגער פון דער צווייטער האַנט, זי פאַרבונדן.

לעאָן האָט זיך צוגעקוקט צו די קורצע, גראָבע פינגער ווי זיי האָבן זיך געפּאַרעט אַרום זיינע לאַנגע, דינע פינגער, אַ טראַכט געטאָן: ברונאַ מוז שטאַמען פון דאָרפישע עלטערן, מוז אָבער זיין אַן אַרבעטער. וואָס פאַר אַן אַרבעטער? — שטאָל־אַרבעטער, — האָט נישט אַן שטאָלץ געענטפערט ברונאַ. ערשט דאָן האָט לעאָן לעוועגטאָל מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן דערזען די שוואַרצע קאַרבן און שניטן אויף ברונאָס פינגער, אָבער מאָדנע, אָט־די שאַרסקע פינגער האָבן זיך געפילט אַזוי ווייך אויף זיינע צעשטאָכענע פינגער. — איר וואָלט געקענט זיין אַ באַרמהערציקע שוועסטער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַריינלייגנדיק אין דעם שפּאָס זיין גאַנצע דאַנקבאַרקייט, זיין אויפריכטיקע פרייד צו זען באַרמהערציקייט אין דעם לעבעדיקן מוזעאום פון אַכזריות.

— נו, שוועסטער, — האָט ברונאַ גוטמוטיק געברומט, — ברודער, אויב איר ווילט.

— ברודער!

די שמאָלע האַנט מיט די דינע, לאַנגע פינגער, צעבלוטיקטע, פאַרבונדענע, האָט זיך באַהאַלטן אין דער ברייטער, שאַרסקער האַנט מיט די קורצע פינגער. גוט צו פילן אַ ברידערלעכע האַנט. ברודער. קאַרל. וואו איז ער?

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן.

— נו, שלאָפן. גוטע נאַכט.

— גוטע נאַכט.

ווייטיק, באַליידיגונג, ערנידערונג. די האַרטע, געקאַרבטע פינגער האָבן דאָס צוגענומען, דער האַרטער שטרוי זאַק איז גאַרנישט געווען אַזוי האַרט, אפילו דער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים איז, דוכט זיך, פאַרשוואונדן, זיך אויסגעוועפּט. זיך איינגנורן, איינשלאָפן.

אַ ווינט רייסט אַ נישט פאַרריגלטן טויער, אַ ריס, אַ סקריפּ און אַ קלאַפּ. שוין פאַרמאַכט, אָבער באַלד ווידער אַ ריס, אַ סקריפּ, אַ קלאַפּ, אַ... געשריי. אויב פריער האָט לעאָן זיך געבעטן אין שלאָף ביים ווינט: הער אויף רייסן דעם טויער, הער אויף קלאַפּן, לאָז שלאָפן, און איז געשלאָפן, האָט ער אָבער דערהערנדיק דאָס געשריי אויפגעריסן די אויגן, איז געוואָרן וואַך מיטן גאַנצן קערפּער. זיין גאַנצער גוף — פאַרשטייפטע אויפגערעגטקייט. די אויגן האָבן געעגבערט די פינצטערניש. נאָך אַ

געשריי, דאַן אַ קלאַפּ, אַ טעמפּער קלאַפּ, אַ... זעקל מעל... געפאַלן צו דער ערד. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די הענט צו די אויערן. נישט הערן! נישט הערן! די אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, פאַרשטייפט, דער קערפּער האָט געציטערט: נישט הערן! נישט הערן! אָבער ער האָט געהערט. אַ טיר האָט זיך געעפנט, אַ טיר האָט זיך פאַרמאַכט, טריט אין קאָרידאָר, טריט פון טורמע וועכטער, טריט פון... זיי זענען ביי דער צווייטער טיר, ביי... זיין טיר, ביי...

אינספּעקציע.

ליכט פון אַ שיין־וואַרפער האָט אַ בלאַנדזשע געטאָן איבער די פיר איינגענורעטע קערפּערס, אַריינגעדרונגען אין זייערע מחות, זיי אָנגעזאָגט: דאָ אַן אויג וואָס זעט. די מחות זענען וואַך געוואָרן, געהאַלטן וואַך די קערפּערס זיי זאָלן זיך נישט אַ ריר טאָן. מיר שלאָפן, שלאָ — פן.

— אויפשטיין!

שלאָפן. שלאָפן. ליגן, — האָבן די קערפּערס זיך געווערט. — אויפשטיין! — האָט אַ שטימע געשפּאָלטן דעם שלאָף און אַ נאָז פון אַ שטיוול האָט זיך געבראָכן אַ וועג צו מענטשלעכע ריפּן. די שלאָפנדיקע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ציטערנדיק פון קעלט, פון שרעק, ערוואַרטונג. וואָס ווילן זיי?

רעוויזיע.

דאָס ליכט־בעזימל פון שיין־וואַרפער האָט אַ קער געטאָן די פינצטערניש, אַ קער אַהין, אַהער און זיך אָפּגעשטעלט. לעאָן לעוועגטאַלס פאַרבאַנדאַזשירטע פינגער אַנטקעגן דער ליכט פון שיין־וואַרפער — שניי פלעקן אויף אַ צעאַקערט פעלד.

— וואָס פאַר שמאַטעס אויף די פינגער, שווייַנערישער ייד?

— איך... איך...

הענט האָבן געריסן די באַנדאַזשן, געבראָכן די פינגער, לעאָן לעוועגטאַל האָט אָבער נישט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. נישט שרייען, האָט ער פעסט באַשלאָסן, און אויב אַ קלאַפּ — נישט אומפאַלן, נישט...

— שווייַן! פאַרוואָס זאָגסטו נישט וואָס איז מיט דיינע פינגער?

— איך... איך האָב זיך פאַרשטאָכן.

— לייגסט, געמיינער ייד. — אַ הענטל פון אַ בייטש האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די אויסגעצויגענע הענט. — האַ־הו! — האָט ער נישט ווילנדיק אַ געשריי געטאָן, און די האַנט, די פינגער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום מויל דאָרט זיי אָפּקילן, זיי אַנוואַרימען, זיי גאַנץ מאַכן, די צעבראָכענע, צעבלוטיקטע פינגער.

— שטיל זאָל זיין! הענט פאַראויס! — אַ קלאַפּ מיטן הענטל פון בייטש איבערן פאַראַרעם האָט באַקרעפּטיקט דעם באַפעל. די אָרעמס, די הענט האָבן געפלאַגט, מער נישט די פינגער האָבן געציטערט, גע־ציטערט...

— דאָ קען מען זיך נישט פאַרשטעכן, דו געמיינער ליגנער, נישטאָ מיט וואָס. דאָס האָסטו זיך געקראַצט, שמוציקער ייד, ביז דו האָסט זיך צעקראַצט די פינגער, יאָ?

— יאָ.

וואָס יאָ?

— זיך געקראַצט.

אַ קלאַפּ מיטן הענטל פון דער בייטש איבער די פינגער. — וועסט וויסן, ייד, מער זיך נישט צו קראַצן, — פאַרענדיקט דער וועכטער מיט אַ געלעכטער, שענקט די איבעריקע דריי זייער נאַכטיקע פּאַרציע. שוין געהאַט שפּאַס מיט דעם יידן, דעם שרייבער, מיט זיינע פינגער. די אינ־ספּעקציע איז געענדיקט. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

— דער האָט עס פּעך, — האָט ברונאָ אַ ברום געטאָן און זיך גע־נורעט אין שטרוי־זאַק, איבערגעדעקט דעם צודעק איבערן קאָפּ — שלאָפן.

לעאָן לעוווענטאַל איז אויך צוגעקראָכן צו זיין שטרוי־זאַק, זיך האַלב אָוועקגעזעצט, דער קאָפּ איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט. אַ ווינקל פון שטערן האָט דערפילט די קעלט פון דעם צעמענט, לעאָן האָט דערפילט די היץ אין קאָפּ, אין די אויגן, אין די פינגער.

אינדערפרי האָט אים אַ וועכטער געשטורכעט. לעאָן האָט געפּרואווט זיך אויפהייבן, זיך שוין כמעט ווי אויפגעשטעלט און איז אָוועקגעפאַלן צוריק. ברונאָ האָט אַ ברום געטאָן: דער איז קראַנק.

— מ׳פרעגט דיך נישט, — האָט אַ רעווע געטאָן דער וועכטער און אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין פּנים. — האַלט ס׳מויל!

— ער האָט היץ, דאַרף אַ דאָקטאָר.

— וואָס! דו...

ברונאָ האָט זיך אַפילו נישט קיין ריר געטאָן אויסצומיידן דעם קלאַפּ. דער וועכטער האָט אַרונטערגעלאָזט די פויסט נישט אויף ברונאָן, דערנאָך האָט ער זיך אַ דריי געטאָן ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און איז אַרויס פון צעל: דו וועסט שוין...

דער דאָקטאָר איז דאָך שפּעטער געקומען. ער האָט אַ קוק געטאָן.

— יידישע חוצפה! מאַכט אַ וועזן פון פינגער. — ער האָט דאָך געהייסן אים איבערפירן אין אַן אַנדער צעל, געלאָזן אויסוואַשן און פאַרבאַנדאַזשירן די פינגער און געגעבן עפּעס אַרונטערצוקלאַפּן די היץ. און פאַר דער חוצפּה זיך אַריינצומישן נישט אין זיינע געשעפטן, רעדן אַ ווערטער אַנטקעגן האָט מען ברונאָן גענומען פריער אין קעלער און ערשט נאָכדעם אים געגעבן דריי מעת־לעת אין „לאָך" — פינצטערן אַרעסט.

וועגן דעם האָט לעאָן לעוועטאַל נישט געוואוסט. צוליב זיין פיבער האָט מען אים באַפרייט פון די „איבונגען" אויפן טורמע הויף. ער האָט קיינעם נישט געזען, און אַזוי שנעל ווי דער פיבער איז אַרונטער האָט מען אים, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע פינגער נאָך, אַריינגעפירט אויף אַ וויטערדיקן פאַרהער.

דער מאַיאָר איז נאָך אַלץ געווען העפלעך, זיין „פריינדלעכקייט" איז דאָך געווען אַביסל געמינערט.

— אהה, הער שריפטשטעלער! די פינגער נאָך אַלץ פאַרבונדן? נו, דאָס מאַכט נישט, וועלן אַזוי גיך נישט שמוציק ווערן. יאָ, אייערע פינגער וועלן שוין אַזוי גיך נישט שמוציק ווערן, אָבער עס זענען נאָך דאָ גענוג שמוציקע יידישע פינגער. יאָ, נאָך דאָ גענוג. ווייסט איר ווער עס האָט געשריבן אָט־די שווינערייַ?

לעאָן לעוועטאַלס קורצזיכטיקע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דעם בלעטל וואָס דער מאַיאָר האָט אים אונטערגערוקט. ער האָט נישט געזען קיין בוכשטאַבן, ער האָט אָבער דערקענט עס איז אַ מימעאָגראַפירט בלעטל. אַ פרייד פון דערזען אַ נאָענטן באַקאַנטן אין אַ ווילד פרעמדער שטאָט האָט אַרומגעכאַפּט לעאָנען. זיי שלאָפן נישט. די וועלט שלאָפט נישט. דערפאַר איז דעם מאַיאָרס קוק שוין גאָר נישט קיין פריינדלעכער, אפילו זיין מיאוס׳ער שמייכל איז פאַרשוואונדן. דעם מאַיאָרס קוק האָט אים געבראַכט צוריק צו זיך. האָט ער זיך נישט אויסגעגעבן מיט זיין פרייד? — ניין, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— איר זייט אַ ייד, ניין?

— יאָ.

— און אַ שריפטשטעלער?

— יאָ.

— דאַן מוזט איר וויסן ווער עס שרייבט אָט־די שווינערייען.

— איך ווייס נישט.

— איר האָט באַקאַנטע שריפטשטעלער, ניין?

— יאָ.

— ווער זענען זיי? זייערע נעמען!

שוויגן. נישט נאָר לעאָן, אויך דער מאַיאָר האָט געשוויגן. זיינע אויגן האָבן אַ לויף געטאָן איבער לעאָן לעווענטאַל, זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאַרבונדענע פינגער, באַטראַכט זיי, דאַן האָט דער קוק, שוין אַ פאַרשווערערישער, געמאָסטן לעאָנען פון קאָפּ ביז די פיס. אָפּגעמאָסטן, האָט זיך באַוויזן דער איידעלער שמייכל אינעם קוק און באַלד האָבן די ליפּן אויסגעשמייכלט: וואַך האַלטן!

6

דאָס שווערסטע אין ערשטן מעת־לעת איז געווען דאָס זיצן. לעאָן לעווענטאַל האָט נישט געטאָרט זיך אַוועקלייגן, זיך אויפשטעלן אָדער אַרומגיין אין צעל. אַ פּירקאַנטיק בענקל אָן אַ ווענטל, אָפּגערוקט פון וואַנט, און אויף דעם האָט ער געמוזט זיצן, זיין וואַך. אַוועקגעזעצט אים אויפן בענקל און „אָנגעזאָגט״ ער זאָל זיצן, זיך נישט רירן, איז דער וועכטער אַרויס פון צעל, ער איז אָבער אומגעגאַנגען אין קאָרידאָר און יעדע צען מינוט האָט ער באַדאַרפט אַ קוק טאָן דורכן וועלפישן אויגל אין טיר אָדער גאָר אַריינגיין זען אויב זיין אָנגעטרויטער איז וואַך.

לעאָן לעווענטאַל איז געבליבן זיצן אויפן בענקל, האָט באַטראַכט פון דאָס ניי די צעל. דער שמוציקער שטרוי־זאַק אין ווינקל — אַ באַגערט לאַנד וואוהין מ׳לאָזט נישט אַריין. זיצן. ער האָט זיך איינגעמאָסטעט אויפן בענקל. זיך פאַרטראַכטן וועגן עפּעס, טראַכטן אין זאַך, אָנהייבן שרייבן עפּעס, שרייבן אין קאָפּ, אפשר גאָר פון אָט־דער תפיסה טאַקע. דער שרייבער. „פון מיינע גרויסעליידן מאַך איך קליינע לידער״. היינע. גרויסע ליידן! ער איז נישט געזעסן אין טורמע. אין טורמע זענען געזעסן: סערוואַנטעס האָט אין געפענגעניש געלעזן קאַפּיטלעך פון זיין דאן קיכאָט פאַר די אַרעסטאַנטן, פראַנסוא וויללאָן, דאָסטאָיעווסקי, ווײַלד. די באַלאַדע פון רעדינג תפיסה. די באַלאַדע. אַ געזאַנג? אַ געשריי! אַ געשריי טאָן אַז די וועלט זאָל דערהערן. שרייען אין אַ קבר. ער מוז שרייבן. איז נישט פאַר דער וועלט, פאַר זיך, פאַר היינט, ער זאָל נישט אַרונטער פון זינען, זיצנדיק אָט־דאָ אויפן טויטן שטול. אפשר טאַקע אַזוי אַ נאָמען געבן? דער טויטן שטול. דער שטיינערנער קבר, דער... מילא אַ נאָמען וועט שוין אַרויסשפּרינגען פון דער געשיכטע גופא. ווי הייבט מען אָן? די שווערסטע זאַך איז דער אָנהייב. אפשר

גאַר אָנהייבן פון... מיטן. „ברונאַ איז געזעסן אויפן שטול...״ ניין, נישט ברונאַ, ערנסט, יאָ, ערנסט...

ערנסט האָט געזומען לעבן, זיך באַוועגן, רעדן, טראַכטן, טאָן, האַנדלען, און לעאָן איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין ערנסט, אַז ער האָט נישט געזען דעם וועכטערס אויג אין טיר, און ווען זיין ערנסט איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער סיטואַציע, האָט נישט געקענט אַרויס פון דאָרט, האָט לעאָן לעווענטאַל, נישט באַגרייפנדיק וואָס ער טוט, זיך אויפגעהייבן פון בענקל, געזומען אַרומגיין איבערן צעל, די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן געמאַכט די באַוועגונג ווי ער וואָלט געהאַלטן די פענסנע, נאָר וואָס אַרונטערגענומען פון נאָז. די טיר האָט זיך געטאָן אַ פּראַל אויף. דערזען דעם וועכטער, באַגריפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען איז ער געבליבן שטיין מיט פאַרגליווערטן שרעק אין די אויגן.

— דיר געזאָגט דו זאָלסט זיך נישט אויפהייבן, דו שוויינערישער ייד! — האָט דער וועכטער אים אַ זעץ געטאָן אויפן בענקל. — זיץ, הונט איינער, זיץ, און אויב איך וועל דיך נאָכאַמאָל זען זיך אויפהייבן...

לעאָן לעווענטאַל איז געזעסן. דאָס וועלפּישע אויגל אין טיר — אַ שפּאַקטיוו וואָס קוקט אַריין גלייך צו אים אין אויג, אין קאָפּ, די טריט אין קאָרידאָר — טעמפּע קלעפּ אין קאָפּ, קלעפּ וואָס פאַרטעמפּן, פאַרטויבן. וואָס לענגער ער האָט זיך צוגעהערט צו די טריט, אַלץ טעמפּער איז געוואָרן דער קלאַנג, דעם וועכטערס טריט — דער גאַנג פון אַ זייגער, ווען ער שטעלט זיך אָפּ דערהערט מען שאַרפער ווי ווען ער גייט. ווי שפּעט? טירן עפענען, פאַרמאַכן זיך, באַפעלן, אָפּקלאַנגען פון באַוועגונגען — אַלץ ווייזערס וואָס האָבן געמאָסטן די צייט פאַר לעאָנען. איצט... איצט... דער דייטלעכסטער זייגער — די שוואַכע שיין פון דער זון און די עלעקטרישע ליכט. אַ טאָג פאַראיבער. אָוונט שוין. נאַכט.

ער האָט געגעסן דאָס אָוונט־ברויט זער פּאַמעלעך, געפילט יעדע באַוועגונג פון די פינגער, ציין און אפילו פון די גערעדים, און הנאָה געהאַט פון די באַוועגונגען. ער איז געגאַנגען פאַר נאַטירלעכע באַדערפעענישן און געפילט די פיס זיינע גייען אָפּ, דער רוקן גלייכט זיך אויס, אפילו דער שטורך פון דעם באַגלייטער איז געווען דערפרישנד. נישט געזען קיינע באַקאַנטע דאָרט, ברונאַ אויך נישט געווען. ווען עס זאָל כאָטש זיין נאָך אַ מענטש.

אויף ביינאַכט האָט מען אים אַריינגעזעצט אַ מענטשן. דער וועכטער איז געזעסן שטום. לעאָן לעווענטאַל האָט אים פיקסירט מיט די אויגן,

אַריינגענומען זיין וואוקס — קורץ, דיק, פעסט — זיין קיילעכדיקן קאָפּ דעם שווערן, דעם קורצן האַלדז, דיקן קאַרק, דעם קאַליר פון די אויגן האָט ער נישט געקענט זען. בלויז דעם שניט זייערן, אַ מאַנדל־שניט, עטוואָס מאנגאלישעס. נישט קיין ריינער אַריער, האָט לעאָן אַ שמייכל געטאָן. ווער איז ער, אָט־דער מענטש, אָט־דער וועכטער וואָס דאַרף זיצן אַ גאַנצע אָדער אַ האַלבע נאַכט, אַכטונג געבן, נישט לאָזן שלאָפן אַ צווייטן מענטשן? האָט ער אַ ווייב, קינדער? נאָך גאָר אַ יונגער. אַ געליבטע אפשר. ווער איז ער, וואָס טראַכט ער? — אָט האָסטו אַ מענטשן פאַר זיך. ביסט דאָך אַ שרייבער, אַ פּסיכאָלאָג, וואָס איז דער שליסל צו אָט־דעם מענטשן? אדרבה.

האָט דער וועכטער דערפילט לעאָנס קוק? ער האָט אַ קוק געטאָן, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט און אַרויס־געצויגן פון קעשענע אַ צייטונג, גענומען לייענען.

אַ צייטונג. דער שרייבער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט נישט געקענט לייענען פון אַזוי ווייט, דאָס קעפּל האָט ער אָבער דערקענט „דער שטורמער". צייטונגען, שרייבער... שרייבן מיט דער פען... אויף זאַמד... מעקן... דער וועכטער האָט אָפּגעקוקט פון דער צייטונג, לעאָן האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם זאַמד... אויגן האָבן זיך באַגעגנט. קוקן דאָס צוויי מענטשן איינער אויפן צווייטן? צוויי מאַנעקענען אין איין שוי פענצטער, צוויי מתים אין איין טויטן שטיבל. אויסרעדן אַ וואָרט. דער וועכטער איז דאָך אַ מענטש. פאַרפירן אַ געשפּרעך. ברונאָ וואָלט שוין געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָלט שוין גערעדט מיט אים.

— ווי שפּעט איז?

דער וועכטער האָט פאַמעלעך אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. — האַלט ס׳מויל!

די צעל איז אָנגעפילט מיט שוויגן, אין דעם שוויגעניש אַריינגע־שטעקט צוויי מענטשן. די צעל — אַ פּויק. די טעמפּע וועכטער טריט — קלעפּ פון וואַטאָווע פּעקלעך איבער די זייטן פון פּויק. אַ מענטשלעך געשריי, אַ געשריי פון אַ געווינערין אין די לעצטע ווייען, אַ געשריי פון אַ מענטשן וואָס ווערט אָפּגעפירט אָן אַ שלאָף־געטראַנק, האָט פּלוצלונג דורכגעשטאָכן די פּויק, זיך אַריינגעשניטן צו לעאָן לעווענטאַל אין מאַרך אַריין. ער האָט אויפגעציטערט. דער וועכטער האָט זיך אומגע־קוקט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון אַ מענטשלעכן כאָר. דאָס האָבן אַרעסטאַנטן געזונגען צו פאַרדעקן די געשרייען פון זייערע געפּיי־

ניקטע חברים. לעאָנס אויערן האָבן געוואָרט אויף אַ צווייט געשריי, ווי איינער וואָרט אויף אַ צווייטן דונער, אָבער ער האָט בלויז געהערט דאָס געזאַנג. — זינגען פּאַטריאָטישע לידער איז גוטע איבונג פאַר די לונגען און אויך פאַרן דייטשן גייסט, — אַזוי האָט דערקלערט דער טורמע־אויפזעער. „גוטע איבונג...״ לעאָן האָט שוין נישט געהערט אַפילו דאָס געזאַנג.

צי דעם וועכטער איז געוואָרן לאַנגווייליק, אָדער אַזוי איז געווען די פאַראָרדענונג, ער איז אַרויסגעגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען מיט נאָך איינעם.ביידע האָבן אַ קוק געטאָן אויף זייער אַנפאַרטרויטן און זיך גלייך געזעצט שפּילן אין קאָרטן.

לעאָן האָט געפּרואווט נאָכפאָלגן די קאָרטן־שפּיל, ער האָט געזען באַוועגונגען, געהערט אויך רייד. — דער האָנס, ווייסטאָך, דער באָלשע — קאַפּוט. יאָהאָן, דער גרויסער, דער פון מינכען, אַרויסגעשיקט. מ׳שיקט אַרויס, אַנדערע קומען. היינט איז אָנגעקומען איינער, אַ געזונטער קערל, אָבער ווען מ׳האָט אים גענומען אין קעלער, ווי נאָר מ׳האָט אים אַריבער־געלייגט איבער דער באַנק האָט ער אָנגעמאַכט פולע הויזן. אָבער האָט דאָס געשטונקען. כאַ־כאַ־כאַ. נאַ, דו טאַשסט. — איבערגעבנדיק דאָס פעשל קאָרטן האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף לעאָנען. — זיך, מאָריץ, זיץ. לאַכנדיק האָט ער גענומען די אויסגעטיילטע קאָרטן.

לעאָן לעוועגטאַל איז געזעסן. דער רוקן האָט געבראָכן, די פיס, האָט ער געפילט, זענען אים פאַרלאָפן, דער קאָפּ הייס, שווער. זיך אַנידערלייגן, זיך אויסציען, כאָטש אָנשפּאַרן דעם קאָפּ. ווען ער האָט געזען די וועכטער זענען פאַרטיפט אין די קאָרטן האָט ער געפּרואווט אויסבויגן דעם רוקן, אפשר וועט דער קאָפּ דערגרייכן די וואַנט. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איז שיר נישט אַרונטערגעפאַלן און גלייך דער־הערט: העי, דו ייד, רואיק זיצן!

די עלעקטריק האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ שוואַכע טאָג ליכט האָט גע־נומען אַריינדרינגען אין צעל, די וועכטער האָבן זיך געביטן, לעאָן איז נאָך אַלץ געזעסן. דורכן טאָג איז בלויז איין וועכטער געזעסן מיט אים. אים פון צייט צו צייט אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן אין זייט און ווען לעאָנס קאָפּ האָט זיך אַ נויג געטאָן אָן אַ זייט האָט אַ קולאַק אים אַ שטויס געטאָן אויף צוריק, אַזוי אַרום אים געהאַלטן וואָך דעם גאַנצן טאָג.

אין אָוונט זענען ווידער געווען צוויי וועכטער. וואָס ווילן זיי פון אים? ווי לאַנג וועלן זיי אים אַזוי האַלטן? אין דער אינקוויזיציע,

לויפט דורך אַ געדאַנק, האָט מען אויסגעהונגערט אַ מענטשן עטלאַכע טעג, נאָכדעם אים געגעבן ווײַן צו טרינקען אויפן ליידיקן מאָגן, ער זאָל שכור׳רערהייט זיך מודה זיין. ווילן זיי אים אויסמארען עטלאַכע נעכט, עטלאַכע מעת־לעת ער זאָל זיך אויך מודה זיין? אין וואָס? אַרויסגעבן נעמען? וואַך זיין, לעאָן, וואַך זיין, נישט רעדן, נישט אַרויסרעדן, נישט אַרויסזאָגן.

די אויגן זענען פול מיט זאַמד, דאָס זאַמד בייסט און שניידט, די אויגן לעדלעך זענען אַזוי שווער זיי פאַלן ממש אַרונטער איבער די אויגן, אָבער לעאָן שטרענגט זיך אָן זיי אויפצוהייבן, האַלטן די אויגן אָפן. זיצנדיק מיט אָפענע אויגן האָט ער דאָך געפילט אַז ער שלאָפט. צוויי מאַרכעס, האָט ער געפילט, זענען דאָ ביי אים אין קאָפּ, איינער שטייט טאַקע אויף דער וואַך, האַלט די אויגן אָפן, זעט, הערט אפילו די שטימען פון די וועכטער, אָבער דער צווייטער מאַרך, דער טיפערער, שלאָפט, רוט. ווען ער זאָל נאָך קענען אויסגלייכן דעם רוקן, זיך אויס־ציען, אַוועקלייגן דעם קאָפּ. אַ קנאַק פון אַ קולאַק האָט אויסגעגלייכט דעם זינדיקן קאָפּ.—גלייך זיצן, שווינערישער ייד! — איז ער אַנדרימלט געוואָרן? נישט שלאָפן. וואַך זיין, האַלטן די אויגן אָפן.

לעאָן איז געשלאָפן מיט אָפענע אויגן. זיין „פאָדערשטער מאַרך" וואָס האָט געדאַרפט האַלטן וואַך האָט זיך געגעבן אַן עצה — ער האָט געהאַלטן די אויגן אָפן אָבער איז געשלאָפן, דערפאַר אָבער איז זיין „טיפערער מאַרך", קענטיק, געווען וואַך. לעאָן איז געגאַנגען צום טייך זיך באָדן. ער האָט שוין אַרונטערגעוואָרפן דאָס רעקל, דאָס העמד, גע־האַלטן ביים אַרונטערציען די הויזן, ערשט אַ באַנדע יינגלעך זענען אָנגעלאָפן, יינגלעך מיט הינט. ער כאַפּט דאָס רעקל, האַלט צו די הויזן און לויפט, לויפט, די הינט נאָך אים. גיכער, גיכער! דער וועג איז פאַרשטעלט. אַ מענטש מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס שטייט, פאַר־שטעלט אים דעם וועג. ער וויל אים אויסמיידן דעם מענטשן, יענער כאַפּט אים אָבער אַריין אין די אָרעמס. רייסט זיך לעאָן, און דער מענטש לאַכט: לאַלא, נאַרישער לאַלא, דאָס איז דאָך איך, איך קאַרל, זעסט מיך נישט? ער עפנט די אויגן — טאַקע קאַרל. דריקט ער זיך צו אים, כליפּעט און נעמט אים שטאַרק אַרום: קאַרל! קאַרלכען! קאַר—ל...

ער איז אַרונטערגעפאַלן פון בענקל.ביידע וועכטער זענען אויפ־געשפּרונגען, סטוסאַקעס פון ביידע זייטן. זיי האָבן אים אַוועקגעזעצט, צוגערוקט זייערע שטולן צו זיין בענקל. — נו, מאַריץ, ווילסט שלאָפן?

ערשט די צווייטע נאַכט און ווילסט שוין שלאָפן. וואָס וועסטו שוין טאָן אויף דער צענטער?

— צענטער?!

— נו יאָ, אויב דו וועסט ביז דאַן נישט קראַפּירן. דו זאָג בעסער ווער זענען דײַנע חברים, די שווינערישע שרייבער. עטלעכע נעמען לאָזן מיר דיך שלאָפן.

— איך ווייס נישט קיינע נעמען.

— וועסט שוין וויסן. שלאָף, מאַריץ, שלאָף, — האָבן זיי גע־שטורכעט אין די זייטן בלויז פאַר שפּאַס. זיי האָבן זיך ווידער גענומען צו די קאָרטן, האָבן אָבער געהאַלטן אַן אויג אויף לעאָנען און יעדעס מאָל וואָס דער קאָפּ האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אויף אַרונטער האָט אַ קנאַק אין קין אים אַ שטויס געטאָן אַרויף און פאַר יעדן וויג מיטן קאָפּ אָן אַ זייט האָט ער געקראָגן אַ שטורך אין זייט. ער איז דאָך איבערגע־זעסן די צווייטע נאַכט, אינדערפרי געטרונקען קאַווע און פאַמעלעך גע־קייט דאָס ברויט.

אויף דער דריטער נאַכט זענען די וועכטער נישט אָפּגעטראָטן פון אים, נישט נאָר האָבן זיי נישט געלאָזט צומאַכן אַן אויג, זיי האָבן אויך אומאויפהערלעך געהאַגלט מיט פראַגן. צום ווייפילטן מאָל האָט ער שוין געענטפערט ווי ער הייסט, וואָס ער האָט געטאָן און זיי זענען אַלץ געקומען צו דער פראַגע וועלכע שרייבער קען ער, זייערע נעמען. זיין יעדער „איך ווייס נישט" איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטורכע אין זייט. — איין שרייבער! איין נאָמען!

— ברעכן דעם ווידערשטאַנד. ער'ט זאָגן איין נאָמען וועט ער שוין זאָגן נאָך, — האָבן געוואוסט די וועכטער. — זיי זאָגן איין נאָמען, אַ נאָמען פון אַ טויטן שרייבער, — איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק ביי לעאָנען, און זיין פאַרנעפּלטער מח האָט מיט אַמאָל אויפגעלויכטן.

— איין שרייבער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — סערוואַנטעס.

— ערשטער נאָמען?

קיין צו גרויסע ליטעראַטן אָדער ביבליאָגראַפן זענען זיי, ווייזט אויס, נישט, האָט לעאָן אינערלעך געשמייכלט. אָבער מיגועל וועט נישט טויגן.
— ערשטער נאָמען? — האָט ער איבערגעפרעגט. — מיכעל. מיכעל סערוואַנטעס, — האָט איבערגעזאָגט דעם נאָמען און אַ קוק געטאָן אויף די וועכטער. איינער האָט פאַשריבן דעם נאָמען.

— נאָך איין שרייבער?

לעאָן לעווענטאַל איז וואַך געוואָרן. אַ שפּיל. נעמען פון טויטע שרייבער. לויטן אַלף־בית. — אויערבאַך. בערטאלד אויערבאַך.
דער שרייבער האָט פאַרשריבן, געמאָנט נאָך אַ נאָמען.
— בערנע. לודוויק בערנע. — אַרויסזאָגנדיק האָט ער אינערלעך אַ ציטער געטאָן, אפשר וועט דער נאָמען אַרויסרופן עפּעס. זעענדיק ווי דער שרייבער האָט רואיק פאַרשריבן האָט ער זיך בלויז געוואָרנט נישט אַרויסצוגעבן זיין שמייכל.
— נאָך דריי נעמען, מאָריץ, לאָזן מיר דיך שלאָפן.
— דריי נעמען? —
אַ, בע, צע. צע? צע! נישטאָ. איבערהיפּן.
— דעהמל. ריכאַרד דעהמל.
— און?
— ענגל.
— ערשטער נאָמען?
— ראָבערט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף טרעף.
— און?
— פרייטאָג. גוסטאַוו פרייטאָג. —
באַלד וועט ער זיי נאָך זאָגן: געטהע. ניין, דער נאָמען איז געפערלעך. שוין צען.
— גוט, מאָריץ, איצט קענסטו שלאָפן.
לעאָן האָט נישט גלויבנדיק אַ קוק געטאָן, געמאַכט אַ באַוועגונג אַרונטערצוגיין פון בענקל. די וועכטער האָבן געלאַכט. — אָט־דאָ אַ, זיצנדיק.
זייער געלעכטער, דאָס בענקל אַלס בעט האָט געוועקט פאַרדאַכט, דער שלאָף, דער דראַנג צו שלאָף האָט פאַרדעקט אַלע פאַרדאַכטן. די וועכטער האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעקערט און זיינע אויגן זענען שוין גע־ווען צוגעמאַכט, דער שלאָף האָט אים אַרומגענומען.
אַ טרייסל פאַר די האָר און ער האָט דערזען די וועכטער. — נו גענוג געשלאָפן.
איצט נאָך נעמען.
ווי לאַנג איז ער דען געשלאָפן? אַ מינוט אפשר.
— נאָך נעמען!
נאָך נעמען? וואו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט? ער האָט נישט גע־דענקט. נעמען, נעמען ווילן זיי. און ער געדענקט נישט, געדענקט

נישט. דער אויטאָמאָביל איז געלאָפן באַרג אַרונטער און קיין טאָרמאָז אים אָפּצושטעלן, אָפּצוהאַלטן, דאָס בעסטע וואָס דער טרייבער קען טאָן איז קירעווען פּאַמעלעך דאָס רעדל נישט אַריינצופּאָרן אין באַרג, נישט אַראָפּצוקייקלען זיך אין אָפּגרונט. נעמען, מאַכט נישט וועלכע נעמען, נאָר נישט דערמאָנען קיין לעבעדיקן, האָט געהאַמערט אין מח און פון מויל איז אַרויסגעפאַלן דער נאָמען: פּרויד. לעאָן האָט דערשראָקן אַ קוק געטאָן, געזען דער שרייבער האָט שוין פאַרצייכנט. — ערשטער נאָמען? —

— זיגמונד, — האָט לעאָן שוואַך געענטפערט און זיך געטרייסט אין געדאַנק — פּרויד אין אין עסטרייך. נאָך פּרוידן איז געקומען אַדלער, יונג. ער האָט שוין אפילו נישט געפּרואווט זיך אָנשטרענגען, גיין נאָכן אַלף־בית. איין שרייבערס נאָמען האָט אַרויסגערופן אַ צווייטן, לעססינג האָט אַרויסגערופן מענדעלסאָן, ניטשע איז געגאַנגען מיט וואַגנערן, אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָט ער זיי אָנגעגעבן אַ היבש צעטל פון שריי־בער, צווישן זיי אַזעלכע דייטשן ווי שטענדאַל, זאָלאַ, באַלזאַק און פּרוסט.

וויפיל מינוט שלאָף ער האָט אַריינגעכאַפּט אין די הפסקות צווישן איין אָנגעבן נעמען און אַ צווייטן האָט ער נישט געוואוסט, דאָס אויפרייסן פון שלאָף איז אַלע מאָל געווען מיט אַ שטויס, אַ שטורך, אַ קנאַק, אַ ריס פאַר די האָר, אָבער דער קערפּער האָט פאַרטראָגן די קלעפּ, זיי כמעט ווי נישט געפילט, ער האָט געמאָנט בלויז איין זאַך — שלאָף. דער קאָפּ, אויף וויפיל ער איז נאָך געווען פּיאיק צו טראַכטן האָט אַ טראַכט געטאָן: דאָ האָט איר איידנעמען פון שרייבער.

די וועכטער האָבן אָנגענומען דאָס צעטל, געווען צופרידן מיט אַזוי פיל נעמען, דער מאַיאָר, איבערקוקנדיק דאָס צעטל, האָט אַזש געטופּעט מיט די פיס. — אייזלען! דומקעפּ! דאָס זענען דאָך טויטע שרייבער! און גאָר קיין דייטשעשע אויך נישט!

— מיר וועלן אים דערשלאָגן צום טויט, דעם יידן! — האָבן די וועכטער געברומט אין כעס פאַר חרפּה.

— נישט שלאָגן. בלויז וואַך האַלטן. און פרעגן. פרעגן אַלץ. שרייבער, פריינט, באַקאַנטע קרובים, נעמען, אַדרעסן. נישט לאָזן שלאָפן. די פערטע נאַכט? ער'ט שוין רעדן. פאַרצייכענען אַלץ, אַלץ, גענוי און פּינקטלעך.

— ניין, — האָט ער געוואוסט איז דער בעסטער ענטפער און דאָס וואָרט איז גאַנץ אָפט איבערגע'חזר'ט געוואָרן אויף דער פערטער נאַכט

ווען אַ האָגל מיט פראַגן האָט אומאויפהערלעך געקלאַפּט. אייניקע מאָל איז אָט־דער „ניין" געווען אַזוי שרייעריש ליגנעריש אַז ער אַליין האָט באַגריפן ווי פאַלש דאָס וואָרט קלינגט. מיט שרעק האָט ער דאַן אַ קוק געטאָן אויף זיינע אויספרעגער, די אויגן האָבן שוין אָבער נישט גע־קענט באַנעמען זייערע געזיכטער, דער געדאַנק האָט אַוועקגעוואַנדערט. ער האָט געהערט ווערטער אַרויספאַלן פון מויל און נישט געקענט כאַפּן וואָס ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט. שווייגן. שלאָפן. זאָלן זיי אים שלאָגן, דערשלאָגן, טויט, אַבי נישט זיצן, נישט רעדן, שווייגן.

אויף דער פינפטער נאַכט האָט שוין לעאָן נישט גערעדט. די מינוט וואָס די וועכטער האָבן זיך אָפּגעקערט איז ער געשלאָפן. אַ פליוך קאַלטע וואַסער אויפן פּנים און ער איז געווען וואַך, אָבער ער האָט קוים גע־הערט וואָס מ׳פרעגט אים, און זיין ענטפער איז געווען מער אַרויסגע־ברומט ווי אַרויסגערעדט. דער שרייבער האָט דאָך פאַרצייכנט, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו פרעגן נאָך עפּעס איז שוין לעאָן גע־שלאָפן. זיי האָבן אים געפּרוּווט דורכפירן דורך דער צעל, אָבער ער איז אַ שלאָפנדיקער געהאַנגען אויף זייערע אָרעמס, זיי האָבן אים אַ וואַרף געטאָן און ער איז געבליבן ליגן. די נעז פון שטיוול האָבן געשטורכעט די זייטן, דאָס הענטל פון בייטש האָט געקלאַפּט אין די ריפּן, אָבער לעאָן האָט זיך נישט גערירט. איינער פון די וועכטער האָט אַ שמיץ געטאָן מיטן אַראַפּניק. דער קערפּער האָט אַ צוק געטאָן אָבער אויך געבליבן ליגן.

פון אַ שמיץ מיט אַן אַראַפּניק זיך נישט אויפכאַפּן! דאָס איז שוין געווען אַ... באַליידיגונג. איינער פון זיי האָט אַ הייב געטאָן דעם אַראַפּ־ניק, געוואָלט אַ שמיץ טאָן שטאַרקער, דער צווייטער האָט אים אָפּגע־שטעלט: געגן דער פאַראָרדענונג. אפשר איז ער גאָר טויט. ער האָט אַ צי געטאָן דעם קאָפּ פאַר די האָר. איין אויג האָט זיך געעפנט, אַ שפּאַרונע בלויז און גלייך זיך פאַרמאַכט. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ צום באָדן. — כאַפּט אים דער... מיר האָבן געהאַט גענוג. שוין באַלד טאָג סיי ווי. זאָל דער מאַיאָר... ער האָט נישט געהייסן שלאָגן. —

זיי האָבן איבערגעדעקט די פּנים׳ער און זענען גלייך איינגעשלאָפן. אַזוי ביז אינדערפרי ווען זיי האָבן איבערגעגעבן דעם מאַיאָר די קורצע פאַרצייכענונגען מיטן באַריכט. דער מאַיאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף די פאַרצייכענונגען און געהייסן אים לאָזן שלאָפן.

ווי לאַנג ער איז געשלאָפן האָט לעאָן לעוועטאַל נישט געוואוסט.

ווען דער וועכטער האָט אין אַ מעת־לעת אַרום אים אויפגעריסן פון שלאָף האָט ער אפילו נישט געוואוסט צו ער איז געשלאָפן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַ תהום. דער קערפּער, מיד און צעבראָכן ווי ער איז געווען, האָט גלייך גענומען פאָדערן זיינס — נאַטירלעכע באַדערפענישן און עסן. וואַקלענדיק זיך איז ער אַרויס אין אַ בויטיקן פלאַץ.

זיצנדיק איז ער שיר נישט אַריינגעפאַלן ווידער אין שלאָף. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, געוואָרפן אַ קוק אָן אַ זייט און דערזען לעבן זיך ברונאָן, אַ זיצנדיקן.

— ברונאָ ? !

— ברונאָ האָט עטוואָס אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, דערזען לעאָנען און שטיל אַ פרעג געטאָן :

— וואַקאַציע ?

— געזעסן שמירה, — האָט לעאָן שטיל געענטפערט.

— דאָס זעט מען, — האָט ברונאָ אַ זאָג געטאָן און זיין געאיילטער קוק האָט אַריינגענומען דאָס גרין־וויס געזיכט, די איינגעפאַלענע אויגן.

— דו זעסט מיר אויך אויס עפּעס...

— איך ? דו קוק בעסער אויף זיך !

— ברונאָ ! — האָט לעאָן אַ זאָג געטאָן אַ פאַרוואונדערטער פון דעם רויען ענטפער. ברונאָ האָט דראָענדיק אַ קוק געטאָן מיט איין אויג, מיט דער קני אַ שטורכע געטאָן. דער וועכטער איז געשטאַנען מיטן אַראָפּניק. רעדן פאַרבאָטן.

מער האָט ער ברונאָן דעם טאָג נישט געזען. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט אַז צוליב אים, פאַר זאָגן אַז ער דאַרף אַ דאָקטאָר, איז ברונאָ געווען אין קעלער, געהאַט טונקעלן אַרעסט, און ער האָט דאַן באַגריפן אַז ברונאָס רויער ענטפער — דו קוק בעסער אויף זיך — איז געווען נישט מער ווי זיין אופן נישט צו מאַכן קיין וועזן פון זיך. דאַן האָט ער עס אָבער נישט געוואוסט, ער האָט בלויז געפילט אַז אפילו ברונאָ, אָטדער ברונאָ וואָס האָט יענעם אָוונט אים אָפּגעווישט דאָס פּנים, געגעבן אים אַ צודעק, דער ברונאָ וואָס האָט אַזוי צאַרט באַשמירט זיינע צעבלוטיקטע, צעשטאָכענע פינגער מיטן ביסל מאַרגאַרין, געשלאָסן ברודערשאַפט, אויך דער ברונאָ וויל אים נישט צולאָזן צו זיך, וויל מיט אים מער גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן. אַליין, אינגאַנצן אַליין אין אָט־דעם גיהנום. ער וועט דאָ אַזוי אומקומען און קיינער וועט פון דעם נישט וויסן.

נישט קיין מעססע וועט מען זינגען,
נישט קיין קדיש וועט מען זאָגן,
עס וועט גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געזונגען
ווערן ווען איך וועל אַ טויטער ליגן. (היינע).

ניין, ער וועט נישט שטאַרבן. די שוואַכע האַלטן אַמאָל מער אויס ווי די שטאַרקע.

וואָלט דען נישט בעסער געווען ער זאָל שטאַרבן? וועלכע נאָך טייוולאנישע מאַטערנישן האָבן זיי אויסגעטראַכט? נאָך אַזאַ וואָך און ער... אָבער ער לעבט, כאָטש ער איז אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך...

דער שוואַכער האָט געגומען רחמנות האָבן אויף זיך אַליין, רחמנות ביז צום וויינען. נישט טראַכטן, רוען, שלאָפן. נישט פילן גאָרנישט, שלאָפן.

7

מ׳האָט אים געלאָזט אויסשלאָפן. אין פאַרלויף פון אַ מעת־לעת — קיין פאַרהער, קיינע איבונגען, אפילו קיינע קלעפּ פון די וועכטער. אין די פּאָר וואָכע שטונדן האָט צו לעאָן לעוועלטאַל זיך אַריינגעגנב׳עט די האָפענונג: אפשר שוין איבערגעקומען דאָס ערגסטע, שוין גלייכגעשאַל־טעט, איצט קומט... זיי וועלן דאָך אים אייביק נישט האַלטן דאָ אין תפיסה. אַ קאָנצענטראַציע לאַגער... שוין אויך בעסער. און אפשר גאָר אַרויסלאָזן. זיי האָבן דאָך קיין באַשולדיקונג קעגן אים אויסער וואָס ער איז אַ ייד און אַ שריפטשטעלער. — דאָס איז גענוג, — האָט אונטערגע־זאָגט אַ געדאַנק, אָבער לעאָן האָט נישט געוואָלט הערן און איז ווידער איינגעשלאָפן. דער קערפּער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָנזעטיקן מיט שלאָף. לעאָן האָט זיך שוין אפילו געשראָקן פאַר אָט־דער שלעפערדיקייט. וועט ער שוין אַזוי בלייבן, פאַרשלעפערט, פאַרטעמפּט? איידער אַזאַ פאַרטעמפּטקייט שוין בעסער געשלאָגן, געמאַטערט צו ווערן, אַבי פילן אַז ער לעבט. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ געדאַנקען בליץ, באַלד נאָך דעם בליץ איז געקומען נאָך אַ שטאַרקערע פינצטערניש, ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין שלאָף.

מ׳האָט אים אויפגעוועקט און גלייך נאָכן אָנבייסן אים אַריינגעפירט אויף אַ פאַרהער. לאַנג איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, געוואַרט ביז מ׳וועט אים רופן, צורופן צום טיש. די פיס האָבן געבראָכן, די וואַנט האָט זיך שוין געוויגט געדרייט פאַר זיינע אויגן. ווען ער זאָל כאָטש קענען אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן וואַנט,

— גליך שטיין! — האָט אַ ריטשע געטאָן אַ שטימע, אַ האַנט האָט אַ צי געטאָןביים נאַקן, אַ קני האָט אַ זעץ געטאָן אין הינטן. ער איז געוועזן וואַך. ענדלעך האָט מען אים צוגעפירט צום טיש.

דערזען דעם מאַיאָר, זיין אויסגעשלאָפן, צופרידן פּנים, זיין „שמייכל״ האָט לעאָן לעוועטאַל דערפילט ווי אַ כעס כוואַליע פאַר־פלייצט זיין גאַנצן קערפּער. זיין טעמפּקייט, פאַרשלאָפנקייט איז צערו־דערט געוואָרן. אָט זיצט ער, דער אַכזר, דער אינקוויזיטאָר מיטן שמייכל, אָט־די אייזערנע האַנט אין דער זיידענער הענטשקע.

— ווי פילט זיך דער הער שריפטשטעלער? אויסגעשלאָפן?

ווען ער קען אים אַריינפאַרן אין אָט־דעם שמייכלענדיקן פּרצוף, אַ זעץ טאָן. און נישט נאָר אים, די אַלע הענקער דאָ. שלאָגן רעכטס און לינקס. שמשון. אַ וואונדער זאָל געשען, פּועל'ן ביי גאָט, ער דאַרף נאָך לעבן צען, פופצן יאָר, צוואַנציק יאָר, ער גיט עס אָוועק. איין שעה. פינף מינוט, נאָר אין די פינף מינוט זיין אַ ריז, אַן איבערנאַטירלעך ווען וואָס זאָל קענען אויפטאָן אַלץ, צעברעכן אָט־די תּפיסה, אָט־די אַלע הענקער דאָ דערוואַרגן, דערשטיקן...

— דאָ האָב איך אַ לאַנגן צעטל פון שרייבער, — האָט דער מאַיאָר אַ זאָג געטאָן און אַרונטערגעבראַכט לעאַנען אין דער רעאַלער וועלט וואו קיינע נסים געשען נישט, — אַ גאַנץ לאַנגער צעטל. איר קענט, ווייזט אויס, אַ סך שרייבער, אָבער די מערסטע פון זיי זענען טויט. זייט איר אַ ספּיריטואַליסט?

— ניין.

— איך אויך נישט. איך גלויב אין קיינע גייסטער. די גייסטער פון טויטע שרייבער זיי קימערן אונדז זער ווייניק. זייערע ביכער? נו, מיט די גיבן מיר זיך שוין לייכט אַן עצה. — אַ פּיל באַדייטנדיקער שמייכל: דו ווייסט וואָס מיר טוען מיט ביכער.—מיר דאַרפן די לעבעדיקע שרייבער. — ווידער אַ באַדייטנדיקער שמייכל.

די לעבעדיקע שרייבער דאַרף ער. זיי צו טויטן, פאַרמאַטערן צום טויט, אָבער טויטערהייט וועלן זיי אויך...

— דאָ האָב איך די נעמען אויך פון עטלעכע לעבעדיקע, — האָט דער מאַיאָר ווייטער גערעדט, נישט געשטערט פון לעאָנס שווייגן. דער־הערנדיק אַז אויפן צעטל זענען אויך דאָ נעמען פון לעבעדיקע שרייבער, האָט לעאָן דערשראָקן אַ קוק געטאָן און, באַגעגנענדיק דעם מאַיאָרס קוק, זיין זיגערישן שמייכל וואָס האָט געזאָגט: אהא, געפּאַקט! — האָט

לעאָן אַרונטערגעלאָזט די אויגן. דאָ איז דאָ דער קאַרל אָסיעצקי, אָבער דעם האָבן מיר שוין. ווייסט איר פון אַנדערע שרייבער?

— ניין.

האָט ער דערמאָנט אָסיעצקין? וועמען נאָך האָט ער דערמאָנט אין היגער פּלעט? האָט ער כאָטש נישט דערמאָנט זיין ברודער קאַרל?

— איר ווייסט נישט. אַ שאָד, אַ שאָד. איר׳ט זיך נאָך אפשר דער־מאָנען.

אויף וואָס גיט ער עס אָנצוהערעניש?

— פּאַסירט גאַנץ אָפט, גראָדע דאַן ווען מ׳וויל זיך עפּעס דערמאָנען פאַרשווינדט עס פון זכרון. נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען. דאָ האָט איר אָבער אייניקע נעמען וואָס איר האָט אָנגעגעבן, נישט אינגאַנצן קלאָר, וועט איר אַזוי גוט זיין איצט קלאָר מאַכן? דאָ האָבן מיר איין נאָמען וואָס חזר׳ט זיך איבער עטלעכע מאָל, אָבער בלויז דער ערשטער נאָמען, קאַרל. מוז זיין זער אַ נאָענטער פריינד ווען איר רופט אים בלויז ביים ערשטן נאָמען, איינמאָל, אפילו גערופן קאַרלכען, קענט איר מיר זאָגן ווער דער קאַרל איז?

דער נאָמען האָט אַ קלאַפּ געטאָן לעאָנען. האָט ער דערמאָנט קאַרלען? וואָס נאָך האָט ער געזאָגט? נאָר זיך נישט אויסגעבן, מיט קיין וואָרט אָדער באַוועגונג. ווען ער קען זען דאָס אייגענע פּנים, צי האָט ער זיך נישט אַרויסגעגעבן מיט אַ מינע. — איך ווייס נישט, — האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ נייטראַלער שטימע.

— אַ שריפטשטעלער, אַ קולטורעלער מענטש און ווייסט נישט אַזוי פיל. ווייסט איר אַז מיט אייער „נישט וויסן" צווינגט איר אונדז אָפּ־צואווייכן פון אונדזער קולטורעלער האַנדלונג, מיר מוזן געברויכן נישט קולטורעלע מיטלען אַרויסצקריגן דעם אמת?

אָט־דער אַכזר, אָט־דער סאַדיסט רעדט וועגן קלטור, קולטורעלע מיטלען. מאַניקור, וואָך האַלטן... וואָס נאָך?

— אין אייערע אייגענע אינטערעסן, אַלס קולטורעלער מענטש צו אַ קולטורעלן מענטשן, פרעג איך אייך: ווער איז דער קאַרל?

שווייגן.

— מ׳פרעגט אייך, ווער איז דער קאַרל?

דעם מאַיאָרס האַנט אויפן טיש האָט זיך פאַרקרעמפּט אין אַ קולאַק. לעאָן האָט דאָס באַמערקט און מאָדנע, אָט־דער קולאַק פון דעם קולטו־רעלן מאַיאָר האָט נישט אַרויסגערופן דאָס געפיל פון שרעק פאַרן קולאַק

פון שטורם־טרופּער, פֿאַרקערט, אים האָט זיך געוואָלט שמייכלען: האָסט אַרונטערגעוואָרפֿן די זיידענע הענטשקע, וויזט דיין אייזערנע האַנט, אָבער דו מוזט שוין זיין גאַנץ שוואַך אויב דו מוזט אָנקומען דערצו. ער האָט געקוקט דעם מאַיאָר גלייך אין פּנים.

— ווער איז דער קאַרל? — האָט דער מאַיאָר איבערגעפּרעגט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטימע.

— קאַרל? קאַרל מאַרקס.

— קאַרל מאַר—ק—ס?

דער נאָמען מאַרקס האָט זיך עפּעס נישט פּאַטויפּעט ביים מאַיאָר אין מאַרך, ווען ער האָט געכאַפּט אָט־דעם „יידישן" פּאַטש האָט זיין פּנים זיך אַזש פֿאַרקרומט פֿאַר כּעס, די פֿאַרשטשעמעטע ציין האָבן זיך אַנטפּלעקט און אַ פֿאַרקלעמטע פֿויסט האָט זיך אַ יאָג געטאָן צו לעאָנען.

ער איז אומגעפֿאַלן. די וועכטער האָבן אים אויפֿגעשטעלט.

— ווער איז דער קאַרל? — האָט שוין געברומט דער מאַיאָר שטייענדיק, גרייט צום שלאָגן, ממית׳ן.

אין לעאָנס שטערן שליף האָט געשטעקט אַן אייזערנער טשוואָק און פֿון דעם טשוואָק האָבן שאַרפֿע שפּיזלעך זיך געטראָגן איבערן גאַנצן קאָפּ. דער קין האָט געציטערט, די פּיס — ליימענע, אָבער די וועכטער האָבן אים אונטערגעהאַלטן. מיט אַ גרימיקן שמייכל פֿון אַ בלינדן אויף איין אויג האָט ער מיט זיין רעכט אויג אַ בליק געטאָן צום מאַיאָר, אַריינגעצויגן אָטעם און אַרויסגעלאָזט: קאַרל ליבקנעכט.

דעם קלאַפּ נאָכדעם האָט ער נאָך געפֿילט, אָבער אים איז שוין געווען אַלצאיינס. אַ בייזער הונט איז געשפּרונגען, אָט־דעם בייזן הונט, האָט ער דערפֿילט, מוז ער אַריינשטעקן אַ שטעקן אין די ציין אויב אפילו דער הונט זאָל נאָך מיט מער בייזקייט זיך אַ וואָרף טאָן אויף אים. אַריינגעשטעקט דעם שטעקן, אַרויסגעזאָגט פֿריער קאַרל מאַרקס, נאָכדעם קאַרל ליבקנעכט, האָט ער אין קאָפּ צו זיך געזאָגט: נאַ, דאַ האָסטו דיר צוויי טויטע „שרייבער". פֿאַר זיי, זאָגסטו, האָסטו קיין מורא נישט, און מיך, דעם לעבעדיקן, קענסטו איצט שלאָגן וויפֿיל דו ווילסט, קענסט מיך דערשלאָגן צום טויט, איך האָב מיין שטעקן דיר אַריינגעשטופּט צווישן דיינע ציין, מיין קלאַפּ דערלאַנגט.

זיי האָבן געשלאָגן וויפֿיל זיי האָבן געוואָלט, אָבער דער מאַיאָר האָט נישט געקענט שטילן זיין כּעס, נישט מיט די קלעפּ פֿון די וועכטער, אפילו נישט מיט זיינע אייגענע קלעפּ.

— האַלט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — אבער ביי אבער וועל איך פון אים שניידן און ער׳ט מיר שוין זאָגן ווער דער קאַרל איז. נישט טשעפּן. איר׳ט אים דער׳הרג׳ענען וועט נישט טויגן. לאָזט אים אויסרוען, צוויי טעג, דריי טעג, נאָכדעם, נאָכדעם? אין קעלער. פּופּציק. איר דענקט ער׳ט אויסהאַלטן? זיין פּאַרזיכטיק, און פּאַמעלעך, נישט איילנדיק זיך... איר ווייסט דאָך... און דעם קאַרל וועל איך שוין קריגן.

— הויזן אַרונטער!

לעאָן לעוועטאַל האָט זיך נישט גערירט.

פייערלעשער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אַ פלאַמענדיקער געביידע. העק־הענט שניידן זיך אַריין, פינגער־האַטשעקעס רייסן, ציען, שלעפּן. דער דאַך איז אַרונטערגעריסן, די קליידער ליגן אויף דער ערד, די גאַנצע גע־ביידע, לעאָן לעוועטאַל, איז אומגעוואָרפן, דערדריקט פון מענטשלעכער משא אויף אים, די האַרטע שמייס־באַנק איז אונטער אים, די לעדערנע בייטשן, געוויקטע אין וואַסער, איבער אים.

— איינס!

שאַרפע, הייסע מעסערס האָבן אַ שניט געטאָן, אַ ברען געטאָן דאָס לייב, דער שניט און ברען האָבן זיך צעיאָגט איבערן גאַנצן קערפּער, פּאַרפּלייצט דעם מאַרך. דערדריקט אונטער מענטשלעכער משא, איינ־געקלעמט אין ביינערדיקע צוואַנגען, האָט דער קערפּער דאָך זיך אַ וואָרף געטאָן, פון מויל, פון בויך, פון די געדערים האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שוידערלעך געשריי. באַשלוס נישט צו שרייען, פאַרקלעמען די ציין, באַ־ליידיקונג, דערנידערונג — פאַרשוואונדן, אַלץ איז פאַרשוואונדן, בלויז דער שניט, דער ברען, און די משא, דער קלעם. זיך אויפהייבן! אויפ־רייסן זיך און זיי אָדער שטאַרבן. שטאַר...

— צוויי!

— מאַמע!

— כאַ—כאַ—כאַ! די מאַמע רופט ער! ער רופט די מאַמע! זויגן וויל ער. נאַ, דאָס איז דער טאַטע, דער טאַטע מיט דער רוט. דריי!... לאַנגזאַם...

פאַמעלעך, מיט לענגערע הפסקות האָבן זיי געשמיסן מיט לעדערנע רימענס, צילעוועדיק אַלע מאָל אין אַ פרישן פּלאַץ אויפן הינטן, רוקן און פּלייצע. אַ פייער האָט געברענט אונטער לעאָן לעוועטאַל, אַ פייער, וואָס אָט האָט עמיצער עס אַרונטערגעדרייט אַביסל, דער זידנדיקער קערפּער האָט זיך גענומען איינשטעלן, איינלייגן, און באַלד האָט מען

ווידער אַרויסגעדרייט, צעבלאָזן דאָס פייער, און דער גאַנצער קערפּער זידט, קאָכט. אין האַלדז האָבן זיך געגאָרגלט יאָגנדיקע געשרייען, זיך אויסגעמישט דאָרט מיט אַרויפגעקומענער שפּייז, דאָס געמיש האָט זיך געבויטעט, געוואָרגן און געשפּאַרט זיך אויף אַרויס, דער גאַנצער אינגע־ווייד האָט זיך געריסן — אַרויס! אַרויס! נישט זיך אויפהייבן, נישט אויפרייסן — אַרויסציען זיך, איבערלאָזן זיי דעם קערפּער, אַט־דאָס גע־לעכערט זעקל מיט ביינער, טוט וואָס איר ווילט, דער מענטש איז נישט דערביי.

דער באַוואוסטזיניקער לעאָן לעוועטאַל האָט זיך נישט אַרויסגעצויגן פון זיין „געלעכערט זעקל", ער האָט זיך בלויז צוריקגעצויגן, באַהאַלטן. דאָס זעקל לעאָן לעוועטאַל איז געלעגן באַוועגלאָז, קיין קלאַנג פון מויל, קיין באַוועגונג פון אברים.

די שטורם־טרופּער, האַלטער און שמייסער, האָבן אָפּגעווישט דעם שוויס, באַטראַכט זייער האַנטווערק.

— וויפיל ?

— צוואַנציק ערשט.

— דאַן קען מען נאָך.

אַ שעפּל וואַסער, אַ פליוך איבערן קאָפּ, לייב, און דער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, דער באַוואוסטזיניקער לעאָן לעוועטאַל איז אַרויס־געיאָגט געוואָרן פון זיין באַהעלטעניש, דאַ וועמען צו שמייסן.

— איין און צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק, דריי...

קיינע געשרייען מער. אַ וויינען, אַ ווימפּערן פון אַ קליין דערשלאָגן הינטל וואָס גייט אויס, אַ קוים הערבאַרער גסיסה־קרעכץ, און שטיל.

— דער איז שוין קאַפּוט.

— וואַסער.

איין שעפּל וואַסער, אַ צווייטס, דער קערפּער האָט אַ צוק געטאָן און גלייך זיך איינגעשטילט.

— וויפיל ?

— בלויז צוויי און דרייסיק און דער מאַיאָר האָט געזאָגט פופציק.

— דער מאַיאָר האָט אויך געהייסן זיין פאַרזיכטיק. שוואַכלייביק. קורצע קאָנסולטאַציע.

נישט דערשמייסנדיק די פולע פופציק, האָבן זיי אים אַוועקגעשלעפּט צוריק אין צעל, אויף דער טיר מיט קרייד אָנגעצייכנט: אַכטונג ! דאָס האָט געמיינט—געפערלעך צעשלאָגן, מוז האָבן דאָקטאָרעשע באַהאַנדלונג.

טעג נאָכאַנאַנד איז לעאָן לעווענטאַל געלעגן אין אַ געדיכטן טומאַן, אפילו די וואונדן נישט געפילט. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך צוגערירט צו זיין לייב, דער וועכטער האָט געבראַכט עסן, האָבן זיינע אויגן דורכגעשטאָכן דעם טומאַן, געזען וואָס עס טוט זיך, געפילט ווייטיק, הונגער, אפילו געפילט דעם שווערן גערוך וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיינע פאַרבלוטיקטע, מיט אייטער פאַרפאַפּטע קליידער, פון שטרוי זאַק, פון זיין קערפּער. ער האָט געגעסן, די לעדערנע צונג האָט דאָך געפילט עפּעס אַ טעם, דער געדאַנק האָט זיך באַמיט צעזייען דעם נעפּל, אַרויסקומען אויף דער קלאָר. דאָס איז שוין אָבער געווען צופיל אָנשטרענגונג און לעאָן לעווענטאַל איז צוריקגעפאַלן אויף זיין שטרוי־זאַק, צוריק אַריינגעפאַלן אין נעפּל, געזונקען דאָרט. בלויז אין אָוונט, ווען אַ שריל מענטשלעך געשריי האָט דורכגעשטאָכן די לופט, זיך אַריינגעשניטן אין צעל, האָט לעאָן דערפילט אַ בליץ, אַ קלאַנגען־בליץ האָט אַ שניט געטאָן זיין אויער, איז דורכגעלאָפן דורכן מאַרך און אַרויס, איבערלאָזנדיק חושך, שטאָק פינצטערניש.

איין אָוונט האָט דער מענטש וואָס האָט געבראַכט די קאַווע מיטן ברויט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן ביי זיין שטרוי־זאַק. לעאָן לעווענטאַל האָט אַן עפן געטאָן די אויגן און מיט פאַרוואונדערונג, פרייד און שרעק אויסגערופן: ברונאָ ? !

ברונאָ האָט אַ הייב געטאָן אַ פינגער, וואָרנענדיק: שטילער ! און אַ פרעג געטאָן: וואָס מאַכסטו ?

לעאָן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, דאָס מאַכט דורך יעדער איינער, — האָט ברונאָ געענטפערט. שוין אויך געווען אין קעלער. מער ווי איין מאָל. אָבער שטאַרק זיין, אויסהאַלטן. מירן זיך אָפּרעכענען. נאָ, עס, טרינק.

— ווי... ווי קומסטו... ?

ברונאָ האָט שאַרף אַ קוק געטאָן און, נישט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע, זיך געלאָזט צו דער טיר. דער וועכטער איז געשטאַנען.

— דער האָט עס פּעך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום וועכטער און גוטברודעריש, מיט אַ וואונק צוגעגעבן — ווייכלייביק.

מיט דעם „ווייכלייביק” אויף לעאָנס חשבון האָט ברונאָ אויסגעקויפט זיינע זינד פון באַמערקן אַז עמיצער „האָט פּעך”. ער האָט געוואוסט ווי אָנצוגייין מיט די וועכטער. ווייכלייביק איז ער זיכער נישט געווען, און ווי זיי האָבן אים פיינט געהאַט אַלס קאָמוניסט, האָבן זיי דאָך געפילט אַז

ער איז אַ זייעריקער, ער איז האַרטלייביק, אַ בראַוונער קערל, מ׳קען אים אַ קלאַפּ טאָן, פאַרשטייט זיך, אָבער מ׳מעג אים אויך אָנפּאַרטרויען זאַכן, מ׳מעג פאַרקוקן ווען ער כאַפּט זיך אַריין אַמאָל אין קיך, האָט ער דאָך פאַרקוקט ווען די וועכטער האָבן געמאַכט אַ שנאַפּס, דער קערל וועט נישט אויסגעבן. און וויל ער העלפן צעטראָגן ברויט מיט קאַווע, זאָל ער. צו־געקומען אַזוי פיל מענטשן. אָבער רעדן מיט עמיצן, דאָס נישט.

בראַוונער ברונאָ. זיין דערשיינען אַזוי אומגעריכט פאַר לעאָנען האָט צעזייט אַביסל דעם טומאַן. שטאַרק זיין. אויסהאַלטן. וויטיקן, פיזישע וויטיקן וואָלט ער אויך געקענט אויסהאַלטן, אַ קלאַפּ פון אַ קולאַק אין פּנים קען ער אויך אויסהאַלטן, קען אפילו דערלאַנגען צוריק אַ פּאַטש, אַ שריפטשטעלערישן, אַ... יידישן פּאַטש אין פּנים — קאַרל מאַרקס — אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ פּאַטש אין פּנים קעגן שמיץ אין הינטן? אין הינטן, אין הינטן! ווי קען מען נאָכדעם אָנקוקן אַ מענטשן, ווי קען מען אַפילו אַ קוק טאָן אין שפּיגל? ער איז דער געשמיסענער, אָבער מענטשן האָבן דאָך געשמיסן, מענטשן!

דער גערעדכטער נעפּל נעמט זיך ווידער פאַרציען. ברונאָ מיט זיין געזונט פּנים, זיינע שאַרסקע און דאָך צאַרטע פינגער, זיין זיכערע, אויפ־ריכטיקע שטימע לאָזט נישט דעם נעפּל זיך פאַרציען.

האָט דאָך ברונאָ אויך געקראָגן שמיץ, אַנדערע. „מירן אויסהאַלטן. זיך אָפּרעכענען״. נקמה דער קוואַל פון האָפענונג. ברונאָ איז דער גע־שמיסענער, ער קען אָבער אפשר אויך ווערן דער שמייסער, אָבער ער, לעאָן, ער קען נישט שמייסן, ער קען אָבער אויך נישט זיין געשמיסן.

אַ מיידל מיט אַ בוריקעס קאָליר פליאָם אויפן פּנים, באַגעגנט אַמאָל אין דער אונטערערדישער באַן, שווימט אַרויס פון נעפּל. אַ פליאָם אויפן פּנים, נישט שיין, דאָך האָט דאָס מיידל, דער פליאָם געצויגן זיין אויפ־מערקזאַמקייט, ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון יענעם פּנים און האָט זיך דאָך געהיט נישט צו קוקן ווייל ער האָט געפילט, געזען אויף דער מיידלס פּנים: איך בעט דיך, קוק נישט אויף מיין פליאָם! שרייבערישע פאַנטאַזיע. אַזוי האָט ער דאַן צו זיך אַליין געזאָגט. דאָס מיידל איז שוין אַזוי געוואוינט צו איר פליאָם אַז זי זעט אים שוין אפילו נישט אין שפּיגל, אָפּגערעדט פון פילן אים אין גאַס. און וואָס איז זי שולדיק? זי האָט אים געקויפט אָט־דעם פליאָם? ווי פילט אַ מיידל מיט אַ פליאָם אויפן פּנים?

דאַן אַ פּסיכאָלאָגישע ספּעקולאַציע, שרייבערישע איבונג. אָבער

איצט, איצט ווען דער שרייבער איבט זיין פען... אויפן זאַמד, איצט פילט ער דעם פליאַם, נישט אויפן פנים אַ פליאַם, בלוטיקע, בלויע פליאַמעס אויפן לייב, דערפאַר אָבער נאָך שרייענדיקער, און וואו ער זאָל נישט גיין, ווען ער זאָל נישט זען ווען ער פילן זיין פליאַם אויף דער נשמה און ווען זיך בעטן: קוק נישט!

— און ברונאַ? ברונאַ? זיינע וואונדן ווען זיך פאַרציען, קיין פליאַם ווען אפשר גאָרנישט בלייבן ביי אים, אויב יאָ, ווען ער ווינציק וואָס זיך שעמען מיט אים. אייניקע ווען נישט נאָר נישט באַהאַלטן דעם פליאַם, זיי ווען אים אָפּדעקן: נאָט זעט, קוקט, און... אַ פעניג אַ קוק. אַנדערע ווען מיט אָט־די שמיץ אין הינטן דערלאַנגען אַ שמיץ אין פנים נישט נאָר די שטורם־טרופּער, נאָר דער וועלט, דער גאַנצער וועלט, דעם מענטשן. יאָ, מעגלעך, אָבער דאָס מיידל האָט פאַרט געבעטן שטומערהייט: קוק נישט אויף מיין פליאַם. און דאָס מיידל האָט געפילט ריכטיק. אַלע תירוצים — פּודער, שמינקע, קענען דעם פליאַם נישט פאַרדעקן. גע־שמיסן. געשמיסן אין הינטן, אין הינטן...

דער געדיכטער נעפל האָט זיך ווידער פאַרצויגן.

ער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט ווען אַ עלטסטער איז אַריינגעקו־מען, האָט קוים געגעסן וואָס מ'האָט דערלאַנגט, אפילו די זאַלב וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט פאַר אים ער זאָל זיך אַליין שמירן — ער ווען זיך נישט פּאַטשקען מער — האָט ער אויך נישט באַנוצט. איין מאָל האָט נאָך אַ וועכטער אים אַ צי געטאָן פאַר די האָר, אים אויפגעשטעלט. לעאָן איז אָבער גלייך אומגעפאַלן, דער אייינציקער קלאַנג דערביי — דער טעמפּער קלאַנג פון אַ מענטשלעכן קערפּער אָנגעקלאַפּט אָן דיל. מער האָבן אים שוין אפילו די וועכטער נישט געטשעפּעט.

— דער גייט קאַפּוט, — האָבן באַשלאָסן די וועכטער. נישט אַזוי האָט באַשלאָסן דער מאַיאָר.

איין פאַרנאַכט זענען געקומען צוויי וועכטער, אויפגעהייבן לעאָנען, אים גענומען אונטער די אָרעמס. — וואוהין? — האָט ער פאַרווירט גע־פרעגט, — נאָכוואָס? — האָבן די אויגן מיט טויטער גלייכגילטיקייט געקוקט. די וועכטער האָבן שטום געשוויגן, אים אַוועקגעפירט אין פאָר־הער צימער.

לעאָן לעוועטאַל האָט געזען דעם מאַיאָרס שמייכלענדיקן פנים. יאָ, ער האָט שוין אַמאָל געזען דאָס פנים, דעם שמייכל, אָבער דאָס גייט אים נישט אָן. — אַנטבלויזן! — באַפעלט דער מאַיאָר. שטורם־טרופּער ציען

פון אים דאָס רעקל, דאָס העמד, די הויזן. זאָלן זיי. אָבער אָט פירט מען אַריין אַ מענטשן. נישט פון הויכן וואוקס. זיינע האָר... זיין פּנים צעקלאַפּט, פאַרשוואָלן, בלויז איין אויג איז אָפן, אָבער דאָס איינע אויג קוקט אויף אים, קוקט אַזוי שאַרף. לעאָן האָט אַ פולן קוק געטאָן. דער טומאַן וואָס איז געהאַנגען איבער אים, איז אַרומגענומען, האָט מיט אַמאָל זיך אַ הייב געטאָן, אַ העלער געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן, די אויגן האָבן זיך אויפגעריסן, זיין מויל האָט זיך געעפנט, דאָס איז דאָך...

— קאַ־רל! — האָט ער אַרויסגעכריפּעט און מיט אויסגעשטרעקטע אָבער לויזע אָרעמס זיך אַ צי געטאָן. דער אויבערשטער האַלבער קערפּער האָט זיך איבערגעבויגן און דער גאַנצער קערפּער איז אַ פאַל געטאָן צום דיל.

אַ האַנט־באַוועגונג פון מאַיאָר און מ׳האָט אים אויפגעהייבן, אַרויס־געפירט.

9

זיי האָבן אים געפּאַקט.

דורך דעם געדיכטסטן נעפּל האָט זיך עס דורכגעשטאָכן, אויפגעריסן לעאָן לעוועטאַל פון זיין געלעגער. קורצע שפּאַן, שווערע טריט אויף אַ באַשרענקטן פּלאַץ.

— קאַרל. קאַרל, — האָבן די טריט אויסגעקלאַפּט. קאַרל. קאַרל. פיס און געדאַנק זענען מיד פון טאַפּטשען זיך אויף איין פּלאַץ, און לעאָן לעוועטאַל איז צוגעפאַלן צו זיין געלעגער. באַוועגלאָז דער קערפּער, גע־דאַנקענלאָז דער מאַרך, קיין תּפיסה, קיין מענטש, תּהו ובֹהו, הינער־פּלעט. אָבער „גאָטס גייסט האָט געשוועבט איבערן וואַסער, און גאָט האָט גע־זאָגט: עס זאָל זיין ליכט!". אַ שטראַל ליכט שטעכט דורך די פינצטער־ניש, לעאָן דערזעט זיין ברודער קאַרל, און ער טוט זיך אַ זעץ אויף, די אויגן ברייט געעפנט. זיי האָבן אים געפּאַקט. ער איז איצט אין... קעלער. לעאָן האָט פאַרמאַכט די אויגן אַזש געפילט די אויגן לעדלעך, די ציין האָבן זיך פאַרשטשעמעט. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט ער דערזען דאָס סלאָיעקל מיט דעם ביסל שמירעכץ וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט ער זאָל אַליין זיך היילן זיינע וואונדן.

דאָס סלאָיעקל האָט ער געהאַלטן אונטערן שטרוי־זאַק, איצט ווען דאָס האָט אַ שימער געטאָן פאַר די אויגן, האָט ער עס אַרויסגענומען פון אונ־טערן שטרוי־זאַק צעקאָפּנס, עס באַטראַכט. וואָזעלין צי וואָס? וואָס איז דער חילוק? אָט־דאָס סלאָיעקל, ווען ער וואָרפט עס אַרונטער... טריט.

איבערוואַרטן... באַרמהערציקע! לאָזן נישט אפילו די שיך בענדלעך טאָ־מער וועט מען זיך אויפהענגען אויף זיי. אָט איצט. נישט א ווארף טאָן, בלויז אַרונטערלאָזן צום דיל. אָט־אַזוי. קיינער האָט נישט געהערט, און... גוט צעשפּאַלטן, די זייטן און דער עיקר די דעק... באַהאַלטן.

ער האָט אויף גיך באַהאַלטן די שערבלעך אונטערן שטרוי־זאַק, זיך צוגעהערט. טריט. וועכטער. טירן עפענען, פאַרמאַכן זיך. אַלע תפיסה קלאַנגען — עכאָס פון אַ ווייטער וועלט. לעאָן האָט זיי קוים געהערט. ער האָט נישט געפילט די תפיסה־ווענט, דעם צעמענטענעם דיל, אפילו נישט דעם שטרוי־זאַק, וואו די שערבלעך זענען געלעגן.

האָט זיך זיין טיר געעפנט? עס איז שוין אָוונט. און דער מענטש וואָס איז אַריינגעקומען? ברונאָ!

ברונאָ האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל קאַווע, דערלאַנגט דאָס רייפטל ברויט און דערלאַנגענדיק עס נעמט ער אַריין לעאָנס האַנט. — נו, ברודער, לעב וואויל. מאָרגן פרי פאַרלאָז איך.

— פריי?!

פרייד, האָפענונג, קנאה האָט זיך אַרויסגעריסן אין דעם איינעם וואָרט.

— ניין, אַזוי ווייט גייט עס נישט. מיר דוכט דאַכאַו. (אַ קאָנצענטראַציע לאַגער).

ערשט איצט האָט לעאָן אָנגעכאַפּט ברונאָס האַנט, זי געדריקט. באַלד האָט ער צוריקגעכאַפּט די האַנט, דערשראָקן אַ קוק געטאָן אויף ברונאָן, דער קאָפּ האָט זיך אַריינגעצויגן צו די אַקסל אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט ברונאָ וועט אים דערלאַנגען אַ קלאַפּ. ברונאָ האָט קיין קלאַפּ נישט דערלאַנגט.

— נו, זיי געזונט. עס, ברודער. שטאַרק זיין. אויסהאַלטן. צום ווידערזען...

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, די תפיסה־צעל אַ פּוסט, ווייסט פעלד. אויף דעם ווייסטן פעלד האָט גענומען דרייען אַ זאַווערוכע. — זיי שטאַרק. זיי שטאַרק. און ווי אַז דער קערפּער חלש׳ט נאָך שלאָף, ניין, ער שלאָפט, און דאָס מויל עפנט זיך, לאָזט פאַלן אַ וואָרט: קאַרל, קאַרל, קאַרל. זיי האָבן אים געפּאַקט. און ער... ער... האָט ער געקענט פאַרהיטן זיין מאַרך, זיין מויל, ער זאָל נישט טראַכטן, נישט אויסריידן, נישט אַרויסלאָזן קיין וואָרט ווען זיין קאָפּ, זיין גאַנצער קערפּער איז געווען אין אַ היצער פּלעט? זיי שטאַרק. ער איז געווען שטאַרק. בלויז מיט גייסטיקער

שטאַרקייט האָט ער געקענט אַ וואַרף טאָן דעם מאַיאָר אין פּנים אַריין דעם „קאַרל מאַרקס, קאַרל ליבקנעכט״, אָבער קען דער שטאַרקער גייסט באַוואָרענען דעם שוואַכן קערפּער?

— שוואַכן קערפּער? שורקע וואָס דו ביסט, שוואַכער קערפּער? שטאַרקער קערפּער! אָט־דאָס קערפּערל דיינס מיט וועלכן דו ביסט קיינמאָל נישט געווען צו שטאָלץ צוליב דער שוואַכקייט דערפון האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָר מיאוס׳ער, נאָך עקלהאַפטער, פאַררעטערישער מיט זיין שטאַרקייט. דאָס האָט דיין קערפּער, דיין שטאַרקער קערפּער, יאָ, יאָ, דיין שטאַקער קערפּער, דאָס האָט ער געזיגט איבער דיין שוואַכן גייסט. אַזוי שנעל ווי דער שוואַכער גייסט דיינער איז אַנדרימלט געוואָרן האָט זיך דער שטאַרקער קערפּער דיינער אויפגעכאַפּט, גענומען זוכן אַ וועג ווי זיך צו ראַטעווען, רופן צו הילף, פּטור צו ווערן פון ווייטיק, פון מאַ־טערניש. דיך עקלט פונעם קולאַק, אָבער אויך דיין קולאַק האָט גובר געווען. דיין „שוואַך״ קערפּערל איבער וועלכן דו האָסט אַזוי געציטערט אויב עס וועט אויסהאַלטן, האָט נישט נאָר אויסגעהאַלטן, עס האָט אויס־געגעבן דיך, דיין ברודער, אַבי זיך צו ראַטעווען. נישט אויסגעגעבן? זיי האָבן אים אַליין געכאַפּט? און ווען זיי האָבן אים שוין געכאַפּט, ער איז געשטאַנען פאַר דיר, זיין אויג האָט אפילו נישט אַ פּינטל געטאָן, אָבער דו, דו מיט דיין שוואַך קערפּערל און נאָך שוואַכערן גייסט האָסט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים — קאַרל! וואַרט, דאָס קערפּערל דיינס וועט נאָך אויסהאַלטן מער, אויסגעבן מער. איצט ביסטו בלויז גייסטיק שוואַך, באַלד וועסטו ווערן שוואַכזיניק, דיין קערפּער אָבער וועט זיין שטאַרק, וועט טראָגן אַ שוואַכן קאָפּ אויף זיך און דו וועסט זיין ליים ביי זיי אין די הענט, זיי וועלן טאָן מיט דיר וואָס זיי וועלן וועלן. ווער וועט זיי אָפּשטעלן? דער גייסט דיינער וועלכער איז שוין איצט צו שוואַך? דיין מח? נישטאָ קיין גייסט, קיין מח, דער קולאַק הערשט, דעם מאַיאָרס קולאַק איז אַ שטאַרקערער, דיינער אַ שוואַכערער, אין דעם גייט עס. ביז דו האָסט נאָך דאָס ביסל פאַרשטאַנד באַגרייף עס. האָסטו עס באַגריפן?

קולאַק — מאַרך, קערפּער — גייסט. גייסט, קערפּער, צוויי? איינס? ער איז דאָך איינער. איז ער גאָר אַ דריטער? אהה...!

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס שטיקל ברויט. ברונאַ. גוטער, בראַווער ברונאַ. אויסהאַלטן צום ווידערזען. ברונאַ האָפט מיט דער גוטער, קאָנ־סערוואַטיווער האָפענונג וואָס קאָנסערווירט די כחות, גיט כח אויסצו־האַלטן, אָבער אויף וואָס קען ער האָפן? זיין האָפענונג וואָלט געווען די

רעאַקציאָנערע האָפענונג וואָס פאַרטעמפּט בלויז, ברעכט אָפּ די שאַרפע שפּיצן, לאָזט ליגן אין קלעם, אין בלאָטע... זינקען... נאָר נישט זינקען... איידער אַזאַ רעאַקציאָנערע האָפענונג שוין בעסער שאַרפע פאַרצווייפלונג. נישט די פינצטערע פאַרצווייפלונג וואָס נעמט אַרום, אין וועלכער מ׳זינקט איין, נאָר די שאַרפע פאַרצווייפלונג וואָס שטויסט אַרויס, פירט צו... די שערבלעך זענען שאַרף געגנוג... גייסטער קימערן נישט דעם מאַיאָר, פאַר טויטע שרייבער האָט ער קיין מורא נישט, אַזוי זאָגט ער, אָבער קאַרל מאַרקס, קאַרל ליבקנעכט... קאַרל... קאַרל...

10

נאַכט. שלאָף. מענטשלעכע קערפּערס האָבן פאַרריכט דעם שאָדן וואָס דער טאָג האָט אָנגעטאָן, מענטשלעכע קערפּערס האָבן פאַרצירעוועט די געוועבן וואָס דער טאָג האָט צעריסן. ביי וועמען די וועבעריי איז אָנגעגאַנגען רואיק, נישט געשטערט און ביי וועמען דאָס געוועב האָט זיך געקניפּלט, געריסן. ווער עס האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, און ווער עס האָט זיך געוואָרפן אין שלאָף, געשריען.

לעאָן לעוונטאַל איז געלעגן רואיק, לעבן אים איז געלעגן דאָס שטיקל ברויט וואָס ברונאָ האָט אים געבראַכט. טייער איז אָט־דאָס שטיקל ברויט. גוטער, באַוווער ברונאָ. מאָרגן גייסטו קיין דאַכאַוו. דאָרט ווידער „עקזאַמען", ווידער קעלער...

אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער לעאָנס קערפּער, אַלע וואונדן האָבן מיט אַמאָל גענומען שמאַרצן. שמיץ, שמייסן. ניין, ניין! קאַרל! קאַרל! וועסטו פאַרשטיין, וועסטו באַגרייפן?

אַ פאַרשוואָלן פּנים, אַ פאַרלאָפן אויג, בלויז איין אויג אָפן, דאָס אָפענע אויג קוקט אויף זיינע בלויע וואונדן, זיין געשמיסן לייב, זיינע פליאַמעס. קאַרל, אַ קלייניקער מיט בלאָנדע לאָקן, מיט אַזעלכע ליכטיקע בלויע אויגן. ער האָט אים אָפטמאָל געשלאָגן דעם קלייניקן ברודערל. אַן עלטערער ברודער. יוסף מיט זיינע ברידער. ניין, קאַרל, ניין, גלויב עס נישט. דאָס האָט דער שוואַכער קערפּער, דער שטאַרקער קערפּער... קערפּער, גייסט, שוואַך, שטאַרק, שטאַרק, שוואַך... אה! נאָר נישט שוואַך זיין איצט. איצט ווען קאַרל שטייט אים פאַר די אויגן. די שלייקעס, די בענדלעך פון די שיך האָבן זיי צוגענומען. זיי פאַרהיטן אַ לעבן, אָבער דער דאָקטאָר ער האָט באַוואָרנט דעם טויט, געלאָזט דאָס סלאָיעקל. אָט

זענען זיי די שערבלעך, שאַרף, שאַרף געגוג. דאָס וועט נישט ווי טאָן, נישט שטאַרקער ווי אין קעלער. נייך, דאָס וועט נישט וו — — — טאָן, דאָס טו—ט גגנ—י—ט וו...יי.

ער האָט געפילט די געפעסן האָבן זיך געעפנט, דאָס בלוט איז גע־רונען, אויסגערונען פון קערפער. לייכטער, לייכטער ווערט דער קערפער. אָט־דער שטאַרקער, אָט־דער שוואַכער קערפער ווערט לייכטער און לייכטער און אויך זיין געמיט ווערט לייכטער. פינצטער אין די אויגן אָבער ער זעט קאַרלען, זיין קאַרל, און ער קען קוקן אויף אים, נישט אַרונטערלאָזן די אויגן. ער האָט אים אַזוי ליב, ער וואָלט אים אַרומגענו־מען, צוגעדריקט צו זיך. די הענט הייבן זיך נישט אויף, רעדט ער צו אים, רעדט צו אים אַזוי שטיל: קאַרל, ברודער מיינער, זיי שטאַרק! ברונאָ, ברודער, גייסט קיין דאַכאַוו, איך גיי... זיי שטאַרק, קאַ—אַר—ל!

ש. איזבאַן

משפחה סאַפּורטאַ

דער ספּרדישער קוואַרטאַל האָט זיך געצויגן אַרום די אויסגעהאַקטע פּרדסים, צווישן שליימיקע בערגלעך און מוטנע וואַסער־גריבלעך. די געגנט — שמאָלע, אָפּגעלעגענע געסלעך. און הינטער די געסלעך — געדיכטע בלאָטעס מיט פּעטע, ברייטע רינשטאָקן, ווי אַלטע אויסגעטריקנטע קאַנאַלן. פאַררויכערטע באַראַקן, צונויפגעשטעלט פון שוואַרץ געהילץ און צונויפגעקלאַפּט פון פאַרזשאַווערטע בלעכן, האָבן באַדעקט ביידע זייטן געסלעך.

משפחות געפלאָכטן און געבונדן פון דמשק, פון ביירוט און אַזש פון אַרם צובא האָבן דאָ פאַרכאַפּט דעם קוואַרטאַל כמעט פאַר איין יאָר צייט. די עלטערע ספּרדים אין די פעסקעס מיט די קאָלירטע, געשטרייפטע כאַלאַטן, האָבן נישט באַטראַכט דאָס אַריבערקומען קיין ארץ־ישראל, ווי אַ ווייטע רייזע פון איין לאַנד צום צווייטן, נאָר ווי אַ צייטווייליק טוישן ס׳וואוין־אָרט. זיי האָבן מיט זיך אַריבערגעטראָגן די היימישע מנהגים. מען האָט צעהאָנגען אויף די ביישטידלען נעבן די פאַרגעלטע אויסגעגעסענע מזוזות, פאַדקאָוועס וואָס לויכטן ווי מזלות. מען האָט געראויכערט אין די אַריינגענג בייכיקע נאַרגילעס, פאַרטיעסווייז בארעדט איין משפּחה די צווייטע און דאָך זיך גוט פאַרטראָגן. אפילו דיזעלבע פּרנסות האָבן דאָ געהאַט אַ גאַנג. פון קופּער־שמידן, גאָלד־גראַווירערס, מאַרק־הענדלערס פון זייד ביז שיך־פוצערס. די אַריבערגעקומענע ספּרדים האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך איינצופונדעווען, ווי דאָס יונגוואַרג איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט געקינדלט און זיך געמערט. דערווייל איז דער פּלאַץ ענג געוואָרן פאַר די צוויי הונדערט משפחות, האָבן טייל זיך גענומען רוקן אַרויס פון תחום, אַ פּאָר גאַסן ווייטער, צו די געמויערטע הייזער, וואָס זענען געווען געדיכט באַוואוינט פון אשכנזים.

דאָ, צווישן די געמויערטע געביידעס, האָט דער טייל ספּרדים זיך נישט געקענט פאַרטראָגן מיט די אַשכנזישע שכנים. נישט דאָס לשון, נישט ס׳פירונג, אפילו נישט די מאַכלים האָבן זיי געקענט פאַרייניקן. דער „פּוילישער״, צי „רוסישער״ האָט נישט פאַרנומען דעם ריח פון די

געדעמפּטע „פּיטעס״ און געזויערטע פּעפּערלעך און דער „פּרענק״ האָט זיך געכאַפּט פאַר דער נאָז ביים בלויזן קוק אויף די זיסע פיש און גע־פּרעגלטע קאָטלעטן, וואָס דער „מאָסקאָבישער״ *) שכן האָט צוגעגרייט.

די משפחה יום־טוב סאַפּורטאַ, געריבענע פּרוכטן־הענדלער, וואָס האָבן געפירט דעם מסחר אין סיריע אויף אַ ברייטן שניט, צעפירנדיק וועגענער מיט פירות איבער די אַראַבישע דערפער, האָבן דאָ געטראָגן אַ טיפע שנאה אויף די אַשכנזים, האַלטנדיק אַז דער מצרי און דער סי־ריער דאַרפן מיט די מערב־יידן קיין מגע ומשא נישט האָבן. און ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די אומרוען, אַראַבישע כנופיות האָבן באַשאָסן די יידישע פונקטן — האָט דער אַלטער סאַפּורטאַ אויסגעטייטשט, אַז ס'אומ־גליק קומט פון די אַשכנזים, פון די אַנגלויפערס. פריער האָט דער אַראַ־בער נישט פאַרריסן דעם קאָפּ. מען האָט זיך מיט אים פאַרטראָגן. די טבע ביים מאַכמעדאַנער איז שלום, דורכקומען מיטן בייוואוינער.

דער אַלטער יום־טוב סאַפּורטאַ אַליין, אַ צעפּליישטער גבר, אַן אַלמן, וואָס האָט צו די שישים מער נישט צעפירט קיין פירות און גרינסן, שוין יאָרן גע'בטלנ'ט — האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין חטא זיך צו מישן מיט די מוסולמענער. ער איז געזעסן אין די אַראַבישע טרינק־שטובן, האָט געזופּט טערקישע קאַווע, פויל געזויגן די נאַרגילע־שלויק און גע־שפּילט ווערפל. דערביי איז ער געווען אַ למדן. ער האָט געקענט אויס־געבונדן דעם קאָראַן און געזאָגט פון אויסנווייניק פסוקים פון דער סוראַ. ער האָט זיך אַפילו געמאַכט אַוועקקוקן, וואָס זיין טאָכטער מזל גייט אַרום מיט אַן אַראַבער. דערפאַר האָט דאָס פאַרדראָסן דעם איינציקן זון סימן־טובן. דער פאָטער — איינגעטונקען אין דער מוסולמענישער וועלט, גלייך ער וואָלט נישט געזעסן אין יפו, נאָר אין דמשק. סימן־טוב האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער אַלטער קאָן אַ ליאַדע טאָג פאַרוואַרפן אויף זיך אַן אַבאַיע, אויפן קאָפּ — אַ קאַפיע און זיך אַנשליסן אַן דעם מופטי'ס חברותא. דערפאַר האָט ער אים געסטראַשעט אַריינצוזעצן אין אַ מושב־זקנים, וואו ער וועט זיך מוזן באַגעגענען יעדן טאָג, פּנים אל פּנים, מיט אַשכנזים. מזל'ס נאָכלויפער, דעם אַראַבער, וועט ער, סימן־טוב, אָפּרוי־מען. דעמאָלט האָט דער אַלטער יום־טוב, וואָס איז געווען משוגע פאַר זיין בת־יחידה, געמוזט נאָכגעבן. איינס האָט ער אָבער אויסגענומען ביים בן. ער זאָל מעגן זיצן אין די אַראַבישע טרינק־שטובן. און אַז די אומרוען

*) רוסישער.

האָבן אויסגעבראָכן, יאַהוד־מאַכמעדאַנער האָבן זיך נישט געטאָרט באַגע־גענען, האָט יום־טוב סאַפּורטאַ זיך קיין אָרט נישט געפונען. גאַנצע טעג איז ער געזעסן פאַרשפּאַרט. ער האָט געפּיפּקעט די נאַרגילע. ער האָט געשאָלטן דעם ענגלענדער, וואָס דרייט אָן אַ מלחמה צווישן ביידע פעל־קער און אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט קענען זיך צוריקקערן קיין דמשק, וואו ס׳רעגירט דער פראַנצויז ביד חזקה.

דערווייל האָט סימן־טוב אָלץ נישט שלום געמאַכט מיטן אַראַבישן שטוב־איינגייער, מיט כאַלאַל׳ן. ער האָט געריסן די שוועסטער פאַר די געקרויזלטע צעפּ. נישט איינמאָל האָט די דערוואַקסענע מזל פון אים באַקומען אַ „פּאַלאַקאַ״ — צען בייטש־שמיץ אויפן הינטער־חלק. די פּאַר־ליבטע מזל האָט אָלץ צוגענומען שוויגנדיק. זי האָט זיך געשיצט קעגן דעם ברודער מיטן פאָטערס גרויסע רחמים־אויגן. באַהאַלטענערהייט זיך ווייטער געטראָפן מיט כאַלילן און די שטוב־מלחמה האָט קיין סוף נישט גענומען.

* * *

אין אַ תמוז־פרימאָרגן האָט שוין דער טומל ביי די סאַפּורטאַס גע־וועקט דעם גאַנצן הויף. די קולות האָבן זיך געריסן פונעם אויבערשטן גאָרן. שכנים, ס׳רוב אַשכנזישע משפחות, האָבן אויפגעפּראַלט די פענ־צטער. נישט אויסגעשלאָפענע מאַנסבילן אין די תחתונים, צעשויבערטע ווייבער אין שלאָף־קופּקעס, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די אויפ־געריסענע לאָדנס:

— וואָס פאַראַ גוואַלדן?

— אַ באָמבע?

— מאַמעלע! די אַראַבער האָבן ווידער געוואָרפן אַ באָמבע!

— אונדזער „שכונה״ *) איז איינגעשטעלט! — האָט אַ יידענע אויס־געקוויטשעט אַ יללה — יעדן טאָג, באָמבעס, יעדן טאָג איבערפאַלן, מען וועט אונדז דאָ אַלעמען אויסשעכטן!

— ווער באָמבע? וואָס באָמבע? — איז פון טויער אַרויסגעקראָכן משולם, דער הויף־שוסטער, אין אַ פּאָר בלויע, ברייטע הויזן, אַריבערגע־צויגן מיט אַ סוועטער — ווי קומט דאָ אַהער אַן אַראַבער מיט אַ באָמבע? קוקט בעסער אויבן — האָט דער שוסטער געטייטלט צום אויבערשטן

---

*) קוואַרטאַל.

גאָרן — דאָס לאָזן זיך הערן אונדזערע אייגענע „אַראַבער״, די פרענקן, די בני־סאַפּורטאַ, מען שלאָגט די שוועסטער.

— אַזוינע פרענקן, אַזוינע אַזיאַטן! — האָט אַ בלאָס ווייבל געשטורעמט פון אַ אָפענעם באַלקאָן — דאָס האָט קיין יידיש אָדער נישט אין זיך, צו שלאָגן אַן אייגענע שוועסטער, אַ יתומה!

— וואָס דען? גלעטן דאַרף מען זי? אַז די בתולה טליקעט זיך אַרום היינטיקע צייטן — ווען מען הרג׳עט אונדז, ווען מען שרפה׳עט אונדז, — מיט אַן אַראַבער! וואָס? — האָט משולם זיך צעשמייכלט — ס׳פעלן יידישע „אוכאַזשאָרן״?

— ס׳פעלן, משולם, אַודאי פעלן! — האָט אַ שכן אַרויסגעקרייט פון אַ פענצטער — אויף אַזאַ פרי וועט זיך קיינער נישט לאַשטשען.

— טאַקע אָפּגעפּסק׳נט וועגן וועמען צו ריידן, איצט, פאָרצעלע ראַנע*) האָט אַ פּוילישע יידענע זיך צעשריגן — הערטס נאָר דאָס געשפּרעך, מענטשן מיינע ליבע, וועגן מזל חצופה. שטראָף מיך נישט פאַר די רייד, רבונו־של־עולם, אָבער זי קאָן דאָך אַ ליאַדע טאָג עפּעס אַהיימברענגען הינטערן פאַרטוך.

ווען די פּוילישע יידענע האָט אַזוי נביאות געזאָגט אויפן קול, האָט אין הויף זיך באַוויזן סימן־טוב, אַ הויכער, אויסגעזעגטער ספרדי, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס פלאַקערן. דער גוף — בויגיק, דער טונקלער קאָפּ באַדעקט מיט האַרטע בערגלעך האָר, ווי ביי אַ נעגער. מיטן בלויזן בליק האָט סימן־טוב אָפּגענומען ס׳לשון ביי די שכנים, וואָס האָבן זיך איבערגעקוקט, ווער דורך אַ געעפנטער טיר, ווער דורך אַ פענצטער. ער האָט אויפגעכאַפּט די קולות, לויט דער צאָל אָפענע פענצטער איבער די שטאָקן און אַ געשריי געטאָן:

— אַריין אין די בעטן, פלוידערזעק! מאַסקאָבן!

— ער איז דאָ, דער ביינער־ברעכער! — האָט משולם אַ זאָג געטאָן און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

סימן־טוב האָט זיך אַרומגעקוקט. ס׳ליכט פון באַגינען האָט געשלינגען דעם חושך און געשטרייפט דעם הימל אויף בלוי, אפילו דאָרט, וואו דער זון־אויפגאַנג האָט זיך גענומען צינדן.

אַ גליענדיק ווינטל האָט זיך צעבלאָזן. ס׳האָט געפּאַרעט. מיט די באַז־לעכער האָט סימן־טוב דערשנאַפּט, אַז ס׳מאַכט זיך „חאַמסין״. ער

*) באַלד אינדערפרי.

האָט אַרויפגעקוקט און געזוכט אַ קאָפּ הינטער די פאַרמאַכטע פענצטער, צו וועמען ער זאָל קענען אַרויפשרייען. קיינער האָט נישט אַרויסגעקוקט. אַ ווײַלע האָט ער געוואָרפן אַ בליק אַהין, אַהער און דערנאָך אַרויפגעשיקט אַ געבייזער:

— הערט איר, פּוילישע! הערט מאַסקאַבן! מיט אונדז, ספרדים, זאָלט איר נישט אָנהייבן! אַז איך וועל פּאַקן דעם פּוילישן שוסטער, דעם רכילות־זאַק, וועט ער ביי מיר בלייבן אַ וויסטע קאַליקע. די שכונה דאָ, איז אַ ספרדישע. און אַז איר, אשכנזים, זייט דאָ אָנגעלאָפן ווי געסט, דאַרפט איר שווייגן און נישט באַרעדן אונדזערע משפחות. מזל איז אַ חצופה און אייערע יפה־פיות זענען צנועות? מיר, ספרדים — פיינע מענטשן. און איר אשכנזים? איר ווילט הערן דעם יחוס? — האָט ער גענומען אויסציילן אויף די פינגער — אשכנזים מאַכט: אנשים שקרנים, נשיהם זונות, ילדיהם ממזרים.

אָפּגעשריגן די פּאָר ווערטער איז סימן־טוב׳ן אַביסל לייכטער געוואָרן, כאָטש קיינער האָט אים נישט אויסגעהערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר עקן. אָן אַ זייט פון הויף איז געשטאַנען אַ שטופּ־וועגעלע אויף צוויי רעדער, אָנגעלאָדן מיט פּרוכטן און גרינס: צוגעפוילטע ווייך־טרויבן, פאַרגעלטע מיש־מיש, ציטרינען, קוסעלעך, ברינדזשינעס און טאָמאַטען. סימן־טוב האָט אַ צי געטאָן צו זיך דאָס וועגעלע. ער האָט אַראָפּגעשאַרט דעם צודעק — אַ ברעזענטענע פּלאַכטע. ס׳האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט אויסגעסדר׳ט די פּרוכטן רייעסווייז. די טרויבן מיט די מיש־מיש פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט — ס׳גרינס, קוסעלעך, ברינדזשינעס און אויפגעשפּאָלטענע טאָמאַטן. און אינדערמיט — קופּקעס ציטרינען ווי טורעמלעך. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ווייס פאַר־טעך. ער האָט צוגעשנאַלט ביי דער זייט דעם געלט־בייטל און זיך גע־גרייט אַרויסצופאָרן אין גאַס, טראַכטנדיק, אַז ווי לאַנג די אַראַבער וועלן שטרייקן און נישט ברענגען זייערע גרינסן אין שטאָט אַריין פאַר די יידן, ווי לאַנג דאָס שיסערייַ אויף די וועגן וועט אָנהאַלטן — קען ער, סימן־טוב נאָך מאַכן אַ לעבן. ער וועט נישט ברויכן טוישן יעדן סעזאָן דעם האַנדל. איינמאָל פיש, אַ צווייט מאָל אַרבוזן צי פאַרלעגענע פּירות. מען דאַרף נאָר דעם אייגענעם עולם — קונים, דער עיקר די שפּאַניאָלער, די גריכן, די בולגאַרן צוגעוויינען, אַז די סירישע ספרדים זענען פּונקט אַזוינע מיוחסים ווי זיי, דון יצחק אַברבנאַל׳ס אייניקלעך. און אויב דער

אַשכנזי רופט דעם סיריער „פּרענק", האָט ער אים נישט ווייניקער פיינט, ווי דעם שפּאַניאָל, צי דעם בולגאַר.

סימן־טוב האָט ווידעראַמאָל געוואָרפן אַ בליק אַרויף צו די פאַר־מאַכטע פענצטער און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוקערץ. געהייסן האָט עס, דאָס ער האָט אַלע אַשכנזים ניין איילן אין דער אַדמה.

ער האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס וועגעלע פאָראויס און מיט אַ געזאַנג זיך אַרויסגערוקט פון הויף.

די פאַרקנוילטע געסלעך דורך וואַנען סימן־טוב האָט זיך געראַטשעט מיט זיין אויבס־וועגעלע אויסרופנדיק זיין סחורה בקולי־קולות, זענען געווען די גרעניץ־סטעזשקעס, וואָס טיילן אָפּ די יידישע שכונות פונעם אַראַבישן קוואַרטאַל. אינמיטן האָט זיך געקרייזט אַ זאַמדיקער פּלאַץ און לינקס האָבן זיך געצויגן הויכע שטיינער־פּלויטן, פאַרריגלטע אַראַבישע הויפן, ווי אָפּגעשלאָסענע האַרעם־הייזער. ווייסע מעטשעט קופּאָלן, אָנגעצונדענע פון זון־אויפגאַנג, האָבן זיך געהייבן פון הינטער די שטיינער־פּלויטן. אין די פרידלעכע צייטן האָבן דאָ גאָטפאַרכטיקע אַראַבער אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי, ווי די העלדן פון שעכערזאַ־דעס מעשיות. איצט איז דער פּלאַץ געווען פּוסט. דריי ענגלישע פּאָלי־ציאַנטן, באַוואָפנט און באַפּאַנצערט ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס זיך געקליבן אויף אַן אַטאַקע, האָבן געהאַלטן וואַך, האָבן אָפּגעהיט די „גרעניץ".

די נייגיריקייט וואָס ס'טוט זיך ביים „שונא" אין לאַגער, האָט סימן־טוב'ן געשטופּט פאָראויס. ער האָט שטאַרק געוואָלט אַריבערשפּרייזן די גרעניץ. ביי דער וואַך האָט ער אָפּגעשטעלט ס'וועגעלע און אַריבער־געגאָפּט.

איינצלנע אַראַבער, אָנגעכמורעטע, זענען געשטאַנען אין די טויער־שוועלן און בגנבה אַרויסגעקוקט אויף דער וועלט, ווי פון תפיסה־צעלן. אַזוינע חמורים! — האָט סימן־טוב אַ טראַכט געטאָן—צו וואָס שטרייקן ? צו וואָס זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען דער סעזאָן ברענט ? אויב דער מוסולמענער וועט הערן דעם מופתי מיט זיין כנופיה, וועט ער ווייטער פון דער מאָגערער פּיטע נישט גיין. דער עפענדי וועט אים אויס־הונגערן. אָבער אַז מען האַנדלט מיט יידן ? אַז דער פעלאַך ברענגט ס'גרינס נאָך תל־אביב ? קלייבט ער אָן עשירות, קלייבט ער געלט אויף אַ קעמל, אויף אַן אייזל, קלייבט ער אפילו געלט אויף אַ ווייב.

צו וואָס דאָס אַלץ קריכט אים איצט אין קאָפּ אַריין, האָט סימן־טוב אַליין נישט געכאַפּט. ווייניק זאָרגן האָט ער אייגענע ? אָט מוז ער איצט

אַפּלייזן ס׳פאַרפוילטע אויבס. דערנאָך מוז ער צוגיין צום חכם מנשה עוזיאל, ער זאָל זען מאַכן שלום אין דער משפחה. ער, סימן־טוב, איז נישט קיין מפיל־קינד. און אויב ער זאָגט צו צו ממית׳ן כאַלאַל׳ן, וועט ער האַלטן וואָרט אויך! מער פעלט היינט נישט, אַ ייד זאָל זיך נוקם זיין אין אַן אַראַבער. מזל וועט זיך וואַרפן אין ים אַריין. און די יידישע שכונה? אויס באַמבעס! אויס שיסעריי! אַ שחיטה וועט זיין!

ס׳איז געוואָרן הייסער. איבערן הימל האָט זיך געוואָלקנט אַ נעפּל, וואָס מען זעט בלויז אין די שווערע חאַמסין־טעג. אַרום האָט געבריט אַ געדעמפטע היץ. די אַנגעהייצטע לופט האָט גע׳שרפה׳עט ס׳לייב און גע־טרוקנט דעם גומען. די געסלעך זענען געוואָרן איינציקווייז אַפּגערוימט. ס׳קליינוואַרג — באַרוועסע פּרענקלעך, תימנער׳לעך אין די תחתונים׳לעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, האָבן גענומען פאַרשווינדן. פאַר אַ גריבל מיט וואַסער איז געשטאַנען אַ מידער הונט, פרייכנדיק מיטן אַנגעבלאָזענעם בויך און געלעקט די לעצטע טראָפּנס.

סימן־טוב האָט אַפּגעשטעלט דאָס וועגעלע. ער איז אַריין אין אַ הויף. ביים געעפענטן קראַן האָט ער איינגעווייקט דאָס פאַרטעך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳העמד און איינגעוואַשן דאָס לייב. דערנאָך האָט ער אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ פאַרבינדנדיק דעם שטערן מיטן נאַסן פאַר־טעך, ווי אַ קאָמפּרעס, איז ער צוריק אַרויס צום אויבס.

ס׳איז צוגעקומען אַ קליין תימנער ווייבל, אַ מעוברת, מיט אַ בויך ווי אַ פּויק, דער קאָפּ איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טיול, נישט צו קריגן קיין זון־שטאַך. זי האָט איינגעהאַנדלט אַ ראָטל טרויבן. סימן־טוב האָט גיך אַריינגעפּאַקט אַ פולן קויש, נאָך דערלאַנגט צולאָג, גיכער פּטור צו ווערן פון דער סחורה. ער האָט גערופן נאָך קונים. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. ער האָט ווייטער פויל געשטופּט ס׳וועגעלע, אַ זיכערער אַז דער היינטיקער פּדיון איז אַ פאַרלוירענער. פון פאַרדרוס האָט ער זיך אַ וויל אַפּגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוקערץ. דערנאָך אונטער־זינגענדיק זיך אַן אַראַבישן ניגון, איז ער צוגעקומען צו אַ ברוין שטיינערן הויז מיט קראַטעס אויף די פענצטער, וואו דער חכם מנשה עוזיאל האָט געוואוינט.

* * *

דער חכם מנשה עוזיאל, אין שמאַלע שוואַרצע מלבושים, ווי ביי אַ אַנגליקאַנישן מיסיאָנער, איז האַלב־געלעגן אויף אַ שטויס סאַמעטנע קישעלעך פויל געזויגן דעם שלויק פון דער נאַרגילע. נעבן אים אויף

אַ מעשענער טאָג, איז געשטאַנען אַ האַלבער קופּעל מיט לימאַנאַד. ער האָט אַריינגעלאָזט זיין לאַקיקע באָרד אינעם אויפגעקנעפּלטן העמד, וואו ס'האָט אַרויסגעקוקט דאָס האַריקע האַרץ. די אויסגעוואַשענע פּאות פאַר־דרייט אַרום די אויערן. דאָס אויפגעשטעלטע קאָפּל, ווי אַ קוימען, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. אַזוי איז ער געלעגן און געפּרייכט פון היץ.

אַז סימן־טוב האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט דער חכם אַ טאָפּ געטאָן לעבן זיך אַ דיקע בריל, איינגעראַמט אין פּערלמוטער. ער האָט זי אָנגעזאָטלט אויפן שפּיץ־נאָז און באַטראַכטנדיק אין דער טיר דעם גאַסט, זיך אַ קרום געטאָן:

— עמי־הארצים גייען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויס זיכערקייט אַ קוק געטאָן אויפן שמאָלן אָרון־קודש, וואָס האָט גערוט אין ווינקל און האָט אָפּגעטריבן פון זיך דעם דרימל, וואָס איז אים באַפאַלן. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער, מיוחס מיינער?

סימן־טוב, וואָס האָט געקענט זיך אַן עצה געבן מיט אַ פוט־באַל־שפּילער, מיט אַ פּרייז־פייטער, אפילו מיט אַן ענגלישן פּאָליסמאַן, האָט זיך פאַרלוירן פאַרן חכם, פאַר מנשה עוזיאל'ן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען דער חכם זאָגט מיוחס, מיינט ער מנוול.

— איר ווייסט דאָך, חכם, אַז ביי אונדז, די סאַפּורטאַ'ס איז נישט גלאַטיק. די משפחה איז אין מחלוקת...

— נו, מיינסטו, אַז איך בין אַ מזיקים־טרייבער? כ'וועל אַרויסיאָגן די שדים פון אייערע מוחות? דער בן ווי דער בן, כ'קען דיך פאַר אַ פושע, אַ כופר. אָבער דער אַלטער יום־טוב איז אויך נישט בעסער. צוויי ישראלישע ווייבער האָט ער שוין מקבר געווען אין דמשק. מיינט ער אפשר איצט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן מיט אַ מוסולמענערין אין יפו? וואָס ענטפערסטו נישט, בן־בכור זיינער?

ווען פאַר אים וואָלט געזעסן אַן אַשכנזישער רב, נישט קיין ספרדי־שער חכם, וואָלט סימן־טוב פאַר אַזאַ ברוך־הבאָ אים אויפגעהייבן פאַר דער באָרד. די שלייפן האָבן אים געקלאַפּט. ער האָט פון כעס זיך גע־קרעקט מיט די רייד:

— כ'בין גאָר געקומען וועגן אונדזער מזל, חכם. וואָס מיינט איר, חכם, מען דאַרף איר טאַקע, דעם מזיק, אַרויסטרייבן פון קאָפּ. די ספרדים שרייען אויף איר, די אַשכנזים בילן אויף איר. און זי — נאָר אַ מוסולמע־נער האָט זיך איר פאַרגלוסט.

דער חכם, פול מיט חימה, ווי אַ דערצאָרנטער סולטאַן, האָט געהייבן זיינע שטיפּע ברעמען:

— פון ווען אָן טוען דאָס ספרדים שרייען און אַשכנזים — בילן? ספרדי מיינער! אײדל באַשעפעניש! וואָס פאַרא לשון? מיינסט שטייסט צווישן שענק־זויפערס? און אַז מען האָט אַ משוגענע שוועסטער קומט מען צום חכם? און אַז מען דאַרף טרייבן מזיקים, זוכט מען אַ רב? צו לאַטיפע די כשופ׳מאַכערין גיי! זי וועט דיר שוין טרייבן מזיקים, זי וועט דיר אפילו מאַכן אַ „טאַכלאַאיע״.

אַזאַ קאַלטער גאָס האָט סימן־טוב אינגאַנצן אָפּגעקילט. ער האָט פאַרגעסן, אַז אין דרויסן בריט אַ חאַמסין. מיט צוויי שפּריז איז ער געווען ביי דער נידריקער טיר. ער האָט שוין געוואָלט האָבן הינטער זיך דעם חכם, זיינע סגולות און אָפּשפּרעכונגען. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס אייזערנע הענטל וואָס איבער דער קליאַמקע. דער חכם האָט אַרויפגערוקט איבערן שטערן דאָס אויפגעשטעלטע קאַפּל ווי אַ קוימען, גיך געטאָן אַ פּאָר געשמאַקע זופּ פונעם קופּעל לעמאַנאַד. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס, אַ לאַנגער ווי עוג מלך הבשן, און אַריינקריכנדיק אין די רויטע סאַמעטנע לאַטשן, האָט ער אָנגעיאָגט סימן־טוב׳ן.

ביי סימן־טוב׳ן האָט זיך די שנאה צום חכם אַלץ נישט געלאָשן. ער איז גרייט געווען אים אויסצופּליקן אַ שטריף באָרד, דעם ירא־שמים. פאַרוואָס אַזאַ חוזק־טרייבן, ווען ער קומט אים אָן עצה פרעגן? און ווען דער חכם וואָלט אפילו איצט געענדערט דעם טאָן און געשיקט אים אַ וויכן שמייכל, גלאַטע רייד, וואָלט עס אים, סימן־טוב׳ן, אויך נישט מער איבערגעבעטן.

מנשה עוזיאל, אַ שווייגנדיקער, איז צוגעגאַנגען צו אַ נידריקן אַלמער מיט ספרים. איבערן אַלמער איז געהאַנגען אַ שווערער קופּערנער חנוכה־לייכטער, אויסגעהאַמערט ווי אַ מנורה. נעבן דער מנורה דער אויסגענייטער רמב״ם, אַ צעקנייטשטער, אין אַ אויסגעקרומטער ראָם. דער ספרדישער חכם האָט אָפּגעשלעפּט פון הינטער דער ראָם אַ בינטל פאַרוויקלטע פאַרמעט־בלעטלעך, באַשאָטן מיט אַראַבישן כתב. ער האָט איינגעגראָבן די אויגן אין די בלעטלעך. ער האָט זיך צעשאָקלט, זיך צע׳ניגונ׳ט און געלייגט איבער סימן־טוב׳ן ווערטער, שווערע ווי געוויכטער:

— הערן זאָלסטו, אַז ווען ס׳האָלט אונדזערס אַ יהודי ביים פרעגן אַ שאלה — זוכט ער זיך דעם חכם — האָלט ער, להבדיל, ביים קריגן

אַפּשפּרעכעניש, סגולות, מאַכן אַ „טאַכלאַאיע", דאַרף ער גיין צו כישוף־מאַכערס און לצנים, רחמנאַ לצלן... וויל ער אָבער, דער יהודי, נקמה נעמען פאַר אַ באַליידיקטער שוועסטער, ברודער צי קרוב, דאַרף ער האַנדלען מיטן אייגענעם קאָפּ און מיט אייגענע פויסטן... דאָס ווייסט יעדער ישראלי, אַז ווען שכם בן חמור האָט געגלוסט צו דינה'ן, האָבן אירע ברידער שמעון און לוי אויסגעהרג'עט גאַנץ שכם.

דעם חכמ'ס רייד, האַרטע, זענען סימן־טוב'ן געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ס'האָט געהעצט זיין געמיט. נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. אָדער הייבן די פויסטן, אָדער לאָזן מאַכן אַ „טאַכלאַאיע". אָבער ווי שלעפּט מען אַהין מזל'ן צו דער כשוף'מאַכערין? און אויב אַ כשוף'מאַכערין — פירט דער וועג צו דער אַלטער לאַטיפע. ער וועט אפילו נישט פרעגן דעם אַלטן יום־טוב סאַפּורטאַ.

מיט איין אויג־פינטל האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזוכן לאַטיפען. ער האָט אַ קוש געטאָן דעם חכם עוזיאל אין האַנט אַריין. דער חכם איז געשטאַנען אינמיטן צימער און אַלץ געגראָבן די אויגן אין דעם בינטל בלעטלעך. סימן־טוב האָט נאָך אַרויסגעשטאַמלט עטלעכע מאָל דאַנק־זאָגונגען און איז אַרויס אויף דער גאַס.

* * *

מיטן אויבס־וועגעלע איז סימן־טוב אַריינגעפאָרן אין אַ ענג, שוואַרץ געסל. פאַר אַ חרוב, צעשפּרייט הייזל, וואָס האָט געקניט ווי אַ קעמל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פאַרקאָפּטשעטער אַראַבער, מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, האָט גערוט אויף דער שוועל און געבראָקט שטיקער פּיטע אין אַ טעלער אַרבעס מיט פאַפּריקע. אין סימן־טוב'ן האָט זיך געוועקט אַ שרעק. צו טיף איז ער פאַרקראָכן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן געסל. בלויז עפנדיס, כאַדזשיס און פעלאַכן, אַלע אין יום־טוב'דיקער הלבשה, מיט הויכע שטעקנס אין די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין אויפן קבר פון נביא רובין. און קיין פאַליס, קיין זעלנער אַרום זעט מען נישט. צוויי בכבוד'יקע שייכן מיט חלומות הינטער די פאַרוויקלטע פעסקעס, האָבן רואיק פאַרבייגעשלייכט. קעגנאיבער, פאַר אַן אַלטן ברונים, האָט אַ באַרוועסער וואַסער־טרעגער אַנגעפילט לאָגלען. און הינטער אים, פאַר אַן אויסגעפּעטסטע, גלאַנציקע וואַנט, האָט אַן אויסגעקראַכענער קעמל, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַן אָקס, געדרייט אַ מעכטיק ראָד.

דאָס האָט ער געפּרעסט און געקוועטשט איילבירטן, רויע, זאַפטיקע אייל־בירטן — אויף קריגן אייל.

סימן־טוב האָט דערטאַפּט ס׳אייזערנע הענטל פון אַ שווערער גע־וועלבטער טיר און דריי מאָל אָנגעקלאַפּט. פון יענער זייט טיר האָט נאָכגעלאָזט אַ קייט. אין דער עפענונג האָט זיך באַוויזן אַ צעלאָבערטע זקנה אין שוואַרצע טראַנטעס. איבערן טאַטואירטן פּנים — גרינע שטרייפן און האַלבע לבנות. אַרום די קוילן־אויגן — אָנגעפּענזלטע ראָמען. אַ פולע ווײַלע איז די זקנה געשטאַנען אומבאַוועגלעך און גע־קוקט אין חלל אַריין, ווי זי וואָלט קיינעם לעבן זיך נישט געזען. זי האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע רינגען און מטבעות, וואָס האָבן באַהאַנגען איר נאָז און אויערן. פון צווישן די טראַנטעס־פאַלדן האָט זי אַרויסגע־צויגן אַ צעבויגענעם שטעקן און געקלאַפּט איבער דער טיר:

— באַרכאַבאַ יאַ סידי! *) פון אַלע עקן וועלט קומען מוסולמענער צו לאַטיפען, נאָר צי לאַטיפען.

— כ׳בין נישט קיין מוסולמענער, לאַטיפע — האָט סימן־טוב אַ איבערגעשראָקענער איר איבערגעהאַקט.

די זקנה האָט ווייטער געגלאָצט אין חלל אַריין און געשאָטן ווערטער:

— ווער ביסטו, נישט קיין מוסולמענער? אַ וואַלאַד־אַל־מוט? **) קום אַריין, אויג מיינס! אַלע קומען צו מיר. וואָס באַדריקט דיין האַרץ, מאַחבוב ***) מיינער? וואָס באַשווערט דיין געמיט? אַ גליסטעניש? אַ בלוט־אויסלייזונג? ביים לעבן פון נביא! ביי מיר ווערן אַלע געהיילט. פאַר מיינע שוועלן פּויזן קיין שדים. היינטער מיין דאַך קומט נישט קיין בייז אויג. אַללאַ איז אַקבאַר! — האָט די זקנה זיך געפּאַטשט אין די הענט אַריין — טרעט אַריין, מאַחבוב, טרעט אַריין!

אַ שווערע פאָרהאַנג, ווי אַ פּרוכת, האָט זיך אויסגעהייבן. ס׳האָט אַרויסגעגלאָצט אַ טיפע פינצטערניש. די זקנה האָט טאַפּטשענדיק גע־שיקט דעם שטעקן פאָראויס. זי האָט אָנגעצונדן אַ געפלאַכטן ליכטל, ווי מען צינדט אָן ביים אַראָפּנידערן אין דער מערת־המכפּלה. און סימן־טוב איז געבליבן שטיין אין אַ דריי־עקיק שטיבל, וואו פון די רויטע, אָפּגעשונדענע ווענט האָט זיך געשיילט נאַסער טינק.

---

*) ברוך הבאַ, מיין טייערער.

**) קינד פון טויט — צונאָמען פאַר אומגלויביקע און יידן.

***) ליבער.

די זקנה האָט געהיים געפּליסטערט אַ שבח, דערנאָך האָט זי צע־שפּרייט אַ קאָלירט טיכל מיט קניפּלעך און אַרונטערגעטראָגן עס סימן־טוב׳ן.

— קלימפּערלעך, קלימפּערלעך, מעשענע און זילבערנע מטבעות. אַזוי ווערן שלאָפּע געהיילט. אַזוי ווערט בייז בלוט געשטילט.

סימן־טוב׳ן האָט נאָך באַנג געטאָן דער וויזיט. וואו איז ער פאַר־קראָכן? אַט דאַרף ער שוין אַריינצײלן געלט. און די מכשפה וויס אפילו נישט, נאָך וואָס ער איז געקומען. ערשט איצט האָט ער באַנומען, אַז ס׳איז גלייכער געווען צו פאָלגן דעם חכמ׳ס עצה. פויסטן — אַט מיט וואָס ער קען העלפן מזל׳ן.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— הער נאָר דו לאַטיפע. כ׳קום וועגן מיין שוועסטער. זי איז אַ געשטראָפטע. מען דאַרף איר מאַכן אַ „טאַכלאַאיע״.

די זקנה האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע נאָז־רינגען. — אַ טאַכלאַאיע, מאַחבוב, אַ אָפּטרייבעניש, אַ אָפּשפּרעכעניש. אַלץ קען איך מאַכן אין מיין אָרעמען געצעלט. אַללאַ איז אַקבאַר! קיין זאַך איז פאַר מיר נישט פאַרהוילן... קלימפּערלעך, קלימפּערלעך, מעשענע און זיל־בערנע מטבעות — האָט די זקנה ווידעראַמאָל אונטערגעטראָגן דאָס טיכל, און דיין שוועסטער וועט ווערן געזונט. אַ טאַכלאַאיע ווילסטו? געוויס האָט דיין שוועסטער באַליידיקט די שדים, די שטויב־זיצערס. מען דאַרף די שדים איבערבעטן. האָט דיין שוועסטער געשריגן אינמיטן נאַכט, ווען די שטויב־זיצערס זענען פאַרביי איר פענצטער? האָט זי אַ גאָס געטאָן שמוציק וואַסער ווען זיי האָבן געפירט זייערס אַ כלה צו דער חופה? דערצייל, אויג מיינס, דערצייל! שדים פאַרגיבן נישט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איר. כ׳וועל גיין צו דיין געשטראָפטער שוועס־טער. ניין טעג וועט זי גיין אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער. מען וועט אויסראַמען דאָס הויז פון אַלע שכנים און פון אַלע כלים. מען וועט אָנ־לייגן אַ שלאָס אויפן טויער. קיין אַריין, קיין אַרויס. אַליין וועט זי בלייבן. בלויז מיט מיר... און איך לאַטיפע, וועל איבערבעטן די דער־צאָרנטע שטויב־זיצערס. אַללאַ איז אַקבאַר! כ׳וועל פאַר זיי אַרויסשטעלן אין די נעכט רייכע מאַלצייטן, רייכע געטראַנקען. און דיין שוועסטער וועל איך היילן מיט שטויב, מיט קרייטעכצער און מיט לויב־שפּרוכן.

ווען די כשוף׳מאַכערין האָט געמאָלן און געקלימפּערט מיט די מע־שענע אויערן און נאָז־רינגען, האָט סימן־טוב געזוכט די טיר, ווי נאָך

צו אַנטקומען. ס׳איז אים דושנע געוואָרן צווישן די טוכלע ווענט. רינגעלעך שווייס האָבן אים אַרויסגעשלאָגן איבערן שטערן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם לעדערנעם בייטל עטלעכע געלעכערטע טאַריפעס און אַריינגעוואָרפן אין דעם געקניפּלטן טיכל. ער האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן ליכטל. ס׳איז געוואָרן פינצטער. און ווען די זקנה איז געבליבן אָן לשון, קלאַפּנדיק בלויז מיטן שטעקן איבער די צעפּוילטע שטיינער, האָט סימן־טוב זיך אַרויסגעשאַרט פון דעם חרוב׳ן הייזל.

* * *

אין דרויסן האָט סימן־טוב נישט געפונען זיין אויבס־וועגעלע. ער האָט געכאַפּט אַ קוק רעכטס, לינקס. קעגנאיבער נעבן דעם איינגעשפּאַנטן קעמל, וואָס האָט געדרייט ס׳מעכטיקע ראָד, איז געלעגן דאָס שטופּ־וועגעלע, אָן איבערגעקערטס, מיט די רעדער אַרויף. אַרום האָבן גע־טומלט און געזשומעט אַ המון אָפּגעשליסענע, אַראַבישע קינדער. דאָס האָבן זיי אויסגערויבט ס׳אויבס פון דעם יאַהוד. מען האָט געגעסן וויפיל ס׳האָט זיך געלאָזט. די רעשט האָט מען פאַרשטעקט אין די ברייטע פּאָלע־הויזן. און דאָס וואָס איז נישט געווען צום געברויך, האָט ס׳קליינ־וואַרג מיט רציחה צעטראָטן מיט די פיס.

אויף אַזאַ חורבן האָט סימן־טוב זיך נישט געריכט. בלויז חימה, איז ער גרייט געווען זיך אַ וואַרף צו טאָן אויף דעם קליינוואַרג און זיי צורייסן איינס באַיינס. ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיט בייזע, פאַרדעכטיקע אויגן וואָס האָבן געלויערט אויף אים פון די ווינקלען, — יאַהוד כלב!

סימן־טוב האָט זיך אומגעקוקט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ באָר־וועסער נעגער. איבער זיין געקאַרבטן קאָפּ — אַ מכה, גרויס ווי אַ קנאָפּ. די צעקאָכטע אויגן — פלאַמען. דער נעגער האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ חיה, איידער זי גייט זיך וואַרפן אויף איר רויב און אים געשטופּט אַ פויסט אין דער גאָמבע:

— ווי קומסטו אַהער, כלב?

— ווילסט הרג׳ענען מוסולמענער? — איז אונטערגעלאָפן אַ צווייטער אַראַבער אין אַ צעפליקטער, ברוינער אַבאַיע.

אַ דורכגייער, אַ באַלאַקטער שייך, מיט אַ ווייך פּנים פון אַ רודף־שלום, האָט זיך אַריינגעמישט.

— לאָזט אָפּ! ער איז דאָך נישט קיין מאָסקאָבי. אַ היימישער יאַהוד.

— אַטבּאַח אַל יאַהוד! *) — האָבן זיך געהערט קולות.
ס׳איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ הייפל. שטעקנס האָבן זיך געהייבן.
— לאָזט אים נישט אַרויס! טויט דעם יאַהוד!

סימן־טוב האָט געזען ווי ס׳קלייבט זיך אַ המון, ס׳ווערט פינצטער. פּלייצעס, קעפּ, פויסטן, אייטערדיקע אויגן. און אַלע פאַרשטעלן אים דעם וועג. נאָך איין ווילע און ער וועט זיך נישט קענען דורכברעכן. ער האָט אויפגעהייבןביידע הענט — אָנגעשאַרפטע העק, דערנאָך אַ שפּאַר געטאָן איינמאָל רעכטס, אַ צווייט מאָל — לינקס. די קייט האָט זיך איבערגעריסן און ער האָט זיך געלאָזט לויפן פאָראויס. אַ האָגל פון שטיינער האָט אים נאָכגעיאָגט. סימן־טוב איז געלאָפן אָן אָטעם, געלאָפן און געסאָפּעט ליק איין, ליק אויס. קללות, שטעקנס, שטיינער האָבן אים באַגעגנט אין וועג. ער האָט מכבד געווען יעדן איינעם וואָס האָט אים פּרובירט פאַרשטעלן דעם לויף. דער וועג האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, דורך נישעס, דורך חורבות. און ווען סימן־טוב, אַן אויסגעמאַטערטער האָט דורכגעבראָכן די „גרעניץ״, ער האָט זיך שוין געפונען אין דער יידישער שכונה, איז ער ערשט צוגעלאָפן צו אַ וואַנט און גענומען פרייכן, אײנגאַנצן אַן אָפּגעגאָסענער מיט אַנגסטן.

ערשט איצט האָט גע׳שרפה׳עט אין אים די שנאה. אַזוינע הינט! אַזוינע מערדערס! נישט גענוג וואָס מען האָט אים באַרויבט, האָבן זיי אים נאָך געוואָלט ממית׳ן. דעראויף דאַרף ער לאָזן אַ שוועסטער הפקר מיט אַן אַראַבער! אין דר׳ערד מיט דער „טאַכלאַאיע״! אין דר׳ערד מיטן טרייבן שדים. ער, סימן־טוב וועט אַליין אַרויסקלאַפּן די שדים פון מזל׳ס קאָפּ, ער אַליין וועט מאַכן אַ משפּט איבערן אַראַבער.

* * *

ווען סימן־טוב האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט דער אַלטער יום־טוב סאַפּורטאַ שוין געהערט וועגן דעם איבערפאַל. ער האָט דעם זון אָפּ־געוואַרט אין טויער, אַ פּעטער, ווי אַ פערס פון דער שטאָט שושן. ער האָט געטראָגן אַ פאַרביקע, געשטרייפטע הלבשה, אויפן קאָפּ אַ רויטע פעזע, אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן זיידענעם באַנד. ביים זונס אַריינקומען, האָט ער זיך אַריינגעוויגט אין הויז. פון עגמת־נפש האָט ער אָוועקגע־רוקט פון זיך דעם זויג־שלויק, דעם טאַבאַק. ער האָט אָפּגעבונדן דעם רויטן בויך־באַנד פון די ברייטע פאַלע־הויזן. דערנאָך האָט ער אויסגע־

---

*) לאָמיר שעכטן די יידן.

טאָן די קאַלירטע שטעק־שיך און זיך אַוועקגעזעצט מיט פאַרלייגטע פיס, אויף אַ גרינעם האַריקן טעפּיך. און ווען ס׳איז אים שוין געווען גאָר באַקוועם אויפן מזרח־שטייגער, האָט ער ערשט זיך געווענדעט צום זון, מיט אַ געבייזער:

— נישטאָ קיין בושה, סימן־טוב? איך — בין פינף און זעכציק יאָר. פאַר מיר — מיין טאַטע, נאָך פריער — מיין זיידע. אַלע סאַפּורטאַס האָבן געקענט אויסקומען מיט די מוסולמענער. סכסוכים, קריגערייען און געשלעגן האָבן אין אונדזער הויז קיין פּלאַץ נישט געהאַט. און דו — צו מלחמות פירן האָסטו זיך גענומען? נישטאָ קיין בושה, סימן־טוב? און מיינסט, כ׳וועל דאָס מוזן פאַרטראָגן? הער נאָר דו, קענסט ביי מיר אויספירן, כ׳זאָל נאָך היינט פאַרפּאַקן מיין טאַרבוש, מיין גאַרטל און צוריק פאָרן נאָך דמשק. קענסט ביי מיר אויספירן!

סימן־טוב וואָס האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך ס׳צעווייקטע העמד, איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב אָפּגעדעקטן קופּערנעם גוף. די מוסקולן, אָנגעצויגן, פאַרשטייפט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן פאָטערס אָפּע־נעם הויז, מיט אַזאַ חידוש, ווי ער וואָלט איצט געקומען פון אַ ווייטער רייזע. די דריי אויסגעוועלבטע צימערן זענען געווען באַהאַנגען מיט בילדער פון מוסולמענישע גבורים און פון העלדישע דרוזען־מלחמות. אויף די ווענט — אַלטע קריגס־וואָפן, מאַכמעדאַנישע שטילעטן און רויב־געצייג.

בײם פאָטערס לעצטע רייד האָט סימן־טוב זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ געבריטער:

— און מזל? ווער וועט מזל׳ן פאַרזאָרגן? מיינסט, טאַטע, כ׳וועל אויסהאַלטן אַזאַ שווינדל? און דו פרעגסט נאָך, צי ס׳איז נישטאָ קיין בושה? ס׳איז דאָ, טאַטע, אוי ס׳איז דאָ! איך, אַ יהודי, וועל נישט אַריינלאָזן קיין אַראַבער אין דער משפּחה. נאָך היינט מאַך איך מיט אים אויס „אַוואַנטאַ״! *).

איבערן אַלטן יום־טוב׳ס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ כמאַרע. פאַר כעס האָבן די טיפע באַקן־פאַלדן גענומען יוירן.

— וואָג נישט סימן־טום, הערסט? וואָג נישט צו הייבן אַ האַנט. אונדז, יהודים, האָט דער קאָראַן בעסער געשיצט ווי דער צלם. און אַז מזל איז פאַרטאָן מיט כאַליל׳ן, דעראויף בין איך אַ טאַטע. מען דאַרף

---

*) שווינדל.

זיין ווייך צו איר, צו מזל'ן. הערסט? זי איז אַ יתומה, די מויד. זי האָט קיין מאַמע נישט. דאַרף איך צו איר זיין אי טאַטע, אי מאַמע... פרעג מיך, סימן־טוב, פרעג מיך, וועל איך דיר אויסגעבן אַז כאַלילן דאַרף מען פון הויז מער נישט טרייבן. פאַרקערט מען דאַרף אים אַריינבעטן.

— וואָס אַריינבעטן? וועמען אַריינבעטן? — האָט סימן־טוב אַ כאַפּ געטאָן אַ שטרוי־בענקל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עס וואַרפן דעם פאָטער.

— צו שפעט אים צו טרייבן — איז דער טאָן ביים אַלטן ווייכער געוואָרן — סימן־טוב, זיי האָבן זיך ליב... מזל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן... און כאַליל איז גרייט זיך מגייר צו זיין...

סימן־טוב האָט געשפּירט ווי מען פּלעט אים דעם מח. ווי אַ געשאָסענער הונט האָט ער גענומען לויפן אין אַ פּיר־עק איבערן צימער. דער חשד אַז דער אַלטער איז מסתמא דול געוואָרן, האָט אים אַ וויל אָפּגעטעמפּט. ער האָט געפרעסן דעם פאָטער מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט שגעון:

— ווי אַזוי האָסטו דאָס דערלאָזט, טאַטע? פאַרוואָס האָסטו געשוויגן, יום־טוב סאַפּורטאַ?

ביים אַלטן האָט דאָס פּנים זיך געקרעמפּט. נישט אַזוי פון וויטיק פאַר דער טאָכטער, ווי פאַר יסורים, וואָס דער זון מאָנט ביי אים אַזוי האַרט, אַזוי שטרענג אַן ענטפער. די פריערדיקע תקיפות וואָס האָט פון אים אַרויסגעשריגן, האָט איצט נאָכגעלאָזט. און ס'האָט געאָטעמט פון אים געבראָכנקייט און דערשלאָגנקייט.

דער אַלטער האָט זיך צעוויינט:

— כ'קען זיך גאָרנישט העלפן, סימן־טוב... מיר האָט זי עס ערשט היינט דערציילט... זי איז עלנד, מזל. און איך זאָג דיר, זון, מען דאַרף איר דער אָרעמער, העלפן...

דעם פאָטערס טרערן גרויסע, פאַרקילטע ווי ביי אַ צירק־לץ, האָבן ביים זון נישט געוועקט קיין רחמנות. ער האָט זיך געגרעדלט, ווי ער וואָלט פון זינען געקומען, נאָכאַנאַנד געשפּרונגען, נישט קענענדיק שטילן אין זיך ס'צעיושעטע בלוט:

— העלפן איר? דאָס קיינמאָל נישט! הערסט, יום־טוב סאַפּורטאַ, דאָס קיינמאָל נישט! און זי וויל איך איצט טאָקע זען, די זונה!

ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער אַריין, אָבער איידער ער איז נאָך אַריבער די לאָמע שוועל, איז אים

אַנטקעגן געקומען מזל, אַ איבערגעשראָקענע. אירע פולע בלויע אויגן אונטערגעמאָלן מיט טונקעלע רינגען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שמאָל קלייד, די פאַרב אַזוי פורפור־רויט, אַז ס'האָט געריסן ס'אויג. אויף די ברוינע פיס — געפלאָכטענע סאַנדאַלן, איבערן טונקעלען אייל־בירט־שטערן זענען געפאַלן אַ בינטל גאָלדענע לעקעלעך, פאַרשלייפט מיט אַ גרין־זיידענע טאַשמע.

אַזוי איז מזל געשטאַנען אַנטקעגן ברודער אַ שטומע, די ציין פאַר־האַקט, די ליפּן געשלאָסן. נאָר די אויגן, אַזוינע פאַרנעפּלטע און טיפע, ווי ברונימס, האָבן גערעדט. גערעדט האָבן די אויגן. געשריגן האָבן זיי, געזוכט אויף זיך צו נעמען אַלע שטראָפן, וואָס דער בייזער סימן־טוב וועט אויף איר אַרויפלייגן.

מזל איז גרייט געווען, אי זיך צו וואַרפן אויף סימן־טוב'ן און זיך איינבייסן אין זיין לייב, אי צו פאַלן צו זיינע שוואַרצע, באָרוועסע פיס און בעטן, אַזוי בעטן ער זאָל זי אומברענגען.

סימן־טוב האָט נישט אויפגענומען דער שוועסטערס תרעומות. אַ זינדיקע און געשטראָפטע, האָט ער געהאַלטן אויף איר אַ געדולדיקן, שטאַרקן בליק, און אַז זי האָט אַלץ אויסגעהאַלטן, אַלץ אַריבערגעטראָגן, אַ שווייגנדיקע מיט אַזאַ פּיין אין די אברים, האָט ער אויף איר אַ שפּיי געטאָן און איז גיך אַרויס פון הויז.

* * *

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט סימן־טוב אויסגעמאָסטן דעם ספרדישן קוואַרטאַל, טאָפּטשענדיק צווישן די ליימיקע וואַסער גריבלעך, האָט ער געזוכט אַ פאַרטל, ווי נאָך נקמה צו נעמען פון די אַראַבישע שכנים, און דער עיקר פון כאַליל'ן. נקמה פאַר מזל'ן, נקמה פאַר זיך, נקמה פאַר די באַליידיגונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון טאָג.

ער האָט געוואָלט אַרויסשלעפּן דאָס יונגוואַרג פון די באַראַקן, אפילו מיט די אַשכנזים וואָלט ער זיך איצט צונויפגערעדט אַבי די מחנה זאָל ווערן וואָס גרעסער. און אַזוי גרופּנווייז זאָל מען זיך אַ וואָרף טאָן אויפן נאָענטסטן אַראַבישן דאָרף, וואָס גרעניצט מיט די יידישע פּרדסים.

דער הימל האָט מער אַזוי נישט גע'שרפה'עט. דער גליענדיקער נעפּל איז איינציקווייז צערונען און פון דער ים־זייט האָט אַ לייכט ווינטל אָנגעבלאָזן, יאָגנדיק די פאַריקייט.

פון אַזאַ לופט האָט סימן־טוב זיך געפילט אָפּגעפרישט. צוקומענדיק צו אַ לאַנגן פאַררויכערטן באַראַק, האָט ער געוואָלט אַרויסרופן אַ פאַר

יונגען, שיך־פּוצערס מיט נאַבוט׳ן אין די הענט, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו קיילן די קעמל־טרייבערס און אייזל־רייטערס וואָס טראָגן זיך פאַרביי איבערן ברייטן סעלעמער שאָסיי.

אַ צען שטאַרקע יונגען, גערופן ווי אויף אַ קריגס־סיגנאַל האָבן זיך געזאַמלט אַרום סימן־טוב׳ן, גרייט אים אַלץ אויסצופאָלגן. די פאַרשוינען, אַלע ברייטע מיט אויסגעשטויסענע גופים האָבן געקענט אָנוואַרפן אַן אימה אויף יעדן פאַרבייגייער. טייל זענען געווען באַוואָפנט מיט נאַ־ביטן, אַנדערע מיט לעדערנע בייטשן און דרענגער. איינער האָט מיט הכנעה זיך געשטעלט פאַר סימן־טוב׳ן:

— ווען דו קומסט אפילו נישט, וואָלטן מיר סיי ווי זיך געלאָזט אויף זיי.

— וואָס, ס׳איז ווידער עפּעס געשען אין דער שכונה? — האָט סימן־טוב געפרעגט.

— אינדערפרי האָט אַ פעלאַך אונטערגעלייגט אַ באָמבע הינטער דעם שמידס צריף. קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געשפילט, האָבן אונדז דערציילט. און איידער וואָס־ווען האָבן מיר די באָמבע באַצייטנס פאַרלאָשן.

— טאָ וואָס שוויגט איר, חמורים?

— איר וואַרט מען זאָל אונדז אויס׳הרג׳ענען?

— געגאַנגען, נו!

— געגאַנגען!

אַז דאָס הייפל האָט גענומען מאַרשירן, זענען פון שאָסיי אָנגעקומען עטלעכע באַ׳פאַה׳טע תימנער מיט אַ אויסטערליש געפילדער. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ גרויסן וויעכעטש שטרוי, אַ פלאַש מיט אַ פּאָר אָפּ־געברענטע שמאַטעס. באַגעגנדיק די באַוואָפנטע חברה, האָבן די תימנער אויסגעשריגן:

— דאָס האָבן מיר געפאַקט!

— זיי ווילן אונדזערע הייזער אונטערצינדן.

— אָט איז די פלאַש נאַפט מיט די איינגעטונקענע שמאַטעס!

— וואו האָט איר דאָס געפונען? — האָט סימן־טוב געפרעגט.

— אין אַ האָלץ־מחסן *). טייל ברעטער האָבן שוין געברענט.

— און וואוהין טראָגט איר דאָס?

---

*) סקלאַד.

— אין דער פּאַליציי.

סימן־טוב האָט זיך געבייזערט:

— אין פּאַליציי? איי תימנער, תימנער! שוואַרצע הינטנס! אַרבוזן־קעפּ! אין פּאַליציי טראָגט איר דאָס? און וואָס ווען מען אין פּאַליציי טאָן? מען וועט פון אייך אָפּנעמען אַ פּראָטאָקאָל, און אויפן צווייטן טאָג וועט מען אַרויסשיקן אַראַבישע פּאָליסן צו „כאַפּן" די אונטערצינדערס? הא? אַהער דעם נאַפט! אַהער דאָס שטרוי! איך וועל אייך וויזן „כאַרופּס" *), וואָס מען דאַרף מיט דעם טאָן.

— וואו גייען מיר? — האָבן די תימנער געגאַפט.

— פרעגט נישט, קומט!

— וואָס ווילט איר טאָן?

— אונטערצינדן זייערע הייזער!

— אָן אונדז, בחיי, נאָר אָן אונדז! — האָבן די תימנער זיך געשראָקן ווי שעפּסן.

מען האָט זיי נישט געפרעגט. אין וועג האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך דורכגייער. צומייסטנס אויפגעהעצט יונגוואַרג, הינטער זיי — עלטערע פאַרשוינען, אפילו זקנים אין קאָלירטע כאַלאַטן. די מחנה איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. זיי האָבן געשפּרייזט דורך די געדיכטע געסלעך וואָס זענען געווען באַדעקט מיט פאַררויכערטע באַראַקן. אין עק שכונה, האָט דער המון זיך אַריינגעריסן אין אַ באַיאַרטן פּרדס. פון יענער זייט פּרדס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע, אויסגעטריקנטע „וואַדי". דער המון איז די וואַדי אַריבערגעשפּרינגען. סימן־טוב האָט געגעבן אַ האַנט־צייכן און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלט, פאַרלאָזן הויז.

דער בנין, פאַרריגלט און פאַרהעמערט, ווי אַן אָפּגעשלאָסענער האַ־רעם, איז געווען פּוסט פון איינוואוינער. פאַר די צוויי שווערע טויערן, ווי לוחות, האָט זיך געדרייט אַ ברוינער מויל־אייזל, וואָס די אַראַבישע איינוואוינער, אַנטלויפנדיק האָבן מסתמא פאַרגעסן מיטצונעמען.

דער אייזל וואָס האָט געגריזשעט דעם מאָך פון דער מויער, האָט געקוקט טעמפּ אויפן אָנקומענדיקן המון.

דער ערשטער האָט סימן־טוב פאַנאַנדערגעלייגט דעם וויעכעטש שטרוי. אַ בוכאַרער זקן האָט פאַרשטעקט די פּאָלעס פונעם געשטרייפטן כאַלאַט אינעם רויטן בויד־באַנד, דערנאָך האָט ער גענומען אין האַנט

---

*) שעפּסן.

אַריין אַן אָפּגעבראָכענע צווייג און געקאָמאַנדעוועט.

באַוואָפנט מיט דרענגער האָט דער אויפגעהעצטער המון אַרומגע־רינגלט דעם בנין ווי ביי הקפות. און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער שרפה, האָט אַן אויסגענאָגטער תימנער זיך צעשריגן מיט אַ טיפן, כאָרכלדיקן קול:

— פאַרוואָס טוען מיר דאָס?

— מיר זענען זיך נוקם! — האָבן קולות אָפּגעענטפערט.

— פאַר אונדזערע דער׳הרג׳עטע ברידער! — האָט מען פון אַלע זייטן זיך צעשריגן.

— פאַר די אויסגעריסענע פּרדסים!

— פאַר די פאַרברענטע תבואות!

פון אַלע ווינקלען האָבן יונגען געשלעפּט פלעשער נאַפט. טייל האָבן אונטערגעלייגט איינגענעצטע שמאַטעס. סימן־טוב האָט אָנגעצונדן אַ דראַנג. דער בוכאַרער זקן האָט אים נאָכגעטאָן. ער איז גרייט געווען אָנצושטעקן מיטן ברענענדיקן פאַקל די פיר זייטן פון בנין, אַ גאָטפאַרכ־טיקער, מיט יראה, ווי ביי הבדלה.

און ווי דער המון איז געשטאַנען אַ שטומער און געגאַפּט, געוואַרט ס׳זאָל אויסברעכן די שרפה, איז פונעם שטייניקן שאָסיי, וואָס האָט גע־פירט צום ספרדישן קוואַרטאַל, אָנגעקומען דער אַלטער יום־טוב סאַ־פּאָרטאַ, אַ צעיאָכמערטער. ער איז געווען באַגלייט פון הינטן און פון פאָרנט מיט אַ מחנה באַרוועסע יונגלעך, וואָס האָבן נאָכגעצויגן מיט אַ פּייפעריי.

צוקומענדיק צום אַראַבישן בנין, האָבן די יונגלעך, ווילדע, מיט אַ געפּילדער געשלעפּט דעם אַלטן פאַר די פאָלעס פונעם כאַלאַט און גע־טייטלט מיט די הענט:

— אָט איז דיין בן!

— אָט איז סימן־טוב!

דער אַלטער סאַפּורטאַ איז בלייך געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן ווילדן המון און אויף די אָנגעצונדענע דרענגער אַרום, ווי אויפן חורבן פון סדום. באַלד האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די שווערע ברעמען האָבן גענומען ציטערן. פון די צעבלאָזענע ליפּן האָט געשפּריצט אַ רעגנדל און די אָנגעגאָסענע אויגן אַרום די פאַרבאַקענע הויט־פאַלדן, האָבן געפלאַקערט.

פאַר חימה האָט ער אָנגעכאַפּט דעם צעיושעטן בוכאַרער זקן און אים

געצויגן פאַר אַן אויער, ווי מען ציט אַ פוילען איזל־טרייבער:
— דו חמור בן חמור! וואו האָסטו געלערנט אונטערצינדן הייזער? אפשר שטייט דאָס אין דת־ישראל? און אפשר אין דער מסורה? דו גמל בן גמל! ביסט ערגער פון אַ מוסולמענישן קעמל־גנב! לערן זיך אַביסל רחמים ביים קאָראַן! דו נואף, דו גזלן און כופר!
דער בוכאַרער זקן האָט זיך אַרויסגעריסן פון סאַפּורטאַן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַ געשאָכטענער און געשריגן:
— אַוועק פון מיר! ריר זיך נישט צו מיט דיינע הענט, דו טערק! דו טמא־זאַק! מיינסט, אין דער שכונה קען מען נישט דיינע מעשים? — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם — בחורים, וואָס שווייגט מען? אַזאַ יהודי דאַרף מען לייגן אויף דער באַנק און אים מרביץ זיין! דאָס געהער דאָך אפילו נישט צו די בני־עמנו, אָט־דער שליח פון מופטי! אַ טאָכטער האָט ער פאַר׳קנס׳ט פאַר אַן אַראַבער, אַליין זיצט ער אין זייערע טרינק־הייזער און אונדז קומט ער זאָגן תוכחה. ער נעמט זיך אָן פאַרן איסלאַם און פאַרן קאָראַן. אַזאַ פאַרקויפטער שמאַלץ־בויך! אַזאַ סירישער שעפּס!
דער עולם מיט די אָנגעצונדענע דרענגער אין די הענט, אָנשטאָט זיך צו לאָזן אויף דעם בוכאַרערס רוף, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ גע־ליימטער. פאַרקערט, טייל יונגען האָבן אויפן בלויזן אָנבליק סאַפּורטאַס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק. זיי האָבן איינציקווייז געלאָשן די דרענגער, און די פאַקעלען. צי אויס דרך־ארץ צום אַלטן, ווייל ער איז סימן־טוב׳ס פאָטער, צי אויס פּחד פאַר אָנקומענדיקער פּאָליציי — דער פונאַנדער־געלאָזטער המון האָט זיך געהאַלטן אין צוריקשטויסן. און כאָטש אַלע האָבן געהאַט אויפן קאָפּ די שאָדנס, די צאָל יידישע הייזער וואָס די אַראַ־בער האָבן פאַרברענט דורכן היינטיקן טאָג, דורכן נעכטיקן טאָג, האָט דאָך קיינער נישט געוואָלט האָבן קיין חלק אין דער שרפה. ס׳האָט גע־נומען ווערן שיטערער. פאַרטיעווייז האָט דער עולם אָפּגעצויגן מיט די זייטיקע שטייניקע ווענעלעך. עטלעכע יונגען זענען געבליבן. דאָס האָבן זיי נייגעריקע זיך געוואָלט צוקוקן, ווי נאָך דער אַלטער סאַפּורטאַ באַ־געגנט זיך מיט סימן־טוב׳ן.
יום־טוב סאַפּורטאַ האָט געקוקט אַריבער קעפּ. די שנאה־בליקן האָבן געיאָגט דעם זון, געיאָגט און אים דערטאַפּט. לאַנג האָבןביידע זיך נישט אָנגעקוקט. דערנאָך — פּנים אָנטקעגן פּנים. אויגן פינצטערע אַנט־קעגן אויגן. מיטאַמאָל האָט דער אַלטער יום־טוב אַראָפּגענומען דעם

בויך־באַנד און גענומען גיך שלאָגן איבער סימן־טוב׳ס קאָפּ. ער האָט געשלאָגן האַסטיק, מיט רוגזה. אינמיטן האָט ער זיך אָ ווײַלע אָפּגע־שטעלט, ווי ער וואָלט זיך געיִישוב׳ט. באַלד האָבן די קלעפּ גענומען פאַלן מיט מער חימה, און טרערן, גרויסע און הייסע, זענען גערונען איבער די ברוינע פּנים־פאַלדן. דער אַלטער האָט געוויינט. מיט יעדן גאַרטל־וואַרף איז ס׳געווײַן געוואָרן העכער, שרײַענדיקער אויף דער עולה, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. צו וואָס האָט סימן־טוב צונויפגע־שלעפּט אַהער דעם המון, צו וואָס? נאָר כּדי דער בוכאַרער זקן זאָל אים מבייש זײַן פאַר די שיך־פּוצערס און פאַר די טרעגער־יונגען? דאָס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצן, אין אַ געיאָמער, וואָס ער האָט אויפגעצויגן אַזאַ ווידערשפּעניגן זון, און אַ געיאָמער אויף מזל׳ס חרפּה, אויף זײַן אייגענער חרפּה.

סימן־טוב איז געשטאַנען אַ געשלאָגענער, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. מיט קיין איין האַנט־הייב האָט ער זיך נישט פאַרטיידיקט. בעת אין זײַן גאַנץ אויסזען איז געווען עפּעס קנעכטישעס. ווי לאַנג וועלן די שמיץ אַזוי פאַלן איבערן קאָפּ? ווי לאַנג וועט דער אַלטער, ווי אַ צערײַצטער מעטשעט־שמײַסער אַזוי לויז האַלטן די בײַטש?

און מיטאַמאָל האָט ער אַ ריס געטאָן פונעם פאָטער דעם בויך־באַנד, האָט אים צוזאַמענגעקנוילט און פאַלנדיק אויף די פיס, האָט ער אָנגע־כאַפּט דעם אַלטנס בײַניקע, צעאָדערטע האַנט און זי גענומען קושן, מחילה בעטן.

יום־טוב סאַפּורטאַ האָט זיך אַרויסגעמאַכט פונעם זון. ער האָט נישט געקענט מוחל זײַן דעם בזיון. מיט גיכע טריט האָט ער זיך גערוקט אויף הינטערווײַלעכץ. צי ער האָט חרטה געהאַט אויף די שמיץ, צי ער האָט אינגאַנצן אָפּגעהאַקט מיטן זון — דער אַלטער האָט זיך אָפּגעטראָגן פלינק. די עטלעכע געבליבענע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט, האָבן איצט אײַנציקווײַז אָפּגעצויגן צו דער ספרדישער שכונה.

די געביידע האָט געפלאַקערט.

תל־אביב, 1937.

מנחם באָריישאָ

ב. לאַפּין

חיים גראַדע

מנחם באָרײשאָ

וועג אין וואַלד

פון בוך: דער גייער *).

1

עס איז געווען אַ פריץ אין דער געגנט, וואָס פון זיינע פעלדער
האָט דער פּאָדראַטשיק מאַרק סעמיאָנאָוויטש עפּשטיין
געגראָבן זאַמד דעם שליאַך צו גלייכן דורכן וואַלד,
וואו מ׳האָט געלייגט די נייע באַן־ליניע. פון אים האָט שמואל
אַ בריוו געקראָגן פאַרן שוואָגער צום פּאָדראַטשיק,
און מיטן בריוו איז נח אָנגעקומען קיין קאָברין. אַ טאָג געזעסן
אין גאַס פאַרן קאַנטאָר מיט פויערים פון הי און פרעמד
און נאָכגעשפּירט ווי זיי די טריט פון יעדן דורכגייער,
נאָר אויפן אָדון נישט דערוואַרט זיך. דורכגעוואַלגערט זיך
אַ נאַכט אין אַ בית־מדרש און ערשט מאָרגן שפּעט נאָכמיטאָג
זיך איינגעבעטן ביים משרת אָפּצוגעבן ס׳בריוול.

אַ הויכער, סטאַטנער, מיט אַ שפּיציק בערדל, ראָזע באַקן
און גילדענע פּענסנע, האָט דער פּאָדראַטשיק דורך די שייבלעך
אַ מעסט געטאָן דעם אַרבעט־זוכער, נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט
אין בריוול און געזאָגט אויף רוסיש: — כ׳ווייס נישט וואָס
איר קענט דאָ טאָן ביי מיר. דער אורח — אינעם זעלבן לשון:
— איך קען טאָן אַלץ. מיר איז קיין חילוק נישט. — דער אָדון
וואָלט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער אויפן גרייטן „אַלץ"
ווען נישט די טרויעריקע שטייפקייט אינעם אורח׳ס קול.
האָט ער געקנייטשט דאָס בריוול און געברומט: — אַז נישטאָ
אַזעלכע אַרבעטן ביי מיר, איר זאָלט זיך אויסטויגן.
און יענער מיטן זעלבן קול: ער קען טאָן אַלץ...

*) זע קאַפּיטל: בלוט און ביר, זאַמלביכער 1.

װי װערט מען פון אים פּטור? האָט שױן מאַרק סעמיאַנאָװיטש
גענומען אײנ׳טענה׳ן אױף יידיש: — דאָ איז לױטער גױים,
נישטאָ קײן פּלאַץ פאַר אײך... פון יידיש בײם פּאַדראַטשיק
האָט נח׳ן גענומען דױבען עפּעס אין געהירן. האָט דאָס מױל
צעעפנט, דורך די ברילן דורכגעדרונגען הינטער די פּענסנע
פון יענעם און צו זיך אַליין, װי נאַכזאָגנדיק עמיצן,
אַרױסגעמורמלט: — מאַטל! אָבער יענער האָט דערהערט.
איז בלײך געװאָרן און אַ פרעג געטאָן: — װער זענט איר?
דער בלײכער פרעג האָט נח׳ן דאָס לעבן אָפּגעזאָגט.
האָט ער גענומען מאָלן, אָפּװישן: — איר קענט מיך נישט...
ס׳איז גאָרנישט... ס׳האָט זיך אױסגעדאַכט... אַ טעות...
— איך האָב פאַר אײך קײן אַרבעט נישט! איצט האָט דער זאָג
געשניטן מיטן לעצטן פּסק־דין: — װאָס איר האָט געקראָגן
אָן אױסגעבעטלט ברױװל איז בײ מיר קײן יחוס נישט.
איר קענט אײך גײן! — דאָס אָנגעלאָדן קול האָט װי אַ שפּרוך
צוריקגערופן פון געדעכעניש; די דינאַבורגער קלױז,
דאָס הױז פון מאַטל׳ס פעטער, נח׳ס זאַטע דינסטיקן.
האָט ער גערעדט הכנעה׳דיק: — איר קענט מיך נישט אָװעקלאָזן
מיט ליידיקן. איך מוז געפינען אַרבעט. — יענער האָט מיט כעס
אַרױסגעשלעפּט אַ טײסטער אַסיגנאַציעס, צוגעװאָרפן
אַ קנאַקעדיקס: — מער קען איך גאָרנישט טאָן פאַר אײך! —
און זיך צעקלונגען מיטן גלעקל. דער משרת איז אַרײן,
און נח איז אַרױס. פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער באַנק
אין װאַרט־שטוב און געזעצט זיך. דער משרת איז אַרױס
און צוגעטראָגן דאָס פּאַפּירל: — איר האָט עס פאַרגעסן.
— איך האָב נישט פאַרגעסן. גיט עס אָפּ דעם באַלעבאָס.

אַז מאַרק סעמיאַנאָװיטש איז מאָרגן אָנגעקומען אין קאָנטאָר,
האָט ער דערזען: דער נח זיצט. האָט ער װי נעכטן
געשיקט דעם מענטש; — דער באַלעבאָס האָט פאַר אײך גאָרנישט.
— איז אפשר װעט ער מאָרגן עפּעס האָבן. — אָפּגעענטפערט
און נישט גערירט זיך: — אָט װעלן מיר זען צי דו װעסט כח האָבן
מיך טרײבן מיט גװאַלד!.. משמעות, יענער האָט דעם כח נישט געהאַט.
אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג פאַרבײגעגאַנגען, כלומרשט נישט געזען,

און נח אויך — אפילו נישט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צו אים.
און נאָך אַ טאָג אַזוי. דער באַלעבאָס גייט דורך און נח — גאָרנישט.
נאָר אין מחשבה טענה'ט ער: — ביסט גרויס געוואָרן, מאָטל.
עס פּאַסט דיר נישט צו האָבן מיך געקענט אַמאָל, געלערנט
צוזאַמען מיט אַזאַ פּאַרשוין ווי איך. פאַרשטיי איך עס,
נעם אָן דיין גרויסקייט. זעסט דאָך ווי איך וואַרט געדולדיק
ביז דיר וועט וואוילגעפעלן אומצוקוקן זיך אויף מיר. —
ער טענה'ט אין מחשבה, און ביים גרויסן טיש הינטערן טיר
זיצט מאָטל, קלינגט אין גלעקל, לאָזט די מענטשן
אַריין, אַרויס און הערט פונדעסטוועגן. אודאי הערט ער.

און פּלוצים שיקט ער אים אַריינרופן: — איר'ט גוט געטאָן
וואָס איר האָט אויסגעוואַרט. ווי רופט מען אייך?
— מיך רופט מען נח. — טאַקע נח. יאָ, אַזוי האָט מיר געשריבן
דער קריסט, וואָס האָט געגעבן אייך דעם בריוו. ער קען
דעם שוואָגער אייערן. אַ פיינער מענטש — זאָגט ער —
דער שוואָגער אייערער. דערווייל האָט זיך געמאַכט ביי מיר:
ס'האָט זיך פאַר'שכור'ט אַ דעסיאַטניק, איז געבליבן אָן אַרטעל
פון צוואַנציק העקער אָן אַ קאָפּ. וועט איר עס איבערנעמען.
איך וועל אייך מיטשיקן אַ מענטש, וועט ער אייך אויפן וועג
שוין אויפקלערן, אייך מסביר זיין דעם גאַנצן ענין.
די ווערטער: „מסביר זיין דעם ענין" שענקט ער אים פון זיך
ווי זאָגנדיק: — איך קען נאָך אויך עפּעס, נאָר זעסט דאָך:
געשעפטן — מוז מען פירן שטאָט... נאָר נח וויל נישט די מתנה:
פאַרנייגט זיך פאַרן באַלעבאָס און רוקט זיך שטיל אַרויס.

2

מען האָט געבראַכט אַ דינעם יידן אין אַ קאַפּטן
מיט בלאָע ברילן אויף דער נאָז,
אוועקגעשטעלט אַנטקעגן צוואַנציק ברייטע גויים
און זיי געזאָגט: ס'איז אייער באַלעבאָס.

ווער ס'האָט געוואָלט אַ שאָס טאָן אַ געלעכטער,
ווער ס'האָט געצויגן כיטרע מיט אַ ברעם —

פאַרהאַמערטע הכנעה האָט די מײַלער
און צײַן צעשצירעטע פאַרקלעמט.

פון אַלע זײַטן סאָסנעס מיט די קעפּ צעשאָקלט,
אין מיטן אויסגעהאַקטער, גריבערדיקער שליאַך,
און װײַט געברום, און איבעררוף פון קראָען,
און פּאַסן פון צעפּורפּורטן פאַרנאַכט.

האָט מען געבראַנדזשעט באָרװעס צונ׳ם קעסל קאַשע
און פאַרע פון די הײסע שיסלען קרויט,
געאַרבעט האָבן צװאַנציק פּויסטן מיט די לעפל,
און ייִד פון קלומיק האָט געקײַט זײַן פּעניץ ברויט.

דערנאָך האָט נאַכט די גאַרגלערײַ פאַרדומפּן
װי מאַך דאָס גאַרגלען פון אַ װאַסערפּאַל,
און מיט די שאָטנס װי מיט הענט אַרײַנגעטריבן
די צװאַנציק אין קורען — אין מענטשן־שטאַל.

אין טונקל אויף די נאַרעס שװערער פּלאַפּל,
און װערטער נישט דעררעדטע און געשנאַרך,
און אויפן טאַפּטשאַן אין זײַן װינקל ליגט דער פרעמדער
מיט אויגן אָפענע און האָרכט.

נישטאָ קײן מורא — נישט פאַר װאַלד פון קאַרעדיקע בײמער
און נישט פאַר װאַלד פון האַרעדיקן גוף,
נאָר ס׳טרײַבט דער אָטעם פון צעפּריטן חומר
און דורך די שפּאַרעס קילע ראָסע רופט.

אַזוי פיל רײד און מורמל אין דעם טונקעלן געפּלאָנטער,
אַזוי פיל טריט פאַרדומפּענע אין מאַך און גראָז —
מיליאָסן װאַלד־רוחות, צערודערטע, צעװעקטע
באַגעגענען דעם נײַעם באַלעבאָס.

איז שפּאַנט ער צו דער ברומענדיקער װאַנט פון בײמער
װי אײנער שפּאַנט זיך טובֿל זײַן אין ים.
אַרײַן, זיך אײַנגעטונקט, פאַרבאָדן זיך אין חושך
און אײַנגעװאַקסן מיטן רוקן אין אַ שטאַם.

— אַט בין איך דאָ ביי דיר. אַ באַרוויסער געקומען
און אָפּגעגעבן זיך אין דיין רשות.
עס קנאַלן גרילן אויף, עס קוואַקען זשאַבעס ערגיץ
און ס׳זינקט אין נאָדל־באַרג דער פוס.

און אַז ס׳איז טאָג געוואָרן און שטאָט דאָך פון חושך
האָט בוימער־קרוין מיט העלקייט אויפגעפּראַלט,
האָט מענטש זיך אויפגעכאַפּט, די אויגן אויסגעריבן
און ווי אַ היימישער געזאָגט: גוט מאָרגן, וואַלד!

3

שטייען זיי אַ גאַנצן טאָג
און מע בראַקט
שטאַם און קאָרע מיט די העק,
און פאַרנויגט איבער דער זעג
אַקסלען גייען הין און קריק,
און אין שטריק פאַרשפּאַנט ווי אָקסן
מיט אַ רעוועז, מיט אַן אָכצן
פּעניעס פון דער ערד מע פליקט.

און דער באַלעבאָס
מיט די ברילן אויף דער נאָז,
מיט די דינע אַקסעלעך,
מיט די פינגער וואַקסענע —
אַ משגיח אויף דער וואָך
מעסט די ברייט פון שליאָך,
ציילט די גרעשעלעך
אין דער קעשענע
און איז באַלעבאָס.

יידעלע, כאַלאַמידעלע!
נעם אין האַנט אַ רידעלע,
טו אַ גראָב אַ גריבעלע
און פאַרזיי אַ ציבעלע
מיט אַ קנאָבעלע,

מנחם באַרײַשאַ

װעסטו האָבעלע
צו פֿאַרבײַסעלע
מיט אַ בולקעלע אַ װײַסעלע.

און די שאַרפֿע העק אין לופֿטן בליצן, שפּריצן װײַסן שפּאָן,
זעג אין האַרטן פּױסט צעזונגען בײַסט דאָס האָלץ מיט בלאַנקען צאָן,
פֿלײצעס פֿון טשוהון געגאָסן, פּיס פֿאַרמױערטע אין מאָך,
טױזנט־אָדערדיקער װאָרצל קרעכצט און צאַפּלט און גיט נאָך,
און אַ הײזעריקער הילך זיך איבער װאַלד צעלײגט:
שטאַרקער שטאַרקן גיט זיך אונטער, שטאַרקער שטאַרקן בײגט!

איז מיט װאָס,
באַלעבאָס,
האָסטו זיך פֿאַרדינט
איבער זײ צו טראָגן שליפֿעס?
מיט אַ הונגעריקן װײַב און קינד,
מיט צװײ הענט װאָס טױגן נישט צו קײן מלאכה,
מיט אַ לשון אַ געבראָכנס,
און אַ צולאָג נאָך דערצו —
פֿון אַ פּריץ אַ גוטהערציק קװיטעלע
און אַ ײדיש היטעלע
מיט אַ דאַשעק אַ פֿאַררוקטן
פֿון דער גרױסער קלוגשאַפֿט,
פֿון דער טיפֿער חריפֿות.

קען אַמאָל דאָך עפּעס פּלאַצן,
קענען זײ אַ רעװוע טאָן מיט כּעס
אױף דײַן אומגײַן פּוסט און פּאַס
און פּאָזשיװען זיך פֿון זײער פּראַצע, —
װעסטו מיט דײַן היטעלע
און דעם פּריצס קװיטעלע
פֿליען װי אַ שפּאָן פֿון אונטער האַק
װאו דײַן באָבע האָט קײן בײגל נישט געבאַקט.
היט די טריט, באַלעבאָס,
מיט די ברילן אױף דער נאָז!

4

וואָס האָט געמיינט דער גוי, ווען אויפן וועג אין וואַלד אַריין
האָט ער געקנעלט מיט נח׳ן אַז ווער ס׳האָט שכל דאָ
קען אָפּלעקן אַ ביין ? נישט אויף די שכירות פון די וואַלדהעקער
האָט ער געצילט, נאָר אויף דער קישקע: ס׳איז דעם כאַם
קיין חילוק נישט מיט וואָס ער שטאָפּט זיך אָן די פּאַטרעכעס,
און צו אַביסל פעטס פון יעדערן ווערט פאַרן אויפזועער
אַ שמאַלץ־גרוב. און דער גוי האָט רעכט געהאַט. ווען נאָך דער וואָך
האָט נח איינגעקויפט דעם כאַרטשו, וואָס ער האָט נאָכגעשריבן
פון קוכער סידאָר׳ס רייד און אָפּגעציילט זיין ריוח,
האָט אים אַ היץ באַשלאָגן. ווי וואָלט דוואָשע אויסגעשטעלט די אויגן,
ווען ס׳פאַלט אַזוי אַריין אַ היגער באַלעגאָלע און דערלאַנגט איר
צוויי קנאַקעדיקע צענערלעך — די ערשטע וואָך
פון מאַנס פאַרדינסט!.. און ווי מע שלעפּט אַ פערד ביים צוים
פון פרעמדן פעלד, האָט ער געגנומען שלעפּן זיך אַליין
פון קראָם צו קראָם און אָנקויפן אַריבער סידאָר׳ס צעטל
טאַראַנעס, הערינג, פונטן סאַדלע, און אַז דער שטן
האָט שוין געוואויעט אויף דער קייט, האָט ער — פון גרויס נצחון —
ערשט איינגעשאַפּט אַ גרויסן וואורשט מיט אַ פּאָר פלעשער פערציקער.
די קעסט־קינדער, מיט אויגן אויפגעריסענע, האָבן געווינטשעוועט
דעם נייעם באַלעבאָס, נאָר נח האָט געזען, אַז אין דער גאַנצער שמחה
איז ער דער איינציקער וואָס טרינקט מיט ערלעכער כונה:
ביי זיי ביי אַלעמען איז עס געווען בלויז חניפה, און אין אויגן,
מיט שנאַפּס פאַרלאָפּענע, דער כיטרער חשד פון קנעכט,
אַז נישט אומזיסט טראָגט מען אים אונטער מער ווי ס׳קומט אים.

נאָר ס׳גייט אַוועק אַ טאָג און דריי. דאָס פעטס פון קעסל
ווערט נישט געמינערט און דער נייער באַלעבאָס מאָנט גאָרנישט מער.
באַווייזן זיך פון הינטער ביימער־שפּיצן הערנער שד׳ישע,
און ס׳קומט אַרכיפּ דער שוואַרצער—דער פּאַדאַליער—מיט אַ מעשה—
דער פּאַליאַק סטאַך און קים, דער פּאַלישוק, האַלטן אים אונטער —
אַז יידן דאַרפן מאַליען זיך און דער — ווי נישט קיין ייד.
ווערט גאָר אומהיימלעך. מע באַלעקט זיך מיט דער קאַשע,

נאָר נאָכן עסן צלמ׳ט מען דאָס מויל אָן איבעריקן מאָל.
זיך אָפּרוקן פון אים איז איבעריק. ער עסט זיין טעפעלע
און רעדט אַלץ איינס מיט קיינעם נישט. ווערט נאָך געדיכטער אַרום אים
די שטומעניש, און אַז מע בלייבט מיט אים ביינאַכט אין בודע
איז ווי אַ בייזער כשוף וואָלט די העלדזער איינגעקאָרקעוועט.
ביז אַ פּאַרנאַכט, ווען ס׳לאָזן זיך אַראָפּ קאָמאַרעס זוכן שפּעלטלעך
אין קאָרעדיקער הויט פון וואַלד־מענטש, קומט דער ייד אַרויס
און זעצט זיך שאָקלען אויף אַ קלאָץ איבער אַ בוך. מע גאַפט —
ער שאָקלט זיך. שפּאַנט צו דער אַלטער יאַקאָוו, זעצט זיך אויך —
אַט גלאַט אַזוי — נאָר שטיל, צו קאָפּיטשקעלעך, רוקט ער זיך.
און מיט אַמאָל: — און דאָס זאָל, הייסט עס, זיין אַ הייליק בוך?
דער ייד דרייט אויס די ברילן, שאָקלט צו: — אַ הייליקס.
— דאָס מיינט — אַ געטלעך בוך? — וואָס הייליק דאָס איז געטלעך.
— דאָס האָסטו גוט געזאָגט. און פון די אָבות שרייבט זיך דאָ?
אין פרעגן הערט זיך, אַז דער פרעגער דאַרף די אָבות.
— סע שרייבט זיך. — טוט עס אים הנאָה, דרשנ׳ט ער:
— אַט הייסטו נח. נאָכן צדיק וואָס דורך אים האָט דער באַשאַפער
געראַטעוועט די לעבעדיקע ברואים פאַר דער וועלט.
אַ זכיה אַזאַ נאָמען! איך הייס יאַקאָוו, מיטן נאָמען אויך
ישראל — ער דער פאָטער פון די צוועלף שבטים אייערע.
איז אַט וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס זעט מען קיינמאָל נישט,
אַז דו זאָלסט דאַוונען, ווי ס׳פאַרלאַנגט דער גלויבן דיינער?
בלייבט נח אַ געפּלעפּטער: — כ׳דאַוון... פאַר זיך... שטילערהייט...
דער אַלטער שאָקלט מיטן קאָפּ: — זיי זענען אויך ביי אונדז פאַראַן,
די אויפגעקלערטע — טייטשן אויף אַ נייעם שטייגער אַלץ.
מיר גייען מיטן אַלטן. ווי די טאַטעס אונדזערע. אַלט־גלויביקע.

דעם אַלטן יאַקאָווס שמועס מיטן יידן טרייבט אָוועק דעם שד.
צעבינדן זיך צוריק די צינגער. אין די בין־השמשות׳ן,
ווען ברעניק גאָלד פון נאָך צעגליטע וואָלקן־שייטערס טוקט זיך
אין הורבעס אַש פון שוין פאַרלאָשענע, בריט אויף די בענקעניש
נאָך היים אין רייד פון הונגער, ערד־נויט, אָפּצאָלן וואָס טוען אויס
פון לעצטן פאָדים, און דער פרייהייט, וואָס נאָגט אויס די ביינער
נאָך ערגער פון דער פּאַנשצינע. מען וויס פון קייסער, וואָס די פּריצים

דערלאָזן אים נישט גוט זיין, און געהיימע נאָכקוקער וואָס גייען אום
אין פאָלק איבער די דערפער. און דערנאָך אין בודע,
ווען ריח פונעם אייגענעם און פרעמדע גופים אין די נאָזלעכער
פּילט אָן די פּינצטערניש מיט אויסגעדאַכטן ווייב־געדוך
און ביינער גראָבן זיך אין שטרוי־זעק, קומט די צייט פאַר פּעדיאַ׳ן.
אין יאָרן סלוזשבע האָט דער פעדיא אָנגעזאַמלט מעשיות
פון גבורה׳ס מיט נקבות, און כאָטש יעדער וויס, אַז פעדיא ליגנערט,
ווייל אומעטום איז ער אַליין דער העלד און זיגער, ווילט זיך הערן.
ווייל ער טאַשירט אַזוי די פרויען — דאָרפישע און שטאָטישע,
צוועלף־יעריקע און מיטל־יעריקע, געווייקטע אין פאַרפומען
און אין געזומפּ פון חזיר־שטאַל, — און טוט אַזוינע מעשים אָפּ
מיט אָט־דעם גוף, דעם פּרויאישן, אַז אָטעמס נעמען וואַרגן,
די לייבער קאָרטשן זיך און ס׳ווערט די גאַנצע שיפּעדיקע בודע
אַ טומאה־טעמפּל, וואו דער כהן גדול פעדיא פּראַוועט
אַ חיה־שע, צעיושעטע עבודה. און ס׳געשעען וויסטע נסים:
ווענט פון לשונות פאַלן איין, כאָכאַל און פּאַליאַק, לעט
און פּאָלישוק באַנעמען יעדן וואָרט אין פעדיאַ׳ס לשון
און גאַרן מיט אַ שיפּעדיקער גיריקייט צו נאָך. שרייט יאַקאָוו:
— דאָ ביי אַ מענטש אַ געטלעך בוך אונטערן קישן,
און ס׳גיסט זיך זנות ווי אין אַן אַפּטריט... קיינער הערט נישט.
ביז טומאה מאַטערט אויס די גופים, חיה׳שער געכאָרכל
ווערט איינגעוואָרגן אין דער פינצטער און די בודע שנאָרכט.

איצט זיצט שוין נח מיטן ספר יעדן בין־השמשות, שאָקלט זיך
און בויט אַ גדר אַרום זיך אַנטקעגן פעדיאַ׳ס נאַכט. צומאָל
קומט יאַקאָוו צו און רייסט אים אָפּ. ער ווערט דער פּירשפּרעכער
פאַר אַלעמען פון זייער חושכ׳דיקן עלנד, זוכט אַ זכות
אויף זיי און ס׳ציט אויך נח׳ן צו קענען צווישן אַלע כאַטעס עלנדע,
די אויסגעשפּרייטע איבער גאָרן לאַנד, אַוועקשטעלן זייך אייגן קאַמער
מיט ווייב און זון און ניי־מאַשין, און ווערן איינס מיט אַלעמען.
נאָר טומאה טרייבט. דערנענטערונג צו זיי ווערט שענדונג
פון כשר שטיקל היים און ס׳טרייבט פון דעם פאַרלאַנג נאָך העפטיקער
צו טובל׳ען זיך אין טייך פון לויטערע מחשבות.

5

אַז עס ווערן פּעניעס פון דער ערד געריסן,
שרויפן זיך ביי אַלע גלייך די קנאָכן,
אַז מע טונקט די לעפל אין דער זעלבער שיסל,
זעען אַלע אויס ווי איין משפּחה.

שטעג אין וואַלד איז איינער, טעם פון ברויט איז איינער,
איינס דער טאַפּטשאַן און דער שטרוי צום שלאָפן,
נאָר דער וועג אַהיים אַריבער וואַלד און פליינען
ציט צו מזרח, מערב, דרום, צפון.

ס'האָט דאָס לאַנד אַ סך מדינות, פעלקער, שפּראַכן,
און אויף אַלע פעלדער מיילער ניט דערשפּייזטע —
האָט זיך עס צעטראָגן איבער לאַנד און שליאַכן,
אַז מען צאָלט דאָ פון אַ פולן טייסטער.

וואו דאָס פעלד איז קאַרג פאַר גרייטער האַנט און אַקער,
וואו דאָס ביסל קאָרן האָט פאַרצוקט דער שטייער,
האָט מען פּוסטע הענט פאַרטראָגן אין מרחקים
פּוסטקייט צו פאַריאָגן פונעם שייער.

פון אוקראַינע כלאָפּעס, פון ראָסיי מוזשיקעס,
וואַלדהעקער פון ניעמען און פון דווינע,
פאַראָבקעס פון פוילן, כמורע פאַלישוקעס
פון דער היגער זומפּיקער מדינה.

האָט דאָך אַלעמען די זעלבע נויט געבראַכט דאָ,
איז איין תּפילה דאָך ביי אַלע אויף די ליפּן —
טאָ פאַרוואָס פון מענטש צו מענטש אַזאָ פאַראַכטונג
און עס שרייט פון זיי די שנאה ווי אַ קליפּה?

זאָל אַרכיפּ דער שוואַרצער און אַרכיפּ דער ווייסער
איינס דעם צווייטן אויפן פוס אַ טראָט טאָן,
וועט מען זיך ביז ווייטסטן עלטער־זיידן קברים רייסן
צו פאַרפּליוכן זיי מיט גאַל און בלאָטע.

האָט זיך איינער אויפן צווייטנס ברוית געקוואָפּעט?
האָט געוואָלט זיך ביי זיין מי פּאָזשיווען?
ניין, נישט זיי — כאָכאָליע און קאַצאַפּיע
בריען אויס אַ דורות׳דיקע קריוודע.

און זאָל סטאַך, דער ליאַך, זיך מיט אַ וואָרט פאַרהיקען
איז מיט חוזק אויף די גאַנצע מחנה —
ווי אַ קאַליקע וואָס איז אַ מצוה אים צו בריקען,
בריקעט מען דאָס גאַנצע פאָלק, די ליאַכן.

נישט פון מענטש דער האָס און נישט פון אים פאַראַכטונג:
טויטע דורות ראַיען אים אין די געהירן.
אין די בלינדע בלוטן פירן מתים שלאַכטן
און די פויסטן פון די לעבעדיקע פירן.

ווי דער הונגער טרייבט אין פרעמד צוליבן גראָשן,
ווי די בענקשאַפט ציט צום ווייב אין וויטער כאַטע,
בריט דעם האָס צו מענטש פון פרעמדן לאַנד און לשון
גיפטיקע ירושה פון די טאַטעס.

נאָר ווען נאַכט צעגליט דאָס מידע לייב מיט עלנד,
גליט די תאווה שטאַרקער פון דער שנאה —
אין פאַרפלייץ פון גלי צו כאָרכלדיקע קעלן
שמעלצט זיך פרעמד פון פעלקער און מדינות.

שלאָפט דאָס לאַנד, דאָס ריזיקע, ווי נח׳ס תיבה,
אונטער דאַך פון ברעטער צווישן ביימער,
און אין פינצטער איבער קעפּ אַ ריזיקע נקבה
קלייבט חלומות פאַר די ווייטע היימען.

6

אויף האַרטן בעט דורך וואַנט פון ברעטער
דאָס אויער שאַרך פון טריט פאַרנעמט:
דאָס רוישט די וואַלד־פרוי איבער בלעטער
מיט פאַלדן פון איר ברייטן העמד.

איר בוזעם — כוואַליעדיקע לאַגלען,
די צעפּ — פון פלאַקס געדרייטע שטריק,
דער בויך — אַ דייזשע אויפגעשלאָגן
אויף היפטן שרויפיקע צעוויגט.

ווער ס'קומט אַנטקעגן איר מיט גבורה
און מאַניש איר דעם וועג פאַרשטעלט —
פאַר דעם צעשמעלצט איר שטייפער פורעם
און ס'לייב מיט וואַרטעניש צעקוועלט.

די שווערע אָרעמס — פולער, לויזער,
דער בוזים יערנדיק צעברויזט,
און היפטן נאָכגיביק אַנטבלויזן
דעם ווילדן וואַלד, דעם גרייטן שויס.

מיט נייער שפּע אַנגעגאָסן,
אַוועק פון שותּף אין באַהעפט,
ביז גבורה'דיק אַ פרישער חתן
זי אויף די ווילדע וועגן טרעפט.

וואו גראָז איז ווייך, וואו ערד איז מאָכיק —
דאָרט האָט זי קינדער אויסגעמילכט.
זי הערט איר אייגענע מזל־ברכה
אין יעדן רוף וואָס וואַלד פאַרהילכט.

— — — — — — — — — — — — —

דער רויש פאַרשטילט, די פאַלדן פאַלן,
די וואַלד־פרוי האַמעוועט איר גאַנג,
ס'איז ווער מיט גבורה איצט ממלא
איר אייביק־ברויזיקן פאַרלאַנג.

7

ווען כ'האָב אַ באַרווּיסער דיין נאַדלדיקע ווייך באַטראַכט,
האָב איך געמיינט — ס'איז ווייך פון היימישן באַריר.
איצט וויס איך — האָסט אַ נאָכט מיט שוץ באַשאָטנט
אַ פרעמדן, וואָס האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר.

דיר זענען איגן די וואָס מיט די העק צעקנאַלן
די שטילקייט פון דיין חופּה׳דיקן סוד.
דו הילכסט מיט זייער הילך ווען דיינע ביימער פאַלן
און שפּרייטסט זיי סאַמעט פאַרן טראָט.

און איך — די זיידעס מיינע זענען ווי נזירים
צו דיר געגאַנגען זיך באַהאַלטן פון דער וועלט,
דיין בתולה׳שאַפט מיט זייער גאַרטל־שטריק באַשירעמט
און אין דיין גרינעם צעלט ווי פאַרמעטן געגעלט.

חתנים אויסגעטריקנטע, חתנים שלאַבעריקע, בלאַסע,
געווייכט אין ציטערניש פון דיינע פולע בריסט.
וואָס איז דער חידוש אַז דו האָסט זיי אָנגעהויבן האַסן
און אָפּגעוואָרפן ווי די שערבלעך אויפן מיסט.

איצט קום איך אויסקויפן די זיידישע ירושה
און קום זיך איינקויפן אין קרובה׳שאַפט ביי דיר,
נאָר פון די פינגער מיינע רינט מיט רויטער בושה
די צניעות, וואָס זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר.

דו ווערסט מיר פון רחמנות וועגן צוואוואַרפן אַ צערטל
און לאָזן נעכטיקן אַ נאַכט פאַר דיין געצעלט,
ביז די חתנים דיינע וועלן אָנהייבן זיך ווערטלען
און מיך פאַר׳חוזק׳ן אויף מיילן פון דיין שוועל.

8

די וואַלד־פרוי פון דער נאַכט האָט אומגעטראָגן די געשטאַלט
פון איינער אַ באַטאַגיקער, וואָס האָט מיט לעבעדיקן גוף
זיך אָנגעוואָרפן ווי אַ שווערע משא אויף די דינע פעדים
פון ערשטן צוטרוי צווישן בח׳ן און זיינע קעסט־קינדער.

אַוועק אַ וואָך און דריי פון שפע אינעם קעסל. וואַלד־העקער,
צופרידענע, געוואוינען זיך דעם באַלעבאָס צו גריסן מיט אַ שמייכל,
מען אַרבעט פלייסיק און מע פּרוווט אפילו — אים צוליב —
פאַרשטאָפּן פעדיא׳ס מויל באַנאַכט. און מיט אַמאָל —
נעמט ווערן מאָגערער די קאַשע, שיטערער דער באָרשטש,

מע טשמאָקעט מיט די צינגער און ס׳קומט אויף דער ערשטער חשד:
— אומזיסט־אומגישט האָט ער מיט בראָנפּן נישט געפּאָיעט!
ביז יאַקאָוו, ווי דער פּירשפּרעכער, קומט מוסר׳ן: — נישט רעכט אַזוי!
געגומען קאַרמענען מיט סמעטענע און איצט די סיוואָראַטקע בלויז!
שטייט אַ מטושטש׳ער דער ייד און פרעגט ביי סידאָר׳ן:—וואָס מיינט עס?
דער קוכער מיט די בלאָע אויגן שטעכעדיקע, ווי דאָס געל געוויקס
אויף זיינע האַרטע סקולעס, ענטפערט: — כ׳ווייס נישט, באַלעבאָס,
איך קאָך ווי אַלעמאָל. — צעשרייט מען זיך — און ער דאָס זייניקע:
— איך קאָך פון וואָס מען גיט מיר. — האָב איך דיר די וואָך
געגעבן ווייניקער ווי יענע וואָך? — איך ווייס נישט. ס׳קויפט
דער באַלעבאָס, נישט איך. איך קאָך פון וואָס מע גיט מיר.
סע שטעכט מיט האָס פון די „איך ווייס נישט׳ן״. און נח זעט —
זיי וועלן גיכער גלויבן סידאָר׳ן, דעם אייגענעם.

די מאָגערקייט האַלט אָן. ווי זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט עולם,
קאָכט סידאר איינמאָל אָן אַ וועטשערע אַ שמאַלציקע
און מאָרגן ווידער מאָגער. נח זעט די שפּיזלדיקע אויגן
און ווייס — עס איז אויף אים. אַליין דאָ, צווישן אומפריינד,
וועט ער זיך מוזן ראַנגלען מיטן וואָלף, אים בייקומען
אָדער פאַרצוקט ווערן. איז שפּיצט ער אָן די חושים —
אַליין אַ וואָלף — און נעמט דעם שונא טשאַטעוועז. באַטאָג
רייסט ער זיך אָפּ פון עולם אַרום שליאַך און פּאַדעט
אויף חיה׳שע שפּיץ־פינגער אַרום בודע, נישטערט, שנאָפּט,
ביז ער דערוואָרט זיך. מיט אַ שווערן זאַק באַלאָדן
קריכט פון דער טיר אַרויס אַ פּרוי און שלעפּט זיך אַ געבויגענע
מיט הינטער־שטעגל וואָס צום נאָנטסטן דאָרף. ער גייט זי נאָך.
דערהערט זי טריט, שפּאַנט האַסטיקער, און ער נאָך איר.
זי לויפט. נאָר זאַק איז גרויס, די פּיאַטעס אויפן מאָך
און יאַדלעס גליטשן זיך — צעשרייט זי זיך מיט קולות: סידאָר! —
באַפרייט זיך פון דער משאָ און עס מיניען אירע גרויסע פיס
אין וואַלד אַוועק. צום זאַק דערלאָפן, בינדט אים נח אָפּ און זעט
אַן אוצר: ברויט, קאַרטאָפל, זעקלעך קאַשע, סאַדלע, קרויט —
און ווי ער גראָבט זיך מיט דער האַנט, וואַקסט סידאָר אויס
און רעוועט אויס: לאָז אָפּ! — נישט מער ווי דאָס, און יאָגט,

דעריאָגט די פרוי און ברענגט זי פאַר דער האַנט צוריק.
אין לייוונטענעם קלייד, הויך־ברוסטיק, בייכיק —
איז זי די וואַלד־פרוי פון באַנאַכט. דער קוכער פּאַקט צוריק
דעם זאַק אויף אירע פּלייצעס: — האָב נישט מורא, פּאַשאַ, גיי!
זי גייט. איצט שטייען איינער קעגן אַנדערן. ביים ייד —
דער האַלדז געשפּאַנט פון שרעק און מורא׳דיקן נייגיר,
ביים אַנדערן — די פויסטן גרייט און ליפּן אָפן: זאָל דער ייד
אַ פּיפּס טאָן בלויז! נאָר ס׳שווייגט דער ייד, און סידאָר מוז
דער ערשטער זיין: — אַזוי! גאָר טשאַטעווען מיך, הע?..
אַ וואָרט כאָטש זאָל ער זאָגן!.. שטייט ער, דער פאַרשאָלטענער,
מיט שטאַרע אויגן, און די פויסטן סידאָר׳ס האָבן נישט קיין אַנטשעפּ.
אומזיסט־גע׳פּטר׳טע רציחה גענזלט, קרייזלט ער אַ פויסט
פּאַמעלעך ביז צום יידנ׳ס באָרד, שפּאַרט אונטער אים די גאָמבע:
— דו וויסט פון גאָרנישט!.. הערסט? און טאָמער... ווער מען
אין וואַלד פון דיר קיין ביינדל נישט געפינען! נעבעכקע! זשידיוגאַ!
אַרויסגעברומט, און ווי אין שרעק פאַר זיך אַליין זיך אָפּגעטראָגן.

ער שוויגט, דער ייד. נאָר מורא־שלענגעל דלובעט סידאָר׳ס מאַרך
און גיפטיק צינגל רייצט צו נייע איינשטעלן. איז וואָסערדיק
דער באָרשטש ביי אַלעמען, געפינט דער ייד ביי זיך אין טעפּעלע
אַ פּעניץ סאַדלע. איז דער באָרשטש אַ שמאַלציקער, פאַרגעסט
דער קוכער גראָד צו קאָכן פאַרן באַלעבאָס. ער טרויט זיך אָן
אַ גוטן ברודער מיט די שפּיצלעך, שפּירט מען נאָך מיט חוזק
דעם באַלעבאָס, דעם לעמישקע, און דער אַרטעל, די אַרבעט
צעקריכט אונטער די הענט. פאַרלירן איז נישטאָ שוין וואָס.
און ווען דער אַלטער יאַקאָוו זעצט זיך אָן, דערציילט אים נח.

* * *

אַ דריבנער רעגן האָט פון וואַלד אַראָפּגעווישט דעם זון־בליאַסק
און ביימער, אָפּגעשיילטע פון פאַרבלענדעניש, האָבן זיך אָנגעזען
מיט יעדער ריטל, יעדער קנייטש אין קאָרע. מ׳האָט נישט לאַנג
ערשט אויפגעהייבן זיך פון איבערבייס און מילדע פייכקייט
פון ערד און שפּענער האָט געקילט דעם טראָט. מיט איינמאָל
איז אָנגעקומען נח. יאַקאָוו פאַרטרויט אַ סוד, מען האָט אַ רוף געטאָן
אַ הייפל העקער, אָפּגעצויגן, און די רעשט זענען געבליבן לעשן

דעם נייגיר מיט צעטומלטע השערות. ביז ס׳איז אָנגעלאָפן
אַ היציקער שליח, אַלעמען פאַרנומען, און אַז מען האָט דערזען
די דריי — דעם קוכער, זיין געליבטע און דעם זאַק, האָט מען שוין אַלץ
געוואוסט. מיט יעדן הויפּטל קרויט און הויפן באָב
וואָס יאַקאָוו האָט פון זאַק אַרויסגעשלעפּט, האָט זיך די מחנה
צעריטשעט און געדיכטער, קנויליקער געשפּאַרט. נאָר יאַקאָוו
האָט קאָמאַנדירט: — מיר גייען מיטן יושר. ס׳וועט אַ משפט זיין.
איצט בינדט זיי! — צוגעכאַפּט זיך מיט די שטריק, נאָר אַז דערפילט
דאָס פרויאיש לייב, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ קנעטעניש
און שאַצעניש. דער אַלטער האָט געכאַפּט אַ פלאָקן: — כ׳האָב געהייסן
זיי בינדן! בינדט, איר זנות׳ניקעס!.. די צוויי זענען געבליבן
אויף דר׳ערד, מיט הענט פאַרקניפּטע, פיס פאַשטריקט
און ריפּן איינגעשטייפט. — דו קענסט זיי נעמען צו דער אַרבעט —
האָט ער געזאָגט צו נח׳ן. — די וועטשערע וועל איך שוין קאָכן,
און נאָך דער וועטשערע וועט זיין דער משפט... מ׳איז אַוועק...
מיט פלאָקן אין דער האַנט האָט ער גענומען פאָרען זיך ביים קעסל,
דערנאָך געבליבן זיצן אויפן קלאָץ. די נאָז אין דר׳ערד
האָט סידאָר נישט גערירט זיך. נאָר די פרוי אין אירע שטריק
האָט זיך צו יאַקאָוו׳ן דערקייקלט, אים די פיס געקושט
און אויסגעגאָסן אוף דער ערד דאָס יאָמעדדיק געזאַנג
פון אירע וויסטע יאָרן, פון דער דאָליע, וואָס האָט זי געפירט
צו זינד אַזעלכע. האָט ער אָפּגערוקט די פיס, געשטומט
ביז איר געוויין האָט אויסגעטריקנט און זי האָט זיך אָפּגעקייקלט.

דער רעגן איז געוואָרן שווערער. האָט זיך יאַקאָוו אָפּגערוקט
אונטערן דעכל וואָס איבערן פייער, שייטלעך האָלץ געלייגט
און מיטן דראָנג געפּורקעט אין די קוילן. צען טריט ווייטער
האָט רעגן דורכגעווייקט די האָר און לייוונט אויפן לייב
פון די געבונדענע, אין ריטשקעלעך פון זיי גערונען און געזאַמלט זיך
אין לוזשעס אַרום זיי. און אויפן שליאַך האָט רעגנגוס
און אומרו פאַרן משפט נישט געלאָזט די מענטשן אַרבעטן.
מען האָט געבעטן זיך ווי קינדער: — באַלעבאָס, וואָס טויג עס?
און וויפיל נח האָט זיך נישט געמיט פאַרהאַלטן זיי,
האָט מען געמוזט פאַרנעמען די מכשירים און אַהיימגיין.

דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן אויפן וועג נאָך.
נישט איבער סידאָר׳ן: פאַר דעם וואָס ער האָט זיי געלאָזט
נאַכט־נעכטלעך סמאַליען זיך אין ווייב־הונגער, ווען ער אַליין
פאַר זייער ברויט האָט זיך געזעטיקט הינטער זייער פּלייצע —
פאַר דעם וועט ער באַצאָלן. אָבער צאָלן מוז אויך זי —
און צאָלן אַלעמען. נישט סידאָר׳ס — זייער ברויט האָט זי געגעסן,
קומט יעדערן אין איר אַ חלק. פעדיאַ פּסק׳נט אָפּ אַזוי.
די מיוחסים, די קאַצאַפּעס און כאָכאָלן, קלאַפּן צו.
די שטילע פּאָלישוקעס און דער בידנער פּאָליאַק באַמקען אונטער.
מ׳איז גרייט. אין שמייסנדיקן רעגן טענצלדיק דערשפּאַנט
און ס׳רייסט זיך פון די ליפּן: — פּעטערל, מיר זענען דאָ!
נאָר עפּעס האַקט זיך אָפּ. דער אַלטער אונטער דעכל זיצט
מיט טרויעריק־פאַרקלעמטן שטערן. דאָס, מיט וואָס מען דאַרף זיך טיילן,
ליגט מיט די שטאַרצנדיקע פּלייצעס, הינטן, פּיס, פאַרקלעפּט
אין וואָסערדיקן לייוונט ווי אַ באַרג צעבוכעטע נבלה — גוף,
וואָס האָט געזאָלט זיין פרוי און איז נישט. נח יאַקאָוון
רוימט אין דעם פּסק־דין. הייבט ער אויף די טרויעריקע אויגן
און פרעגט: — וואָס ווילט איר? מיטן ליגן פאַר די אויגן
רינט אויס די אָנגעלאָדנקייט פון גופים, נאָר זיך לאָזן צונעמען
די כשר׳ע מציאה פון אַביסל נעץ איז נישט קיין עסק, און אַרכיפּ,
דער וויסער, בראָקט אַרויס דעם פּסק. דער אַלטער שטעלט זיך
און פרעגט געלאָסן: — זענען אַלע מסכים? — אַלע.
— טאָ גייט און נעמט זי! — עפּעס גלויבט זיך נישט, מע קוקט
מע קוקט זיך איבער און די טריט נעמען זיך שאַרן, צושאַרן.
און פּלוצלינג פליט אַ ברענעדיק שטיק האָלץ פון אונטער קעסל
אין קאָפּ פון ערשטן גייער, ווערט אַ רעוועריי און איצטער רעוועט שוין
דער אַלטער יאַקאָוו: — זנות׳ניקעס! גהינום־זוימען! טייוול־קויט!
גאָטס ערד וועט איר דאָ שענדן! אונטער אָפענע גאָטס הימלען
דעם טייוול פּראַווען דאָ אַ חתונה! — דאָס ברוינע פּנים פלאַקערט,
די פויסטן אין דער לופטן ציטערן. נאָר פעדיאַ, דער גריבענער,
וועט זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן: — דו, טאַטעלע, ביסט צופיל באַלעבאָס!
דו לאָז דעם פּאָפּ די דרשות האַלטן. און ווער ס׳האָט אַליין
קיין ציינער נישט, דאַרף נישט דעם ביסן צונעמען ביי אַנדערע.
ער ענדיקט קוים, און קאָפּ און אַקסל איבער אים וואַקסט אויס

דער אַלטער, און מיט בלוט פון מויל ליגט פעדיא שוין ביי זיינע פיס.
ער הייבט זיך אויף אַ וואַקלדיקער, רופט: — וואָס שוויגט איר?
נאָר קיינער רירט זיך נישט. עס רויכערט אויף דער ערד
דאָס אויסגעלאָשן שייטל האָלץ, עס בלוטיקט פעדיאַ׳ס ליפּ
און יאַקאָוו זאָגט: — מע וועט זיי ביידן געבן ריטער
און לאָזן גיין. זיי וועלן זייערס אָפּקומען.

די זינדיקע ווערן פון וואַסער אויפגעהייבן, אָפּגעטרייסלט
און צוגעפירט צוביימער. סידאָר שטייט אויף ביידע פיס.
ביי איר אָבער די קני ווי לויזע זאַוויסעס, איז מוז מען
מיט שטריק זי איינשטייפן. און וואו זענען די ריטער?
מע גייט זיי אָנרייסן. דערוויל צערייסט אַ ווינט די וואָלקנס,
פון צווישן פלאַטערדיק־צעיאָגטע שטיקער קריכט אַרויס
אַ מערב־זון, און ס׳גרייט זיך הייטערער צום פסק־דין.
אַ רוט קומט דאָך אודאי יעדערן! און מ׳איז שוין אַלע דאָ —
הייב אָן! נאָר פון דער העלער הויט — דער ייד! וואָס פאַר אַ שד
האָט אים אָוועקגעשטעלט דאָ פאַר דער פלייצע פון דער פרוי?
וואָס וויל ער? ציטערט, טרייסלט מיט די הענט און קען נישט
קיין קלאַנג אַרויסקוועטשן פון גאַרגל. רעד שוין! באַלד —
אָט וועט ער רעדן. ווערטער מיט אַ כריפּ און שלינגט
די שפּייעכץ און באַלעקט די ליפּן. איצטער הערט מען עפּעס:
— בין נישט פון אייער גלויבן. נאָר וואָס שטייט אין אייער הייליק בוך —
האָב איך געלערנט. ווערט דערציילט: מע האָט געבראַכט
צו קריסטוס׳ן אַ פרוי אַ זינדיקע — — — איצט איז דאָס קול
שוין לויטער, ווערטער, כאָטש צעקריפּלט, קלינגען שאַרף
און ווען ער קומט צום פסוק: ווער פון אייך עס איז נישט זינדיק —
ווערט שיר נישט אַ געזאַנג און טרערן זינגען אים אין קול.
און ווייטער מיטן נגון זאָגט ער: — יאָ, איר קומט אַ שטראָף.
ווער וויל דען, אַז זיין ווייב זאָל גיין מיט זינד און גנבה
דעם הונגער שטילן אין דער כאַטע? אָבער איר — צי דען
דערפאַר ווילט איר זי שטראָפן? איר האָט זינד געוואָלט,
מ׳האָט נישט דערלאָזט — איז כאָטש דאָס לייב איר פאַסעוועז.
פאַר אייער אייגן זינד וואָס נישט צושטאַנד געקומען
פון איר נקמה נעמען ווילט איר —... אָפּגערעדט און שטייט...

קומט צו דער אַלטער: — זיי מיר מוחל! נישט געקלעקט
קיין שכל אינעם קאָפּ, אין פּויערשן, גאָטס יושר צו דערזען.
זיי מוחל!.. גייט צום בוים, בינדט אָפּ די שטריק אַרום דער פּרוי
און אַז זי פאַלט אַנידער, מינטערט ער זי מיט די פויסטן
אין אירע שלייפן. עולם קוקט און זידט. דאָס בלוט,
דאָס צוויי מאָל שוין געגאַרטע, שלאָגט רציחה׳דיק.
און ווען ס׳דערהערט זיך סידאָר׳ס קול: — וואָס פרעגט איר נישט
דעם יידן אייערן פאַרוואָס ער האָט דער׳הרג׳עט אונדזער גאָט? —
איז שוין די מאָס פאַרפולט. וואָס — ווידער גאָט? די ריטער
צעכוואַשטשען זיך, און די געשרייען וועגן גאָט־מאָרד
פאַרזינקען אין דער כוואַשטשעריי און רעווענדיקער פרייד.

* * *

ווען נח, אַ פאַריאָגטער פון דער עקזעקוציע, איז צוריקגעקומען,
איז שוין געווען שטאָק־נאַכט. פון סידאָר׳ס נאָרע האָט געריסן
אַ כאָרכלדיקע סטענקעריי, און איבער אים האָט וואַך געהאַלטן
פּעטרוכאַ־תם, דער בתולהדיקער, כשר׳ער מוזיניק פון אַרטעל.
פּעטרוכאַ־תם... ס׳איז פּשוט, דאַכט זיך. אַלעמאָל אין יעדנס שליחות,
דער לעצטער, אומבאַמערקטער, דאַרף ער אויך אַצינד פאַר אַלעמען
די שמירה האַלטן איבער זייער קרבן. אָבער ס׳איז נישט פּשוט.
ס׳איז דאָ אַ זין אין דעם... שפּאַרט נח אָן דעם קאָפּ
און וואַרט אויף נייע צייכנס. הערט ער ווי דער אַלטער שעפּטשעט:
— גיי,לייג זיך צו פּעטרוכאַ! איכ׳ל זיצן... און פּעטרוכאַ ענטפערט:
— מע דאַרף נישט, פאָטערל!.. ער הערט — עס שנירלט ווייטער
אַ דריבנער רעגנדל. פון סידאָר׳ס סטענקעריי שלאָגט אָפּ
מיט נאָכגעלאָזטן שלעכטס, מיט תשובה... נעמען יאָגן
מחשבות־לעכצונגען: פאַרוואָס זאָל נישט דאָס בלוט אַ קרבן חטאת זיין
און אויפשטיין זאָל מען תשובה׳דיק, פאַרגיביק?.. ס׳ציט צו נאַכט,
צום רעגנדל. אַזעלכע כוואַליעס פון אין סוף אין וואַלד־רויש
אַז מיליאָנען בודעס דאַרפן קענען אויסוועפן אַהין די רשעות
און בלייבן זאָל פאַר־אדם׳דיקע העלקייט. און אָט קומט אַרויס
דער בתולה׳דיקער יונג, שפּאַנט צו צום קלאָץ און שטייט.
קען זיין — דאָס גרויסע ריינע קינד אין אים פרעגט אויך
דאָס זעלבע. און אָט עפנט ער דאָס מויל פאַרציטערט:

— און לעבן װעט ער, באַלעבאָס? און נח װײס נישט פֿון אַ װעלכן קװאַל
עס קומט צו אים דאָס װיסן אויף צו ענטפֿערן: ער׳ט לעבן.

אַ בײזער טרויער האָט פֿאַרטאָג די בודע אויפֿגעװעקט,
מיט גװאַלד געקירעװעט די קעפּ צום קרבן: האָט הנאה!
האָט מען געכאַפּט דאָס ברויט, אַרויסגעשאַרט זיך און אַװעק.
צום איבערבײס איז יאַקאָװ אָנגעקומען אויפֿן שליאַך.
דאָס פּנים האָט נישט אָנגעזאָגט קײן גוטס. האָט מען געװאָרפֿן
געצײג און עסן און מיט בײזן טרויער זיך צוריקגעשלעפּט
אין בודע. סידאָר האָט דערהערט און אויסגעסטענקעט:
— ברידערלעך, איך שטאַרב!.. באַלד איז מען מיט די קעפּ אַראָפּ
געשטאַנען, זיך גע׳צלמ׳ט און נאָך יאַקאָװ׳ן געזאָגט
די תפֿילות פֿאַרן גוסס. נח האָט געקוקט, געהערט.
פֿון די אַרכיפּעס, פּעדיאַ׳ס און דער גאַנצער באַנדע
גבורים, רוצחים, בעלי־תאװה׳ניקעס איז געװאָרן
אַ כאַפּטע קינדער — אומבאַהאָלפֿענע, צעשראָקענע,
און װיפֿיל רשעות ס׳האָט אין זײ געזאָטן נעכטן, מער נאָך
האָט אויף די ליפּן איצט געציטערט טרויער און הכנעה.
ער האָט דערפֿילט אויף זיך פּעטרוכאַ׳ס אויגן, אים אַרויסגעפֿירט
אין דרויסן, און אין האַנט אַרײנגעשטעקט אַ פּאָר מטבעות:
— שפּאַן אײן דאָס פֿערד און ברענג פֿון שטעטל בראָנפֿן.

דער יונג האָט זיך אַװעקגעיאָגט. אין בודע האָט דער עולם
די תפֿילות אָפּגעזאָגט, נאָר שװײגן נישט געקענט מער.
ס׳האָט זיך אַ װאָרט אַרויסגעריסן: — אָט אַ מענטש דער׳הרג׳עט!
— מיר װעלן אַלע ענטפֿערן. — דאָ װעט דיר זײן אַ משפּט׳ל
— אָן אמת׳ער. — מע מעג זיך שוין באַצײטנס פּאַקן.
נח האָט געװאָרט: באַלד װעלן זיך די רײד דערקײקלען
צו אים, דעם שולדיקן אין אַלץ... נאָר כל־זמן ס׳קרעכצט דער גוסס
װעט קײנער נישט דעם קול אַהײב טאָן — מעג ער װאַרטן.

דער יונג איז אָנגעקומען, און די בודע האָט געקוקט
װי נח הײבט דעם קאָפּ פֿון סידאָר׳ן און טראָגט דאָס העלדזל
פֿון פֿלאַש צום מױל אים. דער גערוך פֿון ברעניקן געטראַנק,
די ערשטע טראָפּנס אויפֿן גומען האָבן אויפֿגעריסן קװאַלן

פאַרגראַבענע פון גבורה און מיט לעצטע כחות האָט דער גוסס
גענומען זופן שלוק נאָך שלוק. אַריינגעזופט. אָוועקגעפאַלן.
באַלד איז די סטענקעריי געוואָרן שוואַכער, שטילער, אויפגעהערט.
מ׳איז אויף די שפּיצן פינגער צוגעטראָטן — יאָ, ער אָטעמט.
די פּלייצע הייבט זיך. ס׳גייט אַ הויך פון מויל. ער שלאָפט...

אין אָוונט, ווען דער שטאַרקער שלאָף פונעם געזאַלט זיין מת
האָט לעצטע זיכערקייט געבראַכט, האָט זיך צעדורשט נאָך רייד.
אודאי איז דאָס בלוט געדיכט פון זינד. דער טייוול אָבער
איז אויך נישט אָבי ווער. היינט שדים, רוחות כל׳ערליי,
גלגולים און דבוקים... אָט אַ מעשה מיט אַ ברונים אַ פּאַר׳כשופ׳טן,
אַ דעמב וואו ס׳האָט געוואוינט אַ רוח... נאָר ווער ס׳האָט
דעם שפּרוך, דעם ריכטיקן, וועט גובר זיין. און גלייך אַ מעשה
ווי מ׳האָט אַ שד געטריבן פון אַ פרוי, און אַז עס האַלט שוין
ביים גובר זיין דעם שד, צעהוקעט זיך אויף אים די גאַנצע בודע
און ס׳הילכט אַ קינדישע די שמחה פון נצחון. נח הערט.
די רייד פון בודע פאָרן זיך מיט רייד פון ייִנגלעך אין ישיבה,
מיט גמרות, דינים, שפּרוכן קעגן כל המינים שדים:
שברירי—ברירי—רירי—רי! ווי איינס ביים תנא און ביים פּויער.
די מורא פאַרן חושך און די בלינדע חכמה קעגן אים
און איינס בייביידן די מלחמה מיט דער טומאה אין די אָדערן.

דער שלאָף ביי סידאָר׳ן האָט אָנגעהאַלטן שיר נישט אַ מעת־לעת.
אויף מאָרגן, אַז מ׳איז אָנגעקומען פון דער אַרבעט און דערזען
ווי יאַקאָוו קאָרמעט אים, האָט זיך צעלויכטן יום־טוב.
פון קאַצאַפּ, דעם לאַנדסמאַן זיינעם, ביזן פּאַלישוק, האָט יעדער
זיך צוגעזעצט צו אים מיט גוטע רייד. דערנאָך געפּרואווט:
— איצט וועט ער זיין שוין אָרנטלעך. נאָך וואָס אָוועקגיין?
נאָר סידאָר׳ן איז בלויז גענוג געווען צו הערן וועגן פלעשל
וואָס נח האָט אים איינגעגעבן, ער זאָל אָפּציען וואָס גיכער.
ער איז אָוועק אינמיטן טאָג ווען עולם האָט געאַרבעט
און קיינער, אויסער יאַקאָוו׳ן, האָט זיין אָוועקגיין נישט געזען.

9

ביי דער וואַלד־פּרוי אין די בוזימדיקע היילן
פון אַ שנירל הענגט דער גואל אויף אַ צלם.

כוואַליעס װײַב די דינע ריפּן זײַנע בריען
און ער שטעכט צוריק מיט נזיר׳דיקע קניען.

קלעמט דאָס האַרץ איר אויף זײַן מאַנסבילשקייט דער וויסטער.
טוליעט זי אים שטײַפער אין די גרויסע בריסטן.

רופט ער, אַ געפּײַניקטער, צו איר חתנים נײַע —
זאָלן אויף אַ װײַל כאַטש פון גהינום אים באַפרײַען.

די חתנים האָבן פײַנט דעם שטעכעדיקן נזיר
און זיי שליידערן אַוועק דעם צלם אין די גראָזן.

נאָר באַפּרוכפּערט און באַפרײַט פון פרעמדן קלאַמער
ברענגט זי אים צוריק אין בוזעם ווי אַ מאַמע.

מעג ער שטעכן מיט די נזיר׳דיקע קניען —
כוואַליעס װײַב די קוואַרע לענדן זײַנע בריען.

10

זיצט דער גרויסער באַלעבאָס אין זײַן קאָנטאָר,
גלעט דאָס שפּיצל באָרד:
— ס׳גייט דאָס וואַלד־האַקן ביי אייך כשורה.
נאָך אַ וואָך — און ס׳וועלן אָנקומען די פורן
מיטן זאַמד און וועגענער מיט שפּאַלן,
איז מיר איינגעפאַלן:
איידער איבערגעבן צו אַן ערל די השגחה,
זאָל אַ ייד אַריינקריגן די וואַכערס.

מאַרק סעמיאָנאָוויטש איז זיכער,
אַז דער ייד וועט זײַן אַ מומחה גאָר אין גיכן:
ווי צו מעסטן ערד פון בערגלעך אָפּגעשניטן,
ווי צו מעסטן זאַמד די טאָלן צו פאַרשיטן,
ווי צו מעסטן שפּאַלן וואָס גייען אונטער שינעס —
די סאָסנאָווע דיקער, די דעמבאָווע דינער —
און ער לאָזט אַ ווערטל פאַלן כלאחר יד:
— קלאַפּטער מיינט נישט דוקא זיבן פוס קוואַדראַט

אָדער זיבן פוס די הויך.
אַז ס׳וועט האַלטן זעקס צי ווייניקער, וועט אויך
קיינעם חס ושלום ניט פאַרשאַטן.
פּרוּווט דער ייִד זיך מאַכן תּמ׳עוואַטע:
און אַז ס׳מעסט זיך אויס אַ קלאַפּטער פולע זיבן?
זאָגט דער באַלעבאָס: — עס טאָר נישט קיין זיבן!

קומען אינזשענירן מעסטן און בראַקירן,
שפּאַנען מיט די בלייערס, ביכלעך און פּאַפּירן,
וואָס די גנבה אָפּענער, אַלץ ווייטער אָפּגעטראָטן,
אויפגעדעקט די שפּרינקעלעך און נישט דערזען די בלאָטע.
און דער באַלעבאָס פון הינטן שפּרייזט
ווי אַ חדר־ייִנגל וואָס האָט אויסגענומען ביים פאַרהערן,
און די פּלייצע זיינע לערנט:
— זעסטו, צדיק מיינער, ווי מען מאַכט אַן עסק?
קיינער וויל נישט פאַסטן קיין תּעניתים
איינצושפּאָרן נאָך אַ רענדל פאַרן קיסר.
אמת — וואָס כ׳מוז אָפּשטעקן די פּייגל
וואָלט פאַר דיר געסטייעט אויף דריי יאָר פּרנסה,
אָבער אַז מען וויל די הינער זאָלן אייער לייגן,
קען מען זיך ניט שטעלן אויפן ביסל פּראָסע.

איצט האָט שוין דער באַלעבאָס, דער שררה,
מער נישט מורא פאַרן חבר פון איבער דער גמרא.
האָט געגוג זיך אָנגעבידעוועט מסתמא פריער,
ער זאָל אים דעם גט איצט וואַרפן פאַר דער טיר.
אלא וואָס די אויגן שווייגן האַרט און טרויעריק —
האָט ער פאַר אַזעלכע זאַכן קנאַפּ וואָס מורא:
גרעסערע צדיקים טוליען זיך אין פיינע פּעלצן,
וועט עס אויך אין נח׳ן דעם מוסר׳ניק צעשמעלצן,
וועט ער נאָך אַליין אַמאָל אויך זיצן אויפן זאָטל
און דאָס מזל דאַנקען פאַרן גוטן חבר מאָטל.

11

נישט איך האָב געשמירט מיין ברויט מיט פּוטער,
נישט איך דאַרף פּוטער צום ברויט.

געשמירט האָט מיין ברויטגעבער, דער גוטער,
וואָס קען נישט טרינקען זיין ווין אָ באָרוטער
אָן פוטער ביי מיר אויפן ברויט.

ס׳גייט נאָך ווי אַ הונט דעם תקיף זיין גדולה
און פאַרשמעקט זיין לעבן מיט הונט.
איז — זוכט ער צום טיש זיינעם עסער אַ פולע,
זיי זאָלן מיט מענטש באַשמעקן זיין גדולה
שטאָט ריח פון בייזן הונט.

איך זע דיין שיינע כונה, מיין חבר,
און דעם שכר פאַר מיין מראה מענטש.
געוועזן שוין אַ שלאַנג און געוועזן אַ חוה,
דיין טיש אָבער האָט נישט אַזאַ מין פאַטראָווע
צו קויפן מיין מראה מענטש.

וועסט קריגן משרתים געגוג פאַר אַ שמירה
מיט פוטער אויף זייער ברויט.
נאָר מיינס אַז דו זאָלסט אויך מיט לאָפּעטעס שמירן —
אַלץ איינס וועט מיין גומען דעם טעם נישט פאַרלירן
פון אָרעמען מענטשלעכן ברויט.

12

גייט אַרויס אַ ייד אַ פרייען טאָג אין וואַלד צו בלאַנקען,
זיין מיט זיך אַליין אַ ווײַלע אויף אַ שטילער לאַנקע.

זעט ער: איבער שטעגל, וואָס ער האָט באַטראָטן,
שוועבן זומער־פערדלעך, ווי אַן אויסמושטירטע ראָטע,

און פאַרויס פון זיי, מיט פליגל גאָלד און ברוין באַבלימלט,
ווי הוזאַרן אויסגעפּוצטע, שמערטערלעך צעשיינטע שווימען.

טראַכט ער: אויב זיי פליען דאָ, איז דאָך דאָס שטעגל זייערס,
און דער וואַלד איז גרויס גענוג פאַר יעדן גייער,

און געשטראַל פון זון וואָס אויף דיביימער פלעמלט
וועט דיר ווייזן שפּעטער ווי דעם וועג אַהיים צו נעמען.

ערשט וואוהין ער קערט זיך אָפּ, פאַרלויפן זיי דעם וועג אים
ווי מען וואָלט זיי מיט אַ כיון אים געשיקט אַנטקעגן.

חידוש'ט ער זיך: ווען האָט וואַלד עס איינגעפּירט אַזעלכע זיטן,
אַז מען זאָל אַ נייעם מענטש אַנטקעגנקומען מיט אַ סוויטע?

נאָר די רייען פלאַטערדיקע וועג־ווייזער פאַרויס אים שווימען
ביז מען ברענגט אים אויף אַ פעלד מיט קאָרן־בלימען.

טעפּעט ער אַ בלימל אין די פינגער, זעט ער:
ס'איז אַ טעלערל אַ ווייס באַזוימט מיט געלע סאַמעט־בלעטער.

אין דאָס טעלערל אַליין — אַ מחנה ווייסע שטענגלעך
איינגעטוליעט איינס אין אַנדערן אין קרייזיקע שערענגעס,

האַלט זיך אַלץ צוזאַמען אויף אַ דינעם זייל אַ גרינעם,
און דער זייל פון באַדן ציט פאַר זיי חיונה.

ווער־זשע זענען די יחידים וואָס מע רופט זיי בלומען?
איז דאָך יעדער גאָר אַ רבים אין אַן איינס צונויפגענומען,

איז דאָך יעדער איינס דער סכום פון אַלע זיינע גלידער,
און דער סכום פון אַלע סכומים ווערט אַ גרויסער יחיד ווידער —

יחיד־וועלט — איז איינציקער און אַלץ אַזוי פאַרקניפּט אינאיינעם,
אַז וואָס אַלץ איז יעדן איינציקנס און קיינער איז נישט איינער.

זעט ער: צווישן גראָזן שטייט אַ וועווריק און באַטראַכט אים.
מיינט ער — דאָס האָבן דאָ שמעטערלעך, וואָס האָבן דאָ געבראַכט אים

צוגעשיקט דעם וועווריק נאָך אַמאָל אים אויסצופּרואוון.
זאָגט ער: איצט פאַרשטיי איך שוין און טו פאַר פריער תשובה.

אַלע זענען מיר פון וועלט און אַלע גאָר געהויבענע יחסנים,
קומט אונדז, יעדן איינעם, אַ קבלת פנים,

שטעל איך זיך דיר אויף אַנטקעגן מיט אַ ברוך הבא
און איך וועל עס טאָן אויך פאַרן האָז און קראָליק און דער זשאַבע.

נעמט דער וועווריק אָן דעם כבוד און אַ שפּרונג צווישן די ביימער.
קוקט אים נאָך דער ייד און רעדט צום דעמב דאַנעבן לאמור:

— ס'איז ניט שייך מיט די שפּרינגערלעך אַריינצולאָזן זיך אין חקירה
וועגן ברידערשאַפט פון ברואים, וועגן איינקייט פון יצירה.

אָבער איר, ר'דעמב, אַ וואַרצלדיקער און אַ זקן קיין עין הרע
האָט דאָך סיי דעם נגלה, סיי דעם נסתר איינגעקריצט אין אייער קאַרע, —

ווייסט איר דאָך דעם זהר: יעדער בוים און גראָז און בלימל
האָט זיין שטערן אָדער מזל אַ ממונה איבער אים אין הימל,

און אַז יעדער נפש האָט דאָרט זיין ממונה, זענען מיר געבונדן
מיט די שטערן און מזלות אויבן, מיט דער ערד און אָטעם אונטן,

און אויב אייך, ר' דעמב, איז ניט באַשערט זיך מיט דער ערד צו שיידן,
שפּאַן איך אייך אַנטקעגן, שפּאַן איך פאַר אונדז ביידן.

פּלוצלינג ווי ער רעדט, אַ נאָדל אין דער ליפּ אַריינגעשאָסן
און עס זומט מיט בייז הנאה פאַר די אויגן אים די אָסע.

זאָגט ער: איך פאַרשטיי דיין לצ'ישע כונה —
ביסט געקומען אָן דער שנאה, אָן דער רשעות מיר דערמאָנען.

ברענט די ליפּ מיט סם, ווערט אָנגעדראָלן ווי אַ קישן,
טאַנצט ער אונטער פון יסורים: — כ'נעם אויך אָן די רשעות,
כ'נעם די רשעות אויך אַריין, און מעגסט מיך בריען, סמ'ען —
ס'איז כדאי מיט דיר אפילו זיין אין וועלט צוזאַמען.

פון די געל און ווייסע בלימלעך ציט אַ הויך אַ קילער,
קילן אים די סאַמעט־בלעטלעך ס'ברעניקע געשווילאַכץ,

און אַ מחנה שוואַלבן, ווי אַ חדר קינדער אויף דער פריי,
טראָגט זיך מיט אַ צוויטשעריי: כדאי, כדאי, כדאי...

13

אַט אַזוי האָט נח זיך פאַרשאַפט אַ נייעם חבר.

אָנגעקומען פון שפּאַציר אין וואַלד אַליין,
זעט ער — עולם אין אַ קרייז אויף דר'ערד צעשפּרייט
און אינמיטן אויף אַ קלעצל זיצט דער יונגער אינזשעניר.

אויפֿן גראָז דאָס היטל מיטן ווייסן דעכל,
דער מונדיר אויף אים אַ ווייסער, געקראָכמאַליעטער,
און די שטיוועלעטלעך בלאַנקען. ס׳פּנים ווייס
און די וואָנצעלעך פאַרשפּיצטע שוואַרץ. זיצט ער,
לייענט פון אַ ביכעלע און מיט זיך נאָכצומאָכן
דאָס מוזשיצקע לשון, און ביים עולם אויגן סטאַרטשען
און די ווערטער שפּרינגען אָפּ פון פּנים׳ער צוריק.
און פאַרשטייט עפּעס פּעטרוכאַ — ווער ער וואָגן
עפּענען אַ מויל ווען אַלע שווייגן ?.. זעצט זיך נח אויך.
לייענט נאָך דער יונגער אינזשעניר און שטעלט זיך אָפּ.
— ווער וועט זאָגן עפּעס ? קוקן אַלע, שווייגן אַלע.
זעט מען — ס׳ווערט דעם פּריץ, נעבעך, קאַלעמוטנע,
טראַכט זיך נח : פאַרט עפּעס דאָ מעשה טאַטע
און עס פּאַסט נישט זיינע קעסט-קינדער פאַרשעמען,
מאַכט ער : — איך וועל זאָגן ! — צינדן זיך ביים פּריץ אַן
גאווה׳דיקע אויגן : — כ׳האָב נישט דיך געפרעגט.
דיך האָט מען געשיקט דאָ באַלעבאַטעווען און גנב׳ענען,
גנב׳ע און האַלט ס׳מויל ! טוט אַ וואָרטשע יאַקאָוו :
— זעסטו, פּאַטערל, דאָס רעדסטו לשון הרע !
פּרוּווט דאָס פּריצ׳ל די גאווה האַלטן : וואָס-זשע —
גנב׳עט גאָרנישט ? — ניין, נישט אונדזער נח.
זוכט ער שטיצע ביי די אַנדערע, נאָר אַלע שווייגן.
שמייכלט ער פאַרלאָרן : — נו, ווילסט זאָגן, זאָג !
דרייען זיך די פּנים׳ער צו נח׳ן, הייבט ער אָן
מיט אַ פּסוק וועגן דעם, אַז אין שוויס פון פּנים
עסט דער מענטש זיין ברויט — איז דער טייטש
נישט צו ליידיקגייער האָט געגעבן גאָט די ערד.
הערט דער עולם, קומען ראיות וועגן קיסר
וואָס האָט אויסטיילן געוואָלט דאָס פּריציש לאַנד
צו די פּויערים פאַר גאָרנישט, קומען קשיות
וועגן מאַכט פון פּריץ און אוראַדניק,
ענטפערט נח : — זיי וועלן עס בעסער וויסן —
(„זיי" — דער אינזשעניר הייסט עס) געפינט שוין
אויך דעם פּריץ לשון און ווען ס׳קומט

ביז צום זונטיקדיקן מאָלצײַט, שטייט דער אינזשעניר
מיט אַ לעפל אין דער האַנט און ס'האַרץ קוועלט אָן
וואָס אָט שטייט ער מיט אַ לעפל גלייך ווי אַלע
און ער חנ'דלט זיך צום יידן, אירצט אים,
בעט אים איבער פאַרן חשד און ס'איז אים היימלעך.

ווערט אָן אָפּטער גאַסט דער יונגער אינזשעניר.
ניין, נישט גוט איז אים, וולאַדימיר זשדאַנאָוון.
ס'בענקט דאָס האַרץ נאָך גרויסע אמת'ן,
נאָר קיין מוט זיי נאָכצוגיין, דאָס לעבן אײַנצושטעלן
איז נישטאָ. זענען דען נישט די חברים זײַנע
אויך אַזעלכע זינדלעך באַלעבאַטישע ווי ער —
טאָ פונוואַנען קומט צו זיי דער כח
אין די קרייזלעך זיך צו קלייבן, אין די דערפער זיך צעקריכן,
פאַר די ריכטער זיך צו שטעלן, אין סיביר זיך לאָזן שיקן?
און פאַרוואָס ביי אים, ביי זשדאַנאָוו'ן אַ שרעק אַזאַ
פאַרן טאַטנס שטעלע, פאַר דער מאַמעס טרערן,
פאַר דער שוועסטערס שדוך? נח הערט און וויס:
נישט קיין גרויסן כבוד לייגט אויף אים דאָס פּריצ'ל
מיטן ווידוי זײַנעם. פאַר אָן אייגענעם, אַ גלייכן
וועט ער שרעקן זיך און שעמען דאָס צו טאָן,
נאָר אין וויסטן וואַלד און פאַר אַ יידל נאָך דערצו —
וואו איז גרינגער אָפּצעוואַרפן ס'מיסט פון דער נשמה?
און דאָס פּריצ'ל פאַרשעמט זיך אויך פאַר אים.
ווערט פאַרשוואונדן אויף אַ וואָך און קומט דערנאָך
מעשה רבי גאַר, מיט מעשיות און מיט ביכלעך.
אַרט נישט נח'ן. אים רודערט אויף דאָס האַרץ
פונעם גרויסן פּריץ וואָס האָט ביזן לעצטן העמד
אויסגעטאָן פון זיך און אומגעקומען אויף דער תליה;
פון דעם יונגן פירשט אין קאַזעמאַט אין פעסטונג
מיט אַ יחוס־בריוו נאָך העכער פאַרן קיסר'ס;
פונעם מענטש, דעם אינו נראה, וואָס האָט ווינטער ערשט
אויפגעריסן האַלב פון קיסר'ס פּאַלאַץ —
נעמט ער אָן די תורה, שאָקלט זיך איבער די שירים
און מאמרים און דער רבי איז צופרידן.

נאָך צופרידענער איז נח. נישט אַזוי פון רבי׳ן
ווי פון דריטן שטומען שותף צו די רייד.
אַז פּעטרוכאַ האָט גענומען נאָכשפּירן די טריט זיי,
האָט זיך זשדאַנאָוו אויפגעקאָכט: וואָס קריכסטו נאָך?
האָט אים נח איינגעשטילט: ער מיינט קיין בייז נישט.
און דעם יונג אַ רוף געטאָן: קענסט הערן.
איצטער גייט זיי נאָך פּעטרוכאַ ווי אַ גרויסער שומר.
ער איז בלויז געהער. די אויערן פאַרשפּיצט,
גראָע אויגן פאָלגן נאָך דעם ריר פון ליפּן
און דאָס מויל איז אָפן אין כסדר׳דיקן דאָרשט.
קוקן בלינד די אויגן — מיינט עס: ער באַנעמט נישט.
צינדן זיך די אויגן — מיינט עס: ער איז מסכים.
ווערן אומרואיק די הענט ביי אים, איז טייטש:
ער וואָלט וועלן זיין אַ שותף צו די מעשים
וואָס מען רעדט פון זיי. ווערן נעבן אים די רייד
אמת׳ער, באַזינטער — ס׳איז ממשות דאָ אין רייד
ווען פּעטרוכאַ זיצט און הערט זיך צו.

קומט עס צו וכוחים. נח בלעטערט אין אַ מעשה־בוך
וואָס דאַרף לערנען ווי צו לעבן מיטן אמת.
דער מחבר, ווייסט ער, איז אין גלות אין סיביר,
זוכט ער קדושה און געפינט נישט. קאָכט זיך זשדאַנאָוו:
— און דער מאַן, וואָס האָט זיך אומגעבראַכט
צו באַפרייען ס׳ווייב פאַר ליבע צו אַ חבר?
דריגעט נח מיט די אַקסל. — נו, און דער
וואָס האָט ליב געקראָגן ס׳קראַנקע גאַסן־מיידל
און גענומען פאַר אַ ווייב? — ענטפערט נח:
— אונדזער נביא הושע האָט עס שוין געטאָן אַמאָל.
— קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַזאַ נביא —
בלאָזט זיך זשדאַנאָוו, ליגט אַ וואָרט אַזאַ
אויפן שפּיץ פון נח׳ס צונג, נאָר בעסער שווייגן.
און אָט קומט דער רבי מיט אַ גרויסער פּלוגתא.
איז אַ כיתה דאָ וואָס טענה׳ט: גאולה ברענגען
זאָל דאָס פאָלק אַליין, דאַרף מען גיין צו אים

לערנען מיט אים גאולה. זאָגט די צװײטע:
אַז מען פּאַקט אין תּפיסות און מע פּײניקט
פּאַרן װעלן צוקומען צו פּאָלק, מוז מען האַקן קעפּ.
װאו־זשע איז דער אמת? ענטפערט נח:
— און אַז משה װאָלט געגאַנגען צו די ציגלמאַכער —
װאָס װאָלט ער גע׳פּועל׳ט? רײד פון פרײַע מענטשן
װאַרפן אַן אַ שרעק אויף קנעכט. איבער גװאַלד
מוז מען זײ באַפרײַען. מוז מען גײן צו פּרעה׳ן.
און אַז פּרעה איז פאַר׳עקשנ׳ט, שלאָגט מען מכּות
הארב און הארבער. ביז עס ליגט זײַן בכור נישט
אויף דער ערד אַ טויטער, װערט זײַן האַרץ נישט װײך.
בריט דעם פּריץ: — איר װײסט אַלץ.
נאָר פּעטרוכאַ׳ס אויגן לויכטן: ער איז אויך
מיטן יידן מסכּים. האָט דער פּריץ נישט קײן ברירה,
שטימט ער צו — מסתּמא איז אַזוי.
זשדאַנאָװ װאָלט דעם ייד אַ מעסט געטאָן די מאָרדע
פּאַר די קלוגע רײד זײַנע, פּאַרן שטילן צער אין זײ.
עפּעס פילט ער — װאָס ער זאָל נישט טאָן מיט אים,
גוטס צי רשעות — װעט דער ייד אַלץ אומטראָגן
אָט דאָס שטילע װײסעניש אין די געהירן.
אָבער ס׳איז אַ שאָד. אים איז געװאָרן ליב
װי דער ייד קאַליטשעט אים דאָס לשון,
װי ער מאַטערט זיך אַרויסצוברענגען די רעיונות,
װי ער בעט אים מיט אַ װאָרט אַרויסצוהעלפן;
ס׳איז אים ליב דער דריטער מיט זײַן שטומען הערן —
אָט־דאָס „פּאָלק״ װאָס לערנט בײַ אים חכמה;
ס׳איז אים ליב זיך צו באַרימען: — איז בײַ מיר
אַזאַ פּאָרל דאָ אין װאַלד — אַ ייד װאָס רעדט
און אַ פּויער־יונג װאָס שװײַגט — — — און דערציילן
נסים פון דעם פּאָרל. שטיקט ער אײַן דעם כּעס
און קומט װידער זיצן מיט די צװײ.

14

אונטער מאַכיקן דעמב אין פאַר׳כשופ׳טן װאַלד
איז אַן אײַזערנער קופּערט באַהאַלטן,

אינעם קופערט אַ האָז, אין האָז אַ קאַטשקע,
אין דער קאַטשקע אַן איי —
אין דער איי האָט דער בייזער מכשף קאַשטשיי
זיין נשמה באַשטאַט און געלאָזט זיך בלויז גוף,
אַן נשמה אַ גוף.
אין געמויערטן שלאָס, הינטער ריגלען און שטאַנגען
האַלט קאַשטשיי אַ בת־מלכה געפאַנגען.
ווער קען גיין מיט אים פירן מלחמה,
די בת־מלכה באַפרייען,
אַז ער טראָגט אום אַ גוף אַן נשמה
און זיין לייב לאָזט קיין בלוט נישט און פילט נישט קיין פיין?

וויס פּאַטרוכאַ — דאָס אַלץ איז אַ מעשה׳לע בלויז,
וואָס מע טראַכט עס פאַר קינדער אויס,
און נישטאָ גאָר קיין אייזערנער קופערט און איי,
און דערפאַר טוט אים וויי,
ווייל ער וויס — עס איז דאָ דער מכשף קאַשטשיי
מיט אַ שלאָס און מיט ריגלען און זעלנער אָ סך
אויף דער וואַנט, אויף דער וואַך.
און דערפאַר טוט אים וויי,
ווייל וואָלט אמת געווען דער האָז מיט דער איי,
וואָלט פּעטרוכאַ אַזוי ווי ער שטייט און גייט,
אַן זאָטל און פערד, אַן פּאַנצער און שווערד
צו פוס אויסגעמאָסטן די גאַנצענע ערד
און געפונען דעם דעמב און צעקוועטשט דאָס איי —
די נשמה פון רשע קאַשטשיי.

נאָר אָט איז געקומען איינער וואָס וויסט
און געבראַכט אים אַ טרייסט:
עס איז נישט בלויז פאַר קינדער אַ מעשה:
עס איז דאָ צום פאַר׳כשופט׳ן קופערט אַ וועג
און ווייסער וואָס וויסן דעם וועג.
איצט קוקט פּעטרוכאַ אַרויס אויפן טאָג
ווען דער ווייסער וועט קומען צו אים מיט אַ זאָג:
— איך וויס, אַז נישטאָ אין דיין האַרץ קיין שרעק,

און אַזוי איז צום קופערט דער וועג.
עס הערט שוין פּעטרוכאָ דעם קול פון זאָג,
נאָר עס ווייס נאָך נישט דער, וואָס דאַרף זאָגן דעם זאָג,
אַז אין וואַלד ביי דער האַק
שטייט אַ יונגער באַטראַק,
פּעטרוכאָ ביים נאָמען,
און איז גרייט צו גיין אויף קאָשטשיי׳ס נשמה.

15

דעם קיסר׳ס ברויט נישט פון דימענט־זאַנגען,
דעם קיסר׳ס בעט נישט פון פּערל־פּוך.
צו וואָס ביי דער הערשאַפט זיין געפאַנגען
און מערן ביי דינער פאַרכט און פלוך?

פאַרשווינדט דער קיסר. הייסט פירן זיין ברודער
אַ ליידיקן אָרון מיט גרויס פּאַראַד,
און שררות מאַכן ביי דער טרויער־סעודה
דעם נייעם קיסר אַ הויכן וויוואַט.

פאַרשווינדט דער קיסר — און אַ מענטש אַ נייער
אין פאַסטעלעס איבער די וועגן שפּאַנט.
אין שטעט הויערט טרויערט פון פוסטער לויה,
ס׳הויערט שרעק פאַרן נייעם קיסר אין לאַנד.

קומט אָן דער מענטש צו אַ דאָרפישן קלויסטער
און רעדט צום עולם: — ברידער, הערט!
עס האָט אייער הערשער פון זיך דערלייזט אייך
און אייערס איז איצט אייער מי און ערד.

דערהערן זשאַנדאַרן מיט שווערד און פּיסטוילן,
און בלוט אויף זיין פּנים און סערמיגע פלייצט.
מע שלעפּט אים ביים קאַרק ווי אַ קאַלב נישט דערקוילעט:
— אָט־דער האָט דאָס פאָלק קעגן קיסר געהייצט.

שטייט אויף פאַרן ריכטער אַ מענטש אַ צע׳דמ׳טער
און מלכות שיינט פון זיין ווייסער האַנט:

— עס מאַכן אַ טעות דיינע באַאַמטע,
נישטאָ מער קיין קיסר אין אונדזער לאַנד.

ווער ס׳איז געווען איבער אייך אַ קיסר
איז מיד געוואָרן פון אייגן בייז.
איצט גייט ער זיך אַליין דערלייזן
ביי די וואָס ער האָט פון זיך דערלייזט.

רייסט אויף דער ריכטער פון אימה די אויגן
און צאַפּלט אַרויסצוריידן אַ וואָרט,
און ס׳טראָגט אַ שטאַפעט צום קיסר געפלויגן
אַן אַלאונטערטעניקסטן רעפּאָרט.

קומט אָן צוריק אַ שטאַפעט פון קיסר
און ס׳ווערט אין פעלד אַ תליה געגרייט,
און ס׳פאָלגן נאָך מיט אַ שטומקייט פון מתים
דער גלח און תליון דעם גייער צום טויט.

ער גייט און זיינע ליפּן מורמלען:
— אָ, מאַן פון נצרת, מיין ליכטיקער גאָט!
היינט וועט מיין שטומקייט אַריבערטורמען
די געטלעכקייט פון דיין לעצטן טראָט.

עס האָט דאָס פאָלק ווי כוואַליעס צעברויזטע
געפלייצט מיט דיר צו דיין לעצטן גאַנג,
און אייביקע דורות דיין נאָמען גרויסן
פאַר טשוועקעס אין הענט אויף אַ הילצערנעם שטאַנג.

איך ליג שוין אַ טויטער אין גילדענעם אָרון
און ס׳היטן מיין טויטקייט שווערד און ביקס.
מיין קבר אין פעלד וועלן רעדער פאַרפאָרן
און ערד פאַרדעקן מיט ווילדן געוויקס.

16

אַ בריוו מיט יאַנקל׳ס האַנט געשריבן:

צום ערשטן שיק איך דיר, מיין ליבער מאַן, אַ מזל־טוב.
היינט זיבן טאָג האָב איך געבוירן דיר אַ טאָכטער.

האָר האָט זי רויטע, דיינע, און אויגן בלאָע, מיינע.
די שכנות זאָגן, אַז זי וועט אם ירצה השם
די וועלט פאַרשיינען. איך האָב שוין גענוג פאַרגאָסן טרערן,
כאָטש נישט דאָס ערשטע מאָל ווער איך אַזוי געלעגן
מיט דיר פאַרוואָגלט ערגעץ אין דער פרעמד.
האָב איך געמוזט דעם שאַמעס רופן און אַ גילדן געבן,
אַז ער זאָל שבת אויסרופן אין שול איר נאָמען — שפרה,
אַ נאָמען נאָך דיין מאַמען, זי זאָל זיין אַ גוטע בעטערין פאַר איר.
אַ נס טאַקע וואָס אין דער גוטער שעה האָט מיר דער באַלעגאָלע
געבראַכט די שכירות דיינע און איך האָב געהאַט
דער באָבען צו באַצאָלן. ביז די ערשטע וויען
האָב איך נאָך אַלץ געשטעפּט אויף דער מאַשין, נאָר אָפּטראָגן
אין שוואַלניע דאָס געניי שוין נישט געקענט. אַ דאַנק אָבער
זיין ליבן נאָמען האָבן גוטע לייט מיך נישט פאַרלאָזט.
די שענקערין קומט אָפּט אַריין און צוויי מאָל איז געוועזן
ר' מרדכי'ס טאָכטער, די נגידית'טע, און מיט דער דינסט
מיר אָנגעטראָגן זאַכן כאָטש אַ חתונה צו פּראַווען.
וואָס טויג מיר אָבער אַלץ אַז איך בין דאָ אַליין
און דו ביסט אין אַ וויסטן וואַלד פאַרוואָרפן צווישן גוים
און נישט קיין שבת, נישט קיין טיש. אַז כ'וועל זיך זעצן
צוריק צו דער מאַשין, וועל איך דיר אויפניייען
אַ צוויי פאָר העמדער און זיי שיקן מיטן באַלעגאָלע.
און צווייטנס שרייב איך דיר, אַז ס'איז געוועזן אַ בריוו
פון שמעונ'ען. ער לערנט אין ישיבה און די מומע דיינע
האָט אים געגעבן אַ געלעגער אין דעם זעלבן חדר
וואו דו ביסט ייִנגלווייז געווען און ער האָט אַלע טעג
ביי דיין משפחה נאָר. און יאַנקל קריגט שוין איצט
צען גילדן אין ציגעלניע. יעדן פרייטיק ברענגט ער מיר אַ רובל
און מיטן האַלבן רובל קומט ער דורך די וואָך.
איך האָב געמוזט אים מאַכן אַ פּאָר נייע שטיוול
און ס'האָט גענוג געווינט מיין האַרץ אויף זיינע הענט —
אַזוי געשוואָלן זענען זיי געוואָרן. ווען וועט שוין
אויף אונדז די אמת'ע ישועה קומען, אַז מיר זאָלן אַלע
צוזאַמען קענען זיין אין נחת און אין פריידן, אָמן.

צום סוף פון בריוו, פון יאַנקלען גופא:

ליבער טאַטע: וואָס די מאַמע הייסט מיר שרייבן
פון מיינע הענט, איז עס געוועזן אין אָנהייב נאָר
און ס׳טוט מיר מער נישט וויי. אברהם׳ל, וואָס דו קענסט אים,
איז גוט צו מיר, און יעדן שבת גיי איך אין בית־מדרש
און לערן פאַר זיך, איך זאָל נישט פאַרגעסן וואָס איך קען.
אַז דו וועסט קומען ,וועסטו מיך פאַרהערן
און זיך מיט מיר ניט דאַרפן שעמען. ס׳איז נאָך זעקס חדשים
ביז איך וועל נעמען לייגן תפילין, וויל איך זייער,
אַז דו זאָלסט זיין מיט אונדז ביי מיין בר־מצוה.

17

אַן עלנדער מענטש אין אַ וויסטן העק
מיטן יאָך פון אַ וועלט אויף די פּלייצעס —
דאָס איז דער אַפּטייקער פון קאַברין
מיראָן מאַטווייעוויטש רייצעס.

ס׳האָט טשאַרלס דאַרווין שוין קלאָר געשטעלט
דעם שרש פון מענטש אין גאָרילע ,
און אָגיוסט קאָנט האָט דעם פאָרשער־געדאַנק
באַשטימט פּאָזיטיווע צילן —

און דאָ איז מען אַלץ מחדש נאָך
ביי דער לוזשע די לבנה,
און ס׳לעבט אַ פאָלק אין פינצטערניש
און ווילדע זאַבאַבאָנעס.

מען האָט אין פּאַריז צעשיסן געמוזט
די קאָמונע מיט האַרמאַטן,
און ס׳ציטערט שוין דער דייטשער רייכסטאַג
פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן —

און דאָ קריכן נאַרישע יונגעלייט
צעבונטעוועון דאַרפישע בלאָטעס,
און ס׳קראַצט דער מוזשיק די פּאָטיליצע
און שיקט זיי אָפּ צום טאַטער.

וואָס וויל מען נעבעך מיט סאָציאַליזם
אין אָט־דער פינצטערער אַזיע,
וואו מען פאַרט דריי נעכט צו אַן אוניווערזיטעט
און צוויי צו אַ גימנאַזיע?

איז וואָס קען טאָן אַ מענטש אין קאַברין
מיטן האַרץ אין דער גרויסער אייראָפּע?
ער שטעקט אין בוך צווישן פּילן און זאַלב
און ברומט צווישן פּלאַסטער און טראָפּנס.

די שפּיציקע נאָז פון צייטונג אַרויס
באַפאַלט ער די בידנע קליענטן,
נאָר יעדער ווייס, אַז דער כעס איז נישט ווערט
אַ שטרוי אַן איבערגעבערענטע.

מעג ער טשעפּן אפילו דעם קיסר און גאָט
רב און גלח פאַרשוואַרצן ווי סמאָלע —
ס'איז זיכער מיט אים די נאַטשאַלסטווא אין שטאָט:
ער מיינט נישט קיין קראָמאָלע.

די זאָוויסעס אים ביי דער צונג זענען לויז —
איז לאָזט ער זיך וואוילגיין אַביסל.
נאָר וויל מען אַ שמעק טאָן פון גרויסער וועלט
האָט רייצעס צו איר דעם שליסל.

איז קומט מען טרינקן זיין ווישניאַק און טיי
און פון הויכע ענינים אַ רעד טאָן.
דער פּריסטאַוו מיט ביסמאַרק'ן ווערט פּאַני־בראַט
און דער סטאַראָסטע — מיט גאַמבעטאַ'ן.

ווער ס'פּאַרט מיטן שנעל־צוג פון פּראַגרעס
ווער ס'ציט אַן אָקס ביי די לייצעס —
עס טראָגט צווישןביידע זיין לעבן אַרום
מיראָן מאַטווייעוויטש רייצעס.

18

אַ זונטיק. די אַפּטייק. מיראָן מאַטווייעוויטש און נח.
— ווער האָט אייך דאָ געשיקט, זאָגט איר? אַן אינזשעניר?

אַהער שיקן דאָקטוירים, נישט קיין אינזשענירן.
איר האָט אַ קוויטל? אַ רעצעפּט, מיינט איר! אָ! דאָס גאָר!
וואָס טראַכט ער זיך, דער זשדאַנאָוו? ס'איז ביי מיר
אַ קהל'ישע ביבליאָטעק? און גיט מיר נאָך אין נדן אָן —
אַ ייד! אַ יחוס נאַ דיר! ווער האָט אים געזאָגט
אַז כ'בין אַ יידן־פריינד? ווי נאָר אָן אָנשיק ערגעץ —
מע קריכט צו רייצעס'ן! וואָס דאַרפט איר עס
די אַלע זאַכן — רעוואָלוציע, סאָציאַליזם? ס'איז נישט ער —
ווי הייסט ער אייערער — דער משה מענדעלסאָן!
עסטעטיק, עטיק, גאָט — אַ קוגעלע אַ יידישער מיט צימערינג
און ראָזשינקעס. און אין דער אמת'ן גאָר אַ בוכהאַלטער!
געשעפטלעך יידישע!.. נישטאָ ביי אייך קיין קעפּ! אין אַריסטאָטל
האָט אַלע אייערע חכמים אויסגעטרייסלט פונעם אַרבל.
געהערט פון אַריסטאָטעלן? אוודאי, יאָ, ביים רמב"ם.
אָט־דאָ אַ קאָפּ געווען! ווען נישט דער תלמוד — וואָלט געווען
אַ קאָפּ. און ווייטער — נישט. נישטאָ. אַז ווער עס האָט אַ קאָפּ
אַנטלויפט פון אייך. די וועלט מיט קלאָרע אויגן גייט
צו וויסנשאַפט, צו אמת — און ביי אייך, מע זיצט אַלץ
און מע לויזט די פשט'לעך. וואָס־זשע לויפט איר שוין?
ווער — איך? אַ רשע מה הוא אומר? זע נאָר!
אָט־דאָס איז דאָך די קרענק ביי אייך! זאָל עמיצער
אַן אמת וואָרט זיי זאָגן, ווערט באַלד אַ געוואַלד:
מע האָט זיי פיינט! מע דאַרף אייך פיינט האָבן.
ווי זאָגט איר? שנאה וואַקסט ווי דערנער אין די מחות
וואָס דער פאַרשטאַנד האָט נישט צעאַקערט?.. הער נאָר!
מליצה גאָר! און איך בין עס דער מח מיט די דערנער!
מיך, הייסט עס, האָט דער אַקער פון פאַרשטאַנד נישט אָנגערירט!
איר ווייסט ווען איר זאָגט עס? המ... געקומען
פון וואַלד אַרויס מיך לערנען שכל! וואָס אַזוינס?
דער שכל וואָס אין קאָפּ איז נישט גענוג? וואו דען
ווילט איר דעם שכל? אויך אין האַרץ? פאַרשטאַנדיק האַרץ!
מליצה, פעטער־לעב! איר האָט זיך אָנגעהערט
מיט ווערטער כל'ערליי און פלאַפּלט נאָך. ווער זאָגט אייך,
אַז כ'וועל אייך גאָרנישט געבן? ווער אַוועקלויפן

צום קריסט און מסר'ן: דער מאוס'ער אַפּטייקער
ליגט אויף די ביכער זיינע ווי אַ שיילאָק אויף די גראָשנס!
וואַרט, כ'וועל אייך אויסקלייבן. ווי האַלט איר עס?
ס'איז נישט קיין האַק אין גאַרטל. כ'וועל עס בעסער
פאַרפּאַקן אין פּאַפּיר. און טאָמער פעלט עפּעס —
איז קען איך דעם פּאָדראַטשיק אייערן, ער קומט אַריין צו מיר,
וועט איר באַצאָלן ווי אַ טאַטע פאַרן גאַנצן בוך.
איז וואָס דער נאָמען אייערער? איך מוז פאַרשרייבן.
און שרייבט זיך אונטער דאָ. מיט אייער האַנט טאַקע.

19

נח קלאַפּט אין טיר.

— קום אַריין, ווער ביסטו?
— בירגער נח.
— וואָס פאַרלאַנגסטו, בירגער נח?
— פון אַ ווייטן וואַלד בין איך געקומען,
אַלע קולות פון דער שטאָט פּאַריז באַנומען,
ברענגט מיך אַ פאַרלאַנג אַהער:
לאָז מיר זיצן קעגן דיר אַ ווײַלע,
קוקן אין דיין פּנים, בירגער ראָבעספּיער.

— וואָס קען דיר מיין פּנים זאָגן מער
ווי דו ווייסט אַליין? האָסטו דאָך געלערנט!
כל־זמן פּרעה וועט נישט זען זיין בכור אויף דר'ערד
וועט זיין האַרץ נישט ווייכער ווערן.

— יאָ, איך האָב געלערנט.
און געזען די קעפּ זיך קייקלען אויף דער ערד.
און דעריבער האָט עס מיך געבראַכט אַהער
אין דיין פּנים קוקן, בירגער ראָבעספּיער.

— ביסט געקומען זוכן אויף מיין פּנים שאָטנס?
דו, וואָס מיטן נאָמען פון רחמנות'דיקן גאָט
האָט מען דיך אויף אַלע פייערן געבראָטן,
ביסט געקומען זוכן אויף מיין פּנים שאָטנס?

וועג אין וואַלד

— נישט קיין שאַטנס! איך, אויף אַלע פּייערן געבראַטן
און געבלוטיקט אונטער שאַרף פון כל־ערליי משחיתים
קום צום כהן גדול פונעם נייעם גאָט
זען אויף אים דאָס ליכט פון מאָרגנדיקע נסים:
ווי געקעפּטע קעפּ
וועלן ווידער ווערן צוגעקלעפּט,
ווי דאָס בלוט פון אונטער גיליאָטינע
וועט צוריק אין לעבעדיקע גלידער רינען,
ווי פון האַס וועט ווערן ליבשאַפט
און פון טויט וועט ווערן ברודערשאַפט.

— דו, געצונדענער פון צאָרנדיקן עמוס,
זעסטו נישט די האַנט פון אַלטן אל נקמות?

ווער האָט דען דעם גאָט פון באַרג מוריה
אין די וויסטע היילן, אין די קעלערן פאַריאָגט?
רוים, וואָס האַלט די וועלט געבויגן אויף די קניען
און אַליין די קרוין פון אַלע מאַכטן טראָגט.

ס'האָט מוריה בלויז דעם חלף אויפגעהייבן,
אָבער פאַלן אויפן האַלדז אים נישט געלאָזט.
גלויבן האָט פאַרלאַנגט מוריה, פעסטן גלויבן,
ריינסטע ליבשאַפט, טריישאַפט אָן אַ מאָס.

קענען רוימישע טיראַנען און פאַרגוואַלטער
לאָזן ריינע ליבשאַפט הערשן אומגעשטערט?
שווערד און צלם אין איין וואָפן אויסגעשטאַלטיקט,
ווער עס זוכט דעם צלם, קריגט דעם שווערד.

וואָס דער שווערד פאַר רוים, זאָל פאַר מוריה זיין דער חלף.
שווערד איז ווילדע תאוה, חלף איז פאַרשטאַנד.
ס'וועט דער חלף פון מוריה אַזוי לאַנג אויף קאַרקן פאַלן
ביז דער שווערד וועט רוים אַרויספאַלן פון האַנט.

— אל נקמות האָט אין טרויער זיך באַהאַלטן
ווען עס איז זיין שטראָף געפאַלן.
אונטער הילך פון האַס צעשאַלטן

פאַלט אויף קעפּ דײַן חלף.
בלאַנק פון משפּט, ליכט פון דין
לויכט דיר פון דער גיליאָטינע,
הערסטו יושר אויפשאַלן מיט פרייד
הערסטו הענער אויסקרייען דעם מאָרגן,
ווען דער שוואַרצער טייוול קרייט
אין גערעוו פון טויזנט גאָרגלען.

— גאָט פון יושר, קלאָרסטער זין און העכסטער וויסן
האָט זיין כהונה מיר פאַרטרויט.
ווער עס מיינט, אַז ער קען ווערן מיין געוויסן,
נעמט אַליין אויף זיך דעם טויט.

פריינד צי חבר, ווייטער אָדער נאָנטער —
קיינער וועט נישט אויסמיידן דעם דין.
פאַר מיין גאָט וועל איך זיין דער געמאָנטער
און געשטראָפטער, אויב ס'איז שטראָף וואָס איך פאַרדין.

— דיינע אויגן טונקלען ווי אין נאַכט געבאָדן
און דיין פּנים איז פון גרוי פאַרצערט.
אפשר אויפמאַכן די לאָדן,
בירגער ראָבעספּיער ?

— האָסט געהערט שוין אַלץ וואָס איז געוועזן צו הערן
און געזען אויך וואָס מיין אויג באַהאַלט.
קענסט זיך שוין אין ווייטן וואַלד אומקערן,
בירגער פונעם ווייטן וואַלד.

— יאָ, איך האָב געזען דיין פּנים און דיין קול געהערט.
קען איך גיין שוין, בירגער ראָבעספּיער.

— נישט מיין בריאיק וואָרט און נישט מיין טונקל פּנים
זענען פאַרן ווייטן וואַלד אַ גינציקע מתנה,
בירגער פונעם ווייטן וואַלד.
אויפן וועג אַהיים וועסטו דורך שליאַכן שפּאַנען,
וועסטו טרעפן פּאַסטוכער מיט סטאַדעס אויף די לאַנען,
וועסטו שניטער זען די גאַרבן קלייבן,

וועסטו ווינטן זען די מילן טרייבן,
וועסט אַ נס דערזען אין יעדן שטוב און קאַמער:
נס ביים זעג און נס ביים האַמער,
נס ביים אל און נס ביים נאָדל,
נס פון אייגן שטיקל באָדן,
נס פון דאַך איבערן קאָפּ,
נס פון יאָך וואָס איז אַראָפּ —
ברענג אין ווייטן וואַלד די בשורה פון דעם נס —
און דעם קראַנקן מענטש, וואָס רעדט צו דיר, פאַרגעס!

מאָרגן, פון המון געטראָגן, קען בלויז נח הערן
דעם געגרעוו און הילך ווען ס׳פאַלט דער קאָפּ פון ראָבעספיער׳ן.
— כ׳וועל די בשורה ברענגען אינעם וואַלד אין ווייטן,
ווי דער חלף קען זיך אויף אַ שווערד פאַרבייטן
און ווי דאָפּלשאַרפיק ס׳איז דער שווערד,
בירגער ראָבעספיער!

20

צוויי מאָל אין זיבן טעג האָט נח דורכגעלעבט די שרעק
פון אומגעריכטע רייד וואָס שפּאַרן זיך צום גומען.

דאָס ערשטע מאָל פאַרנאַכט. ער איז אַריין אין בודע.
דורך לאָך פון דאַך איז פון צעפלאַמטע וואָלקנס
אַריינגערונען אָפּשיין, נאָר צו פּנים׳ער אויף נאַרעס
שוין נישט דערגרייכט. בלויז שטערן פון ציגאַרקעס
האָבן געגליט און ס׳האָט געוואָלקנט פון מאַכאָרקע־רויך.
איז אָנגעקומען אַזאַ שפּירונג, ווי די אַלע וואָס ער קען דאָ,
מיט פּנים׳ער און נעמען, זענען נישט זיי גופא,
נאָר מוסטערן פון זיך אַליין, יחידים פון אַ מין אַזאַ
אַן אומעטומיקן, אַלצייטיקן, און ס׳האָט אַ שפּאַר געטאָן:

— שטומקייט אייערע,
לאַנג פאַרשפּונטעוועטער, שרפ׳ענדיקער אָקוויט!
אין די ווייטן, אין די צייטן טליען זשאַרן,
וועט דער ווינט אַ פונק צו אייך דערשאַרן —

אױ, װעלן אַ פלאַקער טאָן די נעכט,
אױ, װעט דער גהינום זיך צעסמאַליען!

דאָס צװײטע מאָל באַטאָג. מע האָט דערהערט
אַ בריטשקע אױפֿן װעג און גלײך דערזען די געסט.
נאָר נח — ניט דעם אַלטן אינזשעניר, ניט זשדאַנאָװ׳ן —
ס׳האָט בײדן זײ פֿאַרבלענדט דער באַלעבאָס.
אין בלאַנקן טשעסוטשאַ, אין בלאַנקן הוט, אין גילדענע פּאַנסנע
איז ער אַרױסגעטראָטן פּרינציש־חתנ׳דיק, און אױף אַ רגע
האָט נח אָנגעװאָרן זײנע אײגענע אױגן און געקוקט
מיט אַלע צװאַנציק פֿאַר פֿון די װאָס הינטער אים.
אַ רגע בלױז, נאָר אין דער רגע האָט ער קלאָר געהערט:

— אױ, װעסטו באַצאָלן!
פֿאַרן יום־טובֿ׳דיקן הילוך דײנעם,
פֿאַרן גאָלד אױף דיר,
פֿאַר דער קאָרע אױף די שװערע לאַפּעס אונדזערע,
פֿאַר די נעכט בײ דיר אין בודע —
אױ, װעסטו באַצאָלן!

21

אלול׳דיקע װינטן יאָגן דורכן װאַלד,
בלעטער אין לבנה נאַנטן אומקום פּילן.
װאָס האָט אלול אָנצעיאָגן פּחד אױף אַ מענטש,
אַז ער האָט חדשים־לאַנג שױן נישט געלײגט קײן תּפֿילין?
אלול איז בלױז אַנזאָגער. װי ס׳פּירט זיך אױף אַ מענטש—
דאָס װעט מען שױן זען בײם משפּט ראש־השנה.
אלול בלאָזט אין שופֿר, אלול בלאָזט אין װינט,
קלאַפּט אין די געהירן װי אַ האַרבער מאָנער.
װעמען בין איך שולדיק? צאָל דאָך יעדן טאָג,
טראָג מײן עול הכנעה׳דיק, געדולדיק.
עפּעס איז מסתּמא אַלץ נאָך נישט דערצאָלט,
פֿאַרן האַרבן שופֿט ביסטו שולדיק.

פֿרעגט דער באַלעבאָס, דער גוטער באַלעבאָס:
— פֿאָרט איר נישט אַהײם אױף ימים־נוראים?

— היים איז שוין געוואוינט צו יום־טוב'ן אָן מיר,
ס'ווילט זיך נישט צו ווייט אַוועק פון מיינע גויים.
שטעטל ציט חיונה פון געבוי אין וואַלד,
טאָר ניט שטיין ביים טיר אַ שיינער אורח.
— נח בר' צבי! — און ס'דאַכט: נישט ער אַליין,
נאָר אַ גלגול זיינער שטייט איבער דער תורה.
וויקלט זיך אין טלית, מאַכט די אויגן צו,
וויל ווי קינדוויז ציטערן ביים הנני העני —
שול ביי שמנה עשרה ווי צעברומטער וואַלד,
וואַלד אויף מאָרגן ווי צעברומטער ראש־השנה.
אַט איז זי די היימישע, די לייבלעכע, די זאָרג:
ס'גייען גזירות אויפן שענקער מיטן קרעמער,
ס'גייט דער פריזיוו פון די הייזער צונעמען די זין,
ס'גייט דער צינז־מאַנער די בעבעכעס פאַרנעמען.
עפּעס קלייבט זיך אויך אויף נח בר' צבי,
עפּעס ברענגען אים די תשרי'דיקע ווינטן.
פרעמדער ווערן פּנים'ער און מענטשן הי
ווי נישט זיי זענען פאַרגרייט פאַר אים אויף ווינטער.
וואו וועט עס אים פירן? וואָס וועט אים געשען?
ווינטן טראָגן בלויז אַ בלינדע בשורה,
ווינטן קומען אָנצויאָגן, אָנצוזאָגן: ס'גייט:
וואָס עס גייט וועט אָנטראָגן דער שטורעם.
קאַרקן אָנגע'טלית'ט, קעפּ פון שולד באַשווערט,
שיין פון ווייסע ליכט אין ברום פון תשובה פלאַטערט.
ניין, נישט אויסקויף איז דער ווייסער יום הדין,
נישט קיין טיר צום היכל פון רחמנות'דיקן טאַטן.
פולע גאולה איז עס! אויס מיט וואָך און יאָך,
אויס מיט זאָטקייט, בלאָטקייט, שטומעניש און שווינדל.
שיף פון טויזנט יאָרן שניידט זיך דורכן ים,
זיכער און געפּרואווט אין אַלע שטורעמווינטן.
אָפּגעגעבן זיך, און פריי און ריין אַליין ווי ווינט —
זאָל זי זאָגן, זאָל זי קלאָגן וואָס זי וויל, די תפילה.
איבער אויסגעלייזטע ים'ען וועט די שיף זיך יאָגן פריי
ביז מ'עט זי צוריק פאַראַנקערן נאָך נעילה.

מאָרגן — וואַלד און אינזשענירן נעמען אָפּ געהילץ.
הויכע קלאַפּטערס אָנגעלייגט מיט שוועלן.
דורכגעגאַנגען, דורכגעקוקט און כשר אַלץ,
נאָר דעם לעצטן פּינטל אויפן „גוט" צו שטעלן.
טוט עפּעס אַ סמאַליע נח'ן די צונג,
טוט עפּעס מיט גוואַלד אַ ריס דאָס מויל אים:
— ס'פעלט צו יעדער שוועל אַ צאָל אין גרעב,
אונטער אָנגעשמירטער סמאָלע — סענקעס פוילע.
שטוינען, בייזע בליצן: — ווער איז דאָס דער לץ?
— עפּעס אַ צעדרייטער, איז גערירט פון זינען.
צישעט מאַרק סעמיאַנאָוויטש: —וואָן פון דאַן, פּאַדליעץ!
אייער דוך זאָל זיך אין וואַלד מער נישט געפינען.

אָט איז עס געקומען, אָט איז עס געשען:
טריף געמאַכט דעם קרופּניק, טריף געמאַכט דאָס טעפּל.
פלאַקערט אויף אים זשדאַנאָוו: —וואָס האָט איר געטאָן?
— לענגער נישט געקענט די גנבה אויף זיך שלעפּן.
וואַלד־העקער צעשראָקענע טאַפּטשען זיך אַרום,
טוליען זיך ווי קינדער ווען מע שטראָפט אַ חבר.
נח, אַ צעשטורעמטער, שפּאַנט און קייט אַ וואָרט:
— ביסט אפשר די שלאַנג, נאָר איך בין דיר נישט חוה.
יאָגט אים זשדאַנאָוו אָן און רעדט אין אים אַריין,
אַלטער יאַקאָוו פלאַנטערט זיך אין ווערטער ווי אין פּענטעס,
אַלטער יאַקאָוו צלמ'ט זיך אויף דעם וואָס גייט אַוועק
און פּעטרוכאַ שטייט פון טרערן אַ פאַרבלענדטער.

22

מאַלאַשקין, דער ביי וועמען זשדאַנאָוו האָט גע'פועל'ט
ער זאָל דעם יידן אין אַרטעל צו זיך אַריינעמען,
איז צום אַרטעל געקומען פון פעלדפעבעלשאַפט. פאַרלאָרן
די בענדלעך האָט ער צוליב דער פאַרשאָלטענער רציחה,
וואָס האָט אים צוגעטיילט אַ שם פון קאַטאָרזשאַן אויף דאָרט
וואו ריטער אויפן לייב זענען געוועזן אין פולן גאַנג.
און האָמעווען דאָס רוצח'יש בלוט — כאָטש טו זיך אָן

אַ פּעטליע אויפן האַלדז! דער הונט, דער גראַף, דער זיידע,
וואָס האָט אַ קנעכט געבוירן מיט אַ הויף־מויד,
אַ טאָטן פאַר מאַלאַשקין׳ען, האָט אים געלאָזן אַ ירושה:
דעם הערשערישן הפקר פון אַ פּריץ אין אַ פעל אַ קנעכטישער
פון ממזר־זון, אַ דין געטאָקטן פּנים פון אַ האַר
מיט שווערע פויסטן פון מוזשיק. פּרוביר, דערשטיק אין זיך
די ממזר־יוכע! און אַז זשדאַנאָוו האָט געבראַכט
דאָס יידל דאָ, האָט אים אַ ברי געטאָן נישט אויפן יידל,
נאָר אויפן פּריצ׳ל וואָס מיינט — ער קען אים אָנוואַרפן
אַ ליאַדע פאַדלע. לענגער ווי אַ וואָך, אַ צווייטע וועט דאָס יידל
נישט אויסהאַלטן: אויב נישט אַליין אָנטרינען, וועט מען אים
אַרויסטראָגן פון דאָנען אויפן שטעטלשן בית־עולם:
דער גאַנג איז נישט קיין ווייטער — בלויז אַ מייל.

געווען געענוג אַ קוק פון באַלעבאָס, די מחנה זאָל זיין גרייט
זיך איינקויפן ביי אים אין חסד. גלייך דערקענט,
אַז ס׳האָט דאָס יידל קיינמאָל נאָך קיין לאָם און רידל
נישט אָנגערירט, קיין שינע שטאָל, קיין בעליק נישט אַהייב געטאָן.
דעם ערשטן אינדערפרי זענען די שטיוול אים אָנטרונען,
און וואו ר׳האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז גרייט געווען
אַ גרוב, אַ שטיין, אַ פּלאָקן פאַר די פיס. מיט וועמען
ער האָט אַ נעם געטאָן אַ שפאַלע, איז אויף אים
געפאַלן דאָס געוויכט פון סאַמע מיטן און אויף יענעם —
דער גרינגער עק. פון העלער הויט האָט יעדע ווילע
אים עפּעס צוגעקוועטשט אַ פינגער פון אַ האַנט, אַ פוס.
ביים פערטן טאָג, ווען קוים די גלידער שלעפּנדיק נאָך זיך
און אויסגעפּאַסט פון ברויט מיט וואַסער, האָט ער
ביי זיך גע׳פּועל׳ט עסן פונעם קעסל, האָט אַ וואַנט
פון פלייצעס יעדע שיסל אים פאַרשטעלט. געקומען זשדאַנאָוו,
גע׳טענה׳ט מיט מאַלאַשקין׳ען, און ס׳האָבן אונטער נאַרע
זיך אָפּגעזוכט די שטיוול. אָבער ער איז שוין ווי אַלע
געגאַנגען באָרוויס. טאָג און נאָך איינער ווערט גרינגער.
מע קען די ברענענדיקע גלידער אויסציען און איינשלאָפן.
און נאָכדעם ווידער די נגישות — פון די פיס־נעגל
און ביזן שאַרבן ברענט אַלץ, ברעכט און שפּאַלט זיך.

קיין פּנים׳ער נישט אויסגעטיילט, קיין נעמען נישט געוואוסט:
וואָס איז דער חילוק ווער עס טוט אים די יסורים אָן?
און אַז באַנאַכט אויפן געלעגער יאָ גע׳חלומ׳ט פון אַ נס —
פון איינעם כאָטש אַ מענטש, וואָס זאָל באַהאַלטן צאַפּלען
מיט אַלטן יאַקאָוו׳ס יושר — איז קיין כח נישט געווען אַרויסצעלאָזן
די שפּירערס פון נשמה און דעם למד־וואָוניק אַנטאַפּן.
און דאַך, אינעם פאַרצערנדיקן פייער, ווען דאָס לייב
איז מער נישט צוגעקלעפּט געווען צו ביינער, נאָר צו האַלאָוועשקעס
וואָס קרישלען זיך, איז העלקייט אַלץ געהאַנגען פאַר די אויגן
מיט וואָרנונג און פאַרזאָג: נישטאָ אַזאַ גהינום,
וואו ס׳זאָל קיין נס נישט הויערן. ער וואַרט אויך דאָ,
דער נס, נאָר מוזסט דערשפּירן אים, צו אים געגנענען,
וועט ער דערקענען זיך צו דיר. אַנטרינען טאָרסטו נישט.

געקומען איז דער נס אַזוי משונה׳דיק און אומגעריכט,
אַז קיינמאָל וואָלטן אים די שפּירער נישט דערטאַפּט.
פאַרנאַכט. ער וויל זיך צושפּאַרן צום שיסל און סע שטייט
ווי אַלעמאָל פאַר אים אַ פּלייצע, און ווי זייטיק־ווינקלדיק
ער זאָל נישט וועלן זיך פאַר׳גנב׳ענען, דערשפּירט די פּלייצע
און לאָזט נישט צו. עס ציען קלעשצעס אין די ליידיקע געדערים,
ס׳פאַרבלענדט דעם מח, כאַפּט ער מיט רציחה אָן דעם מענטש
ביים אַרבל: לאָז! די פּלייצע דרייט זיך אויס פאַרשלאָפן,
און אויף אַ ווייסן פּנים, איבער ווייסלעך־בלאָנדע וואָנצעס,
פון אונטער ברעמען וואָס כמעט קיין ברעמען נישט,
פאַר׳חדוש׳טע קוקן אים אָן צוויי שטאָליק־בלאָע אויגן,
פאַר׳חדוש׳טע און אומשולדיקע... ווי אַ שפּיז אין וואונד אַריין
דערלאַנגט דער חוזק אין דער פּיין, און נח פילט נישט מער
ווי ס׳פליט זיין האַנט צו יענעמס פּנים... מיילער אויפגעריסענע
און גלעזערדיקע אויגן קוקן — ס׳האָט דער מלאך המות
געכאַפּט דעם יידליק אויף דער ווענטקע — צו פאַרטשעפּען זיך
מיט קיינעם נישט, נאָר גראָד מיט סיטש׳ן. אָבער סיטש איז שטיל.
באַטראַכט דעם שלעגער, פלאַכע וואָנצעס שפּרייטן זיך,
צעשמייכלט זיך, צעלאַכט זיך, קייכט, פאַרכלינעט זיך,
און אָט די אָרעמס אויסגעשטרעקט, אַ כאַפּ געטאָן דעם ייד,

א הייב געטאָן איבערן קאָפּ און מיטן פּעקל אין דער לופט
אַ טראַט געטאָן — האָפּ! האָפּ! — עס טאַנצט דער קאָזאַק —
און העכער נאָך אַ הייב געטאָן און מיט אַמאָל אַראָפּגעשטעלט
אויף בײדע פּיס אויף דר׳ערד און ווידער זיך צעקייכט.
נאָר אָט־אָ זעט ווי דאָס פּעקל זעצט זיך אויף די קני
און פאַלט. איז כאַפּט ער אים אַרום, פאַרהאַלט אים
און חוזק׳ט אויפן קול: — ווער האָט געהאַט פון אייך דעם מוט
פאַרפאַרן סיטש׳ן אין דער מאָרדע? אַ זשידאַק! אַ לאַפּסערדאַק!
איז זאָג איך: האַדי! מער זאָל מען ניט טשעפּן אים!
וויל אַרבעטן — זאָל מען אים לאָזן. עסן וויל ער — זאָל ער עסן!
און שטופּט די לעפל נח׳ן אין האַנט אַריין. נאָר נח
מיט שווינדלדיקן קאָפּ קען נישט די לעפל אָננעמען און זעצט זיך
צוריק אַרונטער — אויגן צוגעמאַכט און ליפּן ווייס.
דער קאָזאַק מינטערט אים. דער עולם עסט און קוקט.
נאָר איינעם רופעט עס — דעם באַלעבאָס. ער שפּאַנט אַריבער,
טוט מיטן פוס אַ שטורכע דעם גע׳חלש׳טן און רעדט צו סיטש׳ן:
— אָן עסק דיינער — מינטערן די פאַדלע. ס׳עסן ווערט דיר קאַלט.
דער קאָזאַק הייבט די אויגן אויף: — נעם צו דעם פוס!
אַז כ׳האָב געזאָגט: ניט טשעפּן אים — האָב איך געמיינט
אויך דיך. פאַרשטאַנען, באַלעבאָס?..
דערנאָך זענען געזעסן
דער קאָזאַק מיטן יידן און געגעסן פון איין שיסל קרויט.

23

נישט דער ברי פון קנאַקעדיקע פלאַמען,
נישט די שפּיל פון ליכט־פלעקן אויף שטאַמען
האַלט דעם עולם אַרום וואַלד־שייטער צוזאַמען.
ווי אַ פּיאַווקע וואָס ציט אָפּ די בייזע בלוטן,
ציט דאָס פייער אָפּ פון הארצן דאָס נישט גוטע,
ציט מען אויס דעם גוף, דעם נישט־דערררוטן,
לאָזט מען אויגן, ווינט־פאַרווייעטע, פאַרזינקען
אין דעם קונדס׳דיקן טאַנץ פון פייער־צינגער
און מען הערט ווי ס׳גרימפּלען סטרונעס ביי דעם זינגער:

— אַז װאוהין איך, װאוילער יונג, זאָל נישט אַ װאַרף טאָן זיך,
אין די װעלדער, אין די דערפער — אומעטום ראַגאַטקעס,
אומעטום ביי די ראַגאַטקעס שטאַרקע קאַראַאולן — — —

װינט אין ביימער־שפּיצן מעסט זיך מיטן זינגער,
שציפּעט פּרעסטל אויערן און פינגער,
טראָגט מען הענט אַנטקעגן פייערדיקע צינגער
װי זיי אויסגעשטרעקט צום טרויעריקן פּרעג פון זינגער:

— זאָג מיר, זאָג מיר, מוטער לייבלעכע,
אונטער װעלכן שטערן האָסטו מיך געבוירן,
װאָסער מזל האָסטו צוגעטיילט מיר?

איצט פאַרלייגט דער װינט אַליין די טענה צו דער מוטער
און ער ברומט אַ היימוויי אין די אומעטיקע בלוטן.
— עך! — רייסט עמיץ איבער שטומקייט פון מינוטן.
האָט זיך סיטש׳ן אויך פאַרבענקט אַהיים צום כוטאָר?
פּנים מיט אַ נעץ פון ליכט־פלעקן באַשפּונען,
קול װי פון אַ טונקעלן און טיפן ברונעם
קלאַפּט ער מיט איין פינגער בלויז איבער אַ סטרונע:

—...נישט געזונט איז אויפן דאָן ביי אונדז.
ס׳האָט צעמוטיעט זיך דער װאוילער שטילער דאָן,
פון זיין שפּיץ און ביזן שוואַרצן ים,
ביזן שוואַרצן ים, ביזן אַזאָװער,
איז צעמישט דער גאַנצענער קאָזאַקן־קרייז:
מער נישטאָ קיין אַטאַמאַן ביי אונדז,
שוין נישטאָ סטעפּאַן טימאָפייעװיטש,
מיטן צונאָמען סטענקאָ ראַזין.
מ׳האָט געפּאַקט דעם גוטן ברודערל,
אים פאַרקניפּט די װייסע הענט,
אין דער מויערדיקער מאָסקװע אָפּגעפירט
און אויפן באַרימטן רויטן פּלאַץ
אָפּגעהאַקט דעם אימפּעטיקן קאָפּ.

װינט אין ביימער־שפּיצן, ליכט־פלעקן אויף שטאַמען,
פיש מיט רויטע עקן, הענער מיט די רויטע קאַמען

שווימען, פלאַטערן אין קנאַקעדיקע פלאַמען,
פון די רויטע פלאַמען ווייסער בלאָ פון רויך
דורך דער בלאָער נאַכט־בלאָ ציט זיך אין דער הויך.

24

די צוויי פוס ווענט פון בודע איינגעדעקט מיט ערד,
דעם גרויסן דאַך מיט סכך און צווייגן, איז געקומען
אַ שניי און נאָך אַ שניי און זיך אַוועקגעלייגט ווי שטרוי
אויף סטריכעס דאַרפישע, און ס'איז געוואָרן ווינטער.
פון בודע ביז דער באַן־ליניע דער שטעג ווערט פריש
נאָך יעדן שניי געטראָטן און די בודע וואַקסט אַריין
אַלץ ענגער אין אַ גרוב פון ווייסקייט. פריע נאַכט,
און אין דער ראָד פון שטיינער אינדערמיט, וואו ס'זידט
באַטאָג דער קעסל, קנאַקט אַ שייטער ביזן שלאָפן גיין
און וואַרעמט הענט און טרינקט וואָליקעס און אַניטשעס.

דער שייטער פלאַקערט. דרויסנדיקע זאַווערוכע
דורך לאָך אין דאַך טוט זיך אַ ריס אַריין, שטיקט צו
די פלאַמען, שמייסט מיט רויך און ווידער קנאַקט דער פייער
און לעקט די פנימ'ער. אַזוי פיל פנימ'ער — און נח —
ער זעט זיי נישט. צו וואָס? איז נישט אין סיטש'ן
די גבורה פון זיי אַלעמען? איז נישט אין אים די רשעות
און שנאה אַלעמענס? איז נישט אים דאָס גוטס?
ער איז דער כולל זייערער. און ער איז אויך דער סוד
פון די משיח־טעג וואָס דאַרפן קומען צווישן נח'ן און זיי.
האָט דאָך קיין פעדער נישט געקענט באַשרייבן די רציחות
פון סיטש'עס אָבות איבער זיינע. איצט איז דער פאַרזאָג:
— האָב פיינט דעם ייד! —געוואָרן ווי אַ שטיין אַן אָנגעבודענער
צו סיטש'עס האַלדז. ער מאַטערט זיך דעם שטיין אַראָפּוואַרפן.
אין וואַלד ביים שליאַך מאַרקירט ער אויס צו טאָן אַן אַרבעט
בשותפות מיטן יידן, ער זאָל קענען אים אַרויסהעלפן.
אין בודע רוקט ער זיך צו אים, פּרובירט זיך ריידן, אויספרעגן
פון היים, משפחה, נויט. אפילו ווען ער זיצט פונוייטן
פאַרגעסט ער נישט אַ בליק צו טאָן, פאַרזיכערן: כ'בין דאָ.

פאַרוואָס? ווייל ער האָט נח׳ן געזען זיך ברעכן אין דער מי
און זיך נישט לאָזן איבערברעכן. נח איז געוואָרן וואַלד.
דאָס מוסר־שטיבל און דער „תניא״ האָבן אָנגעטאָן אַ קאָרע,
און דורך דער קאָרע ערשט דערשפּירט דער היידאַמאַק,
אַז אונטער איר איז מענטש, איז נאַנטער, ברודער.

דער שייטער פלאַקערט. צווישן אַלע דאָרט אויך סיטש
אין פייער שפּייט די קערנדלעך מאַכאָרקע דורך די ציין,
און נח פון דער ווייט אויף זיין געלעגער זיצט און זעט:

שוין דעם וואַלד אַדורכגעשניטן,
באַן אויף רעלסן קנאַקט,
לאָזן זיך צוויי וואַלדהעקער
אַרויסגיין מיטן טראַקט —
נח דער חב״ד׳ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

לעבל ברויט און וואַסער־קענדל,
האַמער, זעג און האַק,
גאַר דאָס האָב און גוטס פאַרלייגט
אויף פּלייצע אין אַ זאַק —
נח דער חב״ד׳ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

איז נישט קאָזאַק אַ רוצח?
ייד — אַ לאַפּסערדאַק?
ס׳איז דאָס האַקן שליאַך דורך ווילדוואַלד
זיי געוווען געשמאַק —
נח דעם חב״ד׳ניק
און סיטש דעם היידאַמאַק —

איז די שנאה פון די זיידעס —
ווערימדיקער בראַק —
אויך צעהאַקט, צעמאַלט געוואָרן
צווישן מאַך און פּניאַק
ביי נח דעם חב״ד׳ניק
און סיטש דעם היידאַמאַק.

אַלטער חושך פּראַלט פונאַנדער
קעגן דעם וואָס וואַגט,
גייען זיי אויף וואַלד־געפּלאָנטער
מיט דער העלער האַק —
נח דער חב״ד׳ניק
און סיטש דער היידאַמאַק.

25

אַן אָוונט ביי די רייצעס׳עס. אַ סאַמאָוואַר.ביים טיש
אַן אָפּיצער, דער יונגער זשדאַנאָוו, מאַרק סעמיאָנאָוויטש.
מע רעדט פון ביסמאַרק׳ן, פּראַגרעס, דער נייער באַן,
און פּלוצלונג דער אַפּטייקער צום פּאַדראַטשיק:

— פאַר אייך האָב איך אַ מעשה. איז געוועזן ביי אייך
אַ ייד אין וואַלד — — —

די באַלעבאָסטע, סאָפיאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ,
שטאַרצט אויס די אויגן. דאָ ביי זייער טיש ווערט נישט גערעדט
פון יידן. ווער עס טרעט די שוועל אַריבער ווייס עס.
און פּלוצים — ער אַליין. זי וויל אים אָפּשטעלן, פאַררייבן,
פאַרווישן די אומאַנשטענדיקייט, נאָר דער מאַן, ווי ס׳וואָלט
אַריין אין אים אַ קליפּה:

— פלעגט ער קומען אַלעמאָל
צו מיר נאָך ביכער. דאָ, סוף זומער, אויסגערונען.
געמיינט — אַוועק שוין. שטעלט זיך מיט אַמאָל אַריין
אַ וואַלדהעקער אין פּעלצל, וואַליקעס, איך טו אַ קוק —
מיין יידל. וואו זענט איר געווען? אַריבער — זאָגט ער —
אויף אַרבעט מיט דער האַק. און קוקט עס אויס:
אַ ברוינער, צוגעפּראַרענער. איר ווייסט דאָך: איך
בין נישט פאַרליבט אין יידן. אָבער דאָס — פאַרשטייט — — —

עס בייטן זיך ביי מאַרק סעמיאָנאָוויטש׳ן די קאָלירן.
נאָר סאָפיאַ לעאָפּאָלדאָוונאַ פאַלט דאָך אַריין
דעם מאַן אין מיטן וואָרט און ראַטעוועט דאָס הויז.
אַרויס אין גאַס פרעגט מאַרק סעמיאָנאָוויטש ביי זשדאַנאָוו׳ן?

— וואו האָט איר עס באַשטאַט דעם יידן? — ביי מאַלאַשקינ׳ען.
— איך האָב דאָך אים אַרויסעגטריבן! — פון די דעסיאַטניקעס!
וואָס מאַכט אייך אויס אַ וואַלדהעקער צי רעלסן־לייגער?
— אַ שיינער וואַלדהעקער! — מאַלאַשקין וועט נישט קאַרמענען
אַ מענטש אומזיסט... ווי רואיק, ווי קאָרעקט ער ענטפערט עס,
דער ליבעראַלער שנעק! אים אויך געפעלט נישט וואָס דער זשיד
האָט אַ יד־אחת מיט די אַלטע אינזשעניִרן און באַ׳גנב׳עט
דאָס פאַטערלאַנד! געוואָרן אַ באַשיצער פונעם אמת־זאָגער.
און יענער, מעשה למד־וואָוניק, פּראָוועט צדקות
אין פעלץ און וואַליקעס ביי דער קאַנאַליע, ביי מאַלאַשקינ׳ען!

די דינסט, די שיקסע, האָט דאָס בעט אים אויסגעוואָרעמט
און לאַשצעט זיך צו מאַרק סעמיאָנאָוויטש׳ן. ווענדט ער אָפּ
די לאַסקעס אירע, ליגט מיט אויגן אָפענע און קען נישט
איינוואָרגן אין זיך די עגבעריי פון יינגלשע זכרונות.
די קיך ביים פעטער. דינסטיק. נח׳ס טאָג. פון אַלע טעג זיינע —
דער זעטיקסטער. און מאָטל איז אַ חבר. וואָס אים וועט פאַרפעלן
צום שיעור — ווייל ער האָט אויך פאַר וועלט־זאַכן אַ לערער —
וועט נח אים דערזאָגן שפּעטער. און דאָס פאַלטנדל,
וואָס נח טראָגט, איז אויך פון זיינע — מאָטל׳ס — פּלייצעס.
זיצט נח ביי אַ ווינקל טיש אין קיך איבערן איבערבייס
און מאָטל, מעשה חבר, דרייט זיך אַרום אים און רעדט,
און רעדנדיק פאַרטשעפּעט ער אין וועג די דינסט, די שיקסע.
זי איז ביי אים שוין אויסגעלערנט, לאָזט זיך — ווערט ער
אַלץ היימישער און שטעקט שוין מיט אַ האַנט ביי איר אין בוזים —
כלאחר־יד אַזוי — דעם שמועס אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.
ער נעמט די אויגן נישט אַוועק פון טעלער — נח — ביז אַ ריס
און איז נישטאָ. ס׳קומט וועטשערע — ער איז נישטאָ.
ביים שיעור צומאָרגנס זעצט זיך מאָטל נעבן אים, ווי שטענדיק,
נאָר יענער זעט אים נישט. איצט אָרט שוין נישט דער שיעור:
עס פלאָגט דער דינסטיק — וואו וועט נח עסן? גייט ער
אים איבערבעטן. נאָר ביים ערשטן וואָרט כאַפּט נח
דאָס פאַלטנדל און וואַרפט אים צו: — ס׳איז דיינס,
איך דאַרף עס נישט. מוז מאָטל אָנקומען צום פעטער, אויסטראַכטן

אַ ליגן וועגן ברגז אוןביים פּעטער פּועל'ן, ער זאָל אַליין
דעם חבר גיין צום טיש מיט אַלעמען פאַרבעטן.

נאָך איבעררייס הייסט מאַרק סעמיאַנאָוויטש דעם שליטן שפּאַנען:
ער דאַרף אַ קוק טאָן ווי עס גייט דאָרט ביי מאַלאַשקינ'ען.
געקומען, רעדט מיטן דעסיאַטניק, און די אויגן שפּירן נאָך
די איינגעבויגענע איבערן פּלאַנט. דערזען. ער ליגט
און שרויפּט אַ הייקע. ציי‏גט ער אָן: — אָט־דער, דער רויטער —
ער טויג עפּעס? מאַלאַשקין שמעקט אַ פּאַסטקע, היט זיך:
— פון אָנהייב נישט אַזוי. איצט בעסער, אַרבעט אָרנטלעך.
וואָס נאָך קען מאַרק סעמיאַנאָוויטש דאָ דאַרפן?
ער טופּעט מיט די פיס ווי כלומר'שט צו דערוואַרימען זיי
(ווי קאָן אים קאַלט זיין אין די הויכע שיינע באָטעס?)
און לאָזט זיך גיין צווישן די אַרבעטער. דערגאַנגען,
זיך אָפּגעשטעלט. געוואויגן אַ מינוט די ריזיקע — דעם כבוד
פון גרויסן באַלעבאָס — פאַר'הפקר'ט זיך, און מיט אַ קול
ווי פון אַ מיטן אַ געשמועס: —נח! — יענער הייבט דעם קאָפּ,
שפּרינגט אויף. — קום אָן אַ זייט. איך דאַרף דיך זען.
אַוועקגעשפּאַנט אַ צענדליק טריט. דאָס קול איז זייער ווייך:

מאַרק סעמיאַנאָוויטש:

אַז ד'האָסט געוואָלט פאַרבלייבן דאָ אין וואַלד,
האָסט דאָך געקענט מיר זאָגן. וואָלט איך דיר פאַרשאַפט
אַן אַנדער אַרבעט. ס'איז נישט פאַר די כחות פון אַ יידן,
בפרט נאָך ביי דעם כלב דאָ.

נח:

אַ דאַנק אייך. ס'מאַכט נישט אויס.
מיר איז דאָ גוט.

מ. ס.:

וואָס עפּעס אירצטו מיך?

נח:

אַ פּועל אירצט דעם באַלעבאָס.

מ. ס.:

וואָס טויג עס דיר?

איך ווייס — דו ביסט דער אַלטער מוסר׳ניק און ס׳טאָטשעט דיך
דער אמת ווי אַ וואָרים. ווי אַנומעלטביים געהילץ. פאַרפאַלן.
נאָר מאַטערן זיך גלאַט אַזוי — צו וואָס? און האָסט אודאי
אַ ווייב מיט קינדער — וואָס קענסטו דאָ אָפּשפּאָרן פאַר זיי?

נח:
(באַטראַכט דאָס פוטערן היטל מיטן פעלץ און באַטעס)
ס׳איז דאָ אַ תוך־זאַך וואָס איר קענט נישט זען.

מ. ס.:
וואָס איז דאָס?

נח:
דאָ איז מיין פּלאַץ.

מ. ס.:
ביי די מוזשיקעס?

נח:
ביי אונדז אביונים און ביי זיי מוזשיקעס. איר, דער גביר,
זענט איינס מיט זייערע פּריצים. איך, דער אביון,
מיט זייערע מוזשיקעס.

מ. ס.:
דו — איינס מיט די מוזשיקעס?
דו — מיט דער לומדות, מיט דער גאוה, מיטן טלית קטן
אויף יעדן וואָרט? וואָס פאַר אַ מין עניוות פּראָוועסטו?
מיט וועמען שפּילסטו אַ צו׳להכעיס?

נח:
וואָלט איר איינגעזען,
אַז אמת איז קיין וואָרים נישט, נאָר ברויט און וואַסער
דאָס לעבן צו דערהאַלטן, וואָלט איר אפשר איינגעזען אויך,
אַז אייערע לומדים האָבן נישט מיט וואָס זיך איבערנעמען
אַנטקעגן די מוזשיקעס.

מ. ס.:
גאָר אַזוי? ביי זיי די תורה גאָר?
און דאָס איז דיר אַ נייער מין ישיבה?

נח:
איר׳ט געטראָפן.

מ. ס.:
איז וואָס פאַר אַ מסכתא לערנסטו ביי זיי?

נח:
מסכתא פּראַצע, מסכתא ערלעכע יגיעת כּפּים.
ווער ס׳לערנט די מסכתא דאַרף נישט אָנקומען דערנאָך
צו מוסר־ספרים צו פאַרהיטן זיך פון גנבה, גזלה, שווינדל.

מ. ס.:
אויב דיר איז ניחא, איז מיר ליב. קענסט בלייבן דאָ,
זיך וואַלגערן אין בודע, לאָזן זיך פון זיי באַשטינקען
און לערנען זייער תורה. זאָל מאַלאַשקין זיין דיין ראש־ישיבה!

אַוועקגעשפּאַנט, און שוין ביים שליטן, ווען מאַלאַשקין וויקלט אים
די פעל, די בערענע, אַרום די פיס טוט ער אַ זאָג:
— גיב אַכטונג אויפן רויטן, זאָל ניט שווינדלען ביי דער אַרבעט.

סיטש פאָדעט אַרום נח׳ן. דער אָנפאָר פון פאָדראַטשיק,
די סודות׳דיקע רייד, זיין בייזקייט ביים אַוועקפאָרן —
עס האָט דעם יידן איינגעטונקט אין רעטעניש, אין חשד.
מע טרעט אים דרך־ארץ׳דיקער אָפּ דעם פּלאַץ ביים שיסל,
נאָר יעדער טריט זיינער ווערט נאָכגעשפּירט. און סיטש פאַרנעמט
די שושקעריי פון בודע און דער נאָמען „ייד״ ווערט ווידער
מיט פחד און מיט שנאה אָנגעדראָלן. האָט ער אים פאַרנאַרט
אין זאַק אַריין, דער ייד? צעווייכט דאָס האַרץ אים ווי אַ לעמעלע,
און איצן איז ער גאָר דער זשיד, דער טייוול, וואָס די מאַמעס
מיט אים די קינדער סטראַשען אין די וויגן. פאָדעט ער
אַן אָנגעלאָדענער. ביז אַוונט איינמאָל שפּאַנט ער צו:
— טו אָן דאָס פעלצל! כ׳דאַרף דיך עפּעס פרעגן.

אין דרויסן האַלב־לבנה׳דיק. מיליאָסן ביימער־פינגער
דעם גאַרגל כאַפּן אָן מיט ווייסן פראָסט. מע שפּאַנט.

סיטש:
דער גרויסער באַלעבאָס — ער איז פון אייערע?

נח:

פון אונדזערע.

סיטש:

פאַרוואָס איז ער אין כעס אויף דיר?

נח:

ווייל איך בין נישט ווי ער.

סיטש:

און וואָלסט געקענט?

נח:

אַזאַ ווי ער זיין — ניין.

סיטש:

איז ער אַ קרוב דיינער?

נח:

(האָט קיין ברירה נישט, דערציילט פון מאָטל דעם אַמאָליקן און מאַרק סעמיאָנאָוויטש, דעם איצטיקן.)

סיטש:

איז אמת!

איר זענט גנבים! איינס אין איינעם. אַלע אייערע!

נח:

די אינזשענירן זענען אייערע. ווער ס׳וויל זיך אָנשטאָפּן מיט פרעמדס — דער גנב׳עט.

סיטש:

ס׳איז נישט גלייך.

דעם יידנס קאָפּ דערבייי. ער גיט — זיי נעמען. איר זענט אַלע פאַרקויפטע שקורעס, יודושקאָ׳ס. איר׳ט אונדזער גאָט פאַרקויפט!

נח:

ווילסטו פרעגן אָדער שלאָגן?

סיטש:

כ׳וויל זאָלסט ענטפערן.

וועג אין וואַלד

נח:
אויף וואָס?

סיטש:
דעם אמת: זענט איר מענטשן אָדער שדים? און פאַרוואָס
פאַרקויפט אונדזער דערלייזער?

נח:
גוט! פאַרוואָס האָט איר פאַרקויפט
דעם קאָפּ פון סטענקאַ ראַזינ׳ען צום צאַר?

סיטש:
ווער האָט פאַרקויפט?

נח:
קען זיין — געווען אַזאַ, וואָס האָט געוואָלט דערדינען זיך,
געלאָפן און גע׳מסר׳ט: דאָרטן איז ער!

סיטש:
וואו פאַרנעמסטו זיך?

נח:
וועל איך דיך פרעגן אַנדערש: אויב די זיידעס דיינע האָבן
אויף פּיקעס פּיצלעך קינדער אָנגעשטאָכן און ביי טראָגנדיקע ווייבער
זיי פון די בייכער אויסגעריסן, דאַרף איך זאָגן: דו
און אַלע דיינע וועלן אייביק בייזע חיות בלייבן — דאַרף איך
דאָס זאָגן אָדער ניין?

סיטש:
איר האָט אַ גאָט דער׳הרג׳עט!

ער שרייט עס אויס מיט אַ רציחה, נאָר דאָס קול ווי נישט פון אים,
נאָר פון צעטומלעניש אין אים, און הינטער ווייסער נאַכט־שיין
די אויגן ווי אין בלינדקייט איינגעטונקען. שרייט אויס נח:
— וואָס ווייסטו וועגן גאָט דיינעם? און איידער סיטש
האָט צייט צו ענטפערן, אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל: — קום!
עס הייבט זיך אָן אַ גאַנג איבערן שטעג צום באַן־פּלאַנט,
אַ גאַנג פון צוויי, און מיט די צוויי אַ דריטער, און צום דריטן

באַלד נעמען צושטײן מחנות אַנדערע — אביונים, קאַליקעס,
פאַרשטויסענע, פאַרהונגערטע נאָך ברויט און יושר —
און ס׳רעדט דער דריטער דורכן מויל פון ײדן, רעדט
אַזעלכע רײד וואָס קײנמאָל נישט געהערט נאָך נישט פון פּאָפּ,
נישט פון מאָנאַך און נישט פון בעטלער בײ דער שוועל
פון צערקווע... שטוינען, שרעק און צאָרן שטײגט אין סיטש׳ן.
וואָס טוט דער ײד? ער נעמט אַוועק זײן גאָט, זײן הימלדיקן,
און שטעקט אים אונטער עמיצן, וואָס קען אין לאַפּטיעס אומגײן,
מיט שלעפּער שלעפּן זיך, אַנטקעגן פּריצים שטעלן זיך,
בײ סוחרים אויסטרײסלען די טײסטערס — נישט קײן גאָט:
אַן אַטאַמאַן, אַ בונטאָווזשציק אַזאַ... עס טויג נישט!

סיטש:
גענוג! איך וויל נישט מער.

נח:
האָסט מורא דאָס צו הערן?

סיטש:
נישט מורא, נאָר איך וויל נישט. כ׳וויל דעם קאָפּ
דיר שפּאַלטן.

נח:
האָב איך דאָך געפרעגט בײ דיר:
ווילסט שלאָגן אָדער הערן?

סיטש:
איך האָב שוין געהערט.
איצט ווײס איך וואָס דו ביסט.

נח:
וואָס בין איך?

סיטש:
אַן אַנרײדער, אַ כיטרער טײוול. איך, אַז איכ׳ל וועלן
דיך אומברענגען, וועל דיך אַ מעסט טאָן מיטן פויסט און אויס.
דו רעדסט.. דו גנבֿ׳עסט זיך אַרײן און בויערסט, בויערסט...

איך זע נישט, מיינסטו? כ׳זע אפילו ווי דו ציטערסט,
ווייל ווייסט מיט וואָס סע שמעקט, און בויערסט ווייטער.

נח:
אין וואָס־זשע גייט עס דיר?

סיטש:
שווייג, פייניקער!
(מיט פיין אַרויסגעשריען און די פויסטן איינגעשטייפּט)

נח:
דו טוסט נישט רעכט. נישט היינט — וועסטו אַ צווייטן מאָל
דעם פויסט אויף מיר אַראָפּלאָזן. באַפריי דיך, טו דאָס היינט.

סיטש:
(ער שטייט פאַרגראָבן, דער גערייצטער, אָטעמט שווער)
פאַרוואָס מוז איך עס טאָן?

נח:
מוזסט די רציחה אויסלאָזן,
זאָלסט קענען גלויבן.

סיטש:
און פאַרוואָס קענסטו?

נח:
ווייל איך בין אַ געשלאָגענער.

סיטש:
איך ווייס — דו מאַטערסט זיך. ס׳איז ביטער דיר
און שווייגסט. און אַז דו נעמסט שוין רעדן, רעדסטו אמת.
איך קען אַזוי נישט. אָט האָב איך געזונגען וועגן סטענקאַ׳ן.
קען זיין — איך האָב אים ליב. איז וואָס? קומסטו און זאָגסט:
קענסט אויך אַ סטענקאַ ראַזין זיין. ניין, ערגער נאָך. דו זאָגסט:
דו האָסט דעם כח און דיין גאָט באַפעלט דיר דאָס צו ווערן.
ע ר איז אַליין אַזאַ געווען... ס׳איז שרעקלעך... אַזאַ אמת,
אַ שרעקלעכער אַזאַ, דאַרף קומען נישט פון דיר... דיך האָב איך פיינט.
וואָס מער דו זאָגסט מיר אמת, מער וועל איך דיך פיינט האָבן.

דיר גלויבן קען איך נישט. און וויל.. איז ווי קען מען עס מאַכן?
ווי קען מען גלויבן און נישט פײַנט האָבן? ניין, ענטפער נישט.
זאָג גאָרנישט! שטיי דאָ... איך וויל גיין אַליין.

זיך אָפּגעקערט און אימפּעטיק אַליין געלאָזט זיך צו דער בודע.

קומט אָן ניטל. אָנגעטראָגן
בראָנפן, ווייסן ברויט און פליישן,
נאָר דעם באַלעבאָס מאַלאַשקין
שטייט נישט אָן צו האַלטן יום־טוב
מיט די פּשוט׳ע מוזשיקעס,
איז ער זיך אַוועק אין שטעטל,
טרינקט מען, זינגט מען און מע הוליעט.
וואָס־זשע טוט מען מיט דעם יידן,
ניכטער, טרויעריק און שטום?
זאָגט מען: סיטש, פאַרגיס דעם האַלדז אים!
מאַכט ער: אַז איר ווילט, פאַרגיסט!
אים פאַרדרייט די הענט אַהינטער
און אַרײַנגעקערט אַ פלעשל
און געלאָזט זיך ווידער הוליען.
ווי מען טאַנצט אַזוי האַלב־שכור —
און דעם יידן שוין פאַרגעסן —
ערשט מען קוקט: די ציין צעשצירעט
און ער לאַכט צו זיך אַליין.
פורקעט מען דעם חבר: זע נאַר!
גאַפט אויך סיטש אויפן בייז וואונדער:
— וואָס האָסטו אַזוי הנאָה?
— איך? ס׳איז גאָרנישט! אַ געדאַנק.
— וואָס פאַר אַ געדאַנק? — אַט הער:

ס׳איז פאַראַן אַזאַ מין מענטשן
וואָס נישט זכרים, נישט נקבות,
רופט מען זיי אַנדרוגינוס.
היינט־זשע, ווען אַ מענטש איז צווישן,
נישט מיט האַרץ, נישט מיט קנעכט —

ווי וועסטו אים רופן?
ענטפערט סיטש: דיזועלבע זאַך.
העלפט אים נח: אַן אַנדרוגינוס.

און אַז איינער איז אַזאַ
וואָס די פּריצים טרייבן אים
און מוזשיקעס וויל ער נישט —
ווי וועסטו אים רופן?
ענטפערט סיטש: דיזועלבע זאַך.
העלפט אים נח: אַן אַנדרוגינוס.

איז דאָס וואָרט אַנדרוגינוס
נישט קיין וואָרט וואָס לאָזט זיך זאָגן,
פּסק'נט עולם שכור'ער:
רוף אים פּשוט־פּראָסט: אַנדראַשקאַ.

ווערט אַ ליד אַזאַ פאַרפאַסט:

האַלב אַ האַר און האַלב אַ קנעכט,
נישט קיין האַר און נישט קיין קנעכט —
אַן אַנדראַשקאַ.

באַלעבאָס און דינער גלייך,
דעם באַדינט און דעם געיאָגט —
אַן אַנדראַשקאַ.

ביי מוזשיקעס קיין מוזשיק נישט
און ביי פּריצים נישט קיין פּריץ —
אַן אַנדראַשקאַ.

קומט אַרויס אַ באַלאַלאַיקע,
נעמט מען גרימפּלען אויף אַ סטרונע,
וואַקסט אַרויס דערפון אַ נגון
און מע לאָזט זיך אין אַ טענצל —
אַן אַנדראַשקאַ.

געווען אַ טשאַד און מיטן יום־טוב אויסגעוועפּט זיך. ווידער טראָגט דער ייד זיין כמורנעם פּנים און דער קאָזאַק אַ צעטומלעניש.

מאַלאַשקין זעט. איצט האָט ער דאָפּלטן רשות איבערן ייִד:
פֿון באַלעבאָס אַליין און אָפּגעפּרעמדטן קאָזאַק. פּרוּווט ער זיך
אים אונטעריאָגן, טראָגט אים אײנער אונטער דאָס אַנדראָשקאַ־ליד
און ביי דער ערשטער צוטשעפּעניש: — איכ׳ל פֿון דיר מאַכן
אַן אמת׳ן אַנדראָשקאַ! — און דעם פּויסט אין נח׳ס ריפּ אַרײַן.
זיך אײַנגעקאַרטשעט, אויפֿגעשפּרונגען און אַ וואָרף געטאָן:
— די הענט האַלט אין דער היים! — און טאָמער נישט?
(איצט האָט שוין נח אויך אַ פּויסט) — וועל איך ניט שאָנעווען.
מער דאַרף ער נישט, מאַלאַשקין. — אַלע זענט איר עדות,
ער וואָרפֿט זיך אויף מיר שלאָגן. האַלט אים צו!
אַ רגע — זענען נח׳ס הענט געבונדן אויף זײַן רוקן
און שטיל ווי צו אַ גוטער סעודה גייט מאַלאַשקין.
ס׳איז פּריי פּאַר אים דעם קרבנ׳ס פּנים, רוקן, ברוסט,
און ס׳לאָזט די פּויסט זיך וואוילגיין. סיטש פֿון וויטן
אַ ציטערדיקער שטייט: האָט דאָך געוואָרט, דער ייִד, אויף קלעפּ —
איז האָט ער עס! און סיטש׳ן אויך אַן אָנלערנונג:
האָסט נישט געהאָט אַליין קיין כח אָנצונעמען זיך די קריוודע
פֿון דײַן פּאַרשוועכטן גאָט, האָט זיך אַן אַנדער האַנט געפֿונען.
מאַלאַשקין אָבער ווייסט נישט וועמעס שליחות ער פֿירט אויס.
ער דאַרף באַווײַזן סיטש׳ן ווער ס׳איז באַלעבאָס דאָ
און וויל פֿונדעסטוועגן באַווײַזן אויך אַביסל מענטשלעכקייט:
איז שטילט ער אײַן דעם אָפּעטיט און הייסט דעם ייִדן אָפּלאָזן.
דער ייִד פֿאַלט פֿון די פֿיס און שלעפּט זיך קוים אַוועק.
און ווידער איז מאַלאַשקין מענטשלעך: הייסט אים נישט
צוריקשלעפּן און שטעלן צו דער אַרבעט ווי מען דאַרף עס טאָן.

מע קומט אַהיים מיט נאַכט. דער ייִד ליגט אַ פֿאַרשוואָלענער
און מאַטערט זיך דעם אָטעם ציען. גייט מען צו די קעסלעך,
נאָר סיטש אָנשטאָט אַליין צו עסן, טראָגט עס אים אַ פּריער.
— דאָ האָסטו! נח עפֿנט אויף די אויגן, די פֿאַרלאָפֿענע,
און מאַכט זיי ווידער צו. — טוט ווי? די אויגן בלײַבן שטיף
נאָר ס׳רירן זיך די ליפּן: — בויג זיך צו! זיך צוגעבויגן
און הערט די ווערטער — אָפּגעהאַקטע, שטיקלדיקע:
— איך האָב שוין מײַנס געקראָגן... מעגסט שוין איצט
נישט פֿײַנט האָבן... אַ רגע בלײַבט ער נאָך אַזוי געבויגן,

די אויערן זאָלן אַראָפּשלינגען די ברענעדיקע שטיקער קויל
פון נח׳ס מויל, און טראָגט דאָס קעסעלע צוריק. שטעלט עס אַוועק
און זעצט זיך אויף זיין נאַרע. אַלע אברים ציען
זיך איינצושרימפּן, ווערן קליין, צעביילט, צעוואונדיקט
ווי יענער מיט די צאַפּלדיקע ליפּן. בודע זעט זיין שטומעניש
און עסט מיט פּחד. טויג עס נישט מאַלאַשקינ׳ען.
און אַז דער קאָזאַק שטומט, איז וואָס? און ס׳פאַלט אים איין:
עס קען אַמאָל נישט טויגןביים פּאַדראַטשיק אויך.
איז עסט ער אָפּ און רוקט זיך צו צום יידנ׳ס נאַרע
און רעדט בנימוס: — וואָלסט געדאַרפט זיך אויפהייבן.
כדאי צו מאַכן אַזאַ וועזן פון אַ קלאָפּ! געמיינט —
ביסט שוין אַן אונדזעריקער — נעמסט און גיסט אַ קלאַפּ.
באמת האָב איך דיך אַזוי, פון אויבן אויף נאָר — — —
ער קלייבט זיך אויסציען די דרשה לענגער און דערזעט —
ביים זייט דער קאָזאַק: — גיי אַוועק פון אים. — וואָס איז?
— איך זאָג דיר: גיי אַוועק! — און איך זאָג: מיש דיך נישט!
דער ערשטער פויסט וואַרפט אום מאַלאַשקינ׳ען, ער שפּרינגט צוריק
און פּאַכעט מיט די הענט און רופט נאָך הילף, נאָר קיינער וואָגט נישט
זיך אָנצונעמען, בייגט ער זיך אַרונטער צו דער ערד
און בעט זיך: — אַז איך גיי אַוועק... גענוג שוין... כ׳גיי אַוועק...
די בודע גראָבט די אויגן איין, מען זאָל ניט אויפשיסן אין לאַכן.
און סיטש זעצט זיך אַוועק ביי נח׳ן צופוסנס, זיצט.
זאָגט נח׳ס שכן: — ווילסט, וועט מען זיך בייטן מיט געלעגערס?
ער ציטערט אויף ווי אַ געכאַפּטער ביי דער האַנט: צו וואָס?
איך האָב מיין אייגענעם געלעגער! און אַנטלויפט צו זיך.
עס גלוסט זיך קיינעם שוין נישט היינט ביים פייער זיצן,
ווערט נאַכט געמאַכט באַצייטנס. נאָר דאָס פייער ברענט
און שיסט מיט ליכט צו די וואָס האָבן עס פאַרלאָזט.

26 (*

פייער אונטער קעסל רייסט זיך צווישן שטיינער.

---

*) שפרה איז נח׳ס מוטער. זי איז געשטאָרבן צו ניינצן יאָר אין קימפּעט מיט אים, איר ערשטלינג. איז זי פאַר אים נישט: מאַמע, נאָר — שפרה.

אין די װינקלען גליװערדיקע שאָטנס פֿונעם מיטן טאָג,
טראָגט זיך אָן אַ װאַרקענדיקע קלאָג
און אַ מאַמעלע צופֿוסנס זעצט זיך װײנען:

— אפֿשר בעסער װאָס מע האָט מיך צוגענומען פֿון דער װעלט
אײדער איך האָב דיר אַ ברוסט געגעבן זויגן.
װײ איז מיר אויף יענער װעלט,
אַז איך קען נישט אויפֿהײבן די אויגן
מיט אַ זון אַזאַ, פֿאַר׳טרפֿ׳עט און פֿאַרפֿויערט.
װײ איז מײַנע אויערן
אַז איך הער קײן ײדיש װאָרט נישט פֿון דײַן מויל.
װינד איז מיר און גרויל,
אַז איך זע װי יעדער גזלן װערט אויף דיר בעל־מיצר
און ער שלאָגט דיך מכות רצח.
(זײ אַ בריה, ענטפֿער אויף די װײ־און־װינדן
פֿון אַ כשר הינדל,
װאָס האָט צום געשעכט דאָס העלדזל אויסגעשטרעקט
אײדער נאָך עס האָט זיך רעכט מיט פֿעדערן באַדעקט).

— שפֿרה, מאַמעלע, דאָס איז דאָך בלויז אַ משל.
— װאָס אַ משל?
— אַלץ אויף װאָס דו ביסט געקומען קלאָגן:
איך אין װאַלד, מײַן גויִיש ברויט און לשון
און די בײזע לײַט װאָס שלאָגן —
ס׳איז אַ משל!
— קענן װאָס אַ משל?
— האָסטו נישט אין טײַטש־חומש געלײענט
אַלץ װאָס טוט איצט מיט דײַן זון געשען?
מוז ישראל נישט אַזוי דעם גלות טראָגן,
עסן פֿרעמדע קעסט,
רעדן פֿרעמדן לשון
און אַז מען פֿאַרגעסט,
אַז מ׳איז אויך נישט מער װי קנעכט געדונגענע,
האַקט מען אים די לונגען אונטער —
זעסטו נישט אויף װאָס איך בין אַ משל?

— וואָס איז אויסגעפאַלן דוקא אויף מיין קינד
ער זאָל זיין דער משל,
זינדיקן און אָפּקומען פאַר אַלע זינד?

— שפרה, מאַמעלע, נישט רעכט אַזוי צו ריידן —
וועסט דערצערענען חלילה די אמהות אין גן־עדן!
איז די מוטער רחל
ווען געקומען מיט תרעומות פאַרן כביכול
וואָס ער האָט פון אַלע שבעים אומות
דוקא אירע קינדער אויסגעקליבן
פון דער מאַמעס היים צו זיין פאַרטריבן?
די חכמים זאָגן: אַלע זינד קויפט אויס דער גלות.
און זיי זאָגן: וואו אַ קללה
פאַלט זי אויף ישראל'ן דעם ערשטן,
נאָר דערפאַר ווען עס וועט אָנקומען די גרויסע פרייד,
וועט ישראל זוכה זיין אין איר דער ערשטער.
וואָס־זשע דאַרפסטו זינדיקן מיט דיינע רייד?

— אַז דו רעדסט אַרויס אַ ייִדיש וואָרט,
קוקסטו ווי דיין זיידע אויס, דיר צו לאַנגע יאָר.

— שפרה, מאַמעלע, דו קומסט פון עולם אמת,
דאַרפסטו דאָך שוין וויסן קלאָר:
וואָס די אויגן זען איז בלויז אַ רמז
אויפן אמת, אויף דער לעבעדיקער וואָר.
מאַלע וואָס מע טראָגט נישט פאַר אַ בגדים
פאַר די אויגן אויבן אויף.
נישט די פרעמדע בגדים, נאָר דאָס כשר שטיקל פאָדים
וואָס אין זיי באַהאַלטן, האַלטן אויף דעם גוף.
גיי צו די אמהות, וועלן זיי דיך טרייסטן:
ווי דו זעסט דעם זון אונטערן האָרבן עול,
וועסטו זוכה זיין צו זען אים אַ דערלייזטן
ווען עס וועט דערלייזט ווערן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.
וויין נישט, מאַמעלע!

פּייער אונטער קעסל ברעכט זיך דורך דער צאָם פון שטיינער.
קאָפּ אין גליװערדיקן טונקל איינגעזונקען —
הערסטו שיפּען, נאָר דו זעסט קיין ליכט און פונק נישט.
ס׳רעדט נישט קיינער, ס׳װיינט נישט קיינער.

27

זונטיק אויפן װעג פון שטעטל. סיטש איז אָנגעלאָדן. נח נאָך מער:
האָט אים אומגעשלפּעט אַ גאַנצע שעה איבערן מאַרק,
איצטער שלעפּט ער אים צוריק און בלאָזט זיך—װאָס האָט ער געװאָלט?
שװייגט מען. ביז ער טוט אַ בורטשע, סיטש:—אַט זעסט, איך קען נישט.
— קענסט נישט װאָס?—איך מוז זיי פּיינט האָבן, די יידלעך דיינע.
קרעמער, קרעמערקעס — מע רייסט דיך ביי די אַרבל... נח — בייז:
— דאָס ביסטו געגאַנגען אויסגעפינען?

טוט עס סיטש׳ן באַנג. ער דרייט אויף קריק:—און װאָס מיינסטו ביי אונדז?
מענטשן װי חזירים לעבן... װייסן גאָר נישט... יעדער פאָלק אַזוי...
װאָס אַ פאָלק מיט זיינע פעלערן.

ס׳העלפט נישט... נישט געדאַרפט געװעסט פאַרטשעפּן זיינע יידן...
שיסט ער אויס: — װייסט װאָס? מיר װעלן גאָר אָװעקגיין אין סיביר.
— נו, און דאָרטן? — דאָרטן, זאָגט מען, איז פאַראַנען ערד אַ סך.
װעלן מיר פאַרלייגן זיך אַ װירטשאַפט. װעסט זיך אויסלערנען.
ביסט דאָך נישט קיין מפיל־קינד.

נח — װייכער: — דו קענסט גיין, נישט איך. — געפעלט דיר נישט?
— בין אַ ייד, מיך לאָזט מען נישט. — אפילו אין סיביר נישט?
— אַ געשמידטן — יאָ, אַ פרייען — ניין. — װאָס האָבן זיי צו דיר?
— װאָס האָסטו געהאַט צו מיר װען איך בין אָנגעקומען?

סיטש׳ן װילט זיך נישט געדענקען. װילט זיך אויך נישט אָפּלאָזן
אַזאַ װאַוילן ענין: — עך, װאָלט גוט געװען!
װאָלסט דאָרט אַנדערע װי דו אַזעלכע יידן מיטגעבראַכט.
און פון אונדזערע אַ סך. מע װאָלט זיך איינגעאַרבעט.
אָט װי איך מיט דיר. און אויסגעלערנט זיך נישט פּיינט האָבן.
גאָט איז גאָט און מענטש איז מענטש.

תלמיד זאָגט די תורה נאָך געטריי. ווי קען דער רבי
זיך נישט אָפּרופן: — ביסט גוט צו מיר, איוואַן! — דער נאָמען
קומט פון רבינ׳ס מויל ווי אַ מתנה. גאווה׳ט זיך דער תלמיד:
—נישט פאַר דיר. דו ווייסט נישט. איך האָב טראַכטונגען אַ סך.
אַט פון סטענקאַ׳ן: איך זאָל זיין אַן אַטאַמאַן ווי ער,
וואָלט איך נאָך קיין מוידן נישט געיאָגט זיך. כ׳ווייס שוין ווי
ס׳דאַרף צו זיין אַן אַטאַמאַן אַן אמת׳ער, מיט גאָט אַזאַ, מיט יושר.
טראַכטונגען אַ סך ביי מיר פאַראַן...

נאָך אַ האַלבן וויאָרסט אין שניי. צעלאַכט זיך סיטש:
— אַז איך האָב דיך מיטגעפּירט אין שטעטל, ווייסטו וואו געגאַנגען?
— ניין.—אין אַן ערטעלע אַזאַ. געוואָלט דיך מיטנעמען, מכבד זיין.
נאָכדעם נישט געקענט דיר זאָגן און געטראַכט: וועל דיך איבערלאָזן
און אַליין פאַרקירעווען. דערנאָך פאַרשעמט זיך אויך דערפאַר
און אַ מאָך געטאָן: עט, כאַפּט דער שד עס! וועל אַ צווייטן מאָל
גיין אַליין. — וואוהין? — פרעגט נח. — אַט אַ מענטש דאָס איז!
אַ נקבה׳לע אַזאַ פאַראַן. פון וואָס דען רעד איך?

נח׳ן פאַרגיסט דאָס פּנים. טענה׳ט סיטש ווי אַ געקריוודעטער:
— נישט געגאַנגען דאָך, וואָס ביסטו בייז? — איך בין נישט בייז.
— אַז נישט בייז, טאָ טו אַ שמייכל.—נח פאָלגט, און צוגעקלעפּטער שמייכל
קלעפּט זיך שטייפער צו, ווערט אמת׳דיק און העל אונטער די וואָנצעס.

28

און ווידער אַ זונטיק. פון די שנייאיקע פלאַכטעס
אויפן דאָך האָט געקאַפּיעט מיט ברודיקע טראָפּנס,
ווען מאַלאַשקין איז אַנגעקומען פאַרנאַכטלעך
און אויסגעקראַכט ווי פון פלאַש אַ פּראָפּן:
— די זשידעס האָבן דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

האָבן אַלע אַרום מיט אַמאָל פאַרגעסן,
אַז חדשים ווי נח דאָ טאָגט און נעכטיקט,
און מיט אויגן אין אים זיך איינגעגעסן
ווי ער איז עס דער וואָס מע פאַרדעכטיקט —
אַ זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

מנחם באַריישאַ

אַ זשיד איז בטבע אַ שד, אַ מכשף,
אויף אים איז קיין טייוולשע זאַך נישט קיין חידוש:
אַט עסט ער מיט דיר פון איין שיסל קאַשע
און איז גאַר באמת דאָרט מיט די זשידעס —
די זשידעס וואָס האָבן דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

האָט מען גאַרנישט געטאָן חוץ אויף אים צו קוקן
און קייען אויף אַלע אופנים די נייעס.
נאָר ער האָט געזען די ציין פון פאַרציקונג
און זיך אָנגעגנאַדלט ווי אין פאַסטקע אַ חיה —
דער זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

און ער האָט געזען אויף סיטש׳עס שטערן
ווי ס׳ראַיען אין מח ביי אים די מחשבות:
ביז וואַנען דו וועסט זיי דעם אמת דערקלערן
שפּילסטו אַ שפּיל מיטן מלאך המות —
צי יאָ צי נישט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

געערדט האָט מען לאַנג און געזען ווי דער קאָזאַק
שנירלט און צוקט די ברעמען, די וויסע,
נאָר כל־זמן ער זיצט האָט נישט קיינער די העזה
אַ רודער צו טאָן די הענט וואָס בייסן
צום זשיד וואָס האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.

אַזוי איז אויף זיי דער שלאָף געזונקען
מיט וואָלפישן הונגער נישט באַפרידיקט.
ער קומט און גייט און קומט און גייט און קען נישט קיין צענדליק ווערטער
דאָס לעצטע געשאַר און טריט פון יידן —
דעם ייד מיט דער שולד פאַרן מאָרד פון צאַר.

דער שנייאיקער שטעג איז צעווייקט און צעבלאָטעט,
נאָר פיס ביים יידן געניטע וואָגלער.
ביז טאָג וועט צעיאָגן די וואַלדישע שאָטנס
וועט האָבן זיין לעבן אין שטעטל דערטראָגן
דער ייד מיט דער שולד פאַרן מאָרד פון צאַר.

29

אַ ווייב, וואָס דערקענט זיך ווידער צום מאַן נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג,
ווערט איבערנאַכט פון אַ וויסטער יתומה אַ ציטעריקע בת־יחידה.
נאָר מער נאָך ווי ס׳האָט אין איר עלנד געשלונגען אין זיך די יתומה
מוז שלינגען אין דאָפּלטן עלנד די בת־יחידה. געקומען אַ מאַן
און נישטאָ אים. די ברילן מסתמא געלאָזן אין וואַלד און נאַקעטע אויגן,
צעטומלטע, ביסטרע, שלאָגן זיך אָן כסדר אָן חפצים אין שטוב.
ער קומט און גייט און קען נישט קיין צענדליק ווערטער
צונויפבינדן, פרעגן, דערציילן. וואָלט דאָך אַ ווייב אים אַליין
געדאַרפט פרעגן
ווי האָט ער געלעבט אין וואַלד און מיט וואָסערע מענטשן געווען
און ווי מיט זיי אויסגעקומען און מאַלע וואָס נאָך — עפּנט זיך נישט
קיין מויל אים אַנטקעגן, און ווערטער, צעביסענע שטיקלעך, פּלאָנטערן זיך
צווישן די ציין און שלינגען זיך איין צוריק. אָט ליגט אין וויגל
אַן עופה׳לע — צוויי טראָפּנס וואַסער ווי ער. זי זעט ווי ער פּרוּווט זיך
אַ שמייכל טאָן, געבן אַ פינגער דעם קינד, נאָר ס׳בלייבט אים די האַנט
אַ פאַר־גולמ׳טע הענגען און ווידער פאַרכמורעט רוקט ער זיך אָפּ.
נישט אַנדערש — דער וואַלד האָט אים כשוף געטאָן. איז ווי קען דוואָשע
דערציילן, אַז ס׳פעלט איר אויף מצות און פלייש? עס איז נישט קיין
נייעס ביי איר
פון צוזאָגן, באָרגן און נישט דערצאָלן צונויפצעשטוקעווען נאָך אַ פּסח,
און אפשר מיט ליבן יום־טוב אין שטוב וועט ער ווידער דערפילן
די היימלעכקייט, ווערן אַ מאַן און אַ טאַטע און ס׳וועט זיך דער
כשוף אָפּטאָן.

דער זון, דער בר־מצוה, קומט אָן פון ציגעלניע צו בדיקת חמץ.
מע גיט זיך שלום, מע מעסט זיך אָפּ, די מאַמע העלפט אונטער
דערציילן ווי ס׳גייט אים די אַרבעט, און מאָרגן לאָזט יאַנקל צום
ערשטן מאָל
דעם טאַטן זען ווי מאַנסבילש ער לייגט די תפילין. עס דאַכט זיך —
דער זון האָט אַביסל אָפּגעצויגן די מרה שחורה. נאָר שפּעטער אין טאָג
הערט נח אַ דינגעניש צווישן מאַמע און זון אין דרויסן. די רייד געשטיקטע,
און מאַמעס קול מיט תחנונים. עס אַרט אים, און ס׳איז אין דערזעלבער צייט
אים איבערדריסיק און ווייט. איז טוט ער גאָרנישט אַליין ביז דוואָשע,

פאַרביסן די ליפּן, שטעלט זיך אַרײַן אַ פאַרכליפּעטע. מוז ער שוין הערן:
זי איז ביז דער לעצטער מינוט פון דער הויט געקראָכן נישט אָנצורירן
דעם ייִנגלס צען גילדן, וואָס זי האָט אָוועקגעלייגט פאַרן שניידער. נאָר דאָ,
אַז ס'האָט איר פאַרפעלט צו מצות — אײן גאָט האָט איר האַרץ געזען,
אַז זי וואָלט זיך ליבער דאָס לײב געשניטן ווי רירן זײַנע פינף גילדן...
אודאי איז ער גערעכט און ס'קומט אים דאָס שטיקל בגד אויף יום־טוב,
נאָר זעליק דער שנײַדער איז נישט אַזאַ גזלן, ער זאָל פאַרהאַלטן
דעם ראָק אויף נאָך פּסח. און דאָ — כאָטש קוש אים די פיס:
ער גייט נישט... זי רעדט און שלינגט די טרערן, און ס'איז נישט אַזוי
די שולד קעגן זון ווי דאָס מודה זײַן זיך אָט־אַזוי פאַרן מאַן.

רופט נח דעם זון: — וואָס ווילסטו נישט פאָלגן דער מאַמען? וועסט
זאָגן דעם שנײַדער —
מע וועט אים דערצאָלן נאָך יום־טוב. דער ייִנגל שטייט מאָגעריש־האַרט:
— איך גיב מײַנע שכירות אַוועק יעדע וואָך. ס'איז גענוג. איצט וויל איך
די גאַנצע צען גילדן—זי האָט נישט געדאַרפט זיי רירן!—די האַרטקייט
דערמאָנט דעם פאָטער אָן יענע פון צווישן ווען ער קומט, נאָר דאָ,
ביים זון, דערצערנט עס:—ווער איז די זי?—ער זעט, דער באַרויבטער,
מע כאַפּט אים בײַם וואָרט און קלאַמערט זיך שטײַפער צו זײַנס:
— איך וועל מיט פינף גילדן נישט גיין! און ווידער:—ווער איז דאָס די זי?
און ווידער: — מיך אַרט נישט, אַז איך וועל אויף יום־טוב אָנטאָן דעם
אַלטן ראָק!
— וועסט ענטפערן גלײַך אָדער ניין? דער ענטפער איז — אויגן אין זיך
און האַסטיקער אָטעם. ווערט שטומער דער צאָרן אין פאָטער, צעטומלטע
אויגן
בעמען זיך שטויסן אין חפצים אַרום, און ווייס דער נישט גוטער פון וואַנען
עס רוקט זיך אים אונטער אַ שטריק און שוין אין דער האַנט מיט איר
צישעט עס אויס: — בעט איבער דער מאַמען און גיי צום שנײַדער!
גרוילט אימה אין יאַנקלען, נאָר מיט פאַרשצימעטע ציין, דער שטריק
צו להכעיס
רעוועט ער אויס: — קענסט שלאָגן, איכ'ל נישט גיין! אַ רעווע אַזאַ
און אַ בראַנד אויף דער פּלייצע און ס'שפּאַלט זיך דער באַלקן
פון יאַנקלס ריטשען. ביז ס'וואַרפט זיך די מאַמע אין מיטן אַרײַן,
ווערט אָפּגעשטויסן און וואַרפט זיך צוריק, דעקט אײַן איר קינד

מיטן אייגענעם לייב און שרייט מיט באַנומענע קולות: רוצח! קאַט!
דו ביסט נישט מיין מאַן! איך קען דיך נישט! גיי אין וואַלד אַריין, גזלן!

זי ליגט אויפן בעט און פאַרדעקט נאָך אַלץ איר קינד מיט זיך.
נאַר ווען גליאיק רחמנות גראַבט איין איר האַנט אין זיין פלייצע,
צעקרעכצט ער זיך ווידער, שפּרינגט זי אויף און שיילט פאַמעלעך
פון אים דעם ראָק, טלית־קטן און העמד. מיט בלאָע און רויטע פאַסן
שניידט זיך די שטריק איבער דער פלייצע — בייט זי נאַסע האַנטיכער,
און אַלע אברים אין איר שיידן זיך אָפּ פון דער ווילדער רציחה,
וואָס איז נעכטן געווען איר מאַן. און ער אַ קופּערנער שטייט
און גאַפט מיט צעשמאָלצענעם גלאָז, שטייט אין אַ קאַלך־אויוון
וואו ס׳האָט אים אַריינגעשליידערט עפּעס אַ בראַנדיקע פויסט,
און ס׳לייב פון זון, און דאָס פּנים פון ווייב און זיין אייגענע האַנט —
עס גיסט זיך צעשמאָלצענער גלאָז אויף אַלץ. נאַר פון די נאַסע טיכער
בלאָזט מיט אַ קילקייט אַ ווינטל, ברענגט עס צוטראָגן פון ערגעץ
דעם ווייבס געשרייען: אין וואַלד אַריין, גזלן!.. אין וואַלד אַריין...
וואַלד.. נאַסע טיכער אויף פלייצע... סידאָר׳ס פלייצע און ריטער...
יאַנקלס פלייצע און שטריק... וואַלד... מאַלאַשקין מיט פויסטן...
מאַלאַשקין דאָרט אים, ער דאָ — יאַנקל׳ען. דאָ — ער דער מאַלאַשקין.
נח מאַלאַשקין! אַ זיווג אַזאַ. אין וואַלד געשלאָסן, מיט פויסטן
פאַר׳קנס׳ט,
מיט פויסט ביי אים אין די ריפּן, מיט שטריק אויף דער פלייצע
ביי יאַנקלען,
פאַר׳קנס׳ט און פאַר׳חתמ׳עט, אַן אייביקער זיווג: נח מאַלאַשקין.

די שטריק איז נאָך דאָ, זי ליגט נאָך, די שטריק. אַזאַ תאווה צעצינדט זיך
די שטריק צו נעמען, דורך דער טיר אַרויסגיין, אויפן בוידים אַרויפגיין
און די שטריק צו אַ בעליק און אַ פעטליע שלייפן, אויפן האַלדז
פאַרשלייפן
און אַ שפּרונג אין דער פעטליע: אַ מכה, מאַלאַשקין! ס׳איז אויס
דער זיווג,
נישטאָ דער זיווג! עס גליט אַזאַ תאווה און עס לעכצן די אויגן
צו דער שטריק, צו דער שטריק... נאַר דאָס ווינטל בלאָזט קילער,
אין וויגל דאָס פּיצלס נעמט מאָנען די מוטער — איז אַרונטערגעזעצט זיך,

מנחם באָריישאָ

אויף אַ בענקל געזעצט זיך און מיט שטיוול אין דיל: שטיוול, שטיוול,
האַלט מיר די פּיס,
האַלט מיר די פּיס צו דער ערד, צו דער ערד, עד יעבר זעם, עד יעבר זעם.

די מוטער איבערן וויג זויגט דאָס קינד און זעט ווי דער מאַן
זוכט אין שופלאָד אַ ריינע העמד אין באַד אַריין. וואָלט זי געקענט
אים זאָגן וואו ס׳ליגט, נאָר אַלע ווערטער זענען פון מויל אַנטנומען.
געפינט ער אַליין און גייט. די האָר אויפן קינד און די אויגן פון קינד —
די האָר און די אויגן פון אים — זענען מליץ יושר פאַר אים.
טרייבט זי די נאַכטיקע זעליקייט, שטעלט איר אַנטקעגן די פּיין פון זון
און רופט דעם עלנד, דעם דלות, די נויט זיך צו שטעלן פאַר איר
און געבן איר גבורה. און ער טראָגט דעם גוף, דעם פאַרוואַלדיקטן גוף,
צו טבילה. די בראַנדיקע פויסט, דער קאַלך־אויוון סמאַליען זיך נאָך
אונטער דער הויט און ס׳פּילט נאָך דער האַלדז די פּאַרצויגענע פּעטליע
וואָס אַ גנעדיקע האַנט האָט מיט רחמים אַרונטערגענומען. גייט ער אַצינד
דאָס לעצטע דערפון אַרונטערצוואַשן. פּאַרעט זיך אויף דער
אויבערשטער באַנק
שיר נישט צום חלש׳ן. שמייסט זיך און בריט זיך, בריט בראַנד מיט
בראַנד —
אַהיים אַז ער קומט, בלייבט ער זיצן ווי דעמלט ווען מ׳האָט אים
פון טיפוס, פון הקדש צוריקגעבראַכט. ליגט אויפן בעט יאַנקלס ראָק,
וואָס די מאַמע אַליין האָט פון שניידער געבראַכט. ס׳ווערט טונקל.
זי טוט אָן די ווייסע יאַקע. צינדט ליכט. ס׳ווערט יום־טוב.
דער טיש ווערט צום סדר געגרייט. שטייט ער, שפּאַרט זיך אָן
אָן אָשאַק פון פענצטער און דאַוונט מעריב. גוט יום־טוב! זי ענטפערט.

זי ענטפערט, ווייל קעגן זיין פּנים און בלאַסן ליכט אין זיין קול
ווערט בטל איר קריוודע און ס׳איז דאָך יום־טוב ביי גאָט.
איז בעט זי מיט וואונקען ביים זון ער זאָל זיך אַ כח אָנטאָן און פרעגן
די קשיות. ווען ס׳קומט פון זונ׳ס מויל דאָס ערשטע פאַרדומפּענע: טאַטע!
ווערט קאָפּ און אַקסל פון פאָטער ווי שטיין, ער זאָל בייקומען קענען
דעם קאַלך־אויוון בראַנד, וואָס שלאָגט אים אין פּנים, און הערן הערט ער:
— פאַרוואָס איז יצחק געפירט געוואָרן צו דער עקדה, ווייל זיין טאַטע
אברהם

האָט פעסטקייט געזוכט אין זיין גלויבן? פאַרוואָס האָט יעקב׳ס לייב
אונטער בראַנדיקע שטריק געמוזט צאַלן דערפאַר וואָס זיין טאַטע נח
האָט זיך אַנגעטרונקען אין וואַלד מיט רציחה און דעם וואַלד נישט געקענט
די רציחה צוריקצאָלן? פאַרוואָס מוז דער אומבאַהאָלפענער שוואַכער
דער קרבן זיין פאַר דער אומבאַהאָלפנקייט פונעם שטאַרקן?
אַזוי פרעגט דער זון, און דער טאַטע דערנאָך, אַז ער הייבט אויף דאָס קול,
ענטפערט: — ווייל קנעכט זענען מיר ביי די מאַכטן פון מענטש און
ווילדקייט.
מע טרייבט מיט בייטשן אין אונדז די רציחה אַריין, מיר זאָלן באַהערשן
אויך איינער דעם צווייטן מיט מורא און גרויסן מיט אונדזערע מעשים
די מאַכט פון רשעות און בלוט. מוז מען אָוונט און מאָרגן און מיטנטאָג
בעטן אויף כח צו קענען דערהאַלטן דאָס ליכט וואָס שטאַרקט אונדז
מיט ליבשאַפט און גוטס פון בני חורין. און טאָמער פאַרשפעטיקט
די תפילה און ס׳קומט נישט דער כח, שניידט זיך די בייטש אין נשמה
אַריין,
און רויט פון רציחה ווערן די אויגן וואָס זוכן דאָס ליכט. פייניקן מיר
איינער דעם צווייטן, ראַטעווען מיר זיך איינער אָן צווייטן, מאַכן
איינער פון צווייטן אַ קרבן ביז עס קומט דער נס פון דערבאַרמונג און
דעמלט
זעט מען ווי רוצח׳יש עס האָט די קנעכשאַפט געמאַכט אין אונדז דעם
גאַנג צו גאולה.

דאָס ווייב פאַלט אַוועק נאָכן סדר. דער זון אין שלאָפבאַנק לייגט זיך.
דער טאַטע בלייבט זיצן אַליין. פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און ער זיצט.
ס׳גייט נאַכט און ער זיצט. פאַרטאָג וועקט זיך איבער דער זון פון אַ
שמערץ
אין דער וואונדיקער פלייצע און זעט: אין פולן אָנטאָן און שטיוול
האָט דער טאַטע זיך צוגעשפאַרט נעבן אים אויפן ראַנד פון שלאָפבאַנק
און האַלט אים אַרומגענומען. פאַרגראָבט ער די אויגן אין זיסן געוויין
און לאָזט זיך ווייטער שמערצן פון דער האַנט וואָס האָט אים געשלאָגן.

30

פינף תליות, פינף טויטן, פינף נעמען אין שוואַרץ
פון געדיכטע צייטונג־שורות

זאָגן אָן דעם װאַלד אַ בשורה:
— נישט דער ייד האָט דער׳הרג׳עט דעם צאַר.
פינף תליות, פינף טויטן, פינף נעמען אין שוואַרץ
פון געדיכטע צייטונג־שורות
לאָזן הערן דעם יידן, דעם ריינעם פון מאָרד:
אַז מען מאַכט פון מחשבה וואָרט,
מוז מען געבן לעבן דעם וואָרט.
ווער ס׳האָט מצדיק געווען אויף פּרעה׳ן דעם דין
איז אַ שותּף צו די,
וואָס האָבן מקיים געווען דעם פּסק־דין.

פינף נעמען ריידן פון שוואַרצע שורות:
ביסט געקומען, אַ פרעמדער, דיין גלויבן צו שטאַרקן
מיט תמימות פון וואַלדישער גבורה
און געטראָפן האַס פון באַלאָדענע קאַרקן
און אַנטלאָפן פון בלינדער נקמה אין נאַכט.
האָסט דיין גלויבן צוריקגעבראַכט אונטער דיין דאַך
און דעם וואַלד ווי טומאה געבריט פון דיין הויט.
מיר האָבן די קעפּ צו פּעטליעס געשטרעקט
אַז דער וואַלד מיט העק זאָל זיך ברעכן אַ וועג
צו דעם זין פון אונדזער טויט.
איצט וועלן די סלופּעס פון אונדזער תליה
מיט נייעם גלויבן דעם וואַלד דיר באַבליען.

פינף נעמען אין פּעטליעס צום הימל דערהייכטע
ווי פלאַמיקע צייכנס
שיקן אַ וואָרנונג דער גרויסער מדינה:
וואו אַ סאָפיע אין פינצטערער כאַטע ביים שפּינען,
וואו אין פעלד אַן אַנדריי ביים מיסט און פאַרזיי,
וואו אין וואַלד אַן אַלעקסאַנדער מיט לאָם און האַק,
וואו אין וואַנדער נאָך אַרבעט אַ ניקאָלאַי אַ באַטראַק,
וואו אין וועג אַ איוואַן ביי לייצע אין שפּאַן —
ווער עס זעט זייער שטומען געדולד פון פּי
און די ציין פון פאַרהונגערטע חיות,

זאָל געדענקען די נעמען פון תליה:
סאָפיע, אַנדריי, אַלעקסאַנדער, איוואַן, ניקאָלאַי —
די זעלביקע אותיות און ווערטער
פון די זעלביקע פעלדער גענערטע.

פינף קדושים געהאַנגענע
ריידן צו דורות פאַרגאַנגענע:
צי פּיקע און שווערד פון צעיושעטע האָרדעס,
צי קנאה פון גלויבן האָט אייך געמאָרדעט —
אַ, ווייטע ברידער־מאַרטירער —
מיר קויפן ביי אייך מיט אונדזערע לעבנס
פאַר אונדזער פאַרבלענדטן בלוט אַ פאַרגעבונג.
ווי לאַנג נאָך עס טאָגט נישט דעם נביא׳ס ברכה,
ווי לאַנג נאָך פעלקער אויף פעלקער פאַכען
די בייטש פון אייגענע פלייצעס צעשונדענע —
אַ, ברידער מאַרטירער —
זאָלן אונדזערע העלדזער געשטרעקטע צו חלף און שטריק
זיין צווישן פעלקער אַ בריק
און דערהאַלטן דעם גלויבן אין ווייטן וואונדער —
אין דער ברכה פון נביא, דער ברכה פון פרידן,
דער ברכה פון פעלקער־ברידער.

ב. לאַפּין

דער פּולער קרוג

1

כאָטש נישט פון פולן קרוג אַרויס
איצט שעפּן זיך שוין מיינע יאָרן,
און אפשר טריפן שוין פון טיפן דנאָ
די לעצטע, לעצטע טראָפּנס;
און באַלד וועט מיך אַרומזוכן פאַרצווייפלטער מיין שאָטן, —
דאָך לעב איך אַלץ נאָך מיט דעם יונגן רויש
פון פרילינג־דונערן אין רוים אין קלאָרן,
ווי כ׳וואָלט אויף ס׳ניי פון קרוג גענומען שעפּן מיינע יאָרן,
און זיי שעפּן זיך נישט אויס! —
ס׳קוועלט לעבעדיקער קוואַל פון טיפן דנאָ,
ווי ס׳וואָלט צו אייביקייט געזאָלבט געווען די שעה;
איך לעב, כאָטש מיין געביין איז לאַנג נישטאָ! —

2

און אפשר איז דער פולער יאָרן־קרוג
נישט מיר אַליין געגעבן?
פאַר מיר איז לאַנג שוין לאַנג גענוג! —
נאָר ס׳קוועלן אין זיין טיפן דנאָ די יאָרן
פון נישט־אויסגעלעבטע לעבנס,
פאַר דער צייט פאַרצוקט? —
אַ געפעס בין איך געבאָרן,
מיט לעבנס מענטשלעכע פאַרטרויט.
יונג־בלוט פון אייגענעם, פאַרשניטענעם געזינד
דורך מיינע אָדערן רינט.
און וויפיל אַנדערע — פאַרלאָשענע פון טויט, —
לעבן דאָ מיט מיר אונטער איין הויט?..

3

איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס איך האָב, אָפט,
אין פאַרצווייפלונג פאַר׳שיכור׳ט, —

ניִשט צעבראָכן מײַן פולן קרוג אויף שטיקער.
ווי קאָן איך דערנענטערן דעם סוף
צו אַ טײַערן פקדון? —
אַז איך בין מיט אַ גאָב אָנגעלאָדן!
אימיצנס פרייד — דאַרף איך פריידיקן,
אימיצנס פּײַן — דאַרף איך פּײַניקן.
און אויסברוכן, פרעמדע אַמאָל,
פאַר מיר אַליין ניִשט צו פאַרשטיין, —
זוכן אַ וועג דורך מיר אַדורכצוגיין,
און זיי ריידן רייד אַזוינע מיט מײַן קול...

אויפן גרעניץ פון זאַכן

כ'האָב מײַן וועג אויסגעקליבן
אויפן גרעניץ פון זאַכן;
ביי דעם ראַנד פון די גריבער,
אין דער נעסט פון דערוואַכונג.

מיט דעם שאַרף פון די ראַנדן
שטייען אָפגרונטס צעעפנט,
איך דערוואַרט די פאַרוואַנדלונג
פון פאַרוויסטונג אויף שפע!

מיט דעם גאָלדזוכערס פיבער,
וואָס אין חושך באַהעלט אים, —
זיך אַליין טרעט איך איבער,
ווי אַ צאַם אַ פאַרשטעלטן.

ביי די מענטשן, — ווי חפצים
אויסגעניצטע, — אָן נעמען,
דאָרטן בלענדט זיך מײַן אוצר,
און עס פירט מיך זיין פלעמל.

זייער וואָרט אַ פאַרלאָכטער,
ווי אַ בלעטל צעטראָטן, —
גליט צו מיר אַ דערוואַכטער
פון באַריר מיט מײַן אָטעם.

ב. לאַפּין

הייב איך אויף אַלע ווערטער,
די, פון קיינעם פאַרנומען, —
די, פון שטויב אויסגעצערטע, —
און איך ווער זייער גומען.

ווערטער הארבע, אָן בושה, —
אינדערהייך נישט צו זאָגן, —
ווייען צאַרטקייט פון קדושה,
טראָגן פולקייט פון לאָגל.

און איך צערטל זיי, צערטל,
ווי אַ קינדס יונגע גלידער, —
די געלייטערטע ווערטער
גיב איך קריק מיינע ברידער.

און ווי ערד שלינגט דעם זאָמען,
ווערן ווערטער פאַרשלונגען;
ווי צעפרילינגטע שטראָמען
ווערט אַ פרייד אויסגעזונגען.

מיינע ברידער, מיליאָנען —
אין אַ ים אויפגעשטורעמט, —
ס'ווערט געגרויסט זייער נאָמען,
און עס שפּראָצט זייער גבורה!

מוטער — וועלט

אונדזער צייט איז פון אַנטפלעקונג,
סוד ווערט אויפגעוואַכט ווי בלום.
און דערנענטערט ווערן שטרעקן,
און אין יאַך גייט אויף די זון! —

גאַנצע וועלט איז אין באַוועגונג,
ס'רעדט דער שטיין, און ס'טוט דער שטויב;
און דער יאָ מיט שנעלקייט זעגלט,
און דער ניין ווערט זאָגן: גלויב! —

איצטער לויטערן זיך יאָרן,
צייט אַנטשלאָפּענע — דערוואַכט.
וועלט — געהאַט האָט נייע פאָרונג,
און אַ נייקייט ברענגט איר טראַכט.

אַלע מענטשן, אַלע חיות,
אַלע ווידמונגען אויף דר'ערד, —
אַנדערש וועלן זיך באַנייען
אין באַשאַף, וואָס וועלט געבערט!

אַלץ וועט קומען מיט אַ טואונג,
אַלץ וועט אָטעמען מיט פליכט;
וועלט אין רו — מיט אַלץ וועט רוען,
אַלע קינדער פון גאָטס דיך! — —

זע, ווי וואונדיק, זע, ווי בלוטיק,
פאַר געבורט די וועלט זעט אויס!
מיט איר הוילער טראַכט ווי מוטער,
ליגט אין ווייטאָקן אַנטבלויזט!

זונטיק

נייך, כ'וועל היינט פון גאָרנישט טראַכטן,
היינט איז זונטיק, ס'איז מיין רו־טאָג.
שעפּער — שטומע, צוגעמאַכטע.
כאָטש ס'האָט שאַפ פאַרשעמט מיך בלוטיק,
און געלאָזט מיך אַ פאַרלאַכטן, —
וועל איך אָפּהיטן מיין רו־טאָג,
און פון וואָכיקייט נישט טראַכטן.

כ'וועל אויך רוען מאָנטיק, דינסטיק, —
סלעק — שטרעקט אויס פאַר מיר איר דרויסן.
זונשיין — טרינקט זיך אין דער פינצטער;
שאַפ — אויף לאַנג האָט מיך פאַרשטויסן.
אַרבעט — ווי אַ טרוים צערינסטו
אין דעם וואָלקנדיקן דרויסן
פאַר די מאָנטיקס און די דינסטיקס.

און דיין האַרץ — וועט זיין פאַרריגלט,
פריינט — זאָל גאָרנישט־ניט דערקאָנען.
ס'זאָלן נישט די מיטלייד־פליגן
זוכן פּאַשע אויף דיין פּנים.
גלידער — וועלן שטיל זיך קריגן,
לאַסט פון אַרבעט וועלן מאָנען, —
נאָר דיין האַרץ וועט זיין פאַרריגלט.

רויטער מאַן

מיינע וואָכעדיקע רייד
גייען באָרוועס אָנגעטאָן.
און ס'צעפּאַלט אויף זיי דאָס קלייד,
קאַלט, — און ליד שפּילט צאָן־אָן־צאָן!

נעם איך, ווען, אויף שפּאַס אַרויס
מיינע רייד אין יום־טוב־גאַס,
מיט דער באָרוועסקייט אַנטבלויזט, —
און די גאַס — שרייט אויף פאַר כּעס!

איל איך קריק מיט מיינע טריט
וואו די מחנות גייען אום;
רויטער מאַן איז אונדזער בליט,
וואָס קאָן בליען אויך אָן זון.

רויטיקט קראָפּיווע די הויט,
בריט דאָס לייב פון מידן טאָג.
קליינע ברעקלעך ווייסע ברויט —
מענטש ווי שווערע משא טראָגט.

אונדזער וואָרט — ווי דודס שטיין,
פלינק, און אויסגעפּרובט צום פלי.
נישט פאַר אונדז צו ריידן שיין,
מיר — מיט אויסגעפליקטע קני! —

פאַרשעמונג

אויף דיין שטיינשווערן זאַק —
נישט אַ קוקטאָן וויל קיינער.

און דיין טראָט — גייט זיגזאַג,
און דיין לייב — ווערט פאַרשטיינערט.

ווען דיין שטיינשווערן זאַק
עמיץ וויל ביי דיר נעמען, —
וואָלסטו פעלדזן צעהאַקט,
פול מיט בלוטיקן קרעמען.

וואָלסט געטראָגן אים לייכט,
ווי אַ פעדער אַ גרינגען.
אונטער לאַסט — נישט געפרייכט,
אָן צעבלוטיקטע פינגער.

וואָלסט געגעסן דיין ברויט,
און געדאַנקט פאַר די גנאָדן, —
כאָטש דער זייער פאַרזייט
יעדן איינעם זיין יאָדער...

נאָר דו וואַרטסט... און דו וואַרטסט
מיט באַליידיקטער משא;
און דו לערנסט דיין האַרץ
צו זיין שטאַרק, און נישט האַסן.

דאָך צעשטראַלט זיך אַמאָל,
דו מאַכסט פינקלען דעם קרעמען! —
נישט די גרוילקייט פון עול,
ווי עס דריקט די פאַרשעמונג!

דיין ברויט

ווען ס׳גרינט דער שימל־סם,
און ס׳ווערימט שוין דיין ברויט, —
ווערט פרייגעביק דיין האַנט,
און ביסט צעטיילן גרייט.

און ווער עס נעמט דיין גאָב, —
פון הונגער־פלאַם פאַרבלענדט, —
דערשלינגט אין קעל אַראָפּ
דעם סם פון דיינע הענט.

און אויף זיין גסיסה־בעט
נאָך פון דיין גוטסקייט טראַכט;
ער ווייס נישט, אַז די זעט
דעם טויט האָט אים געבראַכט.

מיינע לייבלעכע ברידער

מיינע לייבליכע ברידער, איר ווייסט נישט,
וויפיל גליק איר אַליין טראָגט באַהאַלטן;
גאַנצע וועלט קאָן געבענטשט זיין מיט טרייסטונג,
אַז די פרייד, וואָס אין אייך, — זאָל אַ שטראַל טאָן. —

גיט אַ דריי אייער וועלט ווי אַ גלאָבוס,
און באַטראַכט דעם צעוויקלטן שטח, — —
פאַראַן מער, וויפיל וועלט באַדאַרף האָבן,
אי פאַר דורות און דורות נאָך שפּעטער.

שרייט אַרויס אין דעם אומרו פון גאַסן
צם המון — פון זיין לאַסט איינגעבויגן:
— גלייך זיך אויס, ס'איז אַ ליגן דיין משא,
ס'האָט מיראַזש דיך פאַרנעפּלט די אויגן!" —

און אַ וואַלד יונגעביימער צעשלאַנקטע, —
דער המון וועט זיך פּלוצלונג פאַרוואַנדלען;
גרויער טרויער אין אויג וועט פאַרצאַנקען,
און ס'וועט צינדן באַגין זיינע ראַנדן!

מיינע ברידער, אין לענדער צעשפּרייטע,
ווי מיט מאַמעשן נאָפּל פאַרבונדן, —
זאָל דאָס גליק, וואָס איר טראָגט אַ פאַרזייטן,
זיך צעבליען אויף אַלעמענס וואונדער!

פאַר מענטשנס גליק

דער האָגלענדיקער נייַן, און נייַן, —
ווי בלויע קלעפּ אויף בלייכן לייב;
כ'זע שטענדיק צאַמען, צאַמען שטיין,
מיין פרייהייט ליגט פאַר מיר פאַרשפּרייט.

דאָס לעבן איז צו אונדז געשענקט,
באַהעפט צו זיין מיט גאָרער וועלט;
ווען תליה ברודערס האַלדז פאַרענגט,
אויך דו צום משפט ביסט געשטעלט!

פאַר מענטשנס גליק — דערשטיקטע פרייד,
און לעבנס פאַר דער צייט צעשטערט,
ווייל זריעה, — אויפצוגיין אין בייט, —
מוז טרינקען פינצטערניש פון דר'ערד.

און דער — גייט היינט, און מאָרגן — איך,
דעם וועג צו גליק דורך עשאַפאָט, —
ביז ס'וועט זיך איינטונקען אין ליכט
דער וועלטס באַפרייענדיקער טראָט!

אַ פּאַנצער

ווי אַן אַפּליטער בין איך פאַר דיר
אין געפּאַר פון אַ בליץ און אַ דונער;
אַלע קלעפּ שלאָגן אָפּ זיך אַן מיר,
אַלע קלעפּ, וואָס צו דיר ווילן קומען.

אפשר בין איך ניט שולדיק אַליין,
איך דערפיל נאָר אַ העכערן ווילן, —
אַ געבאָט איז פאַרזייט אין מיין ביין:
„אין געפאַר מיטן לעבן זיך שפּילן!" — —

מיט געשריפט פון דעם בלענדיקן בליץ
איז פאַרשריבן זיגזאַגיש מיין גורל: —
דיינע נאָנטע פון אַפּגרונט באַשיץ,
כאָטש אַליין קענסטו ווערן פאַרלוירן!

מיט צעלעכערטע ווענט — מיין געצעלט,
ווי פון קריג — אַ געשטופּלטער פּאַנצער;
כ'האַלט מיין ברוסט אין געפאַר אויסגעשטעלט,
אַז נאָר דו זאָלסט פאַרבלייבן אינגאַנצן!

ב. לאַפּין

דער גאַסט

דניאל טשארני׳ן.

ס׳יאָגט אַ ווינט פון דיינע פּאָלעס,
און עס שמעקט פון דיר מיט ווייטן, —
פרישער וואָרט, — נאָך מיט דעם שאָלעכטס,
מיט דער זונפאַרברענטער הייטל;

רייד — ווי מעל פון גאַנצן קאָרן,
מיט דעם בערשטלדיקן קלייען;
ערשט פון ערגיץ אָנגעפאָרן,
ביסט אין וואַנדערניש פאַרטייעט.

פרעמד און ליב איז דיין באַרירונג,
און אַ פריינדלעכקייט — אַ גרייטע;
וואַכע חושים שפּירן, שפּירן,
גאַנג — אַ שטייגיקער, — אויף לייטער!

ליבער פרעמדער, אַזאַ נאָענטקייט
דו צעשפּרייטסט דאָ מיט דיין קומען;
טראָגסט אין טראָט ביי דיר אַ יאָנטעף,
ווי ס׳טראָגט יאַמשאָל — ים־געברומען.

פרייע שפּיגלען זיך די סטעפּעס
אין די אויגן דיינע בלויע;
פון דיין פרייד צעגייט ווי נעפּל
אויך מיין איינגעקנוילטער טרויער.

און דיין יאָנטעף — אַזוי שטראָליק,
גרייטסט פאַר גאַנצע וועלט דיין סעודה;
ביסט געקומען אויסצעשאָלן
רוף צום ווייטן, ווייטן ברודער!

ס׳איז די זון מיר אויפגעגאַנגען
אין דער אַנדערשקייט אין דיינער;
מיינע ליכטיקסטע פאַרלאַנגען —
אין די אויגן דיינע שיינען!

מיין לאַנד

אין מיין אויסגעטרוימטן לאַנד,
דאָרט וועט אַנדערש, אַנדערש זיין!
זון — אין וועג האָט זיך פאַרזאַמט,
וועט נאָך העלער זיין איר שיין!

וואָלקנס — אין אַ שלאַכט מיט זון —
זאַפּן איין איר ריינעם פלאַם;
דער פאַרפלעקטער און דער מום
וועלן פאַשן ווייסן לאַם.

ס'וועט זיך שוועסטערן די טויב
מיט די קינדער פון מיין לאַנד;
גליק בענטשט יענעם, ווער עס גלויבט,
און דערקענט אַ ברודערס האַנט!

נאָר דאָס בלוט, דאָס בלוט, דאָס בלוט,
אין געראַנגל מיט באַגין, —
וועט פאַרשרייבן דעם מאַרשרוט:
— ס'איז די לעצטע, לעצטע זינד! —

חיים גראַדע

מוסר׳ניקעס

ווידערקול

דער אלול׳דיקער רעגן רוישט, די וואָלקנס ציען,
ווי אַן עדה צו אַ הייליקער לויה, —
ס׳איז פינצטער, און מיין האַרץ האָט זיך צעשריען,
ווי אין אַ חורבה אַ פאַריאָגטע חיה;
ס׳איז פינצטער, און מיין האַרץ האָט זיך צעשריען
מיטן ניגון פון בעל־מוסר ר׳ בחיי...

געשרייען האָבן פון מיין טיף אַרויפגעשטורעמט,
און פלאָטערן אַרום מיין קאָפּ מיט אימה.
שטיי איך אַ געשפּאַנטער, ווי דער וועכטער אויפן טורעם,
וואָס האָט דערהערט אין חשכות — טריט געהיימע...

אַ נאַקעטער, צעצויגענער געשריי,
אַ קולות פון באַגייסטערונג, אַ שטימען האַריקע,
איך גיי אייך נאָך — איך גיי
נאָך דעם ווידערקול פון מיינע אלול־נעכט פאַרזיבנ־יאָריקע...

* * *

אין קלויז איז ליכטיק, שלעפעריק און הייס,
אַ ריח ווי פון קינדערישע ווינדעלעך — אַ פייכטער,
מישט זיך אויס מיט זויערקייט און שוויס,
געדיכטער שטויב פאַרוואָלקנט די צעבליצטע לייכטער,
דאָך שטראַלט דאָס גאָלד אויף דעם פרוכת, —
פאַר׳דבק׳עטע געזיכטער איבער שטענדער רייען,
הייזעריק, אַרויסגעשלאָגן פון די כחות,
פאַרגייען אויפדאָסניי זיך אין געשרייען.
אַ מחנה שפּאַרט זיך דורכן שמאָלן דורכגאַנג פון די בענק,
ווי אַ ים דורך פעלזן — צו דעם ברעג,
און ווען זיי האָבן שוין די מזרח־וואַנט פאַרשווענקט,

וואַלן זיי צוריק אין מעריב־זייט אַוועק.
אַ שורה בחורים — אַ מוטנע וואַסער־רינע,
גיסט זיך דורך דער ברייט, פון צפון זייט — צו דרום,
און מיטן שם הויה אויף די פּנימ׳ער, די גרינע,
שאַקלט מען זיך אויך ביים טיש אַריבער מוסר־ספרים...

און סקלעטערן צום הימל אויפן אייגענעם געשריי — די זין
פון דער אוקריינע, פּוילן און וואָלין...

דער קורצער טראַכנבראַדער כאַפּט זיך פאַר די אויערן,
ער האַלט אין מויל אַ פּסוק, חזר׳ט אים געשמאַק און קייט:
„הערן האָב איך שוין געהערט אפרים טוט באַדויערן:
דו האָסט מיך געשטראָפט — און איך בין אַ געשטראָפטער״ —
לויפט ער אום און שרייט.

אַנטקעגן לויפט דער לאַנגער טראַכנבראַדער,
דער טלית־קטן ווירבלט אַרום אים,
זיין פּנים איז צעקנייטשט, זיין רעקל איז צעקנאָדערט,
און נאָך צעקנייטשטער איז זיין שטים,
ער שליידערט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געטרונקען:
„גייסטו ניט אַרויף — איז מוסטו גיין אַראָפּ״. —
איז ער אַראָפּגעזונקען,
און שטויסט צונויף זיך מיט דעם קורצן קאָפּ צו קאָפּ:
„גייסטו ניט אַרויף, איז מוסטו גיין אַרונטער,״ —
נאָר דער קורצערער איז אַ געזונטער,
שרייט ער העכער: הערן האָב איך שוין געהערט — — —
זיי שטויסן זיך, ווי הערנער אויף אַ שמאָלן בריק.
ביז ס׳קריכט אינמיטן דורך דער אַסטראָוואָלער,
און יעדער לויפט שוין אין זיין זייט צוריק...
דער אַסטראָוואָלער איז אַ שמאָלער,
מיט צאַרטע הענט, אַ קראַנקן פוס, און שוואַכן גוף,
נאָר אויף די דאַרע אַקסל זיצט אַ קאָפּ אַ קאַנטיקער און גרויסער.
אַ פּיסק — וואָס פרעסט אַ גאַנצן מענטשן אויף;
אויגן טונקעלע און הייסע,
וואָס קוקן פון אַ זייט אויף וועלטישער הנאה, —
באַהאַלט ער אויס זיין בליק, זיין קראַנקן פוס,

און ווייזט נאָר זיינע קינבאַקן, ווי ביי אַ חיה־רעה, —
זיין פּנים קרימט זיך שטענדיק פון פאַרדרוס,
ווי ער וואָלט אַפּילן אין מויל אַ טעם אַ ביטערן,
און ווען ער גייט די בחורים, די יינגערע פאַרביי,
נעמען קלינגעדיקע שטימען העכער ציטערן:
— וואַרשעווער — דערלאַנגט ער פון אַ זייט אַ זאָג, די אויגן אָפּגעווענדט,
צו אַ בחור׳ל, וואָס פּאַטשט פאַר׳דבק׳עט, כלומרשט, אין די הענט:
וואַרשעווער, איר האַלט אין איין פאַרשפּעטיקן צום דאַוונען,
היינט האָט איר פאַרשפּעטיקט אויך צום שיעור,
מען וועט אַראָפּנעמען אייך מוזן פון דער חלוקה, —
און ער שלעפּט אַוועק זיך צו דער טיר.

ביי דער קלויז־טיר שטייט ר׳ אַבא, צופּט די באָרד פאַר׳מח׳ט, —
אַ גאַנצן זומער זיצט ר׳ אַבא אויף אַ בוידעם — אין התבודדות;
אלול קומט ער דעם בית־מדרש אָפּגעבן זיין כח...
דער אַסטראָוואָלער רירט אים אָן, ר׳ אַבא מורמלט, ווי פון חלום:
וואָס איז אַ מענטש, דער פּשט — — —
דער אַסטראָוואָלער איז ניט אויפגעלייגט, און ענטפערט אויפן קול אים:
איר מאַכט היינט פאַר די יינגערע אַ ווער?
מען האָט געפונען אין דעם ווילנערס קעסטל —
ר׳ אַבא שפּיצט די קליינע אויגן אויס —
— אַ בוך!..
דער אַסטראָוואָלער גייט אַרויס פון קלויז,
פאַרלאַנגווייליקט, אַ בייזער און אַ מידער.

ר׳ אַבא איז צופיל געזעסן שוין ביחידות,
בלייבט ער לאַנג נאָך אַ פאַרגלאָצטער,
ביז ער גיט אַ צאַפּל — און ער נעמט זיך דרייען
צווישן שטענדערס, לערנער, און געשרייען, —
עס גליען זיינע ווילדע שוואַרצע אויגן,
ווי ביי אַ נזיר, ערשט געקומען פון די מדבר־זאַמדן, —
אַנטקעגן קומט אים אָן אַ שטייפער, אויסגעצויגן,
דוד קאָפּעטקעווישער — דער אויסגעפּוצטער למדן, —
ר׳ אַבא מוסר׳ניק דערפילט אַ שנאה:
פראַנט, דעם טלית־קטן האַלט ער, אַ פאַרשטעקטן, אין די הויזן,

אַנשטאָט פּיאות, טראָגט ער אַ טשופּרינע,
אַ שידוך וויל ער דוקא מיט צענטויזנט,
ער ווייזט פאַר אַלעמען זיין גרויסן זייגער,
פאַרדרייט די יינגערע די קעפּ מיט חריפה'דיקע שאלות.
זיי ווילן בעסער הערן זיינס אַ פּלפּול אויף ר' עקיבא אייגער,
איידער לערנען מוסר בהתפעלות...
שולדיק איז דער ראש־ישיבה,
ער וויל זיך ווייזן פאַר דאַמיר און ראַדן,
אַז ער האָט אויכעט בקיאים אין גאַנץ ש"ס;
אַז זיינער אַ ישיבה־מאַן קען אויך באַקומען נדן, —
און ר' אַבא פול מיט כעס,
נעמט גיכער איבער דעם בית־מדרש לויפן,
ער ציט, ווי דראָט זיין באָרד די פּעכיקע,
ביז זיינע אויגן שפּיציקע און שטעכיקע,
באַפאַלן שלמה'לען באַבוניצער — אַ תמימות'דיקע לאַם,
ער איז אפילו נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט,
דאָך האַלט ער זיין געזיכט אין זיינע הענט שוין איינגעראַמט,
די אַנגעטערערטע אויגן זעען גאָרנישט,
און ער כליפּעט מיט אַ קינדיש ריינע שטימע:
„דער עיקר אין דעם מענטשנס לעבן איז — צו אַרבעטן אויף זיך אַליין."
ר' אבא קוועלט: אַ עולה תמימה...
אַביסל ווייטער ביי דער וואַנט זיצט כלאַוונע,
ער שמייכלט קלוג, און לערנט מוסר בהתפעלות — שטיל,
אַ קאָפּ האָט ער אַ זעלטענעם, זאָגט תורה,
זיין ניגון גייט ניט איבער קיינמאָל אין געבריל.
און זיין שטילקייט — איין אַ מרה־שחורה...
ר' אַבא ברומט: ער האָט אויף אַלץ אַ היתר,
קען פּויליש, איז אַ בעל־תנ"ך,
ער האָט געלייענט בלעטער,
ווייס ער ווערטער וועלטישע אַ סך,
און דער — זאָל ווערן עס דעם ראש־ישיבה'ס איידעם?
דער עולם האָט אים, דעם מצויין, שטאַרק ניט ליב,
ער וועט צוריק אָוועקגיין אויפן בוידעם —
קלערט ר' אַבא שוין באַטריבט —

אויב דער — וועט ווערן דער בעל־דעה אין בית־מדרש...
ר׳ אבא גיט אַ גלעט אַ בחור׳ל פון קאָוול:
וואָס זיצט איר יוסף, אַז דער אויבערשטער מעג זיך דערבאַרימען,
צונויפגעקאָרטשעט, און פאַר׳מרה־שחורה׳ט ווי אַן אבל?
לערנט מוסר — וועט איר זיך דערוואָרימען...
מיטאַמאָל דערזעט ער: — ס׳שטייט דער ווילנער ביי דער בימע,
דערמאָנט זיך דער בעל־מוסר אַן דעם בוך אין קעסטל — — —
דאָך שמייכלט ער... און חיים ווילנער הערט אַ זיסע שטימע:
וואָס מאַכט איר, ווילנער? — און אַזוי אַן אַ מיין,
פאַררוקן זיך צוויי פינגער אין זיין וועסטל:
— וואָס איז עס, האַ? — אַ קעמעלע,
דערצו אַ שפיגעלע מיט אַ באַגילדט רעמעלע!
פיין, — שמייכלט דער בעל־מוסר, און גיט צו שוין שטרענג: —
נאָך מעריב מאַכן מיר אַ וועד, —
און פאַרשווינדט צווישן די באַזעצטע בענק.

חיים ווילנער בלייבט פאַר׳חוש׳ט, —
ער האָט אינגאַנצן ניט געדענקט,
אַז ווען די מאַמע האָט מיט טרערן אים געקושט,
האָט זי אַריינגעלעגט אַ קעמל אין זיין וועסטל־קעשענע, —
ער פאַלט צו מיט זיין שטערן צו די בימע־קנעפּ, די מעשענע:
ערשט איצט האָט ער באַמערקט ס׳אַר אַ פאַרביטענער
ער איז געוואָרן אין דער קורצער צייט, —
און ער דערפילט זיך, ווי פון שיף־ברוך אַ געליטענער,
אַרויסגעשליידערט אויף אַ ברעג אין ווייטער וויסטער...
און ס׳קלעטערן צום הימל אויפן אייגענעם געשריי — די זין
פון דער אוקריינע, פוילן, און וואָלין...

* * *

חיים ווילנער אין נאַוואַרדיקער ישיבה. שנת תר״ץ.
ווי אַלע בחורים האָט ער אַן אַרבע־כנפות ביז די קני געטראָגן,—
און ר׳ אַבא מוסר׳ניק — אַ ווילדע בוידעם־קאַץ,
האָט אַפילו אויף די טרוימען אין זיין שלאָף געהאַט צוזאָגן...
כאָטש ער איז אַלט געווען בלויז צוואַנציק יאָר,
האָט ער — אַזש בלייך פון ערנסט — אויסגעזען ווי דרייסיק;

ער האָט אַ זומפּ אין זיך געפונען אויף דער וואָר, —
און ווי אַן עכטער מוסר׳ניק, אויף זיך געאַרבעט פלייסיק.
ער האָט געהערט, ווי פון דער ווייט — זיין בלוט,
אַזוי ווי דאָס גערויש פון ווייטן פרילינגדיקן וואַסער;
ער איז געשלאָפן אויף אַ קלויז־באַנק, אין אַ הוט,
און פון טאָג געוואָרן איינגעהאַלטענער און בלאַסער.
ר׳ אַבא איז געווען אַ ווילדע בוידעם־קאַץ,
און ער — אַן אַרבע־כנפות׳דיקער פילאָזאָף, אַין אויסגעדרייטע שיך,
חיים ווילנער אין נאָוואָרדיקער ישיבה. שנת תר״ץ —
דאָס בין איך...

אַ טויטע האַנט

ס׳איז שטיל אין אויסגעלאָשענעם בית־מדרש, שטיל,
און נאָר אין ווייבער־שולכל וויגן זיך אַ הייפל שאָטנס
אויפן באַלקן, אויפן דיל,
און ס׳הוידען אויף די ווענט זיך טלית־קטנ׳ס...

ר׳ אַבא האַלט אַ האַלבע שעה אויסגעצויגן שוין אַ טויטע האַנט,
ער רעדט שוין הייזעריק און טרוקן:
חיים ווילנער, גיט אַ תקיעת־כף,
קיינמאָל אין אַ ביכל ניט אַריינצוקוקן.
איך ווייס: איר זייט ניט ווי אַ הינער קעפל שלאָף,
אַ בעל־תאווה זאָל אייך גלייך פאַרציען אין זיין שלייף.
די ביכלעך זענען אָבער חזיר־טריף,
און ווי אַ מענטש זאָל שטאַרק ניט זיין
ווערט ער קאַליע פון טריף־פסול׳ס,
און איר — אָנשטאָט צו וויקן זיך אין ווין,
ווייקט איר זיך אין ראָסל...
מען מוז זיך מיט דער וועלט פון ווייטן האַלטן,
אפילו אַ צעגליטע הייסע שטאָבע
נעמט מען פון אַ לעש־טאָפּ אויך אַרויס אַ קאַלטע, —
חיים ווילנער, גיט אַ תקיעת־כף, —
און חיים ווילנער אין חברים קרייז,
פילט, ווי ס׳בייסן זיינע פוס־טריט מייז.

אַנטקעגן אים זיצט כלאָוונע, אַ צעשמייכלטער, ווי שטענדיק,
אויף זיין פרישן פּנים איז קיין זאַך ניט קענטיק.
יוסף קאָוולער רירט ניט מיט קיין אבר,
ער זיצט, דער מרה־שחורה׳ניק, ביים וועד,
ווי אויף אַ קבר.
שלמה׳לע באַבוניצער קוקט אַ דערשראָקענער,
ווי ער וואָלט אויך אין ווילנערס חטא — אַ טייל געהאַט...
און נאָר דער וואַרשעווער וויגט אום זיך פרום,
אַ רגע לאָזט אַראָפּ זיין שלעפעריקע נאָז זיך אויפן טיש,
באַלד שפּרינגט ער אויף — צעמישט
קוקט ער אַ דערשראָקענער און כיטרע זיך אַרום.
ער וואָלט שוין לאַנג געשלאָפן — גיכער, גיכער.
חיים ווילנער זשאַלעוועט אַ האַנט,
אַ מעשה ביכער, —
און זיין שאָטן ווערט נאָך פרימער אויף דער וואַנט...

פּלוצלינג שפּרינגט ר׳ אַבא אויף,
עס טרייסלט זיך פון כעס זיין גוף:
— וואָס איז עס גאָר אינמיטן דערינען,
איך וועל אַ גאַנצע נאַכט דאָ פּטר׳ן?
וואָס מיינט איר, ווילנער, אַז איך וועל זיך ביז באַגינען
מיט אייך מאַטערן?
איר זייט אַ ייִנגל — חיים ווילנער ווערט אַלץ בלאַסער,
ר׳ אַבא שניידט אַן אַנגעצונדענער:
— איר זייט אַ האַנטעך, אַ פּאַרזייערטער, אַ קהל׳שער, אַ נאַסער,
פון רינג אפילו שוין אַן אָפּגעבונדענער,
אַן אמת׳ער רשות־הרבים זייט איר,
אַ מיסט־קאַסטן פאַר פרעמדן מיסט און שטיינער;
דער אמת איז בלויז איינער, —
איר מיינט, מיר וועלן אייך דאָ האַלטן וויטער?
אַ צווייטער וואָלט די ביכלעך לאַנג שוין אויסגעמייקעט,
משמעות, אַז אין אייך זיצט טיף דער איבל, — — — —
אינמיטן שאָקלט זיך אַריין דער וואַרשעווער פאַר׳דבקה׳עט,
ר׳ אבא מעסט אים אָפּ: זיצט גלייך,

איר זייט אַ צדיק — נאָר מיר קענען אײַך!
און ווייכער שוין צום ווילנער: האָט ניט קיין פּאַראַבל,
מיר ווייסן: איר וועט אייער האַנט באמת האַלטן, —
געדענקט, דער יצר־הרע קען זיך אויסבאַהאַלטן,
איר קלערט: איך וועל אַליין זען, און אַ צווייטן אויך דערוויזן קענען,
אַז די ביכלעך זענען גאָרניט,
זאָג איך אײַך: די ביכלעך וועלן אײַך דאָס האַרץ פאַרברענען,
פריער אָדער שפּעטער וועט איר זען די נפקא מינה,
איר ווישט זיך, און שטייט ווייטער אונטער אַ צעפּוילטע רינע, —
די תורה און די וועלט — זיי קענען ניט צוזאַמען זײַן,
זייט־זשע נישט דער הונט, וואָס וויל אויףביידע חתונות באַוויזן, ———
און חיים ווילנער פילט מען נעמט זײַן האַנט אַרײַן,
ווי אין אַ קלעם פון אײַזן...

ר׳ אַבאַ דרייט זיך אָפּ פון ווילנער אָן אַ וואָרט,
ווי אַ שוחט פון אַן עוף, וואָס ער האָט אָפּגעשאָכטן,
ער לאָזט אַראָפּ די גאָמבע אויף דער באָרד,
די אָרעמס אויף דער ברוסט פאַרפלאָכטן,
גיט ער זיך אַ קער צו דעם באַבוניצער:
— דערציילט וואָס טוט איר, שלמה, אויף צו מנצח זײַן די גאווה?
דער קופּישקער, ער האָט צעבראָכן זײַנע ברילן,
בשעת ער האָט זיך איינמאָל אויפן גאָס פאַרקוקט:
וואָס טוט איר צו צעברעכן אייער ווילן? —
ס׳האָט שלמה׳לע זײַן קעפּל אין די אַקסל ציטעריק פאַררוקט,
ווי אַ לאָם אַ בידנע אין אַ האָגל, —
און ר׳ אַבאַ, שוין אין מוסר׳ן אַ רגיל,
בלייבט אַ רגע זיצן אַ פאַרלאָשענער, פאַרטיפטער,
באַלד נעמען זײַנע אומהיימלעכע אויגן ווידער גלאַנצן:
דער קופּישקער, ער איז שוין איצט אַ נפטר,
ער פלעגט זיך אָפּגעבן אינגאַנצן,
אַמאָל האָט ער אַ ווינטער, זײַנע פינגער אָפּגעפראָרן,
געטראָגן יעדן טאָג אַ חולה אינעם הקדש עסן. —
באַבוניצער. צי פילט איר אייער אייגענעם חסרון,
ווי דעם ווייטאָג פון אַן אָפּגעהאַקטן פינגער,

איר זאָלט אָן אַלע מעלות אייערע פאַרגעסן ?
וועמען ווילן מיר עס נאַרן, וועמען ?
פאַרוואָס־זשע ווילן מיר זיך דוקא מאַכן גרינגער ?
ס׳איז אַ חרפה פאַר מבקשים זיך צו שעמען !
וואָס טוט איר, שלמה, העכער אָנצוזאָגן ?
וועלדער זענען דאָ — טאָ לאָמיר גיין דאָרט לעבן מיט בטחון !
דער מענטש איז שטאַרק גענוג פון אַלץ זיך אָפּצוזאָגן. — — —
אין שלמה׳ס באַקן נעמט דאָס בלוט זיך זאַמלען,
ביז ער קלייבט צוזאַמען מוט אַרויסצושטאַמלען :
— איך האָב מיין פוטער אָפּגעגעבן,
און געגאַנגען אָן אַ מאַנטל ביז אין טיפן ווינטער, — — —
אויף ר׳ אַבא׳ס ציינער נעמט אַ שמייכל שוועבן,
פאַרמאַטערט שליידערט ער אַוועק זיין קאָפּ אַהינטער :
— וואָס זאָגט איר, כלאָוונע, צו אַזאַ פעולה ?
באַזאָכט און רואיק ענטפערט כלאָוונע :
— דאָס איז אַ גרויסער פרט — דאָך קען געשען
עס זאָל אַ מענטש אפילו מקריב זיין דאָס לעבן —
די וועלט זאָל אָבער וויסן עס, און זען...
שלמה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ :
— האָט ווער געוואוסט אַז איך האָב אויסגעטאָן מיין פוטער ?
כלאָוונע שמייכלט רואיק אָפּ :
— מען קען טאָן גוטס — און דאָך ניט זיין קיין גוטער...
אַזוי האָט ער געזאָגט, און ווייטער שוין געשוויגן,
ר׳ אַבא האָט גענומען אויפדאָסניי זיך וויגן :
— געוויס ווייסט איר דעם משל פון ר׳ שמחה זיסל :
אַלע וועלן לויבן עמיצן, וואָס היט אַ קראַנקן,
דערוויסן מיר זיך, אַז ער נעמט אויך געלט אַביסל,
איז, אין תוך, אים שוין ניטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען, —
דערזעט דער ראש־הועד אין שלמה׳ס אויג אַ טרער,
נעמט ער אים באַרואיקן : באַבוניצער, ס׳איז שווער
צו ווערן אַ מחבר, — לייכטער איז צו ווערן אַ מבקר — — —
קלעמט זיך ניט, איר שטייט ניט אָפּ פון אַנדערע, — — —
כלאָוונע האָט דערפילט דעם שטאָך,

זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל צעפֿלאַקערט,
דאָך וואַגט ר׳ אַבא ניט צוזאָגן עפּעס נאָך...

דאָ האָט דער וואַרשעווער דערזען אַ שעת הכושר,
ער כאַפּט אַרויס אַ ביכעלע פון קעשענע, און שרייט:
— כ׳האָב אויך פאַרשריבן פּעולות גאָר אַ פולע...
ר׳ אַבא גיט אַ טאַפּ אים מיט די אויגן פון דער זייט,
און זאָגט מיט איינגעהאַלטענעם געבייזער:
— אַ קאַרליקל האָט זיך צעשריען ביי דער נאַכט.
די וויג איז אים צו ענג, ער איז געוואָרן שוין אַ גרויסער,
האָט מען ליכטיק אין דער גיך געמאַכט,
ערשט — עס איז דאָס קאַרליקל וואָס אַלעמאָל,
נאָר עס ליגט צעוואַלגערט אין דער בריט, —
גוואַלדעוועט עס און באַרימט זיך אויפן קול, —
איר פאַרשטייט?..

און ווידער ציט ר׳ אַבא אויס זיין טויטע האַנט:
— יוסף קאָוולער, גיט אַ תקיעת־כף
קיינמאָל פון נאָוואַרדעק ניט אַוועקצוגיין,
אפילו אויף אַ ווײַלע,
צו אַרבעטן אויף זיך אַליין,
און לערנען מוסר בהתפעלות...
שלמה׳לע באַבוניצער קוקט אַ פאַרקלעמטער,
און דרייט אַוועק זיך אַ פאַרשעמטער,
געדענקט ער ווי מען האָט אויך אים אין רוסלאַנד איינגערעדט,
ער זאָל מיט די נאָוואַרדיקער אין פוילן פאָרן? —
ער קוקט אויף יוסף קאָוולער, אויף ר׳ אבא׳ס אויסגעשטרעקטער האַנט,
זיי דריקן שוין די טויטע האַנט פון כמה יאָרן, — — —
יוסף שטעלט זיך אויף, ער קוקט זיך אום אין ווייבער־שול,
ווי ער וואָלט הילף געזוכט אין חדר, —
דאָס ווייבער־שולכל איז מיט שאָטנס פול,
און יוסף זאָגט פאַר׳יאוש׳ט: כ׳טו אַ נדר
קיינמאָל פון ישיבה ניט אַוועקצוגיין,
אפילו אויף יום־טובים ניט צו פאָרן אין דערהיים — אין קאָוול...

און אין זיין שבועה קלאָגט געוויין,
ווי אין דעם ערשטן קדיש פון אַן אבל, — — —

און שטיל איז אין ביינאַכטיקן בית־מדרש, שטיל,
נאָר אין ווייבער־שולכל וויגן זיך די שאָטנס,
אויפן באַלקן, אויפן דיל.
און ס׳הוידען אויף די ווענט זיך טלית־קטנ׳ס...

חשבון הנפש

דער שלעפעריקער וועד האָט זיך אין גאַס צעשיידט.
יוסף קאָוולער האָט זיך אויף אַ באַנק צונויפגעדרייט,
ער איז געלעגן אינעם ווייבער־שולכל און גע׳חלומ׳ט פון דער מאַמען.

ס׳האָט כלאָוונע אַ געערגערטער אַהיים געשפּאַנט,
ס׳איז פריקרע אים געווען ווען ער האָט זיך דערמאָנט,
אַז ער באַדאַרף מיט דעם פאַרקוועטשטן אָסטראָוואָלער נעכטיקן צוזאַמען...
און אין דער צייט האָט אומגעשפּרייזט דער אָסטראָוואָלער אין קוואַרטיר,
ער איז געלעגן שוין — און אויפגעשטאַנען ווידער,
ער פלעגט אַ קוק טאָן יעדע רגע אויף דער טיר,
אַן אומרואיקער, אַ צעבראָכענער, אַ מידער,
ער האָט געהאָרכט אַ שטאַרער, אַ באַנומענער
דעם דורשטיקן געוויין פון זיינע גלידער,
געכליפּעט האָט זיין גוף, אַן אָפּגעצערטער, אָפּגעקומענער,
ווי אַ קינד פאַרלאָזן אין דער נאַכט, —
האָט ער זיין קאָפּ פאַרגראָבן אינעם קישן,
געוואָלט זיך מיט דער פינצטערניש פאַרמישן,
נאָר אומעטום האָט ער זיין הייסן לייב געפונען, —
זיין גוף האָט אים געברענט,
תאווה׳קע דמיונות האָבן אים פאַרשפּונען,
און אַריינגעדרייט צווישן זיינע היפטן — זיינע הענט...
אַ, דער גהינום האָט אַרויסגעשאָסן פון זיין בעט אין פייער־צונגען,
איז ער ווי פון אַ ברענענדיק הויז אַראָפּגעשפּרונגען,
און אַ נאַקעטער גענומען אומלויפן אין חדר,
און אַז ער זאָל ניט מיט זיין לייב אַליין פאַרבלייבן,

האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן קליידער, — — —
און דעם קאַלטן שמייכל פון דעם ראש־ישיבה׳ס בת־יחידה
ניט געקענט פאַרטרייבן...
ער האָט אַריינגענומען אין די הענט זיין קאָפּ, דעם מידן.
אים, דעם עלטסטן, וואָס דער ראש־ישיבה קען זיך ניט אַ ריר טאָן אָן אים,
קען פאַרבייטן כלאָוונע — עפּעס דאָרט אַ יינגל מיט אַ שיין פּנים...

די טיר האָט זיך געטאָן אַן עפן.
כלאָוונע האָט צוריקגעקערט זיך פון ר׳ אַבאַ׳ס וועד,
האָט ער גערעכנט איצט צו טרעפן
דעם אַסטראָוואָלער אומגיין מיד און מאַט?
דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אויפגעשטעלט,
דעם מאַנטל ביזן קאָלנער צוגעקנעפּלט:
— אויפן טיש ליגט אייער חלוקה־געלט,
אין עלמערל ליגט ברויט, אין קיך שטייט טיי אין טעפּל, —
ער האָט זיין ברייטע גאָמבע אינעם קאָלנער ביזן מויל פאַררוקט.
און אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, —
ס׳האָט כלאָוונע לאַנג נאָך אויף דער טיר געקוקט,
דער שמייכל פון זיין פּנים איז אַראָפּ...

דער אַסטראָוואָלער איז געהונקען דורך די אומעטיקע געסלעך,
געוואָקלט זיך אויף די צעדרייטע טראָטואַרן,
ער האָט געוואָלט מבטל זיין זיך, און ווי אַש צעשאָרן, —
ווי זיין קראַנקן הינקעדיקן פוס
איז איצט אים איבעריק זיין גאַנץ בידנע לעבן;
דאָס גאַנצע מוסר לערנען איז אַ שטות,
אויב דאָס קען ניט קיין מנוחה געבן.

דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרוואונדערט,
די געסלעך האָבן זיך געשטויסן אַרום אים — צונויפגעפּלאָנטערט.
האָט ער געפּרואווט איעדע גאַס צו אויסטיילן באַזונדער:
אָט־איז דער וועג צום קיך; און אָט דערקאָנט ער
דאָס געסעלע, וואָס פאַלט אַריין אין ראש־ישיבה׳ס טיר, —
אַנטקעגן פירט צו דעם בית־מדרש אַ בית־עולמ׳דיקע וואַנט,
דאָ גייען אָפט די בחורים אין אָוונט אויף שפּאַציר,
פאַרנעמט דער אַסטראָוואָלער זיך צום קלויז.

חיים גראַדע

אַ בית־הקברות שטייט אינמיטן שטאָט,
איידער נאָך די גאַסן האָבן דאָ אַ פלייץ געטאָן, ווי שטורעמדיקע טייכן.
איצט שטומט ער, אָן אַ־ומגעצויגענער מיט דראָט, —
זאָל ער זיך מיטן אַלטן פעלד פאַרגלייכן?
דער קופישקער, צו אונטערדריקן זיין פחדנות,
פלעגט גיין אין מתים־שטיבל שלאָפן אויף די טהרה־ברעטער,
נאָר ער צו אונטערדריקן זיינע גלוסטונגען — צי וועט ער
לייגן זיך אויף שטעכעדיקן דראָט?
אַ, ניין, ס'איז אויף זיין גוף, דעם אויסגעפייניקטן שוין אַ רחמנות,
זיין קראַנק האַרץ אַ שאָד...
אַ בית־הקברות שטייט אינמיטן שטאָט,
דאָס לעבן פאַלט צו ביז דער וואַנט און שטאַרבט מיט איינמאָל אָפּ,
די הויכע פענצטער קוקן אויף דעם גרינעם פעלד אַראָפּ,
נאָר די ענימת'דיקע קברים שמייכלען שטילערהייט:
אַ, הויכע מויערן,
האָט איר פאַר זיך כאָטש קברים אָנגעגרייט?..

דער אַסטראָוואָלער איז געזעסן אין באַנאַכטיקן בית־מדרש און געוויגט
זיך נאַכאַנאַנד.
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דעם שטערן איינגעדריקט אין שטענדער־קאַנט,
די אויגן צוגעמאַכט, די פינצטערניש זאָל זיין נאָך גרעסער.
און מיט דער קברים־שטים, ווי מיט אַ מעסער,
געוואָלט אַרויסשניידן פון זיך די טריפה אָדערן:
ווי קומט עס אַ בעל־מוסר זאָל גאָר האָבן תּביעות —
אַ נאָוואַרדיקער זאָל פאָדערן?
„האָט איר שוין אָנגעגרייט זיך קברים?"
און ווי מען פּרואווט אַרויסנעמען פון טייך אַ שטיין אַ שווערן
האָט ער געפּרואווט אַרויסנעמען פון זיך דעם ביטערן פאַרדרוס:
אויף וואָס האָט ער אַזויפיל יאָרן מוסר אָפּגעלערנט?
גיט עס אים ניט קיין מנוחה —איז עס שטות...
„האָט איר שוין אָנגעגרייט זיך קברים?" —
אַ שקר קען מען נאָר באַרעכטיקן דורך נייע שקרים, —
ער האָט זיין קאָפּ אַכזריות'דיק אין שטענדער־ראַנד געשלאָגן,
און ניט אויפגעהערט אין שטענדער־לאָך אַריינצוקלאָגן: —

וואָס־זשע איז געווען דער שקר פון זיין לעבן?
ער איז אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד און אוקריינע,
געבושעוועט האָט הונגער, די מלחמה און מגיפה,
און זייער אַלטער רבי, ער, און די חברים זיינע,
פלעגן כאַפּן ייִנגלעך, ווי פון אַ שריפה;
געלויערט אין די שטעט, אויף אַלע באַנען,
אַרומגעגנישטערט אין דער שטעטלדיקער סביבה:
„— וואו פאָרט אַ בחור׳ל? וואוהין — פונוואַנען?"
און אַוועקגעפירט גלייך אין ישיבה.
שלמה׳לע באַבוניצער און כלאַוונע — אַלע יונגע וועד״ן.
האָט ער נאָך דאָ געבראַכט אין קורצע הייזלעך ביז די קני,
איצט וועט קריגן כלאַוונע אי דעם ראש־ישיבה׳ס טעכטערל, און די
ישיבה אויך — אין נדן...
דער אַסטראַוואָלער פילט אין קאָפּ אַ שווינדל, און אין האַרץ — אַ ברי:
אפשר דעמאָלט ווען מען האָט געפירט זיי צען מאָל שיסן,
געשוואָלענע פון הונגער, אַנגעעטעמטע מיט טויט,
צעלייגטע פון כאָלערע, און פון קרעץ צעביסן, —
אפשר דאַן אַנשטאָט צו זיין אַ באָלשעוויק,
איז ער געוואָרן גאָר אַ מוסר׳ניק?..
„האָט איר פאַר זיך כאָטש קברים אָנגעגרייט?" —
דער אַסטראַוואָלער האָט געזוכט פון זיך דעם פלאַם אַרויסצוקריגן,
ווי פון שטיינער־פייער פאַר אַ קנויט:
קען זיין, אַז ער איז פרום געווען בלויז אין דער נאָנט פון אַלטן רבי׳ן.
עס פלעגט אים וואַרימען דעם אַלטנס שטים, —
מען קען אַמאָל אויך פאַר אַ תורה מקריב זיין דאָס לעבן,
ניט צוליב זיין אמת — נאָר צוליב אָט־די, וואָס טראָגן אים...
דער אַסטראַוואָלער האָט גענומען העכער וואַיען,
ער האָט געשלעפּט פון זיך מיט גליאיקע אָפּצווענגען:
ס׳איז שווער אַריבערטראָגן אַ פאַרשטאַנענעם בזיון,
און צען מאָל שווערער, ווען מען ווייס אפילו ניט־פאַרוואָס?
אין וואָס באַשטייט זיין ביטערער פאַרדראָס:
ווייל ער האָט זיך יאָרן־לאַנג פאַרוויגט אַליין?
און כאָטש מען האָט אים גאָרנישט צוגעזאָגט — און אָפּגענאַרט
ווייס ער, אַז דער ראש־ישיבה האָט געוואוסט זיין מיין,

און קיינמאָל ניט, אפילו פון דער צייט, זיין פאַלשע האָפענונג צעשאָרט;
אפשר איז באמת מיר אַ שאָד די תורה און די מי —
ענטפערט זיך אַליין דער אַסטראָוואָלער אין וויכוח —
אַז אַ בחור׳ל, וואָס האָט ניט לאַנג געטראָגן הייזלעך ביז די קני,
זאָל איבערפירן דעם בית־מדרש מיט זיין רוח?
אָ, ניין, ער מיינט עס ניט לשם שמים!
ער וועט זיך מודה זיין — ווי גרויס ס׳איז ניט דער וויטאָג:
אים אַרט ניט פאַר דעם גייסט דעם נייעם,
נאָר וואָס ער, דער אַסטראָוואָלער, איז שוין מער ניט נויטיג...
דער אַסטראָוואָלער נעמט נאָך העכער קלאָגן:
זאָל זיין, אַז זי — איז עס געווען דער מיין פון זיינע יאָרן?
ווי לאַנג עס ווייס ניט קיינער, וועסטו זיך אַליין ניט אונטערזאָגן
דיין באַהאַלטענעם חסרון...
דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אָנגעבויגן,
ווי ער וואָלט עפּעס פון דער טיף אַרויסגעצויגן,
און די ציין פאַרשצעמעט:
געמיינט האָט ער, אַז זי גייט נאָך אַ פרומע זיינע טריט,
וויל ער — קען ער זי גלייך נעמען,
און זי — וויל ניט!..
ער האָט געמיינט זיין פרישות איז אַ פרייע, ניט געצוואונגען,
אַלץ איז נאָר אָן אים געווענדט.
איצט זעט ער:
די וועלט דערוואַרט אים ניט מיט אויסגעשפרייטע הענט, — — —
און ס׳איז דער אַסטראָוואָלער אויפגעשפרונגען —
ער האָט זיין צער דערקענט.
ער פלעגט אין הייסע נעכט זיך טרייסטן:
זיי שטאָלץ, דו ביסט אַ פרוש — אָבער אייגנוויליק!
און איצט — ער איז גאָר אַ געצוואונגענער אַסקעט. —
עס וועט פאַרשטיין דעם חילוק,
דער — וואָס עס דערהערט, און עס דערזעט.
ער האָט אַרומגעווישט זיין שוויס.
און אויפגעשטעלט זיך ערנסט, פייערלעך, און בלייך;
ביי זיין גאַנצער מאַטערניש און גרייס,
האָט ער, דער אַסטראָוואָלער, ניט געקענט דערגרייכן,

וואָס אַ ייִנגל האָט דערגרייכט.
דער אַסטראָוואָלער האָט צוריק זיך אין אַ ווינקל איינגעטוליעט,
דער שטורעם אין זיין האַרץ האָט אָפּגעהוליעט;
איצט וועט ער זיך לאָזן שטייגן צו אַ זעלכע הייכן,
וואו עס וועט ניט קיינמאָל שטייגן דער —
וואָס קריגט אין לעבן אַלץ, קען אַלץ דערגרייכן,
ווייל דער וואָס קריגט ניט — קען דערגרייכן מער.

זיין גוף דער אָנגעצויגענער, דער אָנגעשפּאַנטער,
האָט אָפּגעציטערט, ווי דער שטריק פון אַ באַפרייטן בויגן,
ער האָט געזונגען איצט דאָס ליד פון ר׳ ישראל, דעם סאַלאַנטערס,
און מיט ברענענדיקן טרערן האָבן מיטגעזונגען זיינע אויגן:

אָדם —
דער מענטש איז אין זיין דמיון פריי,
און אַ געבונדענער — דורך זיין געדאַנק.
זיין דמיון קרייזט אַרום זיין האַרץ,
ווי אַ רויב־פויגל אַרום זיין פאַנג.

אין זינד ליגט די באַשטראָפונג,
און זאָל אַ מענטש נישט זאָגן:
פאַרוואָס זאָל איך אַ פרעמדע שטראָף
בחנם דאַרפן טראָגן?

אָ, קיינער קומט דיר ניט צו הילף,
דיך אויסצולייזן פון יסורים,
זאָל ווערן דער געדאַנק דיין רודערער,
און ער וועט פירן דיך אין שטורעם.

דער אַסטראָוואָלער האָט דאָס פּנים פון די דלאָניעס אויפגעהויבן,
עס האָבן אָפּגעציקט פון זיין געזיכט די לעצטע בליצן.
דאָס גרויע טאָג־ליכט איז אַריינגערונען דורך די שויבן,
און אַ פאַרגליווערטער איז ער געבליבן זיצן.
ער האָט דערהערט אַ כליפּן אַ פאַרוואָרגענעם,
האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און ווי אַ בלינדער,
וואָס גייט נאָך דאָס געוויין פון זיינע קינדער,

געלאָזט זיך פירן פון דעם כליפּן, דעם פאַרבאַרגענעם:
יוסף קאָוולער איז געלעגן אויפגעדרייט אין ווייבער־שול,
איינגעדעקט אין מאַנטל און אין פיבער,
די אויפגעריסענע שוואַרצאַפּלען טרערן־פול.
די בענקשאַפט אין זיין האַרץ אַריבער:
ער האָט געזען אין גרויען שטיבעלע זיין מאַמען.
פאַרטאָג. זי וויינט, די אָרעמע, אַן עלנטע, און שפּל —
און פון דער ווייט האָט ער געוויינט מיט איר צוזאַמען..

די בירזשע

אין קלויז האָט איינגעשטילט זיך שוין דאָס גוואַלד,
ווי דער האַנט־פּאַס, זיינען שוין די העלדזער טרוקן.
עס איז נאָך האַלבער טאָג — דאָך פאַלט
די מידקייט, ווי אַ ברעכעניש אַריין אין רוקן.
מען האָט שוין אָפּגעקריגט זיך ביי דער גמרא,
און אויך די האַלבע שעה מוסר אָפּגעשריען,
געיאָגט פון זיך דעם יצר הרע —
ווי לאַנג וועט נאָך דער סדר זיך פאַרציען?
כאַפּט מען אויף דערוויילע זיך אַרויס,
איינגעהויקערטע און דורכגעקעלטערטע אין בית־הכסא.
נאָר דאָרט איז אויך, להבדיל, ווי אין קלויז
פול — — — — — — — —
שטייט מען ווי ביי שמונה־עשרה רייען אונטער רייען,
מען היט נאָר יענעמס געלע ציצית ביז די טריט. —
פון קלויז פאַרבלאָנדזשען פרומע אויסגעשרייען,
דאָ רעדט מען אָבער נישט.
נאָר ס׳טרעפט, אַז עמיצער פאַרמאַכט זיך מיט אַ שטיקל צייטונג
אין אַ קעמערל — און לייענט...
מיטאַמאָל דערהערט ער — ווייי, ר׳ אַבא קלאַפּט אין טיר,
פליט ער פון דעם קעמערל אַרויס געשווינדט,
אַזוי ווי אַ צערייצטער ביק פון קו אַראָפּגעטריבן, —
נאָר ר׳ אַבא, שוין אין אַלע בית־הכסא׳ס אויסגעריבן,
בויגט זיך איין, און ער געפינט...

און מיט דעם ריח פון דעם אָסיען־ווינט,
און פון השתנה,
וואַרפט מען זיך אַריין אין דעם בית־מדרש אָפּגעפּרישט.
מען שרייט די בית־הכסא־פּסוקים מיט כוונה.
עס פּאַלט אַ פּאַטש אין טיש,
צעשטעלט מען זיך צו דער פּאַר׳מנחה׳דיקער „בירזשע״,
(מען רופט אַזוי ביי די נאָוואַרדיקער די שעה ווען פאַרן
גייען אום און שמועסן פון תשובה־טעג, און אייגענעם חסרון.)
דער וואַרשעווער האָט זיךביים קאַפּעטקעוויטשער געשטעלט,
דער ווילנער לעבן קורצן טראָכנבראָדער; דער באַבוניצער—ביים לאָנגן,
און ווי די שעפּעלעך, וואָס גייען די באַראַנעס נאָך אין פעלד,
זענען מוסר׳ניקעס יינגערע געהאָרכזאַם נעבן עלטערע געגעאַנגען
צו דער הייליקער עבודה, —
נאָר כלאַוונע האָט פאַרשפּעטיקט... בלייבט ער ביי דער טיר, —
ער זעט: דער אַסטראָוואָלער דרייט אַליין זיך אויפן מזרח, —
געבליבן זענען פון דער בירזשע אויסן ביידע...
דער אָסטראָוואָלער דרייט זיך אויפן מזרח צווישן בענק,
זיין טיגעריש געזיכט איז היינט נאָך האַרטער,
די נידעריקע אַקסלען — שטרענג,
כלאַוונע קווענקלט זיך: דאָס וואָרט ער — — —
זאָל איך צוגיין?
דער אָסטראָוואָלער אָבער קען אַ בחור׳ל נאָך נעמען,
ער דרייט זיך אויס צום שוועל,
און קנייטשט אַזוי צונויף די ברעמען —
אַז כלאַוונע גלייכט זיך אויס, ווי צום באַפעל,
ער שפּאַרט זיך דורך דעם ליאַרמדיקן עולם,
און שטעלט זיך אָן אַ וואָרט, ביים אָסטראָוואָלערס זייט,
דעם אָסטראָוואָלערס קינבאַק שניידט אַרויס זיך האַרט,
צערודערט שמייכלט כלאַוונע אין דער ווייט,
און וואָרט...

דער עולם איז אין שמועס שוין צעוואַרימט,
עס שאַרן, שאַרן פיס, אַזש ס׳הויבט זיך אויף אַ שטויב,
ווי ס׳וואָלטן הונדערט וועגענער געלאַרעמט,

אַט שפּאַנט פאַרביי דער קורצער טראַכנבראָדער,
אַ ראַזעווער, אַ פולער, און אַ שטאַרקער, ווי אַ יאָדער,
די לאַנגע שמאָלע הויזן פלאַצן אויף זיין קרעפּקן גוף,
ציט ער זיי כסדר מיט דער לינקער האַנט אַרויף,
און דרייט זיך יעדע רגע אום מיט כעס,
אויף זיין חבר דעם שלימ־מזל, דעם פאַרשפּיצטן פלאָקן,
וואָס האָט אויף דער קוואַרטיר פאַרטוישט די הויזן היינט אין האַסט, —
דער לאַנגער טראַכנבראָדער קוקט צעשראָקן,
ער ווייס בפירוש נישט פאַרוואָס דער קורצער קוקט מיט אַ רציחה,
ער האָט נאָך זיינע דאַרע פיס פון אַ באַטשאַן,
נישט באַמערקט אפילו אין די פרעמדע ברייטע פלודערן, —
דעם קורצן אָבער איז די בירזשע היינט ניט ניחא,
ער האַלט כסדר מיט די אַרעמס אין איין רודערן,
און חיים ווילנער וויל אים אָניאָגן אין שפּאַן,
ווי אַ לאַשיקל — די קלאַטשע...
פון הינטן דער למדן — דוד קאַפּעטקעוויטשער, צעוואַקסן, הויך,
ער גייט באַזאַכט, און קאַטשעט,
ווי אַ פאַס פאַראויס זיין בויך, —
און ווי אַ וועווערקע פון סוק צו סוק,
שפּרינגט דער וואַרשעווער אַרום דעם למדן כיטרע, קלוג.

אויף דעם אָנגעקערטן מזרח הינקט אַרום דער אַסטראַוואָלער,
ער פּילט ביים זייט דעם שלאַנקן תלמיד — און נאָך שאַרפער
שפּירט ער איצטער ס׳אַר אַן איינגעבראָכענער ער איז, און ס׳אַר אַ שמאָלער, —
די מוסר־נאַכט האָט נאָך זיין האַרץ נישט דורכגע׳שרפ׳עט...
כלאַוונע איז אוודאי שענער,
שיין — און צוויי מאָל העכער,
ס׳איז פשוט: פרויען האָבן ליבער הויכע מענער,
דאָס ווייסן שוין אפילו פייגל אויף די דעכער,
נאָר ער, דער קלויזניק, האָט עס ניט געוואוסט, —
און ער דערפילט די צופעניש אין קראַנקן פוס,
און אפשר — גיט ער זיך אַ כאַפּ ביים שטערן,
ער הערט אַ שניי־ווינט און אַ מישעניש אין קאָפּ, —

און כלאַוונע זאָל ניט זיין געדאַנק דערהערן,
לאָזט ער זיינע אויגן צו דער ערד אַראָפּ:
אפשר איז זי טאַקע גאָר אַ יידישע, אַ פרומע טאָכטער.
האָט זי, דעם ראש־ישיבה׳ס בת־יחידה אָפּגעפילט,
אַז דער אַסטראָוואָלער איז בלויז אַ בעל־תאוה אַ צעקאָכטער, —
ער שפירט ווי ס׳ווערן אים די הענט פאַרקילט: —
און כלאַוונע איז, אין אמת׳ן, אַ רואיקער, אַ שטילער,
גאַנץ אין מעשים און געדאַנק — אַ קילער, —
און דער אַסטראָוואָלער גיט אויף כלאַוונען מיט אַזוי פיל האַס אַ קוק —
אַזוי פיל האַס און קנאה אין די בלאַנדזשנדיקע אויגן,
אַז כלאַוונע גיט אַהינטער זיך אַ רוק,
ווי אַ דראַגונער וואָלט אויף אים אַרויפגעפלויגן, —
נאָר באַלד דערפילט ער זיינע הויכע אַקסל, שטייפע ריפּן;
זיין יונגן פריילעכן און גלייכן טראָט,
און ער צעבייסט אַ שמייכל מיט די ליפּן,
אַ שמייכל פון נצחון און פון שפּאָט...

דער קורצער טראָכנבראָדער קלינגט שוין הילכיק, ווי אַ גלעקל,
ער האַלט, אָן אויפהער, אין איין צושפּילן דאָס רעקל,
און להכעיס שפּילן זיך די קנעפּלעך אָפּ,
ער דרייט דעם גראָבן פינגער, קוועטשט מיט טראָפּ:
די מעשה איז פאַרקערט גאָר, — שרייט ער ווי זיין שטייגער איז,
און טרעט זיין צוהערער, דעם ווילנער אויף די פיס: —
די מעשה איז דאָך גאָר פאַרקערט,
ווי שטייט אין נביא: „הערן האָב איך שוין געהערט,
אפרים טוט באַדויערן:
דו האָסט מיך געשטראָפט— און איך בין אַ געשטראָפטער,
ווי אַ ניט־געפּרואווט קאַלב,״ —
די מעשה איז פאַרקערט — אַ מענטש וואָס האָפט ער,
אויב ער טוט בלויז תשובה האַלב?
אויב אַ מענטש אַנטזאָגט זיך פון זיין עבר בלויז פאַר לייטן,
און ווערט נישט, ווי אַן עופ׳ל — ניי געבאָרן,
און וועט זיך נישט אין זעלבן טאָג צו בעסער צענמאָל בייטן,
איז ער נאָך קיין בעל־תשובה נישט געוואָרן.

חיים גראַדע

פּאַרקערט,—דער קורצער וואַרפט זיין גראָבן פינגער אין דער לופט אַרויס,
און קערעווועט מיט חיים ווילנער פלינק זיך אויס.
פון הינטן שטעלט דער לאַנגער טראַכנבראָדער שטילע טריט,
די הויטיקע בלוט־אָפּגעצאַפּטע באַקן
באַוועגן מיט די געלע ציין, — דאָך הערט מען זיינע ווערטער נישט.
הייבט זיך שלמה אויף די שפּיץ־פּיס אונטער,
און דער לאַנגער פּליסטערט: פּאַרפּאַלן, איינמאָל שוין פּאַר אַלעמאָל:
„גייסטו נישט אַרויף, איז מוסטו גיין אַרונטער.״
פּאַרפּאַלן, פּאַרפּאַלן — חזר׳ט ער כסדר מיט אַ טויט קול,
שאָקלט מיט זיין לאַנגער נאָז דערביי,
און גייט מיט שלמה׳לע באַגוניצער פאַרביי. —
דער למדן דוד קאַפּעטקעוויטשער — ער קוקט אַרום זיך מיט פאַרדאַכט,
ער זאָל נישט חס־ושלום, אויסשיסן אין אַ געלעכטער.
דער ממזר׳וק, דער וואַרשעווער, ער לצ׳עוועט און לאַכט.
ער לעסטערט אַלעמען, און אַלץ פאַרשוועכט ער:
ר׳ דוד — שטורכעט ער דעם קאַפּעטקעוויטשער און שמייכלט: —
איר זעט דעם טלית־קטן אויפן הינטער־טייל — ס׳איז אַ פּרוכת.
און הינטער דעם געפינען זיך צוויי תורות אין אַ היכל — — —
דער למדן האַלט זיך מיט די לעצטע כחות
אין געלעכטער נישט אַרויסצופּלאַצן,
ער קוקט זיך כלומרשט אום אין דעם בית־מדרש,
ער נעמט די פעטע גאָמבע פרום זיך קראַצן,
און הויך: איר ווייסט דאָך, וואַרשעווער, דעם מדרש — — —

דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים עמוד.
די אָרעמס אָנגעשפּאַרט אָן ברעטל ווי צום דאַווענען,
פאַרשטעלט דאָס פּנים, און גערעדט צו כלאָוונען:
דער גרעסטער חוטא איז געווען ירבעם בן נבט,
האָט אויפגעשטעלט צוויי קעלבער: דאָס איז אייער גאָט!
גאָט האָט אים געזאָגט: טו תשובה, טו,
מיר וועלן זאַלבעדריט שפּאַצירן אין גן־עדן,
בן ישי, איך, און דו,
פרעגט דער רשע: ווער — דער ערשטער פון אונדזביידן?
אויב ס׳וועט זיין דער ערשטער דוד,

ווײל איך נישט דעם גאַנצן כבוד, — — —
דער אַסטראָוואָלער נעמט די הענט צו פון די אויגן מיטאַמאָל,
און אונטערערדישער געדונער הערט זיך אין זײן קול:
— ווי גרויס דאַרף זײן דער חוטא,
וואָס זאָגט זיך אָפּ פון גאָטס חברותא, בלײבט אַ קללה אויף לדורות,
אַבי נישט זײן דער צווײטער? —
כלאַוונע לויערט מיט פּאַראיבל און מיט מורא:
וואו ווײל אים דאָ דער אַסטראָוואָלער כאַפּן?
דאָך שמײכלט ער: עס זאָגן די חז״ל — — —

ס׳גיט זיך די בית־מדרש טיר אַ פּראַל.
ר׳ אַבא פּאַלט אַרײן מיט אַ געיאָמער,
אַז עס בלײבט די גאַנצע בירזשע מיט אַן אויפגעריסן מויל, —
ר׳ אבא שרײט: נישטאָ מער, אוי, נישטאָ מער,
איך האָב אים שוין געזוכט אי דאָרט, אי דאָ,
נישטאָ — ער איז אין ערגעץ שוין נישטאָ.
דער גאַנצער עולם שרײט אויס: ווער?
ר׳ אַבא קרעכצט, ווי מיט צײנער אָנגעשוואָלענע:
דער קאָוולער! יוספ׳ל, ער איז אין ווײבער־שול געשלאָפן —
און פאַרטאָג אַנטלאָפן...
ר׳ אבא נעמט נאָך ווילדער אומלויפן אין קלויז:
אַזוי פיל מוסר אים געלערנט,
איך בין שולדיק, שלײדערט מיך אַרויס,
ער וועט קאַליע ווערן, אוי, וועט קאַליע ווערן, —
און ווי אַן אָפּגעברענטע חיה נעמט ער הוילן...

שלמה׳לע באַבוניצער צעעפנט זײנע תמימות׳דיקע אויגן,
ער דערמאָנט זיך זײן אַוועקפאָרן אין פוילן:
די הענט אַראָפּגעלאָזט, אין שוואַרצן שאַל,
שטײט אַן אײנגעשרומפּענע די מאַמע בײם וואָקזאַל,
עס שרײען אירע גרויע האָר אים נאָך אין ווינט.
די רעדער רודערן, דאָך הערט ער פון דער ווײט איר האַרץ קלאַפּן,
ער זעט פון באַן־טיר אירע ליפּן ציטערן: מײן קינד,
איר שאַלכל פליט, ווי זי וואָלט אים נאָך וועלן כאַפּן, —
ער פילט דער מאַמעס שאַלכל פלאַטערן אַרום זײן קאָפּ,

אין שלאָף, ביים וועד, ביי דער גמרא, —
און ס׳ווייס נישט שלמה׳לע באַבוניצער: זאָל ער מקנא זיין דעם קאָוולער,
אָדער זען אין אים דעם יצר הרע?..
דער וואַרשעווער כיכיקעט צו דעם קאָפּעטקעוויטשער מיט חוזק און הנאה:
— אויך איך אַנטלויף, ווי איך באַקום נאָר היתר אויף הוראה. —
נאָר דער לאַנגער טראַכנבראָדער איז דערשיטערט,
ער צופּט, דער גלעזערנער, אַ האָר פון גאָמבע,
און מורמלט: אינדערהיים אַנטלאָפן? — שרעקלעך...

פלוצלינג האָט אַריינגעפּלאַצט אַ באָמבע, —
עס קייקלען זיך אַריין צוויי פּעקלעך,
און יוסף קאָוולער שלייכט אַריין — — —
ער ליגט שוין אין ר׳אַבא׳ס אָרעמס איינגעקלעמט, —
יוסף דרייט אַוועק זיין קאָפּ פאַרשעמט:
— איך האָב געוואָלט די מאַמע זען, —
בויגט ער זיך, ווי צו דעם טאַטנס קבר — צו דער ערד.
— איז וואָס געשען?
— איך האָב פון מיטן וועג זיך אומגעקערט... — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
דער אָסטראָוואָלער כאַפּט אָן כלאָונען ביי דער האַנט:
געוועזן איז ירבעם בן נבט אַ רשע מרושע,
נאָר ס׳טרעפט, אַז ס׳טאָר אַ מענטש נישט איבערלעבן שוין זיין שאַנד,
ער טאָר נישט איבערלעבן שוין זיין בושה, — — —
איך — וואָלט נישט צוריקגעקומען! —
און ער דערפילט אַ זאַלציקע נישט גוטקייט אויפן גומען...

די מוסר׳ניקעס גייען

„די מוסר׳ניקעס גייען״!
עס שטעלן אָפּ זיך די פאַרהאַוועטע און טומלדיקע געסלעך,
און ס׳לויפן נייגעריקע אָן די הערינג קרעמערלעך און באַלעבעסלעך.
די קינדער טראָגן זיך נאָך זיי מיט אַ געפילדער,
וואָס ווייטער ווערט די גאַס אַלס לוסטיקער און ווילדער:
„די מוסר׳ניקעס גייען!״
הערצער אויפגעכראַסטעטע, אַרומגעריסענע, און אויסגעדרייטע שיך,

די פּאָלעס — הפקר אויפן ווינט,
די לאַנגע ציצית באַמבלען זיך — זיי איילן זיך געשווינדט
צום מיטאָג אין דער קיך.
„די מוסר־ניקעס גייען!"
זיי לויפן דורך דער גאַס— אַדורכן גהינום פון נסיון,
מחנות־ווייז, ווי היישעריקן דורך די פייערן אַרום אַ פעלד;
אַ מוסר׳ניק וועט זיך אַליין אין גאַס נישט טרויען
צו בלייבן פּנים קעגן פּנים מיט דער וועלט.
„די מוסר׳ניקעס גייען!"
און סטרעפּט, אַז ס׳קומען זיי אַנטקעגן אַ קאָמפּאַניע מיידלעך,
אַרבעטאָרינס ערשט אַרויסגעשאָטן פון פאַבריק,
נעמען זיי זיך דרייען מיט די קלויזניקעס אין דריידלעך,
אַז די נאָוואָרדיקער דערלאַנגען זיך אַלאָז צוריק, —
דעמלט ווערט דער קורצער טראָכנבראָדער רעכט אין כעס,
און נעמט די הצופות וואַרפן אין די זייטן ווי די קניידלעך...
„די מוסר׳ניקעס גייען!"
אַ בחור אויף אַ ראָג פון גאַס,
דרייט אַוועק זיך מיט פאַראַכטונג: שוואַרצע ראָבן!
דער האָריקער ר׳ אַבא גיט אויף אים אַזאַ צעגליטן קוק,
אַז ס׳ווערט אים אומהיימלעך, ער לאָזט זיך מיטן ברוק, —
און ר׳ אַבא זאָגט: מיר עסן ניט נבלה ווי די ראָבן,
מיר דאַרפן בעסער אייך אַ לעבעדיקן האָבן...
„די מוסר׳ניקעס גייען!"
די הענט אַהינטער קומט אַנטקעגן זיי דער דין,
ער שאָקלט מיטן קאָפּ: אַ הילוך — ס׳איז אַ חילול השם,
די מוסר׳ניקעס רינגלען אים אַרום מיט שפּאָטישע העוויות:
וואָס זאָגט איר נישט אויף אים?
איר האָט געהאַט אַ פערטל שעה פון חשבון שוין אין אייער לעבן?
אַ רב זייט איר? — אַ באַלעבאָס!
דער דין כאַפּט זיך אָן ווי פון אַ זעץ — ביים נאָז:
— אַזוי־אַ רעדט מען צו אַ רבי׳ן?..

דער עולם רייסט זיך דורך דער שמאָלער טיר אין קיך,
מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך די מאַנטלען גיך,

די בגדים דרייען זיך אַרום אין אויר,
ביז זיי פאַלן אויף די טישן, אויף די בענק,
דער קורצער טראַכנבראַדער שרייט צופרידן צו זיין לאַנגן חבר;
(איצטער זענען אים די הויזן שוין ניט ענג.)
— די מעשה איז דאָך גאָר פאַרקערט, —
דער לאַנגער טרייסלט מיטן קאָפּ אויף ניין: ס'איז פאַרפאַלן, פאַרפאַלן, —
ער שלעפּט זיין מאַנטל אויף דער ערד,
און אַלע אויסגעהונגערטע געזיכטער שטראַלן.
דער וואַרשעווער דערלאַנגט אויף גיך אַ וויש די פינגער,
און זעצט זיך גלייך אַריין אינמיטן טיש: המוציא,
— נישטאָ קיין ברויט!
דער עולם האָט דערפילט אַ ווייטאָק אין די צינגער, —
ר' אַבא קלאַפּט דעם וואַרשעווער אין פּלייצע:
מילא, איר מוזט צווואַרטן, נישטאָ קיין עצה,
שוויגט — און לערנט זיך דורך שוויגן — ריידן,
דער קורצער טראַכנבראַדער: ניין, ער וועט זיך אויסלערנען בלויז שטומען, —
עס האָט דער וואַרשעווער אַ קוק אַזאַ געטאָן אויף ביידן,
אַז אַלעמען האָט אַ געלעכטער אָנגענומען, —
ביים לאַנגן טראַכנבראַדער מיט די גלעזערנע בלוט אָנגעפּילטע אויגן,
האָט די גרינע נאָז זיך לענגער אויסגעצויגען,
ער שאָקלט מיטן קאָפּ און פּליסטערט:
— איך בין אַמאָל אַן אורח, און איך נעם אַמאָל אַן אורח, וואָס, אַ מענטש איז דען דער שפּייזער?
דער וואַרשעווער פאַרקרימט זיך: קעסט־קינד דו אומזיסטער,
דו בעטלסט אַלעמאָל אין פרעמדע הייזער, —
דער קורצער שרייט: בטבע קען זיין בין איך אויך אַ פרעסער,
באַקלאָגן אָבער וואָלט איך זיך באַדאַרפט, ווען מיר גייט בעסער,
די תורה האַלט זיך נאָר אין נויט, —
אַזוי דערלאַנגט מען פּשט'לעך אָנשטאָט ברויט,
און אגב אורחא קוקט מען אויפן גאַס־טיר פון דער צייט,
ביז דוד קאַפּעטקעוויטשער בלאָזט זיך ווי אַן אייטער:
— נישטאָ קיין ברויט — באַדאַרף מען נישט האַלטן קיין ישיבה־לייט,
קאַרג ישיבות וואו צו פאַרן? — בלאָזט ער אַ באַליידיקטער זיך ווייטער.

עס בלייבט פאַרגאַפּט דער עולם,
דער וואַרשעווער קוועלט אָן — דאָך זיצט ער טויב, פאַר׳גולמ׳ט.
— מזל־טוב, ס׳איז דאָ שוין ברויט!
ר׳ אַבא כאַפּט צוויי לאַבנס און צום קאַפּעטקעוויטשער: האַלט פעסט.
דער למדן ווערט באַגאַסן רויט,
און ר׳ אבא בעט ביי אים זיך העפלעך: עסט.
צייט נאָוואַרדעק האָבן מיר נאָך אַזאַ למדן נישט געהאַט,
מיר וועלן הונגערן נאָר איר ווערט האָבן אַלץ צו זאַט,
אַ קלייניקייט, איר האָט דאָך סמיכה, —
און ר׳ אבא שפּריצט מיט גוי׳ישער רציחה.

אַלע דרייען מיטאַמאָל די קעפּ אַוועק, —
דער אַפּיקורוס משה ליבער קומט אַריין אין קיך,
ער זעצט זיך צו ביי חיים ווילנערס ברעג,
און גראַבט אַריין אין טעלער דאָס געזיכט.

ר׳ אַבא טיילט איצט פליש; ער הייבט אָן פון די ווינקל־בענק,
און ווען ער קומט צום וואַרשעווער,
גיט ער צו דעם צוויטן ווינקל זיך אַ קער,
פאַר׳חוש׳ט, ווי ער וואָלט אין דעם סדר נישט געדענקט,
דער וואַרשעווער קוקט גיריק, בייז, די אויגן קריכן אים אַרויס,
אַט קומט זיין ריי שוין פון דער צווייטער זייט,
דער מחלק מעלדעט קורץ: נישטאָ שוין מער קיין פליש,
דער וואַרשעווער שפּרינגט אויף און שרייט:
— סטייטש?.. ר׳ אַבא שמייכלט קאַלט: איך קען נישט העלפן,
ס׳האָט אויסגעפעלט — עס קען אין קיך זיין דער ערשטער,
ווער עס קומט צום לערנען אַרום צוועלף,—
שלמה׳לע באַבוניצער רוקט אָפּ פון זיך דעם טעלער:
— איך טאָר קיין פליש נישט עסן — זאָגט ער —
אַזוי האָט מיר פאַרזאָגט דער דאָקטער,
און ווי זיין טבע ווערט ער רויט, פאַרשעמט:
— וואַרשעווער, איך בעט אייך נעמט...
חיים ווילנער בויגט זיך אָן צו משה ליבער שטילערהייט:
— כלאָונע, און דער אַסטראָוואָלער עסן נישט אין קיך?
דער אַפּיקורוס וואַרפט אַרויס פון טעלער רייד,

ווי דיביינער פון דעם פלייש אַהינטער זיך:
— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ, ווי לאַנג?
זיי עסן אין דעם ראש־ישיבה׳ס שטוב — יחסנים!
ליבער בלייבט פאַרשטומט... אינמיטן קריכט אַריין אַ פּנים,
און ר׳ אַבא וואַקסט אויס צווישן זיי אין באַנק, —
דער עולם שמייכלט, און דער וואַרשעווער נעמט לאַכן:
ר׳ אַבא היט דער אַפּיקורוס זאָל אַ תּם נישט קאַליע מאַכן...

באַרוועס...

פרייטאָג האַלבן טאָג אויף דער קוואַרטיר,
דער טיש האָט אויסגעפּוצט זיך מיט אַ ווייסן טישטוך,
אפילו די פאַרשמירטע שויבן אין דער טיר,
האָבן שבת־קודש׳דיק אַרומגעווישט זיך.
נאָר כלאַוונע דרייט זיך אום ניט אויפגעלייגט,
ס׳איז אַנגעדראָלן זיין באַשטענדיק צעשמייכלט געזיכט,
יעדע רגע גיט ער זיך צו זיינע פיס אַ בויג —
ער גייט אָן שיך...
ער האָט די באַלעבאָסטע דריי מאָל צו דעם שוסטער שוין אַראָפּגעטריבן,
ביים שיכור, דעם לאַטוטניק, איז נאָך דינסטיק קאַנטיק,
הלוואי וועט זיין די שיך נאָך שבת מאַנטיק, —
דער אַסטראָוואָלער ליגט, און קרעכצט אויף דער קאַנאַפּע,
וואָס גייט ער אָבער איצטער כלאַוונען אָן?
ער קוקט אויף זיינע אָפּגעפּרישטע הויזן, אויסגעפּרעסטע קלאַפּעס,
ער איז אינגאַנצן שבת׳דיק שוין אָנגעטאָן,
און נאָ דיר — שיך...

דער אַסטראָוואָלער ליגט, די פינגער אויף די אויגן ציטערן,
ער ווייס אַזוי אויך אַלץ — וואָס דאַרף ער קוקן?
ער זעט מיט צוגעמאַכטע אויגן כלאַוונעס אומרואיקן רוקן — — —
און זיינע ליפּן ציקן אויס אי יאוש־שמייכל שוין אַ ביטערן:
דעם בחור ציט אין ראש־ישיבה׳ס שטוב — די בת־יחידה...
נאָר ער קען בלייבן ציטערן אויף דער קאַנאַפּע,
אויף זיינע פינגער האָט אַ טרער אַרויפגעקאַפּעט, —
ער רופט ווי דורך אַ חלום אויסגעצויגן, שווער:

— כלאָוונע — יענער ענטפערט נישט, ער קוקט אין גאַס אַרויס;
— כלאָוונע — האַסטיק גיט ער זיך אַ קער:
— וואָס איז? — דער אַסטראָוואָלער פילט: דאָס לעבן רינט אים פון
די פינגער אויס:

— כ׳פיל זיך עפּעס היינט נישט גוט,
וועל היינט אין ערגעץ שוין נישט גיין, —
דער אַסטראָוואָלער ווערט אַלץ שוואַכער פון מינוט:
— פאַסט אָן מיינע שיך... זיי זיינען אייך נישט קליין?
מיר טראָגן, דוכט זיך מיר, דעם זעלבן נומער, — — —
כלאָוונע פול מיט חשד און דרך־ארץ שטייט אַ שטומער. —
פאַרוואָס גאָר דרך־ארץ — ווערט דער אַסטראָוואָלער דורכגעצאַפּלט,
נו — דרייען אויס זיך זיינע הייסע טונקעלע שוואַרצאַפּל,
כלאָוונע שפּרייט פאַנאַנדער זיינע הענט: וואָס רעדט איר?
דער אַסטראָוואָלער זעצט זיך אויף: וואָס איז?
איר דאַרפט דאָך ערגעץ צו גיין? — זעט איר, —
און ער ציט אַראָפּ די שיך פון זיינע פיס...
— ניין, — שרייט כלאָוונע זיך אַליין אַריבער, אַ דערשטיינטער.
דער אַסטראָוואָלער קוקט: וואָס מיינט ער?
— וואָס הייסט? זיי זענען דאָך ניט איינגעשמוצט,
איך האָב לכבוד שבת זיי אַרומגעפּוצט,
וואָס הייסט? איר האָט דאָך שוין געטראָגן מיינע שיך, —
צעשמייכלט ער זיך ווייטאָגדיק — איר זייט געווען גאָר יונג,
האָב איך אין מיינע שיך די גרענעץ אייך אַדורכגעפירט, — — —
ער דערפילט די זאַלציקע ניט גוטקייט אויפן צונג, —
ס׳האָט כלאָוונע זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געשפּירט:
— נו — ווערט דער אַסטראָוואָלער אומגעדולדיק, אויפגערייצט:
פאָלגט, איר האָט דאָך דרך־ארץ, — גיט דאָס בלוט אין פּנים אים
אַ פלייץ:

איך וויל אַליין אַ קוק טאָן צי זיי פּאַסן — שרייט ער שוין צעקאַכט.
דער יונג טרעט אָפּ, דער אַסטראָוואָלער גייט אים נאָך,
און נעמט מיט ציטעריקע קני צום דיל זיך בויגן, — — —
כלאָוונע גיט אַ שפּרונג, ווי ער וואָלט פון אַ קלאַפּ זיך אָפּגעוועקט,
דער אַסטראָוואָלער עפנט ווי פון אַ קאַשמאַר די אויגן,
ער שטעלט זיך אויף פאַמעלעך פון דער ערד,

און דורך פאַרקריצטע ציינער צישעט ער אַרויס:
— נעמט די שיך, איר הערט! —
און לויפט אַרויס אין צווייטן חדר.
ער ליגט אַ ציטעריקער אין אַ שטול, באַדעקט מיט שוויס.
ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי די שלייפן,
די שטעכעדיקע האָר פון זיינע ברעמען,
ער וויל צוריק אין חדר לויפן:
ער וועט נעמען?! ער וועט נעמען!?
פון יענעם חדר בלאָזט, ווי אַ דערמאָרדעטער וואָלט דאָרט געלעגן,
מיטאַמאָל — אָפּצאָסן אויפן דיל,
עס עפנט זיך אַ טיר — און שטיל,
דער אַסטראָוואָלער כאַפּט זיך אויף פון זיין חלשות׳דיקן שווידער:
איז ווער אַוועק? איז ווער געקומען?
ער לויפט אַריין אין צווייטן חדר: —
ער האָט גענומען!..

כלאַוונע האָט געלאָזט די טיר האַלב אָפן,
און אַראָפּגערונען פון די שטיגן גיך,
ס׳איז עמיצער אַ באַרוועסער אים נאָכגעלאָפן:
מיינע שיך!
כלאַוונע האָט זיך אויסגעדרייט—זיין שאָטן האָט באַוויזן אָפּצושפּרינגען קוים,
די הייזלעך זענען אים געטריי פון בײדע זייטן נאָכגעגאַנגען,
מיט ווייסע פאָרהאַנגלעך לכבוד שבת שוין פאַרהאַנגען.
די גאַס האָט זיך אַהיים געאײלט — איז ער אַוועק מיט זינגעדיקע טריט,
אַ באָבע אויף אַ טרעפּל האָט זיך אויפגעשטעלט — אַ תלמיד חכם:
„גאָט העלף!" — די אַלטע זאָגט מיט בענטשנדיקע ליפּן נאָך אים:
הלוואי אויף מיינע אייניקלעך געזאָגט געוואָרן, —
ער שמייכלט, כאָטש עס איז אין לינקן שוך אים ענג;
דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיינע יאָרן,
ער גייט אַרום אַ פינצטערער און שטרענג.
באַשמעקט מיך אַ געבויגענער, און ווען ער הייבט די אויגן אויף,
דוכט זיך מיר — אָט וואַרפט ער זיך אויף מיר אַרויף.
איך בין שולדיק? — קוועלט שוין כלאַוונע אָן פון זיינע שיך, וואָס גלאַנצן;

האָט ער געזאָלט זיי אָנטאָן, אלא וואָס — ער פילט זיך נישט איינגאַנצן.
נאָר כלאָוונען זענען ענג די שיך, און ענג איז אויך אים אין מחשבה.
דאָך נעמט ער האַסטיקער נאָך שפרייזן:
דער אַסטראָוואָלער האָט אַ פעולה אין הטבה
געוואָלט דורך דעם באַווייזן.
שווער איז מיר געווען די שיך צונעמען, שווער,
און נעם איך ניט — וואָלט איך אים שטאַרק געקרענקט,
איך האָב געטאָן דורך דעם פאַר אים פיל מער
ווי ער פאַר מיר —
עפנט כלאָוונע אַ באַרואיקטער דעם ראש־ישיבה׳ס טיר.

אין קיך האָט כלאָוונע זיך פאַרלאָרן אין די פאַרע־קנוילן.
זיי האָבן אים אַרומגענומען היימיש, וואַרעם — אַ מחיה.
ביסלעכווייז האָט זיך די פאַרע ווי אַ ציבעלע געגומען שיילן,
ער האָט דערזען די קעכין חיה,
וואָס האָט מיט פרומע אויגן, און מיט הענט געניטע,
געכאַפּט די טעפּלעך פון דער פּליטע.

כלאָוונע איז אַריין אין גרויסן ספרים־חדר,
דער עולם אַרום טיש האָט זיך אַוועקגעדרייט פון שמועס,
און ער האָט אויפגעכאַפּט פאַרשפּיצטע שמייכלען, תנועות,
מען האָט געשלעפּט פון אים די שיך, די קליידער, —
פאַרריסן איז ער דורך אין עס־צימער,
די שושקעניש פון ספרים־חדר האָט אים ניט געקימערט,
אין עס־צימער: די טראָכנבראָדער רייבן זיך אָן וואַנט.
דער ראש־ישיבה רעדט צו זיי, די פאַלע פון זיין סורדוט אין זיין האַנט:
טראָכנבראָדער, זייט מקבל קנין: איר וועט מאַכן אין אַ שטעטל אַ
ישיבה־קטנה.

צום יום־הדין באַדאַרף מען זכותים, —
דער לאַנגער קוקט ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען,
וואָס דער קורצער טרעט כסדר אויפן פוס אים:
— אַוודאי דאַרף מען — זאָגט דער קורצער — אָבער אַנהייב זמן? —
דער ראש־ישיבה זעט ס׳וועט גאָרנישט זיין דערפון, און דרייט זיך אָפּ
צום טיר,
כלאָוונע גיט הכנעה׳דיק פאַראויס אַ שפּאַן;

אייער קשיה נעכטן אויפן שיעור — — —
דער ראש־ישיבה לייגט אויף אים אַרויף אַ פּאַטערלעכע האַנט:
שפּעטער כלאַוונע... און ער עפנט אויף די טיר אין ספרים־חדר,
די טראַכנבראָדער שיטן זיך אַרויס, און כלאַוונע — איידער
ער גייט אויך — באַווייזט אַ קוק טאָן אויף דאָס שלאָף־שטוב—צוגעמאַכט!
דאָרט זיצט די רביצין, און אויך דאָס מיידל, — — —
כלאַוונע גייט אַרויס אַ ניט־צופרידענער, און אויפגעבראַכט,
דער ראש־ישיבה לאָזט אים דורך באַזונדער איידל,
און רופט אין ספרים־חדר: דוד קאַפּעטקעוויטשער, זייט מוחל,
דער למדן פּוישט דעם ראש־ישיבה נאָך מיט שווערע טריט,
אין ספרים־חדר בלייבט דעם ראש־ישיבה׳ס שמייכל...

דער לאַנגער טראַכנבראָדער דרייט אויס זיינע שיטערע שוואַרצאַפּלען:
— דעם אַסטראָוואָלער זעט מען עפּעס ניט? —
דער קורצער שטורכעט אים ער זאָל ניט פּלאַפּלען.

כלאַוונע שטייט שוין צווישן עולם אין דער מיט.
ער גלאַנצט מיט זיינע נייע שיך, און מיט חידושים נייע;
דער „תשבץ" פרעגט ווי קומט עס, אַז אַביי...

אין עס־צימער: דער קאַפּעטקעוויטשער שטייט ביים קאָמאָד,
ער קראַצט די פּעטע גאָמבע באַלעבסלדיק, פאַרלעגן,
דער ראש־ישיבה שפּאַנט אַרום מיט אַ נערוועזן טראָט,
און שטעלט זיך ראש אַוועק דעם קאַפּעטקעוויטשער אַנטקעגן:
...איז וואָס וועט זיין דער סוף פון ענין?
נעכטן איז געווען דאָ ווידער דער מחותן,
ער ערגערט זיך — ווען מאַכט איר שוין דעם קנין?
דער ראש־ישיבה הייבט אָן נאָכאַמאָל מיט גוטן, —
זעקס יאָר קעסט בדיוק, ממש ווי איין וואָך,
אַ שיינער שווער, אַ רייך הויז — וואָס ווילט איר נאָך?
און וואָס דער בתולה שייך — איז דאָך ניט שייך,
איר האָט דאָך אָנגעקוקט... און אויב מיין ווייב,
די רביצן — פאַרריכט דער ראש־ישיבה זיך אַליין — זאָגט אויך,
אַז וואָס דער בתולה שייך —
בקיצור — זאָגט דער ראש־ישיבה שטרענג און הויך —

קאַפּעטקעוויטשער, איר ווילט אַ קנין אָדער תּנאים?
נאָר דער בחור איז שוין צוגעווינט, און ענטפערט קאַלט:
— דער מחותּן איז געוויס אַן ערלעכער, איך טרוי אים,
איך האַלט ניט אָבער ביי דער ביי, איך האַלט —
איך מיין, איך האָב אַ שוועסטער, וואָס איז עלטער — — —
דער ראש־ישיבה צינדט זיך אָן: דער אַלטער תּירוץ,
דער בחור ווערט אַלץ אָנגעבלאָזענער און קעלטער:
וואָס איז עס גאָר, ער מאָנט? ער פאָדערט?
זיין קאָרק ווערט אָנגעגאָסן, נאָר ער שוויגט פון דרך־ארץ.
דער ראש־ישיבה ווינקט אין ספרים־חדר צו דעם לאַנגן טראַכטנבראָדער.
ער גייט אַריין. דער ראש־ישיבה פרעגט: איר לערנט מוסר? — כ׳ווייס.
...איר דאַרפט דעם שידוך טאָן, און אין בית־מדרש בלייבן,
דער למדן וויל אַרויס, דער ראש־ישיבה שרייט: פאַרבלייבט, איך הייס!
און ווייך צום טראַכטנבראָדער: ווילט איר תּנאים שרייבן?
מיט וועמען ווייסט איר דאָך — מיט אונדזער קעכין חיה...
דער קאַפּעטקעוויטשער צעפּראַלט דאָס מויל — דעם ראש־ישיבה׳ס אויגן שיסן: —

מוצאי יום־טוב וועט זיין תּנאים — זאָלן אַלע וויסן,
אַז אַ בעל־מוסר דאַרף ניט מעבל דוקא נייע,
ער פאַרלאַנגט ניט פאַר זיין לומדות קיין תּרפ״ט אַלפים,
און אייביק זיין ביים שווער אויף קעסט;
טראַכטנבראָדער, איר וועט שלאָפן ווייטער ווי איר זייט געשלאָפן,
און עסן, ווי אַן אמת׳ער בן־תּורה עסט.
די קעכין — ציילט דער ראש־ישיבה שוין די ווערטער —
פלעגט אויסטראָגן פאַר גבירים מילך, און גוט פאַרדינען,
האָט זי געוואָלט אַ קעכין זיין — אַבי זיך אין אַ פרום הויז געפינען —
דאָס איז איער זיווּוג דער באַשערטער.
און חוץ דעם — קוקט דער ראש־ישיבה זיך אַרום —
איז זי אַ יתומה נעבעך — אַ רחמנות,
איר זייט דאָך אַ בעל־מוסר, איר זייט פרום,
און אפשר ווילט איר אויכעט אַ רבנות? —
נעמען שוין דעם ראש־ישיבה׳ס אויגן בליצן,
דער טראַכטנבראָדער טרייסלט זיך: וואָס רעדט איר, רבי?
דער ראש־ישיבה גלעט די אויסגעלאָשענע אַש־גרויע שפּיצן

פון זיין פייערדיקער באָרד,
ער לייגט אַרויף אַ ווייכע דלאָניע אויף דעם טראַכנבראָדערס האַלדז,
און קוקט אויף דוד קאַפּעטקעוויטשער, וואָס שטייט נאָך אַלץ
אַן אָנגעשפּאַרטער אויף זיין אָרט,
און שפּילט זיך קיל, ווי ס'איז זיין שטייגער,
מיט זיין גרויסן זייגער, —
דער ראש־ישיבה גייט אַרויס אין ספרים־חדר אָן אַ וואָרט.
דוד קאַפּעטקעוויטשער גייט צו צום טראַכנבראָדער: שוטה,
גריבלט זיך דער לאָך אין זיינע באַקן, שמאָלציקע און רויטע: —
איר האָט באַדאַרפט אים עצה'נען — זאָל כלאָוונע נעמען חיה'ן,
און אייך זאָל ער אָוועקגעבן דאָס טעכטערל,
דאָס טעכטערל — באַווייזט ער אויף די צוגעמאַכטע שלאָף־שטוב,
און ווישט אַרום פון מויל דאָס סמ'יקע געלעכטערל.
אין ספרים־חדר האָט דער עולם זיך געהיצט.
די לומדים האָבן כלאָוונעס תורה אָפּגעדונגען,
ער האָט זיך ניט געלאָזן, און געבליצט
מיט בקיאות, איינפאַלן, פאַרקערט געדרונגען.
די אַלמערס ספרים האָבן זיך אַריינגעמישט,
דער וואַרשעווער האָט זיך געקאָכט: איך ווייז אייך אַ „חידושי רי"ם", —
האָט כלאָוונע אויך אַ כאַפּ געטאָן אַ ספר פונעם טיש,
און העכער נאָך געזונגען מיט אַ קלינגעדיקע שטים.
די הענט אַהינטער האָט דער ראש־ישיבה זיך אַרומגעדרייט,
אַריינגעשטעלט אַן אויער אין געזעמל, און געהאַט הנאה.
אַ שפּאַן געטאָן אין עס־צימער פאַרטראַכטערהייט,
אַריינגעכאַפּט אין מויל די באָרד־שפּיצן די גרויע,
און איינגעהאָרכט זיך צו די שלאָף־שטוב, די פאַרמאַכטע,
אַרויסגעגאַנגען, און גענומען כלאָוונען פון דער זייט באַטראַכטן.
דער לאַנגער טראַכנבראָדער האָט אַ האָר פון גאָמבע זיך געצופּט,
(אַ מוסר'ניק טוט אַלץ באַרעכנט,)
ער איז אַריין אין קיך, און זיך פאַרזאָיקעט פאַר דער קעכין:
— איך, איך וויל אַ טרונק, איך וואָלט געבעטן אייך אַ גלאָז.
(ס'האָט אויפגערעגט געפּייפט זיין לאַנגע נאָז.)
די קעכין האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גלאָז פון שאַפּקע.
עס לאַנג געווישט מיט ציטעריקע פינגער, און געגלעט.

ער האָט געבעטן זיך: גענוג, און זי האָט דוקא
דאָס גלאָז געווישט, און גאָרנישט ניט גערעדט.
ער האָט געמאַכט אַ ברכה אויפן קול, זי האָט געענטפערט, אָמן.
די הענט פאַרלייגט אונטער דעם שירץ: אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען — —

כלאָוונען האָט דער גאַנצער פילפול שוין דערעסן.
ער האָט שוין אַלע „ריטבא״ס אַלע „רשבא״ס אויסגעבראַכט,
און זי — זיצט אַלץ אין שלאָף־שטוב צוגעמאַכט,
שטייט ער צווישן עולם אינדערמיט,
די לומדים שטורעמען אויף אים — ער שוויגט ברוגז,
אַ בחור שרייט: דער רמב״ם פסק׳נט... כלאָוונע קלערט: וואָס טויג עס?
זי וויזט זיך ניט...

„דרך־ארץ!״ — דער אָסטראָוואָלער האָט ארומגעשפרייזט אויף דער
קוואַרטיר, פאַרגעסן ניט געקענט:
ער האָט געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט און מיט חשד —
און דרך־ארץ... ער פילט זיך אַ צעבראָכענער, געשענדט, —
איך בין דאָך יאָרן־לאַנג געווען זיין ראש־הוועד,
אַ תלמיד האָט דאָך פאַר אַ רבי׳ן דרך־ארץ — יאָ,
און וואָלט דער דרך־ארץ פון זיין פנים אָפּגערונען,
וואָלט מען אפשר רחמים נאָך ביי אים געפונען,
און וואו ס׳איז רחמים דאָ, איז חוזק אויך שוין דאָ,
אַמאָל גייט חוזק נאָך רחמנות, און אַמאָל אויך — פאַר,
זיי גייען אויך אַמאָל צוזאַמען, —
אַזוי האָט ער געגראָבן זיך, ווי אין אַ חורבה — אין זיין צער:
ווי אַ הונגעריקע חיה אונטער דורכגעפוילטע שטאַמען:
זיי האָבן דרך־ארץ נאָך — איך האָב דאָך זיי דערצויגן אַלע.
די פרימסטע אָבער וואָלטן זיך געפרייט,
ווען עמיצער איז זיי מיין בראָך מגלה,
זיי וויסן שוין... איך פיל עס, ווען זיי גייען מיך פאַרביי —
דער אָסטראָוואָלער האָט אַן עלנטער זיך אויפגעדרייט,
און מיט זיין שטערן צו דעם פענצטער צוגעפאַלן,
די זון האָט אים געגלעט מיט אירע צאַרטע אלול־שטראַלן,
ער האָט אַריינגעוויינט אין איר מיט הייסן בליי:

משכיל... דער יאָמער פון אַ מענטשן אין אַ הייל,

דער יאָמער פון אַ מענטשן — אַ פאַרשטויסענער, פאַרטריבענער, —
ער האָט געזונגען מיט אַזוי פיל שטילן גרויל,
ווי פון אַ וועלט אַ חרוב׳ער — דער איינציקער פאַרבליבענער. —
אָ, גאָט, איך וויל דיר אויסגיסן מיין ווייטאָג,
איך וויל דערציילן דיר מיין פיין,
קוק רעכטס — עס וויל מיך קיינער ניט דערקענען,
איך בין שוין קיינעם מער נישט נויטיק,
אָ, קוק זיך איין, אָ, קוק זיך איין...
פאַרנעם, גאָט, מיין געבעט, איך בין צעבראָכן,
איך רוף צו דיר — דו זאָלסט מיך ניט פאַרטרייבן,
איך קלאַפּ אין הימל, ווי אַן אבל צו אַ שכן,
אַליין ניט מיט אַ בר־מינן אַ גאַנצע נאַכט צו בלייבן...
אָ, גאָט, עס זיצט דער טויט אין מיר — איך פיל אים
אין מיינע אויגן, אין די הענט. —
אַזוי האָט ער געמישט שוין זיינע רייד מיט פסוקים־תהילים,
ביז די זון אין שויב האָט אויסגעברענט.
„אַלט ברויט, אַלטע חלה, האָט רחמנות יידן,
וואַרפט לכבוד שבת וואָס אַראָפּ״, —
דער אַסטראָנאָמער האָט דערהערט דעם בעטלערס ניגון,
און אויפגעהייבן פון די נאַסע הענט דעם קאָפּ:
איצט הייבט זיך ווידער אַלץ פון אָנהייב אָן,
וואָס וועט זיין? אָ, וואָס וועט זיין?
איך בין, ווי אין די פּאַקעלעס — דער האָן;
אַרויס מיט איין פוס, מיט דעם צווייטן גלייך אַריין.
ווי זאָגט דער חכם: דער פאַרפּאָלגטער הירש ברעכט אָפּ די הערנער,
ער זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין צווייגן. —
ער הייבט אָן לאַכן: כ׳וואָלט קיין בטלן ניט געווען, קיין לעקער,
אויב איך וואָלט אפילו איצטער זיך נישט לייגן. —
ס׳איז גאָרניטאָ קיין וואַלד, און איך האָב נישט קיין שיינע הערנער,
דאָס האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ קליידל,
אַן איינגערעדטע מעשה, עפּעס דאָרט אַ נאַריש מיידל,
געענוג געפּלאָנטערט אין חשבונות זיך — אַהער, אַהין,
יעדן חשבון קען מען אויפשטעלן אַנטקעגן צען,
די קראַפט פון מעשים ליגט נישט סוף־כל־סוף אין זייער זין,

נאָר אין באַשלוס: איך וויל — איך קען...
דער אַסטראָוואָלער האָט זיך אויפגעשטעלט, עס האָט אין אים געזאָטן:
איך בין נאָך נישט אַן פּאַקעלעס — דער האָן.
ער האָט אַרויסגעשלעפּט די ציצת, און צעשפּרייט דעם טלית־קטן,
זיך אָנגעבויגן און די זאָקן אויסגעטאָן:
אָ, גרויסער אונזין פון מיין גהינום,
מיך פּייניקט נישט אַזוי, וואָס עפּעס דאָרט אַ מיידל וויל נישט מיך, —
נאָר דוקא דאָס, וואָס זי וויל — יענעם...
מיט זיינע שיך האָט ער מיין וואָנזין נאָך נישט צוגענומען,
דאַרף איך איצט אַליין אַ באָרוועסער דאָרט קומען, —
אַ שיף וואָס טרינקט זיך, וואַרפט אין וואַסער אַלץ צו ווערן ניצול,
אַ מוסר׳ניק דאַרף קענען לייגן זיך אין בלאָטע, —
זיי וועלן זאָגן, אַז דאָס איז אַ שפּיצל,
נאָר איך וועל שוין נישט קענען האָבן קיין חרטה — — —
באָרוועס!
איך בין געגאַנגען שוין אַ באָרוועסער אין קיעוו,
אָ, גאָט, איך שריי צו דיר, אַ נאַקעטער, ווי איוב:
„גיב דיין אָרעם מיר אין ערבות.״
איך וויל איינגאַנצן זיין צעבראָכן, גאָרנישט האָפן — — —
און דער אַסטראָוואָלער איז אַרויסגעלאָפן... — — — — —

אין גהינום אויף אַ קייט

אין קיך אַרום די ווייסע טישן, שבת —
איז תשעה־באָב... אפילו דער צעפּייערטער ר׳ אַבא
איז ווי אַ פליג אין ווינטער — שטום.
מען זינגט קיין זמירות נישט. אַיעדער עסט באַזונדער און פאַרטראַכט.
עמיצער אַ באָרוועסער גייט, נישט געזען, אַרום
צווישן עולם בחורים פון פרייטאָג אויף דער נאַכט...
חיים ווילנער קוקט אַ הילפלאָזער אויף משה ליבער —
דער אַפּיקורוס זיצט ווי שטענדיק — שטאַר,
אַ זייטיקער, אַ קאַלטער, און אַ טריבער.
ער נעמט קיין אָנטייל ניט אין צער
פון גאַנצן ציבור.
אַ פאַראומערטער בענטשט יעדערער פאַר זיך,

(מען האָט פאַרגעסן אויך צו מאַכן אַ מזומן,)
און מען שלייכט אַרויס פון קיך
בגנבה, ווי מען איז געקומען...

חיים ווילנער האָט דעם אַפּיקורוס אָפּגעוואָרט אינדרויסן,
ליבער האָט אַ לאַך געטאָן, ער וואָלט זיך אויף דעם געריכט,
אָוועקגעשפּרייזט, דעם קאָפּ פאַרהייבן, מיט אַ טראָט אַ גרויסן,
דער ווילנער איז אים נאָך, אַראָפּגעלאָזן דאָס געזיכט.

ליבער האָט זיך אָפּגעשטעלט: וואָס זייט איר עס אַזוי צעטומלט,
אַ בעל־מוסר דאַרף דאָך זיך מבטל זיין, גיין באָרוועס,
דאָס פּאַסט זיך זער גוט צום גאַנצן רומל.
אייך — דאַרף דאָס געוויס נישט חידוש'ן, איר זייט דאָך נאָר וואָס
אָנגעקומען, און אַוודאי האָלט איר,
אַז נאָוואַרדעק קומט נישט אָפּ מיט ריידן, נאָר איז אויך מקיים,
טאָ וואָס איז, אַז אַ מוסר'ניק אַן אַלטער
האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַ באָרוועסער לשם שמים?...

דער ווילנער: אַן אַלטער בחור, און אַ חתן שוין כמעט —
אַ באָרוועסער אין ראש־ישיבה'ס שטוב?... אַזוי מבטל זיין זיך, און
צעשאַרן! —

ליבער: אַזוי, אים פּאַסט נאָר זיין אַ ראש־הוועד?
מקיים זיין — זאָלט איר... איר ווילט מען זאָל אייך דוקא נאַרן?
פון וואַנען ווייסט איר אָבער, אַז דער פוס, דער לאָמער
האָט געמיינט נאָר זיך אַליין צו זיין מבטל,
אפשר האָט ער גאָר דורך דעם גענומען פינצטערע נקמה
אַן ראש־ישיבה און זיין טאָכטער — מערער ווי אַן זיך?
איך זע איר זייט נאָך גאָר אַ יאָטל.

דער ווילנער: ער האָט אַוועקגעגעבן כלאָוונען זיינע שיך...

ליבער: איר גייט דאָך אין קלומפּעס אויסגעדרייטע.
פאַרוואָס האָט ער די שיך נישט אָפּגעגעבן אייך?
דער ווילנער בלייבט פאַרבליפט, דערנאָך מיט כעס: איר זייט אַ חוטא
און אַ מחטיא... וואָס בין איך דאָ שייך?
כלאָוונען אָפּגעבן — אָט־דאָס איז אַ פּעולה!
ליבער קריגט זיך מיט פאַראַכטונג: איר זייט עס אַ מענטשן־קענער:

כלאָוונע נעמט ביי אים אַוועק די בתולה,
ער איז אַ ליכטיקער, אַ ציכטיקער, אַ פרישער, און פיל שענער —
גיט דער אָסטראָוואָלער אים די שיך אַוועק — אַ זשעסט
פון גאוה, רעזיגנאַציע און דער עיקר פון נקמה: זעסט !...
נאָר איר באַדאַרפט מיר נישט געטרויען — כ'בין אַ כופר.

דער ווילנער: מען טרויט אייך נישט — דאָך האַלט מען אייך...

ליבער: כאַ־כאַ־כאַ, איך בין פון ביכלעך און פון חזיר טריפער,
נאָר ס'האָבן דוקא זיי פאַר ביכלעך דרך־ארץ,
אפשר מערער נאָך ווי פאַר אַ ספר —
געפעלט אייך נישט? — איז אָט אַ פּראָסטער תירוץ:
זיי קלערן, טאָמער וועל איך בעסער ווערן פאַרט,
נאָר טראָגט זיך אָפּ, באַגעגענען זיי אייך מיט מיר איז — נו,
דער ווילנער גיט אַ צאַפּל, דאָך פאַרבלייבט ער אויפן אָרט,
ער קוקט זיך אום, און גייט צום אַפּיקורוס נענטער צו:
— מען האָט אַ בוך געפונען אין מיין קעסטל — — —

ליבער: אַ קעמל מיט אַ שפיגעלע אין אייער וועסטל,
דערפאַר האָט איר געגעבן תקיעת־כף —

דער ווילנער: וואו האָט איר שוין אַלץ צונויפגעקליבן?

ליבער: ס'איז אין נאָוואָרדעק דאָ געהיימער טעלעגראַף,
און איך בין אַ נאָווואַרדיקער שוין אַיאָר זיבן.

דער ווילנער: און פון אַלעמאָל זייט איר אַזאַ —

ליבער: — פאַרלייקענער? — געוויס! ווי קום איך דאָ ביי זיי?
דאָס ווילט איר פרעגן, האַ?
איר זעט, איך בין אַ מוסר'ניק: איר קלערט — און איך פאַרשטיי.
גוט, איך וויל אייך ענטפערן. איך בין געפאָרן צוליב הונגער.
איר פאַרשטייט עס נישט? איר זייט נאָך גאָר אַ יונגער,
דאַריבער זאָג איך אייך, אַנטלויפט אין דער פאַרמאַכטער תיבה,
קלערט נישט פון דער וועלט, וואָס גוסס'ט אונטער אייער קאַסטן,
ס'איז מיין חברותא, ווי די שוועל פון אַ נקבה,
און איר וועט זיך נישט אויסקויפן דורך צען מאָל פאַסטן.

דער ווילנער: וואָס זייט איר הונגעריק צו זיין פאַרשטויסן?
וואָס שפייט איר מיט אַזאַ הנאָה ניבול פה?
איך האָב דאָך אייך דערוואַרט אינדרויסן.

חיים גראַדע

ליבער שמייכלט טרויעריק: איך זע,
איר זייט אַ נעגל־וואַסער פרומער פילאָזאָף.
איר האָט דערזען דעם אַסטראָוואָלערס סוף
איידער איר אַליין האָט נאָך באַוויזן אָנצוהייבן,
גייט איר שוין אפילו מיט דעם אַפּיקורוס, דעם פאַרשאָלטענעם צוזאַמען,
אפשר גראָד וועט ער אייך ראַטעווען דאָס גלויבן,
ווען אייער רעטונגס־לייטער — מוסר — שטייט אין פלאַמען, —
פאַרפאַלן, קיינער וואַקסט נישט גרעסער, ווי ער קען.
דער ווילנער: אַ בעל־מוסר וויל זיין גרעסער ווי ער איז.
ליבער: אַ שטות... איר וועט אַליין דאָס שפּעטער זען,
דאָס הייסט: אַרומגעגאַנגען, און געטראָגן אינעם האַרץ — אַ שפּיז...

מיט אַמאָל האָט ליבער יאָמערלעך פאַרקרימט דאָס מויל:
זאָגט מיר, חיים ווילנער, וואָס איז מוסר בהתפּעלות?
און איידער ס'האָט דער ווילנער נאָך געכאַפּט די שאלה,
האָט ליבער אויפן מיטן גאַס אַרויסגעלאָזן אַ געהייל,
ער האָט זיך ביי די רעקל־קלאַפּעס אָנגענומען,
ווי ער וואָלט וועלן רייסן קריעה,
און אַרויסגעלאָזן אַ פאַרשטיקטן ברומען,
ווי אַ פאַר'משפט'ער ווען ער דערזעט זיין תליה:
— איר קענט דעם ניגון? — דאָס איז מוסר בהתפּעלות!
איר זעט, אָט איז אַדורך אַ פרוי,
איר האָט אפילו נישט געזען איר פּנים גוט,
פילט איר זיך נישט, מוסר'ניק, אַזוי
ווי אייער האַרץ וואָלט זיך געוואָרפן אונטער אירע פיס אין בלוט?
אַ וועלטיש פרייער מאַן זעט אין דער פרוי — דאָס ווייב,
נאָר אַ ישיבה־בחור זעט די קליידער, זעט די דאַמע.
ס'איז נישט קיין גאַרעניש פון לייב נאָך הייסן לייב,
דאָס איז די עלנטקייט, וואָס בענקט נאָך שוועסטער, בענקט נאָך מאַמע...
וועט איר פאַרשטיין? איר זייט נאָך יונג, כמעט אַ קינד,
איך בלייב פאַרבליפט ווען ס'גייען מיר פאַרביי פאַרפוצטע פרויען,
דאָס איז די בענקעניש נאָך ריינקייט — ניט נאָך זינד.
דאָס איז די זיכערקייט, די רו, דער נישט באַשערטער גליקלעכער נסיון.
אַ מיידל־פוטערל, ווי ווייך עס איז, ווי טיף,

איך וואָלט אין אים פאַרגראָבן מיין צעפּלאָמטן קאָפּ, דעם מידן,
איך חלום פון אַ צווייטן צאַרטן בריוו,
און נישט אַ נדן — אַ ישיבה מיט אַ טשאָלנט, און אַ בת־יחידה. —
ליבער כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט ביים ברוסט,
ווי ער וואָלט וועלן זי אויף צוויי צערייסן:
— ס׳איז דאָ אַזאַ גהינום־פּליסטער: לוסט!
און איך האָב מיט אַ ניגון עס געוואָלט אַריבערשפּרייזן —
דער ניגון דאָס איז מוסר בהתפּעלות...
אַט זענען מיר אַצינד אינמיטן שטאָט,
איר זייט שוין דאָ אַמאָל געוועזן? — ניין!
אַט גייען יונגעלייט פאַרביי מיט אַ געשווינדטן טראָט,
גלייכגילטיק און קאַלט — נאָר איר מוזט פירן קריג מיט יעדן שטיין.
דער הימל בלויט. געלעכטער בלענדט. עס ווינקען פענצטער.
יעדע מויער פרייט זיך — און פאַרלייקנט אייך...
הלוואַי וואָלט איר געזען אין אַלץ געשפּענסטער, בלויז געשפּענסטער,
נאָר יעדער ליכט־פלעק זעט אויס אַ פאַר׳כישוף׳טער אין טייך.
איר בענקט, און שלינקט ווי הייסע אייזנס — ליגן,
שלעפּט איר זיך אַוועק; דאָס פּנים אין די הענט,
פאַרגראָבט איר זיך אין אַ בית־מדרש־לאָך — און מיט אַ ניגון
ווילט איר אָפּטויטן דאָס האַרץ אין זיך, וואָס ברענט —
דער ניגון — דאָס איז מוסר בהתפּעלות...

ס׳האָט חיים ווילנער אַ פאַרוואונדערטער די הענט צעשפּרייט:
— ווער האָט אייך געצייט?
ס׳האָט ליבער שאַרף אַריינגעשניטן:
— איך האָב אייך שוין געענטפערט — ברויט!
דער ווילנער: האָט איר זיך בלויז פאַרשטעלט — און ניט געלערנט,
טאָ וואָס אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל טרערן, —
איר האָט דאָך קיין אַנטוישונג נישט אַדורכגעליטן?
ליבער: פאַרוואָר, איר זייט גערעכט, פאַרוואָר,
איך בין געווען שוין אַ פאַרלייקענער צו דרייצן יאָר,
איך האָב שוין צו בר־מצוה נישט געלייגט קיין תפילין,
איך האָב געקענט שוין דאַרווינען, די קריטיקער פון ביבל,
נאָר ברויט איז נישט געווען אין אונדזער שטיבל,

בין איך געפאָרן עסן טעג, מיין הונגער־קראַמף צו שטילן.
אַז איך דערמאָן זיך אָן די פרעמדע טישן,
ווילט זיך מיר אין בלאָטע לייגן,
מיטן קויט פון אונטער רעדער זיך פאַרמישן,
און אויסרייסן, ווי ברוק־שטיינער פון זיך די אויגן.
נאָך איצטער, אַז איך גיי אַריין אין היימישע, מיר נאָנטע שטיבער,
דוכט זיך מיר, די באַלעבאַטים קוקן זיך מיט חוזק איבער...
איך בין געגאַנגען אין איין העמד אַ גאַנצן ווינטער,
איך האָב פון זיך געריסן פאַסנוויז.
אַ פאַרשעמטער פלעג איך זיך אַרומקוקן אַהינטער.
איך פלעג אַריינבייסן די ציין אין שטענדער, ניט צו מאַכן קיין געוואַלדן,
איעדן טאָג פלעג איך זיך אויף צוויי שעה באַהאַלטן,
אָן אויסשיט האָט באַדעקט מיין גאַנץ לייב — צרעת.
איך פלעג אַריינבייסן די ציין אין שטענדער, ניט צו מאַכן קיין געוואַלדן,
דאָס בייסעניש האָט מיך אַריינגעיאָגט אין משוגעת.
אַמאָל בין איך באַנאַכט געלעגן אין אַ ווייבער־שול,
איך האָב זיך אויפן דיל געוואַלגערט, אַ צעביסענער פון וואַנצן,
איך האָב געוואָלט אַרויס פון הויט, איך בין געווען שוין דול,
פון הונגער האָט מיין אינגעווייד גענומען טאַנצן.
און פלוצלינג, ווי אַ לעבעדיק פאַרשאָטענער אין גרוב,
האָב איך דערהערט אין פינצטערניש אַ ליכטיקן געשאַל, —
אַנטקעגן שולכל איז געווען אַ קאָמוניסטן־קלוב,
וואָס האָט אַריינגעזונגען אין דער נאַכט דעם אינטערנאַציאָנאַל.
אַזוי האָב איך געלעבט אין קיעוו, אין באַרדיטשעוו, און אין שקלאָוו,
די רעוואָלוציע האָט געשאַלט. ווייס־רויטע שלאַכטן. קאָמוניסטן,
און איך האָב זיך געפייניקט צווישן ל״ו —
איך פיל נאָך איצטער צו מיין לייב אַזוי פיל עקל,
אַז ס'איז אַ וואונדער ווי איך ווער נישט פאָרט דערוואָרגן,
איך פלעג זיך איבערדעקן אויפן קלויז־באַנק מיט מיין רעקל,
און מיינע אָפּגעדעקטע פיס פלעגט קושן דער פרימאָרגן.
איך האָב גע'חלומ'ט שטענדיק פון אַ ברויטל, פון אַ גאַנצן לעבל.
און אַרום מיר — אַ מחנה אין צעפליקטע בגדים,
טוכלע, און פאַרשטויבקייט, עיפוש, קרעץ, און שוועבל,
און אַ גהינום פון געשריי: בן אדם, אַי, בן אָדם...

איך בין געווען אין בלוט אַ וועלטישער, אַ פרייער —
און קיינמאָל נישט אַליין, באַשטענדיק אין געיעג, אין פייער, —
איך האָב געקענט צו לויזן זיך פאַרשפּאָרן,
נאָר ווי האָב איך געקענט פאַרשפּאָרן מיין נשמה,
איך בין געווען צו ערלעך זיי צו נאַרן,
און דער פאַרדאַמטער אַסטראָוואָלער מיט די פּיס די לאַמע,
וואָס איז נאָך דעמלט נישט געווען אַליין צעשמעטערט,
האָט מיך געטריבן, ווי אַן אָקס אין בוינע:
אויב ער שוינט זיך נישט אַליין — צי וועט ער
עפּעס דאָרט אַ בחור׳ל פאַרשוינען?
ניין, איך האָב זיך נישט פאַרשטעלט, איך האָב געמוזט אַ גלויבן האָבן,
האָב איך צעבראָכן אין בית־מדרש אַלע שטענדערס,
איך האָב מיין קאָפּ אין וואַנט אַריינגעגראָבן,
ס׳האָט אַלץ אין מיר געצאַפּלט — נאָר איך האָב זיך נישט געענדערט.
ריכטיק זאָגן זיי, די משוגעים,
שווער איז שטאַרבן פאַר אַ תורה; שווערער פיל — פאַר איר צו לעבן,
איך וואָלט געשטאָרבן פאַר דעם גלויבן פון די פראָים,
מיין יוגנט איז מיר שווער געווען זיי אָפּצוגעבן.
אַ מרה־שחורה׳דיקער אָפּגרונט האָט פון זיי געווייט.
דאָס גרויליקסטע געווען איז זייער שמחת־תורה,
דאָס איז געווען די משוגעת פון פרייד,
דאָס איז געווען די שיכור׳ע צעלאָזטע מרה־שחורה.
און איך, וואָס האָב צו לערנען מוסר זיך געצוואונגען,
האָב שמחת־תורה אויך, ווי אונטער אַ צעפּאַכטן קנוט — געזונגען.
איך האָב געטאַנצט, איך האָב געוואָלט דורך שרייען,
פון אַלע ווייטאָגן, און תאוות זיך באַפרייען.
פון מיין עלנט האָב איך אויסגעשמידט אַ גלויבן,
אַ טוגנט — פון דעם צוואַנג;
איך פלעג אַרויסקוקן פאַרבענקט אַדורך די שויבן,
און אויסגעגאַנגען מיט איעדן זון־פאַרגאַנג.
איך בין אַמאָל אין אַ בית־מדרש אין התבודדות געזעסן.
די שקיעה איז געלעגן אויף מיין קאָפּ, ווי אָפּגעהאַקטע הענט, —
איך האָב געהאַט דעם חשבון פון דער צייט פאַרגעסן,
עס האָבן מיך אַרומגערינגלט שטום די ווענט,

די בענק, די בימע, האָבן זיך אין מיר אַריינגעקאַרבט,
ס׳האָט זון ביי מיינע פיס געטריפט, ווי בלוט פון מיר אַרויסגעצאַפּט, —
דאָס לעבן איז געווען ווייט. איך האָב געפילט: איך שטאַרב,
און איך האָב מיין געזיכט און מיינע קני באַטאַפּט.
און ווייסט איר ווער אין אַלץ איז שולדיק? —
האָט ליבער אויסגעשריען ווילד — איך וויל זיי אַלעמען דערמאָרדן!
פאַרוואָס האָב איך געבראָכן זיך אַזוי געדולדיק,
מען האָט געזאָגט: דער מענטש איז פריי — נאָר נישט געאָרדנט.
ווילנער, שאָקלט נישט די קאָפּ, איר האָט נישט וואָס צו זאָגן,
איך האָב די גאַנצע פּיין שוין דורכגעבראָכן,
די גאַנצע פּיין איז שטות. איר וועט נישט ענדערן זיך סיי ווי סיי:
דער מענטש — ער איז נישט פריי...

זיי האָבן מיד אַראָפּגעזעצט זיך אויף אַ באַנק אין גאָרטן,
דער ווילנער האָט געקוקט אויף זיינע שיך,
ער האָט געטאָן אַ צוק: ווער גייט עס דאָרטן?
ס׳האָט עמיצער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף גיך
אַדורכגעאיילט... דער ווילנער האָט דערפילט זיך אַ געכאַפּטער ביי
אַ גנבה, —
ליבער האָט געשמייכלט, ווי אַ זקן קלוג און טרויעריק: איר זעט,
איך האָב אייך דאָך געוואָרנט: זיצט אין דער פאַרמאַכטער תיבה,
זיי וועלן אייך נישט מוחל זיין דעם חטא
פון גיין מיט מיר... זיי קומען אייך פון אומעטום אַנטקעגן,
נאָוואַרדאָקער דערקענט מען אַן די היט, —
זיי זאָגן, אַז עס אַרט זיי כלומרשט ניט.
די פינגער טייטלעניש, וואָס יאָגט זיי נאָך אויף אַלע וועגן,
נאָר אין דער אמת, וויל נישט קיינער קיין בזיון,
זיי ציט צום מקום פון נסיון,
און ווייל זיי קענען קיינעם נישט געפעלן,
ברענט אין זיי דער האָס פון נישט דערגאַנגענע,
אַ וואָלף וועט פאַר אַ וואָלף זיך נישט פאַרשטעלן,
איך בין אַ מוסר׳ניק — איך קען זיי די געפאַנגענע
אין נעץ, וואָס זייער קראַנקער דמיון האָט אַליין זיך אויסגעשפּינט,
זיי שפּייען אויף דער וועלט — דאָס מינדסטע אָבער טוט זיי וויי,
אַן איבערלעבונג אַלץ — ווי ביי אַ ניי־געבוירן קינד,

זיי האָבן אַזוי לאַנג געשמיסן זיך מיט אייגענעם געשריי,
ביז זיי האָבן אויפגעהערט צו שעמען זיך צו אומגיין נאַקעט;
פון רייניקן זיך — זענען זיי געוואָרן פול מיט אומריינעם פאַרדאַכט,
זיי האָבן אַזוי לאַנג אויף זיך אַליין געטראַכט און געכראַקעט,
ביז זיי האָבן שוין פון גאָרנישט, אויסער זיך, געטראַכט.
ווי קען מען אויסבייסן די תאווה — דורך זיך זידלען?
ווי ווערט מען עס אַן ענו דורך אַ חשבון, און באַרעכנט?
וואָס איז עס פאַר אַ פרומקייט אויפגעשאַרט דורך קברים רידלען?
דאָ ליגט אַ קנויל — דער עקל, נאָר איך קען נישט ברעכן...
ווער ווייס דאָרט פון אַ גאָט? — מען הערט נאָר פון אַ תורה,
וואָס איז פאַר זיי דער כלל? — אַ יחיד איז בלויז דאָ.
ווער ווייס גאָר, צי זיי גלויבן אין אַ שטראָף אַ געלעכטער פאַר אַן עבירה,
זיי שרייען: לאָמיר גוט זיין צוליב — גוט. לשמה.
זיי ווילן אָפּפאַרבן און ראַטעווען דעם אַלטן שימל,
אויפלעגן, וואָס לעבן קען שוין ניט.
זאָגט נישט: גאָט, נאָר — הימל,
זאָגט: מענטש, און זאָגט נישט: ייד.
מיך אַרט עס נישט. איך בין אַ בוים אַן אויסגעוואָרצלטער, בלויז האָלץ.
נאָר אין מיין פאַרשטויסנקייט האָב איך באַוואוסטזיין, שטאָלץ.
דער קופּישקער, זיי וועלן אייך פון אים דערציילן פּרטים,
ער האָט אַריינגערוקט זיין נאָז אין דרעק. —
ער איז געווען מטורף־ערלעך — איך בין אויך... איך האָב מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
אַריינגעקוקט — און אַלע וואונדן אָפּגעדעקט.
זיי קאָרטשען זיך, און חזר׳ן געבראָכענע: „דער מענטש איז פריי״.
חיים ווילנער, הערט מיך אויס, איך זאָג אייך: הלוואי
וואָלטן זיי אים שטאַרקער נישט געשמידט — פון שטריק אים אָפּגעבונדן,
זיי האָבן אָפּגעפונען תהום׳ען, וואו עס זענען נישט געווען קיין תהום׳ען, —
איך האָב זיי פיינט, איך וואָלט פון זיי די הויט געשונדן,
איך האָב פיינט אפילו דעם גערוך פון זייער נאָמען...
נאָר חיים ווילנער איז אַן אויפגעקאָכטער אויפגעשפּרונגען;
איר האָט זיי פיינט? — אַנטלויפט!
איר האָט צו לערנען מוסר זיך געצוואונגען,
איצט צווינגט איר זיי צו האַלטן אייך. איר פּרעסט, איר זויפט,

איר מיינט זיי האָפן נאָך, אַז איר וועט בעסער ווערן?
זיי האַלטן אייך פון עקל, צו דערנידעריקן נאָר;
איר זעט אים דעם פאַרלייקענער, זיין שטאָלץ קען אים נישט שטערן
צו עסן אונדזער ברויט אַזויפיל יאָר.
מיר קלייבן ברויט ביי אַלטע פרומע ווייבער,
פון רייכע באַלעבאַטים ברענגען מיר פאַרברענטן טשאָלנט. —
מיר ווילן אומגיין מיט אַ ווייטאָג אין די לייבער?
מיר ווילן דען פון הונגער זיין געשוואָלן?
מיר האָבן נישט קיין ברויט — טאָ לאָמיר טיילן זיך מיט ברעקלעך,
איר האָט נישט וואָס צו אָנטאָן, נאָט אייך מיינע בגדים,
אָן קרבנות וואָלט דאָך אונדזער לעבן אויסגעזען גאָר שרעקלעך,
מיינס — איז גאָרנישט. אַלץ איז דיינס ביזן לעצטן פאָדים.
איר האָט נישט וואו צו שלאָפן — לאָמיר טיילן זיך דאָס בעט,
איר האָט געזינדיקט — לאָמיר טיילן זיך דעם עונש פאַרן חטא.
נאָר דער — קוקט גוט זיך איין,
ער האָט שוין לאַנג פאַרהאַקט די טיר אַהינטער זיך,
ער חוזק'ט אָפּ פון אונדזער זוכעניש, און פּיין,
דאָך קומט ער יעדן טאָג אין קיך...
ער קומט אַריין אַ זייטיקער, זיין יעדער קער איז ביטול.
און הייבט ער אויף אַמאָל די קאָפּ פון טעלער יויך,
פאַרשאַרצט ער זיינע ליפּן אין אַ שמייכל, ווי אַ גוי דאָס היטל,
און האָט אַ קופּערנעם געזיכט צו ריידן אויך.
און יינגלעך ציט דאָך צו אַזעלכע חוצפּה'דיקע רייד,
נאָר מיר האַלטן אים — און זאָלן אַלע זען דעם אונטערשייד
צווישן אונדז און אים דעם בעטלער, דעם ציגיינער־יונג — — —
און חיים ווילנער בלייבט אָן אויסגעבויגענער, ווי צו אַ שפּרונג.

נאָר ליבער רירט זיך נישט, ער שטאַרט אַן אָנגעשפּאַרטער,
די הענט אַראָפּגעלאָזן, בלייך, מיט מידע ברעמען,
חיים ווילנער גלייכט זיך אויס, און זאָגט שוין צאַרטער:
זייט מוחל, איך באַדאַרף זיך שעמען.
איר רעדט מיט צער, מיט ביטערניש, מיט האַס, און איך בין — גראָב,
מען טוט אַ קעגנער אַ טובה אויב מען איז ניט אויך צו אים גערעכט.
איך האָב צו טיף אייך אפשר אָנגערירט, איך האָב —

ליבער: שווייגט! ס׳איז מוסר׳ניקעס־שטייגער: איינבייסן — און בעטן באַלד מחילה.

דער ווילנער: נייך, איך שעם באמת זיך... נאָר אויב אַזוי אפילו, זאָגט מיר דאָך: וואָס האַלט אייך דאָ — אַנטלויפט!

ליבער: אַ שאָד וואָס ס׳איז נישטאָ קיין שכר ועונש און אַ יענע וועלט, איך וואָלט מיט מיינע ליידן אַלעמענס עבירות אויסגעקויפט —
און ליבער האָט זיך אויפגעשטעלט:
— איר פרעגט: ווער האַלט מיך דאָ? איך פרעג: וואו זאָל איך גיין?
איר זעט די יונגעלייט, וואָס דרייען זאַרגלאָז מיט די שטעקלעך,
פרעגט זיי אויב זיי וויסן וואָס זיי פרייען זיך אַליין,
וואָס שפּילט די פרייד אַזוי אין זייערע צעפלאַמטע בעקלעך?
„פאַלשע פרייד" — האָט חיים ווילנער בייז אַרויסגעזייט.

ליבער: ערגער נאָך. — דאָס איז אַ פרייד אַ ניט־באַוואוסטע, און אַן עכטע.

איך שעם זיך מיט מיין שנאה צו די יונגעלייט,
נאָר איך פאַרטראָג נישט זייער נישט־געצוואונגענעם געלעכטער.
אָט יענער מיט די גאַוה׳דיק געלאָקטע האָר — איך טרעף דאָ אַ סך מאָל אים:
ער איז אַ דיכטער, און אַ פרייער מאַן, ער טראָגט אַרום אַ חלום,
ווי אַ העלד אויף זיינע הענט אַ קינד פון טייך אַרויסגעצויגן, — — —
רירט אים אָן, — וועט איר דערזען דעם טויט אין זיינע גוטע אויגן.
איך ווייס נישט וואָס איר וועט אין זיינע רייד געפינען,
זיין בעסטער טאַט איז אָבער אויפגעוועקט פון קנאה.
נביאים זענען אויף דער וועלט נאָך דאָ,
נאָר קיינער קלערט נישט, אַז ער דאַרף אויך ווי אַ נביא לעבן,
אויך געטער זענען דאָ, נאָר ס׳איז דער מענטש נישטאָ,
וואָס זאָל פאַר עפּעס וואָס אַזוי בכח זיין זיך אָפּצוגעבן,
אַז ער אַליין זאָל בלייבן אויסן פון דער טאַט,
דאָס הייסט, ער זאָל אינגאַנצן זיין פון איר פאַרשלונגען —
אַ מענטש, וואָס האָט אינגאַנצן זיך אין זינען נישט געהאַט,
און נאָר די טאַט האָט אים באַצוואונגען.
די וועלט האָט אויפגעבליט אין בלוט פון ליידנשאַפטן — פאַרביקער און בונטער,
איך ווייס עס גוט. נאַוואָרדאָק אָבער האָט מיין האַרץ פאַר׳סמ׳ט.

איך פאַרגוואַלדיק יעדע טאַט. איך רייס די דעק־טיכער פון אַלץ אַרונטער,
איך זע די שוואַרצע קוילן אונטער יעדן פלאַם.
ווען איינער שלאָגט זיך פאַר זיין אמת מיט פאַרפרעסטע פויסטן,
זע איך אויך די כבוד־זוכעניש, וואָס קלעפּט אַרום זיין מויל, ווי גאַווער,
און ווען ער וויגט אין שטורעם זיך אין אויפגעברויזטן,
קוקט ער צי עס הערט אים גוט זיין חבר.
און ווי אים אויב ער דרשנ׳ט, וואָס זיין חבר האָט שוין אויך געהערט,
יענער קען נישט אויסהאַלטן און שרייט: איך ווייס ווי דו.
אַלע ציטערן עס זאָל אַ רגע ביט פאַרמינערט ווערן זייער ווערט,
און לויבט מען איינעם — פילט איטלעכער זיך געטראָפן ערגעץ וואו.
„ווער האַלט מיך דאָ״? — דער גרויזאַמער פאַרשטיקטער ניגון,
וואָס האָט צעוואונדיקט און צעדרייט מיר די גערערים,
איך בין שוין טויט. נאָר כ׳קען נישט ליגן,
ער שטיקט אין שלאָף מיך, און איך הער אים
באַנאַכט אין פייף פון באַן, פאַרטאָג אין הודזש פון דער סירענע,
און איך פאַראַכט די וועלט, איר פרייד, און איר געזאַנג.
איך האָס מיט אַלע פיבערן סיי די, און איך פאַראַכט אויך — יענע,
איך זע אין אַלץ בלויז פאַטום, גורל, אונטערגאַנג.
איך זע דאָס לעבן, ווי אַ קאַמף אויף שמאָלע בריקלעך,
פאַרוואָס קען איך נישט ווי אַ וועלטישער זיין גליקלעך?
אָ, ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָב איך געפּרוּווט אַלץ עסן,
און איצט, אַז איך דערזע מיין פּנים אין אַ שויב,
וויל איך זי צעשמעטערן... איך מוז אָן זיך פאַרגעסן,
ס׳איז האַרבסט, און איך וויל ווערן שטויב.
וואָס שטייט איר מיט אַן אויסגעקרימטן מויל?... איך קען נישט זען קיין טרערן,
איך — וועל אייך נישט אָפּגעבן די שיך,
אַנטלויפט, אין קלויז איז איצטער ליכטיק, וואַרים, און מען לערנט,
אַנטלויפט, אַניט וועל איך, וועל איך
אַנטלויפן... און מיט דעם קאָפּ פאַראויס האָט ער גענומען פליען,
אינמיטן וועג האָט ער זיך אויסגעדרייט, און ווידער אויסגעשריען:
איך — וועל אייך נישט אָפּגעבן די שיך...

דער אָרון־קודש פּאַלט...

דיביימער האָבן שטיל פאַרוואָרפן די געקרויזטע קרוינען,
צום האַרבסט געגרייט זיך, ווי אַן עדה צום מקדש זיין דעם שם, —
אַ דין ביימל האָט אַ קרעכץ געטאָן, גענומען וויינען,
די ביימער האָבן ווי פון חלום זיך אַ קער געטאָן צו אים:
זיי שטיל, דו וועסט זיך צוגעוואוינען,
מיר אַלע זענען שוין געוואוינט צו דעם...

חיים ווילנער איז געשטאַנען און געהאָרכט פאַרגליווערט.

פאַרהילט אין גרינע בלעטער האָט אַ ווייסע לאָמפּ געפיבערט,
אַ גרויסע ציטעריקע ליכטנעץ אויסגעשפּונען,
און פאַרוועבט אין איר די ברייטע שטאַמען,
חיים ווילנער האָט זיך אין ערד מיטגעפונען
און געציטערט מיטן גאַנצן פאַרק צוזאַמען...

דער הימלבלוי אין די אַלעען די צעשויבערטע איז אויסגערונען,
די נאַכט האָט, ווי אַ מידער גערטנער אַריינגעשלייכט,
באַטאַפּט די ביימער און צונויפגעבונדן
מיט שאָטנס דאָס געצוויַיג, וואָס האָט געציטערט גרין און פייכט,
אויף וויַיטע גאַסן, אויפן מוצאי־שבת׳דיקן מאַרק,
האָבן פייערן זיך אָנגעצונדן,
און פאַרבלאָנדזשעט אינעם אַלטן פאַרק...

חיים ווילנער האָט געגליווערט שטום,
געוואָרן פון מינוט פאַרגליווערטער און שטומער,
פאַרבייגעציטערט האָט אַ זוניקער געזשום;
אַ גילדענער געזשום, ווי פון אַ בין סוף זומער,
און אויסגעגאַנגען, ווי אַ קראַנקער פויגל אין די צווייגן, —
דער האַרבסטווינט האָט אַ צי געטאָן אַ מוסר־ניגון,
געכליפּעט אין די בלעטער שטיל און פרום,
דער ניגון האָט גענומען העכער שטייגן,
ביז ער איז אַריבער אין געברום,

חיים ווילנער האָט געהאָרכט געשוויגן,
און אַליין געהערט זיין שווייגן...

צעשאָקלט האָבן זיך דיביימער,
געשליידערט מיט די קעפּ, ווי מוסר׳ניקעס ביי דער תּפילה, — — —
אַן אויסגעשריי — אַ וויטער, אַ געהיימער,
האָט אין געדיכטעניש צעברעקלט זיך אין קלאַנגען שטילע,
גע׳גוסס׳ט אין דער פינצטער, זיך געמאַטערט.
דער ווילנער האָט געטאָן אַ צי זיך מיט אַ מאָל, — גענומען לויפן.
דער ווינט האָט אים דעם וועג פאַרשאָטן
מיט פאַרוועלקטע בלעטער־הויפנס.
נאָר גלייך, ווי אַ פאַרפלאָנטערטער אין דראָטן,
האָט ער געריסן זיך: אַזוי פיל צייט גע׳פּטר׳ט, —
געוואָלט אַריבעריאָגן אין געלויף זיין שאָטן,
און ווי אַ פייגל־טשאַטע האָבן אַרום אים געפלאַטערט
קלאַנגען...

די קלאַנגען האָבן אים אין זייער כּישוף־כאַר געפאַנגען,
ער האָט זיי נאָכגעטאַפּט אַ בלינדער און באַצויבערט,
דער ווינט האָט אים צעטומלט און צעשויבערט,
צעוואָרפן דאָס קלאַנג, ווי בלעטער האַרבסטיקע אין אַלע זייטן.
ער איז געלאָפן אין דערמיט,
די נאָנטן האָבן אים פאַרשטעלט די וויטן,
די נאַכט האָט אויסגעלאָשן זיינע טריט,
ער האָט געאיילט, און וואָס ער איז געקומען נענטער,
האָט דאָס געברויז צעאָטעמט זיך אַלץ ברוסטיקער און פרייער, —
דער ווילנער איז געלאָפן צום בית־מדרש ווי אַן אָפּגעברענטער,
וואָס יאָגט זיך ראַטעווען זיין לעצטן שייער...

די קלויז איז אין די הינטער־געסלעך אַ פאַרצווייפלטע געלעגן,
געשליידערט זיך אין קראַמפּן, ווי אַ ים אין זיינע ברעגן,
אַ מוצאי־שבת׳דיקע, אויסגעלאָשענע, אָן ליכט,
נאָר אין דער אויפגעברויזטער חשכות, דער געדיכטער,
האָט ער דערפילט שוין — פרום פאַר׳דביקה׳טע געזיכטער,

און גיך אַ טאַפּ געטאָן זיין אייגן געזיכט —
קאַלט, די באַקן שלאַבעריק, אַרום די ליפּן בייזע צוקן, — — — —
און אַ געבראָכענער האָט ער זיך צו דער קלויז גענומען רוקן...

הו — אין פינצטערן בית־מדרש האָט געברויזט אַ ים,
געשרייען האָבן גליין, ווי פייערדיקע פייגל אויפגעפלאַמט,
געקלאַפּט פאַרצווייפלט מיט די פליגל אָן די ווענט,
און אויסגעלאָשענע, צוריק אַראָפּגעפאַלן
אויף די אויסגעשטרעקטע, תפילה׳דיקע הענט.
אַ וואַלד האָט זיך צעיאָמערט, יעדער בוים מיט אַ באַזונדער קול,
און אינעם שטורעם האָט געקלאָגט דעם ראש־ישיבה׳ס שטים:
מורי ורבותי, לאָמיר מאַכן איצט אַ תפילה נאָך אַמאָל:
„אַ ריין האַרץ באַשאַף אונדז אלוהים.״ —
און ס׳ענטפערט אים אַ הונדערטפאַכיק צעוויגט ווידער־קול:
„ אַ ריין האַרץ באַשאַף אונדז אלהים...״

געשריי. איעדער זוכט אין דעם געבעט אַ תיקון,
מען פאַטשט; דער ראש־ישיבה האָט קיין כח נישט צו שרייען.
איעדער פרוּווט זיין אויסגעשריי פאַרשטיקן,
דער ראש־ישיבה לעשט אויס מיט זיין שטימע אַלע איי—איי—אייען:
מורי ורבותי,
מען קען דערגרייכן אין איין שעה דעם אמת,
אים איינצוהאַלטן — דאַרף מען ראַנגלען זיך אַ גאַנצן לעבן. —
חיים ווילנער האָט דערהערט דעם וויטן רמז
און ווי אַ הויז, וואָס האַלט ביים איינפאַלן, אַ קרעכץ געגעבן.
מורי ורבותי,
אויב מיר קענען נישט אַרונטער — מוזן מיר אַריבער!
אין קלויז איז ווידער אויסגעבראָכן דער געוויטער,
און חיים ווילנער ביי דער קלויז טיר, אָפּגעטיילט פון גאַנצן ציבור,
האָט אין דער פינצטערניש אַריינגעיאָמערט ביטער.
מורי ורבותי,
איך האָב געזען אין רוסלאַנד, אין די בלוטיקע מהומה־טעג,
אַ מענטש האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַ געפּאַקטן צוג,
האָט מען אים אַרויסגעשליידערט דורכן פענצטער אויפן מיטן וועג, — — —

אַריינגיין איז נאָך נישט גענוג,
מען מוז זיך איינבייסן, זיך איינשטשעמען, פאַרקלאַמערן,
מען ווערט אַמאָל אין מיטן לויף אַרויסגעשליידערט, — — —
קעפּ און פויסטן זעצן אין די ווענט, און האַמערן,
און דער ראש־ישיבה שטורעמט ווייטער:
דער גרעסטער נואף ר׳ אלעזר בן דרדיא,
האָט אין די קני זיין קאָפּ פאַרגראָבן, אויף דער ערד
געיאָמערט, ווי אַ מלאך אַ פאַרשטויסענער, און ווי אַ חיה, —
ביז דער הימל האָט זיין תשובה דערהערט:
מורי ורבותי,
אַ מענטש דאַרף קענען שטאַרבן פון חרטה־שלוכצעניש צונויפגעדרייט,
און ווי אויף משה׳ן — די מלאכים, זאָל דער הימל קלאָגן אויף זיין טויט...
מורי ורבותי,
דאָס לעבן ווערט אַ לאַסט, אַ חרפּה, און בלויז צער,
פאַר דעם, וואָס וואַקלט זיך, — וואָס קען נישט וואַגן;
אָ, פאַרן מענטשן איז דער גרעסטער גזר
אויב ער קען זיך פון זיין אַלטער טבע נישט אַנטזאַגן...
איז לאָמיר בעטן נאָך אַמאָל:
אָבינו מלכנו... צעררייס דעם ביטערן גזר־דין, — — —
און ווי אַ באַרג, וואָס שיט אַראָפּ זיך אין אַ טאָל,
האָבן זיך צעשאָטן אין געשריי — די זין
פון דער אוקראַינע, פוילן, ליטע און וואָלין.
מען האָט שוין נישט געהערט דעם ראש־ישיבה׳ס רייד.
אַן אָנגעטרערטע שטים איז זיך פאַרגאַנגען קראַנק און צאַרט,
אַזוי ווי אַ באַשטראָפט קינד פאַרגייט;
אַ צווייטע שטים האָט זיך, ווי שטאָל געגאָסן ברייט און האַרט,
נאָר אַ געשריי, אַ רויטס, אַ דורשטיקס האָט ביידע שטימען אויסגעטרונקען,
און גלייך אַליין אין פינצטערניש פאַרזונקען, —
אַ הילך, אַ שלעפעריקער קאַלטער, ווי דער אָפּזיפץ פון אַ ווייטער באַן,
האָט אין דער פינצטערניש אַרומגעזוכט, צי עס איז פאַראַן
אַ לאָך, וואו אַריינצוקריכן און זיך לייגן, —
און אַ געשריי האָט דורכגעצאַנקט, אַדורכגעפלויגן,
ווי אַ בליץ, וואָס קריצט מיט פייער אויף אַ כמאַרע. —
און ווי אין זון־גלי פון צעווייקטער ערד אַ פּאַרע

איז אויפגעגאַנגען דאָס געבעט... עס האָט די קלויז געקלעטערט
אויף פעלזן־טרעפּ, אויף וואָלקן־טרעפּ — אַרויף, אַרויף — — — —
און חיים ווילנער האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף,
ווי אַ בוים, וואָס וויל נישט אָפּגעבן דעם האַרבסט די לעצטע בלעטער...
מיט אַ מאָל אַ טויבער קראַך, —
אַלע לאָמפּן האָבן זיך, ווי אָקסן־אויגן פאַר דער שחיטה, אָנגעצונדן,
ווי אייז האָט אויפגעפּלאַצט די נאַכט,
דאָס ליכט האָט פון די ענגלייכטער געטריפט, ווי בלוט פון וואונדן. —
דער אָרון־קודש האָט זיך אויסבויגן פּאַמעלעך אָנגעהייבן, —
דער אַלטער אָרון מיטן היכל תורות, און פאַרשטויבטע שניצערייען:
פּאַמעלעך, מיט צעשפּרייטע כהונה־הענט פון אויבן,
האָט ער זיך געבויגן איבער אַלע קעפּ און אַלע איי—איי—אייען.
דערשראָקן האָבן זיך געדראַפּעט אין דער הייך די לייבן. —
געבליבן הענגען זענען אויפן זילבערנעם פּרוכת טויטע אויגן, — — — —
דער אָרון־קודש האָט אויף דער פאַרשטאַרטער עדה זיך געבויגן...
ביז ס׳האָט צערעוועט זיך אַ הילף־געשריי — אַ רוף.
אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צעלעכערטע פון גוואַלדן,
מען איז געקראָכן פּיס אויף האַלדז, און גוף אויף גוף:
דעם אָרון־קודש אונטערהאַלטן!...
מיט אויסגעקרימטע פּנים׳ער פון שרעק, פאַרברענטע מיילער פון געשריי,
נאָר אין די אויגן וואַנזיניקער בלינד־פאַרצווייפלטער בטחון —
האָט מען זיך געשפּאַרט, ווי צו דעם ברענענדיקן צימער פון איר קינד — אַ פרוי,
דער מבול־דור צו נח׳ס תיבה איז אַזוי געקראָכן...
צעברומט האָט זיך די קלויז, ווי אַ באַלאַגערטע מלחמה־שטאָט:
אָבינו מלכינו... צוליב די אויסגעשאָכטענע פאַר דיין אחד! — — — —
און חיים ווילנער איז געלעגן ביי דער קלויזטיר און געצאַפּלט,
געריסן זיך, געוואָלט אין רעטונגס־לייטער זיין אַ שטאַפּל, —
ראַטעווען! — און נישט געקענט אַוועק פון שוועל.
אַ יאָמער טאָן — די צונג איז איינגעפּראָרן אין זיין קעל,
און פּלוצלינג האָט די גאַנצע קלויז פון אים זיך אָפּגעריסן,
דער אָרון־קודש האָט זיך אויפגעהייבן העכער, העכער, אַ פאַרקלאַמערטער אין הענט,
חיים ווילנער האָט זיך מיט די ציין אין דיל אַריינגעביסן,

נאָר ס'האָבן דורכגעשווינדלט פאַרביי אים די ווענט, —
אַוועקגעשטורעמט, ווי פאַר'משפּט'ע טיטאַנען אויפן גיליאָטינע־וואָגן.
פון ווייטן האָט נאָך זייער דונער זיך דערטראָגן:
אָבינו מלכינו... טו דיין גייסט, דיין הייליקן פון אונדז נישט אָפּ. — — —
דער דונער האָט זיך טויב אַלץ מער און מער דערווייטערט,
און חיים ווילנער איז געבליבן — אַ פאַרוואונדעטער אין אַן אָקאָפּ:
אַ בלינדער אין אַ נאַכטוואַלד ביי אַן אויסגעברענטן שייטער. — — —

אָ, חיים ווילנער איז שוין אויך נישטאָ, זיין ליכט איז אויסגערונען,
נאָר איך, דער דורכגעגרוילטער פון קאָשמאַר, בין אין דער נאַכט
אַליין געבליבן:
איך — וואָס האָב זיך אין דעם קדושה־גרויל געפונען,
האָב אויף אַ מגילה דאָס פאַרשריבן...

י. אָפּאַטאָשו

א. גאָלאָמב

בעריש ווײַנשטײַן

מאיר סעגאַל

מאַטעס דײַטש

י. סלאָנים

א. וואָגלער

ה. לײַוויק

ב. ריווקין

י. אָפּאַטאָשו

פּרצ׳ס וועג

1

מיט יאָרן קריק, נאָך אין מלאָווע, האָב איך איינמאָל ווינטער, אין אַ שבת־צו־נאַכט, פאַרבלאָנדזשעט צו מיינס אַ פעטער, וואָס האָט אויפ־געקויפט פערד פאַר בערלינער דייטשן. די שטיבער ביים פעטער, אָנגע־הייצטע, האָבן געשמעקט מיט קין, מיט פרישן פערד־ריח, מיט געבראָטנס. ביים פעטער האָב איך געטראָפן אַ חברה פערד־הענדלער און פערד־יונגען. מען איז געזעסן אין די שפּענצערס, אין די וועסטן, געזעסן אַרום אַ פיר־עקיגן טיש איבער ליידיקע גלעזער טיי. טייל האָבן אָנגעשטעלט די רויטע, צעשמיסענע פּנים׳ער מיט בערד און אָן בערד, אַנדערע האָבן אַראָפּגע־לאָזט די קעפּ, און די גאַנצע חברותא האָט זיך איינגעהערט, ווי קיווקע „סיבירניק״ האָט פאַרגעלייענט אַ מעשה־ביכל. כ׳האָב זיך געוואָלט צו־זעצן ביי דער טיר, אָבי נישט צו שטערן, האָט דער פעטער מיך באַמערקט און אַ געשריי געטאָן:

— גוט־וואָך, יוסף! וואָס עפּעס ביי דער טיר? קום צום טיש! און דו וועסט טאַקע אונדז פאַרלייענען פון דעם... ווי הייסט ער דאָרט? אוי, איז דאָס אַ לץ! מען בלייבט דאָך פון אים אָן זייטן! כ׳מיין אפילו דאָס „שטיקל״ מיטן טעפּל, וואָס כ׳האָב געהערט אַנומעלט ביי אייך — —

— איר מיינט שלום־עליכמן?

— יאָ, יאָ, — האָט דער פעטער זיך אַ שטעל געטאָן און מיך אַוועק־געזעצט ביים טיש.

— האָב איך דאָך נישט דאָס ביכל מיט זיך.

— נישט קיין מאַליער — האָט דער פעטער זיך אַ רוק געטאָן מיט זיין בענקל אויבן־אָן — שלמה וועט אריבערלויפן און עס ברענגען.

איידער כ׳האָב צייט געהאַט אויסצוטרינקען דאָס גלאָז טיי, וואָס די מומע האָט מיר דערלאַנגט, איז שלמה שוין געהאַט צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצן שטויס ביכער און ביכלעך און האָט זיי אַ שיט געטאָן איבערן טיש.

מען האָט ווידער אָנגעגאָסן טיי. פון קעך האָט זיך געטראָגן דער ריח פון געבראָטנס, דאָס קוואַקן פון אויסגעלאָזטע גריוון מיט ציבעלעס. דער עולם איז געוואָרן אויפגערוימטער. איין קיווקע „סיבירניק״, מיטן יונגן פאַרמעטנעם פּנים, מיט די בלויע, קינדישע אויגן, וואָס האָט זיך

שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט מעשה־ביכלעך אין די קעשענעס, איז גע־זעסן איבער זיין גלאָז טיי און האָט קיין שמייכל נישט געטאָן. די שטאָט האָט מורא געהאַט פּאַר קיווקען, גע׳טענה׳ט, אַז אַזאַ איינער, וואָס איז אָפּגעווען פינף יאָר אויף קאַטאָרגע, קען אַלץ אָפּטאָן.

כ׳האָב אויפגעמישט „חנוכה־געלט”. פון ערשטן בלעטל האָט דער עולם אָנגעהייבן לאַכן. און מיין פעטער, אַ צעוואָקסענער פאַרשוין, האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויפן בענקל. ער האָט געהויבן די האָריקע הענט, פאַרריסן דעם קאָפּ מיט דער רויטער באָרד, געקייכט, אַז טרערן, ווי אַרבעס, האָבן זיך געקייקעלט ביי אים איבער די באַקן, איינגעזאַפּט אין זיין געדיכטער באָרד, ווי אין אַ שוואָם. די יונגען האָבן אָפּערגעוואָרפן די פיס, זיך געפּאַטשט אין די כאַליעוועס, אין די געפּאַסטע הויזן. די מומע מיט דער דינסט האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אין קיך, געווישט מיט די פאַרטעכער די נעז און זיך געשטיקט פון געלעכטער. איך אַליין בין אַזוי אָנגעשטעקט געוואָרן פונעם לאַכן, אַז די ווערטער וואָס האָבן זיך ביי מיר אָוועקגעשטעלט אין האַלדז, זענען אַרויס מיט אַ קוויטשל, און די גרויסע אָנגעהייצטע שטוב מיט די צעפלאַמטע פּנים׳ער האָבן זיך גע־פרעגלט פון נחת. איין קיווקע האָט נישט געלאַכט. זיין פאַרמעטן פּנים האָט זיך געפּעלדלט און זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט איבער מיר, ערגיץ אין אַ פינטל, אַז ס׳איז מיר אומהיימלעך געוואָרן. ווען כ׳האָב געענדיגט, איז דער עולם געבליבן אָן כוחות, האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן און געדעכעט, ווי נאָך אַ וועט־געלויף.

— אַי, אַ לץ! — האָט מיין פעטער זיך געפּאָכעט מיטן היטל איבער זיין צעהיצט פּנים.

— מען האָט די מעשה געדאַרפט איבערלאָזן אויף שפּעטער — האָט קיווקע זיך אָנגערופן — מען האָט געדאַרפט מיט איר פאַרבייסן די גאַנדז, וואָס בראָט זיך אין קיך.

— וואָס, קיווקע, די מעשה האָט דיר פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט?

— ניין — האָט קיווקע אַ שמייכל געטאָן — כ׳זאָג עס צוליב דעם, ווייל לאַכן איז ווי כריין, ביידע רופן אַרויס טרערן און ביידע העלפן פאַרדייען אפילו אַ לעדער.

— גיי, קיווקע, ביסט אַ טרוקענער ביין, — און דער פעטער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו מיר — יוסף, לייען נאָך עפּעס.

— טאָקע, לייען נאָך עפּעס, — האָבן די פערד־הענדלער מיך גע־בעטן.

כ׳האָב אויפגעמישט פּרצ׳ס „דריי מתנות״. דער פּראָסטער עולם, וואָס האָט גלייך נישט געכאַפּט וואָס איך זאָג, נישט געקענט צעקייען די עברי, האָט אָנגעהויבן צו רוקן די בענקלעך, זיך געבויגן צו מיר מיט אַן אָנגעשטעלט אויער. די פערד־הענדלער זענען ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מעשה. די שטילקייט האָט אָנגעהויבן ווערן געדיכטער און די ווערטער, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ קלימפּער, האָט מען געקענט ציילן. פון הינטער קאָלירטע שפּענצערס און וועסטן האָבן הערצער געזיפצט, שווער אָפּגעהילכט, ווי די קלעפּ ביים זאָגן „על חטא״. און אַז כ׳האָב געענדיקט לייענען איז די שטילקייט געוואָרן נאָך טיפער. אויפגעהייבענע הענט האָבן זיך נישט אַראָפּגעלאָזט, אַראָפּגעלאָזטע — האָבן זיך נישט אויפגעהייבן. און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס מענטשלעכע וואָרט האָט זיך פאַרשעמט פאַר די „אויסטערלישע מתנות״, וואָס בלישטשן, ווי אוצרות, און ס׳פאַלק גאַרט, בענקט און זוכט די מתנות אַרום. די פערד־הענדלער, די פערד־יונגען — עולם־הזה׳ניקעס — זענען געזעסן שטומע, גלייך זיי וואָלטן אויף זיך גענומען אַ שווערע תשובה, געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן אַ חטא. אַן עלטערער פערד־הענדלער האָט אַרויפגעלייגט פּרצ׳ס דיקן באַנד שריפטן אויף זיין ברייטער האַנטפלאַך, געוואויגן דאָס בוך און שטיל, מיט אַ זיפץ, אַ זאָג געטאָן:

— אַזאַ שווערן „קב־הישר״ זע איך ס׳ערשטע מאָל.

און ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ שמועס ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין וועגן יידן, וואָס זענען אומגעקומען אויף „קדוש־השם״.

צומאָרגנס איז צו מיר אַריבערגעקומען קיווקע „סיבירניק״, האָט געבעטן — כ׳זאָל אים געבן נאָך „אַזעלכע זאַכן״. און אין אַ יאָר אַרום נאָך סוכות, ווען פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך געלאָזט רעקרוטן אין שטאָט אַריין צו די „ליאַסאָוואַניעס״, איז קיווקע אומגעקומען. מחנות שייגאָצים האָבן גענומען שלאָגן יידן אויפן מאַרק, צעבראָכן זייערע שטעלן סחורה. קיווקע האָט זיך אַריינגעריסן צווישן פּעוול מיט אַ דרענגל אין האַנט, אַזוי לאַנג אָפּגעשלאָגן די גוים, ביז ער איז אַליין געפאַלן אין אַ טייך בלוט.

אַ נשמה, אַ נע־ונד׳ניצע, האָט אַ כאַפּ געטאָן קיווקעס דרענגל און איז דערמיט אַרויף צו דער פורטקע פון הימל.

די אויסטערלישע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן.

יאָ, דער עלטערער פערד־הענדלער, וואָס האָט אויסגעהערט די „דריי מתנות״ און דערביי אַזוי שטאַרק געזיפצט, איז גערעכט געווען,

ווען ער האָט געפרעגט צי פּרץ׳ס באַנד שריפטן איז אַ דיקער „קב־הישר״.

מען טאָר זיך נישט וואַרפן מיט אונדזער מוסר־ליטעראַטור, קוקן אויף איר, ווי אויף אַ ירידה, אין פאַרגלייך מיט דער נאָכגעשריבענער, פלאַכער מעשה פון יידישן מיטלאַלטער, וואָס איז אויסגעגאַנגען בנשיקה, ווען זי האָט זיך געוואָלט שטעלן אויף די אייגענע פיס.

אונדזער גאַנצע מוסר־ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך באַוויזן אין אַ צייט פון גרויסן פאָלק־יאוש און טיפן צער. גירוש שפּאַניע, די דרייסיק יעריקע מלחמה, גזרת ת״ח—אַ נאַציאָנאַלער חורבן אין אַלע אייראָפּעישע ישובים. וואָס פאַר אַ פּנים האָט ביים ייד געקענט האָבן די „וועלטלעכקייט״, וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק געווען צו זיינע צרות, די „וועלטלעכקייט״, וואָס האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט?

דער ייד, אַ געיאָגטער, איז אַוועק צו זיך, אין זיך. דאָרט האָט דער ייד געזוכט אַן אָנלען, אַ שטיקל נחמה. און ער האָט געפונען אַ טרייסט אין די כחות, וואָס האָבן געשלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלק, אין דעם היסטאָרישן דראַנג צום לעבן — אינעם יידישן מוסר און אין דער יידישער עטיק.

דער „בראַנטשפּיגל״, דער „לב־טוב״, די צאינה וראינה״ און דער „קב־הישר״ האָבן געמוזט זיין מער ווי ליטעראַטור, אַנדערש וואָלטן די ברייטע יידישע מאַסן זיך נישט געקענט אויסלעבן אין די דאָזיקע ספרים אויף יידיש. די לירישע „צאינה וראינה״, וואָס האָט אונדז באַפרייט פון מיטלהויכדייטש, איז געוואָרן דער רוקנביין פון אונדזער יידיש. דאָס ספר איז געווען איבער דריי הונדערט יאָר (און ס׳איז טיילווייז איצט) דאָס טיש־בוך, די ביבל, פון דער יידישער פרוי.

די מוסר ליטעראַטור, וואָס איז פול געווען מיט התלהבות און אַסקעטישן ברען, וואָס איז רייך מיט אַזויפיל סאַוואָנאַראָלעס, האָט אַרויסגערופן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווייל די מוסר־ליטעראַטור האָט געשטעקט מיט ציין און נעגל אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט זיך געקלאַמערט צו דער ווירקלעכקייט. דער מוסר האָט פון אַ לעבן־קוק זיך שפּעטער דערהויבען צו אַ וועלט־קוק.

די תנ״ך־איבערזעצונגען פון בליץ און וויצענהויזן האָבן זיך נישט אנגענומען ביים יידישן פאָלק, ווייל אין תוך זענען די איבערזעצער געווען „משכילים״. בליץ האָט זיין איבערזעצונג געשריבן „לויט די כללים פון

לשון אַשכנז״, און נישט ווי די דייטש־חומשים, וואָס האָבן זיך נישט געהאַלטן „לפי טבע לשון אַשכנז״.

בליך האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס די „צאינה וראינה״ איז „אייטל מדרשים ואגדות זרות״, וואָס יצחק גייט אין בית־המדרש אַריין דאַווענען מנחה, יעקב לערנט אין דער ישיבה פון שם ועבר. בליך זעט אין דער גאַנצער פאָלק־ליטעראַטור „אייטל שבושים״. אין „שמואל־בוך״ גיט דער נביא עסן שאול׳ן — געפילטע פיש און הון. דוד פלאַנט צו פאַרקויפן גלית׳עס כלי־זין, ווייל ער קען דערפאַר קריגן אַ סך געלט.

אַנאַטאָל פראַנס דערציילט ערגיץ, ווי אַ פילאָזאָף איז מיט אים פאַר־בייגעגאַנגען דעם פאַריזער קאַטעדראַל פון דער הייליקער מוטער. דער פילאָזאָף האָט אים אָנגעוויזן אויף די יידישע מלכים, וואָס באַשיינען די געביידע:

— די שטיינקריצערס האָבן געוואָלט אויסהאַקן יידישע מלכים און זיי האָבן אויסגעקריצט קיניגן פון דרייצנטן יאָרהונדערט. דעריבער זע־נען די פיגורן אַזוי אינטערעסאַנט. נאָר זיך און אייגענע קען מען גוט אָפּמאָלן.

דער „משכיל״ בליך האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אָנשטאָט אָפּצומאָלן די אָבות, האָט דער מחבר פון „צאינה וראינה״ געמאָלן זיך. און טאַקע דערפאַר איז זיין ספר געוואָרן אַזוי צוגענגלעך, האָט אַן אָטעם געטאָן דורך די אָבות מיט אמת׳ער וועלטלעכקייט.

די „השכלה״ פון יידישן מיטלאַלטער, צי פון ניינצעטן יאָרהונדערט, האָט נישט מיטגעריסן מיט זיך קיין מאַסן, ווייל זי איז געקומען פון דרויסן, האָט גערעדט צום פאָלק אויף פרעמדע שפּראַכן, איז שטענדיק געווען אַסימילאַטאָריש. מען דאַרף פריער שטעקן אין אייגענעם פאָלק, מען דאַרף טראָגן אין זיך ס׳געוויסן פון פאָלק, און ערשט דערנאָך קומען מיט איבערצייגונגען. דעריבער טאַקע איז דאָס כלי־זין פון דער השכלה, איר וועלטלעכקייט, אויך שטענדיק געווען אַן אויסערלעכע.

גליקל האַמיל, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער מוסר־ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך מיידלווייז זיך באַקענט דורכן „בראַנטשפּיגל״ מיט די כללים פון געשלעכט־לעבן און געשלעכט־היגיענע, וואָלט נישט געבליבן הינטערשטעליק, ווען מען פאַרגלייכט זי אפילו מיט אַ היינטיקער ראַ־דיקאַלער „סאָשל־וואָירקער״, וואָס קעמפט נאָך אַלץ מען זאָל די גע־שלעכט־כללים לערנען אין די שולן. גליקל׳ס מעמוארן זענען פונקט אַזוי

מענטשלעך און במילא „וועלטלעך", ווי מאַדאַם דע־סעוויניעס, וואָס האָט געלעבט אין דעם הויף פון לודוויק דעם פערצנטן.

דורות, תקופות זענען פאַרביי. יאָרהונדערטער האָבן, ווי שווערע פלאַסטן, זיך געלייגט איבער דער מוסר־ליטעראַטור, פאַרדעקט אירע ווארצלען, פאַרשאָטן די קוואַלן, נישט געלאָזט קיין לעק ליכט, און אויף די פאַרווישטע שפורן זעט דער היסטאָריקער בלויז אַפּאַטיע און רעאַקציע.

איז געקומען פּרץ, נישט בלויז דער זאַמאָשטשער פּרץ, וואָס איז אַלט געווען לויטן פּאַס אַ יאָר פערציק, נאָר דער פּרץ פון צפת, פון קאָרדאָווע, פון אַמסטערדאַם, פון פּראַג, פון דיסלדאָרף, פון קאָצק — און ער האָט אויפגעריסן די הונדערט יעריקע פלאַסטן. די פאַרשטאָפּטע קוואַלן האָבן אַ שלאָג געטאָן מיט אַזויפיל ליכט, אַז דער מענטש איז פאַר אַ ווייל פאַר־בלענדט געוואָרן, האָט פאַרלוירן דעם שורש, נישט געזען, ווי יצחק ליבוש פּרץ האָט דעם זעלבן מוסר דערפירט פון וועלטלעכקייט צו אַלוועלט־לעכקייט.

3

נאָך משה העסן איז יצחק לייבוש פּרץ אינעם יידישן לעבן אַ „ניי" וואָרט.

אויב די יידישע ליטעראַטור האָט איר וואָרט, וואָס האָט די ליטע־ראַטור אויפגעהויבן צו אַ אידייע — האָט דאָס וואָרט געזאָגט יצחק ליבוש פּרץ.

פּרץ דער שטענדיקער רעגער, די אומרו, וואָס צעטרייסלט די פאַר־זעסנקייט (נישט בחנם טרעפט מען ביי פּרצ'ן אַלע ריכטונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור), דער טאַטע פון דעם נישט דערזאָגטן וואָרט, דער צום ווינציקסטן באַרעדעוודיקער — דוקא ער איז געוואָרן דער „רבי" פון די בית־מדרש און שטיבל־בחורים, דער מדריך פון די שניידער און שוסטער געזעלן, פון די יידישע בערשטער און וועבער.

פּרץ איז נישט געקומען צום בית־מדרש־בחור מיט רחמנות, האָט נישט געהאַט קיין מיטלייד מיטן שניידער־געזעלן.

דער בחור, אפילו דער געכאַפּטער אין אַפּיקורסות, האָט דורכגע־לייענט פּרצ'ן און זיך אַרומגעזען אַז פון ביאַלער רבין, פון אַמשאָווער מקובל איז נישטאָ וואָס חוזק צו מאַכן. זיין אַרומיק לעבן, דעם בחור'ס, וואָס ער האָט אַליין פּרובירט אין זיך דערשטיקן, האָט זיך מיט אַמאָל באַפרייט אין אים, איז אים ליבער געוואָרן. פון פּרצ'ן האָט דער גע־

זעלן זיך דערוואוסט, אַז זיין טאַטע, דער וואַסער־טרעגער, דער האָלץ־העקער, דער בעל־מלאכה, זיי אַלע קענען זיך פאַרגלייכן אין מענטשלעכ־קייט מיט די לומדים, מיט די גבירים, וואָס זאָגן אַ דעה און פאַרנעמען די מזרח־וואַנט.

רחמנות, מיטלייד האָבן אויך פאַרפירערישע אונטערוועגלעך, וואָס וואַרצלען זיך אין ביטול, אין פאַראַכטונג.

דאָס קהל׳ן זיך פון אַ משכיל, פון אַ „דייטש״ אַ פילאַנטראָפּ, נעמט זיך פון רחמנות צום פאָלק, וואָס לעבט אין דחקות, אין פינצטערניש, נעמט זיך פון מיטלייד צו די מאַסן, וואָס ווערן דערשטיקט אונטער דער אייגענער טאָרבע. דעם טראָפּ דאַרף מען שטעלן אויף דחקות, פינצטער־ניש און טאָרבע.

אין דעם יידישן לעבן, אין דער יידישער ליטעראַטור איז רחמנות מער, ווי אַ שיטה. רחמנות איז ביי ש״דל׳ן דער יידישער הויפּט־עיקר, מענדעלע האָט אים אָנגעטאָן אַ קינסטלערישע טאָרבע און רייזען האָט דאָס רחמנות אַרויסגעפּירט פון יידישן תחום, עס געוואָלט פאַרוועלטלעכן.

פּרץ, וואָס האָט אַנטקעגן געשטעלט דער לעבנס־קלוגשאַפט פון דער יידישער ליטעראַטור, זיין אינטעלעקטועלע אינטואיציע, דוקא ער איז מיט אַמאָל אַוועק אין גאַס, אין מאַרק. מיט דער פרייד פון אַן אייגענעם האָט ער אויפגעזוכט אין פאַרוואָרפענע יידישע ישובים אַלטע פאַרזיגלטע געטראַנקען וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט. ער האָט די פאַרזיגלטע געטראַנקען צעעפענט אין מיטן מאַרק, גערופן אַלעמען — דעם בית־מדרש בחור, דעם אַרבעטער, קיווקע „סיבירניק״, ס׳גאַנצע פאָלק:

— קומט, יידן, טרינקען! אין חברותא איז היימלעכער צו טרינקען!

פּרץ האָט דער ערשטער אונדז געגעבן פּאָזיטיווע יידישע טיפּן. סיי פון פּראָסטן עולם, סיי פון זיינע מנהיגים. די גאַנצע שיינקייט און מענטשלעכקייט פון די וואַסערטרעגערס, פון די ביאַלער רביים (מעג מען מיט זיי נישט איינשטימען) ליגט אין יידישן פאָלק. און דערפאַר זענען די אַלע פאַרשוינען אויך אַ טייל פון אונדז און מיר קענען זיך פון זיי נישט באַפרייען.

פּרץ האָט אויך געגנער. און ס׳איז דאָך מערקווירדיק וואָס טייל סאָוועטישע קריטיקער קומען זיך צונויף אין דער פּרץ אָפּשאַצונג מיט אונדזערע עסטעטן. אי די סאָוועטישע קריטיקער, אי די עסטעטן טענה׳ן, אַז פּרץ האָט געשאַפן מער מיטן זכרון, ווי מיט דער הילף פון

אינטואיציע. פרץ איז א מתנגד, א ראציאנאליסט, א משכיל. ער האט געוואלט צוגעגנגלעך מאכן פארן עם־הארץ די פארגאנגענהייט, איז אוועק אהין און איז דארט געבליבן א געפאנגענער.

די סתירה באשטייט אין דעם, וואס פרץ האט זיך נישט אויסגע־לעבט, נישט געקענט לעבן דאס לעבן, וואס האט געשלאגן אין אים. פרץ האט שטענדיק זיך אנטקעגנגעשטעלט, שטענדיק מלחמה געהאלטן, מורא געהאט צו פארלירן זיין אינעווייניקסט לעבן. דאס שטענדיקע פראטעסטירן, דאס מתנגדות, האבן די קעגנער אנגענומען פארן אמת'ן פרץ.

פאראן קינסטלער, וואס טראכטן אין געשיכטלעכע קאטעגאריעס, טראגן אין זיך ארום קבוצים, פעלקער. פרץ, דער גרויסער מענטש, דער גרויסער ייד, וואס האט געטראגן אין זיך ס'גאנצע יידישע פאלק, וואס האט געמאנט ביי דער ליטעראטור דעם עם־הארץ פון דער תלמוד'ישער צייט, געמאנט דעם רמב"ם, שפינאזען, געמאנט דעם יידישן ארבעטער — דער פרץ האט זיך געמוזט אויסלעבן, ווי א יחיד, אין די דריי צימערלעך אויף צעגליאנע גאס. און אויף דער גאס האט געהערשט דער יחיד — מעטערלינק, וויספיאנסקי — מען האט זיך געשעמט גאר אנדערש צו טראכטן.

אין קבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאטעגאריעס — דארט דארף מען זוכן פרצ'ן און פריער צי שפעטער וועלן די געגנער קומען אהין.

פרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער ביי וועמען מען האט געקענט עפעס לערנען און מען לערנט ביי אים נאך היינט. אן פרצ'ן וואלטן מיר געהאט אן אנדער ליטעראטור. אין פרצ'ס דרכים גייען נאך ביזן היינטיקן טאג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באדייטנסטע יידישע שרייבער.

מיר לעבן אין פרצ'ן און ער — אין אונדז. דורך אונדז באווייזט זיך פרץ אין זיין אמת ליכט, אין דעם ליכט פון יעדן דור באזונדער.

א. גאָלאָמב

אַסימילאַציע־כוואַליעס ביי יידן אין אַלטערטום

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט).

גאַנץ אָפט קומט אויס צו הערן פון אַלערליי זייטן אַ שטאַרק פייער־לעכן טאָן וועגן דער יידישער אייביקייט. — „אָ, מיר יידן זענען דאָס איינמאָל אַ פאָלק, פון אייביק ביז אייביק". מיט איין פוס שטייען מיר הינטער די מיצרישע פּיראַמידעס און מיט דער צווייטער — אין דער תקופה פון ראַדיאָ און אַעראָפּלאַנען, און מיר שמידן מיט אַלע יונגע פעלקער צוגלייך דעם מאָרגן פון דער קינפטיקער מענטשהייט. ...דער אייביקער ייד, וואָס האָט פון זיין קליין־פּיצינקן כנען אַרויס אַ וועלט תורה געלערנט, איבער גאָרער וועלט און וועלטן זיך צעשפּרייט, אומעטום מיטגעלעבט, אַלעמאָל מיטגעשטרעבט.

...אונטער אַלע הימלען,
אונטער אַלע קעלער־שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען.

(ד. האָפשטיין).

און אַז מען נעמט אָט־אַזוי דעקלאַמירן וועגן דעם „אייביקן יידישן פאָלק", קען זיך באמת אויסדוכטן, אַז אָט־דאָס יידיש פאָלק ווי אַזאָ, ווי אַ גאַנצעס איז אַ מין גראַניט־מאָנאָליט, וואָס פון אַזאָ האָקט מען אייביקייט...

אָבער נעמט מען ביסלעכוויז צעוויקלען אָט־ דעם באַגריף „אייביקייט פון יידישן פאָלק", צערינט זיין גאַנצקייט און זיין פעסטקייט כמעט אינגאַנצן. ניטאָ נאָך אַזאָ פאָלק, דאַכט זיך, וואָס זאָל אַזוי גרינג זיך צעברעקלען, צעשמעלצן, צערונען ווערן, וואָס זאָל אַזוי זיך כסדר אַסימי־לירן, אַזוי ווי יידן. שווער צו געפינען אַזאָ אַסימילאַציע־גערייקייט און אַסימילאַציע־פייאיקייט ווי ביי אונדז יידן. ניט אומזיסט האָט אַמאָל דער האַרציקער ייד אַב—סקי אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וואו בלויז אַ „גוי־

אישער קאָפּ״ קען זיך נישט אָפּילו אונטערשיידן אַביסל, ווען מען דאַרף. עס איז שווער צו געפינען אין דער יידישער געשיכטע צייטן, ווען יידן האָבן זיך נישט געהאַלטן אין אַסימילירן, אין אויסיידישן זיך.

— טאָ ווער איז דאָס אייביק פאָלק?

— געוויס יידן.

— און ווער האָט זיך כסדר אַסימילירט?

— ווידער יידן.

— טאָ ווי קען עס זיין?

עס קען זיין, ווייל עס איז קיינמאָל נישט געווען און עס איז אויך איצט נישטאָ (און עס ווועט מן־הסתם אויך נישט זיין ווייטער) קיין איין גאַנצעס יידיש פאָלק. ין אָט־דעם אפאָלק זענען תמיד פאַראַן אַלערליי ריכטונגען — פאַר גאָט און פאַר אַלע טייוואָלים, און סתם „יידיש פאָלק״ איז בלויז אַ שיין וואָרט, אַן אַבסטראַקציע, וואָס זאָגט כמעט גאָרנישט.

* * *

און די אייביקע אַסימילאַציע אין יידישן פאָלק איז געגאַנגען כוואַליעס־ווייז — דאָ שטאַרקער, דאָ שוואַכער, דאָ אָפּן מיט אַ געהייבענעם קאָפּ ווי צום טאַנץ און דאָ פאַרבאַהאַלטן, פאַרשטיקט, אונטער אַלערליי שילדן און לאָזונגען. אַזוי אַרום, אַז די געשיכטע פון די יידישע אַסימילאַציעס האָט שוין אירע געזעצן, וואָס קענען אונדז דינען ווי קריטעריומס צו באַגרייפן, צו פאַרשטיין די וועגן־שטעגן פון היינטיגן יידנטום.

און די געזעצן זענען בערך אַזוינע:

א) אַלע ליבעראַלע תקופות אין דער געשיכטע ווערן באַגלייט מיט יידישע אַסימילאַציע־באַוועגונגען. דאָס זענען די שטייגנדיקע כוואַליעס. זיי זענען אַלעמאָל באַפּאַרבן אָפּטימיסטיש, מען איז האָפערדיק, שטאָלץ און, בעיקר, אָפּן „מיר ברענגען דאָס אַלטע פאַרעלטערטע און מיר גייען אין דער גרויסער וועלט אַריין״...

ב) ענדערט זיך די ליבעראַלקייט פון דער תקופה, ווערט די אָפענע אַסימילאַציע פאַרשווערט, דעמאָלט נעמט זי אָן אַ פּסיידאָ־נאַציאָנאַלן פּרצוף און נעמט זיך „ראַטעווען דאָס יידיש פאָלק״. דאָס איז דער באַרג אַראָפּ פון דער אַסימילאַציע־כוואַליע.

ג) די שיכטן, וואָס מאַכן מיט דעם באַרג־אַרויף זענען קלענערע אין צאָל און סאָציאַל מער באַשטימט. דאָס איז די ספערן פון געלט־ווירטשאַפט ביי יידן. די וואָס מאַכן מיט די פאַרשטעלטע אַסימילאַציע מיט פּסיידאָ־נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס זענען פיל ברייטער און נעמען

אַרום אַ סך אַנדערע קרייזן, וואָס מיינען צו געפינען אַן „אויסלייזונג" פאַרן פּרט און פאַרן כלל.

ד) אַט־די אַלע כלומרשט נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס זענען גע־וועקט פון ליבע און שנאה צו יידן. זיי זענען רעפאָרמאַטאָריש. זיי קומען ברעכן און צעשטערן כדי עפּעס צו בויען פון דאָס ניי. אַלע קומען זיי מיט עפּעס אַ פעטיש, „אלה אלוהיך ישראל".

ה) די אָפענע אַסימילאַציע־כוואַליעס זענען בערך קורצע און גייען גיך אַריבער. די פאַרשטעלטע זענען לענגער און במילא אַ סך שעדלעכער.

ו) אַלע אַסימילאַציע־באַוועגונגען, איבערהויפּט די סוביעקטיוו־נאַציאָנאַלע האָבן זיך געענדיקט אין דער געשיכטע מיט אונטערגאַנג, אומקום. דאָס יידיש לעבן האָט נישט אויסגעהאַלטן קיינמאָל די נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע רעפאָרמעס. די אַלע טיילן זענען היינט אויסער די ראַמען פון יידישן פאָלק.

ז) בלויז קליינע שיכטן בערך, וואָס זענען סאָציאַל נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דער אַסימילאַציע, האָבן אויך קולטורעל נישט אָנגענומען די „נאַציאָנאַל־אַסימילאַטאָרישע" רעפאָרמעס און — פון זיי דאָס היינטיק יידיש פאָלק. קומט אויס, אַז

ח) בלויז די פּראָגרעסיווע טראַדיציע*) זי איז די אייביקייט פון יידישן פאָלק ביז היינט און זיכער אויך ווייטער.

* * *

די ערשטע גרויסע כוואַליע פון אַסימילאַציע ביי יידן איז אויפ־געקומען אין מלכות־ישראל, בכן אין גאַנץ ארץ־ישראל אויסער דעם אָרע־מען און באַרגיקן יהודה. און אָנגעהייבן האָט זי זיך דווקא אין שלמה'ס צייטן. דאָס הייסט, אייגנטליך איז די אַסימילאַציע אָנגעגאַנגען פון מאָמענט ווען יידן זענען אַריינגעדרונגען אין כנען. אין דעם ליגט דער זינען פון דעם כסדר'דיקן „ויעשו הרע בעיני יי" ווי דער שפּעטערדיקער כראָניקער האָט עס אויפגענומען פון זיין רייןפּאַרטייאישן (און קעגנערישן) שטאַנדפּונקט. דאָ איז געלעגן דער זינען פון קאַמף צווישן דעם נאַ־ציאָנאַלן יהוה־גאָט און די כנענישע בעלים. אָבער נאָך דוד'ס מלחמות און שלמה'ס גרויס'מלוכה'שקייט איז דער קאַמף געוואָרן נאָך שאַרפער, נאָך בולט'ער. עס זענען אויפגעקומען אין לאַנד שרים, האַרן און הער־

*) טראַדיציע־געזעלשאַפטלעכע אינערץ, קאָנסערוואַטיווע טראַדיציע־אינערץ פון רו, פּראָגרעסיווע טראַדיציע־אינערץ פון באַוועגונג.

שער און אויך, פאַרשטייט זיך, אַ סך מער אָרעמע לייט, וואָס האָבן גע־מוזט די שרים אויסהאַלטן *). מיט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל, איבער־הויפּט דעם אויסלענדישן (צור, מצרים, אופיר, שבא) איז שאַרפער גע־וואָרן דער קעגנזאַץ צווישן אָרעם און רייך. און דווקא דאָס רייכערע, מער אַנטוויקלטע מלכות ישראל איז מער נוטה צו אַסימילאַציע, איידער דאָס באַרגיקע, האַלב מדבר׳דיקע יהודה מיט זיין פּרימיטיווער ווירטשאַפט. אין ישראל האָבן זיך געשאַפן גרעסערע לאַטיפונדיעס, לאַנדבאַזיצער, עס אַנטוויקלט זיך אַ לעבעדיקער פאַרקער מיט אויסלאַנד, — און די „כנעני־זאַציע" גייט מיט אַן אויפגעהייבענעם קאָפּ. ווער זענען די טרעגער פון דער אַסימילאַציע? — די מלכים, די שרים, זייערע כּוהנים און נביאים, ד. ה. דאָס באַאַמטנטום און די סתם רייכע „השוכבים על מטות שן" א. אַ. וו. עס איז גענוג דורכצולייענען אויפמערקזאַם וועגן דער טעטי־קייט פון די צוויי גרעסטע קעגנער פון דער אַסימילאַציע אליהו הנביא און עמוס, כדי צו זען, אַז עס איז אין תוך אַריין דער אייביקער קאַמף פון אָרעם און רייך. און רייך איז צענטראַפּוגאַל, קאָסמאָפּאָליטיש, אַסימי־לאַטאָריש. כדי צו באַרואיקן דעם אייגענעם געוויסן, און אויך כדי צו באַווייזן, אַז די רעפאָרמעס זענען אויסן בלויז נאַציאָנאַלן גוטס, ווערט געשאַפן אַ פעטיש, דער ערשטער „אלה אלוהיך ישראל" — די גאָלדענע קעלבער פון ירבעם. אַ נאַאיווער פעטיש, לויט די באַגריפן פון יענער צייט אָבער איז עס מן־הסתם געווען גענוג. וואָלט מלכות ישראל אָנגע־האַלטן לענגער, וואָלט זי געהאַט מער רואיקייט אינעווייניק אין לאַנד און אויסווייניק, — וואָלט געוויס אויך דאָס „רייך" ביסלעכווייז באַזיגט דעם „אָרעם" אויך גייסטיק, וואָלט געוויס דאָס המוניש, אונטערגעדריקט פאָלק שלום געמאַכט אַזוי ווי אומעטום מיט זיין גורל, וואָלט עס אויך פאַרלאָרן זיין אייגענעם קוק אויפן לעבן און עס וואָלט געגאַלטן אין לעבן „נאַציאָנאַלער" באַגריף ווי עס האָבן עס פאַרשטאַנען די הערשנ־דיקע שיכטן. דאָס פאַר זיי נאַציאָנאַלע וואָלט געוואָרן נאַציאָנאַל פאַר גאַנצן פאָלק. דען עס איז די טבע פון פאַרשקלאַפטע צו גלויבן אין גאָט פון זייערע פאַרשקלאַפער און אָנצונעמען פאַר ריכטיק זייער נאַציאָנאַ־ליזם, וואָס איז אין תוך אַריין: מערק, גרינגער פאַרקער מיט אַנדערע פעלקער, ד. ה. וואָס ווייניקער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס ווייניקער אייגנ־טימלעכקייט און ועל כולם אָפּצוהיטן דעם פאַרמעג — פעלדער, לענדער, האָב און גוטס — ארץ אָבות.

---

*) זע מלכים א׳ י״ב, עמוס א״אַנד.

וואָלט עס געשען אַזוי, וואָלט געוויס אַ ירבעם בן נבט געגאָלטן פאַרן „גרויסן נאַציאָנאַלן רעפאָרמאַטאָר”, וואָס האָט זיין פאָלק באַ־פרייט פון דער אַלטער פרימיטיווער קולטור און גלויבן. „ירבעם דער היילינקער” וואָלט ער געהייסן. זיינע נביאים און זייערע נאָכפירער וואָלטן געגאָלטן פאַר די אמת׳ע, זייערע ווערק וואָלט מען געהיט א. א. וו.... אָבער —

צום גליק אָדער אומגליק איז עס פאָרגעקומען אַביסל אַנדערש. די מלכות ישראל האָט קודם־כּל ניט געהאַט קיין גענוג רואיקע צייט, וואָס איז נויטיק, כדי די אונטערגעדריקטע שיכטן זאָלן באַהערשט ווערן אויך גייסטיק. די אָרעמע האָבן נישט געוואָלט אויפהערן צו האָבן זייער קולטור, זייער קוק אויף „אונדזער” קולטור און נישט אונדזערס.

ווען די רעליגיע איז אַן איבערגענומענע, אַן אויסגעלערנטע פון פרעמדע פעלקער, — זענען אירע טרעגער, אירע אויטאָריטעטן ווידער אַמאָל די הערשנדיקע שיכטן, די געלערנטע. האָבן זיי אויך אָט־דעם געוווער אין זייערע הענט אַרויפצעצווינגען זייערע מיינונגען אויפן המון: גאָט הייסט „פאַרן פאָטערלאַנד און גלויבן”. האָבן אויך די באַצווינגנדיקע שיכטן פון ישראל געוואָלט געבן דעם המון אַזאַ רעליגיע „אלה אלוהיך ישראל”, אָבער דער המון האָט זיך נישט געלאָזן. אים איז געווען ליבער זיין אַלטע רעליגיע, זיין טראַדיציע, וואו ער איז געווען היימישער. דאָס האָט אויך מאָראַליש געהאָלפן נישט אַרונטערצעפאַלן ביי זיך לגבי די רייכע. פאַר אָט־דער תקופה איז אָן ספק דער יידישער גאָט — דער גאָט פון די אָרעמע קעגן די רייכע, פון די באַדריקטע קעגן די באַדריקער, דאָס איז דער גאָט וואָס נישט די רייכע, די געבילדעטע האָבן אים צוערשט דערקענט. דאָס איז דער גאָט פון טראַדיציע, פון אַלטן שטייגער.

וואו איז געווען די גבורה פון דעם „אָרעמען” גאָט ער זאָל נישט באַקעמפט ווערן דורך די פרעמדע, רייכערע געטער? איך מיין, אַז סיבות זענען דאָ געווען צוויי: ערשטנס, האָט מען צו פרי אָנגעהייבן געבן די פרעמדע געטער. די אָרעמע מאַסן זענען נאָך נישט געווען גענוג גייסטיק דערדריקט זיך אונטערצוגעבן אָן קאַמף. זיי זענען נאָך נישט געווען קיין סטאַדע שאָף, וואָס גייט בלינד נאָך די „פירער”, עס איז געווען אַ שטאַנד אין דער געזעלשאַפט און נישט קיין קנעכט אונטער דער געזעלשאַפט. די צווייטע סיבה — די נייע קולטור, דער נייער גאָט האָט אין סאָציאַלן הינזיכט גאָרנישט אַזוי באַגליקט אין לעבן, גאָרנישט אַזוי שטאַרק אין דער שכנ׳ישער, אָרעמער, ווירטשאַפטלעך פרימיטיווער

יהודה. אין דער מדבר האָבן כסדר געלויערט סאָציאַל־רעליגיעזע קעמ־פער. צווישן זיי אַזאַ פלאַם־פייערדיקער אליהו, וואָס טראָגט זיך ווי אַ שטורעם איבערן לאַנד און נעמט דעם קיסר אַליין פאַרן באָרד „הרצחת וגם ירשת, אַ רוח אין דיין טאַטן ..״ (אין טעקסט פעלט דער לעצטער זאַץ בלויז צוליב איידלקייט). שפּעטער קומט דער פאַטאַספּולער אַגיטאַטאָר עמוס *), וואָס אין זיינע בילדערישע רייד איז שווער אונטער־צעשיידן צווישן רעליגיע עקסטאַז און סאָציאַלן ברויזן. פאַרשטייט זיך, די קעגנער האָבן געהאַלטן אַט־די פאַרשטייער פון דער טראַדיציע פאַר שונאים פון פאָלק, פון פּראָגרעס, פאַר קעגנער פון נאַציאָנאַלן אויפלעבן. דער נביא און זיינע געדאַנקען — דאָס זענען די שעדלעכע, די צעשטע־רערישע, די אינווייניקסטע שונאים פון דעם נאַציאָנאַלן מלוכה׳שן גע־דאַנק. דער טעקסט פון תנ״ך גיט אונדז איבער דעם גאַנצן קולטור־קאַמף בלויז איינזייטיק: נביאים פון גאָט און סתם „רשעים״. אָבער אין אמת׳ן איז דאָך עס נישט געווען סתם אַ פאָלק פון פאַר׳עקשנ׳טע געצנ־דינער. ניין. אויך אויף זייער זייט זענען געווען אויפריכטיקע גלויבער אין נאַציאָנאַלן גליק, און זיי האָבן עס געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן. עס זענען געווען אויך דאָרטן אָרענטלעכע טוער־כוהנים און אַגיטאַטאָרן — נביאים. זיי האָבן געוויס געהאַט זייער לאָגיק, זייער פּאַטאָס, זייער אי־דעאַל און קלאָרן געדאַנק, וואָס די טראַדיציע האָט שפּעטער אויסגעמעקט פון פאָלקס זכרון. אָבער אפילו פון די געציילטע רמזים קען מען אָננעמען, אַז אויך דער פּאַטאָס ביי די אָנהענגער פון דער אַסימילאַציע איז געווען אַ נאַציאָנאַלער. דאָס דאַרף די נייע קולטור באַרייכערן דאָס פאָלק, אים אויסלייזן פון זיין פּרימיטיווקייט און אים דערהייבן צום קולטור־ניוואָ פון דער תקופה, אַפּווישן דעם שטויב פון זיין אָרעמער מדבר׳דיקער פאַרגאַנגענקייט. „אַ ניי לעבן און אַ נייע קולטור פאַרן באַנייטן פאָלק״. דאָס איז יהודה אַזוי אָרעם, וויסט, ווייל עס האַלט זיך מיט זיין אַלט פרענקישקייט. „גיי אין יהודה עסן ברויט״ זאָגט מען צו עמוס׳ן מיט אַ ביטול צום אָרעמען נביא און זיין לאַנד. מיט דער נייער קולטור איז מען שטאַלץ. און די פאַרטיי פון נביא איז אָרעם און קליין. די קעגנער זענען רייך און פילצאָליק. אָבער סוביעקטיוו זענען זיי געוויס נישט גע־ווען קיין „נביאי השקר״.

*) תקוע, עמוס׳עס שטאָט איז עטלעכע שעה גאַנג פון בית־לחם שוין אין סאַמע מדבר יהודה.

אַט־אַזוי האָבן זיך געהאַלפן איינער דעם צווייטן — דער סאָציאַלער קאַמף פון אָרעם קעגן רייך און דער אַלטער שטייגער, דער „אלוהי אבותינו". אַט־דאָ איז דער קלאַסישער אויסגאַנג פון אַלע וויטערדיקע קולטור־קאַמפן ביי יידן. פון איין זייט די פלינקע אַסימילאַציע און פון דער צווייטער — דאָס פאַר'עקשנ'ט האַלטן זיך אָן טראַדיציע.

פון איין זייט — די סאָציאַלע שיכטן, וואָס הערשן, וואָס זייער עקאָנאָמישער דראַנג איז ברייטער פון דער טראַדיציאָנעל־היימישער סביבה און פון דער צווייטער זייט — די המונ'ישע מאַסן, וואָס זיי זענען עס אַט־די היימישע סביבה.

און עס איז אין תוך קיין שום אונטערשייד נישט צי די טראַדיציע־קולטור ווערט באַקעמפט דורך אויסווייניקסטע כחות, אָדער פון אינעווייניקסטע „נאַציאָנאַלע". שוין דאָ ווערט אַ נייע קולטור געקרוינט צו זיין „די נאַציאָנאַלע" און אין איר נאָמען ווערט די נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע באַקעמפט. שפּעטער האָט זיך עס אין דער יידישער געשיכטע איבער־גע'חזר'ט נישט איין מאָל מיט פאַרשיידענע רעזולטאַטן. אָבער אין פאַר־לויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר איז דאָך דער נצחון געקומען אויף דער זייט פון דער נייער „נאַציאָנאַלער" קולטור. די אַלטע איז ביסלעכווייז פאַרוועלט געוואָרן, דערדריקט, די נייע — מיט גוואַלט אָנגעוואָרפן. און דאָך איז אַט־די נייע בלויז אָפיציעל געבליבן נאַציאָנאַל, אָרגאַניש אייגנס איז עס נישט געוואָרן, און מהאי טעמא איז פון ישראל נאָכן חורבן גאָרנישט געבליבן, קיין שריד ופליט. נישט די פאַרטריבענע, נישט די געבליבענע. און מיט וואָס האָבן זיי געקענט ביישטיין, אַז קיין אייגענע קולטור, אָרגאַניש אייגענע איז נישטאָ. די אויבערפלאַכיקע אַסימילאַציע האָט נישט געקענט שאַפן קיין קולטור־טיפּ, נישט פון דעם אייגענעם קולטור־באַגאַזש, נישט פון פרעמדן. דער אייגענער — דערשטיקט, פאַר־מיאוס'ט, און דער פרעמדער — פרעמד און נישט אָרגאַניש. „פאַר (דעם יידישן) גאָט האָבן זיי מורא און צו זייערע געטער דינען זיי". אויף אונדזער לשון — נאָמינעל זענען זיי יידן, דעקלאַרירן זיך פאַר אַזוינע, און לויט דעם שטייגער און פיר, לויט דער קולטור — עפּעס פרעמדס.

עס איז אָנצונעמען, אַז דער „שומרונ'ישער" קולטור־טיפּ האָט זיך אויסגעבילדעט שוין פון פריער, נאָך פאַרן חורבן שומרון. עס איז חרב געוואָרן די מלוכה, אָבער קולטורעל איז דער חורבן געקומען שוין פריער. די נבואה האָט אויפגעהערט, בכל־אופן צו אונדז איז גאָרנישט דער־

גאַנגען, עס האָט איפּגעהערט דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור־טראַדיציע. עס האָט געזיגט די אַסימילאַציע, עס איז געבליבן אַ „כנעני־זירט״ פאָלק מיט רעשטלעך פאַרגליווערטע ייִדישקייט (פעטישן) אין קולט, אָבער אָן אַן אייגענער קולטור אין לעבן. עס האָט אים אפילו דער גלות נשט געהאָלפן, ווייל אין גלות זענען שוין אַוועק שומרונים.

און די ייִדישע טראַדיציע, די ייִדישע קולטור האָט קאַלט זיך באַצויגן צו דעם אונטערגאַנג. די גרעסערע, די רייכערע ייִדישע מלוכה איז אומ־געקומען, און די טראַדיציע האָט אפילו דעם טאָג נישט באַצייכנט מיט עפּעס אַן אָנדענק. קאַלט, עפּיש דערציילט דער תנ״ך די גאַנצע מעשה פון אונטערגאַנג: „און ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין ערד קיין אשור ביז אויף היינטיקן טאָג (מלכים ב׳, י״ז, 23 יהואש). דער זינגען פון די פריערדיקע פסוקים איז בערך: „און גוט אויף אים!״ קיין קרעכץ, קיין זיפץ, גאָרנישט. פונקט ווי דער גאַנצער ענין קומט בלויז צו באַ־שטעטיקן די ריכטיקייט פון דער טראַדיציע. שפּעטער ערשט ווען אין דעם טראַדיציע־טרייען יהודה האָט זיך אויפגעוועקט אַ נאַציאָנאַלער געפיל נישט צו דער מלוכה, נאָר צום פאָלק ווי אַזאַ, צום געמיינזאַמענעם אָפּשטאַם, — דעמאָלט ערשט האָט זיך אויך אויפגעוועקט אַ בענקעניש צום ברודער־פאָלק, צום „הבן יקיר לי אפרים״ (ירמיהו ל״א. אויך יחזקאל ל״ז). אָבער דער צווייטער ישעיהו, די שפּעטערדיקע דברי הימים און נביאים זענען שוין פריי פון די סענטימענטן, פאַרגעסן דעם אָפּגעשטאָרבענעם ברודער. און ווען די עולי בבל זענען געקומען צוריק האָבן זיי לגמרי נישט דערקענט שוין די שטאַם־ברידער, פרעמדע שומרונים, שונאים, קעגנער זענען דאָס שוין געווען. לעגענדעס האָבן געמוזט געשאַפן ווערן, כדי צו דערקלערן דאָס ביסעלע אָפּענדיקס־ייִדישקייט, וואָס עס איז געבליבן פון אַמאָל בליענדיקן שומרון. אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אויסברוך קעגן דער אייגענער קולטור־טראַדיציע אין נאָמען פון מלוכה׳שקייט, נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט א. אַ. וו.

* * *

אַנדערש איז עס פאָרגעקומען אין יהודה. די שטאַנדן־דיפערענציאַציע איז דאָ געוואָקסן לאַנגזאַם, אַזוי אָרום, אַז עס האָט געקענט זיך אויסבילדן אין דעם אייגענעם שטייגער. קיין קולטור־קאָנפליקט, קיין געטער־מלחמה איז דאָ נישט פאָרגעקומען. קיין שטאַרקע פרעמדע קולטור־אָנ־גריפן זענען דאָ נישט געווען (שכנות פון מדבר־פעלקער). דעריבער

טאַקע איז ביי די גרויסע נביאים פון יהודה דער סאָציאַלער עלעמענט לגמרי נישט אַזוי שטאַרק פאַרטראַטן. און דאָך איז דער פולער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין געקומען ערשט אין בבל.

* * *

די צווייטע גרויסע אַסימילאַציע־כוואַליע איז געקומען מיט דער העלעניזאַציע־תקופה אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש. די קולטור־טראַדיציע, וואָס האָט זיך פעסט אויסגעקריסטאַליזירט ערשט אין גלות בבל, איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל און זי האָט זיך פעסט גע־האַלטן כל זמן דאָס קליין לענדעלע יהודה איז געלעגן אָן אַ זייט פון דער וועלט. דאָס איז די צייט פון נחמיה ביז אַלעקסאַנדער מוקדון. די אָנ־גריפן פון דער העלעניסטישער קולטור האָבן אָבער דערגרייכט אויך צו יהודה. און עס איז אויפגעקומען אַ נייע „קולטור"־באַוועגונג — די העלעניזאַציע (מתיוונים). די טרעגער פון דער באַוועגונג זענען געווען לויט דער אַלגעמיינער מיינונג פון די היסטאָריקער רייכע אַקציזניקעס, איבערהויפט פון דער משפחה „בני אביה". (אָך, אונדזערע כסדר'דיקע קולטור־טרעגער פון די אַקציזניקעס און פאַדריאַטשיקעס... ווי מאָנאָטאָן די געשיכטע איז עס!) די העלעניסטן ביי יידן זענען, לויט זייערע סימ־פאַטיעס, געווען גוטע נאַציאָנאַליסטן און לויט זייערע שטרעבונגען — אָפענע עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן. זיי האָבן געמיינט צו באַגליקן יידן מיט דער „גרויסער" גריכישער קולטור, וואָס זיי האָבן אויפגענומען אַזוי ווי זיי האָבן זי געזען אין מזרח. קיינע פייגנבלעטער צוצודעקן די אַסי־מילאַציע־נאַקעטקייט און אָפענע אָנגריפן האָבן זיי נישט באַנוצט. בכן האָבן מיר דאָ ווידער אַן אַרויפשטראָם פון דער אַסימילאַציע־כוואַליע. אין זייער אַסימילאַטאָרישן קולטור עקסטאַז דערמאָנען אָט־די מתיוונים זייער שטאַרק די ערשטע משכילים צו ערשט אין פראַנקרייך, דערנאָך אין פרייסן און שפעטער אין רוסלאַנד־פוילן. מען איז אָפן אַרויסגעטראָטן דערפאַר, ירושלים זאָל ווערן אַ גריכישע שטאָט (גלייכבאַרעכטיקונג! עמאַנסיפאַציע, להבדיל). מען האָט געזוכט הילף ביי די אויפגע־קלערטע העלעניסטישע רעגירונגען קעגן די אייגענע „רעאַקציאָנערן", מורדי־אור, להבדיל. דערצו האָבן די אַקציזן, אגב, געבראַכט גוטע הכנסות.

אָבער דאָ האָט מען גראָב אָנגערירט די יידישע טראַדיציע, וואָס איז צו יענער צייט געווען שטאַרק איינגעפלאַנצט אין פאָלק. באַמערקט, — נישט די אָנגעגריפענע אויטאָנאָמע פּאָליטישע רעכט האָט אַרויסגערופן

די אַנטקעגן־באַוועגונג, נאָר דער גוואַלט קעגן די אַנגענומענע פּאַרהיי־ליקטע פאָרמען פון שטייגער לעבן, פון קולטור שטייגער. דאָס האָט אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד קעגן דער העלעניזאַציע און קעגן די הע־לעניזאַטאָרן, ווי אַמאָל קעגן דער כנעניזאַציע. די פירער פון אויפשטאַנד שטאַמען פון אַ פּאַרוואָפענער פּראָווינץ אָן אַ זייט פון האַנדלסוועגן (צום דערפל מודיעין איז אויך היינט נישטאָ נאָך קיין פאָר־וועג) צווישן די פעלזיקע פאַרהיגלען פון די הרי יהודה. אין פּויערים־פאָלק פון לאַנד האָט די טראַדיציע געפונען אויך אירע פּאַרטיידיקער.

און ווער האָט געזיגט?

דער מאָדערנער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער געדאַנק האַלט דעם נצחון פון די חשמונאים פאַר אַ פּולן: עס האָט זיך געבילדעט אַ יידישע סאָוועראַנע מלוכה אין פאַרברייטערטע גרעניצן מיט אַן אייגענער יידי־שער דינאַסטיע! די יידישע טראַדיציע אָבער האָט דאָ גאָר אַן אַנדער מיינונג. זי האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט מבטל צו מאַכן דעם אַנזען פון דעם פּאָליטישן נצחון. חנוכה — אַ נס מיט אַ קריגעלע ביימל און יוצא. ווי מיט אַ כוונה אויסגעמיטן צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יהודה המכבי, נאָר תמיד באַנוצט זיך מיט אַ פּסעוודאָנים „בית החשמונאים", בניו של החשמונאי". דעם יום־טוב, וואָס יהודה המכבי האָט איינגעשטעלט לדורות לזכר זיין גרעסטן מלחמה־נצחון דעם „יום נקנור" (13 טעג אין אדר) האָט מען גיך פאַרגעסן און ער איז גאָר פאַרביטן געוואָרן מיט אַ תענית לזכר אַ לעגענדאַרישער אָדער האַלב־לעגענדאַרישער אסתר המלכה. די ספרים וואָס באַשרייבן די גבורות פון די חשמונאים האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די „הייליקע ספרים". בכלל האָט זיך די טראַדיציע באַמיט צו פאַרטושן דעם גאַנצן ענין. מען זאָגט טאָקע חנוכה גאַנץ הלל, אָבער דאָך איז חנוכה אַ וואָכעדיקער טאָג און פּורים איז אַן הלל ביי דער טראַדיציע אַ גרויסער פריילעכער יום־טוב. ווען נישט די קריסטלעכע קלויסטער־נזירים וואָלטן מיר מסתמא גאָרנישט געוואוסט פון די יידישע העלדן — די חשמונאים.

אָבער צי איז באמת די יידישע טראַדיציע אַזוי בית־מדרש'דיק, בטלניש? — נישט איין מאָדערנער נאַציאָנאַלער דענקער האָט שוין גע־קריצט מיט די ציינער פאַר כעס אויף דער יידישער טראַדיציע. ווילהויזן דער קריסט, דער אייראָפּייער לאַכט אָפּ. דר. קלויזנער דער רעוויזיאָ־ניסטישער געלערנטער שעמט זיך פאַר דעם גוי און שרייט „לחרפתנו"

(„כשאומה נלחמת על חירותה״) און ווער האָט שוין נישט געוואָרפן קיין בלאָטע דערפאַר אויף דער יידישער טראַדיציע? —

אָבער לאָמיר זען: וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם פּאָליטישן נצחון? — עס איז געוואָרן אַ יידישע מלוכה?

— מלוכה אָדער דינאַסטיע? און אָט־די מיוחס־דיקע חשמונאים־דינאַסטיע האָט... וואָס? — זיך געריסן, גע׳ממית׳ט צווישן אַנאַנד, פאַר־גאָסן יידיש בלוט אויף רעכטס און לינקס, זיך נישט גע׳מיאוס׳ט צו רופן פרעמדע הילף אין ברודער־קאַמף. זי האָט געריסן שטייערן פון לעבעדיק און טויט כדי צו פירן די ברודער־מלחמות, און אַזוי בלוטדורשטיק און קורצזיכטיק פאַרפלאָנטערט דאָס אָרעם לענדל אין די רוימישע נעצן, וואָס פון זיי איז עס שוין נישט אַרויס. כל־זמן די חשמונאים האָבן געפירט אַ פאָלקס־באַוועגונג קעגן די קעגנער פון דער יידישער טראַדיציע, האָט זיי דאָס פאָלק געהאָלפן און איינגעהאַלטן זייער זכרון אויף אייביק. זענען זיי אָבער געוואָרן אַ דינאַסטיע מיט אַלע דינאַסטישע פאַרכאַפּערישע חשבונות, האָט זיך דאָס פאָלק און זיין טראַדיציע אָפּגעזאָגט פון זיי. און נאָר אין זכות פון די ערשטע חשמונאים האָט די יידישע טראַדיציע בלויז אויסגעמיטן די דינאַסטיע און נישט באַגלייט זייער נאָמען מיט עפּעס אַ קללה, ווי זי קען.

אויב די חשמונאים־דינאַסטיע איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער כבוד, איז באמת די יידישע טראַדיציע אַנאַציאָנאַל.

די חשמונאים האָבן אויסגעראָטן די העלעניזאַטאָרן, פון דאַנען און ווייטער באַגעגנט מען נישט מער זייער חוצפּה׳דיקע אָפּנקייט. אָבער דאָס איז בלויז אויבנאויפיק. די אַסימילאַציע־כוואַליע איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר זי האָט זיך צוגאָסן נישט הויך, אָבער ברייט. עס טרעפט אָפט אין דער געשיכטע, אַז אייזריכטונג באַקעמפט די צווייטע כדי צו פאַרנעמען איר אָרט און ממשיך צו זיין איר אַרבעט — זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן... די העלעניסטן זענען אויסגעראָטן געוואָרן, אָבער לגמרי נישט די העלעניזאַציע. זי האָט זיך ווייטער געשפּרייזט איר וועג רואיק און זיכער אין שוץ פון דער „נאַציאָנאַלער״ דינאַסטיע — די אַלעקסאַנ־דערס, די אַריסטובולס, הורקונוסן א. אַ. וו. די העלעניזאַציע האָט בלויז איר שילד געביטן ווי אַ באַנקראָטירטע פירמע און געמאַכט ווייטער — גוטע געשעפטן. אויפן פאָדערגרונט, צום שילד איז אַרויסגערוקט גע־וואָרן דאָס נאַציאָנאַלע, די „תורת משה״, די תורה שבכתב אין פאָרם פון אַ פעטיש, וואָס קען נישט פּראָגרעסירן. דאָס איז איצט געוואָרן

די באַוועגונג פון די צדוקים. און ווי נאָר די חשמונאים זענען געוואָרן אַ דינאַסטיע מיט אַלע סאָציאַלע אַספּיראַציעס פון אַזאַ, האָבן זיי גרינג און נאַטירלעך זיך צונויפגעבונדן מיט דער איבעריקער געלט- און באַ-זיצערישער-אַריסטאָקראַטיע, מיט די זאָרגער פאַר מערק, פאַר גרינגע האַנדלסוועגן, פאַר „נאַציאָנאַלע" עקספּלואַטיר-פּלעצער. און די פּשוט'ע המונישע יידן, אויף אונדזער לשון, די האַרעפּאַשנע מאַסן, האָבן מיט כעס, אפשר מיט אַ קרעכץ פון אַנטוישונג פאַרלאָזט די דינאַסטיע און איר פּאַר-טיי און זיי האָבן אַרויסגערוקט אַ נייע פּאַרטיי, די „פּרושים", וואָס האָבן באַקעמפט די דינאַסטיע, די צדוקישע אַסימילאַציע פּונקט אַזוי ווי זייער נאַציאָנאַלן פעטיש — די „תורה שבכתב". פּונקט ווי ביי די פריער-דיקע אָפענע העלעניזאַטאָרן איז אויך איצט ביי די פאַרשטעלטע — ביי די צדוקים — דער עיקר וויכטיק געווען וואָס קלענער צו מאַכן די אונ-טערשיידן צווישן ייד און גריך *) אין שוץ פון דער אייגענער מלוכה.

דערצו האָט די שוין־קאַנאָניזירטע תורת משה לגמרי נישט געשטערט. אגב איז זי שוין געווען איבערגעזעצט אויף גריכיש און איז געווען איינ-געגלידערט אין דער אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק, זי איז, הייסט עס, גע-ווען חשוב אויך ביי לייטן. געשטערט דער אַסימילאַציע האָבן נאָר די „זאַבאַבאָנעס", די „אַבערגלויבנס", אָט־די אַנגעקליבענע דורך דעם לעבן אין לעבן אַריין זיטן, שטריכן, מנהגים, געוווינהייטן, שטייגער, דערציי-לונגען, ספרים — מיט איין וואָרט: די „תורה שבעל פה". געשטערט האָט די נאָרמירונג פון יידישן שטייגער, די „הלכה", וואָס איז דאָך אין תוך גענומען אַ סומירונג פון שטייגער לעבן, געשטערט האָט דער צוגאַנג צו תורת משה פון די פּרושים, וואָס האָבן זי נישט פאַרמאַרינירט, נישט

*) אייגנטלעך פון העלעניזירטן בירגער פון מזרח. מען דאַרף זיך נישט טיף גריבלען, כדי צו באַגרייפן, אַז אָט־די העלעניסטישע קולטור, וואָס איז אין מזרח געבראַכט געוואָרן דורך זעלנער, אָפט געדונגענע, דורך הענדלער און אויך אַלערליי אַוואַנטוריסטן איז געווען גאַנץ ווייט פון דער ה ע ל ע נ י ש ע ר קולטור. די טראַדיציע גופא ווייס אונטערצעשיידן צווישן דער קולטור פון די „סבי דבי אתונא" און צווישן דער העלעניס-טישער קולטור אין מזרח, אין סיריען, מצרים וכדומה. באַשר די טראַ-דיציע דריקט עס אויס ווי געוויינטלעך אויף איר לאַקאָנישן שטייגער אין אַ אַגדה מיט אַ פּסוק דערצו: „כמתוקנים שבהם לא עשיתם, כמקולקלים שבהם עשיתם (סנהדרין ל"ט).

פאַרמאַכט סתם אין מענטעלעך, נאָר זי „גע'דרש'נט", צונויפגעבונדן זי מיט זייער לעבן, מיט זייערע געדאַנקען, אידייען און אידעאָלאָגיע. — אָט קעגן דעם אַלעס האָבן די צדוקים געקעמפט נישט ערגער ווי די פריערדיקע אָפענע העלעניזאַטאָרן.

פון שטאַנדפונקט פון פּאָליטישער מלוכה'שקייט, פון טעריטאָריע, דינאַסטיע זענען די צדוקים געווען די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. אַזוי פּאַסן אויף די זאַך אייניקע קריסטלעכע געלערנטע (עדוואַרד מאיר). פון שטאַנדפונקט אָבער פון דער יידישער טראַדיציע זענען די צדוקים אפילו קיין יידן נישט געווען *).

דער היסטאָריקער פון יענער תקופה, אַביגדור טשעריקאָווער (היהודים והיוונים בתקופה ההלניסטית" ז. 266) וואונדערט זיך ווי אַזוי האָט מען געקענט צונויפבינדן די פאַרהייליקונג פון דער תורה שבכתב מיט העלעניזאַציע. נאָך מער וואונדער: אָפט זענען דאָך די צדוקים געווען אין דינים האַרבער פון די פּרושים . . . עס איז מיר אָבער פשוט אַ וואונדער אויף אַזאַ פיינעם אַנאַליטיקער, וואָס בלייבט דאָ שטיין מיט אַ פרעג־צייכן. (צי האָט דאָ נישט געווירקט די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע איינשטעלונג פון מחבר?) דווקא אָט־די איבערגעטריבענע טרייקייט צום פאַרפיקסירטן און פאַרשלאָסענעם ספר האָט געגעבן די מעגלעכקייט שטאַרקער, אָפענער און דרייסטער, חוצפה'דיקער אָפּשטופן

---

*) ואותו היום שנסתלקה ס נ ה ד ר י ן ש ל צ ד ו ק י ם וישבה סנהדרין ש ל י ש ר א ל, עשוהו יום־טוב (מג. תענית). אין אַ צווייטן אָרט (נדה פר' ד', משנה ב') רעדט זיך וועגן דעם ווי מען דאַרף רעכענען די בנות צדוקים. צי דאַרף מען זיי רעכענען ווי טעכטער פון כותים (שומרים, נישט־יידן) אָדער ווי בנות־ישראל. און דאָס אין אַ הלכה, ד. ה. אין פּראַקטישן לעבן. פון דאַנען איז צו דרינגען, אַז דער אַנטאַגאָניזם איז ווייט אַריבער די גרענעצן פון צוויי פּאַרטייען, ווי מיר באַגרייפן עס איצטער, ווי חסידים — מתנגדים, ציוניסטן — בונדיסטן א אַ. וו. נ״ין. דאָ זענען די באַציאונגען געווען ווי צווישן צוויי סעקטעס ווי, למשל, קאַראַאימער און רבנישער. מען האָט זיך אָפּגעזונדערט אין צוויי פאָלקסשטאַמען, צוויי פעלקער אין דער צוקונפט. באשר, פון די צדוקים איז נאָך דעם חורבן, ווי אַמאָל פון מלכות ישראל, קיין זכר נישט געבליבן.

די תורה שבעל־פה, די שטייגערישע פאָלקס־קולטור און זיך דערנענטערן צום העלעניזם.

פונקט דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט מיט די משכילים. מען האָט זיך דערקלערט אין ליבע צום תנ״ך, צו דער „שפת קודש״. מען האָט דעם תנ״ך איבערגעזעצט אויף אַ „קולטור־שפּראַך״. מען האָט געפּוצט, גערייניקט אים פון אַלע „פּסולת׳ן״, וואָס זענען אויף אים אָנגעוואַקסן, צייט ער וואַלגערט זיך נעבעך ביי יידן. און אויך איצט האָט אַט־די ליבע צום קאַנאָניזירטן ספר געדאַרפט פאַרשטעלן פון אייגענעם געוויסן דעם פאַקט פון אַסימילאַציע. עס איז דאָך די לאָגיק פון יענער יידענע: וואָס מער זי זינדיקט, אַלץ מער ליכט טראָגט זי אין בית־מדרש אַריין. טאַקע מהאי טעמא האָט די יידישע פאָלקסטראַדיציע, אַט־דער קאָלעקטיווער יוחנן וואַסערטרעגער מיט זיין חוש צו דערשמעקן תורה לשמה, — טאַקע דערפאַר האָט עס די טראַדיציע תמיד אַזוי קרום געקוקט אויף דער צדוקישער און אויך דער משכיל׳ישער ליבע צו דער תורה (תנ״ך). אַט פאַרוואָס דער אָנזען פון דער חשמונאים־דינאַסטיע איז אַזוי נישטיק געווען ביי דער יידישער טראַדיציע ביז דער לעצטער צייט, ווען אַ קרובה׳שע באַוועגונג האָט איר אַרויסגעשלעפּט פון פאַרגעסנקייט. זי האָט פאַרלאָזט די אידייע, וואָס האָט זי אַרויסגערופן צום לעבן און איז אָוועק מיט די, וואָס זי האָט זיי געדאַרפט באַקעמפן, ממש ווי דער פאַרצייטיקער תנ״ך־כראָניקער וואָלט דאָ געשריבן: „וישובו ויעשו את הרע בעיני יהוה וילכו בדרכי ה... אשר השמיד יי לפניהם״.

קען זיין, אַז ווען די חשמונאים־דינאַסטיע וואָלט באַוויזן צו פאַרגרעסערן די יידישע מלוכה, אַז זי זאָל קענען קאָנצענטרירן אַלע יידן (אָדער כמעט אַלע), קען זיין, אַז דעמאָלט וואָלט זיך געשאַפן אַן אַנדער טראַדיציע מיט גאָר אַן אַנדער באַציאונג צו די שעפער פון דער מלוכה. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער זעלביקער „קען זיין״ וואָס בנוגע צו דער מלכות ישראל. אָבער נישט באַשערט יידן צו פירן אַ קולטור־טראַדיציע אויפן יסוד פון מלוכה׳שקייט (אויסער „דוד מלך ישראל״, וואָס אויך פון אים האָט די טראַדיציע געמאַכט מער אַ קליינשטעטלדיקן פרומען רב אײדער אַ מלך). פאַקטיש אָבער האָט די חשמונאים־דינאַסטיע אויב נישט פאַרגרעסערט מיט איר מלחמות, אָבער בכל אופן נישט פאַרקלענערט די עמיגראַציע. איז וואָס פאַר אַ זכיות האָט זי געקענט האָבן אין די אויגן פון דער טראַדיציע?

און באמת. מיטן חורבן פון דער מלוכה איז אונטערגעגאַנגען די

גאַנצע יידישקייט פון דער דינאַסטיע, אונטערגעגאַנגען די גאַנצע יידיש־קייט פון די צדוקים. ווער ווייס, אפשר זענען פון זיי געבליבן אַ נייער סאָרט שומרונים, אָדער ריכטיקער — זיי האָבן זיך געפירט קליגער: זיך צעמישט, אַסימילירט אינגאַנצן און נישט געוואָרט ביז אַ פּיזישער דע־גענעראַציע. אויב עס עקזיסטירן יידן אויף דער וועלט, זענען זיי פון די פּרושים געבליבן און נאָר פון זיי.

* * *

אויבן האָבן מיר דערמאָנט די איראָניע פון פּראָפ. ווילהויזען, וואָס יידן האָבן נישט איינגעהיט די חשמונאים־ליטעראַטור און אויך איז דאָרטן דערמאָנט געוועזן דער „לחרפתנו" פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָפ׳ קלויזנער. איז מילא ווילהויזען — ער איז פאַר זיך טויזנט מאָל גע־רעכט: אַ גריכישער נזיר האָט מער חוש געהאַט אָפּצוהיטן קולטור־אוצרות, אפילו פרעמדע, איידער דאָס גאַנצע יידיש פאָלק פאַר זיינע אייגענע. און נאָך וואָסערע אוצרות! וואָס זענען פול מיט אַזאַ נאַציאָ־נאַלן פּאַטאָס! איז אָט ווער זיי זענען אָט־די יידן, אָט־דאָס יידיש פאָלק. נישט אומזיסט זענען זיי נישט ווערט געווען אויפצונעמען די נייע תורה... א. אַ. וו. אַ גאַטס רחמנות איז בלויז נעבעך אויף אונדזערע יידישע „נאַציאָנאַל־שטאָלצע" געלערנטע חכמים, וואָס פאַרשעמען זיך אויף טויט צוליב דער איראָניע פון געלערנטן פּריץ: „דער פּריץ אַליין האָט גע־זאָגט, אַז ער איז מאוס". ווען אָבער אַ נאַציאָנאַלער יידישער גע־לערנטער וואָלט געקוקט אויף זיין פאָלק נישט מיט אויגן פון אַ שונא ישראל, וואָלט ער פאַרשפּאָרט נעבעך צו פּלאַצן פון חרפה. ער וואָלט באַגריפן, אַז

אויף קענען עפּעס איינהיטן און אָפּהיטן דאַרפן נישט די יידן קיין באַשטעטיקונג אפילו פון ווילהויזענ׳ען, און דאָס צו וויסן דאַרף מען לגמרי נישט זיין קיין געלערנטער, קיין פּראָפעסאָר און נאָך פון אַ יידי־שער אוניווערזיטעט. דאָס ווייס זער גוט יעטווידער קליינשטעטלדיקער יידישער פורמאַן. אלא וואָס דען? — ווער איז וואָס? ווער זענען די היטער? און וואָס היטן זיי? און ווי אַזוי היטן זיי? נישט סתם יידן האָבן איינגעהיט (אייגנטלעך איינגעהאַלטן) יידישקייט, נאָר סאָציאַל און אידעאָלאָגיש באַשטימטע שיכטן פון יידן. דאָס זענען „פּרושים", וואָס ווילהויזען און אַלע אַנדערע קריסטלעכע גייסטלעכע און געלערנטע האָבן זיי אַזוי פיינט (און ווי אַנטיסעמיטן האָבן זיי געננוג גרונטן פיינט צו האָבן די פּרושים, דען ווענישט זיי, וואָלטן דאָך קיין יידן שוין נישט געווען).

דווקא די פרושים, וואָס האָבן די „הלכה״ געשטעלט איבער אַלץ, דעם גאַנג פון לעבן, דעם שטייגער, די מנהגים און זיטן, די מסורת אָבות, די טראַדיציע איבער אַלץ, איבער דער מלוכה, איבער לאַנד און דינאַסטיעס. די היטער פון יידישקייט זענען געווען און געבליבן בלויז די פרושים, וואָס האָבן די תורה לגמרי נישט „געהיט״, נאָר זי געניצט, זי כסדר איבערגעאַרבעט און איינגעפלאָכטן אין זייער „תורה שבעל פה״, אין זייער שטייגערישער, כסדר וואַקסנדיקער פאָלקס־קולטור. די האָבן אויפ־געהאַלטן אַלץ וואָס עס איז דאָ אין יידישקייט, אָבער נישט די, וואָס האָבן באַקעמפט די „הלכה״ כדי כלומרשט איינצוהיטן אין איר ריינקייט די תורה שבכתב. און די פרושים, די טרעגער און פלעגער פון דער לע־בעדיקער פאָלקס־קולטור, האָבן שוין איינמאָל געוואוסט וואָס צו היטן, קיין הייליקע פעטישן, סתם הייליק נישט אָנצורירן — פון דעם האָבן זיי נישט געהאַלטן. זיי האָבן אָפּגעהיט דאָס, וואָס זיי האָבן רעדאַגירט, און זיי האָבן, אָן רחמנות, באַזייטיקט אַלץ, וואָס איז גע־ווען קעגן זייערע אָנשויאונגען. האָט בן סירא גלאָריפיצירט די צדוקים, די „חשמונאים״ — די דינאַסטיע א. אַ. וו., — האָבן זיי די פרושים באַזייטיקט, אויסגעשלאָסן פון די „הייליקע ספרים״. זאָל דער געלערנטער האָבן טענות צו די צדוקים, צו די אַלעקסאַנדריער יידן. יאָ, זיי האָבן דאָך געוואוסט ווי אָפּצוהיטן אויך די כתובים אַחרונים, פאַרוואָס האָבן זיי עס איינגעהיט... באשר יענע האָבן זיך נישט געקענט איינהיטן פון — אַסימילאַציע און אונטערגאַנג. די צדוקים אין ארץ־ישראל און די אַלעקסאַנדריער יידן אין מצרים האָבן געהאַט זייער רעדאַקציע פון תנ״ך (דער תרגום השבעים איז דאָך אָפט אַנדערש ווי אונדזער טעקסט *). זיי האָבן די הייליקע ספרים רעדאַגירט לויט זייערע באַ־גריפן: יידישקייט איז אַ פאַרטיקע, פאַרענדיקטע טייערע כלי, וואָס מען דאַרף זי טייער האַלטן, היטן, ווי אַ שיינע ירושה, אָבער צום לעבן האָט זי נישט קיין שייכות, כמעט „יהודי בביתך ואדם בצאתך״. איז וואָס זענען די פרושים און זייערע יורשים (ד. ה אַלע היינטיקע יידן) שולדיק, וואָס די צדוקים האָבן זייער תורה נישט איינגעהיט און זייער תורה האָט זיי נישט איינגעהיט? אַז דער גאַנצער בנין פון האַלטן יידישקייט אַן

---

*) רמזים אויף דעם זענען אויך פאַראַן אין תלמוד: „ספר של צדוקים״ אין מג׳ תענית. אויך אין „ידים״ פ׳ ד׳ משנה ח׳ „קובלין אָנו עליך צדוקי גלילי, שאַתם כותבים...״

דער תורה שבעל פה, אַן דער הלכה, אָן דעם לעבעדיקן קולטור־שטייגער און אָן דער שטייגערישער טראַדיציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט — גאָר־ניט, מיט אונטערגאַנג? וואָס זענען די פּרושים שולדיק, אויב פון דער צדוקישער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער פּאַטאָספּולער תורה איז געבליבן אַביסל פּאַרשטויבטע איבערזעצונגען ביי קריסטלעכע נזירים? *).

און די נזירים. זיי האָבן געהיט, מ'שטיינס געזאָגט, ווי מען היט אַ פאַרשלאָסענעם אַרכיוו. איי אָט־די שטרענג און גוט אָפּגעהיטע תורה האָט זיך עפּעס נישט צוגעקלעפּט צו זייערע זער געטרייע היטער, אַז זי איז אַ קאַפּעטשקע פאַרשימלט געוואָרן, איז מילא. דערפאַר האָבן זיי כבוד ביי אַ ווילהויזען און זיין יידישן תלמיד. אָבער די פּרושים און זייערע נאָכגייער, זיי האַלטן נישט פון קיין הייליקער אַרכיוו־יידישקייט. זיי דאַרפן נישט קיין סתם תורה שבכתב, זיי היטן די תורה שבעל פה, ריכטיקער די „תורה שבחיים". און דאָס האָט איינגעהאַלטן יידישקייט ביז אויף היינטיקן טאָג.

* * *

אָט־אַזוי האָט אויסגעזען די צווייטע גרויסע און קלאַסישע אַסימי־לאַציע־כוואַליע אין דער יידישער געשיכטע. און כמעט אַלע ווייטערדיקע כוואַליעס (די פאַלש־משיח'ישע אויסגעשלאָסן) גייען לויט די זעלביקע כללים און דרכים. מיר שטייען ביי היינטיקן טאָג ווידער אינמיטן ברויזנדיקע כוואַליעס פון אַסימילאַציע אין אַלע גרעסערע און וויכטיקערע קיבוצים, וואו זי האָט איצט דעם פּרצוף פון די אַמאָליקע מתיוונים און די שפּעטערדיקע עמאַנסיפּאַציע־משכילים און וואו זי איז אַריבער צום געשטאַלט פון דער צדוקישער. די פּרושים אָבער, די מאָדערנע פּרושים, וואו איז זייער פעסטע און אָרגאַניזירטע אַרבעט? וואו?

---

*) אגב, אינטערעסאַנט, אַז אויך ביאַליק, וואָס האָט בכלל געהאַט אַזאַ פיינעם חוש פאַר קולטור־טראַדיציע, האָט דאָ נישט געפונען קיין וועג צו דערקלערן פאַרוואָס „מפני מה הרכוש הזה לא נשמר ע"י העם היהודי (דברים שבעל פה א' ד' קפ"ג), צי אפשר האָט אויך זיין נאַ־ציאָנאַל פּאָליטישע איינשטעלונג פאַרצאַמט דעם וועג צום אמת?

בעריש ווײַנשטײַן

לידער

דער נביא פון שטאָט

אינעם אָוונט־בלאָ ביים האָדסאָן
גייט אום אַ נביא אין וואָגל, —
אין אור־קליידער פון אַ דורכגעגאַנגענער וועלט.
ער שטייט ביי די ברעגן, ווי אַפּגעריכטער גלות
מיטן פּנים צו דער ווייט פון הינטערן וואַסער,
און עס אָבל׳ט דער נביא אין אַ מדבר־קאַפּטן
אַ צענויפגעפּאַלענער אויף אַ פרעמדן שטעקן
מיט אַן אומעט פון טבילה, פון קריעה.

ער קומט מיט אַ ווייט פון לאַנגע דערפער
מיט אַן אַנגעברענגטן פאַרנאַכט אין די אויגן,
און גרויט אין שטויב — אַנגעשפּאַרט אויף געהילץ,
ווען אַ שטאָט ווערט הייסער גאַנג־שפּאַציר,
ווען שכורים אויף ברוק ליגן צעפאַלן אין ביילן
און וויינען צו מענטשן פון צופיל שכרות.

ער גייט דורך בריקן, דורך חצות און דורך שטאָט,
אויסגעדאַרט און לאַנג, ווי יוחנן, ווי ירמיה,
מיטן פאַרלייגטן שטעקן איבערן אַקסל,
און געגענט צו שלאַכט־הייזער — אַ נביא צווישן שעפּסן.
זיינע טריט איבערן דיל ווערן ווייכער, שטומער;
ער לייגט דאָס פּנים צו די פעלן פון די רינדער,
און מיט אַ וואַרימער האַנט צעבינדט ער די שאָף,
טרינקט זייערע העלדזער אַן נישט צושפּירן דעם חלף.

און אַמאָל — ער לאָזט זיך העלער, טיפער צו דער שטאָט,
ווען דעכער, געזימסן פאַרטונקלען די ברוקן,
און עס שטייען לאַמטערנס אַפּגעשלאָגענע אין די פענצטער.
דער נביא, אלול׳דיק און קאַלט, שטייט און שעלט —
ביז די לבנה ציט אַפּ פון די הימלען,
און עס נעמען אויפטאָגן הייזער מיט רויכן.

עס טאָגן אויף שטיקער נאַכט זיין גאַנג אַנטקעגן:
יונגפרויען ווערן ווי תפילות צום נביא,
און זייערע אויגן טריפן נאָך אַביסל שלאָף,
פון זייערע נעכט שמעקט בראָנפן און ליפן־פּאָמאַדע.
דער נביא גיט אַלעמען רו,
און פאַרגייט פון דער שטאָט אין פאַרטאָג אַריין.

אונטער בריקן

אונטער די בריקן טונקלען פאַרגעסענע גאַסן.
נעכט אַן לאַמטערנס ליגן אויף ציגל, אויף פלעשער.
פּנים׳ער אין גרייזיקע בערד ליגן אויפן ברוק
מיט די אויגן אַראָפּ,
און אָטעמען פון די שטיינער אַרויס
אַביסל פרישקייט — אין אַ יולי־אַווגט.
ראָסטיק־רויטע וואַסערן רינען פון די בריקן אַראָפּ
אויף אויסגעלייגטע גופים אין אַ זומער־נאַכט,
און שוואַרצלעך יאָגן אויף צעהאַקטע שלייפן
מיט פאַרלאָפענעם בלאָ און האַרטן בלוט, —
אַנגעשוואָלענע וואונדן פון פריערער שכרות.

מענטשן — זעק אויף די שיך, זעק אויף די לענדן.
זיי קומען אין די נעכט אַהער מיט שלאָפע טעג,
מיט מילדקייט אין די געלע פינגער,
און שאַרן זיך, ווי לבנות, אין אַנגעשראָקענעם גאַנג
ערגיץ פון אונטער די בריקן אַפיר.

אַלץ וואָס איז אומעטיק ליגט אונטער די בריקן:
סקלאַדן מיט סחורות פאַר שיפן, פאַר לענדער.
עס שלאָפן נעגערס, ווייבער און וואַגאַבונדישע יידן, —
שלאָפן צעוואָרפענע מיט ברייטע, אָפענע פיס אויף טרעפּ,
און עס שטאַרצן זייערע האַריקע הענט צום ווינט,
חלומות — דינע שמייכלען — רירן אָן זייערע ליפן. — — —
אָ, ווי עס רעגנט אַמאָל אויף זייערע מיילער.

אין אַ נאַכט פון רעגן כליפּען די בריקן.
עס רינען העלדזער אין צעקנעפּלטע קליידער אַריין,

און די קני, די בײַכער שפּירן נישט דעם גאַס,
דעם שווערן טראָפּ וואָס פֿאַלט פֿון שטאָל, פֿון בריק.
ווײַבער מיט בײזע הויטן רוען, ווי נאָך אַ לאַנגן וואָגל,
און פֿאַרטונקלען ווי לעגענדעס אונטער די בריקן.

אַ שטעקן

נאָך אַ שטעקן אַזאַ גײען נאָך גלות׳ן, —
בלינדע מיט אויסגעשטרעקטע טאָרבעס.
אַ שנײ פֿאַרשיט דעם גײער איבער דער וועלט,
און נאָענטער ווערט דער שטעקן צום וואָגלער;
ער וויל די וואַרעמקייט פֿון אַ בעטלערס האַנט,
און די טיפֿקייט פֿון אַ וואַנדעריקן מלבוש
צו קאָנען גײן אויף ווינטן, אויף רעגנס,
כּדי נישט צו פֿאַרוועלקן אינמיטן וועג.

בײם אַלטלעכן גוף פֿון אַ בלינדן
ווערט אַ שטעקן אַזאַ זעעוודיק ווי אַ מענטש,
ער שפּירט דעם שנײ, די זון אויפֿן ברוק,
און גײט פֿאַרזיכטיק אין בלינדנס ווײט
צו דערגײן אַ טראָטואַר פֿון נאָבעלע דורכגײער
אין אַ פֿאַרנאַכט ווען אַלץ בלויט ווי שויבן.

אינעם שטעקן איז פֿאַראַן די חכמה צו אַ פּרוטה
און דאָס געהער צו אַ קלאַנג נאָך אַ גראָשן.
די געלע, בלינדע האַנט פֿילט דעם סוף פֿון גאַס,
דעם געצוימטן טראָט אין אַ ווילדער שטאָט,
וואָס מאַכט פֿונעם בלינדן אַמאָל אַ מת, —
כאָטש עס איז נאָך טאָג אויף די שטײנער,
און עס גײט אום אַ לאַמטערן־צינדער ווען נאַכט קומט.

עס רירט דער שטעקן אַ נדבה אָן.
און דורך פֿאַרמאַכטע טרויער־וויִעס
זעט ער די טיפֿקייט פֿון וועג, די לענג פֿון גאַנג.
און ווען דינער, אָוונטיקער ווערט די שטאָט —
ציילט דער שטעקן די לעצטע ראָגן

און פירט דעם בעטלער אין אַ שטוב אַריין.
אין אַ שטוב אַריין אָן פענצטער און אָן נאַכט —
און לאָזט דעם בעטלדיקן טאָג אַהינטער זיך אויף טרעפּ.

אַ האַפן־וועכטער

אין שקיעה —
אַזוי פאַרגייען טעג ביי די האַפנס פאַרנאַכט:
פונעם בראַנד אויף די וואַסערן ווערט אָוונט, —
פונעם אָוונט — אַ מענטש מיט אַ ברוינלעכן לאַמטערן
אין צעפּירטן ליכט איבער קאַלטע, אומרואיקע שיפן.
אַ האַפן־וועכטער — בלאָנד און ברייט־וואוקסיק —
מיט אומעטיקע אַקסלען ביי די ברעגן.

עס ווינטערט דער וועכטער לאַנג און טרויעריק.
זיין גאַנג דערציילט פון גרויסע ים׳ען,
פון ראַנגלדיקע שיפן אין ווייטן ווינט, —
שיפן הילצערנע מיט לייוונטענע מאַסטן,
וואָס וויקלען זיך מיט פישערס אין שטורעמס.

אַ האַפן־וועכטער באַנאַכט —
די וואַסערן שוימען ווי הימלען.
פאַנאַרן פונעם באָרטן
ליגן אינעם וואַסער מיט די לאַמטערנס אַראָפּ.
עס שפּיגלען זיך פישערס מיט איבערגעקערטע שיפן
און מיט ווענטקעס אויף קני צו די הימלען אַראָפּ.
שיפן גייען געלאַסענער, טונקלער אין זאַווערוכעס
און סע פייכטן געזיכטער — ווייסער צו דער וייט.

אַ מענטש אַ שומר —
ער וויגט זיך אויף די וואַסערן אונטער אַ בויד, —
אין אַן אינווייניק — הינטער אַ שייבל ליכט,
און ציט דעם באָרטן אין זיינע אויגן אַריין;
אַמאָל זעען די אויגן בלויז אַ פערטל הימל
מיט אַ סך שטערן, אַראָפּגעפאַלענע אינעם וואַסער,
און עס פאַרדרימלט דער היטער אין די שטערן.
אַזאַ אומהיימלעכער האַפן־וועכטער!

בעריש ווײַנשטיין

אַ וואָגלער

אַ וואָגלער — אויסגעצויגן — גייט אויס אויף שטרוי,
ליגט מיט אַ פאַר'חלש'טער טאָרבעביים לענד, —
דאָס פּנים פאַרהאַקט און אָפּגענומען
און די אויגן אָפן אין פאַרגלייזטער קעלט.
אַלץ אינעם גוף שפּירט דאָס פרעמדע שטאַרבן
אויף אַ בוידעם פון אַ פרעמדער שטאָט.

אַ גייער, מיט אַ שטעקן פאַרקלעמט אין פויסט, —
זיינע אָנגעגאַנגענע פיס ליגן האַרטער, באָרוועסער
מיט צעעפנטע פינגער צום רעגנדיקן פענצטער,
און משניות־יידן מאַכן צורעכט דעם לאַנגן נזיר,
פאַרציען אַ יילעך איבערן געלן גוף,
און לאָזן זיך מיט גראָ צום דיל אַראָפּ.

לייוונט, מיט דער ווייסער טבע פונעם מת. —
שערבלעך אויף וויעס, צווייגלעך אין די הענט,
און אַ זשמעניע ערד צוקאָפּנס.
אַזאַ טרויער אין אַ לייכט־פאַרנאָגלטן אָרון.
הענט פון אַ שטילער קריעה
מישלט אַ ספר אויף אַ פריש געהובלטן דעק.

נאָך אַ מת אַזאַ גייען נאָכגייער אומעטיקער.
און עס טריפט די מיטה אינעם רעגן.
ווינט, נעץ פון איטלעכנס פּאָלע רינט,
און גאַסן ווערן פרעמדער, גרויער, דינער.
פאָרכט אויף אַלעמענס ליפּן
נאָך אַ לויה אָן אַ נאָמען.

רעגן, גאַנג און צעגליטשטע ערד. —
און די ערד פאַלט צוריק אינעם קבר אַריין.
לאָפּעטעס פאַלן געלער, געשווינדער און שווערער.
צעגראָבענע שלאַנגען לאָזן זיך נישט פאַרשיטן
און נישט פאַרלייגן — פון אויפגעבערגלטער ערד,
פון אַ שפּענדל אותיות
אַריינגעשטעקט נאָך אַ וואָגלער.

אויף שנײ

אַ מענטש אויף שנײ —
און ער קומט פון פרעמדע, װײטע ימ׳ען
מיט אַזאַ בלוט פונעם גערטאַ־אור,
װײט פון זײן לאַנד, פון זײן שטוב,
טונקעלט ער אויף בריקן — ניו־יאָרק —
מיט חשון־אויגן צו די האַפּנס אַראָפּ.

און עס ציען די װאַסערן ברײטער, טריבער,
בלאָזן נאַסער נאָך זיך זײנע קלײדער
אויף בריקן אינמיטן אָוונט.
ער שטײט, װי פון אַלטן שפּאַניע אַ ייד,
װאָס איז מיט כל־נדרי דורך גריבער געגאַנגען.

אַ מענטש מיטן גלות אינעם האַרץ,
גײט פאַרשנײעט דורך האַפּנדיקע נעכט
מיטן גרין פון דער גאַנצער לבנה,
און קוקט אויף דער קעלט פון זײנע הענט, —
אַ, װי ער װאָלט די שטאָט אינמיטן ים פאַראַנקערט.

אויף אַלע טרויעריקע גאַסן שאָטנט זײן װאוקס,
און שאַרט זיך שלאַנק נאָך זײן קאַלטן גאַנג
איבער שאַרפן שנײ, איבער געבראָכענעם שנײ, —
אַ פראָסט דעקט אײן זײן פּנים װי אַ שויב,
און גרײזט זײן באָרד מיט קעלט און פּאַרע.

אויף שנײ, אויף באָרטנס און אויף בריקן
זענען אַלע פענצטער הויך, פרעמד.
דער סוף־חודש אויף אַ װײט, אײנציק הויז
גליט אין בלי פון פראָסט, —
און עס שטאַרבן די דעכער טונקעלער אַרום
מיטן שװערן װינטער אויף זיך.

אַ מענטש דורך װײסע, שטילע מײלן גײט,
און קען דעם סוף פון אַ שטאָט נישט דערגײן.
עס װערט טאָג, אָוונט. ליכטיקע שטיבער.
און ער װײנט פון װאָגל אין דער שטאָט אַרײן.
אַ, װי ער װאָלט די שטאָט און זיך אינמיטן ים פאַראַנקערט!

מאיר סעגאַל

לידער

מיין קינדערישע היים

עס וואַרטן אָפענע די פענצטער פון מיין קינדערישער היים,
ס׳זאָל דער וואַנדער־וואָגלער פונעם ווייטן וועג אָנקומען.
טרויעריק פאַרבלישטשעט די לבנה אויפן ווייסן שניי.
און דער מידער וואַנדערער האָט דעם טרויער און דאָס ליכט
אין ווייטן וועג טיף אין זיך אַריינגענומען.

בין איך, דער וואַנדערער, אָנגעקומען.
שניי אויף מיינע קליידער, שניי אויף מיינע שיך,
טונקעלן אומעט פון פייגל איבער ווינטערדיקע פעלדער
האָב איך אין מיינע אויגן, היים מיינע, געבראַכט מיט זיך.

מיט פיבערדיקע ליפּן באַרירן דיינע קאַלטע ווענט.
און אַלע שטיינער וועלן דערפילן מיין אויסגעצערט לייב,
דורך מיינע פיס — די בענקשאַפט פון דער פרעמד.

2

עס וואַרטן אָפענע די פענצטער פון מיין היים.
און ס׳עפנט זיך די טיר. קינדער אויף ווייסע בעטן. —
ווייס ליכט פון לבנה דורך שויבן
לייגט זיך חלפ׳דיק אויף קינדערישע העלדזער.
איך לייג זיך אויך און רו אין קינדערישער בעט,
וואָס שטייט נאָך ווייס און ריין פאַרדעקט.

דער ווינט אַרום דעם הויז ווינט נאָך איצט אַריין אין מיר:
האָסט קיין טאַטן, האָסט קיין מאַמען,
און אפשר האָט דיך ווער אַוועקגעוואָרפן אויפן שניי,
מען זאָל דיין ווייטיק און דיין בראָך דערהערן. — —
אַרום הויז די טויטע טאַטע־מאַמע, אין ווינטיקן געפילדער,
יאָמערן אין קאַלטע רינענדיקע טרערן.

אינדערפרי איז אָנגעקומען פון אַ ווינטער־שטאָט אַ בריוו —
אויסגעציקלט פון אַ מיידלערישער האַנט, מיט טרויעריקן כתב:

„ליבער ברודער, אונדזער טאַטע האָט געהייסן יצחק, די מאַמע — לאה,
און קדיש זאָלסטו זאָגן דעם לעצטן טאָג אין פסח,
ווען ס׳לאָזט די זון זיך באַנג און נידעריק אַראָפּ
און ס׳הילט די ערד אין שאָטנס איין די שטאָט.״
אָ, פאַרוואָס האָסטו אין מיר אַזויפיל פּיין אַריינגעפורעמט,
פאַרוואָס, טרויעריקער גאָט?

3

אינדרויסן פאַר די פענצטער פאַרוויעט דיק און ווייך דער שניי,
און ס׳דרייען פעלדער זיך אַליין שוין, — וואָיען אין זאַווי.
און קינדער, אויסגעזעצטע אינעם זאַל, אין אַ ראָד אַזוי.
דער לערער יוסף מיט די בלויע אויגן איז שוין אַלט און גרוי. — —
און איך, ווי קום איך דאָ אַריין? כ׳בין פינפאונצוואַנציק יאָר שוין אַלט,
און קינדער זינגען נאָך, און זענען אַלץ נאָך קליין.
כ׳שטום אַריין אין פרייד, אין צער, און פרעג ביי זיך אַליין:
ווי זאָל איך כאַטש אין שטומקייט זיך אַליין פאַרשטיין?

ס׳פאַלט דיק און ווייך דער שניי פאַר די שויבן פון די פענצטער.
און מיטאַמאָל — שטיינער דורך די פענצטער, שויבן פאַלן אויס.
ביילים! זשיד! — — און קאַלטער ווינט אַריין־אַרויס. —
און רעדער זינקען טיף אין שניי, שלעפּן זיך צו פּויליש ווייטע דערפער,
און לאָזן אונדז דאָ איבער פאַרגאָסענע אין בלוט.
און ס׳קלינגען אָפּ פון ווייטנס די פּויערישע ווערטער צוויי: —
ביילים! זשיד!
און ווידער שטיל, און ווידער שטום דאָס בלוטיק־וויסטע ליד.

ס׳וואַרטן אָפענע די פענצטער פון מיין חרוב־קינדערישער היים
עס זאָל דער וואַנדער־וואָגלער פונעם ווייטן וועג אַנקומען.
טרויעריק פאַרבלישטשעט די לבנה אויף ווייסן שניי.
און איך, דער מידער וואַנדערער, האָב דעם טרויער און דאָס ליכט —
מיין היים, אויף אייביק טיף אין זיך אַריינגענומען.

בעטלער

טרויעריקער בעטלער איבער וויגנדיקע ראָגן,
שלעפּסט אַרום זיך איבער גאָסן בלינד און גרוי.
איך פיר אויך אַרום מיין לעבן איבער גאָסן —
הפקר׳דיק און שטום, ווי דו אַזוי.

דער ווינט צעיאָגט דער ערשטן, פרישן שניי.
שפילסטו אויס דיין פיין אין ציטעריקן ליד,
און איך לייג אויך אין טרויער אויס דאָ מיינע סטראָפן,
ווי דו, אויף ראָגן, דיינע וויינענדיקע טריט.

איז אונדז גוט אין וויסטקייט זיך אַרומצעשלעפן
אין צעריסנקייט מיט זיך אַליין, —
ביז אין בלוט זיך טיפער איינצעבייסן
אַוועקצעוואָרפן זיך ביזן לעצטן ביין.

דער ווינטער־הימל הילט זיך איין אין רויטע פלאַמען,
צינדט די ראָד, צעפלאַקערט און צעברענט ;
כ׳וואָלט אַצינד דאָס ברענענדיקע האַרץ אַוועקגעטראָגן
אויף מיינע נאַקעטע און קאַלטע הענט.

איז וואונדערלעך אויף גאַסן רוישיקע זיך צו דערוויסן,
אַז עס וואַרט אַ שוועל, פענצטער און אַ טיר.
אַ, דאַרער בלינדער בעטלער, ס׳איז גוט אַזוי צו פילן
אין דער אָוונטיקער קעלט אַ האַנט־באַריר.

און פאַר דעם, וואָס ס׳האָט אין ערגעץ ניט קיין היים,
איז אויך די ווינטער־ערד פריש, ברוין און גוט.
ער טרינקט די נאַכט, — ציט אין מאָרגן זיך אַריין,
און טרינקט אַרויס פון אַלץ דאָס לעצטע ביסל בלוט.

אַ, מידער דאַרער בעטלער, ס׳פאַלן לעצטע פענעס.
ס׳צינדט די נאַכט שוין אַלע פייערן פאַר דיינע בלינדע אויגן.
איבער פראָסטיק־אומעטיקע גאַסן ברעכן זיך און וויינען אַלע טריט,
און ס׳הויבן אָן שוין צו דער ערד קרעכצנדיקע קניהען זיך אַראָפצובויגן.

טרויעריקער בעטלער איבער וויגנדיקע ראָגן, —
שלעפסט אַרום זיך איבער גאַסן בלינד און גרוי.
אַלע פירן מיר אַרום אונדזערע לעבנס איבער גאַסן
הפקר׳דיקע, שטומע, ווי דו אַזוי.

האַרבסטיקע לעמער

פויערים אין שטרוי צינדן אויף פעלדער פייערן.
אַרום וועלדער ציט אַ ווינט ; ס׳פאַלן בלעטער ; ביימער ציטערן.

בהמות גייען פולע מיט אַראָפּגעלאָזטע העלדזער אין גראָז,
און שלאָגן אָפּ ברוין, אין טרויעריקן ליכט, אין שפּעטן פּיטערן.

פייערן ציען רויט, — נידערן אַראָפּ די גרויע הימלען, —
ס'געלן בערג, עפּל רויטלען און פוילן.
מיט שמאָלן וועג קומען ווייסע לעמער אָן —
הויבן אויף די קעפּ אינעם האַרבסט אַריין דעם הוילן.

וואָס וועט זיין אַז וועג און וואַלד וועט נאַכט פאַרמעקן ?
אַז ס'בלאָנדזשען אום די לעמער, — פּאַסטוך איז ניטאָ.
הונגעריגע וועלף די לעמער טרעפן
און נעמען זיי פאַרצוקן אין דער אוונט־שעה.

און אויך בהמות פאַלן.
דער ווינט פאַרלעשט די פייערן, און נעמט אַליין אויך שטומען ;
פוירים און נידעריקע הייזער שלאָפן,
און דעם פּאַסטוך זעט מען אַלץ ניט קומען.

דעמלסט נעמען קלאָגן הויך אין נאַכט אַריין די וועלף אַליין, —
עס זאָלן עפענען זיך טירן, עס זאָל דער פּאַסטוך קומען ;
זאָל דער ווינט אַרום די ווילדע וועלדער —
נאָך האַרבסטיגער און ויסטער זיך צעברומען.

די וועלף אין בלוט, אין צעריסנקייט צווישן שאָף,
זאַטע שלאָפן איין און ליגן.
אַ באָרוועסער דער פּאַסטוך קומט, און אין זיין פליים
יאָמערט אויף זיין נגון.

וועקן נעמט דער נגון די שמאָלע פענצטער,
און נעמט אויפגיין איבער גרויע כאַטעס. —
אָבער טיפער זינקען איין אין שלאָף די קינדער,
און טיפער נאָך אין שרעק — די טאַטעס.

2

דערזעט אין בלוט דער פּאַסטוך זיינע שאָף —
ער נעמט זיך וואַרפן אויף די וועלף, זיי וועקן ;
גיט די נאַכט אַ צאַפּל זיך און נעמט אַוועקגיין,
און לאָזט איבער אַלץ און אַלעמען אין הוילע שרעקן.

קומט אָן אַ נאַסער און אַ געלער דער באַגינען.
אַ דינער רעגן, — רעדערלעך אַ סך.
אַלטעביימער, רויטע בלעטער
ווינען מיטן גרויען שליאַך. — — —

אַ באָרוועסער דער פּאַסטוך לאָזט אַהינטער זיך אַוועק דאָס דאָרף,
דאָס בלוט, — די שאָף צעריסענע אויף פעלדער.
ער הענגט דעם טרויער זיינעם אויף — די וויטע בענקשאַפט —
אויף אַלע ביימער פון באַגינענדיקע וועלדער.

דערברען אין מיר די לעצטע שעה

ס'פאַלט אין רויטקייט צו דער אָוונט אויף שויבן,
איך בין היינט איבערפולט מיט בענקשאַפט און געברויז.
אַ גוטע נאַכט אייך, שלעסער אויף די טירן,
אַ גוטע נאַכט אייך, שטיגן פון מיין הויז.

אַ גוטע נאַכט אייך, גאַסן, מיינע ליבע שכנים.
כ'האָב פאַרפּאַקט שוין מיינע קליידער
און גיי פאַרנאַכטיק אָפּ פון מיינע טעג.
ס'וועלן טריט צוריק אייך גריסן הייס און שטויביק
פון מיין וויטן, גייענדיקן וועג.

סע שאָטנט זיך אַוועק די שטאָט, און ס'טונקלען זיך די הייזער.
מיינע טריט גיסן זיך צוזאַמען מיט פעלדער אין שפּאַן,
ס'לאָזט אַראָפּ די זון זיך אַ צעבלוטיקטע אויף ביימער, —
ווער איך אויך פון איר געוואָר אַז איך בין דאָ פאַראַן.

אַ גוטע נאַכט אייך, ברייטע פעלדער,
כ'צי זיך ווי די ביימער טיף אין אייך אריין,
ס'דעקט די נאַכט זיך פינצטערדיק און אייביק —
און הילט מיך דאָ צוזאַמען מיט אייך איין.

2

עס שמעקט דער וואַלד מיט בלעטער, ניס און ווינט,
און ס'ציטערט אויף די טונקלקייט, גיסט זיך אָן מיט ליכט.
אין אַלץ וואָס גייט אויף אין ריח פון ערשטן ווינט
דערקאָן איך מיין טרויעריק געזיכט.

מיין טרויעריק געזיכט אין פורעם פון באַשאָף.
אַראָפּצולאָזן זיך מיט פּנים און מיט קני
צו ערד, צו וואַלד, צו זון
פאַרן באַשאַף פון ערשטן אינדערפרי.

עס גייט דער וואַלד אַריין אין ווייטן טאָג,
און ס׳גייען מיט די וועגן קרומע פונעם וואַלד אַרויס.
אַ, גאָט, באַהיט די מענטשן פון די גאַסן, וואָס איך האָב פאַרלאָזט,
וואָס גייען איצט ווי איך פון בענקשאַפט אויס.

זיי ווילן אויך ווי איך צוריק אין שטומען וואַלד,
צום אָוונטיקן־גלי, וואָס לעשט זיך אויס אין ווייטן פלאַם. —
זיי ציען אין מידקייט אויס די בלוטיק־דאַרע הענט
צוריק צום טיפן, אייביק אַלטן שטאַם.

אַ, נעם אונדז אין זיך אַריין, דו ווילדער וואַלד,
און גיב אונדז אָפּ צוריק דאָס שטומע שווייגן,
נעם דאָס מעסער אָפּ, די האַנט וואָס גיסט מיט בלוט,
און דעק אונדז ווידער איין אונטער דיינע צווייגן.

עס לעשט דער וואַלד זיך אויס פונעם פיבערדיקן ליכט.
דער טאָג אַוועק, דער אָוונט גייט אויך אָפּ.
און מיינע האָר און קליידער, ווי די שטאַמען, רויטער ברענען.
בענקשאַפט מיינע —
ס׳וועט דער טאָג אין ווייטקייט דיך
אין זיך אַריינגעמען, פאַרנעמען.

3

ס׳פירט די נאַכט די לבנה אַרום
און צעוואָרפט זי אויף בערג, אין טאָלן. —
אַ, טיפער וואַלד אין ווייטער נאַכט,
צי קענסטו העלפן מיר געפינען דאָ די שפורן
פון מיינע טיפערע, נאָך ווייטערע אַמאָלן?

ס׳האָט דער וואַלד קיין ענטפער נישט.
ער מוז שוין אייביק אַזוי שטומען.
דרייען מיינע טריט זיך מאָכיק אום,
דערציילן פון אַ ווייטן קומען.

בלאַנקען מיינע טריט פונעם וואַלד אַרויס.
נישט ווייט אַ וואַסער צו אַ לאַנד אַ בלויען רינט...
טראָגן זיך דורך וואַלד און וואַסער
מיין פלאַטערדיקע בענקשאַפט, מיינע זינד.

4

בלויע נאַכט. שמאָלער וועג.
כ׳טראָג אויף מיינע אַקסלען אַ פּאַק מיט געהילץ
און שלאָג אויף ביים ברעג אַ טיש, אַ בעט —
בוי מיר אויף אַ געצעלט.
דורך איין מינוט לויכט די לבנה מיך אַדורך
מיטן ליכט פון דער גאַנצער וועלט.

פאַרהאַקט די טיר פון מיין געצעלט.
נו, איצטער וועל איך רוען, איין אַליין.
ס׳לויפט דער ווינט די ערד אַדורך —
און לייגט זיך ביי מיין טיר אין קאַלט־געוויין.

אַ, קאַלט־געוויין, כ׳דערשפּיר דורך דיר די גאַנצע וועלט
אין מיטנאַכט־שעה דורך אַלע מיינע גלידער. —
וואָיע טיפער דורך דורך מיר,
און טראָג זיך אין געדריי
צוזאַמען מיטן גרויען וואָלפס געוואָי; —
צו זיינע פיס די מידע
פאַלט אין שפּעטן הונגער
אויף מיין אייגענער געשריי.

5

רויט גייט אויף די באַגינענדיקע זון
איבער טייך און וואַלד און פעלד.
כ׳צעברעך דעם טיש, צעברעך די בעט,
צעוואַרף און שליידער אום די ווענט
און עפן זיך נאָך רויטער פון דער זון...
איך קען די קולות מער פון וועלטס געשריי נישט הערן.
אַ, פריער מאָרגן, לויטער מיך און לייז מיך אויס,
דערברען אין מיר די לעצטע שעה —
ווי ס׳האָט די נאַכט אַדורכגעברענט די לעצטע אירע שטערן...

מאַטעס דייטש

לידער

מיין טאַטע לערנט

אַ חק׳ל ליגט ווי אַ מולטערל צעעפנט
אין צעווירעטן באָדן מיט בייטן —
דאָס איינציקע יידישע פעלד.
די תורה — דאָס הויז.
אַרום — דער פאַרזיי.
אַ האַנט ווירעט מיט די פינגער
איבער די שורות און בייטן ווי אַ בראָנע.
אין פרייד פייקלען פינגער פון דער צווייטער האַנט
איבערן אָנגעשטויסענעם תהילימ׳ל דעם קוואַדראַטנעם,
וואָס ליגט פאַרטייעט ביים ברעג טיש
ווי אַ גאָרטנדיק ברונים מיט דרעמלדיק וואַסער.
מיין טאַטע לערנט.
מיין טאַטע לערנט נישט פון איין ספר אַרויס;
ער רינגלט זיך אַרום מיט אַ סך ספרים —
רייפן אייזערנע, רונדאַרום, פעסט.
ער ציט זיך ווי אַ זשומענדיקע בין
צו זויגן דעם האָניק פון בליטן און בלומען
פונעם אות, וואָרט אין אויפשטראַל פון שורות.
זיין מוח פאַרקלערט זיך וועגן וואונדערלעכן פאַרזיי,
זיינע אויגן פאַרזשמורען זיך פונעם פאַרביקן שניטצייט,
זיינע ליפן פאַסמאַקעווען זיך מיט זעלטענע טעמים,
זיינע נאָזלעכער צעפליגלען זיך פון גרויס תענוג,
זיין באָרד זונשטראַליקט מיט ליידנשאַפטלעכן פלאַטער
פון לערנען אין זינגעוודיקער התפעלות:
אַי און אַ־אַ־אַ־אַך!
ס׳אַראַ גרויס פאַרמעגן!
און בסך־הכל ליגט דאָס גאַנצע חק׳ל
אויף אַ פונאַנדערגעעפנטער גמראַ און ציטערט:
אַ קליין שייבל אין אַ ריזיקן פענצטער.

געדאַנקען — פון נאָך מיין זיין

זון מיינער — זקן איינזאַמער.
דיין יונגער טאַטע קאָן נישט שלום מאַכן
מיט דיין אַלטער עלטער וואָס איז אומפאַרמיידלעך
פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר אַלע.

דיין ברוין־ראָזעווו יינגל־לייב,
וואָס וויקלט איין דיינע זעכצן זומערן,
זינגט אַ געוויין צו דער אַלטער עלטער
וואָס קומט אין געלויער מיט יעדער רגע,
און פאַרצערט דיין צאַרטקייט, דיין קינדישן שטערן,
דיין יונגן געלעכטער מיטן מאַנסבילשן קול, וואָס בייט זיך
און וועקסלט זיך פון אַן אַלט אויף אַ טענאָר, אויף אַ באַס.
זון מיינער, איך טראָג אַ טאָפּלטע עלטער:
יעדער טאַטע טראָגט אין זיך אויך די עלטער פון זיין קינד.
און אַזוי אויך מיט שטאַרבן:
אַחוץ זיין אייגן טויט,
שטאַרבט ער פאַר יעדן קינד באַזונדער.
איך זע דיך אָפּט דורך מיין לאַנגאַנענדיקער פאַרשטאַרבנקייט:
איך בין שוין ערד, וואָרעם, פלאַנץ,
און דו, איינזאַם און אַנטפּלעקט מיט דיין עלטער צו דער וועלט,
שאָקלסט זיך אַרום אין פאַרק ווי אַ קינד —
ווי אַ קינד וואָס לערנט זיך די ערשטע טריט.
פונדעסטוועגן איז דיין פוס שטאַרק גענוג צו צעטרעטן אַ וואָרעם,
דיין האַנט, ביינערדיק און דורכזיכטיק ווי צעלאָפין,
שטרעקט זיך נאָך אַ צווייגל און רייסט אָפּ אַ בלעטל.
דו טראַכסט שוין נישט פון מיר,
אָבער איך טראַכט וועגן דיר
און וועגן דיין איינזאַמער עלטער.
צאַפּלדיק און פריש, ווי דאָס זאַפט פון בלעטל און וואָרעם,
ליגט ביי דיינע פיס מיין געדאַנק וועגן דיר.

פליענדיק שריבגעציג

ווילדע פייגל זענען געפלויגן איבערן לעיק,
אין דער פאָרם פון אַן אויפגעהייבענער בייטש,
פאַזע ברעג פון דער שטאָט שיקאַגאָ.
ס'איז געווען ערב אָוונט פון אַ מיטן האַרבסט.
אַן אַוויאַטאָר האָט געצוקט אות נאָך אות
מיטן עראָפּלאַן־שרייבגעצייג איבערן הימל.
מענטשן האָבן באַוואונדערט דעם פליער
און גאַפנדיק נאָכגעפאָלגט די רויכשריפט.
הערצער האָבן זיך געריסן ווי פאַרבענקטע קאַנאַריקלעך אין שטייגלעך

און מקנא געווען די פייגל, וואָס זענען געפלויגן
אין דער פאָרם פון אַן אויפגעהייבענער בייטש.
אַן אַלטיטשקע האָט צו מיר אַ רעד געטאָן:
„ווען איך האָב פליגל — פלי איך שנעל אָפּ
מיט דער מחנה פליענדיקע פייגל״.
באַנאַכט האָב איך גע׳חלומ׳ט פון ווילדע גענדז,
ביים איילנדיקן אָנבייסן האָט מיך פאַרטומלט זייער געשריי,
אין שאָפּ האָט די אַרבעט זיך געצויגן אין אַ ריי —
קאַראַוואַנען פליענדיקע פייגל.
ווען איך דערמאָן זיך איצט אין זיי,
דערקען איך דעם קאָליר פון יענעם אָוונט,
די אוזאָרן פון די בלוטיקע מירמלענע וואָלקנס.
די שטים פון דער אַלטיטשקער;
און מיין האַרץ איז איבערגעלאָדן
מיט קנאה און בענקשאַפט
נאָך די אַוועקפליענדיקע פייגל.

אָנקומענדיקע פאַרנאַכטן

אַ ייד, אַ זקן אַ דאַרער,
האָט פאַרלאָרן זיין ווייב און זיינע קינדער.
איך טרעף אים אָפט אין אָנקומענדיקע פאַרנאַכטן
אין פאַרק שטיין אַליין אַ פאַרשטאַרטן;
זיין פּנים קעגן דער פאַרגייענדיקער זון —
אַ קרומער קוסט מיט ריטלעך פאַרדאַרטע.
די זון — געשאָכטן אויף צעיושעטע וואָלקנס
איז פאַנאַנדערגעפעכערט ווי אַ גילדערנע פּאַווע.
פון דעם ווערט זיין פּנים מיט בלוט אָפּגעגאָסן;
עס צעפלאַקערט זיך אויף אים די באָרד און די פּאָלעס;
נאָר זיין מויל איז אָפן — אַ לענז אין אַ שפּאַקטיוו
געצילט אין מרחק אַריבער דער ערדישער וועלט:

„אַלץ איז וואונדער שבוואונדער,
נאָר איך בין איצט אַליין מיט דער וועלט
און בין פאַר איר איינגאַנצן אַנטפּלעקט.
כ׳האָב געענוג און גענוג, איבער־אַריבער גענוג. —
אַי, נעם מיך אַהין צו מיין ווייב און צו מיינע קינדער, —
כ׳קאָן שוין אַזוי לאַנג מער נישט וואַרטן.
כ׳האָב געהאַט גענוג און גענוג, איבער־אַריבער גענוג. —״

יואל סלאָנים

אין וואַלד

צווײ װעגן.
אײן װעג גײט לינקס
און אײן װעג — רעכטס.

דער װאַלד איז געדיכט.
דער װאַלד איז פֿאַרפּלאָנטערט.
עס זאַמלען זיך װאָלקנס
און נידערן אַראָפּ.
אָט דרײט זיך אַ שטעג,
פֿאַרשטעלט מיט אַ שטײן.

איך און מײן פֿרױ —
פֿאַרבלאָנדזשעט אין װאַלד.
מיר קוקן דערשראָקן
און שװײגן.
דער טאָג —
ער האַלט בײם פֿאַרגײן.
אַ פֿינצטערע נאַכט,
סוף־חודש־נאַכט,
לײגט אױס אירע ערשטע שאָטנס
אױף אונדזערע פֿאַרלאָרענע טריט.

צװײ װעגן.
די זון איז פֿאַרשװאונדן אַ געלע אין װאַלד,
פֿאַרשװאונדן אַהין און אַהער,
אַהער און אַהין.
דער הימל — גרין־בלױ און בלױ־גרין,
דער הימל — שװאַרץ־ברױן.
דער טאָג האָט די אױגן פֿאַרמאַכט.
נאַכט. נאַכט.
מיר בלאָנדזשען מיט די אױגן אַרום און אַרום,

אין וואַלד

און דאָס האַרץ, ווי די נאַכט, פינצטער און שטום.
עס ליגט זיך אַ נעבל
צווישן בוים און בוים. —
נישטאָ קיין וואַלד,
נישטאָ קיין לאַנד.
און פּלוצלונג —
עס שטייט אונדז אַנטקעגן אַ וואַנט.
און פּלוצלונג —
פון וואַנט ווערן ווענט,
וואָס רייסן זיך הויך,
וואָס רייסן זיך קרום;
און פּלוצלונג —
ניו־יאָרק שטייגט אַרויס פון שוואַרצן אַרום!
איך הער ווי עס קריצן זיך ציין,
איך הער ווי מען לאַכט
פון פענצטער אַרויס, פון טורעמס אַראָפּ.
און זע —
ליטל־דאַגי מיט פויסטן פון שטיין,
מיט געקריץ פון ציין,
מיט אויגן צעצונדן ווי בליץ. —
און זע —
דאָפּי בעני מיט מעסער אין האַנט,
מיט מעסער צום שטעכן געגרייט.
זיי האָבן געהיט,
זיי האָבן דערהיט: —
ווי גוט איז דער איינזאַם־פאַרלאָזענער אָרט
פאַר מאָרד!
דער וואַלד און די פינצטערע נאַכט
זיי וועלן די איינציקע עדות נאָר זיין —
זיי וועלן נישט רעדן קיין וואָרט.

אַ שאָרך און אַ שפּרונג.
צי רופט ווער אונדזער נאָמען אין וואַלד?
צי עמיצער יאָמערט: גוואַלד?

י. סלאָנים

דאָפי בעני,
ליטל דאָגי,
צי הער איך נישט אייער געוויין
אויף אייערע אייגענע יאָרן,
וואָס דאַרפן נישט דערלעבטע פאַרגיין?
און פלוצלונג —
עס ברעכן זיך ביימלעך,
עס פליקן זיך צווייגן,
און בליצן זיג־זאַגיש
שפּאַלטן די נאַכט,
פייער־פערד יאָגן
וועג איין, וועג אויס,
און אָט איז — פעלד.
פון וואַלד אַרויס.

פייער־פערד טראָגן אונדז
באַפרייטע פון טויט
איבער דער לענג און ברייט
פון אונדזער גוטן גאָט —
די שטאָט.

א. וואָגלער

דער שליאַך דערציילט אַ מעשה

דאָס נוסביימל איז געוואַקסן, זיך געהאָדעוועט
ביים שליאַך — זיין גוטמוטיקן, געלן ויידן;
עס רייט אַ רייטער — און ס'דערהערט דער פּאָעט
ווי דער וועג צום אייניקל זיינעם נעמט רעדן.

דער רייטער — דער פאַרנאַכט פאָרט אַדורך דעם געגנט,
און יאָגט די וואָלקנדלעך — זיינע פערדעלעך ווייסע;
סע טופּן זייערע טריט — עס דונערט און רעגנט —
דאָס דערציילט דער שליאַך דעם נוסביימל אַ מעשה:

„— אַמאָל געוועזן איז אַ וואַנדערער ביי אונדז אין מדינה,
אַ שאָף וואָס האָט זיך פּאָר אַ מענטשן פאַרשטעלט,
ער האָט געשפּילט אויף זיין האַרץ — דער מאַנדאָלינע,
און מיר האָבן צוזאַמען געבלאָנדזשעט אין דער וועלט.

דער יונגער גייער האָט געהייסן אלקנה,
און נישט געהאַט קיין חבר און קיין פריינט,
האָט ער איינמאָל געפרעגט ביי דער שוואַרצער וואָראָנע:
— צי עס איז אמת אַז די זון שיינט?

די וואָראָנע האָט געענטפערט: אַז ס'איז אַ ליגן,
די גליקלעכע האָבן די זון אויסגעקלערט;
האָט אלקנה געפרעגט ביי די ווייסע ציגן:
— צי עס איז זיי גוט צו לעבן אויף דער ערד?

די ציגן האָבן געענטפערט: ס'איז נישט גוט,
מע גיט אונדז נישט עסן, און מע מעלקט אונדז מיט גוואַלד,
אלקנה, אויך דו ביסט פון פלייש און בלוט
און וועסט איינגיכן ווערן גרוי און אַלט.

אלקנה האָט דעם קאָפּ צום פעלד אַראָפּגעלאָזן:
— צי איז פאַראַן פריינדשאַפט אויף דער ערד? —
האָט ער געפרעגט ביי די בלומען און די גראָזן,
נאָר קיין ענטפער — פון זיי נישט געהערט.

א. וואַגלער

דערנאָך האָט אלקנה באַגעגנט אַ פערד אין שפּאַן
און אים געהאָלפן שלעפּן די פור מיט בעטאָן ;
— צי איז יושר אויף דער וועלט פאַראַן ? —
האָט דער גייער ביים האַרעפּאַשניק אַ פרעג געטאָן.

— יושר פאַראַן איז נאָר פאַר דער סטאַדאָלע,
אָבער אונדז בעל־חיים׳לעך איז שלעכט,
מיך טרייבט און שמייסט דער באַלעגאָלע,
נאָר איך ווייס, אַז ער אַליין איז אויך אַ קנעכט.

האָט אלקנה געפרעגט ביי דעם געלן קאַנאַריק :
— צי איז פאַראַן פרייהייט אויף דער ערד ? —
דער קאַנאַריק האָט זיך געשטעלט ביי דעם מענטש אויפן קאַריק
און געקלאָגט : מסתמא זענען מיר עס נישט ווערט.

מיין ברודער ליגט אין שטייג פאַרשפּאַרט,
און דיך וועט מען אויך אין אַסטראָגן פאַרריגלען,
אלקנה, מען האָט אונז אָפּגענאַרט,
ס׳איז שלעכט אפילו די, וואָס האָבן פליגלען...

האָט אלקנה געפרעגט ביי דעם היימלאָזן הונט :
— צי איז גערעכטיקייט פאַראַן אויף דער ערד ?
און צי האָט ער אַ ווייב ? צי איז ער זאַט און געזונט ? —
און זאָל ער אים זאָגן וואָס ער באַגערט.

— כ׳האָב נישט קיין רו פאַר מיינע קראַנקע גלידער,
מיין ווייב און קינדער האָבן די היצלעס געטויט,
און די וועלף — מיינע פאַרשטויסענע ברידער —
זענען גנבים, גזלנים געוואָרן פאַר נויט.

זיי צערייסן אומשולדיקע לעמער און קינדער,
און באַצאָלן מיט זייער לעבן סוף־כל־סוף,
נאָר די, וועלכע משפּט׳ן די אָרימע זינדער —
וועלן אַמאָל אויך באַקומען זייער שטראָף.

מיינע ברידער ווייסן נישט אַז זייער זינד איז גרויס,
אָבער די זינד פון זייערע ריכטער זענען גרעסער,
זיי פראַוועט מאָלצייטן, און פרעסן פלייש
פון אָקסן — וועלכע זיי קוילענען מיט אַ מעסער.

זאָל זיין, אַז מיינע ברידער משפּט מען פאַר זינד,
נאָר פאַרוואָס האָסט מען מיך, אלקנה, פאַרוואָס? —
אפשר דערפאַר, ווייל כ׳האָב צו ערלעך אים געדינט,
האָט מיך פון זיין שטוב אַרויסגעיאָגט דער באַלעבאָס? — — — —

איצט איז מיין איינציקער טרוים און באַגער,
אַז מען זאָל מיך רואיק לאָזן וואַנדלען;
און די, וועלכע שלאָגן מיך מיט שטעקענער —
זאָלן אין אַ היימלאָזן הונט זיך אַליין פאַרוואַנדלען! —

האָט אלקנה געפרעגט ביי די גרויע טויבן:
— צי איז כאָטש ליבע אויף דער וועלט פאַראַן? —
און צי קאָן מען די פרויען גלויבן?,
און צי מעג מען טרויען אַ מאַן? —

— גלויב אין די פרויען, אלקנה גוטער,
אויף דער וועלט איז פאַראַן אי ליבע, אי זינד,
זיי ווילן, יעדע פרוי וויל זיין אַ מוטער,
און יעדער מאַן וויל זיין אַ קינד.

די טויבן האָבן געענטפערט, און געטאָן אַ פלי,
זיך אָנגעהאַנגען אויף אלקנה׳ס ברוסט;
אלקנה איז געפאַלן פאַר זיי אויף די קני,
און זיי אין די רויטע שנעבעלעך געקושט.

נאָר, דערנאָך, האָט אלקנה באַגעגנט אַ הון
מיט ווייסטער פאַרשמאַכטעניש אין איר בליק,
זי איז געווען פאַרפייניקט פון דער הייסער זון, —
האָט איר אלקנה געפרעגט: וואָס ווייס זי פון גליק?

— אַ שוחט איז דאָ — זאָגט די הון, זיי וויסן,
ער האָט זיין חלף פאַר מיר אָנגעגרייט,
אלקנה, אויך דיך וועט מען אין קריג דערשיסן —
ס׳איז נישטאָ קיין אייביקייט און קיין פרייד...

אלקנה האָט זיך צעוויינט — און פון זיינע טרערן
האָט זיך אָנגעטרונקען די קלוגע עוף;
און דער וואַנדערער האָט זיך געבעטן ביי די שטערן —
זיי זאָלן אים אַרויפנעמען צו דעם אין־סוף.

האָבן די שטערן געענטפערט: — פאַרוואָרף אַ שטריק,
קריך אַרויף צו אונדז און ווער אונדזער האַר,
גאָט — אונדזער פאָטער — איז געפאַלן אין קריג,
אונדזער מאַמע — די לבנה, וויינט אויף איר צער.

דער גייער האָט אַ פלי־געטאָן צום האָריזאָנט,
אַ פאַל געטאָן צוריק, זיך צעקלאַפּט אָן אַ שטיין;
גאָט לעבט אייביק — אלקנה האָט דערקאָנט
אין זיינע רויטע וואונדן גאָטס געוויין...

די שטערן — די ליגנער האָבן זיך אויסגעלאָשן,
איז אלקנה אַוועק צום טייך — און אַ כוואַליע
האָט געשעפּטשעט צו אים: — אָ, זיי מיין חתן —
און איך וועל זיין דיין טרייע כלה.

האָט אלקנה געזאָגט: — איך האָב דיך האָלט,
איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן;
און ער האָט איר אָנגעטאָן אַ קדושין־רינג פון גאָלד —
פון זונאויפגאַנג אַ שטראַל אַ ראָזן.

אלקנה האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווילִיע,
די כוואַליע האָט מיט אָרעמס אים אַרומגענומען;
די פאַרליבטע יונגע פּאָר — האָט די שקיעה
באַשאָטן מיט רויטע שטראַלן־בלומען..."

* * *

דער פאַרנאַכט פאָרט איבערן בלויען געגנט,
און יאָגט די וואָלקנס — זיינע פלינקע פערד;
עס טופּן זייערע טריט — עס דונערט און רעגנט —
דאָס רעדט דער וועג, און דאָס נוסביימל הערט:

— מיר איז ליב צו זיין אַ שליאַך פון ליים,
אויך דיר, מיין אייניקל, איז וואויל און גוט —
וואָס דו ביסט געבאָרן אַ פּראָסטער בוים,
און נישט קיין מענטש פון פלייש און בלוט.

ה. לייוויק

דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד

דראַמע אין 3 אַקטן.

געווידמעט דעם אָנדענק פון מאָריס ראָזענפעלד, וועגן וועמען ס׳איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז ער האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט פאַרשטעלט פאַר אַ בלינדן. עס דאַרף אָבער, בשום אופן ניט פאַרשטאַנען ווערן אַז עס איז דורכאויס אַ ראָזענפעלד־דראַמע אין ביאָגראַפישן זינען.

פּערזאָנען:

מאַקסים דאָרנפעלד — פּאָעט.
ראָוז — זיין פרוי.
באָב — זייער זון.
באָריס — דאָרנפעלדס ברודער, אַן עלטערער בחור.
העלען
לעוו — אַ יונגער פּאָעט.
העלער — רעדאַקטאָר
הערמאַן — רעדאַקטאָר
דובין — רעדאַקטאָר
דוד רייך — פּאָעט. גאַסט פון אייראָפּע.
רודערמאַן — אַ רעפּאָרטער.
ערשטער רעפּאָרטער.
צווייטער רעפּאָרטער.
דריטער רעפּאָרטער.
איזראַעל זיף — גביר־פילאַנטראָפּ.
דאָקטאָר.
דעלעגאַציע.
כאָר.

האַנדלונג: ניו־יאָרק, אַרום 1912.

ה. לייוויק

ערשטער אַקט

(אָרעמע וואוינונג פון דעם שריפטשטעלער מאַקסים דאָרנפעלד. פאַרנאַכט. עס־צימער. אויפן טיש ליגן פאַנאַנדערגעעפנטע שול־ביכער און העפטן. ביי אַ פענצטער איבער אַ ניי־מאַשין זיצט ראוז און נייט. ווינטער. אין שטוב איז ניט וואַרעם).

ר א ו ז: (זי הערט אויף צו שטעפּן, קוקט זיך אַרום, זעט נישט קיינעם ביים טיש, רופט) **באַב, וואו ביסטו?** (ווען קיינער ענטפערט נישט) **וואָס איז מיט דעם קינד געוואָרן לעצטנס? לאָזט איבער די ביכער מיט די העפטן און ווערט נישט.** (זי רופט ווידער) **באַב!** (הויבט זיך אויף, קוקט אַריין אין שלאָפצימער, אויפגערעגט) **וואָס זיצטו דאָ אין דער פינצטער? וואָס טוט זיך מיט דעם יינגל?** (גייט אַריין אין שלאָף־צימער. קומט גלייך אַרויס צוריק, שטופּנדיק באַב׳ן פאָראויס פון זיך מוטערלעך בייז) **מעגסט זיך שעמען. אַ בחור פון 17 יאָר פראַוועט אַזוינע שטיק. לאָזט איבער אַלץ מיט אַנאַנדער און זיצט אין דער פינצטער איינער אַליין. וואָס איז מיט דיר? זאָג.**

ב אַ ב: גאָרנישט.

ר א ו ז: אַז גאָרנישט האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו ריידן. (זי זעצט זיך צוריק צו דער מאַשין. באַב זעצט זיך ביים טיש, נעמט טאָן זיין היים־אַרבעט. עטלעכע רגע׳ס גייען דורך. באַב נעמט שרייען מיט אויפרעגונג).

ב אַ ב: דיין מאַשין מאַכט מיך נערוועס, איך מאַך מיסטייקס נאָך מיסטייקס.

ר א ו ז: ביסט אומדערטרעגלעך היינט, באַב. אפילו מיט דיין רעדןווילסטו מיר טאָן צו־להכעיס.

ב אַ ב: וואָס אַזוינס?

ר א ו ז: דו ווייסט, אַז איך וויל נישט ליידן ווען דו מאַכסט חוזק באַם רעדן יידיש. דו טוסט מיר צו־להכעיס און רעדסט מיט אַ כיון נישט קיין ריינעם יידיש.

ב אַ ב: אָבער אַז איך מאַך פאָרט מיסטייקס צוליב דיין מאַשין. — נו גוט, זאָל זיין גרייזן. אַז איך מאַך גרייזן, איז דיר שוין גוט?

ר א ו ז: איך האָב נישט ליב דעם טאָן דיינעם.

ב אָ ב: וואָס זעסטו אַזוי אין מיין טאָן?

ר א ו ז: אַ טאָן פון דער גאַס, באָב. עס גייט נישט אין אַ וואָרט. עס גייט אין דעם, וואָס דו האָסט געמעגט האָבן מער אַכטונג פאַר דער שפּראַך אויף וועלכער דיין טאַטע שרייבט. איך באַמערק אין דיר לעצטנס גאַנץ אָפט אַ חוזק־טאָן.

ב אָ ב: זאָלן אַלע האָבן אַכטונג פאַר דעם טאַטנס שפּראַך, וועל איך אויך האָבן.

ר א ו ז: (אויסער זיך) ביסט פון זינען אַרונטער? דאַרנפעלדס איינציקער זון רעדט דאָס אַזוי?

(זי נעמט זיך צוריק צו איר אַרבעט אַ באַליידיקטע).

ב אָ ב: (מיט חרטה טאָן) מאַ!

ר א ו ז: רעד נישט צו מיר. (פּאוזע).

ב אָ ב: (שפּרינגט אויף מיט אַ מאָל) דיין מאַשין לאָזט מיר פאַרט נישט שרייבן. ווען דו קויפסט מיר אָבער אַ דעסק, וואָלט איך געקענט זיצן פאַר זיך און אַרבעטן.

ר א ו ז: איך מיין, אַז שיך דאַרפסטו בילכער.

ב אָ ב: אַוודאי דאַרף איך שיך. אַ שאַנדע מיט אַזוינע שיך אין סקול צו גיין.

ר א ו ז: אַז דער טאַטעס אַרבעט שוין נישט וואָכן לאַנג, גייט אַלע טאָג אין שאַפּ און קומט מיט גאָרנישט צוריק.

ב אָ ב: (שאַרף) ער איז דאָך אַ באַרימטער יידישער פּאָעט, דער טאַטע, פאַרוואָס־זשע לאָזט מען אים אַרבעטן אין שאַפּ?

ר א ו ז: דו פירסט מיך היינט אַרויס פון געדולד, באָב,—ביסט קיינמאָל נישט געווען אַזוי.

ב אָ ב: איך ווער עלטער, ווער איך אַנדערש, זע איך.

ר א ו ז: וואָס זעסטו?

ב אָ ב: מען האָט דעם טאַטן געוואָלט אַריינגעמען אין אַן ענגלישער צייטונג, צאָלן אים אַ סך געלט, פאַרוואָס איז ער נישט געגאַנגען?

ר א ו ז: דיין טאַטע איז דאָך אַ יידישער שרייבער.

ב אָ ב: טו זאָל ער עס נישט זיין מער.

ר א ו ז: מעגסט זיך שעמען אַזוינס צו רעדן.

ב אָ ב: נישט איך דאַרף זיך שעמען. זאָלן זיי זיך שעמען.

ר א ו ז: ווער זיי?

ב אָ ב: אַלע. אָט שטייען דעם טאַטנס שוין צען ביכער — נו ווער

פרעגט אויף זיי? ווער דאַרף זיי? — צו פאַרדינען אויף ברויט זיצטו און שטעפּסט אויף דער מאַשין אַ גאַנצן טאָג. — מען דאַרף נישט קיין יידיש אין אַמעריקע.

(אין דער צייט קומט אַריין באָריס — אין האַנט האַלט ער אַן איינגעוויקלט פּעקל).

ב אַ ב: (נישט באַמערקנדיק באָריסעס אַריינקומען. מיט חרטה צו דער מאַמען). נו ,זיי נישט אין כעס, מאַ.

ר א ו ז: פריער רעג מיך נישט אויף, דערנאָך בעט מיך נישט איבער.

ב אַ ב: (שרייט) ווועל איך אינגאַנצן אַוועק פון דער היים. איך וועל אַוועק טרעמפּעווען.

ב אָ ר י ס: גוטן אָוונט.

ר א ו ז: אָ, באָריס!

ב אָ ר י ס: וואָס איז דאָ געוועזן אַזוינס?

ר א ו ז: פרעג אים.

ב אָ ר י ס: וואָס איז דאָ געשען, באַב׳ל?

ב אַ ב: (כאַפּט די פּאַפּירן און ביכער און לויפט אין צווייטן צימער) ליוו מי אַלאָון, אָנקל. (לויפט אַרויס).

ב אָ ר י ס: ליוו מי אַלאָון — איז טאַקע זייער אַ פיינער ענטפער, — אָבער פאַרט? —

ר א ו ז: גאָרנישט, באָריס.

ב אָ ר י ס: גאָרנישט איז גאָרנישט. מילא, ווועלן מיר דאָס לאָזן. — האָסט געקראָגן נייע אַרבעט, זע איך.

ר א ו ז: געקראָגן אַביסל.

ב אָ ר י ס: אַ שיינע מעשה. דו אַרבעטסט, און איך מיט מאַקסימען זיצן אין שאַפּ און קוקן אויס די אויגן. קיין שטאָך מלאכה. ווידער אומזיסט געשלעפּט זיך. אַ טאָג גע׳פּטור׳ט. דער באָס וויל אָבער נישט אָנדערש, אַז אַלע אָפּערייטאָרס זאָלן זיך געפינען אין שאַפּ, צי עס איז דאָ אַרבעט צי נישט. נו, זיצן מיר.

ר א ו ז: וואו־זשע איז מאַקסים?

ב אָ ר י ס: ער איז נישטאָ נאָך? ער איז דאָך אַוועק פריער פון מיר פון שאַפּ. אַ טבע פון אַ מענטשן — אַוועק גיין און נישט זאָגן, אַז ער גייט אַוועק — אַזאַ צוטראָגענער לעצטנס, אַז מען קען צו אים קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

ר א ו ז: עס קען זיין, אַז ער איז געגאַנגען צום דאָקטאָר. די אויגן זענען

ביי אים ווידער נישט גוט, און ער קלאָגט זיך אויך אויפן האַרצן.

ב אָ ר י ס: אַלץ דערפאַר וואָס ער שרייבט באַנאַכט. דאָס הרג׳עט אים אַוועק, זאָג איך דיר.

ר א ו ז: איך קען גאָרנישט העלפן. ער פאָלגט קיינעם נישט.

ב אָ ר י ס: אַ מענטש איז אַ גזלן אויף זיך אַליין. אַן אמת׳ער רוצח.

ר א ו ז: ווען מען קען אים אויף אַ פּאָר וואָכן כאָטש אַוועקשיקן אין קאַונטרי ערגעץ אָפּרוען. אַז נישט וועט ער אַוועקפאַלן. (זי אַרבעט).

ב אָ ר י ס: (שפּאַנט אַרום איבערן שטוב אויפגערעגט) אַ פּאָלק, אַ פּרעסע, אַ ליטעראַטור — און איינער פון אירע גרעסטע שרייבער זיצט אין שאַפּ, האַלט ביים צוזאַמענברעכן, און גאָרנישט. (צו ראוז) איך פאַרזיכער דיר, ווען ער איז אַ העברעאישער פּאָעט וואָלט נישט געקומען דערצו.

ר א ו ז: הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיין העברעאיש?

ב אָ ר י ס: אַז איך זאָג דיר — יידיש איז נאָך אַלץ נישט קיין שפּראַך און נישט קיין ליטעראַטור — —

ר א ו ז: וויפיל מאָל האָסטו צוגעזאָגט מאַקסימען וועגן דעם דאָ אין שטוב נישט צו רעדן מער.

ב אָ ר י ס: נו, אַנטשולדיק.

ר א ו ז: אפשר איז ער געגאַנגען אין רעדאַקציע זיך זען מיט העלערן.

ב אָ ר י ס: ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נישט גיין אַהין, ביז וואַנען העלער וועט נישט שיקן אים רופן. און ס׳איז ריכטיק אַזוי. אַז דאָרנפעלד פאַרלאַנגט מען זאָל אים צאָלן אַביסל מער געלט פאַר זיינע לידער, האָט די רעדאַקציע קיין איין רגע נישט באַדאַרפט איבערטראַכטן און מסכים זיין. זיי דאַרפן וויסן ווער דאָרנפעלד איז, און וואָס זיינע אַרבעטער־לידער מיינען פאַר דער צייטונג. (מ׳קלינגט אין טיר — באָריס איילט עפענען — קומט אַריין צוריק מיטן לענדלאָרד).

ל ע נ ד ל אָ ר ד: גוד איוונינג!

ר א ו ז: גוד איוונינג.

ל ע נ ד ל אָ ר ד: איך קען מער נישט וואַרטן, מרס. דאָרנפעלד. שוין דער דריטער מאָנאַט.

ב אָ ר י ס: עס וועט אייך זיין אָפּגעצאָלט ביז אַ סענט.

ל ע נ ד ל אָ ר ד: ווען איך וויס נישט ווער מר. דאָרנפעלד איז, וואָלט איך אייך שוין לאַנג געהייסן אַרויסקלייבן זיך.

ר א ו ז: אָבער היינט האָבן מיר נאָך נישט.

לענדלאָרד: איך קען לענגער נישט וואַרטן. עס טוט מיר לייד. איך מוז ביז מאָרגן האָבן מיין רענט.

ראוז: מאָרגן איז אוממעגלעך.

לענדלאָרד: איך קען גאָרנישט העלפן. איך מוז ביז מאָרגן האָבן מיין רענט.

באָריס: (מיט כעס) און אַז נישט?

לענדלאָרד: איר ווייסט אַליין וואָס וועט זיין. גוד נייט. (אָפּ).

באָריס: (פליט אַרום איבערן שטוב) אַדרבא, זאָל ער אַרויסזעצן. זאָל ער. אַדרבא. און זאָל די וועלט זען ווי די יידישע ליטעראַטור באַהאַנדלט אירע שרייבער. נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור קען אַזוינס געשען. (ראוז לאַכט) וואָס לאַכסטו?

ראוז: ס׳איז מיר ביטער, לאַך איך. דער זון וויל, אַז דער טאַטע זאָל שרייבן ענגליש, דער ברודער וויל העברעאיש, און דער לענדלאָרד וויל רענט. (באָריס פאַרשעמט, זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל) וואָס־זשע האָסטו זיך צענויפגעקאָרטשעט, באָריס?

באָריס: (שטעלט זיך אויף צוריק) נו, אַ דאגה. — ס׳איז אַ שווערער ענין. אַ שווערער פּלאָנטער. אַט־דאָס אַלץ מיט אַנאַנדער. דו קענסט אַוודאי מיינען, און מאַקסים מיינט אויך אַמאָל, אַז איך בין אַ שונא פון יידיש.

ראוז: (שלאָגט אים איבער) האָסט שוין געגעסן סאַפּער?

באָריס: יע, ראוז. (ער גייט צו צום מאַשין, וויל אַרויסנעמען פון אירע הענט די אַרבעט) לאָז מיך צום מאַשין. איך וועל אַרויסענדיקן.

ראוז: אַ דאַנק, באָריס. איך וועל שוין אַליין.

באָריס: די צרה מיט מאַקסימען איז, וואָס ער איז אַ גזלן אויף זיך אַליין, פאַרשטייסטו מיך. אַ מענטש טראָגט זיין אייגן האַרץ אויף אַ מעסער. דו פאַרשטייסט — העברעאיש איז אמונה און יידיש איז פאַרצווייפלונג.

ראוז: איך בעט דיך, הער אויף וועגן דעם.

באָריס: (מיט עקשנות) דעם גאַנצן וועג אַהיים גייענדיק, האָב איך געטראַכט וועגן דעם. איך זע דאָס קלאָר. איך וועל דאָס זאָגן אויך מאַקסימען.

ראוז: ווילסט ווידער פאַרפירן אַ קריג מיט אים?

באָריס: דעם געדאַנק מוז איך אים זאָגן, און זאָל ער פּרובירן אָפּ־

לייקענען. (מיט האַסט) יאָ, יידיש איז פאַרצווייפלונג, פאַרצווייפלונג! (זעצט זיך און ווערט אַנטשוויגן).

ר א ו ז: (נעמט דאָס פּעקל וואָס באַריס האָט געבראַכט און געלאָזט עס ליגן אויפן טיש) וואָס איז דאָ? ביכער?

ב אָ ר י ס: (שפּרינגט אויף צוריק לעבעדיק) אַנו, טרעף. וועסט נישט טרעפן. — איך גיי פאַרביי אַ געשעפט פון אַלטע ביכער, איך גיב אַ קוק, ערשט — לידער פון מאַקסים דאַרנפעלד! מאַקסימס ערשט ביכל אַרבעטער־לידער וואָס איז אַרויס מיט 20 יאָר צוריק! אַ יקר־המציאות. קיין איין עקזעמפּלאַר נישט צו קריגן אין ערגעץ. ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, זאָג איך דיר. ביי דיר איז עס גאַרנישט?

ר א ו ז: פאַרוואָס עפּעס גאַרנישט?—מאַקסימען אַליין וועט עס שטאַרק הנאה טאָן. ער זוכט דאָך עס טאַקע אַרום שוין לאַנג. (אַ קלונג אין טיר. באַריס גייט עפענען — זאַמט זיך אַביסל און קומט אַריין מיט אַ בריוו אין האַנט).

ב אָ ר י ס: אַ ספּעשל דעליוועריִ פון דער רעדאַקציע, זע איך.

ר א ו ז: (מיט שרעק) דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס איז עפּעס נישט גוט.

ב אָ ר י ס: איך מיין אַז דו מעגסט עפענען.

ר א ו ז: מאַקסים האָט נישט ליב אַז איך עפן בריוו אַדרעסירטע צו אים.

ב אָ ר י ס: אָבער דאָס בריוו מוז מען עפענען. טאָמער חלילה שלעכטס וויסן ווי צוגרייטן מאַקסימען דערצו. אויף מיינע אחריות. (ער עפנט דאָס בריוו און לייענט פאַר זיך. מען זעט אָן זיין פּנים, אַז עס איז נישט קיין גוט בריוו).

ר א ו ז: וואָס שרייבט מען אים?

ב אָ ר י ס: (פאַרקלעמט) נישט נאָר וואָס מען וויל נישט העכערן זיין האָנאָראַר, נאָר מען דאַרף איינגאַנצן נישט זיינע לידער מער אין דער צייטונג. מע וועט אויסקומען אָן זיי. אַזוי בפירוש שטייט דאָ. מען שיקט זיי אים צוריק.

ר א ו ז: (מיט שרעק) צוריק?

ב אָ ר י ס: יאָ.

ר א ו ז: דאַרנפעלדס לידער צוריק? אין אַזאַ צייט ווען מיר שטייען אויפן שוועל פון הונגער?

ב אָ ר י ס: (לאָזט זיך צום טיר).

ר א ו ז: וואוהין גייסטו?

ב אָ ר י ס: אפשר איז ער טאַקע אַוועק אין רעדאַקציע? איך וועל גיין אים באַגעגענען (אַפּ געשווינד).

ר א ו ז: דאָס וועט אים צוזאַמענברעכן. (זיצט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. לאַנגע פּויזע. אַ קלונג אין טיר ראוז גייט עפענען און קומט אַריין מיט העלען. ראוז איבערראַשט און דערשראָקן. העלען נישט וויניקער איבערראַשט. העלען — אַ יאָר דרייסיק. שיין. אָנגעטאָן אין טונקל).

ה ע ל ע ן: איר האָט דאָך מיר די האַנט אפילו נישט געגעבן נאָך —

ר א ו ז: (פאַלט צו צו איר און נעמט זי אַרום אין פאַרלאָרנקייט) אַז ס׳איז אַזוי אומגעריכט. — איך בין אַזוי צעטומלט. אַ יאָר צייט שוין, אַז איר זענט נישט געווען ביי אונדז. וואָס מאַכט איר, העלען?

ה ע ל ע ן: (רעזערווירט) וואָס זאָל איך מאַכן? נישקשה. איך האָב אייך איבערגעשראָקן, זע איך, מיט מיין אַריינקומען. —

ר א ו ז: איר זענט אַליין אויך גוט דערשראָקן, ווי מיר דוכט זיך. צי אפשר מאַך איך אַ טעות —

ה ע ל ע ן: ניין, איר מאַכט נישט קיין טעות. — איך בין טאַקע דער־שראָקן. איך פיל, אַז איך האָב אפשר נישט באַדאַרפט קומען. —

ר א ו ז: וואָס פאַרא רייד, העלען? מאַקסים וועט זיין אַזוי צופרידן. וואָס שטייט איר ביים טיר? טוט אויס דעם מאַנטל.

ה ע ל ע ן: ניין, מען דאַרף נישט.

ר א ו ז: (דעקט צו דאָס געזיכט מיט די הענט. שטייט אַזוי אַ פּאָר רגע׳ס).

ה ע ל ע ן: (קוקט אויף איר מיט טרויער) באַרואיקט אייך, ראוז. נעמט אַרונטער די הענט פון פּנים. און — פאַרגיט מיר וואָס איך בין גע־קומען. (פּויזע) דאַרנפעלד, זע איך, איז נישטאָ אין שטוב. איר וועט אים נישט זאָגן, אַז איך בין דאָ געווען.

ר א ו ז: וואָס זענען עס פאַרא רייד, גאָט מיינער? — פון וואַנען קומט איר, העלען?

ה ע ל ע ן: פון וועיט. פון דער סאַוט.

ר א ו ז: דעם גאַנצן יאָר דאָרט געווען?

ה ע ל ע ן: יאָ.

ר א ו ז: ווי האָט זיך אייך געלעבט דאָרט, העלען?

ה ע ל ע ן: פאַרנומען געווען שטאַרק. איך אַרבעט אין אַ שפּיטאָל דאָרט.

ר א ו ז: און מיר האָבן מיט מאַקסימען אַזויפיל איבערגעטראַכט וועגן אייך. און שטאַרק געוואונדערט זיך וואָס איר זענט אַוועק און ווי אין וואַסער אַריין. איר האָט זיך דאָך אפילו נישט געזעגנט מיט אונדז ווען איר האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק פאַראַיאָרן.

ה ע ל ע ן: פֿאַרוואָס האָט איר זיך באַדאַרפֿט וואונדערן? — אַך, ראוז, לאָמיר זיין אָפֿן און אויפֿריכטיק. מיר זענען דאָך שטענדיק געווען אויפֿריכטיק איינע פֿאַר די אַנדערע; מיר זענען געווען פֿריינט —

ר א ו ז: און איצט זענען מיר דען נישט קיין פֿריינט, העלען?

ה ע ל ע ן: (מיט קלאַפּנדיקן אָטעם) יאָ, מיר זענען. פֿיל איך טאַקע דעריבער, אַז איך בין אַריינגעקומען נישט אין דער ריכטיקער מינוט.

ר א ו ז: העלען, איך פֿאַרשטיי נישט.

ה ע ל ע ן: ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען האָב איך דערזען שרעק אין אייערע אויגן —

ר א ו ז: שרעק? פֿאַר וועמען?

ה ע ל ע ן: פֿאַר מיר.

ר א ו ז: ווייל ס'איז אַזוי פּלוצלינג —

ה ע ל ע ן: (נעמט ראוז פֿאַר אַ האַנט) איך בין שוין אין ניו־יאָרק אַ טאָג פֿיר. עטלעכע מאָל געגאַנגען צו אייך, און יעדעס מאָל אומגעקערט זיך אויף צוריק, און איצט שפּיר איך, אַז ס'איז געווען ריכטיק וואָס איך פֿלעג זיך אומקערן —

ר א ו ז: (מיט געזונקענער שטימע) מאַקסים בענקט נאָך אייך—

ה ע ל ע ן: נו, זעט איר דאָך, אַז איך האָב געטראָפֿן אייער געדאַנק, אַז ס'איז נישט גוט וואָס איך בין געקומען איצט.

ר א ו ז: איר פּייניקט מיך.

ה ע ל ע ן: (שטיל) ניין, זיך פּייניק איך. איך האָב באַדאַרפֿט וויסן, אַז ס'איז נאָך אַלץ נישט אָנגעשטאַנען די צייט איך זאָל קאָנען קומען אין שטוב צו אייך. פֿאַרגיט מיר, ראוז. זייט געזונט.

ר א ו ז: (פֿאַרהאַלט זי, כאַפּט אָן אירע הענט) איר גייט אַוועק נישט זעענדיק מאַקסימען?

ה ע ל ע ן: איר אַליין ווילט דאָך עס, ראוז. איך שפּיר דאָך עס.

ר א ו ז: אַז מאַקסים איז נאָך אַלץ אין אַזאַ שלעכטער שטימונג, נישט רואיק אין זיך.

ה ע ל ע ן: און מיין קומען וועט נאָך ערגער מאַכן זיין שטימונג — —

ר א ו ז: ער איז לעצטנס נישט געזונט און מען דאַרף אים שאַנעווען.

ה ע ל ע ן: אַוודאי דאַרפֿן מיר אים שאַנעווען.

ר א ו ז: גייט נישט אַוועק, העלען.

ה ע ל ע ן: איר האָט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז מען דאַרף דאַרנפֿעלדן שאַנעווען.

ר א ו ז: אַז איך ווייס טאַקע אַליין נישט וואָס איך רעד אַמאָל —

ה ע ל ע ן: זייט געזונט, ראָוז, און — זאָגט נישט דאָרנפעלדן, אַז איך בין געווען אין ניו־יאָרק.

ר א ו ז: וואָס מיינט — געווען? איר פאָרט דען ווידער אַוועק פון ניו־יאָרק?

ה ע ל ע ן: יאָ, היינט נאָך.

ר א ו ז: בלייבט אויף סאַפּער מיט אונדז, איך בעט אייך. —

ה ע ל ע ן: איך פאָר היינט אַוועק צוריק אין דער סאַוט. (לאָזנדיק זיך צום טיר, בלייבט שטיין) אַך, מיין גאָט, פאַרגעסן פרעגן אפילו וואָס באָב מאַכט. —

ר א ו ז: ער איז דאָרט אין צימער פאַרנומען מיט זיין סקול־אַרבעט. איך וועל אים אַריינרופן —

ה ע ל ע ן: ניין, מען דאַרף נישט. אויב עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דאָרנפעלד איז נישטאָ און באָב איז דאָרטן אין צימער ערגעץ, טאָ זאָל עס שוין אַ ז ו י בלייבן.

ר א ו ז. וואָס מיינט אַ ז ו י?

ה ע ל ע ן: ד. ה. אַ ז א י ך ב י ן נ י ש ט ג ע ו ו ע ן ד אָ, און קיינער האָט מיך נישט געזען.

ר א ו ז: (וויל זי נאָך אַלץ פאַרהאַלטן) העלען —

ה ע ל ע ן: (ביים טיר) איצט בין איך שוין זיכער, אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין. בעט איך אייך, און איך פאַרזאָג אייך: דערציילט נישט דאָרנפעלדן, אַז איך בין געווען דאָ. קיינעם נישט. איך גלויב אין באַשערטקייט און איך האָב מיר מיינע סימנים. אַ מענטש דאַרף אַריינקומען דאַמאָלסט ווען מען דאַרף אים, און דאַמאָלסט טרעפט ער אין שטוב אַ ל ע מ ע ן, און אויב ער קומט אַריין און טרעפט נישט, איז אַ סימן, אַז מען דאַרף אים נאָך נישט. — זייט געזונט, ראָוז. (אָפּ).

ר א ו ז: (זעצט זיך אַראָפּ ביים טיש. זינקט אַריין אין טרויער. גיט זיך אַ כאַפּ און רופט) באָב. (עפנט די טיר וואו באָב איז) פאַרוואָס איז ביי דיר פינצטער? דו טוסט גאָרניט דיין היים־אַרבעט?

ב אָ ב: איך וויל אַביסל שלאָפן, מאַ.

ר א ו ז: וואָס עפּעס אין מיטנדערינען שלאָפן? ביסט נישט געזונט?

ב אָ ב: אַז מען וויל שלאָפן איז מען נישט געזונט? מאַך צו די טיר, מאַ.

(ראָוז אָפּ צו באָבן. עס קומט אַריין מאַקסים דאָרנפעלד. אַ מאַן פון אַ יאָר 48. שוואַרצער קאָפּ געמישט מיט גרוי. ער קומט אַריין אַנ־

געשטערנגט, קאַלטלעך. די אַקסלען אַראָפּגעלאָזן. שטייט אין מיטן שטוב ווי אַ פאַרלאָרענער. שווייגט. עס קומט אַרויס ראוז).

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: העלאו.

ר א ו ז: העלאו, מאַקסים. האָסט נישט באַגעגנט באָריסן?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: וואו האָב איך אים געזאָלט באַגעגענען?

ר א ו ז: ער איז דאָך געגעאַנגען דיך זוכן?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: צו וואָס דאַרף מיך באָריס מיטאַמאָל זוכן?

ר א ו ז: איך מיין — ער איז געגאַנגען דיך באַגעגענען.

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: צו וואָס דאַרף מיך באָריס מיטאַמאָל עפּעס גיין באַגעגענען?

ר א ו ז: וואָס איז מיט דיר? וואָס רעדסטו אַזוי מאָדנע?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: וואָס זאָל זיין מיט מיר? (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט אָפּ).

ר א ו ז: ביסט אפשר געווען ביים דאָקטער?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: געווען.

ר א ו ז: וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: (נאָכלעסיק) אָ — נישט גוט — דאָס אַלץ.

ר א ו ז: וואָס? — די אויגן?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: אויגן. האַרץ. אַלץ צוזאַמען.

ר א ו ז: וואָס־זשע זאָל מען טאָן?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: גאָרנישט.

ר א ו ז: אָבער עפּעס דאַרף מען דאָך טאָן?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: נו — דאַרף מען. האָסט געקראָגן, זע איך, אַרבעט.

ר א ו ז: אַביסל.

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: אין שאָפּ קיין אַרבעט נישטאָ.

ר א ו ז: איך ווייס. נו, וואָס־זשע שטייסטו אַזוי אָפּהענטיק אין מיטן שטוב?

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: ווי ווילסטו זאָל איך שטיין? (ער טוט אויס דעם מאַנטל פון זיך).

ר א ו ז: ווי אַ ניט־היגער זעסטו אויס.

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: אפשר בין איך עס?

ר א ו ז: דער הימל איז נאָך נישט געפאַלן צו דער ערד, מאַקסים.

ד אָ ר נ פּ ע ל ד: קיינער זאָגט נישט, אַז ער איז געפאַלן. פאַרקערט, דער הימל איז נאָך אַלץ הויך. זייער, זייער הויך.

(עס קומט אַריין באָריס)

באָריס: ביסט שוין דאָ — אָבי איך זוך דיך אַרום —

דאָרנפעלד: צו וואָס דאַרף מען מיך עפּעס אַרומזוכן?

באָריס: איך מיין גלאַט אַזוי — געגאַנגען דיך באַגעגענען.

דאָרנפעלד: (מיט געשריי) צו וואָס דאַרף מען מיך עפּעס באַגעגענען?

באָריס: נו, שאַ. שריי נישט.

דאָרנפעלד: איך שריי נישט. וואו זעסטו מיך שרייען?

ראוז: ער איז געווען ביים דאָקטער.

באָריס: וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט?

דאָרנפעלד: (ווידער מיט געשריי) וואָס זאָל ער זאָגן? גאָרנישט.

ראוז: (מאַכט מיטן האַנט צו באָריסן ער זאָל נישט פרעגן מער).

באָריס: (נעמט דאָס פּעקל וואָס ער האָט געבראַכט פריער) זע מאַקסים, וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט פאַר דיר. וועסט זיין איבערראַשט. (דערלאַנגט אים דאָס ביכל לידער) נאַ, דערקען. האָסט דאָך עס אַרומגעזוכט, ווייס איך, פאַר די לעצטע חדשים.

דאָרנפעלד: (נעמט דאָס ביכל, באַטראַכט עס נאַכלעסיק) פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב עס אַרומגעזוכט?

באָריס: האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז דו זוכסט דאָס פאַר דער פולער זאַמלונג פון דיינע ווערק וואָס דו ווילסט צוזאַמענשטעלן צו דיין 25 יאָריקן יובילעאום.

דאָרנפעלד: געזאָגט — נישט געזאָגט — וואָס איז דער חילוק? יובילייי — ווער דאַרף יובילייי — ווער דאַרף עס אַלץ מיט אַנאַנדער? (ער גיט אַ שפּיי און אַ וואַרף דאָס ביכל צום דיל, שאַרט עס אַוועק מיטן פוס, אַלע קוקן אים אָן).

באָריס: ביסט שוין אַריינגעפאַלן אין דיין משוגעת, זע איך.

דאָרנפעלד: (מיט געשריי) לאָזט מיך צו רו! (מיט אַ שטילערן טאָן) קיין בריוו נישט געווען פאַר מיר?

ראוז: האָסט דערוואַרט דען בריוו פון וועמען?

דאָרנפעלד: אַ גאַנצן טאָג אַז מיר דוכט זיך, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון העלען.

ראוז: וואָס אַ מענטשן קען איינפאַלן.

דאָרנפעלד: עס טאָר מיר שוין אַזוינס אפילו נישט איינפאַלן?

ראוז: ווער זאָגט, אַז נישט? — איך האָב גאָרנישט געמיינט. איך

האָב נאָר געמיינט, אַז שוין העכער אַ יאָר, אַז ס'איז נישט געווען קיין בריוו פון איר, ד. ה. אַז מען הערט נישט פון איר — פּאַלט דיר מיט אַמאָל איין —

דאָרנפעלד: (זיין פּנים פאַרגראָבן אין די עלנבויגנס, רעדט מער צו זיך אַליין ווי צו איר) טאַקע ווייל שוין מער ווי אַיאָר — דערפּאַר טאַקע — —

ראוז: וואָס דערפאַר?

דאָרנפעלד אַך, גאָט!

ראוז: דיין גאַנצע צערודערונג נעמט זיך דערפון וואָס דו בענקסט נאָך העלען.

דאָרנפעלד: און אויב ס'איז אַזוי, איז וואָס?

ראוז: ס'איז נישט גוט, מאַקסים.

דאָרנפעלד: פאַר וועמען נישט גוט?

ראוז: פאַר דיר נישט גוט. וואָס שייך מיר, זאָג איך דיר, אַז מיך וועט ניט אַרן זי זאָל קומען.

דאָרנפעלד: דו מיינסט דאָס?

ראוז: יאָ, איך מיין עס. איך האָב זיך שטאַרק געבעטן ביי איר זי זאָל בלייבן דאָ. —

דאָרנפעלד: וואָס מיינסטו? איך פאַרשטיי נישט. —

ראוז: (פאַרכאַפּט זיך) איך מיין — אַמאָל נאָך. דער אמת איז, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט זי זאָל אַוועקפאָרן.

דאָרנפעלד: דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער דיך רעדן וועגן העלען אָן אייפערזוכט און פאַרדראָס.

ראוז: אויב איך בין אפילו אייפערזיכטיק, מאַכט אויך נישט אויס, — איך בין נישט מער ווי אַ מענטש.

דאָרנפעלד: יאָ, ביסט גערעכט.

ראוז: איך קאָן נישט פאַרטראָגן דיין דערשלאָגנקייט.

דאָרנפעלד: איך דאַנק דיר, ראוז.

ראוז: אויב דיין דערשלאָגנקייט נעמט זיך דערפון וואָס העלען איז נישטאָ — —

דאָרנפעלד: איך בעט דיך, ראוז, הער אויף. — דו פאַרשטייסט מיך נישט.

ראוז: איך מיין, אַז אויך מיך פאַרשטייסטו נישט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אפשר. אָבער, וואָס איז צו רעדן וועגן דעם? מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט וועגן דעם נישט צו רעדן מער.

ר א ו ז: איך מיין ערנסט, מאַקסים. אויב דו ווילסט באמת, אַז העלען זאָל — —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וויל קיין זאַך נישט. איך וויל נישט. איך דאַרף קיינעם נישט האָבן. און לאָזט מיך צו רו.

ר א ו ז: איך קען אָבער פּאָרט נישט פאַרטראָגן דיין דערשלאָגנקייט. לעצטנס — נאָך ערגער ווי אַלעמאָל.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך בין נישט דערשלאָגן. ס'איז עפּעס אַנדערש. אין מיר ברעכט זיך עפּעס, און איך וויל נישט לאָזן זיך ברעכן. מען שלאָגט מיך און איך דאַרף אָנגורטן אַלע מיינע כחות. איך וויל זיך נישט לאָזן צעברעכן. איך וועל מיין יידיש ליד — מיין אַרבעטער ליד — נישט אויפגעבן. איך וועל ביז בלוט זיך שלאָגן. (ער שפּאַנט אַרום איבערן שטוב מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן ראוז, קוקט איר אין די אויגן און זאָגט) וואָס האָב איך געזאָגט פריער? איך וועל דעם קאַמף פאַר מיין ליד נישט אויפגעבן? נישט אויפגעבן? וואָס זאָגסטו, ראוז? און דו באָריס? אויפגעבן? האַ, באָריס? דו ווילסט איך זאָל אויפגעבן?

ב אָ ר י ס: (דערשראָקן פון זיין טאָן) באַרואיק זיך, מאַקסים.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט געשריי) איך בין רואיק! (ער זעצט זיך אַנידער, מיד) עס האָט געדאַרפט אָנקומען אַ בריוו פון דער רעדאַקציע.

ר א ו ז: פון וואַנען ווייסטו

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווייל איך בין נאַרוואָס געוועזן דאָרטן.

ר א ו ז: ווייסטו שוין, הייסט דאָס?

ד אָ ר נ פע ל ד: וואו איז דאָס בריוול?

ר א ו ז: (גיט אים דעם בריוו — דאָרנפעלד לייענט. ווען ער לייענט איבער בלייבט ער זיצן קאַלט, איינגעשלאָסן, שטום, זיין שטומקייט דער־שרעקט).

ב אָ ר י ס: מאַקסים —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (גיט אַ ציטער, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן שלאָף) עמיצער האָט מיך, דוכט זיך, גערופן. — דאָס רופסטו מיך, באָריס? (דערזעט אויפן טיש די אַנדערע ביכלעך וואָס באָריס האָט געבראַכט, נעמט אין האַנט איינס. מיט געמאַכטער רואיקייט) אויך לידער?

באָריס: ניין. אַ נומער פון דעם העברעאישן זשורנאַל „השלח״. אויך טאַקע דאָרט איינגעהאַנדלט. האָב עס שוין לאַנג אַרומגעזוכט אין די בוך־געשעפטן. אחד העמ׳ס באַרימטער אַרטיקל וועגן משה רבנו איז דאָ.

דאָרנפעלד: (לייגט צוריק אַוועק דאָס ביכל. מיט אַ בלייאיקער שטימע) אָ, יאָ. — משה רבנו, יאָ. (ער הייבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין מיט שווערע טריט צו זיין צימער).

באָריס: קענסט דאָך דאָס אַרטיקל, מסתמא. אַ וואונדערבאַר אַרטיקל.

דאָרנפעלד: (ביים טיר, מיטן פּנים צום טיר) אַוודאי. וואונדער־באַר. אוודאי. — אַ קלייניקייט — משה רבנו! אַוודאי, אַוודאי, אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל. (קערט זיך אום צוריק מיטן פּנים, סאַרקאַס־טיש, ביטער) אַ גרויסער שרייבער געוועזן דער מיסטער משה רבנו — וואָס? דו קלייבסט זיך אפשר אַ יובילעאום מאַכן פאַר דעם מיסטער משה רבנו?

באָריס: (מיט געפּלאַצטן געדולד) ביסט שוין אַריינגעפאַלן, זע איך, אין אַ צושטאַנד פון בושעווען. ביסט גראָב! ביסט אומדערטרעגלעך! (לויפט אַרויס מיט כעס פון שטוב. דאָרנפעלד שטייט ביים טיר פון צימער און שווייגט).

דאָרנפעלד: וואו איז באָב?

ראָוז: דאָרט.

דאָרנפעלד: (עפנט די טיר פון צימער, קוקט אַריין. פאַר׳חדוש׳ט) וואָס ליגט ער עפּעס?

ראָוז: ער וויל ליגן — ליגט ער.

דאָרנפעלד: וואָס טוט זיך מיט אים? ער ליגט דאָך און וויינט, הער איך. (רופט) באָב! וואָס איז מיט דיר? (זיי גייען ביידע אַריין אין צימער, קומען אַרויס צוריק מיט באָב. דאָרנפעלד פירט אים פאַרן האַנט).

ראָוז: שוין אַ גרויסער בחור, דאַכט זיך, און נאָך אַלץ אַ בייבי.

באָב: (מיט געוויין) וואָס ווילט איר פון מיר?

ראָוז: ער איז היינט משוגע. לאָז אים אָפּ. ער האָט נאָך נישט גע־מאַכט זיין היים־אַרבעט, און מאָרגן וועט ער האָבן צרות אין סקול.

דאָרנפעלד: אָבער ער וויינט דאָך — דאַרף מען דאָך וויסן פאַר־וואָס ער וויינט.

ראָוז: איך האָב שוין געהערט זיינע חכמות.

דאַרנפעלד: איך וויל וויסן פאַרוואָס ער וויינט.
ראוז: (מיט כעס) איך האָב בילכערע זאַכן צו טאָן. (כאַפּט די אַרבעט פון מאַשין און אַפּ אין קיך אַריין).
(באָב זעצט זיך ביים טיש מיטן פנים אַרונטער. דאַרנפעלד גייט צוריק אין שלאָפצימער. טראָגט אַרויס פון דאָרטן באָבס ביכער און פּאַפּירן. ליגט עס אַוועק לעבן אים, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף באָבס אַקסל).
דאַרנפעלד: (אומעטיק און שטיל) האָסט אַ סך אַרבעט, באָב?
באָב: איך קען היינט נישט אַרבעטן.
דאַרנפעלד: טוט דיר עפּעס וויי?
באָב: ניין.
דאַרנפעלד: פאַרוואָס־זשע וויינסטו? זאָג.
באָב: (שווייגט).
דאַרנפעלד: (זעצט זיך לעבן אים, גלעט אים איבערן קאָפּ, זאָגט מיט טרויעריקער געקלעמטער ליבשאַפט) קענסט רעדן צו מיר ווי צו אַ פריינט. דו ווייסט דאָך. איך האָב דיך ליב.
באָב: יאָ, איך וויים. אָבער היינט האָב איך נישט קיין פריינט.
דאַרנפעלד: פאַרוואָס? האַלסט מיך נישט מער פאַר קיין פריינד?
באָב: היינט וועסטו מיך נישט פאַרשטיין.
דאַרנפעלד: פאַרוואָס? קענסט רעדן מיט מיר אַלץ.
באָב: (מיט נייעם אויסברוך) מיר איז נישט גוט, פּאַ.
דאַרנפעלד: פאַרוואָס איז דיר נישט גוט? דו ליידסט פאַרוואָס דו ביסט נישט גוט אָנגעטאָן? וואָס דו האָסט נישט קיין נייע שיך?
באָב: ניין, נישט דאָס.
דאַרנפעלד: וואָס דען? איך וויל וויסן וואָס אויף דיין האַרצן טוט זיך. ביסט דאָך מיר אַן איינציקער זון.
באָב: איז מיר דערפאַר עפּעס נישט גוט.
דאַרנפעלד: דערפאַר? דערפאַר?
באָב: יאָ.
דאַרנפעלד: (גיט אַ ציטער) קוק אויף מיר. דערקלער מיר וואָס דו מיינסט.
באָב: (הייבט נישט אויף דעם קאָפּ) איך וויל אַוועקגיין פון דאַנען.
דאַרנפעלד: אַוועקגיין? וואוהין?
באָב: איבערן לאַנד. איבער אַמעריקע.
דאַרנפעלד: פון ווען אָן טראַכסטו וועגן דעם?

ב אָ ב: שוין פון לאַנג.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און דאָ אין שטוב פילסטו זיך נישט ווי אין אַמעריקע?

ב אָ ב: ניין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרוואָס?

ב אָ ב: מיר איז עפּעס דאָ נישט גוט. ס'איז עפּעס דאָ נישט ריכטיק, נישט נאַטירלעך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס מיינסטו מיט דעם?

ב אָ ב: איך ווייס נישט ווי צו זאָגן. — איך מיין — ס'איז עפּעס דאָ פאַלש, איבעריק. — ס'איז מיר שווער.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איבעריק? — דו מיינסט די יידישע שפּראַך? מיינע ביכער? דו מיינסט —

ב אָ ב: נישט נאָר איך מיין דאָס. אַלע מיינען דאָס.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט שרעק) אַלע?

ב אָ ב: איך פיל, פּאַ, אַז מען דאַרף זיין אינגאַנצן ערלעך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און איך מיט דיר זענען נישט ערלעך?

ב אָ ב: ניין. אַז איך גיי אין סקול אָדער אין גאַס, אָדער אַז איך קום אין אַ שטוב, מאַך איך זיך, אַז איך קען קיין יידיש נישט; און אַלע טוען אַזוי; מסתמא דאַרף מען עס נישט. און אפילו דאָס וואָס דו שרייבסט, זע איך, דאַרף אויך קיינער נישט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פון וואַנען ווייסטו עס?

ב אָ ב: איך זע דאָך. (פאַרכאַפּט זיך) ביסט אין כעס, פּאַ?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט פאַרשטיקטער קלעמונג) ניין, ניין, אַדרבא, רעד, — איך וויל הערן.

ב אָ ב: דיינע ביכער קויפט קיינער נישט. כאָטש אַלע זאָגן, אַז דו ביסט אַ גרויסער שרייבער, פונדעסטוועגן קויפט מען זיי נישט. און אַז איך זע אימיצן לייענענדיק יידיש, שעמט ער זיך, באַהאַלט זיך אויס, און קיינעם אַרט נישט וואָס דו אַרבעטסט אין אַ שאָפּ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס איז דען שלעכט אַ שאָפּ? אַ מענטש דאַרף אַרבעטן. איך האָב ליב אַרבעט. יעדער מענטש דאַרף זיין אַן אַרבעטער.

ב אָ ב: אָבער ס'איז דאָך אַזאַ אָרעמקייט ביי אונדז. די מאַמע, זע איך, וויינט נישט איינמאָל דערפון. פריער איז דאָ געווען דער לענדלאָרד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווען?

ב אָ ב: איידער דו ביסט אַריינגעקומען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט

אונדז מאָרגן אַרויסזעצן, אויב מיר וועלן ביז מאָרגן נישט באַצאָלן קיין רענט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (גייט אַרום הין און צוריק, צעטומלט. שטעלט זיך ווידער לעבן באַב׳ן, רעדט אַזוי ווי ער וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך בעטן). פּאָעטן וואָס שרייבן אויף ענגליש זענען אויך אָרעם, באַב.

ב אָ ב: אָבער מען שעמט זיך ניט מיט זיי.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נאָר אין בורזשואַזע הייזער שעמט מען זיך מיט יידיש.

ב אָ ב: איך בין געווען אין אַ הויז פון אַ באַקאַנטער, נעכטן. איר טאַטע איז אַן אַרבעטער.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איז וואָס האָסטו געזען דאָרטן?

ב אָ ב: איך האָב געזען דיינע ביכער דאָרט, וואַלגערנדיק זיך, אין —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואו?

ב אָ ב: איך קען נישט זאָגן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אין קיך?

ב אָ ב: ניין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אין וואַש־צימער?

ב אָ ב: (מיט אַ געזונקענעם קאָפּ) יאָ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (סטאַרעט זיך צו זיין רואיק) נו, איז וואָס? באַב? דאַרפסט זיך נישט ערגערן. אַ טוילעט איז אויך אַ צימער.

ב אָ ב: איך וועל מער נישט גיין אַהין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וועל דיר נישט שטערן. קענסט גיין אַהין.

ב אָ ב: (שפּרינגט אויף. מיט געשריי) איך וועל אַוועקגיין פון דאַנען פון אַלעמען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (זיין שטילקייט ברעכט זיך איבער. זיין קול ווערט אָנגעפילט מיט אויפרייס, אָבער ער סטאַרעט זיך אָנצוהאַלטן זיין רו־איקייט) ביסט דאָך אַן אַמעריקאַנער, זאָגסטו, ווילסט גיין איבער אַמע־ריקע. פאַרוואָס־זשע ווילסטו קיין ספּאָרט נישט זיין?

ב אָ ב: איך בין אַ ספּאָרט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: האָסטו שוין געזען ווען אַזאַ ספּאָרט וואָס זאָל, זע־ענדיק ווי צען שלעגער שלאָגן איינעם, אויך צושטיין צו די צען און נעמען שלאָגן דעם איינעם? איך פרעג דיך. האָסטו געזען אַזאַ ספּאָרט? ענטפער מיר. אַז אַלע שלאָגן מיך — ווילסטו מיך אויך שלאָגן, האַ? ענטפער מיר.

ב אַ ב: (מיט געשריי) מיך שלאָגט מען, מיך, נישט דיך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איז אַז מען שלאָגט — אַנטלויפט מען? אַזוי טוט אַ ספּאָרט? אַ ספּאָרט גיט צוריק. און דו ביסט אַ טרוס.

ב אַ ב: איך בין נישט. פאַרשטייסט מיך נישט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (פאַרלאָרן, אַרויס פון זיך, גיט אַ קלאַפּ אָן טיש) שטיל זאָל זיין, יינגל, דו נאַרישער! (אויפן קלאַפּ און געשריי לויפט אַריין ראָוז).

ר א ו ז: (מיט שרעק) וואָס איז דאָ?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט אויפברוך, זיין גאַנצער קערפּער פּיבערט) ביסט נאָך נישט אויפגעוואַקסן, און שוין שטייסטו צו צו די, וואָס רייסן פון אונטער מיינע פיס דאָס שטיקל פונדאַמענט וואָס איך האָב אויפגעבויט דאָ אין אַמעריקע! שטיין נאָך שטיין האָב איך געשלעפּט. מיט די אייגענע הענט געשלעפּט. קומסטו און ווילסט זיי שוין פאַנאַנדערשלעפּן? לאָזן מיך ווידער הענגען אין דער לופטן? לאָזן מיך ווידער אַליין? איך בין געקומען אַן עמיגראַנט, איך האָב געאַרבעט, געשלעפּט אַ ניי־מאַשינקע אויף די פּלייצעס, געוואַלגערט זיך אין עלנד און געשריבן לידער וועגן שאַפּ, וועגן אַרבעט, צום קאַמף גערופן, צו אַ ניי לעבן גערופן.—געפעלט עס דיר שוין נישט?—ווילסט גיין איבער אַמעריקע? אַמעריקע זוכסטו? (גיט ווידער אַ קלאַפּ אין טיש) אָט־דאָ איז אַמעריקע! איך בין אַמעריקע! אין טוילעט האָסטו געפונען מיינע ביכער? נו, ווילסטו זיי אויך וואַרפן אַהין? נאַ, וואַרף, וואַרף, (כאַפּט אַרויס פון שראַנק ביכער) נאַ, וואַרף זיי! (זיינע הענט טרייסלען זיך, די ביכער פאַלן צו דער ערד).

ב אַ ב: איך וועל באַגיין זעלבסטמאָרד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: חוצפּה׳ניק דו! (הייבט אויף זיינע פויסטן, ראָוז כאַפּט אים אָן פאַר די הענט).

ר א ו ז: מאַקסים, גאָט איז מיט דיר. (מ׳קלינגט אין טיר. דאָרנפעלד בלייך, מיד, זעצט זיך אויף אַ שטול, ראָוז איילט עפענען, קומט אַריין צוריק מיט לעוו. —

אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר 28. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. ראָוז זאָגט צו באַב).

ר א ו ז: בעט איבער דעם טאַטן.

ב אַ ב: אַי דאָנט קער. (גיט מיט אימפּעט זיך אַ לאָז צום טיר, אָפּ, פאַר־

מאַכנדיק די טיר מיט אַ זעץ, ראוז לאָזט זיך נאָכלויפן נאָך אים. אויך אָפּ).

ל ע ו ו: (פאַרלאָרן, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, שטייט לעבן טיר). גוטן אָוונט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (זיצט צוזאַמענגעבויגן, באַמערקט נישט לעוון).

ל ע ו ו: איך זע, איך בין נישט אין דער ריכטיקער צייט געקומען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (הייבט אויף די אויגן, באַטראַכט לעוון, שטעלט זיך אויף) יאָ ריכטיקע צייט, נישט ריכטיקע צייט — איך גיב אייך אַוועק פאַר אַ דרייער אַלע צייטן און האַלט זיך מיט זיי.

ל ע ו ו: (מיט שטאַמל) האָב איך דעם כבוד צו רעדן מיט מאַקסים דאָרנפעלד?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס כבוד? ווען כבוד? — וואָס פאַרלאַנגט איר?

ל ע ו ו: איך וויל זען מאַקסים דאָרנפעלד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, אָט זעט איר דאָך אים. אָט שטייט ער דאָך פאַר אייך — צום טייוול! (ער זעט, אַז לעוו נעמט זיך רוקן צום טיר) וואָס אַנטלויפט איר? אַ שרייבער? אַ פּאָעט? אַ נייער?

ל ע ו ו: (פאַרשעמט) יאָ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס־זשע אַנטלויפט איר? זעצט זיך. (מיט געשריי, ווען ער זעצט זיך נישט) זעצט זיך, זאָג איך!

ל ע ו ו: אַ דאגה, כ׳וועל קומען אַן אַנדערש מאָל.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איר דענקט, אַז אַן אַנדערש מאָל וועט זיין בעסער? (פאַרשטעלט אים דעם וועג און צווינגט אים אַריינצוגיין טיפער אין שטוב, שלעפּט אים פאַרן האַנט) וואָס בין איך אַ בער, וואָס איר אַנט־לויפט?

ל ע ו ו: אַז איר שרייט אַזוי.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס האָט איר געוואָלט? איך זאָל שפּילן פידל פאַר אייך? — מיר איז נישט גוט אויפן האַרצן —שריי איך. וואָס האָט איר געוואָלט — איך זאָל זיך שעמען פאַר אייך?

ל ע ו ו: (דערפילט מיט אַמאָל אַנדערש) פאַרקערט, עס ווערט מיר עפּעס גאָר אנגענעם.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אנגענעם? וואָס איז אייך דאָ אַזוי אנגענעם?

ל ע ו ו: עפּעס אַזאַ אמת דערפילט אין אייך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַזוי זאָגט איר? אַן אמת? אַזאַ חכם זייט איר? (נעמט יאָגן איבער שטוב אין שטאַרקער אויפרעגונג. לעוו קוקט אים

נאָך מיט אויפגעריסענע אויגן) וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי?
ל ע ו ו: (דערזעט די ביכער אויף דער ערד, הייבט זיי אויף, קוקט אַריין אין זיי, מיט חידוש) אייערע לידער! — וואָס ליגן זיי עפּעס אויף דער ערד?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואו דען זאָלן זיי ליגן? זיי פאַרדינען דען אַ בע־סערן פּלאַץ?
ל ע ו ו: וואָס רעדט איר? (מיט התפעלות) א י י ע ר ע לידער —
ד אָ ר נ פ ע ל ד: קענט איר זיי כאָטש?
ל ע ו ו: איך קען אַ סך אפילו אויף אויסווייניק. אין די שעפּער זינגען מיר אייערע אַרבעטער־לידער.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איר אַרבעט אין שאָפּ?
ל ע ו ו: יאָ.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: דאָס איז גוט. אַ פּאָעט דאַרף זיין אַן אַרבעטער. (ער נעמט די ביכער פון לעווס הענט, וואַרפט זיי נאַכלעסיק אויפן טיש) נו, וואָס שטייט איר? זעצט זיך. (לעוו זעצט זיך, באַקוקט די שטוב).
ל ע ו ו: איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז איר וואוינט אַזוי אָרעם.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס האָט איר געוואָלט — אין אַ פּאַלאַץ זאָל איך וואוינען?
ל ע ו ו: פאַרקערט, — ס'איז גוט אַזוי. עפּעס גרויסעס אין דעם.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: גרויסעס? אין וואָס?
ל ע ו ו: אין דער פּראָסטקייט פון אייער שטוב, אין דער אָרעמקייט. — ס'איז עפּעס וואונדערלעך, און עפּעס אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ריכטיק.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (שפּרינגט אַזש אויף) וואָס האָט איר געזאָגט? נאַ־טירלעך? ריכטיק? — און אָט נישט לאַנג האָב איך געהערט, אַז אַלץ איז ביי מיר פאַלש און פאַרקריפּלט. — איר שרייבט לידער, האַ? וועגן וואָס שרייבט איר? וועגן ליבע מסתמא.
ל ע ו ו: איך קען זאָגן, אַז איך בין אונטער אייער איינפלוס.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (ווייכער) וועגן וואָס שרייבט איר פּאָרט?
ל ע ו ו: וועגן אָרעמקייט, וועגן אַרבעטער וועגן שאָפּ־לעבן, וועגן יידישן עלנד.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: פיינע טעמעס. זער פיינע טעמעס.
ל ע ו ו: און אויך וועגן ליבע אַמאָל.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: מע מעג שרייבן וועגן ליבע אויך. איך בין נישט קעגן. מ'דאַרף נאָר שרייבן גוט, פריש און אמת'דיק. און ווען מ'דאַרף מיט

דער פען אַמאָל דערלאַנגגען דער וועלט אין די ציין — דאַרף מען דער־לאַנגגען. אַ וועלט — אַ פאַרך! מען דאַרף איר דערלאַנגגען. און אַחוץ שרייבן וואָס טוט איר? זיצט אין די קאַפייען מסתמא? רעדט רכילות אויף מיר ווי אַלע, רייסט מיך אַרונטער.

ל ע ו ו: פאַרקערט, אַלע האַלטן אייך פאַר אַ גרויסן פּאָעט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פונדעסטוועגן ווייכט איר פון מיר אַלע, פון מיר און פון מיין שטוב. קיינער קומט נישט אַריין צו מיר. איך בין עלנד. — איר הערט וואָס איך רעד צו אייך? (שפּאַנט אַרום, נעמט שרייען אויפן קול) איך פרעג דאָך אייך? איר הערט וואָס איך רעד צו אייך?......

ל ע ו ו: (דערשראָקן) באַרואיקט אייך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איר ווילט זיין אַ יידישער פּאָעט? צו וואָס דאַרפט איר דאָס? איך וואָרן אייך. — איך וואָרן אייך פריער. — גיט עס אויף. — גיט אַ שפּיי אויף דעם. (ער זעצט זיך ביים טיש, דער קאָפּ צוגעפאַלן צום דעק פון טיש, זיצט אַן אויפגעטרייסלטער; לעוו קוקט אי מיט שרעק, אי מיט יראת הכבוד, וואַגט נישט אַ וואָרט צו זאָגן, דאָרנפעלד הייבט אויף דעם קאָפּ צוריק, רעדט שטילער, ווייכער) אַנטשולדיקט מיר. נעמט ניט פאַר אומגוט. און הערט מיין עצה: איר זאָלט בלייבן אַן אַרבעטער אויף אַלע מאָל, איר הערט? אייך איז גוט! איר זייט דאָך נאָך אַזוי יונג, איר שטייט דאָך ערשט ביים אָנהייב.

ל ע ו ו: און איר האָט דאָך שוין אַזוי פיל דערגרייכט. די גאַנצע ליטע־ראַטור גרייט זיך דאָך צו פּראַווען דעם פינפאונצוואַנציק יאָריקן יובילײ אייערן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז מען גרייט זיך?

ל ע ו ו: איר ווייסט דען נישט דערפון? איך האָב עס געהערט אין דער ליטעראַרישער קאַפּיי היינט. אויך דער גאַסט פון אייראָפּע, דער דיכטער דוד רייך, האָט גערעדט דערפון. איר וועט דאָך אים האָבן איצט פאַר אַ נאָענטן שכן צו זיך, פאַר אַ חבר —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס מיינט איר?

ל ע ו ו: איך מיין... אין אייער צייטונג... אין ניו יאָרקער „היינט" — — איר ווייסט דאָך מסתמא שוין, אַז דוד רייך איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „ניו יאָרקער היינט", אַז ער וועט אָנהייבן דרוקן דאָרטן זיינע לידער.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (געפּלעפּט) ווען האָט דאָס פּאַסירט?

ל ע ו ו: (פאַר׳חידוש׳ט) וואָס, איר ווייסט דען נישט?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (שטאַרקט זיך באַהאַלטן זיין אויפטרייסלונג) **יאָ, איך ווייס. ווי דען? אַוודאי ווייס איך.** (אַ בלייכער, אַ צונויפגעדרייטער זינקט ער אַרונטער. לעוו דערשראָקן).

ל ע ו ו: **וואָס איז מיט אייך? איר פילט נישט גוט?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **עפּעס טונקל מיר געוואָרן אין די אויגן. עפּעס פינצטער מיט אַמאָל.** (הייבט אויף דעם קאָפּ) **אַזוי ווי אין מיטן נאַכט פינצטער. איך פיל זיך לעצטנס נישט געזונט.**

ל ע ו ו: **יאָ, איך האָב געהערט דערפון. אפשר דערלאַנגען אייך אַביסל וואַסער?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (צוזאַמענגעקאַרטשעט) **ניין, קאָלעגע, מען דאַרף נישט. מיט די אויגן מיינע איז עפּעס נישט גוט, און אויך מיטן האַרצן.**

ל ע ו ו: **איך זע טאַקע. אייערע אויגן קוקן אויס רויט, אַזוי ווי אָנגעצונדן.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **אָנגעצונדן, זאָגט איר? רויט?** (מיט אַ מאָדנעם אויפגעריסענעם קול) **און ווי וועט זיין אַז איך וועל בלינד ווערן?**

ל ע ו ו: (מיט שרעק) **וואָס רעדט איר?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **איך פרעג דאָך אייך — וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט מיט אַמאָל בלינד געוואָרן?** (שטעלט זיך אויף מיט אימפּעט) **דאָרנפעלד איז בלינד געוואָרן! — — — עס וואָלט געוואָרן אַ טומל, האָ? אַ טרעוואָגע איבער גאָר דער וועלט, האָ? אַזוי איז ביי אייך אַלעמען רעכט חדשים לאַנג צו מיר נישט אַריינשמעקן, וואָרפן זיך מיט מיר, שליידערן מיר מיינע לידער אין פּנים צוריק, אַזוי ווי דער לענד־לאָרד שליידערט זיך מיט מיר — אַרויסזעצן מיך פון דער ליטעראַטור אַזוי ווי דער לענדלאָרד וויל מיך אַרויסזעצן פון דער דירה — אַ דוד רייך זאָל קומען און מיך אַרויסשטופּן. — אָבער אַז דאָרנפעלד וועט ווערן בלינד — — —**

ל ע ו ו: **וואָס איז מיט אייך?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (אין עקזאַלטירטן טאָן) **איר מיינט אייך אַלע, אַז איך בין שוין אַ פאַרגעסענער, האָ? איר מיינט, אַז איך האָב שוין מיינס אָפּגעטאָן, אָפּגעזונגען? קיינער דאַרף מיך נישט מער. — — נייע קומט איר אָן און פאַרלייקנט מיך.**

ל ע ו ו: **ווי אַזוי רעדט איר עס?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (באַלאַגערט מיט זיין גוף לעוון) **איר מאַכט אַ טעות אַלע. — דאָרנפעלד וועט זיך נישט לאָזן פאַרגעסן.** (קלאַפּט אין טיש)

ער וועט זיך נישט לאָזן! איר מייגט, איר וועט מיך אָט־אַזוי־אָ פאַר־שטויסן און אַריינשטויסן אין גרוב פון עלנט, פון נויט, פון הונגער, און צוטרעטן מיטן פוס, און אָפּמעקן מיין נאָמען פון אייערע ליפּן — אַלע, אַלע. איר, דער ברודער, דער זון, און אפילו העלען — —

ל ע ו ו: וועגן וועמען רעדט איר? ווער איז העלען?

ד אַ ר נ פ ע ל ד: איר ווילט וויסן ווער העלען איז? זי איז נישטאָ, אָבער זי מוז קומען. איר הערט וואָס איך זאָג אייך? זי מוז קומען. דאָס איז אַ מענטש, וועמען איך דאַרף נויטיק. איר הערט וואָס איך זאָג אייך? — נויטיק. נויטיק. — — איר ווילט דאָך זיין אַ פּאָעט, דאַרפט איר וויסן, אַז אַ פּאָעט באַשטייט פון צווי פּנים׳ער, פון צווי געשטאַלטן. פון אַן אמת׳ן און אַ פאַלשן. און אַ יידישער פּאָעט אַוודאי. און אין אַמעריקע אַוודאי. איר מיינט, אַז איצט שטייט פאַר אייך דער אמת׳ער דאַרנפעלד? איר האָט אַ טעות. איר האָט אַלע אַ טעות. ס׳איז דער פאַלשער. דעם אמת׳ן האָט איר נאָך נישט געזען. דער אמת׳ער וועט איינשטעלן אין קאָן אַלץ, אַלץ, זיך אַליין, דאָס גאַנצע לייב און לעבן. — ער וועט קיינעם נישט אָפּטרעטן דעם וועג, קיינעם נישט. (מיד און אויסגעשעפּט לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַ שטול. לעוו שטייט אַ צעשראָקענער, ווייסט נישט וואָס צו טאָן, דאַרנפעלד רעדט ווייטער מיט אַן איבערגעבראָכענעם קול) איך האָב דערמאָנט העלענס נאָמען, איך וויס נישט, צי האָט איר פאַרשטאַנען וואָס איך האָב גע־מיינט. (פאַרטרוילעך) ס׳איז אַ מענטש וועמען איך דאַרף, אָן וועמען איך קאָן נישט אויסקומען. קאָן נישט לעבן. און דער מענטש איז נישטאָ. איר פאַרשטייט דאָס?

ל ע ו ו: יאָ, איך פאַרשטיי.

ד אַ ר נ פ ע ל ד: נו, לאָמיר עס לאָזן — איר האָט דאָך, מסתמא, גע־בראַכט לידער מיט זיך. גיט עס אהער. איך וויל זען וואָס איר שרייבט.

ל ע ו ו: זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל.

ד אַ ר נ פ ע ל ד: ניין, איצט.

ל ע ו ו: (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ מאַנוסקריפּט, דערלאַנגט) איר וועט דען איצט לייענען?

ד אַ ר נ פ ע ל ד: (נעמט האַסטיק די בלעטלעך, זיינע הענט ציטערן, ער גראָבט זיך איין מיט די אויגן אין די פּאַפּירלעך) זעצט זיך, שטייט נישט. (ער לייענט, פריער שטיל פאַר זיך, דערנאָך אויפן קול).

„מיר איז נישט גוט אויף דער וועלט,
נאָר מיין עלטערן חבר איז ערגער,
איבער אונדז אַלעמען הערשט
די האַנט פון אַ באָס, אַ דערווערגער״.

(קוקט אָנגעשטרענגט אויף לעוו׳ן) ס׳איז גוט! — מיין עלטערן חבר איז ערגער — — — אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט!

ל ע ו ו: (גליקלעך) טאַקע, עס געפעלט אייך?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַוודאי. איך זאָג דאָך אייך. (צעטומלט) ווי איז אייער נאָמען?

ל ע ו ו: מיין נאָמען איז דאָך איבערן ליד, איר זעט דען נישט?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אָ, יאָ, אַנטשולדיקט. — לעוו. אַ גוטער נאָמען — — — ווידער עפּעס טונקל אין די אויגן (זוכט איבער די קעשענעס, נעמט אַרויס אויגן־גלעזער, טוט זיי אָן, לייענט ווייטער):

„און איך ווינטש עס זאָל זיין מיר באַשערט,
אויב מיר קען שוין מער נישט זיין בעסער,
צו אויסלייזן מיין חבר אין נויט,
וועמענס טרויער איז אַלעמאָל גרעסער.״

(שטעלט זיך אויף) איר האָט טאַלענט, קאָלעגע לעוו, איר זייט אַ פּאָעט. איר געפעלט מיר.

ל ע ו ו: אייערע ווערטער מאַכן מיך גליקלעך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט טיפער וואַרעמקייט) ברענגט מיר נאָך זאַכן אייערע. קומט צו מיר אָפטער. קיינער קומט צו מיר נישט לעצטנס. איך בין צופיל עלנט. איר וועט קומען?

ל ע ו ו: אַוודאי וועל איך קומען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: יעדער פּאָעט איז פאַר׳משפּט אויף עלנט, אָבער צופיל עלנט טויג נישט. איינעם אַ נאָענטן מענטשן מוז מען האָבן. (קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, וואַקלט זיך אין אַלע זייטן) אפשר ווילט איר אויסהערן מיינס אַ ליד, קאָלעגע לעוו? האַ, איר ווילט?

ל ע ו ו: איך וואָלט עס האַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט געפאַלנקייט) איר ווילט טאַקע הערן? אויב איר ווילט נישט וועל איך נישט לייענען.

ל ע ו ו: וואָס רעדט איר? אַדרבא.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (זוכט אין בוזים־קעשענע) **טאַקע היינט אין שאַפּ אָנגעשריבן. אויף עטלעכע פּאַפּירלעך.** (ער שלעפּט פון קעשענע פּאַ־פּירלעך, זיינע הענט ציטערן. ער בויגט זיך איבערן טיש צו לייענען, זיין גאַנצער גוף אויסגעקרומט, אויסגעדרייט) **נו, הערט. —**

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פייער און טראָגט מיך צום שייטער,
איך ברען און איך ברען און איך ווער נישט פאַרברענט,
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער, —

(זיין קול האַקט זיך אָפּ מיט אַמאָל. די צונג נעמט שטאַמלען, זיין גאַנצער גוף פיבערט) **איך קען נישט לייענען. מיר איז עפּעס נישט גוט, קאָלעגע.**

ל ע ו ו: (מיט שרעק) **וואָס איז אייך? דאָרנפעלד, דאָרנפעלד!**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (די פּאַפּירלעך פון זיינע הענט פאַלן אַרויס, פליען אין אַלע זייטן, ער רעדט מיט אַ דערשטיקטן קול) **מיר איז פינצטער — מיינע אויגן — איך ווער בלינד —** (ער פאַלט איבערן טיש מיטן פּנים אַראָפּ).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

צווייטער אַקט

(האַלבער טאָג. אין שטוב אומאָרדנונג. אויפן טיש אַ באַרג מיט צייטונגען. באָריס בלעטערט די צייטונגען מיט גרויס אויפרעגונג שליידערט זיי פון זיך מיט כעס).

באָריס: אַ שמחה׳לע אויף זיי. אין שטוב אַ חורבן און פּאַר די צייטונגען — אַ יום־טוב. וואו האָבן זיי עס גענומען אַזוי פיל בילדער פון מאַקסימען? (שפּאַנט אַרום איבערן שטוב) איצט פּויקן זיי, — וואו זענען זיי געווען פריער? (ער שליידערט מיט כעס די צייטונגען אויף דער ערד. אויפן שוועל באַווייזט זיך העלער).

העלער: (קוקט זיך צו ווי באָריס שליידערט די צייטונגען) האו דו יו דו?

באָריס: (אומגעריכט) העלאָו!

העלער: (מיט אַ שמייכל) שליידערט, שליידערט.

באָריס: עס וועט זיי אפילו קיין שליידערן נישט העלפן.

העלער: איך גלויב, אַז איר קאָנט מיך?

באָריס: מר. העלער פון „ניו יאָרקער היינט״.

העלער: יאָ, ריכטיק. און איר זענט דאָרנפעלד׳ס ברודער, פאַרשטיי איך. איר זעט אויס ווי ער.

באָריס: (מיט כעס) יאָ.

העלער: און אויך אַזאַ כעסן, זעט אויס, ווי דאָרנפעלד.

באָריס: אַז מען דאַרף זיין אין כעס, בין איך אין כעס.

העלער: אַדרבה. אַדרבה. — איך שאַץ אָפּ מוט.

באָריס: איר פּראָוועט שפּאַס.

העלער: וואָס פעלט אייך איין? איר דאַרפט נישט זיין אַזוי סענסעטיוו, מיין פריינט. דאָרנפעלד האָט מיר טאַקע נישט איין מאָל דערציילט וועגן אייך, וועגן אייער טבע צו דיסקוטירן, און וועגן אייערע מחלוקת׳ן מיט אים וועגן העברעאיש און יידיש.

באָריס: ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט דאָס צו דערציילן אייך.

העלער: פאַרוואָס?

באָריס: נו אַ דאגה. איבעריקנס, בין איך דען נישט גערעכט? איצט זעט איר דאָך אַליין, אַז איך בין גערעכט.

העלער: מיט וואָס?

באָריס: אַ סך חשיבות גיט דאָס צו צו יידיש — אָט־דאָס אַלץ מיט אַן אַנדער. יאָ, יאָ, איצט זענט איר געקומען, און וואו זענט איר געוועזן פריער? פריער האָט איר אים פאַרשטויסן, און איצט שרייבט איר אַרטיקלען וועגן אים אַזוי ווי דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט אונטערגעגאַנגען. —

העלער: מיר וועלן זיך אויס׳טענה׳ן מיט אייך אַן אַנדערש מאָל. — איצט וויל איך וויסן וואָס מאַכט ער?

באָריס: (אין פאַרלאַרנקייט, זעצט זיך אויף אַ שטול, ער פאַרמאַכט מיט ביידע הענט זיין פּנים, ענטפערט נישט).

העלער: (דורכגענומען מיט דער שטילקייט, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, זעצט זיך און שפּרינגט באַלד אויף צוריק) פאַרוואָס שווייגט איר? וואו זענען אַלע?

באָריס: דאָרנפעלד איז ביי זיך אין צימער, און זיין פרוי, ראָוז, איז קראַנק פון האַרצוויייטיק.

העלער: זיינע אויגן זענען נישט בעסער?

באָריס: ניין. ער איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן.

העלער: און פון באָב׳ן נאָך אַלץ נישטאָ קיין שום ידיעה?

באָריס: ניין, מיר וויסן נישט וואו ער איז, שוין העכער אַ וואָך.

העלער: איך קען אַריינגיין צו אים?

באָריס: ניין. ער וויל קיינעם נישט צולאָזן צו זיך, אַחוץ דעם יונגן לעוו.

העלער: אָבער פאַרט — וואָס זאָגט ער?

באָריס: ער וויל נישט מען זאָל אים היילן די אויגן, אַזוי טענה׳ט ער. ער וויל בלייבן בלינד, זאָגט ער. צווישן אים און דער וועלט, אויב עס האָט זיך אָוועקגעלייגט אַ פינצטערניש, — זאָל די פינצטערניש בלייבן. — אַזוי־אַ רעדט ער. אָט מיט די ווערטער. און די רעפּאָרטערס האָבן עס שוין אויפגעכאַפּט און צעשמירט אין אַלע צייטונגען. אַ גאַנצן טאָג, אַז איך קען פון זיי נישט פּטור ווערן, פון די רעפּאָרטערס. אפילו אייערע רעפּאָרטערס זענען שוין דאָ געוועזן.

העלער: אומזיסט כעס׳ט איר זיך אויף די רעפּאָרטערס, מיין פריינט. וואָס שייך אונדז, איז דאָרנפעלד׳ס גורל אונדזער אַלעמענס גורל, אפילו ווען עס זענען דאָ סתירות צווישן אונדז. אין רעדאַקציע צו אונדז קומען אָן טעלעגראַמעס פון גאָר דער וועלט, אַלע פרעגן זיך נאָך אויף דאָרנפעלד׳ס צושטאַנד און אַלע זענען אומרואיק.

באָריס: (שטעלט זיך אויף אַן אויפגעקאָכטער) **גוט וואָס ער איז בלינד געוואָרן. גוט וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון אָנקוקן אייך אַלעמען!**

העלער: **צי הערט איר וואָס איר רעדט, מיסטער!** (לאָזט זיך גיין צום טיר פון דאָרנפעלד׳ס צימער, באָריס פאַרשטעלט אים דעם וועג).

באָריס: **איר קענט צו דאָרנפעלדן נישט אַריינגיין.**

העלער: **איר זענט פון זינען אַרונטער.** (רופט) **דאָרנפעלד! דאָרנ־פעלד!**

באָריס: (שרייט) **איך וועל אייך נישט לאָזן, זאָג איך, אַריינגיין.**

(עס קומט אַרויס פון צווייטן צימער ראוז, איינגעוויקלט אין אַ שאַל, איר פּנים קרענקלעך, פאַרוויינט).

ראוז: **וואָס פאַר אַ געוואַלדן?** (דערזעט העלערן, פאַרלירט קאָנטראָל, ברעכט צוזאַמען, העלער כאַפּט זי אונטער).

העלער: **ליבע מרס. דאָרנפעלד, איך בעט אייך, באַרואיקט אייך.** (ער זעצט זי אַוועק).

ראוז: **ווער האָט דאָ אַזוי געשריען?**

באָריס: (אויפגערעגט) **איך האָב געשריען, איך. אויפן רעדאַקטער אַליין האָב איך געשריען.** (לויפט אַרויס פון שטוב מיט כעס).

העלער: **אַ כעסן אַ שוואָגער האָט איר.**

ראוז: **איר דאַרפט אים נישט פאַרדענקען איצט.**

העלער: **נו, געוויס נישט. — וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? זאָגט מיר.**

ראוז: **איך האָב שוין קיין כח נישט. דער טומל — מיט די רע־פּאָרטערס — און די צייטונגען — איך גיי פּשוט אַרונטער פון זינען. און באָב — וואו זאָל איך געפינען באָבן?**

העלער: **איך בין זיכער, אַז ער וועט צוריק קומען די טעג.**

ראוז: **איר זייט זיכער, אַז ער לעבט? אַז ער איז געזונט?**

העלער: **נו, אַ נאָווינע אין אַמעריקע, אַז אַ בחור פאַרגלוסט זיך טרעמפּעווען אַביסל! ער וועט זיך גוט אויסהונגערן, וועט ער אַהיים קומען. דערצו נאָך, אַז ער וועט זען אין די צייטונגען זיין טאַטנס בילד און די טרויעריקע נייעס וועגן זיינע אויגן וועט ער גלייך קומען, איך פאַרזיכער אייך.**

ראוז: **אַך גאָט מיינער!**

העלער: **איך מוז זען מאַקסימען.**

ראוז: **ער איז אַזוי אויפגערעגט. פּשוט ווילד. — אפשר בעסער איר זאָלט נישט אַריין צו אים איצט.**

הע ל ע ר: ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף מיר, מסתמא? און איר אויך — (פאַרשטאַמעלט) כ׳וואָלט וועלן איר זאָלט פאַרשטיין, אַז איך און די חברים פון דער רעדאַקציע זענען נישט שולדיק אין דעם אינצידענט מיט די צוריקגעשיקטע לידער. אַן אומפאַרזיכטיקער טעות געווען.

ר א ו ז: מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס מאַקסים האָט פאַרלאַנגט פון אייך. און איצט נאָך, אַז אים דוכט זיך, אַז איר האָט אים פאַרביטן אויף דעם פּאָעט דוד רייך, וואָס איז געקומען פון אייראָפּע —

ה ע ל ע ר: אָבער דאָס איז דאָך אַוודאי נישט אמת, מרס. דאָרנפעלד. פשוט אַ צופאַל. ס׳האָט נישט געהאַט קיין שום שיכות מיט דאָרנפעלדן. גלויבט מיר. כאָטש איך בין זיך מודה, אַז דאָרנפעלד איז געווען צו קאַפּריזנע לעצטנס, גאוה׳דיק, קרענקלעך. פלעגט האַלטן אין איין באַליידיקן יעדן פון אונדז.

ר א ו ז: אָבער איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין מאַקסימען. איר קענט דאָך אים. אים איז נישט גוט. ער וואָלגערט זיך אין שאַפּ. איז שטענדיק אויפגערעגט, און איז שטענדיק אונטערן איינדרוק, אַז די וועלט איז נישט גערעכט צו אים. אייער לעצט בריוול האָט אים פשוט דער׳הרג׳עט.

ה ע ל ע ר: אָבער איך בין דאָך אויך נישט מער ווי אַ מענטש, מיין ליבע מרס. דאָרנפעלד.

ר א ו ז: (פאַרצווייפלט) און וואָס וועט זיין איצט? דאָרנפעלד בלינד, אָן אויגן, אין פינצטערניש! (פאַרברעכט מיט די הענט).

ה ע ל ע ר: נאָר נישט פאַרצווייפלען. מיר וועלן אַלץ טאָן וואָס איז נאָר מעגלעך. מירן ברענגען די גרעסטע אויגן־ספּעציאַליסטן צו אים.

ר א ו ז: אָבער, באַב. — וואו געפינט מען באַב׳ן?

ה ע ל ע ר: און איך זאָג אייך, אַז וועגן באַב׳ן דאַרפט איר אינגאַנצן נישט זאָרגן. איך בין זיכער, אַז ער וועט היינט־מאָרגן צוריקקומען. (פּאַוזע) אגב, איך האָב אייך געבראַכט אַ טשעק אויף הונדערט דאָלער.

ר א ו ז: (פאַרקלעמט) ווי זאָל איך ביי אייך איצט נעמען געלט?

ה ע ל ע ר: (אויך אין פאַרלאָרנקייט האַלט דעם טשעק אין האַנט) נעמט, מרס דאָרנפעלד.

ר א ו ז: שווער מיר צו נעמען געלט ביי אייך איצטער.

ה ע ל ע ר: איך ווייס דאָך, אַז איר דאַרפט. איך בעט אייך — נעמט. (לייגט אַוועק דעם טשעק אויפן טיש. אַ לאַנגע שווערע פּאַוזע) דאָרנפעלדן וועט איר דערווײַלע נישט זאָגן וועגן דעם.

ר א ו ז: (שטעלט אויף אים אָן די אויגן).

ה ע ל ע ר: איר פֿאַרשטייט? זאָל דאַרנפעלד נישט חושד זיין — איר פֿאַרשטייט — זאָל ער נישט אויסטייטשן... (ער לאָזט זיך צום טיר) **אַ גוטן אייך דערווייל. איך וועל שפּעטער זיין צוריק.** (גייט אַרויס. ראוז זיצט ביים טיש צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ. — דער טשעק ליגט לעבן איר אויפן טיש. עס קומט אַריין באָריס. שטעלט זיך הינטער איר פּלייצע).

ב אָ ר י ס: וואָס איז מיט דיר, ראוז?

ר א ו ז: (הייבט נישט אויף דעם קאָפּ).

ב אָ ר י ס: (דערזעט דעם טשעק, נעמט אים אין האַנט) **וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טשעק?**

ר א ו ז: העלער האָט איבערגעלאָזט.

ב אָ ר י ס: (אויסער זיך) **און דו האָסט גענומען?**

ר א ו ז: (שטעלט זיך אויף מיט אַ געשריי) **פֿייניק נישט! שווייג!**

ב אָ ר י ס: (דערשראָקן און שולדיק) **פֿאַרגיב מיר. גיי צו זיך, ראוז. ביסט קראַנק.**

ר א ו ז: (נעמט דעם טשעק מיט זיך, לאָזט זיך גיין מיט מידע טריט. באָריס פירט זי אונטערן אָרם) **אַנטשולדיק פֿאַר דעם אויסגעשריי. — אין תוך איז דאָס אפשר גאָר שיין פֿון העלערן.**

ב אָ ר י ס: (אונטערטעניק) **נו, אָלרייט.**

ר א ו ז: זאָג נישט מאַקסימען וועגן דעם.

ב אָ ר י ס: אָלרייט.

ר א ו ז: (בלייבט שטיין פּלוצלינג) **איך מוז פֿאַר דיר זיך מודה זיין אין עפּעס, באָריס. עפּעס אַזוינס וואָס פּייניקט מיך. —**

ב אָ ר י ס: (דערשראָקן) **וואָס אַזוינס?**

ר א ו ז: אין דעם זעלבן טאָג, אַ האַלבע שעה פֿאַר מאַקסימס בלינד ווערן, איז דאָ געווען העלען. —

ב אָ ר י ס: העלען? וואו?

ר א ו ז: דאָ אין שטוב טאַקע.

ב אָ ר י ס: איך הייב נישט אָן פֿאַרשטיין וואָס דו רעדסט, ראוז.

ר א ו ז: דו געדענקסט, ווי דו ביסט אַרויס פֿון שטוב באַגעגענען מאַקסימען? — גלייך ווי דו ביסט אַרויס איז העלען אַריינגעקומען. —

ב אָ ר י ס: זי איז דען אין נוי־יאָרק?

ר א ו ז: זי איז געקומען אויף עטלעכע טעג אין ניו־יאָרק. איצט איז זי

שוין ווידער אַוועק. זי איז ערגעץ אין דער סאַוט, אַ נוירס אין אַ שפּיטאָל. זי איז אַריינגעקומען, געשטאַנען מיט מיר אַ מינוט צען און אין איילע־ניש אַוועק צוריק. —

באָריס: און נישט געוואָרט אויף מאַקסימען?

ראוז: ניין. און דאָס איז דאָך טאַקע, וואָס איז אויסגעקומען אַזוי משונה'דיק. ממש ווילד. וויפיל איך האָב זיך ביי איר ניט געבעטן זי זאָל בלייבן וואַרטן ביז מאַקסים וועט אַריינקומען, האָט נישט געהאָלפן.

באָריס: זי איז דאָך אָבער געוויס געקומען מיט דער כונה זען מאַק־סימען — פאַרוואָס־זשע האָט זי נישט געוואָלט וואַרטן?

ראוז: עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איך בין נישט צופרידן גע־ווען מיט איר אַריינקומען —

באָריס: זי האָט עס דיר געזאָגט?

ראוז: יאָ, זי האָט עס מיר געזאָגט. און מסתמא איז דאָס אמת געווען, און זי האָט עס גלייך דערשפּירט, האָט זי געזאָגט, און — איך פיל זיך שולדיק איצט, ווייל עס קומט אויס, אַז — (זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול מיטן קאָפּ געזונקען).

באָריס: האָסטו געזאָגט מאַקסימען, אַז זי איז דאָ געווען?

ראוז: ניין. זי האָט שטאַרק פאַרלאַנגט איך זאָל אים נישט זאָגן. און איצט אין אַזאַ צושטאַנד — ווי קען איך אים דערציילן אַזאַ זאַך? פייניקט מיך שטאַרק, וואָס איך דאַרף עס באַהאַלטן פון אים, און מער פון אַלץ פייניקט מיך וואָס — ווער ווייס? אפשר ווען העלען בלייבט וואַרטן ביז מאַקסים קומט אַריין —

באָריס: וואָלט מאַקסימס צוזאַמענברוך, מיינסטו, פאַרמידן געוואָרן?

ראוז: יאָ. איך טראַכט אַזוי. עס וואָלט געווירקט מונטער אויף אים.

באָריס: און איך טראַכט נישט אַזוי, ראוז. און שולדיק פילן זיך דאַרפסטו נישט. און, בכלל, וואָס האָט עס צו טאָן מיט אויגן־קראַנק־הייט?

ראוז: איז עס נישט מאָדנע געווען פון איר זייט?

באָריס: איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם. און בכלל, פאַר־שטיי איך גלאַט נישט וואָס דאָ טוט זיך צווישן אייך. —

ראוז: עס טוט זיך גאָרנישט, באָריס. ס'איז זער פּשוט. מאַקסים האָט ליב העלען. —

באָריס: מאלע וואָס ער האָט ליב. אומזין! נו, און העלען?

ראוז: און העלען — דאָס זעלבע. אַנטלויפט זי. קומט צוריק, און

אַנטלויפט ווידער. איך זע דאָך — זי איז אַ מענטש מיט אחריות. זי ראַנגלט זיך שטיל און שווייגנדיק. איר איז נישט גוט. מיר איז נישט גוט, מאַקסימען איז נישט גוט. —

באָריס: גיי צו זיך, ראוז.

ראוז: איך בין גרייט אָפּטרעטן דעם וועג.

באָריס: צו וואָס די אַלע רייד, ראוז? ערשטנס ביסטו נישט גרייט. און פאַרוואָס זאָלסטו? איר שפּילט זיך ווי קינדער אין עפּעס אַזוינס וואָס איך ווייס אַליין נישט ווי אָנצערופן עס. צווייטנס — וואָס איז איצט צו רעדן וועגן דעם? איצט?

(מ׳קלאַפּט אין טיר. באָריס לאָזט זיך צום טיר. ראוז שטייט און וואַרט. מ׳הערט ווי באָריס שרייט און אַנדערע קולות שרייען אים איבער. עס שפּאַרן זיך אַריין דריי רעפּאָרטערס, שטויסן באָריסן, וועלכער כעס׳ט זיך און לאָזט זיי נישט אַריין אין שטוב).

באָריס: מיר ווילן נישט קיין רעפּאָרטערס מער. מיר האָבן זיי שוין היינט געהאַט גענוג. (טייטלט מיט די פינגער אויף איינעם פון די דריי) איר זענט שוין היינט דאָ געווען איין מאָל.

1טער רעפּאָרטער: און אַז געווען איז וואָס? אַ רעפּאָרטער דאַרף מען אַריינלאָזן צו יעדער צייט.

באָריס: אַ שמחה אויף אייך אַלעמען. אַן אוצר האָט זיך אָפּגעזוכט פאַר אייך. אויך מיסעס דאָרנפעלד איז נישט געזונט און דאַרף האָבן רו. וואָס־זשע שפּאַרט איר זיך מיט גוואַלד?

1טער רעפּאָרטער: (מיט כעס) ווער זייט איר דאָ אַזוינס?

באָריס: איך בין דאָרנפעלדס אַ ברודער.

1טער רעפּאָרטער: (צו די אַנדערע צוויי רעפּאָרטערס) פאַר־צייכנט, באָיעס, פּאָעט — בלינד, קינד — פאַרשוואונדן, ווייב — קראַנק און ברודער — אַ יאַלד, סאָן אָוו אַ גאָן. (שטעלט אויף אים אָן פּלוצים דעם אַפּאַראַט, פאָטאָגראַפירט און אַנטלויפט, די אַנדערע צוויי רעפּאָרטערס לאַכן).

2טער רעפּאָרטער: (צו באָריס) זייט נישט אַזוי אויפגערעגט, פריינט.

באָריס: וואָס פאַרלאַנגט איר?

3טער רעפּאָרטער: מיר מוזן זען מיסטער דאָרנפעלד.

ראוז: נישט מעגלעך איצט. (זעט ווי דער 3טער רעפּאָרטער שטעלט

אָן אויף איר דעם אַפּאַראַט) אַך, גאָט, צו וואָס טוט איר דאָס? ווער דאַרף עס?

2טער רעפּאָרטער: וואָס רעדט איר? איר זענט נישט אַבי ווער. (שטעלט אָן דעם אַפּאַראַט אויף באָריס'ן, יענער אַנטלויפט, קערט זיך אום צו זיי מיט דער פּלייצע).

באָריס: איך האָב מיט דעם גאַנצן ענין גאָרנישט צו טאָן. לאָזט מיך צו רו. (ער זעט די רעפּאָרטערס לאָזן זיך צום טיר פון מאַקסימס צימער. ער פאַרלויפט דעם וועג. שטעלט זיך ביים טיר).

באָריס: איך וועל אייך אַהין נישט אַריינלאָזן.

3טער רעפּאָרטער: מיר מוזן נעמען אַן אינטערוויו ביי מיסטער דאָרנפעלד'ן אַליין. (שפּאַרן זיך אין טיר. באָריס שטויסט זיי אָפּ).

ראוז: ברענגט מיר בעסער אַ ידיעה, אַז מיין באַב איז צוריקגעקומען.

3טער רעפּאָרטער: ער וועט קומען, איך פאַרזיכער אייך.

2טער רעפּאָרטער: גיט אונדז אייער זונס אַ פאָטאָגראַפיע.

באָריס: (שרייט) רוצחים!

(לעוו קומט אַרויס פון דאָרנפעלדס צימער. די רעפּאָרטערס גיבן זיך אַ לאָז צום טיר. לעוו לאָזט זיי נישט אַריין. פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר).

לעוו: מען קען איצט נישט אַריינגיין צו אים. ער איז איינגעשלאָפן. (צו ראוז) מרס. דאָרנפעלד, דער דאָקטאָר האָט דאָך אייך פאַרזאָגט זיין אין בעט. (צו באָריס) פאַרוואָס לאָזט איר זי אַרומגיין?

באָריס: וואָס קען איך העלפן?

(עס קומט אַריין אין שטוב דער דאָקטאָר).

דר.: וואָס פאַר אַ טומל?

באָריס: פרעגט זיי די רוצחים, די צייטונגסלייט אייערע.

דר.: נאָר נישט געקאָכט זיך, מיינע פריינט. קודם־כל דאַרף דאָ זיין שטיל. (צו די רעפּאָרטערס) איר ווילט מאַכן נאָטיצן, זעצט זיך ביים טיש און שרייבט אייך.

2טער רעפּאָרטער: דעטס רייט, דאָקטאָר. (ביידע רעפּאָרטערס זעצן זיך ביים טיש, מאַכן זיך היימיש, שרייבן).

דר.: (נעמט ראוז פאַרן האַנט, קוקט איר אין פּנים) איך האָב דאָך אייך פאַרזאָגט זיין אין בעט, מיין ליבע מיסעס דאָרנפעלד. —

ראוז: (פליסטערט אין געוויין) אָבער באַב איז דאָך אַלץ נישטאָ.

באָריס: (נעמט ראוז פאַרן האַנט און פירט זי אַרויס).

דר.: (צו לעוו) וואָס טוט ער?

ל ע ו ו: ער איז איינגעשלאָפֿן.
ד ר.: ער טענה׳ט נאָך אַלץ, אַז ער וועט מיך נישט צולאָזן?
ל ע ו ו: יאָ. איך בין זער אומרואיק דערפֿון.
ד ר.: ווייס ער כאָטש וואָס פֿאַר אַן אינטערעס די גאַנצע וועלט נעמט אין זיין לאַגע?
ל ע ו ו: איך דערצייל עס אים — אָבער ער שוויגט.

(באָריס קומט אַריין צוריק).

ב אָ ר י ס: (צו לעוו) איר קלייבט זיך אַוועקגיין?
ל ע ו ו: איך וויל גיין ברענגען אַהער דעם גאַסט פֿון איראָפּע, דעם פּאָעט דוד רייך.
ב אָ ר י ס: דאָרנפֿעלד ווייס דערפֿון?
ל ע ו ו: ער האָט מיך אַליין געבעטן איך זאָל גיין ברענגען אים אַהער.
ב אָ ר י ס: איך האָב מורא עס זאָל נישט אַרויסקומען עפּעס אומאַנגענעמעס פֿון דער באַגעגעניש.
ל ע ו ו: דאָרנפֿעלד ווייס דאָך שוין איצט, אַז רייך איז אין גאָר נישט שולדיק.
ד ר.: (האָט דערוויל שטיל געעפֿנט די טיר און אַריינגעקוקט) ער שלאָפֿט דאָך נישט. ער איז אויף. (גייט אַריין צו דאָרנפֿעלדן אין צימער)
ל ע ו ו: (צו באָריס) און איך זאָג אייך, אַז דאָרנפֿעלד וועט אַלץ אַריבערקומען, אַלץ.
ב אָ ר י ס: הלוואי.
ל ע ו ו: ס׳איז טאַקע שווער איצט, אין אַזאַ מאָמענט, צו טראַכטן וועגן יום־טובים, אָבער גראָד ווייל ס׳איז שווער, און גראָד ווייל ס׳איז אַזוי טרויעריק, וועלן מיר דאָרנפֿעלד׳ס 25 יאָריקן יובילײ פּראַוועז מיט אַזאַ פּייער — —
ב אָ ר י ס: ווער איז דאָס דער מיר?
ל ע ו ו: מיר — דער יונגער דור. דער נייער דור שרייבער און דער נייער דור לייענער אין אַמעריקע. מיר וועלן פֿייערן דאָרנפֿעלדן! מיר — דאָס פֿאָלק און די אַרבעטער! מיר וועלן ברענגען די אַרבעטער פֿון די שעפּער. מיר וועלן אויפֿשטעלן כאָרן! מיר וועלן זינגען זיינע לידער! ווייל מ י ר שפּירן דעם אמת׳ן גורל פֿון אַ דאָרנפֿעלד!
ב אָ ר י ס: וואָס פֿאַר אַ גורל איז דאָס?

ל ע ו ו: **וואָס פאַר אַ גורל, פרעגט איר? דער גורל פון אַ קאַפּיטאַן וועמענס שיף ס'איז נאָך נישט אויפגעבויט געוואָרן.**

(אָפּ. באָריס שטייט פאַרגליווערט, קוקט אויף די רעפּאָרטערס, וואָס זיצן אַריינגעטאָן אין זייער אַרבעט. **דאָקטאָר** קומט אַרויס אויפגערעגט און צעטראָגן).

ד ר.: **אסור, אויב איך פאַרשטיי וואָס דאָ טוט זיך. איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי נישט.** (לויפט אַרויס פון שטוב מיט כעס. רודערמאַן, אַ רעפּאָרטער, מיט אימפעט און מיט טומל לויפט אַריין).

ר ו ד ע ר מ אַ ן: **העלאו, פּריינט באָריס!** (דערזעט די רעפּאָרטערס) **אָ, העלאו, באָיעס!**

ב י י ד ע ר ע פּ אָ ר ט ע ר ס: (דערפרייט) **העלאו, רודי! גוט וואָס דו ביסט דאָ. וועסט אונדז העלפן. מיר מוזן אַראָפּכאַפּן אַ פאָטאָגראַפיע פון מר. דאָרנפעלד.**

ר ו ד ע ר מ אַ ן: **זיכער, זיכער!**

2 ט ע ר: (ציי‎גנדיק אויף באָריסן) **ער לאָזט נישט**

ר ו ד ע ר מ אַ ן: **פאַרוואָס נישט, פריינט באָריס? זאָלן זיין וואָס מער בילדער אין די ענגלישע צייטונגען. זאָל מען שרייבן וועגן דאָרנפעלדן וואָס מער. יעס, מיי דיר סער. ס'איז נישט קיין קלייניקייט. אַ נאַציאָנאַלער ענין.** (לאָזט זיך צום טיר פון דאָרנפעלד'ס צימער) **קאָם אין, באָיעס.**

(באָריס פאַרשטעלט דעם וועג).

ב אָ ר י ס: **איך וועל אייך נישט אַריינלאָזן.**

ר ו ד ע ר מ אַ ן: **אַז איר זענט אַ גרינהאָרן, בין איך שולדיק? איר מיינט, אַז דאָרנפעלד'ס בלינד ווערן געהערט נאָר צו אייך אַליין? ס'איז אונדזערס! אַלעמענס! יעס, מיי דיר סער! דאָס זענען אונדזערע אויגן בלינד געוואָרן — אַ נאַציאָנאַלער אומגליק! די אויגן פון גאַנצן יידישן פאָלק זענען בלינד געוואָרן! יעס, מיי דיר סער. — איך קום אָט ערשט, ווייסט איר פון וואַנען? אַנו טרעפט?**

ב אָ ר י ס: **לאָזט מיך צורו.**

ר ו ד ע ר מ אַ ן: (צו די רעפּאָרטערס) **איך קום איצט פון דעם מיליאָנער פילאַנטראָפּ איזראַעל זיף. יעס, באָיעס! — פון דעם מיליאָנער זיף! ער האָט דערהערט די מעשה מיט דאָרנפעלד'ן האָט ער מיך גלייך גערופן אויפן טעלעפאָן. יעס מיי דיר סער. גלייך די מינוט**

גערופן. — ער איז אַ מענטש מיט אַ יידיש האַרץ. ער האָט אויסגע־דריקט אפילו זײַן פאַרלאַנג אַליין צו קומען אַהער. יעס, מיי דיר פרענדס.

באַריס: (דערשראָקן) אַהער?

רודערמאַן: און ער וועט אפשר באַלד זיין דאָ. מיין רעדאַקציע האָט מיך באַפולמעכטיקט צו רעדן מיט אים וועגן שאַפן אַ פאָנד פאַר דאַרנפעלד'ן. יעס, מיי דיר סער. פאַרצייכנט דאָס. דאָס יידישע אָוונט־בלאַט וועט דאָס שאַפן. דאַרנפעלד גייט איבער צו אונדז אין ציַיטונג.

באַריס: איר זאָגט ליגן.

רודערמאַן: וואָס האָב איך מיט אייך צו רעדן? ווער זייט איר דאָ? מ'שטיינס געזאָגט,ניט מער ווי אַ ברודער. דאַרנפעלד'ס בלינדע אויגן געהערן איצט צום גאַנצן יידישן פאָלק. מיר האָבן דאָס שוין היינט געשריבן אין אַן עדיטאָריעל. יעס, באַיעס. דאַרנפעלד וועט ענדלעך געפינען זיין ליטעראַרישע היים ביי אונדז אין בלאַט. (צו באַריסן וועלכער טרעט נישט אָפּ פון שוועל פון דאַרנפעלד'ס צימער) לאָזט מיך אַריין צו דאַרנפעלד'ן. מיך, רודערמאַנען, לאָזט איר נישט אַריין? גייט אַוועק פון שוועל. ס'איז דאָך איצט דער שוועל פון נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, איף יו פליז.

באַריס: (מיט אַנטריסטונג) בלאָפער! (לויפט אַרויס).

רודערמאַן: גרינהאָרן! (קלאַפּט אין טיר צו דאַרנפעלדן, טיר עפנט זיך, דאַרנפעלד מיט שוואַרצע גלעזער אויף די אויגן, שטעקן אין האַנט, באַווייזט זיך אויפן שוועל. זיין פנים איז בלייך, אויסגעצערט. ער שטייט אויפן שוועל שטום, אומבאַוועגלעך די אָנווזנדע בלייבן אויף אַ רגע פאַרגליווערט. רעפּאָרטערס קומען שנעל צו זיך. שטעלן אַן דעם אַפּאַראַט, פאָטאָגראַפירן אים. דאַרנפעלד רעאַגירט נישט אויף קיין זאַך. שטייט אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע).

רודערמאַן: קאָלעגע דאַרנפעלד!

דאַרנפעלד: (שטייט ווי פריער אומבאַוועגלעך, ענטפערט נישט).

רודערמאַן: איך בין פול מיט ציטער צו זען אייך אַזוי.

דאַרנפעלד: (מיט אַ קאַלטן קול) אָבער איך זע אייך נישט.

רודערמאַן: (כאַפּט אים אַן פאַר אַ האַנט מעשה גוטער ברודער) וואָס מאַכט איר, קאָלעגע דאַרנפעלד?

דאַרנפעלד: (רייסט אַרויס זיין האַנט) רירט זיך נישט צו צו מיר.

רודערמאַן: (דרייט זיך אין אַלע זייטן פאַרשעמט) דאָס בין איך דאָך, רודערמאַן!

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט פאַראַכטונג) וואָס דאַרפט איר דאָ?
ר ו ד ע ר מ אַ ן: דאָס בין איך, רודערמאַן, פון יידישן אָוונט־בלאַט. איר דערקענט מיך נישט?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך זע אייך נישט. איך דאַרף אייך נישט.
2 ט ע ר ר ע פּ אָ ר ט ע ר: (צום 3טן רעפּאָרטער) מיר האָבן דאָך שוין אונדזערס. קום.

(ביידע רעפּאָרטערס אָפּ, אויסשטעלנדיק אַ נאָז צו רודערמאַן)

ר ו ד ע ר מ אַ ן: מיר ווערן דאָך חברים, קאָלעגע דאָרנפעלד. איר טרעט דאָך אַריין אין דער משפחה פון אונדזער צייטונג. אַזוי האָט היינט געשריבן אונדזער רעדאַקטאָר הערמאַן אין עדיטאָריעל. איר האָט דאָס נישט געלייענט גאָר?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: צווישן מיר און אייך — פינצטערניש! גייט אַוועק פון מיר.
ר ו ד ע ר מ אַ ן: (אין פאַרצווייפלונג) וואָס הייסט אַוועקגיין פון אייך? ווי קען מען אַוועקגיין פון דאָרנפעלדן? פון אונדזער תוך, פון אונדזער שטאָלץ. איך פאַרזיכער אייך, אַז ביי אונדז אין צייטונג וועט איר געפינען אייער אמת׳ע היים.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (אין דער זעלבער פאַרגליווערטער פּאָזע, מיט אַ געיאָמער קול) גייט אַוועק פון מיר!

(עס קומט אַריין הערמאַן).

ר ו ד ע ר מ אַ ן: אָט איז טאַקע מר. הערמאַן אַליין.
ה ע ר מ אַ ן: (צו רודערמאַן) לאָזט מיך דאָ אַליין. זייט אין גאַס לעבן שטוב. עס קען זיין אַז מר. זיף וועט באַלד אָנקומען, וועט איר אים אַריינפירן אַהער. (רודערמאַן אָפּ. צו דאָרנפעלד) פריינט דאָרנפעלד, דאָס בין איך, הערמאַן, פון יידישן אָוונט־בלאַט.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (קאַלט) וואָס פאַרלאַנגט איר?
ה ע ר מ אַ ן: זיצט מיט מיר אַביסל (נעמט אים פאַר אַ האַנט, פירט אים צו אַ שטול — דאָרנפעלד לאָזט זיך פירן; הערמאַן זעצט אים אַוועק, זעצט זיך אַליין לעבן אים אויף אַ שטול). אייך איז נישט שווער צו רעדן?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: מיר איז קיין זאַך נישט שווער. (אַ לאַנגע פּאַוזע).
ה ע ר מ אַ ן: איך וועל זיין אָפן און קורץ, פריינט דאָרנפעלד.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: זייט ווי איר ווילט.

הערמאַן: איך באַטראַכט אייך שוין פאַר אַ מיטאַרבעטער פון אונ־דזער צייטונג.

דאָרנפעלד: (גיט אַ קלאַפּ מיטן שטעקן) וואָס?

הערמאַן: איר טאָרט זיך נישט אויפרעגן, קאָלעגע דאָרנפעלד.

דאָרנפעלד: איך בין רואיק.

הערמאַן: וואָס שייך געלט וועט קיין מניעה נישט זיין.

דאָרנפעלד: וואו זענט איר געווען איידער איך בין בלינד גע־וואָרן?

הערמאַן: מיר האָבן אַלע מאָל אייך געוואָלט האָבן אין אונדזער צייטונג.

דאָרנפעלד: (אַ״ץ אין זעלבן פאַרגליווערטן טאָן) זוכט אויף מיין באַב׳ן און פרעגט אים, צי איך זאָל גיין צו אייך אין צייטונג? (אויפ־געציטערט) פאַרוואָס האָט איר צוגענומען ביי מיר באַב׳ן?

הערמאַן: באַרואיקט אייך, פריינט דאָרנפעלד.

דאָרנפעלד: (שפּרינגט אויף מיט אויסגעשריי) איך פרעג דאָך אייך, פאַרוואָס האָט איר צוגענומען ביי מיר מיין איינציקן באַב׳ן? גיט מיר אָפּ מיין באַב׳ן!

הערמאַן: חשוב׳ער דאָרנפעלד!

דאָרנפעלד: (פאַלט אַנידער צוריק) וואָס ווילט איר פון מיר איצט? איך בין אַ פאַרשעמטער טרעגער פון אַ פאַרשעמטער ליטע־ראַטור, און איצט — נאָך אַ בלינדער דערצו. מיינע אַקציעס, זע איך, זענען מיט אַמאָל געשטיגן. מיין בערזע וואַקסט. ווילט איר, הייסט עס, איצט קויפן מיך? — נו, קויפט! אָבער איך וויל אַ גוטן פּרייז!

הערמאַן: כ׳וואָלט אייך זער בעטן, ליבער דאָרנפעלד, נעמען ערנסט מיין אָנבאָט. אונדזער צייטונג ווערט געלייענט פון אַלע קלאַסן יידן.

דאָרנפעלד: איך נעם ערנסט. אָבער איך זאָג דאָך אייך, איך וויל אַ גרויסן פּרייז.

הערמאַן: מיר וועלן אייך געבן דעם בעסטן פּרייז.

דאָרנפעלד: און ווי איז אַז איך וועל אייך אָפּנאַרן?

הערמאַן: וואָס מיינט איר?

דאָרנפעלד: און ווי איז אַז איך וועל מאָרגן, חלילה, צוריק זע־ענדיק ווערן?

הערמאַן: (קוקט אים אָן מאָדנע) איך פאַרשטיי אייך נישט.

דאָרנפעלד: איך מיין, ווי וועט זיין אַז מיינע אויגן וועלן אָנהייבן,

חלילה, צוריק זען? (שפּרינגט אויף) **צי איר ווילט, אַז איך זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן בלינד?**

(עס קומט אַריין דוביק, אַרויסגעבער פון דער צייטונג „אָוונט נייעס״).

ד ו ב י ן: ה או דו יו דו? (דערזעט הערמאַנען, בלייבט אין פאַרלעגנהייט) **אַ, אַנטשולדיקט.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווער איז דאָ?

ה ע ר מ אַ ן: מיסטער דובין פון דער נייער צייטונג „אָוונט נייעס״.

ד ו ב י ן: (צו הערמאַנען, קאַלט) **האַלאָ.** (צו דאָרנפעלד) **איך בין גליקלעך צו זען אייך, מר. דאָרנפעלד.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און איך בין נישט גליקלעך.

ד ו ב י ן: אפשר שטער איך?

ה ע ר מ אַ ן: (שטעכיק) **ניין, איר קענט נישט שטערן.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר, מר. דובין?

ד ו ב י ן: קען איך רעדן מיט אייך אַ פּאָר ווערטער פּריוואַט, מר. דאָרנפעלד?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: צו וואָס פּריוואַט? פאַרקערט, רעדט אָפן, זאָל מר. הערמאַן אויך הערן. זאָגט גלייך — וויפיל גיט איר?

ד ו ב י ן: איך פאַרשטיי נישט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (ציט סאַרקאַסטיש זיינע ווערטער) **וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? איך בין אַ גוטע סחורה געוואָרן, אַ בלינדע סחורה, און איך שטיי אויף אייער מאַרק. ווער עס וועט געבן מער, יענער וועט מיך קויפן.** (ער לאָזט זיך מיט אימפּעט גיין, שטרויכלט און פאַלט, ביידע געסט אין שרעק כאַפּן אים אונטער) **אַ דאַנק אייך. איך דאַנק אייך. ווייזט מיר דעם וועג צו זיך. פירט מיך צו זיך. פירט מיך אויף אַ ווײַלע אַרונטער פון מאַרק. איך וויל זיין אַליין.**

(זיי פירן אים אַריין אין זיין צימער — ער פאַרמאַכט די טיר. ביידע געסט בלייבן אַליין. זעצן זיך. זיצן אַנגעבלאָזענע. דובין שפּרינגט אויף און לאָזט זיך מיט האַסט אַוועקצוגיין, ערשט עס קומט אַן אויך העלער).

ה ע ל ע ר: (איבערראַשט) **אַ, אַזוינע געסט!** (דובין קערט זיך צוריק אום, ער בלייבט שטיין מיט אַ ביטערן שמייכל אויף די ליפּן).

ה ע ר מ אַ ן: (שטעכיק) **נו, וואָס האָט איר זיך אומגעקערט?**

ד ו ב י ן: אַז פון דעם מאַרק ווערט אַ יאַריד, וויל איך שוין נישט אַוועקגיין. איך וויל זיין אויפן יאַריד.

הערמאַן: גיי איך אַוועק. (לאָזט זיך צום טיר, און אָפּ).
דובין: וועל איך אייך נאָכגיין. (אויך אָפּ).
העלער: וואָס טוט זיך דאָ? (גייט צו צום טיר פון דאָרנפעלד׳ס צימער, קלאַפּט אין טיר, הערט זיך צו, קלאַפּט ווידער, רופט) **מאַקסים!**
דאָרנפעלד: (באַוויזט זיך ווידער אויפן שוועל פון צימער מיטן שטעקן אין האַנט).
העלער: (אויפגעציטערט) **מאַקסים!**
דאָרנפעלד: (מיט קאַלטער שטימע) **איך זע נישט ווער דאָס איז.**
העלער: דערקאָנסט נישט מיין קול?
דאָרנפעלד: ניין.
העלער: דאָס בין איך דאָך — העלער!
דאָרנפעלד: איך ווייס אַז דו. (שפּאַנט בלינדערהייט צום טיש, העלער וויל אים העלפן גיין, דאָרנפעלד שטופּט אים אָפּ לייכט פון זיך, בלייבט שטיין אין מיט פון צימער).
העלער: וואו זענען אַלע דייניקע? וואו איז דיין ברודער?
דאָרנפעלד: פאַרוואָס פרעגסטו נישט וואו איז באַב?
העלער: (שוויגט).
דאָרנפעלד: (ווידער) **פאַרוואָס פרעגסטו נישט וואו איז באַב?**
העלער: מאַקסים, איך בעט דיך, הער אויף.
דאָרנפעלד: (דערטאַפּט אַ שטול און זעצט זיך) **נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר?**
העלער: איך בין געקומען דיך געוואָר ווערן. און צווייטנס, בעטן דיך פאַרגעסן אָן יענעם פאַרדריסלעכן אינצידענט.
דאָרנפעלד: צו שפּעט.
העלער: מיר זענען דאָך חברים.
דאָרנפעלד: די חבר׳שאַפט יאָמערט איצט אַ בלינדע.
העלער: ביסט דאָך אַ פּאָעט און פאַרשטייסט דאָס לעבן, און פאַר־שטיין מיינט פאַרגעבן.
דאָרנפעלד: וואָס איז? ווילסט מיך אין ציייטונג צוריק?
העלער: איך רעד נישט איצט וועגן דעם.
דאָרנפעלד: פאַרוואָס זאָלסטו נישט רעדן? רעד יאָ. האָסט בלינד געמאַכט מיינע אויגן, האָסט פאַר׳סמ׳ט מיין האַרץ.
העלער: רעד נישט פאַרביטערט.
דאָרנפעלד: איך בין נישט פאַרביטערט.

ה ע ל ע ר: איך בין דיר אַ חבר.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס קאָן דאָס פאַר מיר איצט באַדייטן?
ה ע ל ע ר: איך וויל דיר זאָגן: פאַרלאָז זיך נישט צופיל אויף זיך אַליין.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (ווי געטראָפן) וואָס?
ה ע ל ע ר: שפּיל זיך נישט מיט זיך אַליין.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך בין אַ ריזיקאַנט.
ה ע ל ע ר: פאַרוואָס לאָזטו נישט צו צו זיך קיין דאָקטאָר?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך שטעל איין אין קאָן אַלץ.
ה ע ל ע ר: ווילסט נישט זעענדיק ווערן צוריק? אַזאַ מין נקמה אָן אונדז — וואָס? אַ נקמה אָן אַמעריקע?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: דו ביסט דען אַמעריקע?
ה ע ל ע ר: יאָ. אַמעריקע איז פּשוט. אַן אָפענע גאַס. קינדער שפּילן זיך אויף דער גאַס. געלעכטער קלינגט. אַמעריקע איז אַ געזונט קינד. אַ קינד שפּילט זיך מיט זאַכן, מיט צאַצקעס. אַ קינד שפּילט זיך מיט אַ באַל, אָבער נישט מיט זיך. מיר וועלן דיך מיט גוואַלד נעמען צו אַן אויגן־ספּעציאַליסט.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: (צעלאַכט זיך היסטעריש).
ה ע ל ע ר: וואָס מיינסטו מיט דעם אַלעם?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך האָב דאָך דיר געזאָגט — איך שטעל איין קאָן אַלץ. (פּאַוזע) יעדע זאַך האָט אַ גאָט איבער זיך; אויך אַ שפּראַך, אויך אַ ליטעראַטור האָט אַ גאָט איבער זיך; און יידיש, ווייזט אויס, האָט איבער זיך אַ גאָט אַן אייפערזיכטיקן, אַ שאַרפן, אַ טרויעריקן. ער פאַרצוקט און עסט אויף די, וואָס דינען צו אים אַמטרייסטן. ער איז שטענדיק הונגעריק און שטענדיק דאַרשטיק, ווייל געציילטע זענען די וואָס דינען צו אים אַמטרייסטן. — נו, האָט ער מיך אַריינגענומען און ער פאַרצוקט מיך. און איך לאָז זיך, ווייל איך האָב אים ליב מיט מיין גאַנצן לייב און לעבן.
(עס קומען אַריין לעוו און דוד רייך. דוד רייך — אַ מענטש פון אַ יאָר 45. עלעגאַנט אָנגעטאָן. העלער גייט מיט פרייד אַנטקעגן זיי).
ה ע ל ע ר: גוט וואָס איר זייט געקומען, קאָלעגע רייך, אין דער ריכטי־קער צייט טאַקע.
ר י י ך: דער ליבער חבר לעוו האָט מיך געבראַכט. איר קענט זיך נישט? אַ יונגער פּאָעט אַ טאַלאַנטפולער.
(העלער גיט די האַנט לעוו'ן).

ה ע ל ע ר: אָ יע, מיר קאָנען זיך. (צו דאָרנפעלד) מאַקסים, אַ טייערער גאַסט איז געקומען צו דיר.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווער?

ה ע ל ע ר: דוד רייך איז דאָ לעבן דיר.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (זיצט אין פאַרגליווערונג, שטעלט זיך נישט אויף) ווער? דוד רייך? קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ נאָמען.

ר י י ך: (פאַרלאָרן קוקט זיך איבער מיט לעוו׳ן).

ל ע ו ו: וואָס רעדט איר, דאָרנפעלד? דאָס איז דאָך דער באַוואוסטער יידישער פּאָעט פון איראָפּע, דוד רייך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (אין זעלבן טאָן) קיינמאָל נישט געהערט פון אַזוינעם.

ר י י ך: (פאַרשעמט, אָבער באַהערשט זיך גלייך) עס מאַכט נישט. עס קען טרעפן. איך האָב נישט פאַראיבל. (גייט צו צו דאָרנפעלד׳ן, כאַפּט אָן זיינע הענט און דריקט זיי) קאָלעגע דאָרנפעלד, איך בין גליקלעך, וואָס איך בין זוכה צו דריקן אייער האַנט. אַ גאַנץ לעבן געח׳לומ׳ט וועגן דעם.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: הייסט עס, אַז עס זענען דאָ אויף דער וועלט אויך אַזוינע חלומות וואָס ווערן מקוים!

ר י י ך: איך בין נאָר פול מיט צער צו טרעפן אייך אין אַזאַ צושטאַנד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (ציט זיך׳אויס) מיין צושטאַנד איז אַ גוטער, אַ גוטער!

ל ע ו ו: דאָרנפעלד, איר פאַרשעמט דאָך אַ קאָלעגע.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אויב ער איז אַ פּאָעט, איז ער סיי ווי סיי פאַרשעמט. וואָס איז אַ פּאָעט? — אַ פאַרשעמטער, דאָס איז דער פּאָעט.

ר י י ך: אַ גרויס וואָרט, חשוב׳ער דאָרנפעלד. — און איצט, אַז איר האָט מיך שוין פאַרשעמט, וועט איר זיך אפשר פאָרט דערמאָנען ווער איך בין?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איצט דערלויב איך אויך אייך מיך צו פאַרשעמען.

ר י י ך: ניין, איך וועל דאָס נישט טאָן.

ל ע ו ו: (מיט אַ געבויגענעם קאָפּ שטייט און שווייגט).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרוואָס רופט איר זיך נישט אָפּ, לעוו? איר זייט נישט צופרידן מיט מיר?

ל ע ו ו: (פעסט) ניין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (גלייך געענדערט) קאָלעגע רייך, פאַרגיט מיר! לעוו איז גערעכט. (ער שטרעקט אויס זיינע הענט, אַ פיבערדיקער) איך שטרעק אייך אויס מיינע הענט, קאָלעגע רייך.

ר י י ד: (כאַפּט אָן דאַרנפעלד׳ס הענט) טייערער קאָלעגע, באַרואיקט אייך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ער איז אַ וואונדערבאַרער מענטש, אַט דער לעוו. און איצט דערציילט מיר עפּעס פון דאָרטן, פון אייערע מקומות, קאָלעגע רייד.

ר י י ד: קודם כל, אַ גרוס אייך פון אומעטום, פון אַלעמען. איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ טרויער עס האָט אַרויסגערופן איבער גאָר דער וועלט אייער קראַנק ווערן. מען האָט אייך אומעטום ליב. מען זינגט אייערע לידער אומעטום. נישט אין סאַלאָנען, נישט אין רייכע פּאַ־לאַצן, נאָר אין ווערקשטאַטן, אין פאַבריקן, אין אָרעמע קעלערס.—דאָס איז אַ גרויסע זכיה.

(עס יאָגט אַריין רודערמאַן).

ר ו ד ע ר מ אַ ן: מיסטער איזראַעל זיף קומט אַהער!

ה ע ל ע ר: (אויפגעבראַכט) וואָס מיינט דאָס? ווער ברענגט אים?

(עס קומען אַריין איזראַעל זיף און הערמאַן).

ר ו ד ע ר מ אַ ן: איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן דעם גרויסן מענטש און ייד איזראַעל זיף. (צו זיף) דאָס איז מיסטער העלער.

ז י ף: זער אַנגענעם. מיר קענען זיך.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: און דאָס איז אונדזער באַרימטער גאַסט פון אייראָפּע מר. רייד. (צו לעוו) און דאָס איז — —

ל ע ו ו: עס מאַכט נישט, גייט ווייטער.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: (פירט צו זיפן צו דאָרנפעלד) דאָס איז מיסטער דאָרנ־פעלד אַליין. קאָלעגע דאָרנפעלד, איך שטעל אייך פאָר מר. איזראַעל זיף.

ז י ף: זער אַנגענעם. אַ גרויס פאַרגעניגן צו קאָנען אייך, מיינע הערן.

ה ע ר מ אַ ן: זיצט, מר. זיף. (באַזעצט אים לעבן דאָרנפעלד׳ן און זעצט זיך אַליין אַוועק לעבן אים).

ז י ף: (זעט אַז די איבעריקע שטייען) זיצט, מיינע הערן. (שטעלט זיך אויף מיט אַמאָל, דערפילנדיק פאַרלאָרנקייט צווישן אַלעמען) איך האָף, אַז איך שטער נישט?

ר ו ד ע ר מ אַ ן: (מיט חניפה) גאָט איז מיט אייך. אדרבא, אדרבא! אַזאַ גרויסער כבוד! (צו די איבעריקע) זעצט זיך, זעצט זיך! (טראָגט אַלעמען אונטער שטולן מיט ראַש, אַלע, געצוואונגענערהייט, זעצן זיך. קוקן בייז אויף רודערמאַנען. יענעם גייט עס נישט אָן. ער טומלט זיך

אַרום זיפ׳ן. דאָרנפעלד זיצט, ניט אַרויסווייזנדיק קיין שום באַוועגונג).

ז י ף: מיינע פריינט מר. הערמאַן און מר. רודערמאַן האָבן מיר אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף דעם באמת גרויסן אומגליק וואָס האָט גע־טראָפן.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: (כאַפּט אונטער) ריכטיק ווי גאָלד. באמת גרויסן אומגליק.

ז י ף: און אויף דעם חוב פון אונדז אַלעמען.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: גאָלדענע ווערטער.

ז י ף: (גיט אויף אים אַ קוק שאַרף, רודערמאַן ווערט שטום, דער גע־שפּרעך פאַרבינדט זיך נישט. זיף צו העלערן) ווי גייט עס אייך? ווי גייט די צייטונג אייערע?

ל ע ו ו: (סאַרקאַסטיש, פאַר זיך אַליין) אייערע —

ה ע ל ע ר: זי גייט זער גוט, מר. זיף.

ז י ף: לעזער דאַרפן אייך איצט נישט פעלן, מסתמא; אַזוי פיל אימי־גראַנטן שטראָמען איצט אַריין פון רוסלאַנד, פון פּוילן. פאַר זיי אייגנטלעך גיט איר דאָך די צייטונג אַרויס. (אין דער זייט צו לעוו) דער יונגער מאַן, זע איך, איז נישט צופרידן מיט מיר.

ל ע ו ו: ניין.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: (צו לעוו) ווי וואָגט איר?

ז י ף: (צו רודערמאַנען) איך בעט אייך, נעמט זיך נישט אָן פאַר מיר. (צו לעוו, וועלכער שפּאַנט אַרום אַ נערוועזער) עס מאַכט נישט, יונגער־מאַן, אַז איר ווילט זאָגן נאָך עפּעס — זאָגט, יונגערמאַן. (פּאוזע) אפשר וואָלט מיר דערלויבט זיין צו רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט דעם חשוב׳ן דאָרנפעלדן אויג אויף אויג?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: מיר קענען ליידער נישט רעדן אויג אויף אויג. — איך האָב נישט קיין אויגן מער.

ז י ף: איך מיין —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך מיין גאָרנישט.

ר ו ד ע ר מ אַ ן: איך וועל דערקלערן די חשוב׳ע פריינט דעם ציל פון מר. זיפ׳ס קומען.

ז י ף: (שטעלט זיך אויף) די הערן ווייסן דען נישט? מר. רודערמאַן האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איך וועל דאָ טרעפן אַ זיצונג פון אַ געגרינ־דעטן דאָרנפעלד־קאָמיטעט.

ה ע ל ע ר: וואָס פאַר אַ קאָמיטעט?

ר ו ד ע ר מ אַ ן: אַוודאי, זיכער!
ז י ף: איך פאַרשטיי נישט. —
ה ע ר מ אַ ן: מיר וואַרטן אויף אייער וואָרט, מר. זיף.
ז י ף: (צו העלערן) איך פרעג ווידער, האָב איך אפשר געשטערט מיט מיין אַריינקומען?
ה ע ל ע ר: ניין, איר האָט נישט געשטערט.
ז י ף: מר. הערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז מען גרייט צו אַ פולע אויס־גאָבע פון מר. דאַרנפעלדס ווערק צו זיין יובילעאום, און אויך אַ ספעציעלער פאָנד ווערט געגרינדעט. נו, יאָ, ס'איז וואויל. איך וויל העלפן. אָבער זאָגן אייך דאַרף איך דעם אמת, אַז איך אַליין לייען נישט קיין יידיש און איך האַלט נישט, אַז מען דאַרף עס אין אַמעריקע.
ל ע ו ו: (גיט אַ לאַך היסטעריש).
ז י ף: דער יונגער מאַן, זע איך, איז אומרואיק.
ר ו ד ע ר מ אַ ן: רעדט ווייטער, מר. זיף, מיר הערן מיט צופרידנקייט.
ז י ף: איך וויל זיין אויפריכטיק פאַר אייך, מיינע פריינט. איך גלויב, אַז הער דאַרנפעלד אַליין וועט אויפנעמען מיינע ווערטער אַזוי פשוט ווי זיי זיינען, ווייל פאַר הער דאַרנפעלדן אַליין מיין גרעסטע אַכטונג. ווייל איך טאַקע נישט, אַז איר זאָלט אַלע טראַכטן, אַז וועלכע נישט איז אַנדערע סענטימענטן האָבן מיך באַוואויגן צו קומען אַהער, אַחוץ דעם איינציקן סענטימענט וואָס איך פיל צו דער געשעצטער פערזאָן פון הער דאַרנפעלד. אייניקע פון זיינע לידער האָב איך געהאַט דאָס גליק צו לייענען אין ענגלישער איבערזעצונג. זיי זענען וואונדערבאַר. און איך טראַכט, אַז ווען הער דאַרנפעלד שרייבט אויף דער ענגלישער שפּראַך וואָלט אַלץ גאָר אַנדערש געווען. דאָס זאָג איך, כדי אונטער־צושטרייכן דעם גרויסן טאַלאַנט פון הער דאַרנפעלד. יאָ, מיינע הערן, גאָר, גאָר אַנדערש וואָלט געווען. לידער איז דאָס נישט אַזוי. אָבער איך בין גרייט סיי ווי סיי צו העלפן אין דער אַרבעט אַרויסצוגעבן זיינע ביכער אויף דער שפּראַך אויף וועלכער הער דאַרנפעלד שרייבט.
ל ע ו ו: (האַלט נישט אויס) חוצפה!
ה ע ר מ אַ ן און ר ו ד ע ר מ אַ ן: (ביידע) איר זענט אַליין אַ חוצפה'ניק. (טומל).
ז י ף: איך בעט אייך, באַרואיקט אייך. (עס ווערט שטיל. צו הערמאַנען און רודערמאַנען) איך האָב דאָך אייך געזאָגט: נעמט זיך פאַר מיר נישט אָן. דער יונגער מאַן איז נישט מסכים מיט מיר, און אַזוי ווי ער איז

נאָך יונג, היצט ער זיך. אַ יונגער מאַן דאַרף זיך היצן. אָבער — ער ווערט פאַרפּירט פון אייך. איר נאַרט אים, דעם יונגנמאַן. איך רעד אָפן דאָס, וואָס איר אַלע באַהאַלט אין זיך און האָט נישט קיין מוט צו זאָגן אָפן. און איר, מר. העלער, ווייסט דאָך עס אַוודאי. איר טראַכט דאָך אויך אַזוי. איר זייט אַ פירער פון די יידישע מאַסן און איר גיט אַרויס אייער צייטונג פאַר די אָרעמע מאַסן. פאַר זיך אַליין אָבער דאַרפט איר זי נישט. איר האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט נישט איין מאָל. זאָל דער אָנשטראָמענדיקער אימיגראַנטן־דור אויסלערנען זיך ענגליש, וועט איר מיט אַ גאַנץ לייכטן האַרץ איבערבייטן אייער צייטונג אויף ענגליש; און איך זאָג אָפן, אַז מען דאַרף קיין יידיש נישט אפילו היינט. אומעטום, וואו מיר זענען, גייען מיר אַריין אין דער קולטור פון לאַנד, און מיט דער קולטור פון לאַנד דאַרפן מיר זיך צו־זאַמענגיסן. נישטאָ קיין אַנדער וועג. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס אַזאַ באַגאַבטער מענטש, ווי הער דאָרנפעלד, האָט באַדאַרפט דערגיין — צו וואָס? צו זיצן אַ בלינדער און טראָגן אין זיך אַ בלינדן גורל פון אַ בלינדער שפּראַך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (שפּרינגט אויף מיט אַ יאָמער־געשריי) **איך בין נישט בלינד! איך בין נישט בלינד!** (עס וואַרפט אים ווי אין קאָנוואולסיעס. ער קלאַפּט מיטן שטעקן אין טיש, מען נעמט אים קוים איין און מע זעצט אים צוריק אַוועק. ער שפּרינגט אָבער צוריק אויף) **הער זיף איז גערעכט! גערעכט!** (מיט אַ שאַרפן ווענד צו זיף) **וויפיל גיט איר, הער זיף? איך וויל וויסן, וויפיל גיט איר?**

ז י ף: **וואָס מיינט איר, הער דאָרנפעלד?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **ווי גרויס איז דער פאָנד פאַר מיר? וויפיל טויזנטער? איך וויל וויסן צו עס לוינט זיך מיר? איר זייט דאָך אַ גרויסער גע־שעפטסמאַן, אַ באַנקיר. — ווייסט איר דאָך ווי מען פירט געשעפטן. וויל איך וויסן וויפיל גיט איר? אָט שטיי איך אַ גרייטע סחורה. — קויפט!**

(אַלע סטאַרען זיך צו באַרואיקן אים, אָבער ס׳איז שוין פאַרפאַלן. דאָרנ־פעלדס אויפרייס איז שוין נישט אין גרעניצן. אויף זיין געשריי קומט אַריין ראוז אַ דערציטערטע. דאָרנפעלד לאָזט זיך שפּאַנען פּאַראויס מיטן שטעקן אויפגעהייבן אין דער הויך).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **מיר איז שוין דערעסן. דערעסן. דערעסן! מיינע לידער — היינט. מיינע לידער — מייז. מיינע לידער — וועלף. און**

אָט — אשר יצר את האָדם בחכמה. בחכמה. בחכמה. — — מיר קערט די גרינגע גאַל. איך וויל געלט! איך וויל רייך זיין! כבוד וויל איך, כבוד! אַזוי ווי איר, מר. זיף! אַרויסנעמען דעם מאַרך פון מענטשלעכע ביינער, אַזוי ווי איר, מיסטער זיף! פייניקן, טרעטן איבער מענטשן, איבער לעבן, אַזוי ווי איר, מיסטער זיף.

(הערמאַן און רודערמאַן ציען זיפ׳ן צו דער טיר. דאָרנפעלד שטופּט אָפּ אַלעמען פון זיך מיט גרויס אימפּעט).

איך בין נישט בלינד! איך האָב אייך גענאַרט! אַלעמען. איך האָב גענאַרט אַ וועלט! איך האָב אייך אַלעמען געוואָלט דערזען אין אייער ריכטיקן געשטאַלט, און איך האָב אייך דערזען. איצט זענען מיינע אויגן ליכטיק. — איך שטעך אייך אַלעמען דורך מיט מיינע אויגן. איך האָב אייך שוין דורכגעשטאָכן — און איצט קענט איר גיין פון דאַנען! אַלע! אַרויס פון מיין שטוב! אַלע אַרויס!

(הערמאַן און רודערמאַן פירן אַרויס שנעל זיפ׳ן. — אַלע איבעריקע שטייען פאַרשטיינערטע. דאָרנפעלד צו זיי מיט אויסגעשטרעקטן שטעקן).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס שטייט איר? אַרויס פון מיין שטוב! איר זענט אַלע פייניקער. איר זענט אַלע מיינע שונאים. אַלע. אַרויס!

(אין דעם באַווייזט זיך מיטאַמאָל אויף דער שוועל העלען. זי קומט אָן אַקוראַט אויף דאָרנפעלד׳ס ווילדע גוואַלדן. קיינער באַמערקט זי נישט פון אָנהייב, אָבער דאָרנפעלד, ווי ער שטייט מיטן פּנים צו דער טיר, דערזעט זי. גלייך ווערט ווידער אַן ענדערונג אין אים. אַ פאַרוואונדיקט געשריי רייסט זיך אַרויס פון זיין האַלדז. ער גיט זיך אַ וואַקל. ער ווערט צוריק פאַרגליווערט. באַקומט צוריק די באַוועגונגען פון אַ בלינדן. ער נעמט ווידער טאַפּן מיט די הענט ווי אין דער פינצטערניש. ער נעמט פאַלן. העלער־רייך־לעוו כאַפּן אים אונטער. ראוז דערזעט העלען. זי פאַלט־צו צו איר מיט געוויין).

ר א ו ז: העלען! העלען!

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (אין די אָרעמס פון העלער, רייך און לעוו, אויפגערייזט) **לייגט מיך אַוועק. איך זע נישט. איך האָב גערעדט נישט אמת פריער. איך האָב קיינעם פון אייך נישט געזען. איך בין בלינד. אויף אַן אמת בלינד. מיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ. אָטעם! גיט מיר אָטעם!**

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט.

אין וואָכן אַרום.
אָוונט. דאָרנפעלד ליגט ביי זיך אין צימער אַנגעטאָן אין אַ שלאָף־ראָק. ער איז בלייך און אויסגעצערט. אויף די אויגן טראָגט ער טונקעלע ברילן. לעבן אים שטייט העלען אָנגעטאָן אין מאַנטל, ווי פאַרן אַוועקגיין. אַנהייב נאַכט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **איר גייט שוין אַוועק? איר זענט דאָך ערשט אַריינגעקומען.**

ה ע ל ע ן: **איך בין געקומען נאָר אַ קוק טאָן וואָס איר מאַכט.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **פאַר די אַלע וואָכן, וואָס איך ליג קראַנק, איז היינט ערשט דאָס צווייטע מאָל וואָס איר קומט מיך זען. ווי אַזוי זאָל איך עס פאַרשטיין?**

ה ע ל ע ן: **איז דאָס אַזוי נישט פאַרשטענדלעך?**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **זער ניט פאַרשטענדלעך. איך ליג די גאַנצע צייט און בענק נאָך אייך.**

ה ע ל ע ן: **איך האָב ניט געקענט אַריינקומען אָפט. איך האָב געפילט אַז איך בין ניט געוואונטשן.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **איר מיינט ראָוז? ראָוז איז איצט אַנדערש.**

ה ע ל ע ן: **עס קאָן זיין, און איך האָב געוויס צו איר גאָרנישט. אָבער איך האָב פאָרט געפילט, אַז זי וויל ניט איך זאָל קומען אָפט.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **פונדעסטוועגן קאָן איך עס נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין.**

ה ע ל ע ן: **מיר איז אויך נישט אַלץ פאַרשטענדלעך, דאָרנפעלד.** (שווערע פאוזע).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **פאַרוואָס זענט איר אַנשוויגן געוואָרן, העלען?**

ה ע ל ע ן: **ווען עס האָט פּאַסירט דאָס אומגליק מיט אייערע אויגן בין איך געווען דאָמאָלסט אין דער סאַוט, אין אַ שטעטל. דאָרט וואוין איך די גאַנצע צייט זינט איך בין מיט אַ יאָר צוריק אַוועק פון ניו־יאָרק. איינמאָל, אַ וואָך פאַר אייער קראַנק ווערן, בין איך געקומען אויף אַ פּאָר טעג אין ניו־יאָרק. געקומען און אַוועקגעפאָרן צוריק.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: **אַ וואָך פאַר מיין בלינד ווערן?**

ה ע ל ע ן: **יאָ. אַ וואָך פאַר דעם.**

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט וואַקסנדיקער שטיינונג) **און נישט געקומען אין**

שטוב מיך זען? און נישט געגעבן מיר אפילו צו וויסן אַז איר זענט אין שטאָט?

העלען: אַנדערש איז נישט מעגלעך געווען, ווייזט אויס.

דאָרנפעלד: פאַרוואָס איז נישט מעגלעך געווען?

העלען: לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם?

דאָרנפעלד: אָבער אַז איר האָט זיך דערוואוסט גלייך נאָכדעם אַז מיינע אויגן זענען בלינד געוואָרן —

העלען: בין איך דאַמאָלסט געווען צוריק שוין אין מיין שטעטל. האָב איך איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער און געקומען ווידער קיין ניו־יאָרק.

דאָרנפעלד: פון די צייטונגען, הייסט עס, האָט איר זיך דער־וואוסט. און — הייסט עס, כדי צו זוכה זיין אַז העלען זאָל קומען מיך זען — באַדאַרף איך נישט אַנדערש ווי נאָר בלינד ווערן. הייסט עס, ווידער דאָס אייגענע: אויב איך וואָלט, חלילה, נישט בלינד געוואָרן —

העלען: (פאַרקלעמט) ווי קענט איר אַזוי רעדן?

דאָרנפעלד: איך מיין גאַרנישט דערמיט.

העלען: איר מיינט דאָך יאָ עפּעס.

דאָרנפעלד: איך בין שלעכט. דאָס איז אַלץ.

העלען: צו וואָס רעדן אויף זיך שלעכטס? ס'איז גענוג טרוי־עריק אָן דעם, דאָרנפעלד.

דאָרנפעלד: יאָ, אמת.

העלען: איך בין אַריינגעקומען אין שטוב צו אייך אַקוראַט אין יע־נעם מאָמענט, ווען איר זענט געשטאַנען אָן אויפגעשטורעמטער מיטן פאַרמאַסטענעם שטעקן אין האַנט. איר האָט געטריבן אַלעמען פון זיך און געשריגן אַז איר זענט נישט בלינד. און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו פאַרשטיין עפּעס וואָס, האָט איר אַ פאַל געטאָן צו דער ערד אין אַ צוזאַמענברוך. — ווייס איך נאָך ביז היינט נישט צי איר האָט געזען מיין אַריינקומען דאַמאָלסט, צי ניין? —

דאָרנפעלד: ווי האָב איך געקאָנט זען אייער אַריינקומען, אַז מיינע אויגן זענען געווען בלינד? אָבער דאָס איז דאָך נישט וויכטיק. וויכטיק איז נאָר דער פאַקט וואָס העלען איז געקומען מיך זען.

העלען: פאַרשטיי איך נישט ביז היינט אייער דאַמאָלסדיקן אויס־געשריי, אַז איר זענט נישט בלינד. צוליב וואָס האָט איר אַזוינס גע־שריגן? איך פאַרשטיי עס נישט און עס מאַטערט מיך. —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרוואָס מאַטערט עס אייך? איך וועל פרעגן ווי־דעראַמאָל: איר וואָלט דען געוואָלט בעסער אַז איך זאָל יע זיין בלינד, איידער נישט בלינד?

ה ע ל ע ן: (מיט געשריי) דאָרנפעלד!

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרגיט מיר. נעמט נישט פאַר אומגוט מיינע רייד, איך בעט אייך. איר האָט געטאָן גוט וואָס איר זענט געקומען. אין די אַלע וואָכן פון צוזאַמענברוך און בלינדקייט האָט מיר אַ סך כח געגעבן דער גוטער געדאַנק, אַז העלען איז צוליב מיין קראַנק זיין גע־קומען קיין ניו־יאָרק און אַז זי קאָן אין יעדן מאָמענט אַריינקומען מיך זען. און כאָטש איר זענט פאַר דער גאַנצער צייט אַריינגעקומען נאָר איין מאָל —

ה ע ל ע ן: (מיט אַ ציטער שטימע) אפשר וואָלט איר אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז געווען נאָך אַ סבה פאַרוואָס איך האָב נישט געקאָנט קומען אָפט? אפשר בין איך אויך געלעגן אין אַ צוזאַמענברוך ווי איר?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס מיינט איר מיט דעם?

ה ע ל ע ן: וואָס זאָל איך מיט דעם מיינען? איר ליגט נישט געזונט — קאָכט אַ וועלט מיט אייך. און איך ליג ביי זיך אין צימער די גאַנצע וואָכן דאָ איינע אַליין און —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (טוט אַ כאַפּ איר האַנט) העלען!

ה ע ל ע ן: לאָמיר נישט רעדן דערפון. איצט אַז איר פילט זיך בעסער, קאָן איך שוין אַוועקפאָרן צוריק.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואוהין צוריק?

ה ע ל ע ן: צוריק צו מיין פּלאַץ אין דער סאַוט. איך אַרבעט אין אַ שפּיטאָל דאָרט. אַ נוירס. נאָך היינט באַנאַכט פאָר איך אַוועק.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נאָך היינט באַנאַכט?

ה ע ל ע ן: איך דאַרף דאָ נישט זיין מער, און איך דאַרף מער נישט קומען אַהער.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איצט רעדט איר מיט בייזקייט.

ה ע ל ע ן: איך וויל רעדן מיט וואָס מער בייזקייט, כדי איר זאָלט מיך אַרויסרייסן פון האַרץ און פאַרגעסן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און אויב איך וועל נישט אַרויסרייסן?

ה ע ל ע ן: איך וואָלט אַוועקגעפאָרן נאָך נעכטן, ווען נישט די היינטיקע פייערונג פון אייער יובילײ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך דאַנק אייך וואָס איר זענט צוליב דעם געבליבן. אָבער אין תוך — וואָס גייט מיר אָן איצט דער יובילײ?

ה ע ל ע ן: אייער יובילײ, וויל איך גראָד, זאָל אייך אָנגיין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך האָב אייך ליב, העלען.

ה ע ל ע ן: און איך זאָג אייך דאָס זעלבע, דאָרנפעלד. און מיר דאַרפן דערפאַר טאָקע נישט באַגעגענען זיך מער קיינמאָל. מיר מוזן איינע די אַנדערע פאַרגעסן. (פויזע) איך וועל גיין אין האָל. די פייערונג וועט זיך באַלד אָנהייבן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און איר וועט מער היינט נישט אַריינקומען אַהער, איידער איר פאָרט אַוועק?

ה ע ל ע ן: איך ווייס נישט. מיר וועלן זען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַך — גאָט.

ה ע ל ע ן: ס'איז דאָך שוין קיין חלוק נישט אין דער אמת'ן. אָבער לאָמיר עס לאָזן. אייער היינטיקע פייערונג איז וויכטיקער פון אַלץ. מען וועט שטיין אויף קעפּ היינט. דריי טויזנט מענטשן נעמט אַריין דער האָל. און אַלע פּלעצער זענען שוין אויסגעפאַרקויפט געווען נאָך נעכטן. איר דאַרפט זיך פילן גליקלעך, דאָרנפעלד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: כאָטש איר רעדט נישט די דאָזיקע ווערטער. נישט איצט די צייט צו רעדן וועגן גליקלעכקייט.

ה ע ל ע ן: ס'איז דאָך אָבער פאָרט אַ גרויסער יום־טוב און אַ גרויסער נצחון. פון אַלע שעפער האָבן געשטראָמט אַרבעטער נאָך בילעטן. דאָס פאָלק האָט אייך ליב.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: מאָדנע. אין האָל זאַמלט זיך אָן עולם צוליב מיר, און איך ליג אויפן בעט אין אַ כאַלאַט.

ה ע ל ע ן: איך בין געגאַנגען אַהער און מיין האַרץ איז געווען פול מיט האָפענונג, אפשר וועט איר פאָרט קענען אָנטאָן זיך אַ כח און גיין אין האָל צו אייער יום־טוב.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (גיט אַ פאַל מיטן פּנים אַראָפּ אין קישן) איך קען נישט. מיינע כחות פאַרלאָזן מיך.

ה ע ל ע ן: (נעמט אים אָן פאַר די הענט) נאָר נישט פאַרצווייפלען, דאָרנפעלד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: שטיי נאָך אַ ווײַלע לעבן מיר. רעד מיט מיר אויף דו, איך בעט. אַז דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַראַ וואונדער עס איז אָט־

דאָס אויפגיין פון דיין פּנים אַנטקעגן מיר. פיר וואָכן אָפּגעלעגן אין גאָלער פינצטערניש.

העלען: ס'איז מיר אַ פרייד צו הערן, אַז אייערע אויגן זענען בעסער.

דאָרנפעלד: יאָ, זיי ווערן בעסער, און אַלץ הייבט אָן אויפגיין אַנטקעגן מיר אַזוי ווי פון אַ נאַכט אַרויס. — העלען, הער, — כ'וואָלט וועלן מיט דיר רעדן וועגן אַ זער וויכטיקער זאַך. איך דאַרף דיר עפּעס אַנטפּלעקן.

העלען: אַנטפּלעקן?

דאָרנפעלד: יאָ. אַ סוד. איך וואָלט באַדאַרפט רעדן מיט דיר לאַנג, לאַנג. אָבער — אַז איר שטייט אויף דער שוועל —

העלען: איך האָב דאָך אייך געזאָגט פאַרוואָס.

דאָרנפעלד: און איך האָב דאָך אויך געזאָגט אַז ראָוז איז איצט אַנדערש.

העלען: יאָ. אמת. אָבער בעסער ווערט סיי־ווי־סיי דערפון נישט קיינעם. — נו, וואָס איז דער סוד?

דאָרנפעלד: נו, לאָמיר זאָגן, אַז — — און אפשר איך וועל פרעגן פּשוט: צי באַגרייפט איר מיין בלינדקייט? און צי באַגרייפט איר יענע רגע ווען איר האָט זיך באַוויזן, ווי איר זאָגט, אויף מיין שוועל, ווען איך בין געשטאַנען מיטן שטעקן אין האַנט?

העלען: איך בין אויפגעציטערט פון דעם וואָס איר האָט באַדאַרפט איבערלעבן אין אַזאַ צושטאַנד —

דאָרנפעלד: אָבער איך פרעג: איר זענט מיך אין קיין זאַך נישט חושד?

העלען: פאַרוואָס פרעגט איר די פראַגע?

דאָרנפעלד: מען גיט מיר איבער, אַז מענטשן רעדן רכילות וועגן —

העלען: (שלאָגט איבער) וועמען גייען אָן נאַרישע רכילות?

דאָרנפעלד: נו טאַקע, וועמען גייען אָן רכילות? — לאָמיר עס לאָזן דערוויילע. איך זאָג: דערווייל, וואָרום איך האָב יאָ עפּעס צו דערציילן אייך. קומט מיך זען איידער איר פאָרט אַוועק. איר וועט קומען? (זינקט אַרונטער).

העלען: וואָס איז מיט אייך? איר פילט נישט גוט?

דאָרנפעלד: גאָרנישט, העלען. גאָרנישט. (ענדערט געשפּרעך) באָב איז דאָך שוין אויך דאָ צוריק. איר ווייסט?

הע ל ע ן: יאָ, איך ווייס. (ראוז קומט אַריין אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק).

ר א ו ז: מען דאַרף דאָך שוין גיין אין האָל. מיר וועלן גיין צוזאַמען, העלען.

הע ל ע ן: (פאַרלאָרן) איך וויל זיך נאָך אויף אַ מינוט אַריינכאַפּן צו זיך.

ר א ו ז: העלען, טייערע, פאַרוואָס האַלט איר זיך פון וויטן? די גאַנצע צייט, זינד מאַקסים ליגט קראַנק, נישט אַריינגעקומען כמעט.

הע ל ע ן? ניט איצט צו רעדן וועגן דעם.

ר א ו ז: לאָמיר זיין שוועסטער, העלען.

הע ל ע ן: מיר זענען סיי ווי סיי.

ר א ו ז: עס ליגט מיר שווער אויפן האַרצן די ווייטקייט אייערע. אָט־דאָס ווייכן אייערס פון אונדזער שטוב. עס קומט אויס אַז —

הע ל ע ן: ניין, ניין. איך בעט אייך — רעדט ניט. — — וואו איז באָב? איך האָב אים נאָך ניט געזען.

ר א ו ז: ער איז אַרויס עפּעס קויפן. גאָט, וואָס דאָס יינגל האָט דאָס אָפּגעטאָן! וואָס אַ יינגל פאַלט איין — אַוועקלאָזן זיך וואַנדערן איבערן לאַנד און הונגערן.

הע ל ע ן: ער האָט געוואוסט וואָס דאָ טוט זיך ביי אייך?

ר א ו ז: ער האָט דערזען, זאָגט ער, אין די צייטונגען דעם טאַטנס בילד און קיין געלט אויף קומען צוריק האָט ער נישט געהאַט — האָט ער זיך געלאָזט שלעפּן אַהיים צו פוס. געשלעפּט זיך וואָכן לאַנג.

הע ל ע ן: נו, אַבי ער איז דאָ צוריק בשלום. — זייט געזונט. (העלען אָפּ. ראוז שטייט פאַרקלעמט אין זיך — גייט צו צו דאָרנפעלד׳ן, וועלכער ליגט מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אַרונטער).

ר א ו ז: וואָס ליגסטו אַזוי, מאַקסים? פּילסט זיך ווידער נישט גוט?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דער דאָקטאָר וועט זיין דאָ באַלד?

ר א ו ז: אַוודאי וועט ער דאָ זיין. (מיט אומרו) אפשר זאָל איך בלייבן אין שטוב?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ניין, דאָס וועט נישט טויגן. דו און באָב און באָריס, איר דאַרפט אַלע גיין אין האָל אַריין.

ר א ו ז: איך וועל בעטן העלען זי זאָל בלייבן מיט דיר.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אָך — וואָס רעדסטו? —

ר א ו ז: איך מיין עס ערנסט; איך וועל בעטן העלען. —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: לעוו וועט זיין מיט מיר דעם אָוונט. וואָס איז מיט באַריסן?

ר א ו ז: אויף באַריסן בין איך אויף אַן אמת אויפגעבראַכט. זיצט ביי זיך אַן אָנגעבלאָזענער. אים געפעלט נישט די גאַנצע פּיירונג, זאָגט ער. ער וועט נישט גיין, זאָגט ער, אין האָל. ער האָט געמעגט היינט נישט פירן קיין עקשנות.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט געבראָכענעם קול) נו, וואָס קען איך העלפן? מיר איז אַלץ איינס — אייערע פאַרדראָסן, אייערע שטרייטן, אייערע צע׳להכעיס׳ן.

ר א ו ז: דו מיינסט אויך מיך מסתמא.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך מיין אַלעמען. אַלעמען. און אויב ס׳איז דאָ אַ שולדיקער — בין איך עס. וואָרום וואָס איז דאָס אַלץ, ווען נישט קיין שולד? — מיין שולד. — ליטעראַטור, לידער, — אַ שפּיל וואָס גייט שוין אַן מיט מיר צענדליקער יאָרן. אַמאָל זעט עס אויס גראַנדיעז און וויכטיק. און אָט פון דעם גאַנצן שפּיל לאָזט זיך מיטאַמאָל אויס — אַן אָוונט. אַן אָוונט... מ׳וועט דעקלאַמירן און מען וועט האַלטן רעדעס. יידיש, וועט מען זאָגן, איז אַ גרויסע, וויכטיקע שפּראַך, אַ נייע, פרישע קולטור. און דאָרנפעלד, וועט מען זאָגן — אַהאַ, דאָרנפעלד! אַ קליי־ניקייט — דאָרנפעלד! (פּאוזע) און אַלע האָבן זיך איבערגעבעטן מיט מיר. מען גיט מיר אין אַלץ נאָך, אין אַלץ. וואָס בלינדע אויגן קע־נען אויפטאָן! וואונדער! — באַב איז צוריקגעקומען. העלען איז געקומען צופאָרן. אַלע, אַלע, אַלע זענען צוריקגעקומען. אָרגאַניזאַ־ציעס, אַרבעטער, שרייבער — אַלע וועלן קומען, אַלע וועלן באַגריסן און מסכים זיין, אַז איך בין דער זיגער. — הם, הם... זיגער! איבער וועמען זיגער? וועמען האָב איך אומגעוואָרפן, און איבער וועמען טרעט איך איבער? — צי נישט איבער זיך אַליין דען? איך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט.

ר א ו ז: דו בענקסט נאָך העלען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: האָסט עס מיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, — צו וואָס דאַרפסטו דאָס מיר זאָגן ווידער?

ר א ו ז: איך זאָג עס אָן פאַרוואורף, מאַקסים. און העלענס טרויער האָב איך דערשפּירט אַזוי ווי מיין אייגענעם. זי איז אַריינגעקומען אַזוי שטיל, אַזוי שווייגנדיק. זי איז אַזוי געעענדערט געוואָרן פאַרן יאָר. אַזוי פאַרעלטערט. זאָג, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך פאַרלאַנג קיין זאַך נישט, ראוז. איך וויל איין זאַך נאָר: רו. — וואו איז באָב? איך וויל מיט אים רעדן.

ר א ו ז: איצט? מיר דאַרפן דאָך שוין גיין אין האָל.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וויל טאַקע מיט אים רעדן איידער ער גייט אין האָל. רוף מיר אויך אַריין באָריסן.

ר א ו ז: (רופט) באָריס!

(באָריס קומט אַריין אַנגעכמורעט).

ב אָ ר י ס: וואָס איז?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווילסט נישט גיין צו מיין אָוונט, הער איך.

ב אָ ר י ס: כ'וועל נישט גיין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרוואָס?

ב אָ ר י ס: איך בעט דיך, מאַקסים, זאָל עס דיך נישט אַרן. ביסט אַ חולה און דאַרפסט זיך נישט אויפרעגן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דאָס איז נישט קיין ענטפער פאַר מיר.

ב אָ ר י ס: ס'וועט פון דעם יום־טוב גאָרנישט געמינדערט ווערן, אַז איך וועל נישט זיין אין האָל.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (שטעלט זיך אויף) איר האָט זיך אַלע אַזוי ווי צו־נויפגערעדט מיך אָן אויפהער צו שלאָגן איבערן קאָפּ.

ר א ו ז: אַזאַ אויפרעגונג איז סם פאַר אים, באָריס.

ב אָ ר י ס: (נעמט אים איין) באַרואיק זיך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וויל זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת.

ב אָ ר י ס: יאָ, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. מיר געפעלט נישט דער אָוונט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פאַרוואָס?

ב אָ ר י ס: עס באַשטעטיקט זיך דאָס, וואָס איך האָב דיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט: אַ קולטור פון פאַרצווייפלונג. און היינט זע איך נאָך עפּעס — אַ קולטור פון צופאַל.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דו רעדסט פון קולטור און ביסט אַליין אַ קולטור־לאָזער גיפטיקער מענטש.

ב אָ ר י ס: אפשר, אפשר. דאָס, וואָס איך האָב צוגעזען דאָ, האָט מיך פאַר'סמ'ט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און אָט שפּאַרסטו דעם סם אויך מיר אין האַרצן.

ב אָ ר י ס: איך דאַרף אים נישט שפּאַרן. דער סם איז שוין לאַנג אין האַרצן ביי דיר.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (אויפגעקאָכט) וואָס מיינסטו מיט דעם אַלעם?
ר א ו ז: (מיט געבעט) באָריס!
ב אָ ר י ס: (נעמט איין דאָרנפעלדן) איך בעט דיך, מאַקסים. איך מיין גאָרנישט. זיי מיר מוחל. איך בין שולדיק וואָס איך קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן. נו, זיי מיר מוחל. כ'האָב דיך ליב, מאַקסים... וואָס וויינסטו, ראוז? וויין נישט. עס איז דאָך טאַקע אמת אַז איך בין אַן אַלטער בחור, מיט אַלטע ישובה־בחור'שע חלומות. אין מיר האָט זיך איינגעגעסן דער געדאַנק וועגן חורבן פון אונדזער לעבן. איך האָב מורא פאַר חורבן. איך זע, דוכט זיך, ווי דאָס יידישע לעבן בויט זיך דאָ, און אין דער זעלבער צייט, זע איך, ווי עס ווערט חרב. מאָדנע, דאָס חרב ווערן זע איך מער ווי דאָס אויפבויען זיך. און דער חורבן דריקט מיך. — אַמעריקע, זעט אויס, פאַרשטיי איך אינגאַנצן נישט. בין איך קיינעם דערפאַר נישט צום הארצן. די אַלטע חלומות רינען אויס אַזוי ווי די נייע רינען אויס. — און איר האָט מיך קיינער נישט ליב. איך ווייס דאָס.
ר א ו ז: צו וואָס אָט־די רייד איצט?
ב אָ ר י ס: איצט, נישט איצט. ס'איז שוין נישט קיין חילוק. ס'איז שוין פאַרפאַלן. און איך אַליין בין אַ פאַרפאַלענער. און אין דער אמת'ן, — איך האָב אפשר גאָר קיין רעכט נישט צו רעדן אַזוי. איך גיי אַרום און שיט זאַלץ אויף וואונדן. איך רעד: אחד העם, יהודה הלוי, אבן עזרא — און איך זע נישט, ווי פאַר מיינע אויגן פייניקט זיך אַ מענטש, אַ מאַקסים דאָרנפעלד, אין אַן אייגענער אינקוויזיציע. ער בלאָזט פאַנאַנדער אַליין אַ פייער און וואַרפט זיך אַליין אין דעם פייער. און נישט נאָר וואָס ער קומט אום, נאָר איך זע נאָך, אַז אים חלש'ט זיך אומקומען.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: נעם אים צו פון דאַנען, וואָרום איך וועל אים מיט עפּעס געבן איבערן קאָפּ.
ר א ו ז: (צו באָריס) גיי טו זיך איבער. וועסט גיין מיט מיר צום אָוונט. (אין דער צייט קומט אַריין באָב מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנט).
ר א ו ז: גוט אַזוי, באָב. (קושט אים און גייט אַרויס, מיטשלעפּנדיק באָריסן).
ב אָ ב: (נענטערט זיך צו דאָרנפעלדן, וועלכער איז צוריקגעפאַלן צו זיין בעט, גיט אים אַריין אין האַנט די בלומען. באָבס באַוועגונגען זענען נישט דרייסטע) איך האָב דיר געבראַכט בלומען, פּאַ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַ דאַנק, באַב. (פויזע) נו, וואָס שווייגסטו, באַב?
ב אַ ב: איך האָב געוואָלט שוין טאַקע רעדן מיט דיר, פאָ.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, פאַרוואָס רעדסטו נישט?
ב אַ ב: עפּעס רעדט זיך נישט, פאָ.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: נעם אַ שטול און זעץ זיך לעבן מיר דאָ. (באַב רוקט צו אַ שטול. ער שטייט נאָך אַלץ אין פאַרלעגנהייט, דאָרנפעלד זעצט אים אַנידער).
ב אַ ב: וואָס מאַכן דיינע אויגן, פאָ?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: זיי ווערן בעסער.
ב אַ ב: און מיטן האַרץ ליידסטו נאָך שטאַרק?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: יאָ, איך לייד.
ב אַ ב: ביסט דאָך נישט אין כעס אויף מיר?
ד אָ ר נ פ ע ל ד: ניין, באַב.
ב אַ ב: איך האָב טאַקע געטראַכט, אַז דו ביסט געווען אין כעס אויף מיר נאָר דעמאָלט. אָבער דערנאָך ביסטו שוין נישט געווען אין כעס. דו ביסט דאָך נישט ווי אַלע.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס מיינסטו — נישט ווי אַלע?
ב אַ ב: ביסט אַ פּאָעט און אַ סאָציאַליסט — האָב איך געטראַכט, אַז דו פאַרשטייסט מיך.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, און מיך פאַרשטייסטו?
ב אַ ב: יאָ, איך פאַרשטיי דיך, פאָ.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס פאַרשטייסטו?
ב אַ ב: אַלץ.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: וואָס אַלץ?
ב אַ ב: אַז דיר איז זער נישט גוט. (פּאוזע).
ד אָ ר נ פע ל ד: וואָס־זשע שווייגסטו ווידער? האָסט מורא טאָמער וועסטו מיר ווײי טאָן?
ב אַ ב: איך האָב מורא.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: הייסט דאָס, אַלץ וואָס דו ווילסט מיר זאָגן דאַרף מיר ווײי טאָן. — וואו ביסטו געווען אין משך פון די אַלע וואָכן?
ב אַ ב: געוואַנדערט איבערן לאַנד.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: געהונגערט?
ב אַ ב: כ׳האָב געאַרבעט אויף פאַרמס און געגעסן דאָרט.
ד אָ ר נ פ ע ל ד: איז וואָס־זשע האָסטו אויסגעפונען איבערן לאַנד וואַנדערנדיק?

ב אַ ב: איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס לאַנד ליגט נישט אין די הענט פון זיינע אמת'ע באַלעבאַטים.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווער זענען די אמת'ע באַלעבאַטים?

ב אַ ב: די וואָס אַרבעטן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט צופרידנקייט) דאָס געפעלט מיר, באַב. צוליב דעם האָט זיך געלוינט דאָס וואַנדערן דיינס. און וואָס נאָך האָסטו אויסגעפונען?

ב אַ ב: אַז איך געהער צו אַמעריקע אינגאַנצן. (ער שטרייכט אונטער דאָס וואָרט „אינגאַנצן").

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און איך געהער דען נישט אינגאַנצן?

ב אַ ב: אַנטשולדיק מיר, פּאַ, איך מיין נישט דיר ווי טאַן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך ווייס, באַב. (נעמט זיינע הענט און גלעט זיי).

ב אַ ב: איך האָב דיר ווי געטאָן. און זע דאָך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דו ווייסט באַב? — אָט האַלט איך דיינע הענט און גלעט זיי. — — — ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן, איז צווישן מיר און מיין טאַטן אויך פּאָרגעקומען אַזאַ צוזאַמענשטויס ווי צווישן דיר און מיר. דאָס הייסט, אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי דורות. אָבער מיין טאַטע האָט מיר מיין האַנט נישט געגלעט, ווי איך גלעט דיין האַנט. — פאַרשטייסט, באַב?

ב אַ ב: יאָ, איך פאַרשטיי.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דו ווילסט זיין אַ סאָציאַליסט, באַב?

ב אַ ב? איך בין, פּאַ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וועל זיין גליקלעך, אויב דו וועסט זיין אַן אַק־טיווער קעמפער פאַר אַ נייער אָרדנונג אויף דער וועלט. און אַז דו וועסט אפילו גיין אויף ליידן. אפילו אין געפענגעניש זיצן. — פאַר־שטייסט מיך, באַב?

ב אַ ב: יאָ, פּאַ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אָבער ווען איז דאָס אַלץ גערעדט, ווען דו וועסט נישט איבעררייסן מיין פאָדים. פאַרשטייסט, באַב. עס איז נישט נאָר יידיש ווי אַ שפּראַך, צוליב וואָס אונדזער סכסוך קומט פאָר. יידיש איז פאַר אונדז איצט מער ווי שפּראַך, באַב. עס איז אונדזער נייע גע־שיכטע אין דער וועלט. עס איז אונדזער צונג. — מאָדנע, ווי איך נעם רעדן וועגן דעם ווערן מיר מיטאָמאָל פאַרפראָרן אַלע ווערטער.

ב אַ ב: רעד נאָך, — איך וויל הערן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַך! פאַרוואָס פאַרשטייסטו מיך נישט אָן ווערטער? (פויזע) פאַרשטייסט, באַב, — אַז דער פאָדים איז גאַנץ און ציט זיך ווייטער, האָט אַ זינען דאַמאָלסט דער סכסוך דער פון דורות, האָט אַ זינען דאַמאָלסט אונדזער שותפות אין דעם קאַמף וואָס עס פירן די אונטער־דריקטע פון אַלע פעלקער פאַר אַ נייער וועלט. מיר טראָגן צו דאַ־מאָלסט אַ זער וויכטיקן חלק. מיר ברענגען אַ פייערדיקע ליידנשאַפט נאָך גאולה, אַ היסטאָרישע ליידנשאַפט, אַ געלייטערטע אין פיין און יסורים. אַ ליכטיקע ליידנשאַפט. שניידן מיר אָבער אויס אונדזער צונג, מיינט עס נישט אַז מיר בייטן זי איבער אויף אַ צווייטער צונג, נאָר עס מיינט אַז מיר בלייבן אָן אַ צונג אינגאַנצן. דו פאַרשטייסט מיינע רייד, באַב?

ב אַ ב: איך פאַרשטיי אַלץ, פאַ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: עס ווערט דאַמאָלסט פוסט און פינצטער און קאַלט. אונדזער פנים ווערט אַ שטום, צעקרימט פנים. די וועלט לעבט און מיר — שטאַרבן. נעם מיך אַליין, באַב. — אַמעריקע צי נישט אַמע־ריקע — וואָס איז דער אונטערשייד? — ביסט דאָך געוועזן אויף אַ פאַרם, זאָגסטו. טו שטעל זיך פאָר אַזאַ בילד: שטייט אַ מענטש אויף אַ פעלד און אַקערט. ער פאַרקוקט זיך אָן אַ זייט אויף איין רגע, קומט צו לויפן ווער און שרויפט אָפ דעם שטאָלענעם צונג פון זיין אַקער, און דער מענטש בלייבט איבער מיט די הילצערנע הענטלעך נאָר, און פון זיין פנים רינט שוויס און דאָס פעלד ווערט אַ מדבר. — — און איצט נאָך עפעס, באַב, — שטעל זיך פאָר אַז איך רעד צו דיר ווי עס וואָלט געווען דער לעצטער טאָג פון מיין לעבן.

ב אַ ב: (דערשראָקן) ניין, רעד נישט אַזוי!

ד אָ ר נ פ ע ל ד: שרעק זיך נישט, באַב. איך האָב דאָך געזאָגט: שטעל זיך נאָר פאָר. און אַחוץ דעם, קען טאָקע זיין אַז איך בין שוין אונטערגעבראָכן אַזוי ווי אונטער אַ שווערער לאַסט. מיין דור האָט געלעבט דאָ אין אַמעריקע ווי אין אַן אייביקער מהומה און אונטערגע־ריסן אַלע כחות. פופצן שעה אַ טאָג אַרבעטן אין שאַפ האָט צוגעהאָלפן דערצו. אָבער שרעק זיך נישט, באַב, — איך בין רואיק.

ב אַ ב: ביסט נישט רואיק. איך זע דאָך. וועסט זיך אפשר לייגן? דיר איז שווער צו זיצן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וויל נאָך רעדן מיט דיר — איך האָב פריער דערמאָנט מיינע אייגענע יוגנט־יאָרן. עפעס גייט עס מיר נישט אַרויס

היינט פון געדאַנק. פאַרשטייסט, באַב, דור מיט דור קעמפט — אָבער איך קעמף דאָך נישט מיט דיר, פאַרשטייסט? מיין טאַטע, דער פּרו־מער, דער אָרטאָדאָקס, האָט מלחמה געהאַלטן מיט מיר. אָבער איך, נישט נאָר וואָס איך האַלט נישט מלחמה מיט דיר, נאָר איך גיי דאָך דיר אַנטקעגן. איך שטרעק דאָך מיינע הענט צו דיר. איך טרייסל דאָך אָפּ דעם שטויב פאַר דיר, און דו — אַנטלויפסט, אַנטלויפסט. —

ב אַ ב: ניין, פּאַ. איך אַנטלויף נישט. איך בין אַוועק, און בין צוריק־געקומען.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך בין אויך אַנטלאָפן פון מיין טאַטן. ער האָט גע־וואָלט איך זאָל זיין אַ רב, און מיך האָט געצויגן צו דער גרויסער וועלט, צו דער ליטעראַטור, צו פרייהייט, צו סאָציאַליזם. אין אַ פּאָר חדשים אַרום, אַז איך בין געקומען צוריק אַהיים, געוואָר וווערן וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן, האָט מיך דער טאַטע, ווי נאָר איך בין אַריין אין שטוב, באַגעגנט — ווייסטו מיט וואָס, באַב? מיט צוויי פייערדיקע פּעטש אין באַק אַריין.

ב אַ ב: פאַרוואָס?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: קענסט דאָס נישט פאַרשטיין? אָבער אַזוי איז דאָס געווען. מיר האָט דער טאַטע געגעבן פּעטש, און איך גלעט דיר די הענט דיינע. — און נאָך עפּעס, באַב: איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז ווען איך בין אַוועק פון מיין טאַטן האָט ער אָן טענות און אָן רייד אויסגעטאָן די שיך פון די פיס און אָוועקגעזעצט זיך שבעה. אָפּגעזעסן וויפיל ער האָט באַדאַרפט, אויפגעשטאַנען דערנאָך, אַרויסגענומען אַ גמרא און אַוועקגעזעצט זיך לערנען. ער האָט זיך אפילו קיין איין וואָקל נישט געטאָן. זיינע אויגן זענען אים נישט טונקל געוואָרן, ווייל ער איז געווען ביי זיך אַ תקיף. און איך — איך בין נישט קיין תקיף, באַב. מאָדנע, האַ? מען שרייבט וועגן מיר אין צייטונגען, מען דרוקט מיינע בילדער, עס טומלט אַ וועלט מיט מיר, און דאָך בין איך נישט קיין תקיף.

ב אַ ב: פאַרוואָס?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: ווען דו און אַלע האָבן אַ טרייסל געטאָן די ערד אונ־טער מיר האָב איך נישט אויסגעהאַלטן. איך האָב זיך אַ וואָקל געטאָן. אין די אויגן האָט מיר גענומען שווינדלען, און איך האָב זיך פאַר־שווינדלט אין אַ פאַרצווייפלטער שפּיל מיט זיך און מיט מיין אייגענער נשמה.

באַב: איך פאַרשטיי דיך איצט נישט, פּאָ. דיינע רייד שרעקן מיך.
דאָרנפעלד: (שפּרינגט אויף) וואָלט דען אַ תקיף זיך צוגעריירט צו אַזאַ געלט, וואָס קומט פון אַן איזראַעל זיך? זאָג מיר, ער וואָלט זיך צוגעריירט?
באַב: וועגן וואָס פאַר אַ געלט רעדסטו, פּאָ?
דאָרנפעלד: איך וועל דיר אויסזאָגן אַן אמת, באַב. איך מוז אַנטפּלעקן פאַר דיר אַן אמת. (האַקט זיך אָפּ און שווייגט).
באַב: וואָס פאַר אַן אמת?
דאָרנפעלד: (ווי צו זיך אַליין) ניין, נישט איצט. דו וועסט עס נישט פאַרשטיין. ביסט נאָך צו יונג דערפאַר. — מיינע אויגן, זאָלסטו וויסן זיין, זענען געווען בלינד אויף אַן אמת — יאָ, אויף אַן אמת. איך האָב געלעבט אין גאָלער פינצטערניש.
באַב: (דערשראָקן) פילסט נישט גוט?
דאָרנפעלד: ניין, באַב. שרעק זיך נישט. איך בין נאָר מיד אַביסל. (ער דריקט אים צו זיך) אַ דאַנק דיר נאָך אַמאָל פאַר די בלומען. גיי צו דער מאַמען. שוין צייט איך צום אָוונט גיין. (ער ציט זיך אויס אויפן דיוואַן, באַב שטייט לעבן אים, בויגט זיך איבער אים מיט ערפורכט).
באַב: איך האָב דיך ליב, פּאָ. ביסט אַזאַ מאָדנער און אַזאַ טרויעריקער. איך זע, אַז דו ליידסט אַ סך. און דו מיינסט אַז איך פאַרשטיי נישט. איך וועל גיין אין האָל אַריין, און איך וועל זען ווי מען פייערט דיין נאָמען און איך וועל הערן ווי מען זינגט דיינע לידער. איך האָב דיך ליב און... און... איך ווייס אַליין נישט, פּאָ. (ער קושט אים, גייט אַרויס שטיל פון צימער. דאָרנפעלד ליגט אומבאַוועגלעך. עס קומט אַריין דער דאָקטאָר).
דאָקטאָר: נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית, דאָרנפעלד? ליגן גאָר? הייבט זיך אויף. (דאָרנפעלד מאַכט אַן אָנשטרענגונג צו אויפשטעלן זיך און פאַלט צוריק אַנידער. דאָקטאָר הערט אויס זיין פולס. קוקט אים אַריין אין פּנים). אויב איר ווילט, וועל איך זיין מיט אייך דאָ דעם אָוונט.
דאָרנפעלד: ניין, מע דאַרף נישט, איך פיל זיך צוריק שטאַרק, און אַחוץ דעם — לעוו וועט זיין מיט מיר.
דאָקטאָר: טוט אויס דעם חולה פון זיך. זייט יום־טוב׳דיק.
דאָרנפעלד: (אויפגעמונטערט) אמת טאַקע, פאַרוואָס זאָל איך זיך

נישט איבערטאָן? דאָס איז גאָר אַ גוטער איינפאַל. (רופט) ראוז!

ד אָ ק ט אָ ר: (רופט אין טיר) מרס. דאָרנפעלד!

(ראוז קומט אַריין).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך וויל זיך איבערטאָן.

ר א ו ז: (קוקט אויפן דאָקטאָר).

ד אָ ק ט אָ ר: אַדרבא, דאָס וועט אים מאַכן מונטערער.

ר א ו ז: אויסגעצייכנט, מאַקסים, קום. דיין אנצוג הענגט אָן אויסגע־פּרעסטער. (זי פירט אים אַרויס, קומט אַריין גלייך צוריק) ווי געפינט איר אים, דאָקטאָר? זיין צושטאַנד איז מיר נישט געפעלן.

ד אָ ק ט אָ ר: די אויגן זענען אַ סך בעסער.

ר א ו ז: און דאָס האַרץ?

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס האַרץ איז נישט בעסער.

ר א ו ז: וואָס זשע טוט מען? אפשר זאָל איך בלייבן דאָ, נישט גיין?

ד אָ ק ט אָ ר: ניין, דאָס וועט נאָך ווירקן אויף אים ערגער. ס׳וועט פאַרשאַרפן אין אים דעם איינדרוק אַז ער איז אַ שטאַרקער חולה. און אַלענפאַלס, קיין געפאַר איז נישטאָ. (עס קומט אַריין לעוו) אָט איז שוין דאָ פריינט לעוו. לעוו וועט מיט אים פאַרברענגען דעם אָוונט. דאָס איז גענוג. (אָפּ).

ל ע ו ו: וואו איז דאָרנפעלד?

ר א ו ז: אים האָט זיך פאַרוואָלט איבערטאָן זיך.

ל ע ו ו: דאָס געפעלט מיר.

ר א ו ז: אָבער זיין האַרץ, זאָגט דער דאָקטאָר, איז נישט בעסער.

ל ע ו ו. איר מעגט רואיק גיין צום אָוונט. איך וועל זיין דאָ מיט אים.

ר א ו ז: איר זענט אַזאַ וואוילער, לעוו.

ל ע ו ו: נו, נו. — וואָס איז דאָ צו רעדן?

ר א ו ז: דאָרנפעלד איז שטאַרק צופרידן פון אייער היינטיקן אַרטיקל וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט לכבוד אים. —

ל ע ו ו: טוט עס מיר אוודאי הנאָה וואָס ער איז צופרידן. איך האָב געטאָן נאָך עפּעס, וואָס וועט אים, האָף איך, פאַרשאַפן אַ סך פרייד. —

ר א ו ז: וואָס אַ שטייגער?

ל ע ו ו: איך האָב גענומען דאָס ליד זיינס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַר־לייענען פאַר מיר דאַמאָלסט, ווען ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, און איינגעשטודירט עס מיט אַן אַרבעטער־כאָר. דאָרנפעלד ווייס נישט דערפון. ער מיינט, אַז דאָס ליד איז בכלל פאַרלאָרן געגאַנגען אין

טומל. ער האָט עטלעכע מאָל לעצטנס איבערגערעדט עס פאַר מיר מיט גרויס זאָרג. איך האָב אָבער דאָס ליד אָפּגעהיט און איינגעשטודירט עס מיט אַ כאָר. דער כאָר וועט עס דעקלאַמירן היינט אויפן אָוונט אין זאַל און נאָכדעם וועט דער כאָר קומען אַהער אין שטוב און לייענען עס פאַר דאָרנפעלדן. דאָס וועט זיין פאַר אים אַ גרויסע און אומגע־ריכטע פרייד. דאָס ליד הייסט „אייביק". און יעדע סטראָף ענדיקט זיך מיט די ווערטער: איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק וויי־טער. — איר פאַרשטייט — ווייטער! — ווייטער! ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פּאָעט ווי דאָרנפעלד. — דערציילט אים נישט וועגן דעם. דאָס דאַרף זיין אַ סורפּריז.

(מ'קלינגט. אַ טומל ביים טיר. ראוז גייט אַרויס און קומט אַריין צוריק מיט אַ גרופּע אַרבעטער — אַ דעלעגאַציע פון האָל).

ד ע ל ע ג אַ צ י ע: מיר ווילן זען דאָרנפעלדן. מיר ווילן אים באַ־גריסן. מיר זענען אַרבעטער — זיינע חברים פון שאַפּ.

ר א ו ז: פון וואַנען קומט איר איצט?

ד ע ל ע ג אַ צ י ע: מיר קומען פון האָל. דער האָל שטורעמט און וויל דאָרנפעלדן.

ל ע ו ו: אָבער דאָרנפעלד קען נישט גיין אין האָל.

ד ע ל ע ג אַ צ י ע: ווילן מיר אים באַגריסן פון אונדז אַליין. מיר ווילן אים זען.

ר א ו ז: (גייט אַרויס און קומט אַריין מיט דאָרנפעלד. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אנצוג. ראוז האַלט אים אונטערן אָרעם. די דעלעגאַציע רינגלט אים אַרום. באַגריסט אים. דאָרנפעלד אַ צעטומלטער).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך דאַנק אייך, מיינע פריינט, איך דאַנק אייך.

ד ע ל ע ג אַ צ י ע: אַ פרייד צו זען אייך נישט אין בעט. קומט מיט אונדז, דאָרנפעלד. דער גאַנצער עולם רופט אייער נאָמען. דער עולם וואַרט אויף אייך. קומט מיט אונדז.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (קוקט אויף לעוו) אפשר טאַקע גיין?

ל ע ו ו: (צו דער דעלעגאַציע) ניין, פריינט, דאָרנפעלד זאָל בעסער בלייבן אין שטוב. גייט צוריק אין האָל און זאָל מען אָנהייבן דעם אָוונט. (דעלעגאַטן דריקן דאָרנפעלדס האַנט און גייען אָפּ. לעוו און ראוז זעצן אַוועק דאָרנפעלדן אויף אַ שטול, שטייען לעבן אים מיט גרויס זאָרג).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: זיי האָבן מיך אויפגערודערט. ס'וואָלט זיך מיר וועלן גיין אַהין.

ר א ו ז: אָבער אַז דער דאָקטאָר הייסט נישט, מאַקסים.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: יאָ, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. (צו ראוז) זיי נישט צוטראָגן ראוז. ס׳וועט מיר גאָרנישט זיין. נעם באָב׳ן און באָריס׳ן און גייט.

ל ע ו ו: גייט טאַקע שנעלער. דער אָוונט וועט זיך געוויס באַלד אָנ־הייבן.

ר א ו ז: נו, זיי געזונט, מאַקסים. גוד ביי. (נעמט אים אַרום. אָפּ).

ל ע ו ו: איר זעט דאָך אויס אויסגעצייכנט, באמת.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַז מען טוט אויס פון זיך דעם שפּיטאָל־בגד ווערט טאַקע בעסער. אַ דאַנק אייך פאַר אייער אַרטיקל, לעוו.

ל ע ו ו: ער געפעלט אייך?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: מער ווי געפעלן. איר שרייבט וועגן מיר ווי אַן אמת׳ער נאָנטער. ווי אַן אמת׳ער. —

ל ע ו ו: פונדעסטוועגן, שפּאַנט נישט אַרום צו פיל. לייגט זיך, אָדער זיצט. איר מוזט מיך פאָלגן. איך בין אייער שומר איצט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, גוט. איך פאָלג אייך. (ער זעצט זיך, שטעלט זיך אויף און זעצט זיך ווידער) פונדעסטוועגן איז דאָס אַזוי מאָדנע לעוו, אַזוי מאָדנע.

ל ע ו ו: וואָס איז מאָדנע?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך זיץ דאָ און קאָנטראָליר קוים מיין מידקייט, כדי נישט אַנידערצופאַלן, און דאָרט אין האָל שטורעמט אַן עולם. מען שיקט דעלעגאַציעס צו מיר! איר האָט דאָך געזען נאָר וואָס די אַר־בעטער פון מיין שאָפּ, וואָס זענען געקומען מיך רופן. — מיט אַזאַ אייפער האָבן זיי מיך געשלעפּט, און עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אין כעס וואָס איך בין קראַנק און קען נישט מיטגיין מיט זיי. — אַזוי ווי איך וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק קעגן זיי. אָט פיל איך פון דאַנען אַזוי ווי אַ גרויסע, שווערע וואַנט וואָלט זיך גערוקט אויף מיר. אָט נעמט די וואַנט און גיט זיך אַ לייג אַוועק אויף מיר. — צי זע איך דען נישט אויס ווי אַ באַלאַגערטער שונא? דער באַלאַגערער איז שוין נאָענט, נאָענט. — אָט ברעכט ער אויף די טיר און פאַנגט מיך, און פירט מיך אַוועק אַ געפאַנגענעם. און אפשר ערגער נאָך — ער שטעכט אַריין אַ שווערד אין מיין האַרץ.

ל ע ו ו: איך בין אומרואיק פון אייערע רייד.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך רעד צו אייך ווי צו אַן אייגענעם. איר פאַר־

שטייט? איך רעד צו אייך פון טיפן אמת אַרויס. — דאַכט זיך, ס'איז אַזוי פשוט און אַזוי נאַטירלעך: איך האָב אַליין, דאַכט זיך, געוואָלט אָט־דעם טומל מיט דעם יובילייַ־אָוונט. יאָ, אַליין געוואָלט. נו, און אָט קומט דאָס פּאָר. און וואו בין איך? איך בין דאָרט נישטאָ. און נישט דערפאַר ווייל איך בין אַ חולה בין איך דאָרט נישטאָ, נאָר איך בין טאַקע אינגאַנצן נישטאָ דאָרט.

ל ע ו ו: עס טוט מיר ווי צו הערן, אַז איר זענט נישט צופרידן מיט דעם אָוונט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נישט וועגן דעם רעד איך, לעוו. מיר דוכט זיך אויס, אַז ערשט איצט שטיי איך ביי אַ ברעג פון אַ ים, און קוק אויס די אויגן אויף אַ שיף. איך דאַרף ערגעץ אַוועקגיין, אַוועקפאָרן. און די שיף קומט נישט. פון קינדווייז אָן גייט מיר נאָך אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף ערגעץ אַוועקגיין. און איצט פיל איך עס נאָך מער. איר פאַר־שטייט — צוברעכן אַלע צאַמען און אַוועקגיין. אָבער, איר זעט — איך גיי נישט אַוועק. די שיף, וואָס וואָלט באַדאַרפט קומען נאָך מיר, באַווייזט זיך נישט. ס'איז נאַכט. — איך רוף. און די שיף קומט נישט. קומט נישט. — איך בין דאָך נישט קיין האַמלעט און איך האָב גאָר־נישט אַזוי ליב צו רעזאָנירן, אָבער איך זאָג אייך, לעוו, אַזאַ עלנד פון זיך אַליין, ווי איך פיל איצט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפילט. (זיינע אַקסלען צוקן, אַזוי ווי אין קאָנוואולסיעס. פּויזע. ער הייבט זיך האָס־טיק אויף, קוקט לעוון אין די אויגן) לעוו, פאַרוואָס האָב איך־נישט געקענט געניטן שטאַרק זיין און צוריקגעבן דעם הער זיף זיין געלט, וואָס ער האָט מיר געשיקט?

ל ע ו ו: כ'לעבן, איר וואָלט נישט באַדאַרפט מאַכן קיין וועזן דערפון.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: משפט מיך, לעוו.

ל ע ו ו: וואָס פעלט אייך אייַן? ווער קען וואָגן אייך משפט'ן? און פאַרוואָס משפט'ן? פאַרגעסט אָן דעם אַלעם.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איר פאַרשטייט? מיין חשבון מיט דער יידישער פּאָעזיע, מיטן אַרבעטער־קלאַס, מיט וועלט און מיט זיך אַליין קומט צו אַ סך־הכל. און וואָס איז דער סך־הכל? איך וויל דאָך נישט פאַר־לייקענען, אַז איך שפּיר ווי דער טויט רוקט זיך אויף מיר. זאָל טויט זיין דער סך הכל?

ל ע ו ו: פאַרוואָס עפּעס טויט מיט אַמאָל?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איר האָט מורא פאַרן טויט?

ל ע ו ו: איך האָב נישט מורא, אָבער — צעוואָס איצט רעדן וועגן דעם? אַ יום־טוב׳דיקער אָוונט —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: טויט איז, אפשר, דער שעפּערישסטער געדאַנק וואָס איז דאָ אין אונדז, לעוו. דער פייערלעכסטער, דער אינטימסטער. אַזוי ווי ליבע. (פּלוצלונג) זאָגט מיר, לעוו — העלען געפעלט אייך?

ל ע ו ו: יאָ. כאָטש איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו דערקענען זי מערער. און איבערהויפּט געפעלט זי מיר דערפאַר ווייל איר האָט זי ליב.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פון וואַנען ווייסט איר?

ל ע ו ו: אַנטשולדיקט מיר וואָס איך האָב עס געזאָגט. אפשר האָב איך עס נישט באַדאַרפט זאָגן —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: עס מאַכט נישט אַז איר האָט עס געזאָגט. איר ווייסט, זי פאָרט אַוועק היינט.

ל ע ו ו: היינט? זי וועט נישט זיין אפילו אויפן אָוונט?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אויפן אָוונט וועט זי זיין.

ל ע ו ו: זי האָט זיך שוין צעזעגנט מיט אייך?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: כמעט.

ל ע ו ו: איר ליידט דערפון, זע איך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, וואָס? — דער אמת פון ליב האָבן עמיצן באַשטייט אין נישט האָבן דעם עמיצן. אָן אַלטער אמת, לעוו. און — אין צייט פון סך־הכל דאַרף מען אָנגעמען אַלץ פאַר ליב.

ל ע ו ו: ווידער סך־הכל?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און איר זענט פאַרליבט אין עמיצן?

ל ע ו ו: (פאַרשעמט, שווייגט).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: זאָגט. שעמט זיך נישט. איר ווייסט: איך האָב געוואָלט איין זאַך נאָך מקים זיין: אָנשרייבן אַ בוך ליבע־לידער. אַזוי ווי היינע.

ל ע ו ו: איר וועט עס נאָך געוויס אָנשרייבן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: היינע האָט מיט ליבע־לידער אָנגעהייבן און מיר וואָלט זיך געוואָלט מיט ליבע־לידער ענדיקן. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, איך שפּיר ווי דער סוף רוקט זיך אויף מיר.

ל ע ו ו: און איך זאָג אייך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סוף. נישטאָ קיין טויט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נישטאָ? איר מיינט דאָס?

ל ע ו ו: איך בין נאָך טאַקע יונג, אָבער געטראַכט וועגן דעם האָב איך

שוין אַ סך. און נישט נאָר געטראַכט וועגן טויט, נאָר אפילו געזען דעם טויט.

דאָרנפעלד: און פונדעסטוועגן זאָגט איר, אַז ער איז נישטאָ.

לעוו: דערפאַר טאַקע, ווייל איך האָב אים געזען.

דאָרנפעלד: וואו האָט איר געזען דעם טויט?

לעוו: איך האָב געזען פאָגראָמען, איך בין געווען אויף באַריקאַדן, איך האָב געזען תליות. און נישט נאָר געזען — אויף אַ תליה האָב איך אַליין געוואַרט.

דאָרנפעלד: וואו?

לעוו: אין סיביר.

דאָרנפעלד: איר זענט געווען פאַרשיקט אין סיביר?

לעוו: יאָ. איך האָב אָנטייל גענומען אין אַ מיליטערישן אויפשטאַנד קעגן צאַר.

דאָרנפעלד: איז דאָך עס וואונדערבאַר! דערציילט. ס'איז אייך שווער צו דערציילן וועגן דעם?

לעוו: נישט שווער, נאָר — נישטאָ קיין ווערטער דערצו.

דאָרנפעלד: אָבער קיין שרעק איז נישט געווען אין אייך?

לעוו: ניין, ניין. ס'איז נאָר געווען פינצטער. און ס'איז געווען אין בענקשאַפט נאָר — בענקשאַפט נאָך ליכט.

דאָרנפעלד: איך פאַרשטיי אייך נישט.

לעוו: מען האָט מיך געהאַלטן אין אַ פינצטערן קאַרצער, איר פאַרשטייט? אַ שטיינערנער קעלער אינגאַנצן אָן פענצטער. איך האָב נישט געזען נישט זיך, נישט די ווענט. גאָלע פינצטערניש.

דאָרנפעלד: (אויפגערודישט) הייסט עס, בלינד געווען! — דערציילט ווייטער, דערציילט.

לעוו: איך בין געלעגן אויפן שטיינערנעם דיל, אַ צענויפגעדרייטער. דער דיל איז געווען קאַלט און פייכט. איך בין געווען ווי שכור פון דער פינצטערניש. מיינע ציין האָבן געקלאַפּט ווי אין קדחת. איך בין צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צו דער אייזערנער טיר, געזוכט מיט די אויגן אַ שפּעלטל, אפשר וועט פון ערגעץ ווייזן זיך אַ שטראַל פון ליכטיקייט. איך בין אַרומגעקראָכן אַזוי, איך געדענק אַליין נישט ווי לאַנג, ביז מיין אויג האָט זיך אָנגעשלאָגן — —

דאָרנפעלד: (שפּרינגט אויף) געפונען אַ שפּעלטל?

לעוו: יאָ, געפונען. קוים, קוים צו באַמערקן. אַ קליין, קליין

שטראַלכעלע האָט זיך דורכגעשפּאַרט פון יענער זייט אין אַ ווינקל פון דער טיר. איך בין שוין פון דעם שטראַלכל נישט אָפּגעטראָטן.

דאַרנפעלד: און די ציין האָבן אַלץ געקלאַפּט?

לעוו: יאָ. אָן אויפהער. אָבער איך בין געווען גליקלעך.

דאַרנפעלד: זעט איר שוין, לעוו — איר זיינט געזעסן אין פינצטערניש און געזוכט ליכט און איך — פונקט פאַרקערט.

לעוו: וואָס מיינט איר?

דאַרנפעלד: (דרייט זיך צוזאַמען, שווייגט).

לעוו: וואָס איז מיט אייך?

דאַרנפעלד: (מיט ציטער אין קול) איך בין זער דאַנקבאַר דעם צופאַל וואָס ער האָט אייך געבראַכט צו מיר. — ניין, ס'איז נישט קיין צופאַל. ס'איז גליקלעכער גורל! ס'איז אונדזער כח, וואָס באַצווינגט און וואָס נעמט איין. איך בין נישט פאַרצווייפלט, לעוו. איך בין צעריסן אין זיך —דאָס יאָ. אָבער נישט פאַרצווייפלט. — איר זענט פאַר מיר געוואָרן מער ווי אַ זון אפילו. ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אמת'ער גייסטיקער יורש. מעג איך דאָך טאַקע אפילו זאָגן, אַז איך בין גליקלעך, כאָטש איך האָב פיינט דאָס וואָרט גליקלעך. קען איך דאָך רואיק צומאַכן די אויגן.

לעוו: עס קומט אויס אַזוי ווי איר וואָלט זיך געזעגנט מיט מיר.

דאַרנפעלד: אפשר. ווער קאָן וויסן? איך וואָלט ווען איבערגעבן אייך אַלץ. אַלץ. דעם גאַנצן כח פון יידיש. — — איך האָב ליב יידיש. און איך טראָג אין זיך די אמונה פון יידיש. ס'איז אַ ליגן וואָס מען זאָגט, אַז יידיש איז פאַרצווייפלונג. — אַ ליגן. פון דער טיפעניש פון פאָלק שטראָמט אַרויס אמונה! איר זענט פאַר מיר מער ווי אַ זון, זאָג איך אייך. מער. אַ סך מאָל, ווען אַ מידקייט באַפאַלט מיך, דוכט זיך מיר אויס, אַז — ענדע. קיינער ירש'נט נישט. נישט דאָס אַלטע יידישע וואָרט און נישט דאָס נייע. נישט אונדזערע קאַמפן און נישט אונדזערע חלומות. — — און אָט פלוצלינג קומט איר אַריין צו מיר אין שטוב, אַן אומבאַקאַנטער, אַ צעטומלטער, און איר ווערט מיר אַזאַ נאָענטער, אַזאַ אייגענער! (קלונג אין טיר. לעוו איילט אַרויס און קומט גלייך צוריק).

לעוו: העלען.

דאַרנפעלד: (צעמישט) דאָס איז גוט.

לעוו: איך וועל זיין אין צווייטן צימער. (אָפּ. העלען קומט אַריין.

זי איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן זיידן קלייד. זי בלייבט שטיין נישט דרייסט אַ טראָט פון שוועל. דאָרנפעלד לאָזט זיך גיין צו איר. דאַ־מאָלסט אײַלט זי פון טיר אים אַנטקעגן).

ד אָ ר נ פ ע ל ד: האָסט גוט געטאָן וואָס דו ביסט געקומען איצט.

ה ע ל ע ן: האָסט זיך מסתמא נישט געריכט איצט אויף מיר.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך האָב זיך יאָ געריכט.

ה ע ל ע ן: לעוו האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט זיצן, אָדער ליגן. נישט אַרומגיין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: נו, עס מאַכט נישט. (שטייט געבויגן).

ה ע ל ע ן: שטיי נישט געבויגן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: עס מאַכט נישט אויס אַז מען שטייט אַמאָל געבויגן. עס ווענדט זיך פאַר וועמען.

ה ע ל ע ן: פאַר מיר דאַרפסטו נישט שטיין געבויגן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אפשר יאָ? — — מיר דוכט זיך, אַז איך הער ווי די ציין דײַנע קלאַפּן.

ה ע ל ע ן: אויף דעם זענען זיי ציין אַז זיי זאָלן קלאַפּן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך דאַנק דיר וואָס דו רעדסט מיט מיר אויף דו.

ה ע ל ע ן: אויך איך דאַנק דיר דערפאַר. און גוט וואָס דו האָסט זיך איבערגעטאָן יום־טוב׳דיק.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַזוי ווי דו ביסט אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק.

ה ע ל ע ן: ווײַל ס׳איז דאָך יום־טוב. דײַן יום־טוב.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: גייסטו, הייסט עס, דערפאַר באַלד אַוועקפאָרן.

ה ע ל ע ן: ניין, נישט דערפאַר. טוסט מיר ווי ווען דו זאָגסט עס.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: דו ווילסט דאָך מיר אויך נישט ווי טאָן?

ה ע ל ע ן: אַוודאי ניין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: פונדעסטוועגן טוסטו מיר ווי.

ה ע ל ע ן: זעץ זיך, איך בעט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (זעצט זיך).

ה ע ל ע ן: (זעצט זיך לעבן אים) איך קום פון האָל. דער אָוונט גייט אָן זער פייערלעך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און ווען גייט דײַן באַן אַוועק?

ה ע ל ע ן: אין אַ שעה צוויי אַרום. — — דער האָל איז פול געפּאַקט. מען שטייט אויף קעפּ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: גייסט צו דער באַן גלייך פון דאַנען?

העלען: יאָ, פון דאַנען. טאַקע באַלד. ס׳וועט נעמען געוויס אַ שטונדע ביז איך וועל קומען צו דער באַן. — — איך האָב שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ פייערלעכקייט ווי דאָרט אין האָל.

דאָרנפעלד: איך וועל גיין דיך באַגלייטן.

העלען: צו וואָס רייצן זיך אַליין, דאָרנפעלד? נו, זאָג אַליין, צו וואָס טויג עס? (דערשראָקן) פילסט נישט גוט? ווילסט וואַסער?

דאָרנפעלד: (שטאַרקט זיך). איך פיל גוט. שרעק זיך נישט. ס׳גייט איבער.

העלען: אפשר איז בעסער טאַקע זאָלסט ליגן?

דאָרנפעלד: איך וויל נישט ליגן. — — ווייסט, מיר ווילט זיך איצט זאָגן: גיי נישט צו דער באַן. פאָר נישט אַוועק.

העלען: ניין, זאָג עס נישט.

דאָרנפעלד: נו אַוודאַי, איך זאָג עס נישט. (פויזע) וואָרום ווען עס מאַכט זיך נישט אָט־דאָס בלינד ווערן מיינס, און די צייטונגען צעטראָגן עס נישט אַזש ביז צו דיין שטעטל אין דער סאוט — וואָלסטו דאָך, בכלל, נישט געקומען קיין ניו־יאָרק.

העלען: ווילסט מיר ווידער ווי טאָן.

דאָרנפעלד: אָבער ס׳איז דאָך אמת וואָס איך זאָג. — און איצט, אַז די אויגן מיינע זענען שוין בעסער — —

העלען: דו רעדסט בייז, דאָרנפעלד.

דאָרנפעלד: רעד אויך דו בייז. רעד! (נויגט דעם קאָפּ צו איר) נעם עס נישט פאַר אומגוט. אין דער אמת׳ן, בין איך דיר טיף דאַנקבאַר פאַר דיין קומען קיין ניו־יאָרק. ס׳איז אַ גרויסע פרייד געווען פאַר מיר, כאָטש די פרייד גיט מיטאַמאָל אַ שטאָך ווי אַ שפּיץ פון אַ מעסער. — וואָרום אין דער אמת׳ן ווען איך גיב אַ טראַכט: ווי וואָלט געווען, ווען איך נעם און וואַרף אַליין אַריין אַ חשד אין דיין האַרצן וועגן מיין בלינדקייט?

העלען: וואָס פאַראַ מאָדנע רייד רעדסטו?

דאָרנפעלד: נו, גיב אַ טראַכט — וואָס וואָלט געווען ווען איך נעם און זאָג דיר, אַז אפשר בין איך גאָרנישט בלינד געווען?

העלען: טרייבסט שפּאַס פון מיר, צי וואָס? ווילסט מיך אפשר אויספּראָבירן, צי איך האָב נישט חרטה אויף מיין איצטיקן קומען קיין ניו־יאָרק?

דאָרנפעלד: איך טרייב נישט קיין שפּאַס. איך וויל אויפדעקן פאַר דיר אַן אמת.

הע לען: וואָס פאַר אַן אמת?

דאָרנפעלד: פון דיר טאָר איך קיין זאַך נישט באַהאַלטן. טאָ שטעל זיך פאָר, העלען, — ווי איז, אַז איך האָב זיך טאַקע געמאַכט בלינד?

הע לען: דו מיינסט, אַז איך זאָל טראַכטן, אַז אפילו איצט? —

דאָרנפעלד: (זער אויפגערעגט) נישט וועגן איצט רעד איך. נישט וועגן איצט!

הע לען: (קוקט אים לאַנג און שאַרף אין די אויגן) ס'איז אמת?

דאָרנפעלד: (אויך שאַרף) און אויב אמת?

הע לען: (דרייט זיך צוזאַמען, זיצט אין שווערער שווייגעניש).

דאָרנפעלד: (ווי אַן אָטעם) דו שווייגסט? — העלען!

הע לען: (הייבט אויף די אויגן אויף אים, כאַפּט אַן זיינע הענט) זאָג אַז ס'איז נישט אמת!

דאָרנפעלד: (שווייגט).

הע לען: ווילסט נישט רעדן? אָבער איך בין דאָך געקומען זען דיך און פאַרשטיין דיך. און אײדער איך שייד זיך אָפּ — וויל איך דיך פאַרשטיין אינגאַנצן. איך זע דאָך שוין, אַז עפּעס אומגעווײנליכעס האָסטו געטאָן מיט זיך. מאָדנע ליידן האָסטו גענומען אויף זיך. און איך שפיר דאָך, אַז עפּעס באַהאַלסטו פון מיר. פאַרוואָס לאָזסטו מיך פייניקן זיך אין צווייפל?

דאָרנפעלד: איך האָב באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. קעגן דיר, קעגן זיך, קעגן אַלעמען. איך האָב געשפּילט אַ שרעקלעכע שפּיל מיט זיך אַליין.

הע לען: וואָס האָסטו געטאָן מיט זיך? זאָג.

דאָרנפעלד: וואָס האָב איך דען אַנדערש געזאָלט טאָן מיט זיך? איך האָב געלעבט אין אַ פינצטערניש. — —נו, יאָ, איך בין בלינד געווען. (מיט אַ היסטערישן געלעכטער) איך בין געגאַנגען מיט אַ שטעקן אין האַנט, איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן ווענט און אָן טירן, און נישט איין מאָל געשטרויכלט און געפאַלן. און אויב דו ביסט מיך חושד, און אויב דו וואָלסט זיך געפילט גליקלעכער ווען מיין בלינד־קייט וואָלט געווען אמת —

הע לען: (מיט געשריי) דאָרנפעלד, הער אויף!

דאָרנפעלד: ניין, איך הער נישט אויף. איך זאָג דיר, אַז מיר איז געווען אויף אַן אמת פינצטער, און די פינצטערניש האָט מיך

אַריינגעוואָרפן אין האַרץ צוזאַמענגעבראָכן, און ווען דו האָסט זיך באַוויזן אויפן שוועל, דאַמאָלסט ווען איך האָב געטריבן די מענטשן פון זיך, איז מיר אויף איין רגע נאָר ליכטיק געוואָרן; אָבער גלייך נאָך דעם איז נאָך אַ גרעסערע פינצטערניש געקומען אויף מיר ווי אַ געדעכטע שטראָף. — העלען, איך האָב געזינדיקט. איך בין באַגאַנגען אַ פאַר־ברעכן.

ה ע ל ע ן: מיט דיינע רייד באַהאַלטסטו נאָך אַלץ דעם פולן אמת פון מיר. אָבער איך הייב אָן צו אַנען עפּעס שרעקלעכעס. און אויב ס'איז אמת — פרעג איך דיך: פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: איך בין געווען פאַרצווייפלט וואָס דו קומסט נישט.

ה ע ל ע ן: אָבער איך האָב דאָך נישט געקאָנט קומען. נישט געטאָרט. דו מוזט דאָך מיך אַרויסרייסן פון דיין האַרץ. דו מוזט. דיין לעבן מוזסטו לעבן אָן מיר. און אַחוץ דעם, — צי שפּירסטו דען נישט מיין אָטעם פון ווייטן? איז ווי אַזוי האָסטו זיך דערלויבט צו שטעלן זיך אַליין אין קאָן אויף אַזאַ אופן? איך דאַרף דאָך פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ רציחה דיינער צו זיך אַליין.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: טאַדל מיך. שטראָף מיך.

ה ע ל ע ן: וואָס פאַראַ רייד קענען דאָ זיין וועגן שטראָפן? — אפשר דאַרף מען גאָר מיך שטראָפן מער ווי דיך. איך פרעג דיך נאָר, וואָס האָסטו געוואָלט דערגרייכן מיט דעם? וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל אחריות פאַר זיך? ווער האָט דיר געגעבן אַזאַ רעכט צו איינשטעלן זיך אַליין אין קאָן?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: מיין בענקשאַפט האָט מיר אַזאַ רעכט געגעבן. איך האָב געוואָלט צווינגען דיך דו זאָלסט זיך אָפּרופן.

ה ע ל ע ן: אַזאַ מין סטרייק, הייסט דאָס?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אויב גורל איז אַ וואַנט — האָב איך געוואָלט די גורל־וואַנט אויפרייסן.

ה ע ל ע ן: וואָס נאָך פאַר אַ מאָטיוון זענען געווען? עס האָט געמוזט עפּעס זיין נאָך.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: מיר האָט זיך גענומען דוכטן, אַז מיט דיין אָפּרייסן זיך פון מיר גייט אַלץ אַוועק פון מיר, אַז מען הייבט מיך אָן פאַרגעסן.

ה ע ל ע ן: ווער?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַלע. די וועלט, דער לעזער, די פּרעסע. איך האָב אָנגעהייבן פילן, אַז איך גיי אונטער, אַז איך ווער פאַררוקט, אַז איך ווער בטל.

ה ע ל ע ן: דו — בטל?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: יאָ, העלען. איך האָב אָנגעהייבן פילן, אַז מען מיידט מיך אויס, מ׳לאָזט מיך איבער אין איינזאַמקייט. מיינע ביכער וואַל־גערן זיך; מיט מיינע לידער וואַרפט מען זיך אַרום אַזוי ווי מיט טויטע ביינער, און איך בין געוואָרן אינגאַנצן איבעריק, — אין שאָפּ האָט געפייניקט דער באָס, און אין שטוב איז אָנגעשטאַנען הונגער.

ה ע ל ע ן? הונגער?

ד אָ ר נ פ ע ל ד: יאָ, — הונגער. נישט געווען קיין ברויט. און דאָ קומט באַב און דערלאַנגט מיר דעם לעצטן קלאַפּ, — אַרום מיר איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות. — נו, האָב איך גענומען און האָב אויפגערודערט די שטילקייט. אָ, שוין איין מאָל אויפגערודערט!

ה ע ל ע ן: איצט באַגרייף איך וויפיל פּיין דו האָסט דאָ איבערגעטראָגן.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: טאַדל מיך, העלען. זידל מיך. איך בין עס ווערט. איך האָב נישט געקענט מנצח זיין די סביבה. איך האָב נישט געקענט בייקומען די אַמעריקאַנער ווידערשפּרוכן. איך האָב זיך געלאָזט פאַנאַנדערשטויבן אין קליינינקייטן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן די גלייכע ליניע פון אַן אמת׳ן שעפער. איך פאַרדין פאַראַכטונג.

ה ע ל ע ן: ניין, דאָרנפעלד. רעד נישט אַזוי.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: די ליניע פון אַן אמת׳ן שעפער, פון אַן אמת׳ן פּאָעט, איז: באַוואוסטזיין פון קאַמף, געדולד, און היסטאָרישער בטחון.

ה ע ל ע ן: דו פאַרמאָגסט עס, דאָרנפעלד. איך פאַרשטיי איצט.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: צי פאַרשטייסטו אויך ווי שטאַרק איך האָב גערופן צו דיר די גאַנצע צייט, גערופן אין דער ווייטקייט אַריין?

ה ע ל ע ן: יאָ, דאָרנפעלד. ס׳איז גוט וואָס דו האָסט גערופן, און ס׳איז גוט וואָס דיין רוף צו מיר איז דערגאַנגען אַזש אַהין אין ווייטן שטעטל פון דער סאוט. —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: און גוט וואָס דו האָסט זיך אויף מיין רוף אָפּגערופן.

ה ע ל ע ן: ווי האָב איך דען געקענט נישט אָפּרופן זיך? — אויב דו וועסט מיך ווען עס איז ווידער אַזוי שטאַרק רופן —

ד אָ ר נ פ ע ל ד: וועסטו קומען?

ה ע ל ע ן: יאָ.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: אַ דאַנק העלען. די גלייכע ליניע קומט צוריק. און — איך פאַרלאַנג פון דיר איצט איין איינציקע זאַך נאָר: מעק אויס פון

דיין האַרצן די אַלע רייד וואָס דו האָסט געהערט פון מיר פריער. (ער נעמט זיך וואַקלען אַזוי ווי צום אומפאַלן).

העלען: פילסט ווידער נישט גוט? (ווי וויל אים אונטערהאַלטן, ער מיידט עס אויס).

דאָרנפעלד: ניין. ניין, איך פיל גוט. (ער שטאַרקט זיך און האַלט זיך אויסגעגליכן) געדענק מיין פאַרלאַנג, העלען: — גלויב נישט אין די ווערטער וואָס איך האָב דערציילט פריער, טו מיין פאַרלאַנג.

העלען: איך טו דיין פאַרלאַנג.

דאָרנפעלד: אַ דאַנק העלען. (ווי צו זיך אַליין) די קלאָרקייט קומט. די גלייכע ליניע. — (צו העלען) איך זע דאָך, אַז דו דאַרפסט שוין גיין. וועסט נאָך פאַרשפּעטיקן די באַן.

העלען: ווי קאָן איך איצט אַוועקגיין?

דאָרנפעלד: אָבער דו מוזט דאָך גיין. —

העלען: מוז איך?

דאָרנפעלד: (שווייגט).

העלען: יאָ, איך מוז. — — זיי געזונט. אַ גוטע נאַכט. (אָפּ. דאָרנפעלד קוקט איר נאָך. טוט זיך אַ וואַקל און אַ פאַל אויף די קני לעבן זיין בעט. עס קומט אַריין לעוו. לויפט־צו צו אים).

לעוו: וואָס איז אייך,דאָרנפעלד?

דאָרנפעלד: מיר איז גוט. לאָזט מיך.

לעוו: אָבער איך זע דאָך — איר פאַלט. —

דאָרנפעלד: עס דוכט זיך אייך. איך פיל גוט. די גלייכע ליניע קומט. — זעצט מיך אַוועק אויפן בעט.

(לעוו אַ דערשראָקענער זעצט אים. מ׳קלינגט אין טיר. מ׳הערט טריט און טומל).

לעוו: אַוודאי פון דעם אָוונט קומט מען אַהער. אפשר הייסן זיי גיין צוריק? אגב, איך בין אַליין שולדיק אין דעם. דאָס האָב איך דאָך אָרגאַניזירט, אַז אַ טייל פון דער פּראָגראַם זאָל מען ברענגען פון האַל אַהער.

דאָרנפעלד: עס מאַכט נישט. לאָזט זיי אַריין. איך וועל זיך שטאַרקן. איך וועל אַזוי־אַ זיצן. זאָגט קיינעם נישט, אַז איך פיל שלעכט. זאָגט אַלעמען, אַז איך פיל זיך אויסגעצייכנט.

לעוו: אָבער איך זע דאָך, אַז אייך איז נישט גוט. געבן אייך וואַסער?

דאָרנפעלד: (זיצנדיק אָנגעשפּאַרט) איך וויל נישט קיין וואַסער. איך פיל אַלרייט. (מיט באַפעל) לאָזט זיי אַלעמען אַריין, זאָג איך!

(לעוו עפנט די טיר. עס קומט אַריין אַן עולם פון האָל, אַ סך יוגנט צווישן עולם. בוקעטן בלומען אין די הענט. דער עולם רינגלט אַרום דאָרנפעלדן אין אַ רינג).

עולם: (אין כאָר) לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם דאָרנפעלדן מקבל פּנים זיין. (מיט אַמאָל ווערן אַלע שטיל. קוקן זיך איבער. דאָרנ־פעלד שטאַרקט זיך אויפשטעלן זיך און בלייבט צוריק זיצן).

דאָרנפעלד: פאַרוואָס זייט איר שטיל געוואָרן מיט אַמאָל? איך דאַנק אייך, ברידער, פאַר אייער קומען אַהער. פאַר דעם כבוד וואָס איר טיילט מיר צו. גייט אָן מיט דער פּראָגראַם. גייט אָן. איך פאַר־לאַנג עס.

לעוו: מיר האָבן פאַר אייך אַ גוטן סורפּריז, דאָרנפעלד. אייער ליד „אייביק“, וואָס איר מיינט, אַז עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען, איז דאָ, ביי אונדז.

דאָרנפעלד: ווירקלעך? איך בין זער צופרידן. איך האָב שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם.

לעוו: מיר האָבן דאָס איינגעשטודירט אין אַ כאָר פאַר היינטיקן אָוונט. דאָרט אין האָל האָט דאָס ליד געמאַכט אַ גרויסן רושם.

דאָרנפעלד: זינט איך האָב אָנגעשריבן אָט־דאָס ליד, האָב איך מער גאָרנישט ניט געשריבן. איך בענק נאָך לידער. לייענט עס פאַר מיר.

לעוו:

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צום שייטער,
איך ברען און איך ברען, און איך ווער נישט פאַרברענט —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כאָר:

איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אַ צווייטער:

איך שפּאַן דורך פאַבריקן און פאַל אונטער ראָד,
איך רייס אויף די דאַמפּן מיט קראַפט מיט באַנייטער,
איך לייג זיך אַוועק ווי אַ נייער יסוד —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כאָר:

איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אַ ד ר י ט ע ר:
אָט שפּאַן איך זיך איין אין געשפּאַן פון אַ פערד,
און איבער מיר בייטשט אַ צו׳כעס׳טער רייטער,
ווי אַן אַקער אַ שאַרפער איך גראָב דורך די ערד —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כ אָ ר:
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אַ פ ע ר ט ע ר:
איך זי מיינע לידער, ווי קערנער מען זייט,
זיי שפּראָצן, זיי וואַקסן, ווי זאַנגען און קרייטער,
און איך אַליין ליג ווי אַ דאָרן פאַרדרייט —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כ אָ ר:
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אַ פ י נ פ ט ע ר:
איך וואוין אין אַ תפיסה, איך רייס אויף די צעל,
עס טרעט איבער מיר צו זיין גליק דער באַפרייטער,
און מיך לאָזט ער ליגן צעבלוטיקט ביים שוועל —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כ אָ ר:
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

ל ע ו ו:
אין בלוט מיינע קליידער, די פיס קוים איך שלעפּ,
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געלייטער,
איך קום צו אַ שטיבל און פאַל אויף די טרעפּ —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

כ אָ ר:
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

ד אָ ר נ פ ע ל ד: די גלייכע ליניע קומט!

אַ ל ע: דאָרנפעלד!

ד אָ ר נ פ ע ל ד: (מיט פליסטערנדיקע ליפּן, קוים וואָס מען הערט)
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

ב. ריווקין

גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

צווייטע טייל

„כמו־טעריטאָריע" — „במקום רעליגיע"

איידער איך טרעט־צו צו דער באַהאַנדלונג פון דעם ליטעראַטור־פּעריאָד, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַמעריקע מיטן יאָר 1910, וויל איך פּאַראויסשיקן דעם געשיכטלעכן איבערבליק אַן אַריינפיר, אין וועלכן די פירנדיקע אידייען פון מיין אַרבעט, די פון מיר אַרויסגעבראַכטע „גרונט־טענדענצן" — גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פּאַרוואַנדלונג — זאָלן קלאָרער, פעסטער, איינפאַכער און קאָנצענטרירטער פאָרמולירט ווערן; וואָס אָט־די פאַראיינפאַכטע און פאַרשטאַרקטע פאָרמולירונג זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט דורכצולאָזן אין אַ האַסטיקער רעוויזיע דעם פאַרלויף פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור זינט איר געבאָרן ביז 1910, ווי אויך אין פאָראויס אָנצוזאָגן, איידער איך האָב עס באַשטעטיקט אויף איינצלנע שריפטשטעלער, אַז די ליטעראַטור אינגאַנצן — „פון אָנהייב ביזן סוף" — פאָלגט אויס דיזעלביקע גרונט־טענדענצן; אַז זיי זענען גילטיק און אפשר נאָך גילטיקער היינט ווי אַמאָל.

און איך טראָג אַריין מיין ערשטע קאָרעקציע אין דער פאָרמולירונג פון די טענדענצן: דער נאָמען איז צו־שוואַך פאַר דעם וואָס זיי באַצייכענען. געדאַרפט האָב איך זיי אָנרופן די עקזיסטענץ־געזעצן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון וועלכע די ערשטע דריי, וואָס האָבן זיך נאָך אָנגעמערקט ביי די קלאַסיקער: גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פאַרוואַנדלונג — טראָגן אין זיך די אייגנאַרט און דעם זכות־הקיום פון דער יידישער ליטעראַטור. איר גורל, איר קיום און נצחון הענגט אָפּ פון זיי. זיי הייבן די יידישע ליטעראַטור פון דלות־ווינקל צו אַן אויבן־אָן פּאָזיציע. פון וואַנען איז דאָס אַלץ געדרונגען?

דאַרף איך דאָ אויסזאָגן אַ סוד, אַז צוליב אַמעריקע, צוליב דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און צוליב דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור בכלל איז מיין גאַנצע אונטערנעמונג מיט די טענ־

דענצן. דער אמת׳ער אמת איז, אַז זיי זענען בולט׳ער און גילטיקער היינט־צו־טאָג, ווי זיי זענען געווען אַמאָל. ערשט דורך דער לויפנדיקער יידישער ליטעראַטור, לאָזט זיך עס געניי פעסטשטעלן, אַז די טענדענצן זענען בפועל ממש געזעצן. והראיה, ווען מען איז עובר אויף זיי, באַשטראָפן זיי. די שריפטשטעלער, וואָס היטן זיי נישט אָפּ, ווערן פאַרמינערט אין טאַלאַנט. פאַרקערט, וואו די טענדענצן ווערן אָפּגעהיט, באַלוינען זיי. די שריפטשטעלער־אָפּהיטער ווערן פאַרמערט אין טאַלאַנט (אין פאַרלויף פון דער אַרבעט וועל איך ברענגען ביי אַ פּאָר טוצנט ביישפּילן־אילוסטראַציעס פון שריפטשטעלער יאָ־אָפּהיטער און ניט־אָפּהיטער פון די טענדענצן.)

האָב איך גענומען אָט־די היינט זיך גילטיק מאַכנדיקע טענדענצן־געזעצן און זיי געוואָרפן פון היינט אין אַמאָל אַריין. און איך בין באַרעכטיקט געווען אַזוי צו האַנדלען: ווייל אפילו אָן אויסשעפּנדיקע אונטערזוכונגען — בלויז אַ טיפערע לייענונג פון די קלאַסיקער איז גענוג איינצוזען, אַז די זעלביקע אונטערגרונטיקע, פון אונטערגרונט זיך אַרויספּרעסנדיקע אידייען־קרעפטן, וואָס באַוועגן די היינטיקע ליטעראַטור — וואָס דאָס זענען זיי די טענדענצן־געזעצן — האָבן שוין גענומען אָפּעררן ביי איר געבורט און האָבן געבראַכט צו איר געבורט און האָבן געפורעמט איר געשטאַלט.

און איך טראָג אַריין מיין צווייטע קאָרעקציע אין דער פאָרמולירונג פון די טענדענצן: — עס איז אמת, ווייל איך שרייב נישט קיין סיסטעמאַטישע געשיכטלעכע פאָרשונג, נאָר אַזוי צו זאָגן, אַ דעדוקטיווע אידייען־געשיכטע, האָב איך זיי מאַרקסיסטיש נישט באַגרינדעט; אָבער זיי זענען פאַרט מאַרקסיסטיש אָריענטירט, הגם איך האָב דעם נאָמען מאַרקס נישט דערמאָנט. אַלע דריי — גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פאַרוואַנדלונג — האָבן איין סאָציאַל עקאָנאָמישן אונטערשלאָק. אַז מען וויל, קאָן מען זאָגן, אַז אַלע דריי זענען איין טענדענץ. די ערשטע און די דריטע נעמען זיך אַרויס פון דער מיטלסטער — די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — וועלכע איז די מוטער־טענדענץ נישט נאָר פון די צוויי, נאָר פון אַלע טענדענצן, וואָס וועלן שפּעטער נאָכקומען, אויך פון די, וואָס זענען אין אַמעריקע אויפגעקומען. און אָט־די מוטער־טענדענץ האָט דעם פונדאַמענטאַלסטן מאַרקסיסטישן שטיץ־פּונקט, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

* * *

ב. ריווקין

די אידישע ליטעראַטור, מיט איר גאַנצער אייגנאַרטיקייט, וואָס איז איינגעפּאַסט אין אירע טענדענצן, מיט דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ בראש, איז געשטיצט אויפן זעלביקן סאָציאַל עקאָנאָמישן גרונט־פּאַקט, אויף וועלכן, לויט די מאַרקסיסטישע אויסטייטשער פון דער יידישער געשיכטע, איז אָנגעשפּאַרט געווען דער קיום פון יידן ווי אַ פאָלק פאַר די צוויי טויזנט יאָר זייט זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער מלוכה, זייער טעריטאָריע און זייער אייגענע נאַציאָנאַלעווירטשאַפט. לויט זייער אויסטייטשונג האָבן יידן זיך געהאַלטן און זיך דערהאַלטן נישט טראָץ זייער אַבנאָרמאַלער סיטואַציע — כדי די וועלט זאָל קאָנען באַוואונדערן ווי אַ נס זייער אויסדויער און דערהאַלטונגס־קראַפט — נאָר דוקא אַ דאַנק זייער אַבנאָרמאַלער סיטואַציע.

יידן האָבן דערפילט אַ נויטיקע עקאָנאָמישע פונקציע. זיי זענען געווען די פאַרמיטלער — סוחרים און געלטלייער — בעת די מערסטע פעלקער־בעלי־בתים, ביי וועמען זיי זענען איינגעשטאַנען ווי געסט — צוערשט אין מערב־אייראָפּע, דערנאָך אין מזרח־אייראָפּע — האָבן קיין אייגענעם פאַרמיטלער־קלאַס נישט פאַרמאָגט.

אַ סכנות'דיקע פונקציע, וואָס איז טראַגעדיק געווען מיט אומגליק, אָבער אין אומגליק איז געווען אַ גליק; רדיפות און הריגות, אָבער די יידישע פונקציע האָבן זיי נישט געקאָנט דער'הרג'ענען; אַ רעשט יידן איז אַלעמאָל געבליבן אויף אַוועקצולאָזן זיך אין נייע ערטער, אויף צו גרינדן נייע ישובים, אויף נאָכאַמאָל צו דערפילן דיזעלביקע פאַרמיטלער־פונקציע.

איז דאָס זער טשיקאַווע — יידן האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ מום — זיי האָבן זיך איינגעקאָרטשעט אין אָן אבר אויף צו אָנטלייען זיך די קערפּערס פון פרעמדע פעלקער; און ווייל אַזוי טשיקאַווע, און ווייל עס לייגט זיך מיר אויף דער מאַרקסיסטישער העלפט פון מיין שכל, בין איך מוכן ומזומן די דערקלערונג אָנצונעמען.

די אמת'ע סכנה פאַרן יידישן קיום איז געקומען איצט, ווען יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע פאַרמיטלער־פּאָזיציעס — דורך באָיקאָט, פּאָליטישער און פיזישער געוואַלט — און קיין נייע לענדער וואו צו לויפן זענען נישטאָ.

כידוע, האָבן אויף אָט־דער שטייגנדיקער אַבנאָרמאַליטעט זיך אויפגעבויט דער ציוניזם און דער טעריטאָריאַליזם — צוויי באַוואָרעניש־ און רעטונגס־פּלענער, וואָס באַצוועקן איבערצוקערן די אַבנאָרמאַלע סיטואַציע

אין אַ נאָרמאַלער. דר. זשיטלאָווסקי האָט פאַר דער היילונג פון דער דאָזיקער אַבנאָרמאַליטעט אויפגעשטעלט זיין גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס העפט צונויף טעריטאָריאַליזם מיט יידישיזם, וואָס דער לעצטער שליסט איין יידישע ליטעראַטור ווי זיין הויפטשטיק.

זענען מיר צוגעקומען צו אונדזער הויפט־ענין—יידישע ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור טוט דאָסזעלביקע — זי „טעריטאָריאַליזירט".

ווי דען אַנדערש? ווי האָט מען גאָר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט אויסמיידן אָפּצוענטפערן אויף דער גרונט־סיטואַציע, אויף וועלכער די מאַרקסיסטן שטיצן דעם קיום פון יידישן פאָלק ביז אַהער? און פון וועלכער די ציוניסטן מיט די טעריטאָריאַ־ליסטן ציען אַרויס זייערע מאַרקסיסטישע פּראָיעקטן אויף צו באַוואָ־רענען דעם יידישן קיום אויף להבא? אויב וועגן די ציוניסטן דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, איז וועגן די טעריטאָריאַליסטן גאָר קיין ספק נישט, אַז זיי זיינען מאַרקסיסטן. וואָס דאַרף מען זוכן ווייט? — זענען די קאָ־מוניסטן, וואָס „טעריטאָריאַליזירן" זיך מיט בירא־בידזשאַן, קיין מאַרק־סיסטן נישט? אַדרבא, פּרוּווט זיי עס זאָגן!

איז אַ גרונט־סיטואַציע, וואָס ציט אַרויס אַ מאַרקסיסטישן ענטפער פון כמעט דער גאַנצער יידישער סאָציאָלאָגיע, וועט נישט אַרויסקריגן קיין מאַרקסיסטישן ענטפער פון דער יידישער ליטעראַטור? און זי האָט אַרויסגעקראָגן! די יידישע ליטעראַטור האָט אָפּגעענטפערט אויף דער גרונט־סיטואַציע מיט איר סאַמע געבורט, און ענטפערט נאָך עד־היום — מיט איר מהות, מיט אַלע אירע סימנים, מיט איר גאַנצן גאַנג. און אָפּגע־ענטפערט, ווי פאַראויסכאַפּנדיק דעם ענטפער פון דער סאָציאָלאָגיע — לאָמר, אַזוי צו זאָגן: ביז די סאָציאָלאָגיע וועט נישט צושטעלן קיין פּאָר־טיקע טעריטאָריע, וועל איך דיר, יידיש פאָלק, דינען ווי אַ כמו־טעריי־טאָריע. — אָבער ווי אַזוי קאָן זי דאָס באַווייזן?

כדי צו פאַרשפּאָרן זיך שרייבן אַ טראַקטאַט וועגן דער מאַרקסיס־טישער אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, וועגד איך זיך נאָך אַן ענטפער צו איר פאַרגענגערין — דער יידישער רעליגיע.

* * *

די יידישע רעליגיע האָט געפאָלגט, וואָס דער מאַרקסיזם האָט גע־הייסן, און נאָך מער ווי געפאָלגט: דאָרט וואו דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געדאַרפט האַלטן אויף דער פונקציע פון איין קלאַס, האָט די רעליגיע זיך אויסגעשפּרייט צוצודעקן דאָס גאַנצע פאָלק. דורך דער יידישער רע־

ליגיע האָט דאָס יידישע באַוואוסטזיין פונקציאָנירט נישט ווי דאָס קלאַסנ־באַוואוסטזיין פון די סוחרים, נאָר ווי דאָס פאָלקבאַוואוסטזיין פאַר אַלע קלאַסן יידן. הינטער די מויערן פון דער געטאָ האָבן אַלע יידן זיך צו־זאַמענגעהאַלטן ווי אַ גאַנץ פאָלק, הגם פלאַץ און עקאָנאָמישער אָנהאַלט איז געווען בלויז פאַר איין קלאַס.

און וואו עס איז אפילו איין קלאַס אויך נישט געווען מיט פלאַץ און פונקציע ? וואו יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט דיזעלביקע מלאכות און פראָפעסיעס, ווי די איינגעבאָרענע, און וואו די איינגעבאָרענע האָבן אויס־געטיילט פון זיך פונקט אַזעלכע גוטע סוחרים, ווי די יידישע געסט — אין מיטלאַלטערלעכן דרום־פראַנקרייך און איטאַליען צו ביישפיל, אָדער אין אַלעקסאַנדריע פון אַלט־מצרים און אין בבל — דאָרט האָט די יידי־שע רעליגיע באַוויזן נאָך אַ גרעסערן וואונדער. יידן האָבן קיין עקאָנאָ־מישן באָדן נישט געהאַט אונטער די פיס, קיין ספּעציעלע פונקציע, וואָס זאָל זיי באַרעכטיקן צו קיום לויט מאַרקסיזם — דאָרט האָט די רעליגיע דערקלערט מלחמה דער יידישער באָדנלאָזיקייט און אויפגעהויבן אַ טערי־טאָריע של מעלה, מיט ה׳ אחד אַלס צוזאַמענהאַלטער אין צענטר. און וואָס צעשפּליטערטער דער באָדן אונטער די פיס, אַלץ פעסטער, האַרטער די טעריטאָריע של מעלה. דוקא אין בבל, וואו די איינגעבאָרענע זענען געווען ספּעציאַליסטן האַנדלס־מענטשן, איז די טעריטאָריע של מעלה איינגעשטעלט געוואָרן. אַ טעריטאָריע של מעלה איז דאָס געווען, ווייל גאָרנישט איז דאָרט געווען פאַרן היינט, נאָר אַלץ פאַר להבא: גאָטס שבועות און נדרים פון ברית אברהם ביז אחרית הימים, מיט דער נבואה אויף דער גאולה, אין וועלכער די יידן איז פאַרגעשטאַנען אַ גרויסער נצחון — זיי וועלן אויסלייזן זיך און די וועלט. און די יידן אונטן האָבן דעם אויבערשטנס שבועות און נדרים איבערגע׳חזר׳ט אין זייערע טאָג־טעגלעכע תפילות און איבונגען — מאַגישע האַנדלונגען, צערעמאָניאַלן, ריטואַלן, אַנגעלאָדענע מיט שם המפורש׳ן, כישוף־שפּרוכן — וועלכע זענען געווען גענוג צו פאַרגליווערן די טעריטאָריע של מעלה ממש ביז מאַטעריעלער ממשות — גענוג שטאַרק, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זיך קאָנען אָן איר אָנהענגען. פון דער טעריטאָריע של מעלה האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזעלכע אומזיכטבאַרע שוץ־ווענט, וואָס האָבן געהאַלטן דעם יידן נשמה־זיכער, אפילו ווען זיין גוף האָט זיך געצאַפּלט אין הוילע סכנות.

אמת, די גרויסע קולטורעלע יידישע ישובים פון דרום־פראַנקרייך, איטאַליען, אַלעקסאַנדריע, זענען מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען — אודאי

אויס מאַנגעל אין עקאָנאָמישן באָדן — אָבער יאָרהונדערטער האָבן זיי זיך געהאַלטן אין בליענדיקן צושטאַנד? און די תלמודישע טעריטאָריע גופא, וואָס האָט געשטאַמט פון בבל, האָט אָנגעהאַלטן יאָרטויזנטער — ביז גאָר לעצטנס. דאָס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט. מוז דאָך זיין אַ מאַרקסיסטישע דערקלערונג דערויף. ווייס איך נישט ווי די מאַרקסיסטן גיבן זיך אַן עצה מיט דער יידישער רעליגיע. פון מיינעטוועגן, מעג בלייבן שטיין דער מאַרקסיסטישער אמת, אַז דער גייסטיקער איינשטעל דאַרף אָפּענטפּערן דער עקאָנאָמישער סיטואַציע, — אָבער ווי אַזוי אָפּענטפערן? נישט מיט בלינדן פאָלגן דער סיטואַציע, נאָר אָפט גאַנץ פאַרקערט — טוענדיק איר אויף צו להכעיס, ראַנגלענדיק זיך מיט איר, בייקומענדיק זי. אַבי אָפּגעענטפערט זאָל זיין, נישט אויסגעמידן, אין באַטראַכט גענומען. וואָס עס פעלט דער סיטואַציע דערגאַנצט דער איינשטעל, און טאָמער פעלט זי כמעט אינגאַנצן, פאַרבייט ער זי. און עס קומט אויס, אַז ער בלייבט הענגען אין דער לופטן אויף גאָרניט. און דאָס איז אויך אַ ריכטיקער מאַרקסיסטישער אָפּענטפער.

אָבער וויפיל איז דער שיעור? עס איז געשען: — די געטאָ־מויערן האָבן געפּלאַצט — די זיכטבאַרע און די אומזיכטבאַרע. די גייסטיקע כמו־טעריטאָריע איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו די שטורעם־ווינטן פון פרייען געדאַנק, פון דער השכלה, וואָס האָט גענומען אויסעסן דאָס האַרץ פון אַלע שם־המפורש'ן, כישוף־שפּרוכן, מאַגישע האַנדלונגען, אפילו דאָס וועלט־האַרץ פון ה' אחד. די אַלטע יידישע רעליגיע איז געוואָרן נישט גענוג, האָט גענומען אָנווערן איר כח צו האַלטן אין דער הייך די גייסטיקע כמו־טעריטאָריע.

גלייכצייטיק האָט נאָך ערגערס פּאַסירט: די ספּעציעלע יידישע פּאַרמיטלער־פונקציע האָט אומעטום זיך גענומען אויסגליטשן פון יידישע הענט. אפילו אין די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער, וואָס האָבן קוים אַ פּענצטערל געעפנט צו דער ציוויליזאַציע, האָבן צווישן די איינגעבאָרענע זיך געמעלדעט בעלנים צו פאַרנעמען פאַר זיך די פּאַרמיטלער־פונקציע, און וואָס ווייניקער מסוגל זיי זענען געווען דערצו, אַלץ מער האָבן זיי געזען אין דער אַרויספּרעסונג און אויסראָטונג פון דעם יידן דעם מיטל אַרויפצואַרבעטן פאַר זיך די פּאָזיציע. — זענען יידן געבליבן אויסגעשטעלט — אָן רעליגיע, שוצלאָז, נאַקעט, אין הוילע סכנת נפשות. האָבן די יעניקע פון זיי, וואָס האָבן געהאַט נשמה יתירה, צוליב פקוח נפש זיך אָנגענומען מיט מוט עובר צו זיין אויף דעם געבאָט: — לא תעשה

לך פסל—און זיי האָבן אַרויסגעפּאָדערט ביי זיך לוסט צו שאַפן ליטעראַטור — וואָס איז אַ צוגעפּאַסטערער אינסטרומענט ווי רעליגיע איינצושטעלן אַ פּאַרהעלטניש מיט דער ציוויליזאַציע, וואָס איז אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ, אַז דער מענטש איז נישט קיין אונטערוואָרפענער צו גאָט, נאָר אַ פרייער אַגענט — אַליין בבחינת באַשעפער. די ליטעראַטור האָט די מעלה, וואָס אי זי קאָמוניקירט מיט דער ציוויליזאַציע, אי זי דערהאַלט דעם נאַציאָנאַלן נפש, ווי רעליגיע. ביידע אירע פונקציעס זענען דאָ וויכטיק. זי נעמט איבער פון דער רעליגיעזער כמו־טעריטאָריע דעם יידנס שליחות, זיין ראָלע אין דער צוקונפט, די העכערע פּאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פון זיין קיום און איבערזעצט עס אין היינטוועלטיקייט. דאָס איז עס, וואָס איך באַצייכן דערווייל ווי כמו־טעריטאָריע אין ליטעראַטור.

ווי אַזוי האָט זי זיך איינגעשטעלט? ווי אַזוי האָט זי געאַרבעט? אין מענדעלעס צייט האָט זיך עס דאָך אָנגעהויבן — דער דראַנג פון די אויבערשטע און מיטעלע יידישע קלאַסן אַריינצוכאַפּן זיך ווי אַ סעקציע אין דער אויפקומענדיקער רוסישער בורזשואַזיע; און דער דראַנג פון דער אינטעליגענץ צו קולטורעלער אַסימילאַציע מיט דער רוסישער אינטעליגענץ. נישט געווען ווער עס זאָל באַשאַפן ליטעראַטור און נישט געווען קיין פּראָספּעקטיווע אודיענץ פאַר ליטעראַטור. די מאַסע האָט גע־טראָטן אויף צעשפּליטערטן גלאָז, אויף באָדן פון עקאָנאָמישע שפּליטערס.

אָבער דאָס איז דאָך געווען דיזעלביקע גרונט־סיטואַציע, וואָס האָט אַרויפגעהויבן די רעליגיע, ווי כמו־טעריטאָריע אינדערלופטן. און דערזעלביקער פּסיכישער איינשטעל איז געווען, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער גרונט־סיטואַציע. דער אָרט פון רעליגיע האָט נאָך פונקציאָנירט אין דעם יידנס נשמה. און דער עיקר, די כנסת ישראל, די נשמה פון דער יידישער עדה, ווי זי האָט זיך אויסגעפורעמט אָן אָנגעהאַנגענע אָן דער כמו־טעריטאָריע, איז נאָך געווען גאַנץ, האָט זיך געגעבן צו פילן ווי אַ פאַקט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס שוועבט פאַר די אויגן — האָט די ליטעראַטור, דורך דעם שעפערישן געמיט פון שריפטשטעלער־פּיאָנער, אים אונטערגעזאָגט: — באַשאַף מיך ווי אַ כמו־טעריטאָריע, ווי אַ במקום רעליגיע, וואָס דאָס איז איינס און דאָסזעלביקע.

האָט זי עס טאַקע בפירוש געזאָגט: כמו־טעריטאָריע, במקום־רעלי־גיע? זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניין. די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער דער כמו־טעריטאָריע־דראַנג האָט זיך דערלאַנגט צו אים, איז געווען צו וואָס?

צו וועלכן תכלית? פּראַקטיש האָט עס געקאָנט זיין דער משכיל אין אים, וואָס האָט געזוכט ניצלעך צו זיין — ער האָט עס געפרעגט. עס האָט געקאָנט אויך זיין די השפּעה פון דער רוסישער ליטעראַטור פון די 60ער יאָרן, וועלכע איז אָנגעצילעוועט געווען צו געזעלשאַפטלעכן דינסט. אָבער אויפגעכאַפּט פון כמו־טעריטאָריע־דראַנג, איז עס געוואָרן אַ פראַגע פון גרויס־תכלית. דאָס האָט דער סופר אין אים, דער יורש פון נביא און תנא, ווי אויך דער קינפטיקער לייענער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף זיי, וואָס ביידע האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן שיהע־פּיהע, פּוסטע מעשה, פרייען שפּיל — זיי האָבן עס געפרעגט. דאָס האָט רעליגיע גע־צווייפלט, צי זי וועט קאָנען הויזן מיט ליטעראַטור. האָט זי דורך דער פראַגע וועגן גרויס־תכלית זיך נאָכגעפרעגט ביי דער ליטעראַטור, צי זי וועט נעמען אויף זיך צו טאָן במקום־רעליגיעזן, כמו־רעליגיעזן, כמו־טעריטאָריע־דינסט — און די ליטעראַטור האָט דורך מענדעלען גע־ענטפערט: יאָ!

במקום — פריער דעם אָרט פאַרנעמען. אָבער אין דער סיטואַציע איז שוין געווען איינגענעסט די אידייע, וואָס מענדעלען האָט זי עס נישט אויסגעזאָגט, אָבער פּרצן האָט זי עס געזאָגט בקול רם — די אידייע, אַז ווען די ליטעראַטור, אָט־די נייע פונקציע פאַר יידן, וועט זיך אָננעמען מיט קינסטלערישן כח, וועט זי נעמען פונקציאָנירן ווי רעליגיע און טאָן דעמזעלביקן דינסט פאַר דער יידישער דערהאַלטונג. פון במקום ביז קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע — דאָס איז דער גרויסער טראַקט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון איר סאַמע געבורט, און דער שריפטשטעלער, וואָס טרעט אַרויף אויף אים, ווערט געבענטשט מיט טאַלאַנט, אַבי אַ ניצוץ נשמה יתירה — ווייל ער ענטפערט זיין אייגענער און דעם פאָלקס נשמה־נויט.

עס איז נישט קיין לייכטער גאַנג פאַר דער יידישער ליטעראַטור צו גיין דעם כמו־טעריטאָריע־טראַקט. באַזונדערס שווער איז געווען דער ערשטער טראָט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָמבינירן צוויי פונק־ציעס, וואָס זענען אין פלוג אין סתירה איינע צו דער אַנדערער. רעלי־גיעזע שאַפונג איז אין געהאָרכזאַמקייט צום שטרענגען באַפעלער ה׳ אחד. ליטעראַטור־שאַפונג איז אַ פרייער אויפשפּיל פון מענטשנס פאַנטאַזיע. אָבער עס האָט געמוזט געשען — אויס סתירה זאָל עס ווערן!

מ׳זעט, ס׳קומט מענדעלין שווער אָן. פון די ערשטע ווערק איז ניט צו קענען, אַז דאָ הייבט אָן אַ גרויסער שריפטשטעלער. נישט ער דערציילט,

נאָר ער באַשרייבט, וואָס ער דאַרף דערציילן. ער שפּאַנט זיין פּען אין אַלעגאָריע, ווייל אַלעגאָריע קאָן מאַכן אַן אידייע זיך דערציילן. אָבער די אַלעגאָריע האָט ער צוגעשפּאַנט צו דער עדה, דעם גוף פון כנסת ישראל — און עס איז אַוועק אַ גאַנג. די אַלעגאָריע ווערט אַלץ פולער, די עדה נעמט אַן אויף זיך אַלץ מער קינסטלערישן לייב — פון „קליין מענטשע־לע" דורך „טאַקסע", „פישקע", „ווינטשפינגערל" ביז צו „בנימין השלישי", וואו די עדה איז שוין אַרויפגעהויבן צום סטאַטוס פון כנסת ישראל. נישט קיין לופטמענטש בלויז איז בנימין, נאָר אַ באַוואוינער פון דער יידישער כמו־טעריטאָריע אין דער לופטן — דער יידישער דאָן קיכאָט. די ליטעראַטור הייבט שוין אָן פירן דעם גרויסן חשבון פון כנסת ישראל מיט דער היינטיקער וועלט. דער כמו־טעריטאָריע דינסט האָט אַרויסגעצויגן דעם קינסטלער, און מענדעלע קאָן שוין איצט מאַכן אַ ריין קינסטלערישן שפּאַציר אין „שלמה ר' חיים'ס" איבער דער רעליגיעזער טעריטאָריע של מטה, אויף וועלכער דער ייד האָט זיך געהאַלטן.

מען קאָן זאָגן, מענדעלע האָט זיין גאַנצן טאַלאַנט צו פאַרדאַנקען דעם כמו־טעריטאָריע־דראַנג. דער לשון ווייזט, אַז מענדעלע זעט נאָך פאַר זיך דעם לייענער נישט, נאָר ער רופט אים ערשט אַרויס. דאָס איז דער טאָפּל־מיינענדיקער לשון פון מענדעלע דעם סופר, וואָס האָט זיך באַ־זעצט אין מענדעלע דעם מוכר ספרים, אַ העכערן פאָלקס־טיפּ — צוערשט אַן אַלעגאָריע, דערנאָך אַ קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון אַ דור אין איבערגאַנג — וועלכער האָט אַרויסגערופן ענלעכע צו זיך, די אויפקומענ־דיקע פאָלקס־אינטעליגענטן, פאַר לייענער.

שלום עליכם איז געגאַנגען ווייטער דעם וועג, וואָס איז איינגעבראָכן געוואָרן פון מענדעלען. מנחם מענדל און טביה זענען נישט נאָר טיפּן. דער עיקר, זענען זיי כמו־טעריטאָריע־פאַרטרעטער פון כנסת ישראל פאַר דער וועלט. נישט נאָר אַוועקגעשטעלט אויף צו ווייזן זיי פאַר דער וועלט, נאָר זיי פירן שוין קלאָר און דייטלעך פאַרן יידן זיין וועלט־חשבון. טעכניש זענען זיי נישט גוט געמאָלן, אין איבערגע'חזר'טע פסוקים, ווי די גע־כתיבה'טע פאַרטרעטן פון הערצלען און מאַנטעפיאָרע. אָבער וואָס עס קומט פאַר אין זיי און דורך זיי אין לייענער דאָס איז געוועזן טייער! ווער עס געדענקט יענע צייט, ווייס די פרייד וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט מיט דער פאַרוואַנדלונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין לייענער. דער ייִנגע־רער ייד האָט זיך דערקענט אין עלטערן; דער עלטערער האָט זיך דער־קענט ווי אַנגעהעריק צום וועלט־מענטשן. זיי האָבן אונדז איבערגע־

חשבונ׳ט, איבערגעשטאַלטיקט. זיי האָבן אונדז געגעבן אַן אָרט אין דער וועלט. מיר די אייביקע גלויבנס־פאַנטאַזיאָרן! מיר די בעלי בטחון! באַלד וועט אונז אַנגעוויזן ווערן וואָס מיר האָבן צו טאָן אין דער וועלט. דאָס איז כמו־טעריטאָריעלער דינסט, און ווי אַ שכר פאַר דעם איז שלום עליכם אָפּגעַ׳טובל׳ט געוואָרן אין טאַלאַנט.

שלום עליכמס לשון ווייזט, אַז ער האָט געפונען זיין באַשטעלער. דאָס איז דער לשון פון שיינעם בעל־הבית, וועלכער איז געווען דער טאָנגעבער אין יידישן קולטור־שטאַט, וואָס פון די ברעקלעך חכמה, וואָס זענען געפאַלן פון זיין שמועס־טיש, האָט זיך געשפייזט דער פאָלקסמענטש. שלום עליכם האָט אונטערגעפירט אַ ברייטע לייענערשאַפט אונטער דער כמו־טעריטאָריע — דאָס איז איינמאָל גוט. נאָך בעסער איז וואָס ער האָט איבער דער לייענערשאַפט אַריבערגעפירט די כמו־טעריטאָריע, זי צוגעדעקט, געקרוינט — וואָס ביידע צוזאַמען האָט די יידישע ליטעראַטור אַ שטרעק געטאָן צום וואוקס.

ווען ס׳איז געקומען צו פּרצעס אויפטריט, איז די סביבה פון שיינעם בעל־הבית געוואָרן נישט גענוג ווי אַ באַשטעלערין פון דער ליטעראַטור. עס האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע דער פאָלקס־מענטש, דער בעל־מלאכה, דער האַרעפּאַשניק, וועלכער האָט זיך פריער געשפייזט פון די ברעקלעך פון בעל־הבית׳טיש, און האָט גע־מעלדעט זיין תביעה אויף אַ פולן חלק ירושה: ער האָט זיך געקליבן אַקטיוו ווערן און האָט זיך גענויטיקט אין שטאַרקערער שפייז. די ירושה מיט אַלע אירע צוזאָגן איז געלעגן אַ פאַרזיגלטע, אַ פאַרגליווערטע אַרום אַן אַל־צונויפציענדיקן צענטער — ה׳ אחד — אויבן, אויף דער טעריטאָריע של מעלה, אויף אָנצוקוקן זי מיט פאַרגלאָצטע פרומע אויגן. און אַזוי האָט זי געדינט צו קאָנסערווירן דעם קיום פון פאָלק. פאַרן נייעם מאָנער פון חלק ירושה האָט מען אָבער נישט געקאָנט יוצא זיין מיט אָנווייזן אים — אָט איז זי די ירושה, קוק נאָר ווי שיין, ווי קלוג זי איז! פאַר אים האָבן די זיגלען גענאָרפט אויפגעבראָכן ווערן, די ירושה אויפגעעפנט ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן פאַר זיין, דעם האַרעפּאַשניקס באַלדיקן געברויך.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די ליטעראַטור, די איבערנע־מערין פון דער כמו־טעריטאָריע ביי דער רעליגע, די ליטעראַטור אין איר געוויינלעכער פאָרם, ווי מיר האָבן זי איבערגענומען ביי די פעל־

קער, איז נישט די צוגעפּאַסטע כלי אויף צוצוטראָגן די ירושה צו דעם נייעם בעלן.

פּרץ האָט דאָ פונדאַסנײַ זיך אָנגעשטויסן אויף דער סתירה צווישן יידיש־נביאישן און גויאיש־ליטעראַרישן שאַפונגס־מעטאָד — ער האָט זי פּיל שאַרפער און באַוואוסטזיניקער געפילט, ווי מענדעלע אין זיין פאַרגעפיל — די סתירה צווישן מאָראַלישער באַווירקונג און עסטעטישער באַטראַכטונג.

דאָס פּראָבלעם פון יידישער און גויאישער קונסט האָלט אים כסדר באַשעפטיקט — אויב יאָ ליטעראַטור ביי יידן, דאַרף זי זיין גאָר אַן אייגנאַרטיקע, אַ סינטעז צווישן צוויי קונסט־פאָרמען, פאַר אַ ספּעציעלער ראָלע — פאַר אַ כמו־טעריטאָריעלער ראָלע, וועל איך צוגעבן.

זיין סטיל זאָגט עדות אויף אים: עס איז נישט דער איבערגעענו־מענער לשון פון פאָלקס מויל, ווי ביי שלום עליכמען; נישט קיין סטי־ליזירטער אויף דעם לשון פון פאָלקס־למדן, ווי ביי מענדעלען. נאָר עס איז דער יחיד׳ישער לשון פון אַ זוכער פון נייע מיטלען צו דערלאַנגען ליטעראַטור. אַ זוכער איז ער געווען. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין מאָדעשער קונסט־פאָרם צו דער אַנדערער, איבערגעגאַנגען פאַרשיידענע פרעמדע וועגן ביז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם כמו־טעריטאָ־ריע־טראַקט — און איז באַגליקט געוואָרן. ער האָט געלייזט דאָס פּראָב־לעם פון יידישער קונסט־פאָרם. ער האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון ירושה־פאַרוואַנדלונג. בפירוש ירושה־פאַרוואַנדלונג, נישט די געוויינליכע קאָפּירונג פון טראַדיציע. נישט ווי שיין דער שבת איז, נאָר זאָל קיין וואָך נישט זיין — אַ נייעם געברויך מאַכן פון שבת — פאַר דער פאַר־שענערונג און פאַרטייערונג פון דער וואָך. די „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטע" איז אַ פאָרם פון קינסטלערישער פאַרוואַנדלונג פון דער ירושה פאַר דעם האָרעפּאַשניקס וועגן. די געשיכטע וועגן אַמסטערדאַמער פישער, למשל, לייגט נישט אַוועק אויף דעם פישערס טיש אַ ברעקל פון בעל־הבית׳טיש, נאָר די גאַנצע ריזיקע גלויבנס ירושה פון יום־כפּור ווערט אין גראַנדיעזער איינפאַכקייט אַוועקגעלעגט אַנצושפייזן דעם האָרעפּאַשניק.

עס איז נישט קיין פּראָלעטאַרישע דערציילונג. מעגלעך, דער אַמ־סטערדאַמער פישער האָט געהאַט אַ קאָנטראַקטאָר איבער זיך אָדער נישט. (דער פאַרטרעטער פון „ריינער" פּראָלעטאַרישקייט איז גאָר געווען פּינסקי אין זיינע דערציילונגען פון 1894 — 1898). פּרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט

ביים האָרעפּאַשניק. פאַר אים האָט ער די ירושה־פאַרוואַנדלונג דורכגעפירט. די ירושה־פאַרוואַנדלונג פאַר דעם פּראָלעטאַריער איז געבליבן פאַר אַ שפּעטערדיקער צייט.

פּרץ האָט געמאַכט אַ נייע עפענונג אין דער כמו־טעריטאָריע. ער האָט גענומען אַרויסבאַפרייען אירע צוזאָגן אויף להבאָ פון זייער פאַרגלייווערטקייט. ער האָט זיי גענומען מקיים זיין אין היינט. האָט ער געמאַכט דעם ערשטן שריט אין דעם איבערגאַנג פון במקום צו קינסטלערישן עקוויוואַלענט פון רעליגיע.

דאַרף שוין זיין קלאָר, אַז אַלע דריי גרונט־טענדענצן זענען די זעלביקע כמו־טעריטאָריע־טענדענץ. זיי זענען אַלע דריי צו געפינען ביי יעדן פון די פּיאָנערן — גרויס־תכלית ביי אַלע דריי. אין „שלמה ר׳ חיימס" דעקט מענדעלע אויף דאָס פּנים פון דער ירושה; און מנחם מענדל און טביה זענען געקנאָטן און געשטאַלטיקט פון ירושה־שטאָף. דאָס וואָס די כמו־טעריטאָריע־טענדענץ באַווייזט זיך פאַר אונדז אין דריי געשטאַלטן — מיט איר אייגענער געשטאַלט, מיט גרויס־תכלית צוערשט און ירושה־פאַרוואַנדלונג צולעצט — קומט דערפון, וואָס אין אָט־דעם סדר האָט זי זיך פונאַנדערגעעפנט פאַר די פּיאָנערן, לויט זייער גראַד אָנשעפונג פון איר. דעם טיפסטן שעפּ האָט געמאַכט פּרץ מיט זיין פונאַנדערעפענען די ירושה, מיט זיין אַוועקשטעלן פאַר דער יידישער ליטעראַטור די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען די ירושה אין מאָראַל־ענערגיע פאַר מאָדערנעם געברויך. ער האָט אָנגעשעפּט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור. עס איז געווען ווי די כמו־טעריטאָריע וואָלט אַראָפּגענידערט פון איר הייך. מען האָט נאָך פאַר דעם קיין נאָמען נישט געהאַט, נאָר מען האָט זיך דערפילט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי ביי זיך אין דער היים. די כמו־טעריטאָריע־טענדענץ איז איבערגעגאַנגען פון טונקעלער אומבאַוואוסטזיניקער אידייע צו אָפענער, ליכטיקער אילוזיע. און עס איז אַלעמאָל די ווירקונג פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — אַז די ליטעראַטור ווערט נאָרמאַליזירט ווי ביי די טעריטאָריעלע פעלקער. זי נעמט זיך טראָגן מיט איר אייגענעם אימפּעט. זי רופט אַרויס שריפטשטעלער. זי רופט אַרויס אוידיענץ. שריפטשטעלער שטעקן אָן איינע די אַנדערע. די ליטעראַטור ווערט פרוכטבאַר. מען שאַפט ליטעראַטור לשמה, ווי מען וואָלט געזעסן ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, נישט ביים באָדנלאָזן יידישן פאָלק. עס קומט ווירקלעך פאַר פאַרמערונג פון דער ליטעראַרישער קונסט־קראַפט.

קונסט לשם קונסט! — ווערט פראָקלאַמירט. מען דאַרף נישט און מען וויל מער נישט אונטערגעטריבן ווערן פון טענדענצן. דער אמת אָבער איז: דאָס האָט אַלץ די כמו־טעריטאָריע טענדענץ אַרויסגערופן דורך איר אַנגעזעטיקט ווערן ביז צום גראַד פון אַ ווירקלעכקייט־אילוזיע. זי איז בעיקר אַ ליטעראַטור־פּראָדוצירנדיקע טענדענץ.

די אילוזיע האָט זיך אויסגעלאָשן, אָבער פּרצעס השפעה איז געבליבן. ער איז דער שעפעריש־סטער ליטעראַטור־שאַפער ביי אונדז דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן די קאַנדיציעס, וואָס שאַפן ליטעראַטור. ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן דעם ציל: פון במקום צו קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע. און אונדזער ליטעראַטור באַוועגט זיך לויט זיין אָנווייזונג — אַלץ נייערע כמו־טעריטאָריעלע מיטלען אַרויסקריגנדיק, ביז די ליטעראַטור וועט נעמען מקיים זיין וואָס די יידישע רעליגיע וואָלט איצט באַדאַרפט טאָן, ווען זי וואָלט געווען אין פולער אַקציע: ענטפערן דער וועלטס אַרויסרוף צום יידן מיט ווערק פון דערלייזערישע אַנטפּלעקונגען.

* * *

די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — נאָך פּרצן מעגן מיר זי אַזוי אָנרופן — האָט אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און האָט גענומען דאָ אַרבעטן, מיט אַ נפקא מינה, נאַטירלעך: — אין נייע פאַרוואַנדלונגען.

לכתחילה איז זי דאָ נישט געווען בנמצא. ווייל דאָ איז נישט געווען קיין יידישע עדה, קיין כנסת ישראל, וועלכע זאָל זי אַרויספאָדערן. אָבער לייענערשאַפט איז דאָ געווען. פּראָלעטאַרישע שעפער זענען דאָ געווען — עס האָט זיך דאָך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט זיך פּראָלעטאַריזירן אין די שניידער שעפּער — און אַ סאָציאַליסטישע פירערשאַפט איז געווען, וואָס האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז נאָך 25 יאָר וועט דאָס שניידער פאָלק פאַרגעסן יידיש. איז פאַר אַווילע נאָר יידישע ליטעראַטור.

וואָס פאַר אַ טובה אַזאַ גלויבן האָט געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור, ווייסן מיר שוין. עס האָט געדאַרפט קומען די מרידה פון די „יונגע" זי אָפּצוראַטעווען. יעמאָלט האָט זי זיך באַוויזן — די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע. ווייל יעדן פּרימאַרגן פלעגן אַ מיליאָן יידן זיך אויפכאַפּן מיט דעם פריילעכן געפיל: אַזויפיל יידן! אַ גאַנצע יידישע מדינה! — און אַזויפיל יוגנט צווישן דעם מיליאָן, אַ צעבונטעוועטע פון דער רעוואָלוציע, אַן אויפגעוועקטע צו ליטעראַטור. און די „יונגע"

זענען געווען אַ טייל פון איר. יעמאָלט איז זי געקומען די אילוזיע אויף אַלעם פאַרטיקן. און ווי איר שטייגער איז האָט זי געבראַכט מיט זיך אַ ליטעראַטור־אויפלעבונג. זי האָט אָנגעשפּאַנט די געמיטער פון די „יונגע" מיט שפּעריִשן דראַנג ביז צום עקספּלאָדירן — און מאַני לייב איז געווען דער ערשטער צו עקספּלאָדירן מיט זיינע עלף לידער אין זאַמלבוך „ליטעראַטור" — די לידער, וואָס האָבן געשאַפן מאַני לייבן. וואָלט איך על פּי יושר געדאַרפט אָנהייבן מיט אים. אָבער איך וויל נאָכפאָלגען די פאַרוואַנדלונגען פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע אין אַמע־ריקע, און יוסף אָפּאַטאָשו איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט דער ערשטער זי פאַרוואַנדלט—מאַטעריאַליזירט אין אַ טעריטאָריע ראָמאַן.— כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע — גלייך אַראָפּגענידערט פון דער טע־ריטאָריע של מעלה צו דער טעריטאָריע של מטה, און מען קאָן זי שטו־דירן ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. ווער עס צווייפלט נאָך, אַז די יידישע ליטעראַטור גייט אויף דר. זשיטלאָווסקיס וועגן — צום טעריטאָ־ריאַליזם — זאָל לייענען אָפּאַטאָשון.

נאָר ניט מיט אַמאָל האָט אָפּאַטאָשו זיך אָװעקגעזעצט שרייבן די „פּוילישע וועלדער". אָנגעהויבן האָט ער ווי אַלע „יונגע" דוקא מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער צו־געדיכטער יידישקייט פון די העלדן און פּערסאָנאַזשן פון דער יענע־זייטיקער יידישער ליטעראַטור, די ווערק פון י. ל. פּרצן איינגעשלאָסן.

ביי אָפּאַטאָשון איז עס נאָך געווען אַ ספּעציעלער פּראָטעסט קעגן ספר, וואָס דאָס האָט ער באַוויזן מיט דעם אויסוואַל פון זיינע ערשטע העלדן. ניט ספר־יידן, ניט באַנק־קוועטשער, וואָס האַלטן זייערע האַרץ־בלאַטן איינגעקלעמט צווישן די טאָוולען פון די גמרא׳ס, נאָר דוקא אונ־טערוועלט מענטשן, קונצנמאַכערס, פערד־גנבים, קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס מען זאָל זיי אָפּגילטן, וועלן זיי אין אַ ספר ניט אַריינקוקן, און וואָס די יוכע פון תאוה בושעוועט אין זיי אַזוי שטאַרק, אַז ווען זיי ווערן פאַרכאַפּט פון איר, פילן זיי ניט די ערד אונטער זיך — פליען זיי אויף פערד און שפּרינגען אויף שטריק. רויטבלוט — האָט ער זיך צעשריען מיט זיין פען, נישט אַ בלאַס וואַסערל, וואָס האָט זיך דורכגעזויגן דורך שמות. אין זיין משפּחה האָט ער געהאַט ביידע מינים יידן: גמרא־יידן און וואַלד־יידן, וועלכע האָבן זיך משדך געווען, איז ער אַליין געשפּאָלטן געווען אויף אויבערוועלט און אונטערוועלט. האָט ער אין זיין יוגנט־פּראָטעסט זיך געשטעלט אויפן צד פון די וואַלד־יונגען, וועלכע זענען געווען שמעל־

קעס מיט פערד־הענדלער, שמעלקעס מיט פערד־גנבים, שמעלקעס מיט קונצנמאַכער און מיט דער גאַנצער אונטערוועלט.

געגעבן די בכורה דעם אונטערוועלט־העלד האָט ער זיכער אונטער דער השפעה פון דער דאַמאָלס הערשנדיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור טענדענץ צו רעאַליסטישער ראָמאַנטיק. — האָט ער מיט הנאה גע׳חוזק׳ט איבער דעם בוך־אינטעליגענט, וואָס דערשטיקט כלומר׳שט זיינע גלוסטן, כדי ערגיץ־וואו צו געבן זיי אַ געהיימען אויסוועג דורך עפּעס אַ פאַר־קריפּלונג. האָט אים הנאה געטאָן אַריינצולייענען אונטערוועלט־מענטש אין דעם כלומר׳שטן אויבערוועלט־מענטש — אויסצושפּירן טריפה׳נע תאוות אין פרומער פאַרשטעלעניש פון צדיק. און עס האָט אים הנאה גע־טאָן צו שילדערן די פרוי — כשר׳ע טויב — ווי זי צאַפּלט אין אַנטציקונג אין די קלויען פון אַ רויב־פויגל. און נאָך מער נחת האָט ער געשעפּט פון שילדערן קינדער־ליבעס, וואו די דערוואַכנדיקע געשלעכטלעכקייט אי־בערזעצט זיך אַזוי חנ׳עוודיק, אָן שום ריס, אין שפּראַצנדיקן ליבע־חלום.

דאָס איז דער שטאָף פון זיינע ערשטע דערציילונגען פון היימישן לעבן. — אין זיין ערשטער דערציילונג „אויף יענער זייט בריק״ האָבן מיר זיי שוין אַלע: אַ קונצנמאַכער איז דאָ, און אַ גוי, וואָס וואַלגערט זיך צווישן געפּענגעניש, שענק און רינשטאָק, און אַ מיידל איז דאָ, וואָס איז ספק טענצערין ספק גאַסנמיידל, אָבער אַ מיידל — אַ ברען. און אַ ווייב איז דאָ וואָס פאַר אייפערזוכט, וואָס דער מאַן ציט זיך צו דער מויד, איז זי יוצא מיטן גוי, און אַ יינגעלע איז דאָ, וואָס קוקט זיך צו צו דעם אַלעמען מיט זשאַדנע אויגן, און גייט שוין אין זיינע חלומות אין טאַטנס פוסטריט.

די פיר העלדן פון דער דערציילונג זענען זיין אָריגינעלער פאַר־מעגן — ער וועט זיי אַריבערטראָגן קיין אַמעריקע און אין פאַרשיידענע גלגולים זיי דערפירן אַזש ביז צו דער „טענצערין״. אַפּאַטאַשוס גרונט־אייגנשאַפט איז שוין דאָ — האַסטיקייט, אָבער ער האָט נאָך קיין קאָנטראָל נישט איבער איר. ער לויפט נאָך די העלדן זיינע, זיי יאָגן אים אַריבער. אין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב״ איז ער שוין אויפן פערד, און גאַלאָפּירט מיט די העלדן צוזאַמען אין איין טעמפּ; אויך דער שטאָף איז אויפגעהויבע־נער, געלייטערטער. אַן אויבערוועלט־שיינקייט־שלייער אַרויפגעוואָרפן אויף אונטערוועלט־תאוה־גערודער; אַ חלום־ווינט אויף דער זודיקער פּאַרע. פאַנטאַזירנדיקע תאוה — אַ צוזאָג, אַז ער וועט באַלד אַרויפקלעטערן צו דער אויבערוועלט. דער סוזשעט איז אַ קאָמבינאַציע פון ביידע וועלטן: אַן

אידעלע באַלעבאַטישע מיידל פאַר׳כשופ׳ט דעם דרייסטעסטן פון די פערד־גנבים און ווערט פון אים פאַר׳כישופ׳ט.

ער האָט אַראָפּגעבראַכט גאַרקין מיט האַמסונען קיין אַמעריקע און געהייסן זיי קוקן מיט זיינע אויגן אויף מלאָווע. גאַרקיס געוועזענע מענטשן האָבן געלייענט האַמסונס „פּאַן״ אין אָפּאַטאָשוס יידיש. איז אַרויסגעקומען דערפון אַזאַ פאַרכאַפּנדיקע מעשה, וואָס די יידישע לייענער פון גאַרקין און האַמסונען האָט זיך דאָס נישט גע׳חלומ׳ט.

בלויז אַ פערטל דערפון איז השפּעה. דריי פערטל איז געווען זיין פערזענלעכער פאַרמעגן, גע׳ירש׳נטע פּסיכאָ־פיזיאָלאָגיע.

די קרייציקונג פון צוויי בלוט־שטראָמען אין אים, בלוט־מישונג — דאָס איז עס, וואָס האָט זיך געוואָרצלט אין אָפּאַטאָשוס צאַפּלדיקסטן שאַפונגס־אָדער. בלוט־מישינג צווישן רייך און אָרים, צווישן אַלט און יונג, באַהאַלטענערהייט צווישן ייד און גויע און צווישן כשר׳ער צנועה און אונטערוועלט־העלד.

ער וועט אָבער אינגיכן אַראָפּוואַרפן די השפּעה און אָפּשטעלן וועט זיך אים אַן עיקר, וואָס ער וועט מיטנעמען אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק:

ביידע העלפטן פון זיין פאַרמעגן זענען אַרומגענומען געווען מיט איין וויקלשנור — כישוף. כישוף פון לייב און כישוף פון נשמה; דער פרומער כישוף פון דער שטילער פרוי און דער טריפענער כישוף פון ווילד־מיידל; און דער פאַרבלענדעניש־כישוף פון קונצנמאַכעריי, דער אָבערגלויבישער כישוף פון אָפּשפּרעכעניש און בלייגוס; דער חסיד׳ישער כישוף פון שמות און צירופים — און דער מיסטישער כישוף, וואָס ווערט געפּראַוועט מיט דער הילף פון געשפּענסטער. און פון די אַלע סאָרטן כישוף און זייערע מייסטערס, פון די מכשפים און מכשפות, פון די קונצנ־מאַכער, טענצערינס, רביים און גייסטערזעער וועט שפּעטער, אין אָפּאַטאָ־שוס וויטערדיקע ווערק, אַ ליניע געצויגן ווערן צו די מאָדערנע מכשפים — פאַנטאַזיאָרן, רעוואָלוציאָנערן, פּאָעטן, אַקטיאָרן און אַלערליי קינסטלער.

מיר קאָנען שוין פון זיינע ערשטע ווערק כאַראַקטעריזירן זיין סטיל און זיין מאַנער אין כאַראַקטער־שילדערונג:

— ווייל ער האָט געלייענט דעם מענטשן פון צוויי פלאַכן מיט אַמאָל — דעם אונטערמענטשן און דעם אויבערמענטשן, האָט זיין פען געוואונען אַ טאָפּלטע באַוועגלעכקייט, אַ יאָגנדיקע אימפּעטיקייט. אַ קורצער אָפּגע־האַקטער זאַץ, אַ זאַץ אין אַ זאַץ, און יעדער זאַץ איז האַנדלונג. יעדער

זאַץ דערציילט. אפילו באַשרייבן באַשרייבט ער דורך דערציילן. אַ כאַ־ראַקטער־שטריך ווערט נישט באַשריבן, נאָר דערציילט. אפילו אָרט ווערט דערציילט. ער לויפט שנעל, שנעל, האַנדלדיק, דערציילנדיק, פון פינ־טעלע צו פינטעלע, ביז ער דעקט דעם גאַנצן שטח. פון צייט ווערט אָרט. וואָס ווייטער האָט דעם רב'ס קאָפּ געוואונען מער קאָנטראָל איבערן וואָלד־יידן דעם דערציילער, אָבער דער פּרינציפּ איז געבליבן: פון צייט—אָרט. אַזוי בויט ער אויך זיין דערציילונג. אַזוי איז אויך אויפגעבויט דער ראָמאַן „די פּוילישע וועלדער": דורכגעלאָפן דורך אַ שטרעקע אין צייט און עס איז געוואָרן דער אָרט — פּוילן.

און דורך דעמזעלביקן פּראָצעס פון שפּאַלטן דעם מענטשן אויף צוויי פּלאַכן, האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד פון אַזוי־צו־זאָגן סוב־יעקטיווער אָביעקטיוויטעט — די אינטימע סעקרעטן, וואָס ער געפינט אין זיך, שניידט ער אויגנבליקלעך אַרויס מיט אַ שאַרפן לאַנצעט און טוט עס קאַלטבלוטיק אָביעקטיוו אַריין אין זיינע העלדן — און סוביעקטיווי־טעט ווערט אָביעקטיוויטעט.

אויסגעליידיקט זיך פון זיין היימישן פאַרמעגן קערט אָפּאַטאָשו זיך אום קיין ניו־יאָרק, אָבער דעם שטאָף — דעם פּויליש־יידישן אונטער־וועלט־מענטש — וואַרפט ער נישט אַוועק. ער דאַרף אים פערזענלעך מער נישט האָבן, אָבער ער קאָן אים צונוץ קומען צו דער אַרבעט. ווי דער כלל איז אין דער ליטעראַטור, האָט דער שטאָף אים שוין געגעבן זיין אינסטרומענט. סיי ווי מעסט יעדער מענטש אַ צווייטן מיט זיין איי־גענער מאָס — דאָס הייסט מיט זיין אייגענעם שטאָף — יעדן פרעמדן מענטשן, און טרעפט נישט שלעכט. און אַ שריפטשטעלער אַ רוס קאָן נעמען זיין רוס און אָפּמעסטן מיט אים דעם אַמעריקאַנער און כאַפּן דעם מהות מענטש אין אים.

האָט אָפּאַטאָשו מיט זיין שטאָף־אינסטרומענט זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין ערשטער אויספאָרשונג־עקספּעדיציע אין דעם יידישן לעבן פון אַמע־ריקע.

דער שטאָף־אינסטרומענט, וואָס שניידט אונטערמענטש־פּאַסן פון מענטשן, פלינק, אימפּעטיק, אָביעקטיווירנדיק סוביעקטיווע סעקרעטן — ווען אָנגעווענדט אויף אַמעריקע — האָט תיכף געגעבן אַ רייכן רעזולטאַט. עס האָט אויפגעדעקט אַ פּלאַסט פון יידישן לעבן דאָ אין לאַנד — די האַלבע אונטערוועלט, וואָס קלעפּט צו געוויסע יידישע פּרנסות — וואָס אויב זי איז פריער געווען נישט אינגאַנצן פאַרהוילן, האָט זי אָבער גע־

פונען אַ גאַנץ בלאַסע אָפּשפּיגלונג אין דער עלטערער יידישער ליטע־ראַטור: פריער איז עס געווען בלויז גענגסטער שאַבלאָן, קאָפּירט פון דער קרימינעלער צייטונגס־כראָניק. דאָ ביי אָפּאַטאָשון איז עס געווען אַ קווער־שניט דורכן שמעלץ־טאָפּ, וואָס האָט געוויזן די קרייציקונג פון די איינפלוסן, וואָס די פיל־פעלקערלעכע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף אַמעריקע, האָבן איינע אויף די אַנדערע, בעת זיי גייען דורך דעם ערשטן שמעלץ. דער ערשטער יידישער רויער עלעמענט איז אין אַן אויפגע־לייזטן צושטאַנד. אַלע פריערדיקע מאָראַלישע בינדונגען זענען צעריסן. ביי די עלטערע איז זייער נאַטור־שטאָף — אַ טייכל פון צע־פלאָסענער תאווה, וואו עס שווימען אַרום רעשטן פון אַמאָליקער גוטס־קייט. די יינגערע, אַריינכאַפּנדיק די ערשטע שאָסן פון אַמעריקע, פורעמען שוין געמישטע אַמעריקאַנער טיפּן. אָט איז אַ מיידל פּאָלי, די פאַרוואָנדלטע הפקר־מויד פון אָפּאַטאָשוס ערשטער היימישער דערציי־לונג „אויף יענער זייט בריק": — פילנדיק אַנגעצילעוועט אויף זיך די גלוסטנדיקע בליקן פון יונגע מענער פון פאַרשיידענע פעלקער, ווערט זי אָנגעברענט מיט לוסט אויסצופּרובירן די ליבע־רייצן פון יעדן פון זיי. איז זי אַ שטיק געשלעכט־פּאַספּאָר, וואָס צינדט, אַ פלאַמנדיקער תאווה־צוזאָג, טרייבט זי צו מעסער־געשלעגן און פאַרברעכנס. דער שוואונג פון אַמעריקע האָט לויזגעריסן אַלע זייערע חיה׳שע אינסטינקטן. אָט איז אַן אינטעליגענט פון דער היים, וועלכער איז דורך אָט דער פּאָלי פאַר־ווילדעוועט געוואָרן. איצט איז ער אין דער סטאַדיע פון אַ פילאָזאָפירנ־דיקן וואַגאַבונד. און גאָר גיך וועט ער ווערן דער אָנפירער פון אַ גאַנצער גענגסטער־באַנדע.

און ווען אָפּאַטאָשו האָט זיין פאָרשונג־אינסטרומענט, וואָס גראָבט אויס דאָס אונטערוועלטיקע אין מענטשן, אָנגעשטעלט אויף אַ קלאַס העכער — העבראַיישע לערער — האָט ער נאָך אַמאָל אויפגעעפנט אַ קרומע אָפּשפּיגלונג פון אַמעריקע, ווי זי האָט זיך דורכגעבראָכן דורכן אימיגראַנט־אינטעליגענט: די ווערים, וואָס צעפרעסן אַ היימישן כאַ־ראַקטער זענען דאָ געוואָרן אָנגעלאָפן, אָנגעצויגן און אָנגעשפּאַנט — צו דינען פאַר די הויפּט־פּרוזשינעס פון אַ כאַראַקטער־אַפּאַראַט, וואָס זיכערט דערפאָלג. אַ פאַראויסכאַפּונג פון אינטעליגענט־קאַריעריסט.—דער אונטערמענטש האָט אָפּאַטאָשון געדינט צו אַנטפּלעקן דעם אונטערגרונט פון כאַראַקטער.

פון זיינע ניו־יאָרקישע דערציילונגען איז דער לייענער באַוואוסט־זיניקער געוואָרן וועגן די כחות, וואָס ווירקן אין יידישן לעבן פון אַמע־

ריקע. די יידישע אַמעריקע איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער ליטע־ראַטור. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליטעראַרישע באַלאַגערונג פון אַמעריקע, כדי איינצונעמען דאָס לאַנד פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דעם יידן.

דאָס איז געווען נישט נאָר אָפּאַטאָשוס פּערזענלעכער פאַרדינסט, נאָר אויך דער פאַרדינסט פון דער נייער באַשטעלערין אויף יידישע ליטע־ראַטור — די פרישע מונטערע יוגנט, וועלכע האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דער מדינה, כדי צו מאַכן זיך אַן אָרט אין איר, כדי זיך איינצובירגערן — און די ליטעראַטור האָט זיך גענומען איינבירגערן מיט איר. אַ גאַנץ נאַטירלעכער פּראָצעס. און אָפּאַטאָשוס מעלה איז, וואָס ער כאַפּט אויף דער ערשטער נאַטירלעכע ליטעראַטור־פּראָצעסן. דערצו אַן איניציאַטאָר, און האָט ליב זיך צו פאַרמעסטן. (ער האָט שטודירט אויף אינזשענער־מעסטער, אָבער פּראַקטיצירט האָט ער זיין פּראָפעסיע בלויז אין זיין שריפטשטעלעריי.)

דאָס האָט זיך געגעבן אין רעזולטאַט פון אָפּאַטאָשוס ערשטן אַריינ־דרינגען אין אַמעריקע. פאַר דער צווייטער אַריינדרינגונג האָט ער זיך פון איר דערווייטערט אויף אַ מהלך — אין רוים און צייט. און ער איז דאָ צוגעקומען צו זיין גרעסטן פאַרמעסט — דעם טעריטאָריע־ראָמאַן — די „פוילישע וועלדער".

„אייננעמען דאָס לאַנד" — די אָפּענסיווע אויף אַמעריקע — מיינט נישט דווקא דירעקטע אַטאַקע. עס קאָן אויך מיינען די פאַרפולקאָמונג פון כלי־זין, מיט וועלכן מען פאַרמעסט זיך, די פאַרמערונג פון דער וואָג און באַטייט פון דער יידישער ליטעראַטור, די אויסברייטערונג פון איר פאַרנעם. און פונקט ווי פאַר זיין ערשטן אַריינדרינגען האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ שטאָף־אינסטרומענט, וואָס ער האָט אים אויסגעשליפן אויף היימישע שילדערונגען, אַזוי האָט ער זיך ווידער אָוועקגעלאָזט אין די היימישע מרחקים אַריינצושלייפן נייע שאַרפקייט אין זיין שטאָף־אינסטרומענט. פון דעם שטאַנדפונקט דאַרפן די „פוילישע וועלדער" פאַררעכנט ווערן פאַר אַ ווערק פון פאַרמעסטן זיך מיט אַמעריקע.

דער ראָמאַן האָט אָפּגעענטפערט דעם דראַנג צו טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָס באַטייט עס? און צו וואָס איז עס נויטיק? ליטעראַטור ביי טעריטאָריעלע פעלקער פּראָדוצירט זיך פון זיך אַליין אין באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן פון דער וואַקסנדיקער צאָל לייע־נער, וועלכע קומען צו פון זיך אַליין, ניט־געבעטענע. אַזאַ ליטעראַטור

דאַרף נישט האָבן קיין קינסטלעכע מיטלען זיך אויפצוהאַלטן. און זי איז במילא טעריטאָריעל אין איר כאַראַקטער: עס וועלן במילא אויפקומען ווערק, וואָס וועלן געבן דעם צוזאַמענהאַנג פון די מענטשן, קלאַסן און פּאַסירונגען אין די ראַמען פון טעריטאָריע.

דאָס אַלץ איז נישט בנמצא ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק. די ליטע־ראַטור דאַרף קינסטלעך זיך באַשאַפן אַ טעריטאָריעלן כאַראַקטער און קינסטלעך אים זען אויפצוהאַלטן, ווייל ליטעראַטור איז באַרופן צו אָר־גאַניזירן און צוזאַמענצוהאַלטן דאָס באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק. ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק דאַרף די קינסטלעך־געשאַפענע טעריטאָריע פאַר־בייטן די פאַקטישע טעריטאָריע. ליטעראַטור דאַרף געבן דעם צוזאַמענ־האַנג פון מענטשן, קלאַסן און פּאַסירונגען, פונקט ווי דאָס פאָלק וואָלט געזעסן אין די גרעניצן פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע און וואָלט גע־פירט אַ דורכאויס זעלבסטשטענדיקן לעבן אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן.

און פאַרוואָס־זשע ניט קיין אַמעריקאַנישער, נאָר אַ פּויליש־יידישער טעריטאָריע ראָמאַן? אַ גוטער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פּוילן איז דער ריכטיקער אָרט — די יידישע אַמעריקע איז נאָך דעמאָלט נאָך נישט קיין פולע צוויי דורות אַלט געווען. וואָרים וואָס מיינט ליטע־ראַטור־טעריטאָריע ביי אַ פאָלק, וואָס האָט קיין אייגענע זעלבסטשטענ־דיקע טעריטאָריע נישט, און קיין פאַררונדעטע אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפט־לעכקייט נישט, וואָס גייט מיט טעריטאָריע? — דאַרף צו דעם שטח אין רוים — צו דעם ישוב — צוגעגעבן ווערן אַ שטיק שטח אין צייט — אַ געשיכטלעכער פאָס — אין דעם הינטערגרונט פון היינט — כדי צו ווייזן די געשיכטלעכע פאַרוואָרצלטקייט פון די יידן אין דער לאַנד, וואָס דינט זיי פאַר אַ ישוב. און פאַר אַזאַ אונטערנעמונג איז דער פּוילישער יידי־שער ישוב גוט צוגעפּאַסט. יידן אין פּוילן האָבן שותפות׳ע געשיכטלעכע באַרירונגס־פונקטן מיט די פּאָליאַקן.

די „פּוילישע וועלדער” נעמען אַרום די עפּאָכע — זינט די פּוילישע חסידות האָט זיך שוין אַזוי געהאַט פאַרפעסטיקט, אַז זי האָט שוין גע־קאָנט אָנהייבן גיין באַרג אַראָפּ אין ירידה אַריין, אָן ריזיקע פאַר איר עקזיסטענץ; מיט אַריינגעוואָרפענע ריקבליקן צו דער נאַפּאָלעאָנישער צייט — ביז צום מאָמענט, ווען די יידישע אינטעליגענץ האָט געשלאָסן איר רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישן שידוך מיט דער פּוילישער אינ־טעליגענץ.

פאַר דעם ראָמאַן האָט אָפּאַטאָשו זיך אָנגעגורט מיט זיין גאַנצן פלייס און וויסן — מיט זיין באַהאַוונטקייט סיי אין דער יידיש־חסיד׳ישער געשיכטע און ליטעראַטור און סיי אין דער פוילישער געשיכטע און ליטעראַטור. און אין צוגרייטונג צום ראָמאַן האָט ער אפילו איבערגעאַרבעט זיין פאָרשונגס־מעטאָד—זיין שפּיציקן אינסטרומענט, וואָס עגבערט־גרונטעוועט זיך ביז צום אונטערוועלט־עלעמענט, אין צוטרויען צו זיין אינסטרומענט, האָט ער זיך שוין געקאָנט דערלויבן אַריינצוקוקן אין דער מענטשנס אויבער־וועלט, אין דער סאַליע, וואוהין די טריפענע אונטערוועלט־איינסטינקטן דערגרייכן פאַרוואַנדלטע און פאַרשלייערטע, אויסגעפּוצטע פאַר אַ טאַנץ־פּאַראַד פון ליבעס און חלומות פון עקסטאַזן און התלהבות׳ן.

אין צוגרייטונג צו די „פּוילישע וועלדער" שרייבט אָפּאַטאָשו אַ ריי דערציילונגען, וואו ער לערנט זיך לייענען די אונטערשריפט גלייכצייטיק מיט איר איבערזעצונג אין אויבערשריפט:

„שאַטנס" — ברודער און שוועסטער, אויסגעצערטע און אויסגעצערטלטע אור־אייניקלעך פון די פראַנקיסטן, וואָס זענען אויפן שוועל פון בלוט־אויסמישונג, שרויפן זיך אַריין אין משוגעת, מיט פאַרגלאָצטע בליקן צו דער שכינה, כדי זייערע אויגן זאָלן נישט זען, וואָס עס גייט צווישן זיי געשען...

איז אָפּאַטאָשו צוגעקומען צו די „פּוילישע וועלדער" מיט אַ פאַרטאָפּלטן אינסטרומענט אויף צו פאָרשןביידע מענטשישע וועלטן, וואָס דאָס האָט נאָך באַוועגלעכער און אימפּעטיקער געמאַכט זיין פאָרשערישע זשעדנעקייט, זיין שניידנדיקן שרייב־מעטאָד. ער האָט באַריידעוודיק געמאַכט די צווייטע העלפט פון זיין אָפּשטאַמונג — פון רבנישע משפחות — בעת פריער האָט ער נאָר זיין וואַלד־משפחה׳דיקייט געלאָזט רעדן דורך זיך.

האָבן מיר דאָ אין די „פּוילישע וועלדער" אַרויסגעפירט די גאַנצע יידיש־פּוילישע פּאַנאָראַמע פון אַלע קלאַסן, קרייזן און מינים יידן, און אַ היפּש ביסל אויך פון די ריין פּוילישע מינים: — וואַלד־יידן און וואַלד־גוים; יידישער המון־עם און פּויערטום; חסיד׳ישע הויפן און שלאַכטישפּויערשע אויפשטאַנדן. חסידישע סוחרים און פריילעכע קבצנים, וואָס זייער גאַנצע עשירות אין זייער אמונה אין רבין. און רבנים, קינפּטיקע און אָפּגעדאַנקטע, גיהנום׳דיק־פאַנאַטישע און געהייליקטע אין תמימות, וואָס גייען צו זייער זכות דורך זעלבסט־פּייניקונג און קרבן. מיט דער צענטראַלער טראַגישער פיגור פון מענדל קאָצקער, אין וועמען די חסידות

האָט זיך איבערגעבראָכן אויף צו גיין דעם וועג פון ירידה — ווייל צו הויך איז זיין רבייאישער באַרוף און צו נידריק איז די רביישעווירקלעכקייט — דער ניצוץ פון בעל־שם אין אים קאָן נישט פאַרטראָגן די נאָענטקייט פון פוילן שטרוי, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דעם בעל־שמ׳ס טראַדיציע — אָבער אַ געפאַנגענער אין זיין רביישן שטול, פאַר׳משפט ער זיך צו צענדליקע יאָרן שוויגן, וואָס ער רייסט איבער פון צייט צו צייט מיט הימל אויפרייסנדיקע פּראָטעסטן. און מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי פון אָט־דעם אינערלעכן פונאַנדערפאַל פון חסידות נעמט זיך אויסטיילן יידישע אינטעליגענץ — זון און אידים, טעכטער און שנור — פאַר דעם שידוך מיט דער פוילישער אינטעליגענץ.

אַנטקעגן דער היסטאָרישער געשטאַלט פון מענדל קאָצקער האָט אַפּאַטאָשו אַוועקגעשטעלט צוויי שפּאָגל־נייע פון אים באַשאַפענע געשטאַלטן — קלענערע אין ראַלע, דערפאַר אפשר סקולפּטוריש בולט׳ערע אין געמעל—די געשטאַלט פון ישראל דעם באַרוועסן, וועלכער פאַרקערפּערט דעם פאַנאַטישן וואָכעדיקן גזר: חסידות מוז זיין! אַ רבי מוז זיין! — און די אידעלע רבי־געשטאַלט פון ר׳ איטשע, וועלכער ענטפּערט גוט יום־טוב אויף דעם פאָלקס לעכצעניש נאָך עלית נשמה און התלהבות.

ביידע געהערן שוין איצט צו דער יידישער היסטאָרישער גאַלעריע, ווייל זיי ווערן שוין איבערגע׳חזר׳ט פון אַנדערע.

און יוגנט איז דאָ, פון וועלכער עס שיילן זיך אַרויס אַלע קינפטיקע יידישע מינים: — סאָציאַליסטן, נאַציאָנאַליסטן, גאָטזוכער, משיח׳יסטן. און פרויען זענען דאָ — ליכטיקע צנועות, וואָס ציט זיי צו הפקרות, און הפקר־פרויען, וואָס עס ציט זיי צום מיסטישן פאַרגיין זיך אין בלוט־געמיש. דורך די פרויען ווערט דער שידוך צווישן דער יידישער און פוילישער אינטעליגענץ געשלאָסן. מען זעט באַשיינפּערלעך ווי אַזוי עס געשעט: הינטער דעם רוקן פון עלטערן משכיל משיחיסט פערלע גיט זיך איבער לייבלעך דורך זיין יונגער פרוי פעליציע דער יידישער משיח׳יזם אין פוילישן מעסיאַניזם. זעט מען די פול־דערוואַקסנקייט פון אַפּאַטאָשו: וואָסער מין אינטעליגענט ס׳זאָל אים נישט אַנטקעגנקומען, מעסט ער אים אָפּ זיין פולע גרויס און אַליין בלייבט ער מיט אַ קאָפּ העכער.

און קינדער־ליבעס זענען פאַראַן, מיט וועלכע אַפּאַטאָשו האָט ליב זיך צו פאַר׳שכור׳ן, ווייל קינדער זענען געפעסן, אין וועלכע די ערשטע שטאָפּן פון געשלעכט שמעלצן זיך אויגנבליקלעך איבער אין ליבע־פאַנטאַזיעס. און מיט קינדערשע ליבע־פאַנטאַזיעס, אין וועלכע וואַלד,

פעלד און די ווייקסל שפילן אַריין זייערע לעגענדעס, זענען פול די ערשטע טיילן פון ראָמאַן; און מיט יוגנט־ליבע־פאַנטאַזיעס די אַנדערע טיילן; מיט ליבע־פאַנטאַזיעס איז אָנגעזאַפּט די גאַנצע לופט פון ראָמאַן, דאָס איז עס וואָס האַלט צוזאַמען אַלע זיינע טיילן אין איין גאַנצקייט.

און די צווייטע צוזאַמענהאַלטנדיקע קראַפט איז די צענטראַלע פיגור מרדכי, אין וועמען אַפּאַטאָשו האָט אָביעקטיווירט זיך אַליין.

מרדכי איז אומעטום, וואו דער שריפטשטעלער אַפּאַטאָשו איז פער־זענלעך געווען אין דערפאַרונג אָדער פאַנטאַזיע — צווישן וואַלד־יידן, אין לומדיש־סוחר׳ישן וואַלד־הויז פון זיינע עלטערן, אין די קינדער־ליבעס, אין די נסיעות צום רבינ׳ס הויף, ביים פונאַנדערפאַל פון הויף, אין די מיסטישע ליבע־אַנטציקונגען פון די יונגע פרויען פון הויף, אין זייערע באַנאַכטיקע גאָטעסדינסטן צו דער פאַרהייליקטער תאוה־אהבה, אין דעם אידייע־תאוה־שידוך מיט דער פוילישער אינטעליגענץ. אין די יידיש־פוילישע מעסיאַנישע עבודות אין פאַריז און אין די שלאַכטן פון פוי־לישן אויפשטאַנד פון 1863.

איז אָבער טשיקאַווע: דאָרט וואו אַפּאַטאָשו דורך מרדכי וואַרפט אַ זייטיקן בליק, שענקט בלויז אַ טיילכעלע פון זיין האַרץ־ און פאַנטאַזיע־אינטערעס, איז די געשטאַלט, דאָס געשעעניש פאַרלעבעדיקט; אַ טייל־כעלע איז געענוג פאַר אַ סוביעקטיווער באַשטעטיקונג פון אַן אָביעקטיוון פאַקט. אָבער וואו אַפּאַטאָשו באַזעצט זיך מיט זיין גאַנץ האַרץ, ווי אין מרדכי, איז וויפיל מען זאָל מרדכי נישט פילן, דאַרף מען אים נאָך אַלץ זוכן: וואו איז ער? ווייל זיך אַליין זעט מען דאָך נישט. צוגעגעבן זאָל זיין אַז אין זיין קינדהייט און יוגנט — אין עלטערן־הויז — אין זיינע וואַלד־ליבעס, אין זיינע וואַנדערונגען ביז צום רבינס הויף, ביז ער פאַרלאָזט דעם הויף — איז מרדכי אַליין, מיט אַלע זיינע אַפּאַטאָשישע אַנדערש־קייטן — אַ זשאַדנער שלינגער פון לעבנס־טראָפּנס, אַ פאַרטאַיעטער אין אַ חלום — איז מרדכי, און יעדע צופעליקע באַגעגעניש זיינע, שאַרף געשטאַלטיקט ביז צום איינקריצן זיך אין זכרון. פאַרשטענדליך: פון זיין קינדהייט און יוגנט איז אַפּאַטאָשו אַליין אַ דערוויטערטער. אָבער ווי נאָר מרדכי קומט אין איינע יאָרן מיט אַפּאַטאָשו, ווערט ער מטושטש.

און ווייל מרדכי איז דער שריפטשטעלער, איז ער דאָס רוב נישט דער הויפט־העלד, נאָר דער הויפט־צושויער, וועלכער באַוועגט זיך אין אַ זיגזאַגישער צייט־ליניע, אין ענלעכקייט צו אַפּאַטאָשוס סטיל, דורך קאַרי־דאָרן פון סביבות, געשעענישן, קלאַסן, לענדער; אָפּט צווישן זיך נאָר

געבונדן דורכן אויג פון הויפּט־צושויער; און דאָך, ווידער אַמאָל אין ענלעכקייט צו אָפּאַטאָשוס סטיל, לייגט זיך פּאַרט אויס פון דער צייט־באַוועגנג אַ ברייטער דורכאויסיקער שטח, מיט הימלען און האָריזאָנטן — אין גראַנדיעזע סצענע, וואָס אין יעדן ווינקעלע פון דער סצענע איז לעבעדיקע באַוועגונג פון פאַרשוינען און ס׳טוט זיך מעשים. — און דער לייענער, ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דעם ראָמאַן, איז אין דער בחינה פון איינעם, וואָס האָט דורכגערייזט אַ טעריטאָריע פון ברעג צו ברעג, און האָט באַזוכט אַלע אירע ווינקעלעך, און האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט איר אַז ער פילט זיך כמעט ווי אַן איינגעבאָרענער בירגער פון דער טעריטאָריע. אַזאַ לייענער וועט גערן צוגעבן די אומפאַרמיידלעכקייט דערפון, וואָס פּערציק יאָר נאָכן שלוס פון ראָמאַן האָבן יידן זיך געשלאָגן אויף באַריקאַדן אין לאָדז און וואַרשע פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

אָט וואָס פאַר אַ גוזמא עס דערלאַנגט זיך אַ שריפטשטעלער, ווען ער כאַפּט זיך אַרויף אויף דעם כמו־טעריטאָריעלן טראַקט פון דער יידישער ליטעראַטור — אַ פול באַפּעלקערטע מדינה, וואָס מאַכט געשיכטע.

די „פּוילישע וועלדער" האָבן איינגעפונדעוועט די ערשטע טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם און יענעם לאַנד פונדעווען זיך יידישע ליטעראַטור־טעריטאָריעס, און די יידישע ליטעראַטור איז אויפן וועג צו אַן אַלוועלטלעכער יידישער טעריטאָריע.

און די באַזע פאַר דעם שטרעקן זיך צו אַלוועלטלעכער טעריטאָריעלקייט איז אַמעריקע. פון דאַנען איז געקומען דער ערשטער שטויס. דער כמו־טעריטאָריעלער געפיל האָטביים אַמעריקאַנעם יידן זיך אויסגעברייטערט אין פאַרנעם ביז צום פאַרגעפיל פון אַן אַלוועלטלעכער יידישער טעריטאָריע — שוין דורך דעם פּשוט׳ן פיזישן פאַקט, וואָס די מדינה אַמעריקע איז מעבר לים, און אויף יענער זייט ים זענען פאַרבליבן אַ גרויסע צאָל יידישע לענדער, און פון אַלע די לענדער אין אין אַמעריקע אַ קבוץ גליות — און אָט־דער פאַרגעפיל האָט געפאָדערט און געמאָנט אַ ווערק, וואָס זאָל אים אויספילן מיט תוך. און אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער" זענען דאָס געקומען אין אָפּענטפער אויף אָט־דער פאָדערונג און מאָנונג.

די יידישע אַל־וועלט־טעריטאָריע, ווען רעאַליזירט דורך דער ליטעראַטור, וואָלט אודאי אַריינגעגעבן גבורה אין דעם יידישן פאַרמעסט מיט דער אַמעריקאַנער סביבה: מיר קומען צו דיר אַמעריקע, ווי פאַרטרעטער פון אַ וועלט־פאָלק, וואָס געדויערט דורך אַלע צייטן. און במילא

וואָלט עס שוין גוט געטאָן דער ליטעראַטור אויך. נאָר אפילו ווען נישט פול רעאַליזירט, בלויז מיטן ערשטן שטרעק צו אַלוועלטלעכער טערי־טאָריע — מיט דעם פאַרפונדעווען אין דער ליטעראַטור די טעריטאָריע פון פוילן — האָט זיך שוין פאַרמערט די גבורה פון דער ליטעראַטור־אַטאַקע אויף אַמעריקע — וואָס צום בולט־סטן האָט עס באַוויזן טאַקע אַפּאַטאָשו אַליין אין זיין וויטערדיקן שאַפן נאָך די „פוילישע וועלדער".

דורך דער איבונג אויף די „פוילישע וועלדער" האָט ער נאָך מער פאַר־שפיציקט זיין פאַרשערישן הויפט־אינסטרומענט, זיין פאַלמעסנדיקן זע־לאַנצעט, וואָס פלעגט שניידן אונטער דער הויט ביזן ביין. איצט האָט ער גענומען שניידן ביזן מאַרך פון ביין, ביזן נערוו, ביזן נפש. האָט ער מער נישט געדאַרפט — צוערשט פאַראיינזייטיקן זיין בליק צו זען בלויז דאָס רוי־עלעמענטאַרע ; דערנאָך אַרויפליינען דערויף דעם פיינערן נער־ווען־פירוש. נאָך די „פוילישע וועלדער" לייענט ער לייב און נשמה ווי איין שריפט. האָט זיך געשטאַרקט זיין גרונטפייאיקייט צו אָביעקטיווירן סוביעקטיוועס. איז אים געווען גענוג געוואָרן איין אינטים־באַקאַנטער סימן אין אַ נייער געשטאַלט, ער זאָל אויגנבליקלעך איינזען די ענלעכקייטן און די אונטערשיידן צווישן איר און אַ פריער פון אים אַרויסגעפירטער געשטאַלט, וואָס דינט אים פאַר אַ מאָס. נישט קיין סימן, אַן אַנצוהערע־ניש איז אים גענוג. — צווינגט ער מיט כח פון מח זיין סטיל אַרויסצור־דריקן דאָס טונקעלע אַנצוהערעניש. אָט איז אַ מיידל אין פּאַרק אויפן וועג צו האַי־סקול — אַ „טאָג"־דערציילונג — עפּעס אומבאַשטימטעס פרילינגדיקעס איז דאָ אין איר ווען — זיין סטיל האָט עס געפּאַקט און האַלט פעסט דאָס אוימבאַשטימטע.

גאָר באַזונדערע בריה׳שקייט ווייזט אַפּאַטאָשו מיט שטומע באַשע־פענישן, וואָס מען קאָן פון זיי נישט נאָר קיין געדאַנקען, אפילו קיין ווערטער נישט אַרויסקוועטשן. באַדינט ער זיך מיט פאַנטאַזירנדיקן בילדער־וואַרפעניש, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון זיינע יוגנטלעכע פאַנטאַזיע־עקספּעדיציעס, און גיט אַ פּינקטלעכע באַשרייבונג פון אַ פּסי־כישן צושטאַנד, אפילו וואו דער מענטש איז האַרט ביי דער ערד און פּסיכיש אַזוי שטום ווי די ערד.

אין „פּייערדיקע צלמים" איז דאָ אַ דינסטמיידל, אַ נישט דערבאַקענע שיקסע, וואָס מען קאָן גאָר נישט חושד זיין, אַז אין איר מח באַוועגט זיך עפּעס אַ שטיקל געדאַנק. פּלוצלונג נעמט די שיקסע באַוויזן סימנים פון חכמה, אפילו פון העזה, אפילו פון אויסגעלאַסנקייט. וואָס איז געשען ?

דער קו־קלוקס קלען פון דער געגנט, מיט איר בעל־הבית בראש, קלייבן זיך אָנצינדן „פייערדיקע צלמים״, כדי אָנצואוואַרפן אַ שרעק אויף די קאַטויליקן. און די שיקסע האָט געהאַט אַ קאַטוילישן טאַטן. דאָס איז די נקמה וואָס עפּנט איר אויף דעם מח. — קנייפּט אַפּאַטאַשו אַרויס מיט דער פּען נשמה פון אַ לייב, וואָס איז אפילו נישט ווערט אָנגערופן צו ווערן לייב.

סיידן אַפּאַטאַשו האָט קיין ברעקל פּערזענלעכן אינטערעס אָוועקצו־שענקען צו אַ פּאַרשוין, אָדער אין דער איילעניש פון וועכנטלעכער באַ־שטעלונג — פאַרלאָזט ער זיך אויסשליסלעך אויף דעם כח פון זיין סטיל. בלייבט אַ ליידיקער אָפּשטאַנד צווישן אים און דער פּאַרשוין. פאַררעדט ער דעמאָלט די מחיצה מיט מליצה. בדרך כלל אָבער, קאָן ער צוקומען צו פּאָזיציעס, וואָס זענען אַ מהלך ווייט פון אים, קאָן דורכדרינגען דורך יאָרהונדערטער, דורך יאָרטויזנטער, און דערטאַפּן מענטשן; און אַבי ער האָט אַ טראָפּן וואַרעמקייט זיי צו אַנטלייען, גיט ער צו שמעקן דעם באַזונדערן ריח פון זייער לעבעדיקער מענטשישקייט (די טענצערין „רייז־לין״, דער אַלטער צירונג־הענדלער אין „פּונדקא רטיבתא״).

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז זיין דערציילונג נאָך די „פּוילי־שע וועלדער״ געוואָרן אַן אויסגעשפּרייטע נעץ פאַר אַ מענטשן־פאַנג. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין ווייטערע פּאַרשונג־עקספּעדיציעס — דאָס מאָל בפירוש מיט דער כונה „אויסצוזען דאָס לאַנד״ פאַר אַן אַמעריקאַנער טעריטאָריע־ראָמאַן. יעדע פון אים געפונענע סיטואַציע אָדער כאַראַקטער זענען פינף־זעקס מאָל פון אים וואַריאירט געוואָרן אין דערציילונגס־פאָרם, כדי זיי זאָלן ראוי ווערן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין טעריטאָריע־ראָמאַן.

האָט ער אויסגעמאָסטן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע אין דער לענג און דער ברייט און ער האָט דאָ נאָך אַמאָל אַנטדעקט זיינע וואַלד־יידן — אין אַלע זייערע אַמעריקאַנישע פאַרוואַנדלונגען — סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.

אין שטאָט, וואו זיי אַרבעטן זיך אַרויף צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט גאַנצע אינדוסטריעס, געשטיצט אויף מיטגעבראַכטן ברוטאַלן כח און גלייכצייטיק אונטערגעיאָגט פון דעם חלום וואָס טראָגט זיך איבער די אַמעריקאַנער גאַסן — צו ווערן תקיף, האַר, צאַר, וואָס אַרודעוועט מיט מיליאָנען — און ער האָט אויסגעפאָרשט דערביי די „כשר־טשיקן־ביזנעס״ וועלכע איז נאָך כאַראַקטעריסטיש־יידישער, ווי די קלאָוק־אינדוסטריע —

אַ גאַנצע „יידישע מלוכה", מיט אייגענע געזעצן און אייגענער פּאָליציי.

אין דאָרף וואו זיינע וואַלד־מענטשן ווערן פּאַרמערס. — אַ גאַנצע גאַלעריע פון יידישע פּאַרמערס האָט ער אויסגעשטעלט — נאַאיווע, פּשוט׳ע, תמים, אָבער פאַרפּאַנצערטע מיט אַמעריקאַנישער האַרטקייט, ביטערקייט, גלוסטיקייט — וואָס מעג אַלץ, אויב מען קאָן נאָר, און דאָך פאַרהאַלטענע אינמיטן גלוסטן דורך דער יידישער שאלה: צי מען מען עסן טריפה, אויב מען כשר׳ט עס? — און ער האָט ביי דער געלעגנהייט אַנטדעקט אַ נייע אַלטע אומה: די קעטסקיל־יענקיס.

און ער האָט נאָכגעפאָלגט, ניט אָפּלאָזנדיק זיין אויג פון זיי, זיינע היימישע קונצנמאַכער. זיי האָבן דאָ אַ שלעכטע מערכה: זיי זענען שלימ׳מזל׳דיקע קינסטלער. און זיינע היימישע קונצנמאַכערינס, וואָס האָבן דאָ אַ בעסערע מערכה: איינע פון זיי האָט איר ליבע־לוסט דער־הויבן צו קונסט־געגנוס, און ווי קינסטלער זייערע ווערק, פּאַרקויפט זי עס פאַר געלט; און זי האָט זוכה געווען צו אַ ראָלע אין געפּלאַנעוועטן טעריטאָריע־ראָמאַן, וואָס אויף איר נאָמען וועט ער טאָקע הייסן: „די טענצערין".

און ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם גורל פון זיינע היימישע רבנים און רביים אין גלות אַמעריקע: האָט ער אַזעלכע, וואָס האָבן גלייך אויסגע־ביטן זייער תורה אויף אַמעריקאַניש קליין־גרויס־געלט. און אַזעלכע, וואָס אַמפּערן זיך און ראַנגלען זיך ביז זיי קייקלען זיך אַראָפּ צו פּראָוון וואַרשעווער חסידות „פּאַ־אַמעריקאַנסקי".

און דאָ האָט ער געמאַכט אַן ערשט־קלאַסיקע אַנטדעקונג: אין זיין אומדערמידלעכער זוכעניש נאָכן עכטן יידישן טיפּ, נישט פון דער אַלטער היים איבערגעפלאַנצטן, נאָר דאָ אין אַמעריקע באַשאַפענעם — האָט ער דאָ אויסגעפונען דעם אַמאַליקן אָריגינעלן רבין, ווען רביים פלעגן אויפ־שטיין אין זייער אייגענעם זכות; אין קאָמבינאַציע מיט דעם וואַלד־יידן האָט ער אים געפונען. ווי אַ וואַלד־צדיק האָט ער זיך צו אים אַנט־פּלעקט. נאָך איידער עמיצער האָט חושד געווען אַז אַזאַ מענטש איז דאָ, נאָך איידער די יידישע פּרעסע האָט געמאַכט סענסאַציע מיט אים. דאָס איז ער, האָט אַפּאַטאָשו זיך געזאָגט, דער געזוכטער הויפּט־העלד פאַרן אַמע־ריקאַנער טעריטאָריע־ראָמאַן. בפירוש גייט דער וואַלד־צדיק אויף פאַר־מעסט מיט אַמעריקע, נישט בלויז די יידישע אַמעריקע, נאָר גאַנץ אַמע־ריקע איינצונעמען פאַרן יידישן גאָט, פאַר אַ גרויסן יידישן וואונדער. ער האָט בפירוש אַ נייעם טייטש אויף גאָטס מעשים און אויף זיין כונה

מיט אַמעריקע. און ער האָט אַ נייע עבירה, אין וועלכער די אַמעריקאַנער — יידן און גוים — זענען גלייך שולדיק: אָפּקומען מיט לייכטינקן. מציאה־כאַפּעריי הייסט די עבירה. און ער האָט אַ נייע מצוה: אַ פאַראיינפאַכטן מענטש־קרבן; דעם מענטשלעכסטן קרבן — מענטש דינסט ביז מסירת נפש מיט מעשים מכל יום. און ער רופט אין אַ נייער שול: אין וואַלד אַרייַן, אין פליטה פון די די טומלדיקע אַמעריקאַנער כרכ׳ן. און אַנגעלאָדן איז ער מיט אַלוועלטלעכן יידישן באַוואוסטזיין: ער האָט מערערע מאָל דורכגערייזט אַלע יידישע לענדער, — ביז ער האָט סוף־כל־סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף אַמעריקע — דאָס איינציקע לאַנד וואָס איז ראוי. און עס שמעקט פון אים מיט גאָר אַ סך עכטער אַנקל־סעמישער גראָבלעכער פּיאָנערישקייט, וואָס נעמט דאָס שווערסטע מיט גרינגן שוואונג. — און וואָס ער דערערדט נישט, נאָר ס׳בעט זיך אַרויסצוזאָגן: ער גלויבט באמונה שלמה, אַז די גאולה וועט קומען פון אַמעריקע.

ער ענדיקט אין טראַגישן אומזין: עס איז נישטאָ קיין פּליטה פון די אַמעריקאַניעש כרכ׳ן. דער כרך ניו־יאָרק יאָגט אים אָן אין זיין וואַלד באַהעלטעניש אין ניו־דזשורזי; ער שיקט אָן אויף אים דעם ביזנעס שד, וועלכער רינגלט אים אַרום מיט דעלענסי סטריט־יאַריד און טרייבט אים אַרונטער אונטער די רעדער פון כרכ׳ישן מלאך המות — אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פליט פון ניו־יאָרק דורכן חושך מיט זיינע פייערדיקע גלאָצערס...

זיכער איז דורכן וואַלד־צדיק געבראַכט געוואָרן צו באַוואוסטזיין דער האַלב־באַוואוסטזיניקער דראַנג פון עלטערן אימיגראַנטן־דור איינצוונעמען דאָס לאַנד — צו אַקטיוויזירן די יידישע ראָלע אין אַמעריקע — אַ פאַרזוך מיט אַלט־מאָדישע מיטלען. ווי רעפאָרמירט, ווי אַמעריקאַניזירט דער וואַלד־צדיק זאָל נישט זיין, רעדט ער אַלט־מאָדישע נשמה־שפּראַך. מיט שם־המפורש׳ן וועט מען די אַמעריקאַנישע כרך־ציוויליזאַציע נישט בייקומען. פון כרך וועט קומען דער מעטאַד, וואָס וועט אים באַצווינגען. אַ יינגערער דור דאַרף זיך מעלדן צום אויסלייז־דינסט. און ס׳האָט אויסגעזען, אַז אַפּאַטאָשו האָט געפונען אַ יוגנט־נשמה, וואָס איז גרייט. דאָס איז פּנחס, דער זון פון וואַלד־צדיק. — מיט סמיכה אויף רבנות, איז ער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט סאָציאַליזם. און דאָ ווערט ער פאַרכאַפּט פון פּאָטערס פאַרמעסטן זיך מיט דער גאולה אויף אַמעריקע. עס איז קלאָר, אַז ער דאַרף ירש׳ענען די אונטערנעמונג פון זיין פאָטער. איז ער טאַקע דער באַרופענער? — פרעגט דער לייענער, און אַפּאַטאָשו לאָזט אים בלויז טרעפן. דערוויל דאַרף פּנחס נאָך געפּרואווט ווערן מיט דער פרוי,

וועלכע איז דאָ אַ קינסטלעריין אין פרוי־זיין. דאָס איז די פאַרוואַנדלטע היימישע קונצנמאַכעריין, וואָס דאָ איז זי די „טענצעריין". פנחס דאַרף נאָך באַווייזן, וואָס איז אים טייערער — צי דאָס גליק, וואָס ער קאָן נע־מען, צי דאָס גליק, וואָס ער קאָן געבן.

פנחס, דער זון פון וואַלד־צדיק, איז אין פּראָיעקט אַ סך מער פון זיין פאָטער: אי ער איז באַרוישט פון טעם פון אַלטן יידישן גלויבנס־ווייַן; אי ער קוויקט זיך מיט דעם פאַרגעשמאַק פון דעם גרויסן נצחון, וואָס יוגנט חלומ'ט פאַר דעם האַרעפּאַשנעם מענטשן. און ער איז גערעכטער פון זיין פאָטער: נישט ווי אַ פּרוש אין וואַלד פליטה מאַכן און פון דאָרטן שיקן קללות אויפן כרך—נאָר אינמיטן כרך זיך שטעלן און די געוואַלט־כחות, וואָס דער כרך אַליין האָט אַרויסגערופן, איינשפּאַנען פאַר מלחמה מיטן כרכ'ס רשעות. דאָך, ווייל אַפּאַטאַשו נישט ענטפערן צי פּנחס איז דער באַרופענער. אין דערזעלביקער צייט און אויפן זעלביקן אָרט, וואו דער פאָטער פאַלט אונטער די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו, פאַלט דער זון אין די אָרעמס פון דער כשופ'דיקער פרוי — און דאָ ווערט דער ראָמאַן אי־בערגעריסן.

דער ראָמאַן האָט געזאָלט זיין אַ קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף אַמע־ריקע. אויסגעלאָזט האָט זיך אַ פּראָבע־אַטאַקע. די אמת'ע אַטאַקע דאַרף נאָך קומען.

פאַרוואָס אַזוי? — זענען די אָביעקטיווע אומשטענדן נאָך נישט פאַר־טיק? אפשר נאָך צו פרי? ערשט צוויי דורות אַלט?

אָדער אָפּאַטאָשו אַליין איז נאָך נישט גרייט? ער האָט נאָך נישט גענוג אָנגעזאַמלט סוביעקטיווע חלומות, אינטימע סעקרעטן וועגן דעם יידנס ראָלע אין אַמעריקע, אויף צו שפּייזן מיט זיי זיין העלד — דורך דער אָפּעראַציע, אין וועלכער ער איז פון זיין יוגנט אַזוי געאיבט — צו שניידן פון זיך קאַלטבלוטיק שטיקער האַרץ אויף אַוועקצושענקען זיין העלד? — יאָ, ער האָט צופיל זיך פאַרלאָזן אויף זיין כח קאַלטבלוטיק צו אָביעקטיווירן. ער האָט פאַראויסגעשיקט דעם איניציאַטאָר, דעם אונ־טערנעמער, דעם אינזשינער־מעסטער־פאַרמעסטער, איידער דער שריפט־שטעלער אין אים האָט זיך אָנגענומען מיט גענוג האַרץ פאַר דער אונטער־נעמונג — אפילו דער אינזשינער, וואָס האָט געפּלאַנעוועט די „טענצע־רין", איז נישט געווען קלאָר און פעסט ביי זיך, וואָס איז ער אויסן. דער פּלאַן, ווי ברייט ער איז נישט פאַרטראַכט, וויפיל קווערשניטן ער מאַכט נישט דורך פאַרשיידענע יידישע קרייזן — אָנהייבנדיק פון כשר־ביזנעס־

ברעג, לויפט דער פּלאַן דורך דער חסידיש־האַרעפּאַשנער סביבה, ביז צום וואַלד־צדיק, אַריינכאַפּנדיק ברעגן פון דער יאהודימשער סעקציע, פון דער יוגנט־סעקציע — אָבער אין סך־הכל האָט דער פּלאַן זיך פאַרלאָרן אין בלאָנדזשענישן נאָך ריכטונג און ציל. קאַפּיטלען איינגעפּרעסטע מיט פאַרבילדלעכטע לעבנס־שטיקער; געדיכט באַפּעלקערטע מיט פאַרלעבע־דיקטע שטייגערישע און „טשודנע" פאַרשוינען — אָבער די קאַפּיטלען אַלע צוזאַמען בלייבן שטיין אין אָפּענעם דרויסן. אַ סברה, אַז אפילו ביי אָפּאַטאָשון איז עס נאָך אַלץ דעם שריפטשטעלערס געפיל, וואָס גיט מיטל־פונקט, גאַנצקייט און גענויע פּראַפּאָרציעס דעם אינזשינערס פּלאַן.

פונדעסטוועגן, איז דער אויפטו פון ראָמאַן נישט קיין קליינער. דער פּאַקטישער מאַטעריאַל איז צונויפגעזאַמלט צו פּראָקלאַמירן לכל־הפּחות ניו־יאָרק פאַר אַ יידישער טעריטאָריע. און נישט קיין אַנדערער ווי אָפּאַ־טאָשו האָט עס געטאָן. דער אינסטינקט פון „טעריטאָריאַליסט" — דעם ערשטן „טעריטאָריאַליסט" אין דער יידישער ליטעראַטור — איז נאָך וואָך אין אים. און ער האָט עס געטאָן די זאַמלונגס־אַרבעט. עס האָט נאָר געפעלט, ער זאָל אויס׳חלומ׳ען פנחס׳ן ביזן סוף.

אָבער דער עיקר־אויפטו פון ראָמאַן איז דער וואַלד־צדיק. אים האָט אָפּאַטאָשו אויסגע׳חלומ׳ט ביזן סוף — וויפיל עס האָט זיך געלאָזט מיט אַ פאַרשטייער פון עלטערן דור. אפשר דערפאַר ווייל ער איז אַ גלגול פון ר׳ איטשן. אין זכות פון וואַלד־צדיק האָט דער ראָמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ נאָרמאַל, רעאַליסטיש, פון דער פּאַקטישער יידישער טעריטאָריע של מטה אין ניו־יאָרק — פלוצלינג זיך אַ הייב געטאָן, אפשר אומבאַמערקט פאַרן לייענער, צו דער טעריטאָריע של מעלה, אַריינכאַפּנ־דיק איר הויפּט־סימן: די אַלוועלטלעכע יידישע שליחות. דער וואַלד־צדיק איז בפירוש אַ משולח של מעלה. דעריין איז אָפּאַטאָשו נישט איינער. די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, דערהויפּט די פּאָעזיע, נעמט זיך אָן מיט אַלץ מער סימנים פון דער טעריטאָריע של מעלה. זי גייט דעם טראַקט פון „כמו־טעריטאָריע" צו „במקום־רעליגיע", און נאָך ווייטער—צום קינסטלערישן עקוויוואַלענט פון רעליגיע—דוקא אין אַמעריקע, וואו די כנסת ישראל איז נאָך אַלץ נישט בנמצא. און די פמליה של מעלה העלפט נישט אונטער. פון וואַנען נעמט זיך דאָס ?—גאַנץ פשוט:

איבערנעמנדיק דעם מאַנדאַט צו אָרגאַניזירן דעם זעלבסט־באַוואוסט־זיין פון קבוץ, איז די ליטעראַטור — דאָס מיינט דער שריפטשטעלער, וואָס טראָגט אחריות פאַר דער ליטעראַטור, דער וואָס גייט דעם גרויסן

טראַקט, נישט דער פּוסגייער אויף דער ליטעראַטור־גאַס — איז די ליטע־ראַטור גאָר גיך דורכגענומען געוואָרן מיט פּאַרגעפּיל פון אומזיכערקייט. עס האָט זיך דערטראָגן צו איר דער ריח פון פריען אונטערגאַנג, — דהיינו, אַז אָט־דער מאַטעריעל זיכערער קבוץ וועט גייסטיק זיך אויס־גליטשן — זיך אָוועקרוקן אויסער דעם גבול פון יידיש דורך דער מעכ־טיקער איינשלינגנדיקער קראַפט פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. דער דעק וועט אַרויספאַלן אונטער דער יידישער ליטעראַטור. איז עס געווען אַ זיכערקייט מיט אַ פּראָספּעקט פון סכנה. אַ זיכערקייט אויף משקולת. האָט זי צוליב זעלבסט אינטערעס, דורך דעם זעלבסטדערהאַלטונג־אינ־סטינקט פון דעם שריפטשטעלער, גענומען באַצייטנס זיך באַוואָרענען. האָט זי גענומען אינערלעך זיך מאָביליזירן, כדי צו קענען הענגען אין דער לופט — מיט כח געגנוג צו קאָנען טראָגן דעם קבוץ אָנגעהאַנגען אויף זיך.

אַזוי, אַז דורך דעם וואַלד־צדיק האָט אָפּאַטאָשו נאָך אַמאָל באַשטע־טיקט, אַז ער גייט דעם גרויסן טראַקט. דאָס קאָווירט, אַז ער וועט זיך שוין נישט אָפּשטעלן, און ווירקלעך, ס׳צייכנט זיך ביי אים אַ נייער גאַנג —אַפשר טאָקע אין דער ריכטונג פון טעריטאָריעלער אַלוועלטלעכקייט— צו אַ ראָמאַן, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע יידישע וועלט־טיילן; כדי דערנאָך פון דער יידישער אַלוועלט־פּאָזיציע אָנצוהייבן אַ נייע אָפּענסיווע אויף אַמעריקע.

איך נעם עס דערפון, וואָס ער מאַכט לעצטנס אַלץ טיפערע עקספּע־דיציעס אין געשיכטע — צום מיטלאַלטער; צום פּאַרצייטן — „אַ טאָג אין רעגנסבורג״, „ר׳ עקיבא״. — דאָס זוכט ער מסתמא ערגעץ אַ געשיכט־לעכן ווינקל פאַר אַ באַהעלטעניש, וואו צו פאַר׳חלומ׳ען אָפּאַטאָשון פון דאָס ניי, און פון וואַנען אָנצונעמען זיך מיט נייער שטויס־קראַפט פאַרן היינט.

* * *

דוד איגנאַטאָוו, דער אָרגאַניזאַטאָר און דער רעדאַקטאָר פון די „שריפטן״ — די זאַמלביכער, דורך וועלכע די „יונגע״ זיינען געקומען צום וואָרט, איז אין כמה פרטים און אין סאַמע עיקר דער היפוך פון אָפּאַטאָשון — ער האָט נאָך קיינמאָל ריכטיק זיך נישט אַרויסגע׳חלומ׳ט פון זיך. איצט, אין דרייסיקטן יאָר פון זיין שאַפן, האַלט ער ערשט אינ־מיטן פּראָצעס. בטבע מיט זייער ווייניק חשק צום אָביעקטיווירן זיך — צו שענקען אויפמערקזאַמקייט צו זאַכן און באַשעפענישן, וואָס זיינען

דרויסן פון זיין חוש. און ווען ער איז געצוואונגען געווען צו גיין דעם וועג פון טעריטאָריאַליזירונג, איז עס נאָך מער באַוויז און באַשטעטי־קונג, אַז אָט־די טענדענץ איז ממש אַ געבאָט.

לאָמיר דאָ געדענקען, אַז טעריטאָריאַליזירן זיך אין אַמעריקע מיינט ניט סתם שילדערונג פון דער אַמעריקאַנער סביבה, נאָר אַ שילדערונג, וואָס האָט פאַר איר ציל צו געבן אידן אַ ראַלע אין דער נייער מדינה.

איגנאַטאָוו האָט פון אָנהייב אָן געגומען מקיים זיין די מצוה, אַז אין אַמעריקע דאַרף אַ ייד זיך אַמעריקאַניזירן. דאַכט זיך, ער האָט נאָך קיין איין שורה נישט אָנגעשריבן פון אַלט היימיש לעבן. און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט אַזאַ נדר גענומען אויף זיך, נאָר פשוט דערפאַר ווייל זיין „טעריטאָריע" איז דאָרט, וואו ער אַליין שטייט און חלומ'ט. ווייל ער אַליין איז דער הויפט־העלד פון זיין ראָמאַן. אָנהייבנדיק פון זיין ערשט־לינג — די דערציילונג „צווישן צווי קרעפטן" — 1908 — ביז די טרילאָגיע „אויף ווייטע וועגן" — (פאַרעפנטלעכט, נאָך אַ צענדליק יאָר אַרבעט, אין 1932) — איז ער כסדר פאַרנומען מיט זיך. ברוך פון „אין קעסלגרוב", בערמאַן פון „אויף ווייטע וועגן" — דאָס איז אַלץ דערזעל־ביקער העלד פון זיין ערשטער דערציילונג, נאָר ער ווערט אַלץ קליגער, טיפער, דערפאַרענער, ענערגישער. ער וואַקסט צוזאַמען מיט זיינע מעשים. און אַלע די העלדן — אָדער דער איין העלד — זיינען פון איגנאַטאָוון גופא אַרויסגעטראָגן, אָפּן אָן פאַרשטעלעניש.

און אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז איגנאַטאָוו, טראָץ זיין קאָנצענט־רירטקייט אויף זיך אַליין, איז געווען דער ערשטער צווישן די „יונגע" איינצווזען, אַז די ליטעראַטור דאָ דאַרף זיך שטעלן אַ טעריטאָריעלע אויפגאַבע — דאָס מיינט נישט פשוט אַמעריקאַניזירן די פען, נאָר אין דעם בפירוש'ן זיך פון וואָרט — איינצונעמען דאָס לאַנד אַמעריקע פאַר אַ יידישער ראַלע. נאָך אין 1912 אין זיין ראָמאַן „אין קעסלגרוב" האָט ער עס געטאָן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער גלויבט באמונה שלמה, אַז זיין הויפט־העלד — דאָס מיינט ער אַליין — דאַרף איינגעמען די גאַנצע וועלט פאַר אַ יידישער ראַלע. אין אַמעריקע בפרט. אַמעריקע פריער פון אַלץ. זיין הויפט־העלד איז בבחינת אויסלייזער.

די אויסלייזונג אידייע פון זיין ערשטער דערציילונג — „צווישן צווי קרעפטן" — איז זייער אַ נאַאיווע. דער פראָטעסט פון פרומער יידיש־יינגלשער צניעות קעגן געבורט־קאָנטראָל. גראָבע מעכאַניק וויל

אַריינגעטראָגן ווערן אין דער בריאה, אין מענטש־באַשאַף. דער הייליקער אַקט פון ליבע ווערט פּאַראומווירדיקט. דער מענטש ווערט פּסול. שטעלט אָפּ די מעכאַניזירונג פון דעם מענטש־פּראָדוקציע, און די וועלט איז געראַטעוועט. דאָס איז געווען זיין יינגעלשער אָפּענטפער אויף דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז דאַמאָלסט געטראָגן געוואָרן אין די יידישע גאַסן. די פּראָפּאַגאַנדע לאָזט דעם העלד פון „צווישן צוויי קרעפטן" נישט לעבן, פאַרשאַפט אים קאָפּווייטיק און האַרצווייטיק. ער גייט אַרום אַ צעמישטער, און ער שטורעמט דעם הימל מיט קלאָג־געשריי.

די אויסלייזונג־אידייע פון ברוך'ן פון „אין קעסלגרוב" איז שוין מער דערוואַקסן. נאָך אַלץ אַ חלום, אָבער קאָנקרעטער: „פרייע יידישע דערפער, יידישע קאָמונעס" — אַט־אַזוי וועלן יידן זוכה זיין צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ווידערגעבורט אין אַמעריקע, אַניט איז דעגענעראַציע. דאָס איז געווען איגנאַטאָווס אָפּרוף אויף די דאַמאָלסדיקע קאָלאָניזאַציע־פּרובן, מיט וועלכע אַ טייל יידישע יוגנט האָט געגעבן צו וויסן, אַז זי וויל זיך מחדש זיין אין אַמעריקע. אייגנטלעך ווערט גאָרנישט געטאָן אין ראָמאַן פאַר יידישע דערפער, נאָר ברוך ווי אַ לעבעדיקער בת־קול רופט, און דער הימל מיט פייער־סיגנאַלן באַשטעטיקט זיין רוף.

אָבער ברוך פערזענלעך האַלט וואָרט. ער לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן צו דער וועסט — מסתמא צו דער קאָלאָניע „קלאַריאַן" אין יוטאַ.

אונטער אַן אַנדער נאָמען, אַן אַנדערש געקליידטן, אַ פאַרווינטיקטן, וואָס אַנשטאָט פייערן, ווי ברוך פון „אין געסלגרוב", האָט ער ליב שלאָגן — —טרעפן מיר אים ווידער אויפן וועג צו דער וועסט, נאָך אַלץ באַשעפטיקט מיט „איינגעמען אַמעריקע פאַר דעם יידן"—(„פּיבי", 1918). אַ צופעליגע, אָבער אַן איינגעגעבענע, דערפרישנדיקע דערציילונג, פון אַ ווינט־ניגון אויסגעפּורעמט, מעשה־אַרטיק אויף אַ פאַנטאַזיע־פאַקט אַרויפדערציילט.

אין דער טרילאָגיע „אויף ווייטע וועגן" איז די אויסלייזונג־אידייע — די אידייע פון „איינעמען אַמעריקע פאַר דעם יידן" — —פון אַ סך אַן ערנסטערן, אַרומנעמענדיקערן כאַראַקטער. אויך בערמאַן לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן אין דער ווייטער וועסט, אָבער ניט כדי אויסצופירן דאָס לאַנד פאַר „פרייע יידישע דערפער". אויב ערד־אַרבעט האָט נאָך פאַר אים רייץ, איז עס גיכער ווי זיין פּריוואַטער רעטונגס־מיטל. ער איז מיד, ער איז אַנטוישט, ער איז אַנטלאָפן פון ניו־יאָרק. ער האָט געפירט סטרייקס, געבויט יוניאָנס, געבויט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

און אַט האָט ער מיט זיין ענטוזיאַזם אַרויסגערופן אַ גענעראַל סטרייק, כדי צו גרינדן די אידעאַלע גרויסע יוניאַן. האָבן די סאָציאַליסטן־קאָמ־פּראָמיסלער געמאַכט יד אחת קעגן אים מיט די בעלי ידים — די „שטאַרקע״, וועלכע האָבן אים צעשלאָגן, צע׳מזיק׳ט, און בשותפות גרינדן זיי איצט אַ יוניאַן, ווי עס פּאַסט פאַר זייערע אינטערעסן און אינטערע־סעלעך.

האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, דער ייד, פון ניו־יאָרק אַרויס, איבערצוקערן די אָרדנונג אין אַמעריקע? קען ער אַמעריקע? — גייט ער עס איצט אויסמעסטן דאָס לאַנד, כדי אָנצוזעטיקן זיך מיט דעם גייסט פון אַמעריקע. דאָס איז די העכערע אידייע, וואָס שוועבט איבער די „פרייע אידישע דערפער״ —אַ רעטונג פאַר יידן און אַמעריקע צוזאַמען. איין גרויסע ראָלע זאָל עס זיין! — און ער באַ־געגנט זיך מיט דעם „גייסט פון אַמעריקע״ אין געשטאַלט פון אַן אַמע־ריקאַנער פאַרמער, וועלכער צע׳הרג׳עט אים אויף טויט צוליב אַ שטיקל טרוקן ברויט. אַ געפּרוּאווטער אין מדבר אַמעריקע, קערט ער זיך אום קיין ניו־יאָרק מיט אַ באַנייטן גלויבן אין יידן און סאָציאַליזם. יאָ, דער ייד האָט אַ רעכט מזכה זיין אַמעריקע מיט סאָציאַליזם, אפילו קעגן איר ווילן. אָבער אַ באַנייטער סאָציאַליזם דאַרף עס זיין, אַן אָנגעזויגענער מיט דער אייביקער יידישער גבורה פון אמונה, אַ מתן תורה דאַרף עס זיין. וואָס אירע מצוות דאַרפן זיין סאָציאַלע מעשים, וואָס פורעמען און בויען דעם מענטשן מיט דער אָרדנונג צוזאַמען. שטאַרבן שטאַרבט ער, ווען ער פּרוּווט אַריינשטעלן קאַרל מאַרקסעס תורה אין אָרון קודש פון די פרומע יידן. דאָס מאָל זיינען עס די גוטע פרומע יידן, וואָס צע׳הרג׳ענען אים אויף טויט, פונקט אין דער צייט, ווען זיינע פריערדיקע חברים, די סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער, פאָרן צו גאַסט אויף אַלעם פאַרטיקן צו דער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

נישט געקוקט אויף דער פאַנטאַסטישקייט פון דעם הויפּט־העלד, פאַרקערפּערט ער מיט זיך אַ שטיק היסטאָרישן אמת. דאָס איז געווען די אידייע פון פול גלויביקן סאָציאַליזם, וואָס האָט אויפגעבויט די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס אויף איר האָט זיך אויפגעבויט דער היגער יידישער קיבוץ. די פרומע יידישקייט איז נישט געווען דער פירנדיקער כח, נאָר האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ קאָנסערוואַטיווע משא. און די אידייע פון פולגלויביקן סאָציאַליזם ווערט נישט סתם געפּרעדיקט אין ראָמאַן, נאָר זי איז קאָנקרעטיזירט אין באַוועגונגען, פונאַנדערגע־

שפּאַנט צווישן קלאַסן, קרייזן, פּראַקציעס, וואָס זיינען אין גערעאַנגל צווישן זיך — אַ גערעאַנגל צווישן סאָציאַליסטן־פּעלשער, סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער און דעם גלויביקן, מסירת נפש'דיקן סאָציאַליסט בערמאַן. די פּולגלויביקע זענען געגאַנגען אין פּאָראויס, און די קאָמפּראָמיסלער און די פּעלשער זענען זיי נאָכגעגאַנגען און גע'ירש'נט.

עס האָט געהאַלטן גאָר נאָענט דערביי, אַז „אויף ווייטע וועגן" זאָל ווערן דער דערוואַרטעטער ראָמאַן, וואָס טעריטאָריאַליזירט אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור: ער כאַפּט אַריין אין איין ראָם אַן עפּאָכע פון פערציק יאָר—פון די „עם־עולמ'ניקעס" ביז אין דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע אַריין. איין דור סאָציאַליסטן־אימיגראַנטן בייט אָפּ דעם אַנדערן, און די יידישע אַמעריקע ווערט איינגעשטעלט — ניו־יאָרק, מיט דעם שטיק אַמעריקע, וואָס באַלאַנגט צו ניו־יאָרק.

און פאַרוואָס איז „אויף ווייטע וועגן" פאַרבליבן דער ערב־טעריטאָריע־ראָמאַן, נאָך נישט די פּולע פאַרווירקלעכונג זיינע? שולדיק איז איגנאַטאָווס מעטאָד, וואָס לאָזט זיך צום באַקוועמסטן באַשרייבן, ווען מען שטעלט אים אַנטקעגן אָפּאַטאָשוס געשטאַלטונגס־מעטאָד. אָפּאַטאָשו, ווי מיר ווייסן, טוט אַריין זיינע אינטימע איבערלעבונגען אין זיינע העלדן. זיי דינען אים ווי געפּעסן. דאַרף ער זיינע העלדן פּריער גוט אָנקוקן, אַרומטאַפּן, כאַראַקטעריזירן, איידער ער שענקט זיי זיינעם אַ פּערזענלעכן סעקרעט. און ער זינדיקט אַמאָל דערמיט, וואָס ער קאַרגט זיינע העלדן אָט־די פּערזענלעכע מתנה. איגנאַטאָוו זינדיקט דערמיט, וואָס ער לאָזט זיין העלד — זיין הויפּט־העלד — גאָר נישט אַרויס פון זיך. די מעלה זיינע, וואָס ער רייסט קיינמאָל נישט איבער דעם קנופּ צווישן זיך און זיין הויפּט־העלד, ווערט דאָ אַ חסרון. אַנדערע, אַחוץ זיין הויפּט־העלד, עקזיסטירן פאַר איגנאַטאָוון בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי זיינען אָפּשפּיגלונגען אָדער קאָנטראַסטן צו זיין הויפּט־העלד, און ער פאַרגינט זיך אפילו נישט זיי ריכטיק אָנצוקוקן.

אייגנטלעך איז איגנאַטאָווס מעטאָד דער מעטאָד פון לירישן פּאָעט, וועלכער נעמט פון זיך אַרויס אי דעם תוך, אי די פאָרם פון זיין ווערק, אפילו ווען פון הינטן אַרום איז דאָס געוועזן די ווירקלעכקייט, וואָס האָט אים אָנגעפּינקלט מיט אָנגעצונדענעם גילדענעם שטויב. נישט מער, וואָס איגנאַטאָווס פאָרם איז נישט ליד, נאָר אויסגעדיכטעטע מעשה. און קריטיקער פאַרזיכערן אים, אַז מעשיות, מעשה'לעך זיינען זיינע קינסטלעריש געלונגענסטע, גאַנצעסטע ווערק, און זיי ראָטן אים ביי דעם זאָל ער בלייבן.

אין די „וואונדער מעשיות פון אַלטן פּראַג״ האָט ער די קריטיקער צוליב געטאָן און געגעבן ריינע מעשיות אויסגעשפּונענע פון דעם זין פון דער פרומער יידישער ווירקלעכקייט. רימען זיי טאַקע דאָס ווערק. און דער אמת איז, אַז איגנאַטאָוו קאָן מעשה פּאָעט, פון די איידעלע אָנצוהערענישן און קלוגע וואונקען, וואָס דערלאַנגען זיך פון דער ווירקלעכקייט, פון די רעטענישן, וואָס זי גיט אויף; פון דעם אַראָמאַט, וואָס ווייט פון איר — פון אַט־דעם גאַנצן אורשטאָף, פון וועלכן ווירקלעכקייט דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן, פון דער צעלאָזטער ווירקלעכקייט, פון וועלכע דאָס פאָלק שמעלצט זיינע לעגענדעס — —פון אַט־דעם שטאָף, וואָס איז יאָ דאָ און נישטאָ, קאָן איגנאַטאָוו באַשאַפן שפּאָגל נייע מעשה. ער האָט אַ מעשה־דראַמע, וואו זיבן גבורים, נאָר וואָס איבערגעגאַנגענע פון מלאכים אין מענטשן צושטאַנד, זיצן אויסגעזעצטע ביי די ברעגן פון זיבן עפּאָכעס און האַלטן צו די יידישע געשיכטע און וואַרפן זיך דורך מיט די רעטענישן, וואָס איין עפּאָכע וועט שפּעטער פרעגן ביי דער אַנדערער. אַ שפּאָגל־נייע אויסטראַכטונג, באַזעצט מיט נאָר וואָס געבאָרענע באַשעפענישן פון דער פאַנטאַזיע — און דאָך האַלט זי זיך צוזאַמען אין גאַנצקייט און שענקייט, רעאַל אין איר אויסגעטראַכטקייט. ווי אַזוי? דורך דעם שמעקעדיקן טראָפּן חלום־וואָר, וואָס איגנאַטאָוו האָט אין איר אַריינגעשפּריצט? אָדער דורך זיין מעשה־אַרטיקן סטיל? דאַכט זיך, אַז די גאַנצע מעשה האָט זיך אַרויסגענומען פון פאַרצייטיקן וואָרט „אָבות״. איגנאַטאָוו איז אַ מעשה׳ניק. ער קאָן פאַרזעצן די ווירקלעכקייט אָדער פאַראויסלויפן איר מיט מעשה...

אָבער איגנאַטאָוו האָט נישט געוואָלט יוצא זיין מיט מעשה, וואָס איז איינגעבאָרן זיין געמיט. ער האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט אַ שפּריץ פון אַ טראָפּן פון אַ חלום. ווי געניוט פון עפּעס אַ כח, אָדער געצוואונגען פון עמיצן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט זיין חלום־מעשה אַריינצושפּאַרן אין דער ווירקלעכקייט; און כדי צו פאַרענטפערן און צו פאַרלייכטערן זיך דעם געצוואונגענעם איבערגאַנג צו קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, האָט ער זיך צוגעטראַכט אַ מעשה־פילאָזאָפיע, לויט וועלכע די ווירקלעכקייט גופא איז אויך מעשה, וואָס האָט פריער דעם מענטשנס נשמה זיך גע׳חלום׳ט. דער מענטש ווייס אפשר נישט פאַרוואָס אַזוינס און אַזעלכעס האָט פּאַסירט מיט אים — זאָל ער זיך פאַרהערן מיט זיין נשמה, וועט זי עס אים דערציילן.

אין „פאַרבאָרגענעם ליכט״ האָט איגנאַטאָוו זיין מעשה־פילאָזאָפיע

באַגרינדעט, שטיצנדיק זיך אויף ר׳ נחמן בראַצלאַווערס מעשיות. דער מענטש איז אַ מעשה, די גאַנצע וועלט איז אַ מעשה; מער, פאַרמער דאָס ליכט פון דיין נשמה — וועסטו צוטראָגן דיין חלק צו דער וועלטס מעשה.

אין בערמאַנען, דעם העלד פון „אויף ווייטע וועגן”, האָט איגנאַטאָוו געלאָזט קומען צום פולן באַוואוסטזיין זיין מעשה־ווירקלעכקייט־פילאָזאָפיע. בערמאַן ווייס און פּרעדיקט, אַז אָן פאַראויסלויפנדיקע מעשיות־חלומות וועט קיין ווירקלעכקייט נישט זיין. בלויז ווייפיל אַ מענטש האָט אָנגעחלומ׳ט — נישט סתם געחלומ׳ט, נאָר אָנגעהאָרעוועט חלום דורך קרבן און גרייטקייט צו קרבן — אַזויפיל איז אים באַשערט פאַרווירקלעכונג.

און בערמאַן איז מקיים וואָס ער פּרעדיקט. גלויבנס־שכור, לעגט ער דעם לעבן פּאָר זיינע חלומות־זעאונגען. פאַלט דורך איינמאָל, צווייי־מאָל, דריימאָל, אָבער אפילו אַ דורכגעפאַלענער זיגט ער. איגנאַטאָוו האָט פאַרשוואָרן בערמאַנס זעאונגען זיי זאָלן אַזוי צי אַנדערש מקוים ווערן.

די פּילאָזאָפּיע ווי די פּילאָזאָפּיע, אַמאָל קריכט זי פון דער הויט געפּרעדיקט צו ווערן; אַ פּאָר מאָל כאַפּט זי זיך אַריין אין בערמאַנס זעאונגען און פאַרדאבט זיי. בדרך כלל אָבער האָבן די זעאונגען אַלע מעלות פון איגנאַטאָווס מעשה׳דיקער דערציילערישקייט — דערצו נאָך אָנגעלאָדן מיט אַ וואָגיקן געזעלשאַפטלעכן זין, וואָס ווען מען טוט אים אַריין אין דער וואָכעדיקער פּראַקטיק, ווערט די פּראַקטיק דערהויבן צו יום־טוב׳דיקן דינסט. די זעאונגען, וואָס לויפן איבער דעם זיגזאַג פון בערמאַנס באַציאונגען מיט גערטרודן — זייערע דערנענטערונגען און דערווייטערונגען — זי איז מקיים אין דער ליבע, וואָס ער, בערמאַן, אין גלויבן — די מצוה פון פאַרטייערונג פון מענטש און מענטשישקייט — בערמאַנס ליבע־זעאונגען ענטפּערן אָפּ פון אַ באַרג דעם מענטשנס בענקשאַפטן אין טאָל — און נאָך קיינמאָל האָט אַ ליבע אַזוי נישט געוואונדערט און געבלענדט אין אַ יידישן ראָמאַן!

ווי אַ מחנה פייגל ציען זיך די זעאונגען דורך די דריי בענדער פון ראָמאַן, באַגלייטנדיק די פּאַסירונגען פון אויבן. ביי יעדער נייער ווענדונג, ביי אַ קריזיס אין בערמאַנס געזעלשאַפטלעכן אָדער אינטימען לעבן, ברעכט ער אויס אין אַ העלזעערישער עקספּלאָזיע, וואָס אַנטפּלעקט די געהיימע לאָגיק פון דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען און לאָזט טרעפן זייער שפּעטערדיקע פאַנאַנדערוויקלונג. דאָס זיינען אייגנטליך צוויי ראָמאַנען,

איינער איבערן אַנדערן, וואָס ביידע דאַרפן באַזונדער און גלייכצייטיק געלייזט ווערן; דער אויבערשטער ראָמאַן — אין מעשה־פאָרם — טראָגט די נבואה אויף דער צוקונפט — וואָס עס וועט פּאַסירן מיט דעם יידן דאָ אין לאַנד נאָכן אָפּשלוס פון ראָמאַן.

גוט וואָס איגנאַטאָוו האָט נישט געפאָלגט און נישט אָפּגעשטעלט זיך ביי מעשה פאַר גלויביקע קינדער און פאַר דערוואַקסענע, וואָס האָבן הנאָה צו פאַרשטעלן זיך פאַר קינדער. נישט פאָלגנדיק, האָט ער דער־וויילן געגעבן אַ ראָמאַן, וואָס גיט אַן אָנווייז אין דער געהעריקער ריכטונג, אַז דורך דער אָנגעשפּאַנטער יידישער גייסטיקער ענערגיע, דורך דעם סינטעז פון דער אַלטער יידישער אמונה־גבורה מיטן סאָציאַליזם, וועט דער ייד — דער יידישער האָרעפּאַשניק, דאַרף מען זאָגן — אַריינקריגן אַן ערשט־קלאַסיקע ראָלע פאַר דעם גרויסן פאַרמעסט.

אפילו ווען אַריבערשפּרייזנדיק די גרעניצן פון זיין געביט — די פאַנטאַסטישע מעשה׳לע — מישנדיק פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט און זיי ביידע מיט פילאָזאָפיע, וואָלט איגנאַטאָוו עובר געווען אויף אַלע קינסטלערישע כללים, וואָלט דער פאַרדינסט פון ראָמאַן נאָך אַלץ אַריבערגעוואויגן. אָבער ער האָט נישט עובר געווען אויף אַלע. אויף אַ צאָל יאָ.

צייטנווייז איז ער עובר אויף די כללים פון פּערספּעקטיווע. ער האַלט נישט געהעריקע דיסטאַנץ. ער קוקט צו נאָענט — ווערן זאַכן, מענטשן, פּאַסירונגען צעפלאָסן. זעט ער פנימ׳ער איבערטריבן. לויפן די פּאַסירונגען צוויי מאָל אַזוי לאַנג, וויפיל זיי האָבן געדאַרפט אין זייער געוויינלעכן גאַנג, און צעציען דעם ראָמאַן. דער עיקר, איגנאַטאָוו טרעפט נישט צו דעם פּינטעלע אין לייענערס אויג.

די מעשה מיט אים איז, וואָס ער מיינט, אַז דער לייענער זיצט אין אים גופא און קוקט מיט זיינע אויגן. סיידן דער לייענער איז געראָטן אין איגנאַטאָוון. אַליין אַ גלויביקער, וועט ער גלויבן איגנאַטאָוון. אָבער דער דורכשניטלעכער לייענער איז בטבע אַן אומגלויביקער — אַ „ציני־קער״, נעמט קיין זאַך נישט אויפן וואָרט. ער זיצט זיך ווי אַ קאַלטער גזלן און דערוואַרט מען זאָל אים אַלץ צוטראָגן קורץ און קנאַפּ, שאַרף און בולט כאַראַקטעריזירט, עס זאָל אים זיין לייכט צו געדענקען די מענטשן און זאַכן לויט אַ באַשטימטער קאַרגער צאָל סימנים. און זיי דאַרפן אים אַזוי געוויזן ווערן, אַז זיי זאָלן נישט צופיל איבער־אָנשטרענ־גען זיין השגה. אַנישט וועט ער נישט גלויבן. אַזאַ איינעם וועט די מעשה בערמאַן פאַרקומען נישט געשטויגן נישט געפלויגן.

דער גאַנצער „קונץ״ פון דער קונסט איז צוצוטרעפן דעם פאָקוס פון לייענערס ראיה, און דאַך אים ווייזן מער וויפיל ער איז געוואוינט צו זען. אַן אָביעקטיווער קינסטלער כאַפּט זער שנעל דעם „קונץ״. ביי אַ סוב־יעקטיוון גערדויערט עס יאָרן.

עס איז נישט אַזוי לייכט געווען אַזאַ איינעם ווי איגנאַטאָוו, אַ זעלבסטהיפּנאָטיזירטן, אויסצוטאָן זיך פון זיך אַליין. לכתחילה האָט ער געזען בלויז — געגנויער, געפילט בלויז — זיך און זיין הויפּט־העלד. די אַנדערע זענען פאַרטרונקען, פאַרווישט געוואָרן אין זיין פאַרגלאָצט־פאַר׳־חלומ׳טן אויג. אָבער דערזעלביקער עמיצער, וואָס האָט אים געצוואונגען איבערגיין פון מעשה צו ווירקלעכקייט, האָט אים אויך געצוואונגען לער־נען זיך זען. ברוך פון „אין קעסלגרוב״ זעט שוין וויפיל נישט איז אַנ־דערע — לכל הפּחות מיידעלשע פּנימ׳ער — והראיה, ער פאַרליבט זיך אין זיי. בערמאַן אין „אויף ווייטע וועגן״ זעט שוין די מענטשן אין געשעענישן אַזוי גוט, אַז ער קאָן האַנדלען געזעלשאַפטלעך, נישט אָפּ־נאַרנדיק זיך צופיל —נישט ווי אַ דאָן קיכאָט, וואָס שלאָגט זיך מיט ווינט־מילען.

דער אמת איז, אַז איגנאַטאָוו האָט אַרויסגעפירט אין ראָמאַן צענד־ליקע פאַרשוינען, אין וועלכע ער האָט אַן אַ שיעור אַריינגעזען. צופיל געזען. דער צופיל טויג נישט. איגנאַטאָוו דאַרף זיך נאָך לערנען זען טאָפּעלט: פאַר זיך — אַ סך, פאַרן לייענער צען מאָל ווייניקער.

ווען איגנאַטאָוו וואָלט געזען אויג אין אויג מיטן לייענער, וואָלט „אויף ווייטע וועגן״ שוין איצט געווען — באַלד, באַלד וואָלט ער געוואָרן, אַן עפּאָכע שילדערנדיקער, אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער ראָמאַן — דער טעריטאָריע־ראָמאַן, צו וועלכן עס צילט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פאַר אַ צאָל לייענער מיט אַ ניצוץ נשמה יתירה איז אויף „ווייטע וועגן״ שוין איצט אַזאַ ראָמאַן, זיי האָבן זיך דערפריידט מיט בערמאַנען: זייער העלד! אויף אים האָבן זיי אויסגעקוקט. זיי זיינען פאַרליבט אין זיין ליבע צו גערטרודן. און ווערן מיטגעריסן פון זיינע זעאונגען. און גייען מיט אין אַלע זיינע מלחמות, און נעמען זיין צד און ווילן נישט גלויבן, אַז ער איז געשטאָרבן. טאָמער יאָ, וועט ער נאָך אויפשטיין תחית המתים און ער וועט זיי פירן צו עפּעס אַ נצחון.

ווער זיינען דאָס די איינגע׳עקשנ׳טע, וואָס ווילן נישט גלויבן, אַז בערמאַן איז טויט? — דאָס איז די „יוגנט״, וואָס פאַר 25 יאָרן האָט זי

געקוואָלן פון ברוכ'ן דער קריטיק אויף צו־להכעיס. יענע יוגנט איז שוין איצט קרוב צו די פופציקער. נו, איז זי נאָך יונג אין אירע רעשטלעך און אין אירע גלגולים אין דער היינטיקער צייט.

דאָס האָט די דעמאָלטיקע יוגנט באַשטעלט ברוכ'ן און אים אַרויסגע־פאָדערט פון איגנאַטאָווס מעשה קעמערל. און איצט ווען דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען פאָרגעפיל, איז געוואָרן אַ פאַקט — די יוגנט האָט גע־שמוגלט דעם גרעניץ און איז מיט איר לייב און לעבן אויף יענער זייט יידיש; און דער גאָר היפשער טייל אירער, וואָס האָט אויסגעשטודירט אין די קאַלעדזשעס און איז געוואָרן אינטעליגענץ, איז אויך אַוועק,—בלויז רעשטלעך און גלגולים זיינען געבליבן — ווער האָט באַשטעלט און אַרויסגעפאָדערט בערמאַנען?

די ליטעראַטור האָט עס געטאָן. אַרומזעענדיק זיך, אַז אינטעליגענץ, יוגנט, יונגע פרוי זיינען נישטאָ, נאָר מיטליעריקע און זקנים און זקנות זיינען דאָ, וואָס צייטונג־נייעס לייענען זיי נאָך ווי עס איז און קוויקן זיך מיט שונד־ראָמאַן; דערפילנדיק, אַז זי האָט נישט אויף וועמען זיך צו האַלטן און בלייבט הענגען אין דער לופטן — האָט די ליטעראַטור ממש ווי אַ לעבעדיק וועזן זיך אָנגענומען מיט זעלבסטדערהאַלטונג אינסטינקט און אַזוי זיך געזאָגט: לאָמיך זיך פירן אַזוי, ווי אינטעליגענץ און יוגנט וואָלטן געווען און באַשטעלט ביי מיר געשטאַלטן; לאָמיך ביי זיך אַליין באַשטעלן כפל כפלים, וויפיל זיי וואָלטן באַשטעלט; לאָמיך אַזוי זיך וויכטיק און נויטיק מאַכן פאַר דעם יידן אין אַמעריקע, אַז איך זאָל די אַוועקגעגאַנגענע אָניאָגן און אַריבעריאָגן און זיי צוריק ברענגען — ווייל אַזוי וויכטיק און נויטיק מאַכן זייער ראָלע אין אַמעריקע דורך ענגליש וועלן זיי קיינמאָל נישט.

דאָס איז עס; ניטאָ קיין טעריטאָריע אונטער די פיס, הייבט זיך די ליטעראַטור אויף ווי אַ כמו־טעריטאָריע אין דער לופטן און לאָזט אויף זיך אָנהענגען אַן עולם, וואָס דאַרף זיך ערשט אָנזאַמלען.

און ווי אַזוי איז ליטעראַטור אַזאַ לעבעדיק וועזן, מיט אַזויפיל באַ־וואוסטזיניקייט, אַז זי קאָן באַשטעלן, אַרויספאָדערן, צווינגען? — ווייל זי ווערט דאָך געבאָרן דורכן לעבעדיקן שריפטשטעלער, ווי דער לעבע־דיקסטער טייל פון זיין נשמה לעבן. דאָס איז דעם שריפטשטעלערס זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט, וואָס קלאַפּט אין זיין באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין אין נאָמען פון דער ליטעראַטור: — זע, ראַטעווע!

פאָלגט ער וואָס די ליטעראַטור הייסט אים: ער באַשטעלט ביי זיך, פאָדערט אַרויס און צווינגט זיך.

און ביי יעדן שריפטשטעלער מאַכט די ליטעראַטור איר באַשטעלונג לויט זיינע ספּעציעלע פיאיקייטן. זי נוצט איין מעטאָד ביי אָפּאַטאָשון; אַ צווייטן ביי איגנאַטאָוון. אָפּאַטאָשו, אַ גבור אין רעאַליזם, לעגט אויס דעם פונדאַמענט פאַר אַן אַלוועלטלעכן בנין, כדי אַזוי אַרום צו פאַר׳חשוב׳ן די יידישע ליטעראַטור אין געפּיל פונעם יידן אין אַמעריקע — ער זאָל קריגן קוראַזש צו פאַרמעסטן זיך מיט איר. איגנאַטאָוו שכור׳ט זיך מיט גלויבן — און קוועלט כסדר פון זיך אַרויס שכור־גלויביקע חלום־מעשיות. מאַכט ער דעם אינוועניקסטן פאַרמעגן זיינעם פאַר אַן אינסטרומענט פון פאַרמעסט. פאַרוואַרפט אַ נעץ פון חלומות איבער די קעפּ פון זיינע העלדן. און ער לאָזט זיי אַנטדעקן ערשטע פרישע סעקרעטן פון גלויבן, ווי זיי וואָלטן געוועזן רעליגיעזע ערשטלינגע אין אַ מדבר, וואָס קוקן זיך־צו צו אַ ברענענדיקן בוש, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. און דאָס קאָן אויך חשוב מאַכן די יידישע ליטעראַטור פאַרן אַמעריקאַנער יידן און אַריינגעבן אין אים אַ יחוס׳דיק געפּיל.ביידע — אי דער וועלט־אַרומנעם, אי די אינערלעכע אינסטרומענטירונג — זיינען קאַפּאַבל צו מאָביליזירן דעם יידנס גייסט אין אַמעריקע.

אינערלעכע אינסטרומענטירונג איז דער מעטאָד הויפּטזעכלעך פון פּאָעטן — וואָס זיי זענען עס די יעניקע, וואָס שמעלצן אַריין במקום־רעליגיע, כמו־רעליגיע אין כמו־טעריטאָריע־פורעם. — בערמאַנס אָנגע־קוואָלנקייט מיט גלויבן איז איגנאַטאָווס צושטייער מיט כמו־רעליגיע־שפּייז פאַר דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ.

איז מיט אַ גוטער העלפט פון זיין שעפערישן געמיט געהערט גאָר איגנאַטאָוו צו אַן אַנדער קאַטעגאָריע, און די פּאָעטיש־וויזיאָנערישע, מעשה־ און גלויבן־טראָגעדיקע טיילן פון זיינע ווערק וועלן דאַרפן נאָכ־אַמאָל באַהאַנדלט ווערן, ווען די פּאָעטן וועלן פון מיר אויפגענומען ווערן.

* * *

א. ראַבאָי איז צו געפינען צווישן די צוויי — ווי ביי איגנאַטאָוון נעמען זיך זיינע העלדן פון אַ מעשה־פאַנטאַזיע אין אים אַרויס, אָבער גע־שטאַלטען האָבן זיי פון קאָנקרעטע מענטשן, ווי ביי אָפּאַטאָשון. להיפוך צו אָפּאַטאָשון, וועלכער רייסט אַרויס אַ פאַנטאַזירנדיק טיילכעלע פון זיך און טוט עס אַריין אין קאָנקרעטע מענטשן, ווי אין געפעסן, כדי זיי צו

באַלעבן — באַזעצט זיך ראַבאַי מיט זיין גאַנצער מעשה׳דיקער איבער־לעבקייט אין זיי; און להיפּוך צו איגנאַטאָוון, דערטרינקט ער זיי נישט אין זיין מעשה־פאַנטאַזיע, נאָר זיי בלייבן ביי אים לעבעדיק און קאָנ־קרעט, מיט זייער נאָרמאַלן אויסזען.

די פאָרמולע פאַר ראַבאַיען איז — ער מעשה׳ט און פאַנטאַזירט דורך קאָנקרעטע מענטשן. אַנדערש קאָן ער נישט, ראַבאַי. ער קאָן זיך נישט האַלטן אין דער לופטן. ער מוז פילן ערד אונטער זיך. ער מוז אָנטאָן אויף די באַשעפענישן פון זיין מעשה־פאַנטאַזיע ערדישע לבוש׳ן, פאַר אַזעלכן האָט ער זיך גלייך געלאָזט דערקענען אין זיין ערשטן בוך „איך דערצייל". פון יענע דערציילונגען לייענען מיר אַרויס: ער איז פון דער יידיש־פויערשער בעסאַראַביען, פון אַ שטעטל, וואו יעדער ייד האָט געהאַט זיין שטיקל פעלד — פון שמעקעדיקער ארץ־ישראל ערד. מיט דעם געבענטשטן טעם פון חלב און דבש; און ראַבאַי האָט דערצו נאָך געהאַט אַ ווינקל פעלד, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ באַהעלטעניש, וואו ער פלעגט באַהאַלטענערהייט לייענען אַ לשון־קודש׳דיק ספר׳ל, וואָס האָט אים מיט לעגענדע־לופט געשמעקט, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ דין, ווי צו וואַשן די הענט צום עסן; און באַהאַלטע־נערהייט פלעגט ער שטיין אונטער דעם שכנ׳ס פענצטער, וואו עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אַן אידעלע ציטעריקע מיידל מיט שוואַרצע אויגן שווייגט און קוקט און חלומ׳ט וועגן אים. און דאָס מיידל האָט אים אויך געשמעקט מיט ערדישן לעגענדע־ריח. און אַלץ וואָס עס האָט דער־גרייכט צו אים פון דער גרויסער שטאָט דורך דעם „המליץ", ווען ער פלעגט עס איבערטראַכטן און איבערדערציילן זיך, פלעגט עס אים אויך אָפּהילכן ווי אַ וואונדערלעכע פאַסירונג.

און ווען ער איז קיין אַמעריקע געקומען און איז אַריינגעפאַלן צו די „יונגע", און איז פון זיי אויפגעמונטערט געוואָרן צו שרייבן דערציילונגען, האָט ער געהאַט קלאָרע פויערשע אויגן אַלץ צו זען און צו מערקן, אָבער פאַר׳חידוש׳טע אויגן. פשוט׳ע זאַכן פלעגן זיך ביי אים רייסן אַריינגע־כאַפּט צו ווערן אין אַ וואונדערלעכער פאַסירונג, ווי ער וואָלט זיי געזען און געהערט פון אַ מהלך, פון זיין בעסאַראַבישן ווינקל ערד, זיצנדיק איבער אַ לשון־קודש ספר׳ל אונטער אַ בוים; אַ מעשה וועגן וואָכעדיקע פאַקטן פלעגט זיך ביי אים אַריינקלינגען אין אַ מעשה־לעגענדע. אויבן, אין דער לופטן, האָט די לעגענדע געקלונגען, אַז אונטן איז דאָ אַ מעשה, וואָס זיצט מיט אַלע אירע וואָרצלען אין דער ערדישער ווירקלעכקייט.

אַ היימישע ראַבאַיאישע מעשה — די איינגעגעבענע — איז געוועזן ווי אַ פלאַנץ, וואָס שפּראָצט זיך אין איר פולער גאַנצקייט פון דער ערד אַרויס און וואַקסט ביז שמעקעדיקער בלום און נוצלעכער געשמאַקער פרוכט — און דער ניגון פון דער מעשה רופט, מען זאָל קומען הנאָה האָבן. אפילו גויים מעגן קומען. ס'איז יידישע חנא!..

אַזוי איז די סאַמע ערשטע דערציילונג פון בוך — פון היימישן בע־סאַראַביען: „אַ מתנה". אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס האָבן לאַנג זיך האָלד געהאַט און זיך נישט אויסגעזאָגט, האָבן זייער ערשטע באַגעגעניש, ווי דערוואַקסענע, ביי אַ וואָגן אויפן מאַרק, וואו ער קומט האַנדלען זיין ערשטן ווייץ און זי — קויפן עופות פאַרן שטוב; און זיי קריגן מוט צו דעררייד, וואָס האָט זיך אין זיי געשוויגן. ס'וועט זיין אַ חתונה!

און אַז ראַבאַי האָט זיך אַנגעהאַרעוועט אין די ניו־יאָרקער שעפּער, האָט זיין מעשה זיך נישט אויסגעערדישט; נאָר אַלץ געדיכטער איז גע־וואָרן איר לעגענדע־ניגון, כדי אירע וואָרצלען זאָלן זיך קאָנען דורכ־פרעסן דורך דעם שטיינערנעם ברוק. — „די חתונה": — לאַנדסלייט פירן אונטער דאָס היימישע ווייב צו אַ חתן פונקט ווען ער שטייט אונטער דער חופּה מיט אַן אַמעריקאַנער מיידל — „טויט איז געפאַלן דער חתן, און אויף אים די כלה מיט אַ צעריסענעם האַרץ..." — פון דער צייטונג־כראָניקע ארויסגענומען, אָבער דערציילן דערציילט זיך דאָס ווי אַרויס־געלייענט פון אַן אַלטן פנקס, און פּאַסירט האָט דאָס אויף אָרטשאַרד סטריט!

און ווען ראַבאַי האָט נאָך לענגער געהאָרעוועט אין די שעפּער, אַלץ ענלעכער איז ער געוואָרן צו אַן איבערדערציילער פון אגדות, פון עין יעקב אַרויס, פאַר שווערע האָרעפּאַשניקעס, געוועזענע בעסאַראַבער פעלד־יידן, וואָס אַ גאַנצע וואָך טראָגן זיי דעם יאָך פון פרנסה, און שבת פאַרנאַכט ווילן זיי זיך פאַרדינען עולם הבאָ.

אברהם און דבורה זעצן זיך איינע אַליין צום סדר. די קינדער אין אַמעריקע זיינען אַוועק אין הפקר. איין זון פאַרפלויגן אין דער וויטער וועסט, אַ צווייטער שלייעט זיך אַרום אין ניו־יאָרק, אַן אַרויסגעטריבענער. דער מאַמעס האַרץ גייט אויס פאַר צער. האָט ר' אברהם גלוי אליהו. ער קומט צום ווייב, און — „איבער אַ יאָר וועט זיין אַ זון".

„גאָטס הויז" — דער זעלביקער ר' אברהם, אַ מלמד איז ער, וואָס יידישט קינדערשע קעפּלעך אין יידישע הייזער. און פאַרנאַכט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ פאַרלאָזטן שולעכל, וואו עס איז אַלעמאָל אַ ציטערניש,

טאָמער קומט נישט דער צענטער צום מנין; אָפּגעמורמלט דעם מעריב, טראָגט זיך דער עולם אין איילעניש אַוועק; ר' אברהם פּאַרזאָמט זיך מיט די שאַטנס, און איין מאָל האָט אַ דין ווינטעלע באַרירט זיין נשמה — אַ גרויסער אַרכיטעקט האָט זיך באַוויזן, וועלכער האָט זיך אונטערגע־נומען צו בויען דעם בית־המקדש אין ניו־יאָרק. נישט אַנדערש אַ פּאַר־שטעלטער אליהו הנביא איז דאָס געווען. וואָרום וואָס ער הייסט, טוט מען; און וואָס ער זאָגט, ווערט מקוים. און אַז דער בית־המקדש האָט זיך אויפגעבויט, איז דער אַרכיטעקט אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופן צום ריזיקן עולם: ווער פון אייך פון די יונגע פילט אַ דינינקן פלאַטער אין זיין נשמה? — דאָס האַרץ. האָט ר' אברהמ'ען געזאָגט, אַז משיח וועט זיך באַווייזן — און פאַר גרויס שמחה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

און האָט ראַבאַי דערציילט וועגן שאַפּ־אַרבעטער, אָדער וועגן „אַ שלעכט מיידל", וואָס הענגט זיך אויף אַ בוים, איז פון יעדער מעשה גע־בליבן נשמה יתירה געגוג צו לאָזן אויפגיין אַ בית־המקדש־לעגענדע איבער דעם שטיינערנעם ברוק פון ניו־יאָרק. די ווירקלעכקייט פון ראַבאַיס דער־ציילונגען, אפילו די ניו־יאָרקישע, די איסט־סיידישע — איז אַלעמאָל אַ לעגענדאַריש־אויפגעהויבענע, אַ דערהויבענע. הגם זי בלייבט אויף איר אָרט, מיט אַלע ווירקלעכקייט־סימנים צו דערקענען, מיט די הענט אָנ־צוטאַפּן.

איז דאָס געווען אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע: — נישט קיין אויס־טראַכטער פון מעשיות פאַר קליינינקע קינדער און פאַר דערוואַקסענע וואָס עס געפעלט זיי צו פאַרשטעלן זיך פאַר קינדער, נאָר אַ דערציילער פאַר דערוואַקסענע ערנסטע מענטשן, וואָס האָבן אַ פּראַקטישן אינטערעס אין לעבן, באַטויט ראַבאַי זייער פּראַקטישן אינטערעס מיט מעשה־חיות, כדי אַריינצוגעבן זיי חשק עפּעס אויפצוטאָן מיטן לעבן. איז עס געווען אַ גרויסער צוזאָג אויף שפּעטער. ראַבאַי וועט איינעמען דאָס לאַנד.

און אַז ראַבאַיען איז דערעסן דער האַרטער פעלזיקער באָדן פון ניו־יאָרק, און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין די דערפער פון דער ווייטער וועסט און פון נאָענטן אַטלאַנטישן ברעג — איז דאָך אודאי גוט. וועט ער נוצן זיין הימישן שטאָף ווי אַן אינסטרומענט אויף אויפצואַקערן די אַמעריקאַנער ערד, צו וואָס ער וואָלט געווען פול באַרעכטיקט. אַזוי ווי ער איז אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע פון חלום און וואָר, וואָלט אים דאָך באַדאַרפט געלינגען צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אַ טערי־טאָריע־ראָמאַן — ער וועט איינפלאַנצן, איינבירגערן אונדזער

באוואוסטזיין אין דער מדינה, מיט אַ דעה אין איר צוקונפט. אָבער מאָדנע, אַזוי גיך ווי ראַבאָי איז געקומען אין באַרירונג מיט ערד, האָט דער איינגעבאָרענער ארץ־ישראל פויער זיך געשטאַרקט איבער אים, און ער האָט אונז געגעבן נאָוועלן — „הער גאָלדנבאַרג", „ביים פּאַס ים" — וואָס זיינען געוועז פאַרוואַנדלטע אַמעריקאַניזירטע בעסאַראַביער פעלדער, העננעגעדיקע ארץ־ישראל־גערטנער. ער גיט געגוג סימנים, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם יענקי־פאַרמער, דעם נייעם ייד־פאַרמער; זיין אויג און אויער האָבן אַריינגעכאַפּט געגוג מינעם, רייד און מעשים זייערע. אָבער ווען זיי לייגן זיך שלאָפן לייגט ער זיי צוקאָפּנס אַביסל בעסאַראַבער ארץ־ישראל ערד, און דער חלום, וואָס חלומ׳ט זיך זיי באַנאַכט, שליסט איין זייער באַטאָג אַ קרייז דאָרפישקייט, וואָס צאַמט זיי אָפּ פון דער מדינה. און ווען ער וואָלט גאַנץ אַמעריקע באַזעצט מיט אַזעלכע יידישע דערפער, וואָלטן מיר, וויפיל אַמעריקאַנער סימנים ער זאָל אונדז נישט אָנגעבן, נאָך אַלץ נישט געפילט, אַז מיר זיצן אויף דער ערד פון אַמעריקע, נאָר מיר הענגען מיט אים אויף טעראַסן פון דאָרפיש־לעגענדישן אינדערלופטן.

איז וואונדערלעך גוט צו האָבן אַזעלכע נאָוועלן אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור; זיי געהערן צו אַן איינגעפונדעוועטער ליטעראַטור־באַלעבאַטישקייט; ווען די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, וואָס טוט אַזוי גוט דער יידישער ליטעראַטור, וועט דאָ שוין זיין איינגעשטעלט, וועלן אַט־די נאָוועלן זי העלפן אויפהאַלטן; דערווייל אָבער האָבן מיר דעם געפיל נישט געהאַט, אַז זיי האָבן פאַרפעסטיקט די אַמעריקאַנער טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור, אַנגעוויזן דעם יידן זיין ראַלע; סיידן, האָט זיך געטראַכט, ראַבאָיען זאָל צוקומען אַ גרויסע באַוואוסטזיניקע אידייע, וואָס זאָל אַרומנעמען די שטאָט און דאָרף פון אַמעריקע, אים אויפשליסן פון זיין דאָרפישער איינגעשלאָסנקייט, אים אויפעפענען די אויגן אויף דער גאַנצער פּאַנאָראַמע —יעמאָלט וואָלט ראַבאָי, לויט דעם שניט פון זיין שעפערישן געמיט, געווען דער באַרופענער די היגע יידישע ווירקלעכקייט אין אַ צוקונפט־לעגענדע איבערצושמעלצן.

נו, איז עס מקוים געוואָרן. ראַבאָיען איז אין די לעצטע יאָרן צוגעקומען די פּראָלעטאַרישע אידייע. אָבער צוליב סיבות אינערלעכע און אויסערלעכע — אָדער ראַבאָי דערקענט נישט אין פּראָלעטאַרישקייט זיין בעסאַראַבער פלאַנץ, וואָס שפּראָצט און וואַקסט און בליט ביז ארץ־ישראל־שמעקעדיקייט; אָדער די גערטענירער פון פּראָלעטאַרישקייט קאַ־

נען נאָך דערווייל נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון יידישער לעגענדישקייט— דער פאַרלויפיקער איינדרוק איז געווען, אַז די פּראָלעטאַרישע אידייע האָט ראַבאָיען נישט געהאָלפן צו פולע ברכה. ס׳האָט זיך געטראַכט, עמיצער וואָלט זיי געדאַרפט באַהילפיק זיין דעריין — אי ראַבאָיען, אי די גערטענירער פון פּראָלעטאַרישקייט.

גאָר לעצטנס האָט ראַבאָי נאָך אַמאָל גענומען איבערגיין זיין גאַנג אין אַמעריקע פון אָנהייב אָן; און דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־רעזשים איז אויך פרייער געוואָרן; איצט שוין ניט אַזוי שטרענג־דיסציפּלינירט קעגן יידיש־פאָלקישן, דאַרף ראַבאָי זיך נישט צונויפדריקן; קאָן ער אומגעשטערט, פול פאַנאַנדערפענען דאָס געשעעניש אין אים און אַרום אים פאַר זיינע 30 יאָר אין אַמעריקע. פילט מען טאַקע אין זיין שרייבן, אַז דער אַלטער ראַבאָי רופט זיך אָפּ אַלץ אָפטער אין אים און היילט אים פון געצוואונגענער — אפשר זעלבסט־אַרויפגעצוואונגענער — איינזייטיקייט. און אַ ברייטערן וועלט־קוק האָט די פּראָלעטאַרישע אידייע אים, אָן ספק, געגעבן. וועט טאַקע בעסער זיין, אַז אַ גרינטלעכערע באַהאַנדלונג פון ראַבאָיען זאָל אָפּגעלעגט ווערן ביז עס וועט קומען צו רייד וועגן דער ניי־פּראָלעטאַרישער שטרעמונג אין דער היגער יידישער ליטעראַטור, כדי פאַר איינוועגס, טאַקע אויף ראַבאָיען, צו זען אויסגעפּינען, ווי אַזוי עס לאָזט זיך שאַפן דער נויטיק געוואָרענער סינטעז צווישן יידישן באַרופס־באַוואוסטזיין און פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין.

איצט, אַז אַ העלפט וועג פון דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ איז פון מיר אָנגעצייכנט געוואָרן, בין איך פריי זיך אומצוקערן צום פאָעטן־צירקל פון די „יונגע“, וואָס בדרך־כלל האָבן זיי זיך געוועדט קעגן וועלכע עס איז טענדענצן. אָבער טראָץ זייער ווערן זיך האָבן זיי נאָך מער באַשטעטיקט, אַז די פון מיר פאָרמולירטע „גרונט־טענדענצן“ זענען ניט קיין אידייען־סכעמען, נאָר אידייען־קרעפטן, וואָס זוכן זיך צו פאַרקינסטלערן דורך דער יידישער ליטעראַטור.

(המשך אין „זאַמלביכער“ נומער 4)

The author wishes to make grateful acknowledgment to WPA Federal Writers Project in New York City.

אינהאַלט:

יעקב גלאַנץ — קריסטאָוואַל קאָלאָן..........5
אהרן צייטלין — דנאָען..........58
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — לידער..........64
ש. מיללער — אונטערן בייטש..........70
ש. איזבאַן — משפחה סאַפּורטאַ..........112
מנחם באָריישאָ — וועג אין וואַלד..........137
ב. לאַפּין — דער פולער קרוג..........212
חיים גראַדע — מוסר׳ניקעס..........222
י. אָפּאַטאָשו — פּרצעס וועג..........277
א. גאָלאָמב — אַסימילאַציע־כוואַליעס ביי יידן אין אַלטערטום..........285
בעריש וויינשטיין — לידער..........302
מאיר סעגאַל — לידער..........308
מאַטעס דייטש — לידער..........315
י. סלאָנים — אין וואַלד..........318
א. וואַגלער — דער שליאַך דערציילט..........213
ה. לייוויק — דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד..........325
ב. ריוואָקין — גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור..........401

תקון טעות

אינעם ניינטן ליד פון ב. לאַפּין דאַרף אָנשטאָט „פּאַרשפּרייט" זיין געדרוקט: „פּאַרשפּייט".

אין מ. באָריישאָ׳ס קאַפּיטל „וועג אין וואַלד", אויף זייט 204, דאַרף זיך דער 5טער סטראָף לייענען:

אַזוי איז אויף זיי דער שלאָף געזונקען
מיט וואָלפּישן הונגער נישט באַפרידיקט,
און ס׳האָבן די כוואַליעס פון כראָפּען פאַרטרונקען
דאָס לעצטע געשאַר און טריט פון יידן —
דעם ייד מיט דער שולד פאָרן מאָרד פון צאַר.